STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11704

IN A SHTURMISHER TKUFE

Israel Pollak

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-11704-8

9780657117047T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

ישראל פּאָלאַק

■

אין אַ שטורמישער תּקופה

אויטאָביאָגראַפיע

ישראל פּאָלאַק

אין אַ שטורמישער תּקופה

אויטאָביאָגראַפיע

פאַרלאַג י. ל. פּרץ תּל־אביב

תשמ״ח—1988

ISRAEL POLLAK

In A Shturmisher Tkufe

— AUTOBIOGRAPHY —

ישראל פאָלאַק / אין אַ שטורמישער תקופה, אויטאָביאָגראַפיע

I.L. PERETZ PUBLISHING HOUSE
14, Brener Str. Tel Aviv

הוצאת ספרים ע"ש י.ל. פרץ
רחוב ברנר 14, תל־אביב

©

PRINTED IN ISRAEL
1988

נדפס בישראל תשמ"ח

דפוס א. גרינשטיין, שביל המפעל 6 ת"א



אויטאָפּאָרטרעט

פירוואָרט

כ'האָב אָנגעשריבן מײַן אויטאָביאָגראַפיע, ווײַל כ'האָב געפילט אין זיך אַ דראַנג צו דערציילן וועגן מײַן לעבן, וואָס איז פאַרפלאָכטן מיט אַזאַ שטורמישער תקופה — צוויי וועלט־מלחמות, דער חורבן פון אייראָפּעיִשן ייִדנטום און די אויפלעבונג פון ייִדישער זעלבשטענדיקייט און ייִדישן קיום אין מדינת־ישראל.

מײַן שטורעם־און־דראַנג האָט זיך אָנגעהויבן אין דער מאַרמאַרעשער פאַרפרומטער סביבה, אין חדר און אין דער ישיבה, הינטער די הרי־קאַרפּאַטן אין דער באָרשער געגנט, און שפּעטער אין דער מער וועלטלעכער בוקאָווינע. דאָרטן האָט זיך אָנגעהויבן מײַן גאָט־זוכערײַ, מײַן גײַסטיקער גערាַנגל צו אַנטפּלעקן דעם סוד פון ייִדישער עקסיסטענץ, אויף די וועגן פון יסורים און לייד, צו אַנטפּלעקן דעם בײַטראָג פון ייִדן צו די אוניווערסאַלע ווערטן.

ווי דער וואַנדער־ייִד בלאָנדזשע איך פון אָרט צו אָרט, געפּײַניקט פון רומענישן אַנטיסעמיטיזם, פון היטלעריסטישן גיהנום און סטאַליניסטישן „גן־עדן“.

נאָך דער מלחמה, אַנטוישט פון די אוניווערסאַלע אידעאַלן, געפין איך אין ווײַטן טשילע מאַטעריעלן וווילשטאַנד און אַ פרײַהייטלעכע דעמאָקראַטישע סביבה. אָבער מײַן דאָרשט נאָך ייִדישע געטלעכע אידעאַלן קען איך מיר ערשט שטילן שפּעטער, אין מדינת־ישראל.

מײַן ביאָגראַפיע קאָן אויך דינען ווי אַ מוסר־השכל, אַז אמונה און אָפּטימיזם זענען מעטאַפיזישע כּוחות, און זיי העלפן איבערלעבן כּל מיני צרות, וואָס טרעפן זיך אין לעבן פון מענטש, בתנאַי זיך נישט צו פאַרלאָזן אויף נסים, נישט אַרײַנפאַלן אין פאַטאַליזם, נאָר קעמפן קעגן רישעות מיט אַלע מיטלען.

מיט מײַן ביאָגראַפֿיע וויל איך אויך באַווײַזן, אַז דער וועג צו הצלחה איז אָפֿן אויך אין מדינת־ישראל. אַוודאי איז דער קאַמף דאָ שווערער ווי אין אַנדערע דעמאָקראַטישע לענדער. דערפֿאַר אָבער פֿילט דער ייִדישער מענטש דאָ אין ישראל אַ סך מער ווי מאַטעריעלן וווילשטאַנד פֿון זײַן הצלחה. דאָ האָט די הצלחה, אַ מין נשמה־יתירהדיקן טעם.

און דאָ אין ישראל, דאַרף מען באַטאָנען, איז דער דרך־הישר וויכטיקער ווי אין אַנדערע לענדער. נישט־ערלעכע וועגן פֿירן דאָ צו אַ קאַטאַסטראָפֿע.

און דערציילט האָב איך מײַן לעבן אויף פּשוט מאַמע־לשון, ס׳לשון וואָס כ׳האָב אײַנגעזאַפּט פֿון קינדווײַז אָן, ס׳לשון פֿון די מאַרמאַרעשער ייִדן, וואָס זענען אומגעקומען אין אוישוויץ.

באָרשע

מאַרמאַרעש, וואָס האָט אַ מאָל געהערט צו דער גרויסער עסטרייך־אונגאַרישער אימפּעריע, איז היינט די צפונדיקסטע פּראָווינץ פון רומעניע, און איר הויפּטשטאָט איז סיגעט. באָרשע איז אַ גרויס דאָרף אין די מאַרמאַרעשער קאַרפּאַטן־בערג, וווּ ס׳איז אַ מאָל געווען אַן איינגעוואָרצלטער יידישער ישוב. דאָרטן, אין באָרשע, בין איך געבוירן געוואָרן, און דאָרטן האָב איך געלעבט ביזן עלטער פון פופצן יאָר.

אויף דער איינציקער לאַנגער גאַס אין מיטן דאָרף האָבן געוווינט די פאַרמעגלעכערע יידן און אין די זייטיקע געסלעך האָבן געוווינט די אָרעמע־לייט. די פּויערים האָבן געבויט זייערע כאַטעס אויף די אַרומיקע בערג.

די מענטשן אין יענעם קאַנט האָבן געלעבט פון די געדיכטע וועלדער. מען האָט געהאַקט ביימער און די קלעצער אַראָפּגעפירט אין די זעגן, ווו מ׳האָט זיי צעשניטן אויף ברעטער און די סחורה צעשיקט איבער דער גאַנצער עסטרייך־אונגאַרישער אימפּעריע.

אין באָרשע האָבן געלעבט אַן ערך דריי טויזנט יידן, צווישן צען טויזנט גויים. כמעט אַלן האָבן באַצויגן זייער פּרנסה פון וואַלד ובתוכם — מיין משפּחה. ביזן היינטיקן טאָג גייט מיר נאָך דער ריח פון דער קלעפּיקער סמאָלע וואָס האָט געטריפט פון די נאָדלביימער.

פאַראַן אַ מסורה, אַז יידן זענען געקומען קיין באָרשע איבער די בערג, פון גאַליציע. באָרשער חסידים האָבן זיך געגרייסט מיט זייער יחוס, ווייל דאָרטן, צווישן יענע בערג, האָט מען דערציילט, איז אַרומגעגאַנגען דער בעל־שם־טוב . . .

יידן זענען אַריבערגעקומען פון גאַליציע אין קאַפּאַטעס און

שטרײַמלער און האָבן אין באָרשע װײַטער געלעבט אויפֿן זעלבן שטייגער, פֿאַרפֿאַנצערטע קעגן פֿרעמדע השפּעות, נישט אַרײַנגעלאָזט דאָס מינדסטע ווינטל פֿון וועלטלעכער קולטור אין זייערע שטיבער. די השׂכּלה איז אויך נישט אַריבערגעגאַנגען די שוועל פֿון דער באָרשער געגנט. ייִדן האָבן געלעבט מיט זייער אמונה און זייערע מינהגים ביזן סוף, ביז צום חורבן, ווען די דײַטשן האָבן זיי געשיקט קיין אוישוויץ.

מאַרמאַרעשער ייִדן האָבן געלעבט אָפּגעזונדערט אין זייערע דלת־אמות. אַז מ׳איז אַריבערגעגאַנגען דעם פּריסלאָפּ, דעם הויכן באַרג מיט די שמאָלע סערפּענטינען, איז שוין געווען אַן אַנדערע וועלט, די בוקאָווינע, דער עסטרײַכישער חלק פֿון פֿראַנץ־יאָזעפֿס אימפּעריע. מאַרמאַרעש האָט געהערט צו דעם אונגאַרישן טייל.

מאַרמאַרעשער ייִדן זענען געווען צוגעבונדן צו דער ערד, נישט ווייניקער ווי זייערע גויִשע שכנים. זיי האָבן אַליין באַאַרבעט די ערד, זייער אייגענע צי גענומען אין אַרענדע בײַ די פּריצים, געהאַט ווירטשאַפֿטן און געהאָדעוועט בהמות. ייִדן האָבן געהאַט קרעטשמעס, וווּ די גויים זענען געקומען זונטיק טרינקען בראָנפֿן, אָבער זענען אויך געווען בעל־מלאכות און אַפֿילו שוואַרץ־אַרבעטער אין דער אײַזן־מינע.

יאָ, אין דער געגנט איז געווען אַ מינע. תּחילת האָט מען געמיינט אַז דאָס איז אַ גאָלדמינע. איז טאַקע באַלד אַרויס אַ גזירה, מע זאָל ייִדן פֿאַרטרײַבן פֿון דער געגנט, דאָס גאָלד זאָל נישט אַרײַנפֿאַלן אין זייערע הענט; האָט אָבער גאָט געהאָלפֿן און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ס׳איז בלויז אַן אײַזן־מינע.

איך געדענק נאָך אַ ייִדן וואָס האָט געאַרבעט אין דער באָרשער מינע. ער שטייט מיר עד־היום פֿאַר די אויגן, אײַנגעטונקען אין סאַזשע, וואָס האָט זיך אַ גאַנצע וואָך אײַנגעגעסן אין זײַן הויט, מיט אומעטיק־גלאַנצנדיקע אויגן אין טונקעלען פּנים. לכּבֿוד שבת פֿלעגט ער אין מרחץ אַראָפּוואַשן פֿון זיך די סימנים פֿון זײַן שווערער אַרבעט און קומען אין שול אַרײַן אין אַ ריין־ווײַסן העמד, אַ ריינער קאַפּאָטע און אַ שטרײַמל. אמת, אַ ביסל אַן אויסגעקראָכן שטרײַמל, אָבער פֿאָרט אַ שטרײַמל. געזעסן איז ער לעבן

דער טיר, אָבער דאָס פּנים זײַנס האָט געשײַנט און ס'האָט פֿון אים אַרויסגעשטראַלט די ליבשאַפֿט צום באַשעפֿער, וואָס האָט די ייִדן געשאָנקען אַזאַ הייליקן טאָג. מיט התלהבות האָט ער געזונגען דעם לכה דודי און מקבל־שבת געווען אין אײנעם מיט אַלע ייִדן.

אין באָרשע האָט אויך געלעבט אַ גר. קײנער האָט נישט פֿאַרשטאַנען פֿאַר וואָס ער האָט זיך מגייר געווען, צוליב וואָס ער האָט אויף זיך גענומען ייִדישע צרות. קהל האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ שמש, און איך געדענק ווי ער פֿלעגט פֿאַר טאָג, אין די ברענענ־דיקע פֿרעסט, גײן איבער די ייִדישע הײַזער און קלאַפּן אין די לאָדנס: ייִדן שטייט אויף צו עבֿודת־הבורא! איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ חדר־ייִנגל, און ווען איך פֿלעג דערהערן זײַן קול, פֿלעג איך אַריבערצי̇ען דאָס איבערבעט איבערן קאָפּ. ווען האָט זיך געגלוסט אַרויסצוקריכן פֿונעם וואַרעמען בעט און גײן דינען גאָט אין אַזאַ קעלט? ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפֿן. גרויס און קליין איז געגאַנגען מיט לאַמטערנס אין די הענט אין שול אַרײַן און אויסגעטראָטן אַ וועג אין פֿריש־געפֿאַלענעם שניי.

פֿון שחיטה־געלט און הייוון־געלט האָט די קהילה געהאָלפֿן אָרעמע מענטשן און נישט דערלאָזט קיין ייִדן לײַדן חרפּת־רעב. באָרשע האָט געהאַט אַ חבֿרה־תּהילים, אַ חבֿרה־משניות, אַ חבֿרה־ש"ס, און אַט די חבֿרות האָבן אַקטיוו אָנטייל גענומען אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿון דער קהילה. זיי האָבן אַפֿילו צעשיקט שליחים איבער דער וועלט צו שנאָרן געלט פֿאַר די באָרשער אָרעמע־לײַט.

מײַן מומע פּערל, דער מאַמעס אַ שוועסטער, אַן עקרה נעבעך, איז געווען אַרײַנגעטאָן מיט לײַב־און־לעבן אין גמילות־חסדים. ווו ערגעץ אַ נויט, איז זי געווען דאָרטן די ערשטע, אויסצוכאַפּן די מיצווה בײַ אַנדערע ווײַבער. מיט מײַן קינדערשן שׂכל האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז זי וויל זיך אײַנקויפֿן בײַם רבונו־של־עולם אַ זכות צו האָבן קינדער. וואָלט זי הײַנט געלעבט, די מומע פּערל, וואָלט זי אַוודאי אַקטיווירט אין דער באַוועגונג פֿאַר פֿרויען־רעכט... זי האָט בשום־אופֿן נישט געוואָלט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ווײַבער דאַרפֿן נישט מקיים זײַן אַלע מיצוות, פּונקט ווי מענער.

באַרשער ייִדן האָבן בכלל באַטראַכט דאָס לעבן אויף דער־וועלט ווי אַ פּרוזדור צום אייביקן לעבן אויף יענער־וועלט. מיט אַט דער אמונה איז געווען אַ סך גרינגער איבערצוטראָגן די כּל־מיני צרות וואָס קומען אויף ייִדן.

איך אַליין, ווי אַ חדר־ייִנגל, האָב אויך געגלייבט באמונה־שלמה, אַז משיח וועט קומען און אַלע ייִדן וועלן זיצן אין גן־עדן, עסן פונעם שור־הבר, פונעם לויתן, און טרינקען יין־משומר.

ערשטע זכרונות

ס'איז געווען תּישעה־באָב. כ'בין אַלט געווען פיר יאָר. דער טאַטע האָט מיך געהאַלטן בײַ דער האַנט, און מיר האָבן געשפּאַנט איבער דער הויפּטגאַס פון באָרשע. פאַר אונדז האָט געשפּאַנט פּיַווישׁ דער טרעגער און געפירט אויף אַ האַנט־וועגעלע אַ שפּאָגל נײַע זינגער־מאַשין, וואָס דער טאַטע האָט געקויפט דער מאַמען אַ מתּנה. די גאָלדענע אותיות מיט דער געבלימלטער אָרנאַמענטיק אויפן קאָפּ פון דער מאַשין האָבן מיך פאַרכּישופט. אַלץ איז פאַר מיר דעמאָלט געווען אַ חידוש, אַחוץ, פאַרשטייט זיך, דער חדר און דאָס בית־מדרש.

נאָר פלוצעם, ווי איך גיי אַזוי אַ פאַרחידושטער נאָך דער נײַער ניימאַשין, ווערן מײַנע אויגן פאַרכאַפּט פון אַ געשעעניש, וואָס אַפילו דער טאַטע איז נבהל־ונשתּומם געוואָרן פון דעם: אין דאָרף איז אַרײַנגעפאָרן אַ לאַנגער קאָנווי מיליטערישע אויטאָמאָבילן. ווי קומען גאָר קיין באָרשע אויטאָמאָבילן? ס'איז דאָך אַפילו קיין עלעקטריע נישט געווען, שוין אָפּגערעדט פון קאַנאַליזירונג. געפאָרן איז מען אין באָרשע מיט פערד־און־וואָגן, און כּדי אײַנצושפּאָרן די הוצאות, איז מען לרוב געגאַנגען צו פוס. וואַסער האָט מען געשעפּט פון די ברינעמער, און וואָס שייך ליכט, האָבן בלויז בעלי־בתּים זיך געקענט פאַרגינען אַ נאַפּטלאָמפּ. דער פּראָסטער עולם האָט געניצט אַ קאַניצל, אָדער סתּם אַ חלב־ליכט. ווי קומען גאָר אין באָרשע אויטאָמאָבילן? דאָס איז שוין געווען אַ חידוש פאַרן גאַנצן יישוב.

לאַנג האָט מען זיך אָבער נישט געקענט חידושן. אין גיכן איז אַלץ געוואָרן קלאָר. מלחמה! טויזנט נײַן הונדערט פערצן. דער טאַטע האָט אַרויסגעלאָזט מײַן האַנט פון זײַנער און געשעפּטשעט:

מלחמה! די מלחמה איז אויסגעבראָכן! און אז כ׳האָב געפרעגט דעם טאַטן וואָס דאָס באַטייט, האָט ער מיר געענטפערט: גויים ווילן זיך הרגענען איינער דעם צווייטן.

יידן האָבן געוווּסט וועגן דעם קרוינפּרינץ וואָס איז דערהרגעט געוואָרן אין סאַראַיעוואָ און זיי האָבן טאַקע מורא געהאַט, טאָמער וועט אויסברעכן אַ מלחמה, אָבער פון דעסטוועגן האָט מען זיך נישט געריכט אַז דאָס וועט פּאַרקומען אַזוי גיך.

די מלחמה איז נישט געווען בלויז אַ גוייִשע בהלה, ווי דער טאַטע האָט געזאָגט. דער קייסער האָט נישט פאַרגעסן אין זיינע יידן. זיי האָבן געדאַרפט גיין אין מלחמה גלייך מיט די גויים. באַלד איז געקומען אַ באַפעל, אַז דער באַרשער רבי בכבודו ובעצמו, ר׳ פנחס האַגער, זאָל דווקא אין מיטן הייליקן שבת זיך אַריינזעצן אין דער קאַרעטע און דער קוטשער זאָל אים אַרומפירן איבערן גאַנצן דאָרף, כּדי אַלע יידן זאָלן דערפון אָפּלערנען, אַז מען מעג מחלל־שבת זיין, ווען עס גייט אין דינען דעם קייסער אין צייט פון מלחמה. אַז דער רבי וועט מחלל־שבת זיין, וועלן פשוטע יידן על־אחת־כּמה־וכמה נישט מורא האָבן עובר צו זיין אויף יידישע דינים. דער רבי, פון דער וויזשניצער גזע, פון גרויסן ייחוס, האָט זיך געזען פאַר אַ גרויסן נסיון.

ווי גיט מען זיך אַן עצה? ווי אַזוי ווערט מען ניצול פון דער וויסטער גזירה?

פּלוצעם שטעלט זיך אַוועק פאַרן רבין ר׳ יעקב־לייב פאָגל, דער גבאי, און זאָגט צו אים מיט אַ געבראָכן קול:

— רבי, איך נעם אויף זיך די גזירה און זאָל דער אייבערשטער מישפּטן...

שבת נאָך דער סעודה האָבן אַלע באַרשער יידן געזען ווי ר׳ יעקב־לייב זעצט זיך אַריין אין דער קאַרעטע און פאָרט אום שבת איבערן דאָרף. מחמת קדושת־השבת, האָט ער נישט געהאַט מיט זיך דעם שטעקן. פאָרט זיך נישט געוואָלט אין גאַנצן מפקיר זיין. ער איז געזעסן אין דער קאַרעטע מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, ווי ער וואָלט די רישעותדיקע וועלט אַרויסגערופן צו אַ דין־תורה, און זיינע אויגן האָבן געוואַנדערט איבער די אַרומיקע בערג, בעת אַ

זומערדיק ווינטל האָט זיך געשפילט מיט זײַן לאַנגער באָרד.

איך בין געשטאַנען מיטן גאַנצן עולם און צוגעקוקט ווי דער גבאי פאָרט אום שבת. דאָס האָט אין גאַנצן צערודערט מײַן קינדעריש געמיט. כ'בין געווען זיכער, אַז אָט וועט זיך שפאַלטן דער הימל און דער אייבערשטער וועט אויסגיסן זײַן גרימצאָרן אויף די גוים, וואָס פײַניקן די ייִדן און צווינגען זיי מחלל־שבת צו זײַן. אָבער דער הימל איז געבליבן פאַרגליווערט אין זײַן זומערדיקער, שלווהדיקער בלאָקייט, ווי גלײַך גאָרנישט.

יענע נאַכט האָב איך נישט געקענט צומאַכן אַן אויג. ס'האָט מיך געפײַניקט דער געדאַנק, פאַר וואָס דער רבונו־של־עולם דערלאָזט מען זאָל ייִדן אַזוי דערנידעריקן, באַעוולען און באַליידיקן. און פון יענער נאַכט, פון יענעם שבת, האָב איך טיף אין האַרצן אָנגעהויבן פירן אַ שטילן וויכּוח מיטן בורא־עולם.

די מלוכה האָט באַפרײַט פון מיליטער אַלע וואָס זענען געווען באַשעפטיקט מיט צושטעלן פראָוויזיע פאַר דער אַרמיי. אויך מײַנע ביידע זיידעס, פון טאַטנס און פון דער מאַמעס צד, אין איינעם מיט זייערע זין, האָבן פאַרשפאָרט צו גיין אויפן פראָנט, ווײַל זיי האָבן אַלע געאַרבעט אין דער בשותּפותדיקער זעג, וואָס האָט געשניטן ברעטער פאַר מיליטערישע צוועקן. זיי האָבן באַקומען אַ ספעציעל דערלויבעניש, וואָס מ'האָט עס געדאַרפט באַנײַען עטלעכע מאָל איבערן יאָר.

האָט געטראָפן אַז מײַן טאַטנס דערלויבעניש איז אויסגעגאַנגען פונקט ערב פסח. ס'האָבן זיך אַרײַנגעשטעלט צוויי אונגאַרישע זעלנערס און געהייסן דעם טאַטן מיטגיין מיט זיי אין קאַזאַרמע. באַלד איז נאַכט, מען דאַרף אָפריכטן דעם סדר, און דאָ רופט מען אים גאָר אויפן פראָנט, האַלטן מלחמה. דער טאַטע איז געווען אויסער זיך. ער האָט זיך געבעטן בײַ די זעלנערס זיי זאָלן אים נאָר לאָזן אָפריכטן דעם סדר, דערנאָך וועט ער גיין מיט זיי ווו זיי וועלן אים פירן.

וכך היה: די צוויי זעלנערס זענען געשטאַנען אין דרויסן און האָבן געקײַעט שטיקער מצה וואָס די מאַמע האָט זיי מכבד געווען,

און דער טאַטע האָט געפּראַוועט דעם סדר כּדת־וכדין. קיין גרויסע שימחה, געדענק איך, איז ביים טיש נישט געווען. ס׳האָבן אַפילו נישט געפעלט קיין טרערן. אָבער פאַרט אַ סדר...

זעקס וואָכן איז דער טאַטע אָפּגעזעסן אין קאַזאַרמע, ביז מ׳האָט אים ווידער באַנייט זיין דערלויבעניש. די באַפרייונג איז אים אָבער נישט באַקומען. ער איז אַהיים געקומען אַ באַליידיקטער, אַ באַעוולטער — אָן אַ באָרד... אין קאַזאַרמע האָט מען אים אָפּגעגאָלט זיין שטאָלצע, שיינע ייִדישע באָרד. ער האָט זיך געשעמט צו ווייזן דאָס פּנים און איז געגאַנגען אַרומגעוויקלט מיט אַ טיכל. אַפילו פאַר זיינע בני־בית האָט ער זיך געשעמט. ר׳איז אויך געשלאָפן מיטן טיכל, ביז ס׳האָבן ווידער אָנגעהויבן שפּראָצן סימנים פון אַ באָרד אויף זיינע באַקן.

דערווייל האָט זיך געגאָסן בלוט אויף די פראָנטן. די עסטרייכיש־אונגאַרישע חיילות זענען נישט מסוגל געווען אויפצוהאַלטן די רוסישע אָפּענסיווע אין די קאַרפּאַטן און האָבן געבעטן הילף ביי די דייטשן. אין אַלע ייִדישע הייזער פון באַרשע האָט מען איינ־קוואַרטירט דייטשע זעלנערס. אויך ביי אונדז האָט מען רעקווירירט צוויי פון די דריי צימערן אין וועלכע מיר האָבן געוווינט.

היינט רופן דייטשן ביי אונדז תּיכּף אַרויס די אַסאָציאַציע מיט אוישוויץ. אָבער אין יענע ווילהעלמינישע דייטשן, וואָס זענען דעמאָלט געקומען ראַטעווען דעם פראָנט, האָט קיינער נישט געזען קיין שונאים, וואָס ווילן חרוב מאַכן דאָס ייִדישע פאָלק. להיפוך, דער גרעסטער טייל פון די איינקוואַרטירטע דייטשן איז געווען העפלעך און געהאַט אַ פריינדלעכע באַציִונג צו די בעלי־בתּים.

בלויז איין מאָל, געדענק איך, האָט אַ דייטש אַרויסגעוויזן ביי אונדז אין שטוב זיין מערדערישע רציחה. אין דעם איינעם צימער וואָס איז אונדז פאַרבליבן, איז געווען ענג, און מיר, קינדער, זענען געשלאָפן צו צוויי און צו דריי אין אַ בעט. ס׳איז אונדז נישט געווען באַקוועם און אַחוץ דעם האָבן מיר אויך מורא געהאַט פאַר די דייטשע העלמען מיט די אייזערנע שפּיצן. מיין ייִנגערער ברודער, פישל, וואָס איז, אַגב, שפּעטער געפאַלן פון אַ דייטשער קויל אין

אַ לאַגער אין טראַנסניסטריע, האָט זיך קיין אָרט נישט געפֿונען און שטאַרק געוויינט דורך די נעכט. פּלוצעם האָט זיך אָן עפֿן געטאָן די טיר און דער דײַטשער אָפֿיציר וואָס האָט בײַ אונדז געוווינט האָט זיך אַרײַנגעריסן אין צימער מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט. מיט אַ מערדערישן קול האָט ער געשריגן, אַז אויב מען וועט באַלד נישט אײַנשטילן דאָס קינד... וועט ער שיסן. די מאַמע האָט אַ כאַפּ געטאָן ס׳קינד און עס שוין געהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט צוגעטוליעט צו איר ברוסט. מ׳איז אָפּגעקומען בלויז מיט דער שרעק.

איך געדענק אויך אַ טראַגעדיע, וואָס איז דעמאָלט פֿאָרגעקומען אין אונדזער שטוב. אַ יונגער דײַטשער אָפֿיציר וואָס איז געוועזן בײַ אונדז אײַנקוואַרטירט, האָט זיך שטאַרק פֿאַרליבט דווקא אין אַ ייִדיש מיידל פֿון באַרשע. וואָס דאָס האָט באַטײַט אין אַזאַ מקום ווי באַרשע, וווּ אַ ייִדישע טאָכטער האָט קוים געקוקט גלײַך אין די אויגן אַ מאַנצביל, איז שווער זיך הײַנט פֿאָרצושטעלן. טאַטע־מאַמע האָבן גענומען די טאָכטער און זי בסוד אַוועקגעשיקט ערגעץ אין אַ ווײַטער שטאָט, צו קרובים, און איר אָנגעזאָגט זי זאָל אַפֿילו קיין בריוול נישט שרײַבן אַהיים, דער עמלק זאָל זיך, חלילה, נישט דערוויסן איר אַדרעס.

ווײַזט אויס אַז דער שייגעץ האָט טאַקע אויך אַן אמת ליב געהאַט. פֿאַר ווייטיק און בענקשאַפֿט האָט ער אָנגעהויבן טרינקען. איך פֿלעג אים זען אין די אָוונטן זיצן אויף דער שוועל און וויינען. כ׳האָב שטאַרק רחמנות געהאַט אויף אים. ער האָט גאָר נישט אויסגעזען ווי אַן אָפֿיציר, און כ׳האָב אַפֿילו געטראַכט, אַז איך מוז צו אים צוגיין און פּרוּוון אים טרייסטן. אין איינעם אַ פֿאַרטאָג האָט ער זיך אַרײַנגעשאָסן אַ קויל אין קאָפּ, טאַקע בײַ אונדז אין שטוב. ער איז געלעגן אויפֿן דיל, צוגעדעקט מיט אַ מיליטערישער דעק, וואָס זײַנע חברים האָבן אויף אים אַרויפֿגעוואָרפֿן.

איך בין דעמאָלט אַלט געווען זיבן יאָר. כ׳האָב נאָך ווײַט נישט פֿאַרשטאַנען די גרויסע מיסטעריע פֿון ליבע און טויט. גיכער בין איך פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון די שיינקייטן ווען דײַטשן האָבן גע־

פראַוועט זייער ניטל. ס׳איז פונקט געווען אין דער צײַט ווען מיר האָבן געבענטשט חנוכּה־ליכטלעך און געשפּילט אין דריידל.

די דײַטשן האָבן געבראַכט פון וואַלד יונגע סאָסנעס און זיי אויסגעשטעלט אין גאַס. די צווײַגן האָבן זיי באַהאַנגען מיט קאָלי־ריקע פּאַפּירן, מיט גלעזערנע באַלאַנדלעך, מיט בילדער פון מלאָכים. אויך פאַרביקע ליכטלעך האָבן זיי אָנגעצונדן אויף די צווײַגן. דאָס איז געווען ממש אַ כּישוף איבערן פריש־געפאַלענעם שניי, אין דער קאַלטער פּראָסטיקער לופט. אַזאַ שיינקייט האָבן מײַנע אויגן נאָך ביז דעמאָלט נישט געזען. איך האָב געטראַכט אַז אַזוי זעט מסתּמא אויס דער גן־עדן. מײַן פאַנטאַזיע איז געווען באַגרענעצט צום בית־מדרש, צו אַ זילבערן טײַטל, אַ נײַעם פּרוכת, אַ קרוין מיט זילבערנע גלעקלעך אויף אַ ספר־תּורה, צי אַ בשמים־פּושקע בײַם זיידן. פּלוצעם האָב איך דערזען די פאַרכּישופטע וועלט אין דעם גוייִשן דרויסן: די סאָסנעביימלעך אויף דער באַרשער הויפּטגאַס מיט זייערע פליטערלעך האָבן פאַרכאַפּט מײַן קינדעריש געמיט און געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן רושם, וואָס איז עד־היום נישט אויסגעמעקט געוואָרן אין מײַן זכּרון. און יענע ליכטיקייט אין באַרשע האָבן אָנגעצונדן דווקא דײַטשן, אפשר די טאַטעס אָדער די זיידעס פון די דײַטשן וואָס האָבן אָנגעצונדן די גאַזקאַמערן און האָבן געפירט די ייִדן פון מײַן געבוירן־אָרט באַרשע אויפן לעצטן וועג צום אומקום, אין אוישוויץ.

עד־היום גייען מיר נאָך די שאָטנס פון באַרשע, די שאָטנס פון יענע פרומע, חסידישע ייִדן, וואָס די דײַטשן האָבן זיי פאַרברענט.

בלויז אַ קליינער חלק פון זיי האָט געפונען שפּעטער, נאָכן חורבן, אַ מקום־מיקלט דאָ, אין ישראל.

מײַנע זיידעס

ביידע זיידעס מײַנע, לעבעדיקע געשטאַלטן אין מײַן זכּרון, זענען אַרויסגעוואַקסן פונעם זעלבן בוים, פון דער באַרשער ייִדישער קהילה.

דער מאַמעס פאָטער האָט געהייסן יוסף יום־טוב גאַנץ און גערופן האָט מען אים יאַנטל. דעריבער האָט זײַן ווײַב, די באָבע סאָסע, געהייסן סאָסע־יאַנטלס. ער איז געווען אַ חסיד פונעם באַרשער רבין, ר׳ פּנחס האַגער, און אַ שותּף פון צווייטן זיידן מײַנעם, יהודה־מאיר פּאָלאַק, צו דער זעג וואָס זיי האָבן געהאַט בײַ דער בוקאָווינער גרענעץ, אַן ערך דרײַסיק קילאָמעטער פון באַרשע. די פירמע האָט געהייסן „פּאָלאַק און גאַנץ״. די זין און די איידעמס פון מײַנע זיידעס האָבן אויך מיטגעאַרבעט אין דער בשותּפותדיקער אונטערנעמונג. דער זיידע יאַנטל האָט געהאַט פיר זין און צוויי טעכטער. איינע פון זיי איז געווען מײַן מאַמע.

ער איז געווען אַ בעל־הבתּישער ייִד, אַ גוטער סוחר, נאָר אַ קרענקלעכער מענטש, תּמיד געגאַנגען מיט אַ טיכל אַרומגעוויקלט אַרום האַלדז. דעריבער פלעג מען אים רופן: יאַנטל מיט דער פאַטשיילע. ר׳ איז טאַקע געשטאָרבן נאָך אַ קליינער אָפּעראַציע, אין קלויזנבורג. כ׳בין דעמאָלט אַלט געווען נײַן יאָר.

דער זיידע יאַנטל איז געווען אַ פרומער ייִד, נישט קיין גרויסער תּלמיד־חכם און נישט קיין פאַנאַטיקער. ער האָט זיך געפירט בעל־הבתּיש, געהאַט אַן אייגענע קאַרעטע און אַ פורמאַן, וואָס האָט אים געפירט אומעטום וווּהין ער האָט געדאַרפט פאָרן אין שײַכות מיט זײַנע געשעפטן. ער האָט זיך גערימט אַז ער שטאַמט פון דעם גרויסן גאון תּוספות יום־טוב.

שבת נאָכמיטאָג זענען די קינדער און די אייניקלעך געקומען

צום זיידן, און די באָבע האָט זיי מכבד געווען מיט געקאָכטע באָרלעך און מיט טיי פון שבתדיקן טשאָלנט־אויוון. איך פיל ביזן היינטיקן טאָג דעם מחיהדיקן ריח, די שימחה און די שלווה אין זיידנס שטוב.

דער צווייטער זיידע, יהודה־מאיר פּאָלאָק, האָט געהאַט יִחוּס־עצמו, און האָט מיט זיין פּערזענלעכקייט אַריבערגעשטיגן איבער דער באָרשער סביבה. וועגן זיין טאַטן און זיין זיידן ווייס איך גאָרנישט און האָב אויך נישט וועמען צו פרעגן. איך ווייס נאָר אַז דער טאַטע זיינער האָט געהייסן יחזקאל און דער זיידע — ישראל־יצחק; און אַט נאָך דעם זיידן האָט מען מיר טאַקע אַ נאָמען געגעבן.

דער זיידע האָט געהאַט אַן איין־און־איינציקן ברודער, וואָס האָט אויך געהייסן ישראל־יצחק און איז געווען אַ מלמד. מען פלעגט דערציילן וועגן אים, אַז ר'האָט כּסדר געטריבן קאַטאָוועס און געטענהט אַז ער איז אַ גרעסערער יחסן פון מיין זיידן, ווייל יענער האָט אַ ברודער אַ מלמד, אַן אָרעמאַן, און ער האָט אַ ברודער אַ גביר, אַ ראש־הקהל.

דער זיידע יהודה־מאיר איז געווען אַ וואָלדיקער מומחה אין וואָלד־ענינים, אין האַקן דיביימער, אַרויספירן די קלעצער און אויסאַרבעטן פון זיי ברעטער אין די זעגן. אין די יונגע יאָרן האָט ער ביים יידישן באַראָן גרעדל פון זיבנבירגן אָפּגעדונגען אַ שטיק וואָלד און פון די ביימער וואָס ער האָט אויסגעהאַקט איז ער רייך געוואָרן. ער האָט געשעמט אין דער גאַנצער געגנט מיט דעם גבירישן הויז וואָס ער האָט אויפגעבויט אין באָרשע, מיט די פראַנצייזישע מעבל וואָס ער האָט איינגעקויפט פאַר זיינע צימערן, מיט דער אייגענער שול פאַר אַ פּאָר צענדליקער יידן וואָס האָבן דאָרטן געדאַוונט יעדן שבת, מיט דער שיינער, גראַמער סוכּה וואָס איז געשטאַנען אין הויף.

אַחוץ דער זעג וואָס ער האָט פאַרמאָגט בשותפות מיטן צווייטן זיידן מיינעם, יוסף יום־טוב ,יאָנטל', האָט ער נאָך געהאַט אַן אייגן קוראָרט מיט אויסגעצייכנטע מינעראַל־וואַסערן אין פּאָנטינאָ, נישט

ווײַט פֿון באַרשע, טיף אין די בערג. ער האָט דאָרטן אויסגעבויט הילצערנע הײַזלעך צו פֿאַרדינגען, מיט אַ בנין פֿאַר אַ שול און אַ כּשרער מיקווה. זומערצײַט זיך הײלן דאָרטן מיט די מינעראַל־וואַסערן און סתּם פֿאַרברענגען. אויך מיר, טאַטע־מאַמע מיט די קינדער, פֿלעגן פֿאָרן אַהין איטלעכן זומער. זענען טאַקע ייִדן געקומען

שפּעטער, נאָך דער מלחמה, האָבן שוין די נײַע הערשערס, די רומענער, אויפֿגעבויט דאָרטן אַ סאַנאַטאָריע. און ווען כ׳בין אין 1966 געווען צו גאַסט אין רומעניע און ס׳האָט מיך געצויגן צו זען נאָך אַ מאָל די מקומות וווּ כ׳בין געבוירן געוואָרן, האָב איך דעם זיידנס קוראָרט שוין כּמעט נישט דערקענט. די רעגירונג האָט דאָרטן אויפֿגעבויט אַן אַפּרוהויז.

איך געדענק די גרויסע ביכערשאַנק בײַם זיידן אין שטוב, וווּ ס׳איז געשטאַנען דער ווילנער ש״ס און אַנדערע ספֿרים. מ׳האָט דערציילט אַז ערשט נאָך דעם ווי ער איז נתעשר געוואָרן, האָט דער זיידע יהודה־מאיר געדונגען אַ מלמד, וואָס זאָל מיט אים לערנען אַ בלאַט גמרא.

איך פֿלעג קוקן מיט גרויס התפּעלות אויף דער ביכערשאַנק, אָבער דעם גרעסטן רושם האָבן אויף מיר געמאַכט די זילבערנע לײַכטער און די זילבערנע בשׂמים־ביקסלעך וואָס זענען געשטאַנען אין דער שאַפֿע.

דער זיידע יהודה־מאיר און די באָבע קיילע האָבן געהאַט דרײַ זין און אַ טאָכטער, די מומע שׂרה. זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ זײַדענעם יונגער־מאַן, בן־ציון גאַנץ איז געווען זײַן נאָמען, אַ תּלמיד־חכם און דערצו אַ יודע־נגן. ער איז געווען אַ גוטער בעל־תּפֿילה און האָט אויך געשפּילט אויף אַ פֿידל. שבת־נאָכטס, נאָך הבֿדלה, פֿלעג דער זיידע מיט די קינדער קומען צום איידעם צו גאַסט, הערן ווי ער שפּילט חסידישע ניגונים.

דער זיידע איז טאַקע געווען אַ שיינער ייִד, אַ הדרת־פּנים, און האָט אַרויסגערופֿן דרך־ארץ. אַ סך יאָרן איז ער געווען ראש־הקהל און מנהיג פֿון די באַרשער ייִדן. בײַ אים אין שטוב האָט מען אויך אָפּגעהאַלטן די אַסיפֿות פֿון דער קהילה. די באָבע קיילע האָט אויך אין זינען געהאַט כּלל־ענינים, אויפֿן ווײַבערישן שטייגער.

שבת אין דער פרי, נאָכן דאַוונען, פלעג זי, למשל, שיקן די אייניקלעך מיט פלעשער קאַווע צו אָרעמע־לייט, און מיר, קינדער, זענען פרייִלעכע געלאָפן אויספירן דאָס שליחות.

דער זיידע יהודה־מאיר איז געווען אַ חסיד פונעם אָטאַניער רבין. ער פלעג זיך נוהג זײַן צו קויפן פון צײַט צו צײַט אַ נײַעם טלית און אַ נײַ שטרײַמל פאַרן רבין און זיך בײַטן מיט אים. ס׳איז פאַר אים געווען אַ גרויסער כבוד צו טראָגן דעם רבינס אַלטן שטרײַמל און זיך אײַנצוּוויקלען אין רביס אַלטן טלית.

ווען דער אָטאַניער פלעג קומען קיין באָרשע צו גאַסט, פלעג אים דער זיידע אַנטקעגנשיקן רײַטערס מיט שטורקאַצן אין די הענט און אים מקבל־פנים זײַן מיט גרויס יראת־הכבוד.

דער זיידע האָט, פאַרשטייט זיך, אויך געהאַט געוויס עגמת־נפש פון זײַנע קהלישע פירונגען. פון צײַט צו צײַט זענען געווען מחלוקתן און ייִדן האָבן געהאַט טענות צום ראש־הקהל. איך געדענק למשל דאָס מחלוקת אין שײַכות מיט דער מיקווה.

באָרשע האָט זיך געניטיקט אין אַ נײַער מיקווה און אַ נײַעם מרחץ. די אַלטע מיקווה מיטן טערקישן שוויצבאָד זענען שוין כמעט געווען אַ סכנה פאַר קהל. ס׳איז געווען דאָרטן פינצטער און גליטשיק און ס׳האָבן געפעלט „ביטלער“, ווי מ׳האָט גערופן בײַ אונדז די וואַנעס, פאַרן גאַנצן עולם. סליחות־צײַט, ווען ייִדן זענען געגאַנגען בײַ נאַכט אין מיקווה, האָבן זיי שוין אין איין וועגס „גענומען אַ ביטל“. פלעג טרעפן, אַז אַ ייִד איז אַרײַן מיט אַ פוס אין זידנדיק וואַסער, וואָס דער בעדער האָט צוגעגרייט, און האָט געמאַכט אַ געוואַלד. און ווײַל ס׳זענען נישט געווען גענוג ביטלער, האָט איינער זיך געבאָדן אין וואַסער פונעם צווייטן. דאָס האָט געהייסן אַ „נאָכביטל“ און האָט געקאָסט ביליקער...

און נאָך אַ חסרון האָט געהאַט דער אַלטער מרחץ: ער איז געשטאַנען לעבן דער אַלטער שול, וואָס ייִדן האָבן געבויט נאָך אין 17טן יאָרהונדערט, באַלד נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך באַזעצט אין באָרשע. אין יענער שול האָט מען שוין נישט געדאַוונט און ייִדן האָבן מורא געהאַט פאַרבײַצוגיין דאָרטן, מחמת בײַ נאַכט

דאַווענען די מתים אין דער אַלטער שול. מ׳האָט דערציילט אַז דער אַלטער רב איז איין מאָל ביי נאַכט פאַרבייגעגאַנגען און די מתים האָבן אים אַריינגעשלעפּט אינעווייניק און אויפגערופן צו דער תורה. און אַ מעשה־שהיה: אַ ייִד איז פאַרבייגעגאַנגען ביי נאַכט לעבן דער אַלטער שול און פּלוצעם האָט ער דערזען ווי די מתים שטייען אין דרויסן. דער ייִד איז אַ דערשראָקענער געלאָפן צום רב, אים אַרויסגעשלעפּט פון בעט און צונויפגערופן אַ מנין וואָס זאָל זאָגן תהילים. מ׳האָט אויך געזאָגט קדיש. ווען ס׳האָט אָנגע־הויבן שאַרייען אויף טאָג, האָט מען דערזען אַז די מתים זענען געווען בלויז ווייסע העמדער, וואָס אַ שכנה האָט אַרויסגעהאַנגען טריקענען אויף אַ שטריק. פון פראָסט זענען זיי געוואָרן שטייף און טאַקע אויסגעזען ווי מתים...

אַ כּלל, באָרשער ייִדן האָבן זיך גענייטיקט אין אַ נייעם מרחץ. דערצו האָט מען אָבער געדאַרפט געלט. האָט מען געהעכערט די שטייערן אויף שחיטה און אויף הייוון. און אַז מען העכערט די שטייערן, ווערט מען אין כּעס אויפן ראש־הקהל.

איך געדענק אויך דאָס מחלוקת וואָס איז אויסגעבראָכן ווען דער באָרשער רב איז ניפטר געוואָרן. מיין זיידע האָט געשטיצט די קאַנדידאַטור פון ר׳ אַלטערן, אַ זון פונעם באָרשער רבין, ר׳ זאָל ווערן רב. ער האָט באַקומען דערויף אַ ווונק פון זיין רבין, דער אָטאָניער, אַגב אַ ברודער פונעם באָרשער רבין, פון די וויזשניצער. ר׳ אַלטער האָט אָבער געהאַט אַ סך קעגנערס אין באָרשע, וואָס האָבן אים נישט געוואָלט פאַר קיין רב. זיי האָבן געטענהט אַז ער קען נישט גענוג לערנען.

סוף־כּל־סוף האָט מען אָפּגעשטעלט אַ טאָג פאַר די וואַלן, אין בית־המדרש, דער עולם זאָל אויסקלייבן אַ רב. ייִדן האָבן אַריינ־געוואָרפן די וואַלצעטעלעך אין אַ קעסטעלע, און דאָס קעסטעלע, די קלפּי, אַוועקגעשטעלט לעבן פענצטער, ביז מען וועט דאַווענען מנחה־מעריב. אין מיטן דער שמונה־עשרה זע איך ווי עמעצער שטעקט אַריין אַ האַנט דורכן פענצטער און ווערט נעלם אין איינעם מיטן קעסטעלע. דער עולם זעט, נאָר ווער האָט די העזה מפסיק צו זיין און רעדן אין מיטן דער שמונה־עשרה? מען מאַכט מיט

די הענט, מען ווײַזט אויפֿן פֿענצטער, מען ברומט אויף שטום־לשון: נו, אַ... אָבער אויסרעדן, חלילה!

כ׳ווייס נישט ווער ס׳האָט געגנבֿעט די קלפֿי — ר׳ אַלטערס חסידים, אָדער זײַנע קעגנערס. איך געדענק בלויז אַז נאָכן דאַווענען איז געוואָרן אַ טומל אין בית־המדרש און מ׳האָט אויסגעקליבן ר׳ אַלטערן, מײַן זיידנס קאַנדידאַט, אין אָפֿענע וואַלן.

אין דער עסטרײַך־אונגאַרישער אימפּעריע האָט זיך געפֿירט, אַז די מלוכה האָט געדאַרפֿט געבן איר הסכּמה פֿאַרן אויסגעוויילטן רבֿ, מסתּמא דערפֿאַר, ווײַל די ממשלה האָט געהאַלפֿן אויסהאַלטן די „קולטוס־געמײַנדע", ווי די קהילה האָט בײַ זיי געהייסן. צוליב וואָס דערמאָן איך עס? ווײַל איינער פֿון ר׳ אַלטערס שאַרפֿסטע קעגנערס איז געווען ר׳ בן־ציון פֿיש, אַ גרויסער תּלמיד־חכם און דערצו אַ משׂכּיל אַ ציוניסט, און אַ חסיד פֿון אַנדערן קאַנדידאַט. איך האָב זיך געחבֿרט מיט איינעם פֿון זײַנע אייניקלעך, און פֿלעג אַרײַנקומען צו אים אין שטוב. נאָך דער מעשׂה מיט די וואַלן, בעת איך בין איין מאָל געווען בײַ מײַן חבֿר, האָט צו מיר דער ר׳ בן־ציון פֿיש אַ מאָך געטאָן:

— זאָג דײַן זיידן, אַז ער האָט אַראָפּגעבראַכט קיין באַרשע אַ רבֿ מיט דער הילף פֿון די גוים!

כ׳האָב עס דערציילט דעם טאַטן מיט טרערן אין די אויגן. האָט ער מיר געענטפֿערט:

— אַז דער זיידע וויל נישט האָבן קיין שונאים, זאָל ער זיך ווייניקער קהלן!

שפּעטער מיט יאָרן, אין טשילע, ווען איך בין אַליין געוואָרן אַ כּלל־טוער, האָב איך זיך דערמאָנט אינעם טאַטנס ווערטער. כ׳האָב אויך געדענקט דעם בן־ציון פֿיש, וואָס די דײַטשן האָבן אים, אַ זקן פֿון איבער נײַנציק יאָר, אָוועקגעשיקט קיין אוישוויץ.

די אַרכיוון פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג זאָגן עדות, אַז מײַן זיידע יהודה־מאיר איז געווען נישט בלויז אַ וויזשניצער חסיד, נאָר אויך אַ חסיד פֿון ציוניזם. אין יענע צײַטן און דערצו נאָך אין באַרשע, איז דאָס געווען אַ יוצא־מן־הכּלל: פֿרומע ייִדן אין באַרשע

האָבן אָפּגעלאַכט פון דעם נײַעם משיח וואָס הייסט גאָר טעאָדאָר און וואָס איז אַ קרקפתא דלא מנח תפילין. אין אַזאַ סביבה האָט מײַן זיידע, אין איינעם מיט צוויי פון זײַנע נאָענטע פרײַנד — משה מאָסקאָוויטש און הערצל פּרוכטער — פּלאַנירט אַריבערצופירן אַלע באָרשער ייִדן קיין ארץ־ישראל, און אויב נישט אַלע — כאָטש אַ טייל פון זיי.

אין יאָר 1925 איז מײַן זיידע, אין איינעם מיט זײַן חבר משה מאָסקאָוויטש, געקומען קיין ארץ־ישראל, כּדי צו זען אויפן אָרט ווי אַזוי מען קען אויספירן דעם פּלאַן. איך געדענק מיט וואָס פאַר אַ התפּעלות זיי זענען צוריקגעקומען. מיר האָבן שוין דעמאָלט געוווינט אין גורא־הומאָרולוי, אַ שטעטל אין דער בוקאָווינע, וואָס ייִדן האָבן עס גערופן פּשוט: הומאָר. דער זיידע איז געקומען אויף אַ שבת און האָט אַ באַגײַסטערטער דערציילט וועגן די חלוצים און די ייִדישע פּויערים וואָס ער האָט געזען אין ארץ־ישראל. אויף מיר, אַ ייִנגל פון פופצן יאָר, האָבן דעם זיידנס מעשיות געמאַכט גאָר אַ גרויסן רושם. עס האָט זיך דערוועקט אין מיר אַ בענקשאַפט צו דער אויסטערלישער ראָמאַנטיק און צו די שיינע אידעאַלן. מײַנע מחשבות זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פונעם חלום אויפצובויען אַ נײַ לעבן אין ארץ־ישראל.

פונעם זיידנס פּלאַן איז, צום באַדויערן, גאָרנישט געוואָרן. מ'האָט דערציילט, געדענק איך, אַז דער זיידע איז געפאָרן צום אַטאַניער רבין, זיך אַן עצה האַלטן; נאָך דעם ווי דער רבי האָט אים אויסגעהערט, האָט ער, דרך־אַגב, אַ פרעג געטאָן, צי האָט ער נישט מורא, מײַן זיידע, אַז זײַנע אייניקלעך וועלן אויסוואַקסן אַפּיקורסים אין ארץ־ישראל און מחלל־שבת זײַן ווי די חלוצים, די סאָציאַליסטן, אין די קיבוצים. אַ סברא אָבער, אַז די ייִדן אין באָרשע האָבן פּשוט נישט געקאָנט פאַרקויפן זייער פאַרמעגן, כּדי צו האָבן מיט וואָס אויפצובויען אַ ייִשוב אין ארץ־ישראל. בכל־אופן איז זיי נישט באַשערט געווען זיך צו ראַטעווען פון דעם פינצטערן גורל וואָס איז שפּעטער געקומען איבער זיי.

דער זיידע איז געשטאָרבן מיט דרײַ יאָר שפּעטער אין עלטער פון זיבעציק יאָר. דער זון פון זײַן חבר משה מאָסקאָוויטש —

נפתלי בן משה — איז געוואָרן אַ מנהיג אין מפ״ם און אין דער הסתדרות. מנחם פּרוכטער, דער זון פון זיין צווייטן חבר, איז געוואָרן אַ גרויסער סוחר אין דער דימענטן־בראַנזשע פון ישראל.

און נאָך אַ וואָרט וועגן זיידן: אין באָרשע האָט מען זיך נוהג געווען, אַז אַלע יאָר, אַחרון־של־פּסח, זאָל דער גבאי אויסרופן אין שול, אַז ווער עס נייטיקט זיך אין מעל צו באַקן ברויט, זאָל זיך ווענדן צו יצחק דעם סאָדאָש (וואָס האָט געמאַכט סאָדע־וואַסער) וועט ער באַקומען לויט דער צאָל פון זיין הויזגעזינט. קיין אָרעמע־לייט האָבן אין באָרשע נישט געפעלט. אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט ווער ס'איז דער בעל־צדקה וואָס טיילט מעל ביד־רחבה לכל דיכפין. דעם אמת האָט מען זיך ערשט דערוווּסט פונעם הספד וואָס יצחק דער סאָדאָש האָט געהאַלטן ביים קבר פון מיין זיידן, יהודה־מאיר פּאָלאַק, אַז ער, דער ייִדע, איז געווען דער, וואָס האָט געגעבן צדקה בסתר.

טאַטע־מאַמע

מײַן טאַטע האָט געהייסן הערש, נאָר גערופֿן האָט מען אים הערש־יהודה מאירס; די מאַמע האָט געהייסן לאה־יענטע, און גערופֿן האָט מען זי לאה־יענטע סאָסע יאָנטלס. די מאַמע פֿלעג אונדז דערציילן ווי אַזוי זי איז אַ כּלה געוואָרן צו זיבעצן יאָר. דער חתן, מײַן טאַטע, איז אַלט געווען אין גאַנצן נײַנצן יאָר. דער כּלהס פֿאָטער און דעם חתנס פֿאָטער האָבן געהאַט בשותּפֿות אַ ברעטערזעג. נאָך דעם ווי מ'האָט געשלאָסן דעם שידוך, האָט מען דעם חתן, הערש־יהודה מאירס, פֿאַרבעטן צו גאַסט. דורך דער טיר פֿון צווייטן צימער האָט די באָבע געוויזן דער מאַמען איר זיווג און זי געפֿרעגט צי דער בחור געפֿעלט איר. די מאַמע האָט אַ קוק געטאָן, איז געוואָרן רויט און האָט תּמימותדיק געענטפֿערט:

— ניין.

— פֿאַר וואָס? — האָט די באָבע זיך געחידושט.

— ווײַל ער האָט אַ גרויסע נאָז און בלאָטערן אויפֿן פּנים...

— דאָס איז נישט קיין חסרון — האָט די באָבע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — ער איז אַ ווױלער יונגער־מאַן און דו וועסט מיט אים חתונה האָבן.

וכך היה. דעם זעלבן אָוונט האָט מען צעבראָכן אַ טעלער, געשריבן תּנאים און געווונטשן מזל־טוב. דער שידוך איז דאָך סײַ ווי באַשטימט געוואָרן אין הימל. דאַרף מען אַלץ אָננעמען פֿאַר ליב...

ביז צו דער חתונה — האָט די מאַמע דערציילט — האָט זי מיטן חתן קיין וואָרט נישט גערעדט, כאָטש זיי האָבן געוווינט אין זעלבן מקום. און ווען זי האָט אים איין מאָל געזען אין גאַס, איז זי אַרײַנגעלאָפֿן אין אַ הויף, כּדי זיך מיט אים נישט צו באַגעגענען.

אַזוי איז מען אַ גאַנץ יאָר געווען חתן־כּלה, ביז מ׳האָט געשטעלט אַ חופּה.

די מאַמע האָט געבוירן דעם טאַטן צוועלף קינדער. איינס איז געשטאָרבן ווען ס׳איז אַלט געווען אַ יאָר. עלף האָט זי אויפגעהאָדעוועט און דערצויגן.

טאַטע־מאַמע האָבן געלעבט גליקלעך, אין פאַרשטענדעניש און ליבשאַפט. די קינדער זענען כּמעט אין גאַנצן געווען אין רשות פון דער מאַמען. דער טאַטע איז שטענדיק געווען פאַרנומען אין וואַלד און פלעג אַהיים קומען בלויז אויף שבת. ר׳האָט אויך שטאַרק ליב געהאַט זײַן אַרבעט. שפּעטער, ווען די זיידעס זענען געוואָרן אויס שותּפים, האָט דער טאַטע אָנגעהויבן אַרבעטן זעלבשטענדיק און פלעג קומען נאָך זעלטענער, איין מאָל אין עטלעכע חדשים.

דער טאַטע איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ פרומער ייִד, אין די פריִע יאָרן געלערנט אין אַ ישיבה. קיין חסיד־שוטה איז ער אָבער נישט געווען. איך געדענק נאָך די האַרבע וויכּוחים וואָס מיר האָבן ביידע געפירט, וועגן דת און אמונה, בעת איך האָב, שפּעטער מיט יאָרן, זיך אַרײַנגעלאָזט אין גאָט־זוכענישן. כ׳האָב צוליב דעם נישט אָנגעווירן זײַן ליבשאַפט.

די מאַמע, אַן אמתע ייִדישע מאַמע, איז געווען אַן אשת־חיל. מענטשן האָבן דערציילט, אַז אין די יונגע יאָרן איז זי שטאַרק שיין געווען. אַחוץ דער האָרעוואַניע צו דערציִען עלף קינדער, האָט זי מיט מסירת־נפש זיך געזאָרגט פאַר אַנדערע, פאַר קראַנקע און נויטבאַדערפטיקע. באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן בײַ אונדז אַן עפּידעמיע פון פלעקטיפוס און שפּאַנישע גריפּע. אַ סך זענען געשטאָרבן. אין איטלעכער שטוב זענען געווען קראַנקע. קיין שפּיטאָל איז נישט געווען און מענטשן האָבן זיך געניייטיקט אין הילף.

די מאַמע האָט איטלעכן געהאָלפן. מען איז געקומען זי וועקן בײַ נאַכט זי זאָל קומען צו אַ קראַנקן און זי פלעג גיין אומעטום ווי אַ דאָקטער. אַגב, דער איינציקער דאָקטער אין דער געגנט, ד״ר סאָלאָמאָן, אַ שנײַדערס אַ זון, אַ פרומער, פלעג רופן די מאַמע: קאָלעגע. און אַ סך ייִדן האָבן זי גערופן: דאָקטער פּאָלאַק.

דער טאַטע האָט געהאַט טענות צו איר: סטײַטש, האָסט דאָך אַליין אַ שטוב מיט קינדער, ווי האָסטו נישט מורא אַז דו וועסט זיי אָנשטעקן מיט די וויסטע קרענק? דערויף האָט אים די מאַמע געענטפערט, אַז אַ שליח־מיצווה ווערט נישט געניזוקט. און אַזוי איז טאַקע געווען. די מגפה איז נישט אַריבערגעטראָטן די שוועל פון אונדזער הויז.

סוף־כּל־סוף האָט מען געשטעלט אַ חופה פאַר צוויי יתומים אויפן הייליקן אָרט, ווי אַ סגולה די מגפה זאָל זיך אָפּשטעלן.

ווען איך טראַכט הײַנט וואָס די מאַמע האָט איבערגעאַרבעט אַ טאָג, פאַרשטיי איך נישט פון וואַנען זי האָט גענומען דעם כּוח דערצו. זי פלעג אויפשטיין פאַר טאָג, אין איינעם מיט דער דינסט מעלקן די קי, אַרײַנטראָגן האָלץ, ווינטערצײַט אײַנהייצן די שטיבער, אָנהאָדעווען די קינדער און זיי שיקן אין חדר אַרײַן. זי איז געווען אַן אשת־חיל אין שווערע צײַטן, ווען דער טאַטע האָט נישט געהאַט קיין פּרנסה. און זי האָט געדאַרפט פאַרזעצן איר צירונג כּדי צו האָבן מיט וואָס שבת צו מאַכן. אַ גאַנצע וואָך האָט מען געגעסן מילכיקס פון די אייגענע קי און גרינצײַג פון גאָרטן, אָבער אויף שבת האָט מען געמוזט אײַנקויפן פלייש און פיש.

אין 1920, נאָך דעם ווי דער זיידע יאָנטל איז געשטאָרבן, איז אונדזער משפּחה געשטאַנען פאַר אַ שווערן נסיון. ווי לאַנג ביידע זיידעס האָבן געלעבט האָבן זיי בשותּפות געפירט די זעג און די קינדער מיט די איידעמס האָבן מיטגעאַרבעט אין דער פאַבריק. באַלד נאָכן זיידנס פּטירה האָבן אָנגעהויבן די וויכּוחים און קריגערײַען קעגן דעם זיידנס יורשים, אַזוי לאַנג ביז די פירמע „פּאָלאַק און גאַנץ" איז אונטערגעגאַנגען. ביידע משפּחות זענען געבליבן אָן פּרנסה.

מײַן טאַטע איז געווען אין גאָר אַ שווערן מצב, צווישן האַמער און אַמבעס. ער איז דאָך געווען דער זון פון איין שותּף און דער איידעם פונעם צווייטן שותּף. פאַר איין צד איז ער געווען אַ ברודער, פאַרן צווייטן — אַ שוואָגער. דעריבער איז ער טאַקע דער ערשטער אַרויסגעטראָטן פון דער פירמע און קודם געוואָרן אַ זעלבשטענדיקער וואַלד־סוחר. און אַז ער האָט אין דעם נישט

מצליח געווען און די מחלוקתן אין דער משפּחה האָבן זיך פאַר־שאַרפט, איז ער אין גאַנצן אַוועק פון באַרשע און זיך באַזעצט אין דער בוקאָווינע, אין שטעטל גורא־הומאָרולוי, אָדער הומאָר, ווי ס'האָט געהייסן ביי ייִדן. דאָרטן האָט ער געשלאָסן אַ קאָנטראַקט מיט אַ בירפאַבריק — גענומען ביר אין פעסער, אָנגעפילט פלעשער און זיי פאַרקויפט אין דער גאַנצער געגנט.

היינט איז שווער צו פאַרשטיין וואָס ס'האָט באַטייט פאַר אַ באַרשער ייִדן זיך צו באַזעצן אין דער בוקאָווינע. דאָס האָט כמעט באַטייט זיך אַריבערציִען אויף אַן אַנדער פּלאַנעט. דער מאַמעס משפּחה האָט זיך אָנטקעגנגעשטעלט, סטייטש, ווייבער טראָגן דאָרטן די אייגענע האָר און מען עסט אַפילו טריף . . .

דער טאַטע האָט זיך נישט געלאָזט איבעררעדן, און זיין החלטה, אין 1925, זיך אַרויסצוציִען פון באַרשע, האָט געראַטעוועט מיין משפּחה פון אוישוויץ, ווו כמעט אַלע ייִדן פון באַרשע זענען אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן.

חדר־יאָרן

דער אידעאַל פון אַ ייִדישער מאַמע אין באַרשע איז געווען צו דערציִען די קינדער אויפן דרך־הישר, זיי זאָלן אויסוואַקסן גוטע, פרומע ייִדן, און חלילה נישט פאַרכאַפּט ווערן פון די אַפּיקור־סישע גענג וואָס האָבן געלאָקערט פון די וועלטלעכע לימודים. דער יסוד פון אַזאַ דערציִונג איז געווען דער חדר.

צו די פיר יאָר האָט מיך די מאַמע שוין געשיקט אין חדר. כ׳בין גיך אַריבער פון אַלף־בית צו עברי, און טאַקע באַלד צו חומש מיט רש״י. מייַן ערשטער מלמד איז נעבעך געווען אַן אָרעמאַן, געלעבט אין צוויי קליינע שטיבלעך מיט ווייַב און קינדער און קוים געהאַט דאָס אויסקומעניש. אין זעלבן שטיבל ווו ס׳איז געווען דער חדר, האָט די רביצין געקאָכט און געבאַקן ברויט און זיך מטפּל געווען מיט איר קליינוואַרג.

די מלמדים זענען נישט תּמיד געווען קיין גרויסע תּלמידי־חכמים, בפרט די דרדקי־מלמדים. און אויף דעם מלמדות איז אויך געווען אַ גרויסע קאָנקורענץ. מ׳האָט זיך געריסן נאָך תּלמידים פון בעלי־בתּים וואָס קענען באַצאָלן שכר־לימוד, ס׳זאָל נישט פעלן דאָס שטיקל ברויט פאַר די אייגענע קינדער.

און דער חדר האָט זיך געפירט אין באַרשע אויפן אַלטן שטייגער: זומער און ווינטער פלעגן קינדער גיין פאַר טאָג, מיטן לאַמטערן אין האַנט, און אָפּזיצן אַ גאַנצן טאָג, ביז שפּעט אין אָוונט אויף די האַרטע בענק בייַם רבין. און דער רבי האָט טאַקע געהאַט אַ טייַטל און, פאַרשטייט זיך, אַ קאַנטשיק, וואָס ער פלעג זיך מיט אים גאָר אָפט באַניצן.

אַחוץ עברי און חומש מיט רש״י האָט מען מיך געלערנט מעביר זייַן די סדרה מיטן טראָפּ און אַפילו אָנשרייַבן אַ בריוול.

איך געדענק נאָך עד־היום דעם נוסח וואָס מ׳האָט מיך געלערנט, ווי צו שרייבן אַ בריוול דער מאַמען: לכבוד אמי מורתי... אישה צניעה וחסידה כאסתר ואביגיל, מרת לאה יענטע תחיה עד מאה ועשרים, אמן. ראשית באתי להודיער שאני ב״ה בקוו הבריאות, כך אזכה לשמוע ממך בשורות טובות, שנית... — ווייטער איז שוין אַלץ געגאַנגען אויף יידיש. אַ גמרא־מלמד איז שוין געווען אַ העכערע מדרגה.

קיין דיקדוק האָבן ס׳רוב מלמדים אַליין נישט געקענט. און אַז ס׳איז געקומען צו אַ פירוש רש״י וואָס גיט צו פאַרשטיין דעם דיקדוק פונעם פסוק, האָט דער רבי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: דאָס איז גאָרנישט...

איך דערמאָן זיך, ווען מיר האָבן געלערנט פרשת תולדות, ווי יצחק דערציילט אַבימלכן אַז רבקה איז גאָר זיין שוועסטער, און אבימלך זעט דורכן פענצטער: יצחק מצחק את רבקה אשתו — ווי יצחק שטיפט מיט זיין ווייב רבקהן — און רש״י מאַכט דערויף: שראהו משמש מטתו — האָט זיך אַ יינגל אָנגערופן: רבי, וואָס הייסט משמש מטתו? נאָר במקום אַ תשובה, האָט דער רבי אים דערלאַנגט אַ פּאַטש און אַ געשריי געטאָן: שייגעץ, אַזעלכע שאלות פרעגסו!

אַוודאי זענען אויך פאַרבליבן אין זכרון גליקלעכע טעג פון יענע קינדער־יאָרן, ווי למשל ל״ג־בעומר, ווען דער רבי פלעג מיט אונדז גיין אין וואַלד אַריין און מיר פלעגן שניצן אַ שווערדל, אָדער מאַכן אַ פייפל פון אַ ריטל. מיר האָבן דעמאָלט נישט פאַרמאָגט קיין שפילכלער, ווי די היינטיקע קינדער, אָבער געשפילט האָבן מיר זיך מיט וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט, אפילו אין מלחמה האָבן מיר זיך געשפילט אויף ביידע זייטן פונעם טייך וואָס האָט געשטראָמט דורכן דאָרף, נאָכגעמאַכט די חיילות וואָס האָבן זיך דעמאָלט געשלאָגן אויף די פראָנטן, בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה.

ווען איך בין אַלט געוואָרן זעקס יאָר און געדאַרפט גיין אין פאָלקסשול, האָט די מאַמע זיך אָקעגנגעשטעלט: די מלמדים האָבן איר געזאָגט אַז איך האָב, קיין עין־הרע, אַ גוטן קאָפּ און קאָן

ווערן רב. האָט זי מורא געהאַט, די מאַמע, איך זאָל נישט קאַליע ווערן דאָרטן צווישן גויים, ווו מע דאַרף אויך גיין אָן אַ היטל. מיר האָט אָבער דווקא יאָ געצויגן צו גיין אין שול, בפרט ווען כ'האָב געזען אַנדערע קינדער קומען אַהיים מיט די גרויסע טאַשן אויף דער פּלייצע. האָב איך אין אַן אינדערפרי געמאַכט דאָס דאַווענען בקיצור און זיך געגאַנגען אַליין פאַרשרײַבן אין פאָלקס־שול. דאָס איז געווען מײַן ערשטער רעוואָלוציאָנערער אַרויסטריט אין לעבן.

די שענסטע צײַט פאַר אונדז חדר־ייִנגלעך איז געווען פאַר פּסח און פאַר ראש־השנה. דעמאָלט איז מען גאַנצע זעקס וואָכן נישט געגאַנגען אין חדר אַרײַן. פאַר פּסח האָט מען געדאַרפט העלפן באַקן מצות, און דער עיקר לופטערן די ספרים, בודק זײַן צי ס'איז חלילה קיין ברעקל חמץ נישטאָ צווישן די בלעטער. די מאַמע האָט אונדז אַלע אין זינען געהאַט און איטלעכן קינד צוגעטיילט זײַן אַרבעט אין שטוב בײַם צוגרייטן דעם שיינעם יום־טוב און קודם־כּל דעם וווּנדערלכן סדר, וואָס איז פאַר אַלעמען געווען די גרעסטע פרייד. מיר האָבן קוים דערוואַרט דעם פּסח מיט די באַטעמטע מאכלים וואָס די מאַמע פלעג מאַכן און די נײַע בגדים וואָס מען פלעג אונדז קויפן. מער פון אַלץ האָב איך הנאה געהאַט פון די נײַע שיך, וואָס כּל־זמן זיי זענען געווען נײַ האָבן זיי געסקריפּעט בײַם גיין, להבדיל ווי אַ מיזמור לדוד. אַנצוגלעך פלעג מען לאָזן מאַכן בײַם שנײַדער, ווײַל פון קיין פאַרטיקע מלבושים האָט מען בײַ אונדז נישט געוווּסט. און אַז מ'האָט זיך געזעצט צום סדר, וואָס דער טאַטע פלעג אים פראַווען מיט אַלע פּיטשעווקעס, איז פאַר אונדז קינדער געווען די אמתע שימחה. איך קען נישט פאַרגעסן דעם כּישוף פון יענע סדר־נעכט אין די קינדער־יאָרן, ווען כ'האָב ממש געפילט, בעת מ'האָט אַרויסגעזאָגט דעם שפוך חמתך, אַז אליהו הנביא איז אַרײַנגעקומען אין שטוב און צוגערירט זײַנע ליפּן צום כּוס וואָס איז פאַר אים געווען צוגעגרייט.

איך געדענק אויך די סדר־נעכט במשך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דער טאַטע פלעג פאַרבעטן ייִדן, רוסישע געפאַנגענע,

וואָס זענען געווען אין באַרשע. דער עיקר האָבן זיך מיר איינגע־קריצט אין זכרון עטלעכע ליטוואַקעס, וואָרעם זייער ייִדיש לשון האָט געקלונגען זייער מאָדנע אין אונדזערע אויערן און מיר האָבן שטאַרק געלאַכט ווען מיר האָבן געהערט ווי זיי רעדן.

די פריִער וואָכן פֿאַר ימים־נוראים האָבן שוין געטראָגן אין זיך דעם פּחד פֿאַרן יום־הדין און ס'איז נישט געווען אין זיי די פֿרייד פֿון די פֿאַרפּסחדיקע טעג. כ'האָב געמוזט אויפֿשטיין ביי נאַכט און גיין מיטן טאַטן צו סליחות און הערן ווי פֿרומע ייִדן מיט באָרד און פּאות וויינען מיט ביטערע טרערן ביים דאַווענען. סוכּות איז אָבער דערפֿאַר געווען אַ מחיה. אין שטוב האָט געשמעקט דער אתרוג און דער לולב. אין הויף איז געשטאַנען די שיינע סוכּה, צוגעדעקט מיט סכך און פֿאַרפּוצט מיט גרינע צווייַגן און בלומען. און דאָס קלייַבן צווייַגלעך פֿאַר הושענאות, אויף הושענה־רבה, און דאָס עסן אין סוכּה! דער טאַטע פֿלעג אַפֿילו שלאָפֿן אין סוכּה. נאָר מיך האָט די מאַמע נישט געלאָזט שלאָפֿן אין סוכּה איבער אַ מעשה שהיה:

אין חדר האָב איך געלערנט אין איינעם מיט די גרעסערע ייִנגלעך, מחמת כ'האָב געהאַט אַ גוטן קאָפּ, האָב תּיכּף באַנומען וואָס דער רבי האָט מסביר געווען, און נישט געקענט לייַדן ווען ער האָט אָנגעהויבן איבערצוחזרן די זעלבע זאַך נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל פֿאַר אַנדערע קינדער, וואָס האָבן שווערער באַנומען. ביז צו די דרייַצן יאָר בין איך געווען אַ דאַרס, אַ קליינינקס און האָב זיך קוים אָנגעזען צווישן די גרויסע בחורימלעך. פֿלעגן זיי נישט איין מאָל טרייַבן קאַטאָוועס מיט מיר און מיר דערקוטשען. איין מאָל, אין אַ ווינטערטאָג, זענען מיר אַהיים געגאַנגען פֿון חדר, לענג־אויס דעם פֿאַרפֿרוירענעם טייַך וואָס איז געפֿלאָסן דורכן דאָרף. פּלוצעם האָט איינער פֿון די ייִנגלעך מיר אַ שטופּ געטאָן פּונקט לעבן אַ לאָך וואָס איז געווען אויסגעהאַקט אין אייַז און כ'בין אַרייַנגעפֿאַלן אין וואַסער. מען האָט מיך קוים אַ לעבעדיקן אַרויסגעצויגן פֿון אונטערן אייַז און געבראַכט אַהיים, אַ דורכ־גענעצטן ביז צו די ביינער. כ'האָב זיך, ווייַזט אויס, שטאַרק פֿאַרקילט און אָנגעהויבן צו הוסטן.

דאָס האָט פּאַסירט ממש אין די לעצטע חדשים פון דער ערשטער וועלט-מלחמה. אַזוי ווי ביי אונדז איז קיין דאָקטער דעמאָלט נישט געווען, איז די מומע פּערל, וואָס האָט געוווינט אין זעלבן הויז ווו מיר האָבן געוווינט, געקומען צו גיין מיט אַן עצה: שבת וועט זיך אָפּשטעלן אין דער באַנסטאַנציע אַ מיליטערישער צוג, וועט זי גיין מיט מיר און פועלן ביים מיליטערישן דאָקטער ער זאָל מיך בודק זיין. וואָס דער דאָקטער האָט מיר דעמאָלט געהאָלפן געדענק איך שוין נישט. איך געדענק אָבער יאָ, אַז בעת מיר זענען אַריין אין וואַגאָן ווו דער דאָקטער האָט אונדז געדאַרפט אויפנעמען, האָט דער צוג אָנגעהויבן צו פאָרן, כּדי צו מאַנעווורירן איבער די רעלסן. מיט אַ מאָל האָט זיך די מומע פּערל געכאַפּט אַז זי פאָרט אום שבת! זי איז נעבעך געוואָרן גרין און געל, די מומע פּערל. סטייטש, אַזאַ עבירה! דעם אַנדערן טאָג איז זי געלאָפן צום רב, ער זאָל איר אַרויסגעבן אַ תשובה. און מיר פלעג זי דערנאָך שטענדיק דערמאָנען: צוליב דיר בין איך געפאָרן אום שבת. זאָלסט כאָטש לערנען אַ פּרק משניות נאָך מיין טויט...

די מומע פּערל האָט שפּעטער אַדאָפּטירט אַ טאָכטער, וואָס האָט געהאַט צען קינדער. אַלע זענען פאַרברענט געוואָרן אין אוישוויץ.

מיט צען יאָר האָב איך שוין נישט געהאַט וואָס צו לערנען ביי מיינע מלמדים. האָט מען געבראַכט פאַר מיר און פאַר נאָך פיר יינגלעך וואָס זענען געווען אין זעלבן מצב, אַ בחור וואָס האָט פאַרענדיקט די ישיבה און געהאַט סמיכה אויף רב. האָט דער בחור מיט אונדז געלערנט.

איינער פון די פיר חברים איז געווען לייבוש-בער האַלפּערט. ער איז טאַקע שפּעטער געוואָרן רב אין דער שטאָט וואַסלוי, אין רומעניע. ער איז געקומען אין לאַנד און דאָ געוואָרן רב אין צפון-תל-אָביב. מיר האָבן זיך פון צייט צו צייט באַגעגנט און ער פלעג מיר שרייבן בריוולעך: לכבוד חבר נעורי... אַחוץ זכרונות און נאָסטאַלגיע איז אָבער צווישן אונדז קיין בשותפותדיקע שפּראַך נישט געווען. מיר זענען געקומען פון צוויי פאַרשיידענע וועלטן.

פון דעסטוועגן פאַרבעטן מיך עד־היום זייַנע זין, וואָס פאַרנעמען אַן אויבנאָן אין די ישיבות פון בני־ברק, אויף אַ שימחה אָדער אויף אַ יאָרצייַט. איינער פון די זין איז געווען דער חבר־כּנסת האַלפּערט, פון אַגודת־ישׂראל.

בייַ יענעם בחור וואָס מ׳האָט אונדז געבּרענגט, בּצלאל האָט ער געהייסן, האָב איך געלערנט ביז צו בר־מיצווה. יעדע וואָך — פינף בלאַט גמרא מיט תּוספות און פינף בלאַט יורה־דעה מיט פּרי־מגדים און מיט אַלע מפרשים. דער בחור האָט געוואָלט פון מיר מאַכן אַ רב צי אַ דיין. צו די דרייַצן יאָר האָב איך שוין געקענט אויף אויסווייניק דעם גאַנצן ערשטן חלק פון יורה־דעה: מליחה, בשׂר וחלב, תּערובות מיטן פּרי־מגדים. תּנך האָט מען נישט געלערנט, אַחוץ מעביר זייַן די סדרה, שניים מקרא ואחד תּרגום, און די הפטורות. ער פלעג אונדז אָבער פירן אין שלאַכטבריק, מיר זאָלן זיך אויסלערנען צו דערקענען ווען אַ בהמה איז כּשר און ווען טריף. אויף אַזאַ אופן האָט ער אונדז צוגעגרייט צו פּסקענען שאלות.

באָרשער עפּיזאָדן

ווען איך בין אַלט געווען אַכט צי נײַן יאָר, האָט מיר איינער פון מײַנע חברים, אַ ייִנגל מיט אַן ערך צוויי יאָר עלטער, דערקלערט דעם סוד פון פּרו־ורבו. כ׳האָב בשום־אופן נישט געקענט גלייבן, אַז דערוואַקסענע מענער און פרויען קאָנען אין זינען האָבן אַזעלכע שמוציקע זאַכן...

— דו ווילסט מיר אײַנרעדן — האָב איך געזאָגט מײַן חבר — אַז מײַנע טאַטע־מאַמע און אַפילו דער באָרשער רבי, ר׳ פּינחס האַגער, טאָן דאָס וואָס דו האָסט מיר אַקערשט דערציילט? דאָס קען נישט זײַן! דאָס איז אַ ליגן!

איך בין געווען אויסער זיך, אין גאַנצן צעטומלט. ס׳האָבן מיך געמאַטערט אַנטוישונג און ספקות. מיט דער צײַט האָב איך זיך אָבער צוגעוווינט צו דעם דאָזיקן געדאַנק.

איין מאָל האָב איך אָבער געפרעגט מײַן חבר, צי ווייסט ער פאַר וואָס אין באַשטימטע טעג פון חודש גיט דער טאַטע נישט דער מאַמען דאָס געלט גלײַך אין האַנט אַרײַן, נאָר לייגט עס אַוועק אויפן טיש און די מאַמע נעמט עס דערנאָך פון טיש. מײַן חבר איז שוין געווען בקי אין הילכות־נידה און האָט מיך אויפגעקלערט אויך אין דעם אַ ענין.

וואָס איז דער מוסר־השכל דערפון? אַז אַפילו אין דער פרומער, פוריטאַנישער סביבה פון באָרשע האָט מען זיך אַן עצה געגעבן מיט סעקסועלע ענינים, אַן די וויסנשאַפטלעכע באַראַטערס פון אונדזערע צײַטן.

וועגן דעם באָרשער רבי, ר׳ פּינחס האַגער, איז, אַגב, בײַ אונדז קינדער אַרומגעגאַנגען אַ לעגענדע, אַז וויפל מאָל ער גייט

פאַרבײַ דעם קלויסטער, ווערט דער קלויסטער מיט אַ צענטימעטער נידעריקער. ווײַזט אָבער אויס, אַז דער רבי איז גאָר זעלטן פאַר־בײַגעגאַנגען דעם קלויסטער, ווײַל איך געדענק אים נאָך עד־היום ווי אַ גאָר הויכן בנין.

אויך מיר ייִנגלעך, ווען מיר פלעגן פאַרבײַגיין דעם קלויסטער, פלעגן מיר זיך האַלטן גאָר שטײַף, כּדי זיך חלילה נישט אַ בייג צו טאָן פאַרן צלם.

מיטן באָרשער גלח, באַרטאָש, האָבן די ייִדן זיך דווקא זייער פרײַנדלעך באַגריסט, ווען זיי האָבן אים באַגעגנט אין גאַס, און אַפילו אַראָפּגענומען פאַר אים דאָס היטל.

דער גלח האָט געהאַט אויף דער פּאַטעלניצע, איבערן נאַקן, צווי קאַרבן, פּונקט ווי אַ צלם, מסתמא סימנים פון אַן אָפּעראַציע. ייִדן האָבן אָבער אויף קאַטאָוועס געטענהט, אַז ער האָט זיך אומיסטן אַרײַנגעשניטן אַ צלם אין פלייש, כּדי צו באַווײַזן זײַן קריסטלעכע פרומקייט. אין דער אמתן איז דער גלח, אין פּריוואַטן לעבן זײַנעם, געווען אַ גרויסער בעל־עבירהניק.

★

צווישן די באָרשער פרומע ייִדן איז אויך געווען אַ „מאַפּיע", ייִדן וואָס זענען געווען אין שטאַנד אָפּצוטאָן פאַרברעכנס. מ׳האָט זיי גערופן „מלווה־מלכּה", וואָרעם זיי פלעגן אָפּטאָן זייערע מעשׂים שבת־צו־נאַכטס, ווען אַנדערע ייִדן האָבן געפּראַוועט מלווה־מלכּה.

געווען מענטשן וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט אָט דער מאַפּיע, ווען זיי האָבן זיך געוואָלט אין עמעצן נוקם זײַן. אַגבֿ, זענען די מלווה־מלכּה־ייִדן געגאַנגען אָנגעטאָן אין שטרײַמלעך און קאַפּאָ־טעס, פּונקט ווי אַלע ייִדן אין באָרשע.

וואָס זענען געווען זייערע מעשׂים? זיי האָבן אונטערגעצונדן בײַ אַ ייִדן צי בײַ אַ גוי די שטאַל מיט בהמות; זיי האָבן אָפּגעשניטן די צונג בײַ דער קו פון דעם וואָס זיי האָבן געוואָלט באַשטראָפן; איין מאָל האָבן זיי אַפילו געהרגעט דעם בירגער־מײַסטער, וואָס מ׳האָט אים געהאַלטן פאַר אַן אַנטיסעמיט.

אין אַ נאַכט האָבן זיי אים אָפּגעוואַרט ערגעץ אין דער

פינצטער, אַרויפגעוואָרפן אויף אים אַ זאַק און אים דערהרגעט. די פּאָליציי האָט נישט געקענט דערגיין ווער ס׳איז געווען דער מערדער. מ׳האָט אַרעסטירט אַ ייִד אַ קצב און אים פאַרמישפּט אויף לעבנס-לאַנגער תּפיסה. דער קייסער פראַנץ-יאָזעף האָט רעדוצירט די שטראָף אויף צוועלף יאָר, אָבער דער קצב איז אין צווישן געשטאָרבן אין תּפיסה.

די מאַפּיע האָט אויסגעהאַלטן דעם קצבס משפּחה די גאַנצע צייַט וויפל יענער איז געזעסן. פאַרט ייִדן בני-רחמנים! איך געדענק ווי מע פלעגט זיך שושקען וועגן די מלווה-מלכּה-ייִדן, וואָס איז געווען סינאָנים מיט נישט קיין ערלעכע מענטשן. פרטים וועגן זיי האָבן איך זיך ערשט דערוווּסט ווען כ׳בין עלטער געוואָרן, און כ׳האָב טאַקע אָנגעהויבן זיך צו פאַראינטערעסירן ווער די ייִדן זענען געווען, וואָס מ׳האָט זיי באַצייכנט ווי מלווה-מלכּה.

★

אַנטקעגן איבער אונדזער הויז האָט געוווינט די מומע טויבע, דער באָבע שאָסעס אַ שוועסטער. איר מאַן איז געווען אַ ליטוואַק, אַ תּלמיד-חכם, וואָס איז געזעסן טאָג און נאַכט און רק געלערנט. די מומע האָט געפירט אַ קרעטשמע און פון דעם האָט מען געהאַט פּרנסה.

צווישן די גויים וואָס פלעגן אַרײַנקומען אין קרעטשמע טרינקען, איז אויך געווען איינער, זייער אַ רײַכער גוי, מיטן נאָמען קאַזאַ. ער האָט געהאַט פעלדער און שאָף און בהמות, נאָר קיין ווײַב האָט ער נישט געהאַט. פון דעסטוועגן האָט מען געזאָגט, אַז ער האָט הונדערטער ממזרים פון אַ סך פרויען מיט וועלכע ער האָט געלעבט.

אַט דער קאַזאַ האָט אויך פאַרפירט די טאָכטער פון מײַן מומע טויבע, אַ מיידל פון אַ יאָר 16. אין דער אמתן ווייס איך נישט אויף געווי צי ר׳האָט זי טאַקע גענומען מיט גוואַלד, צי זי איז דערויף מסכּים געווען. בכל-אופן איז זי טראָגעדיק געוואָרן. מ׳האָט עס געהאַלטן בסוד, ביז זי איז געלעגן געוואָרן און מ׳האָט דאָס עופעלע באַלד דערשטיקט אויף טויט. ס׳האָט געהייסן אַז די מלווה-מלכּה-ייִדן האָבן געהאַט די האַנט אין שפּיל.

דער פֿאָטער פֿון קינד, דער קאָזאָ, האָט זיך ווײַזט אויס דערוווּסט פֿון דער מעשׂה און געמסרט אין זשאַנדאַרמעריע. דער עיקר — מ׳האָט די מומע טויבע מיט איר מאַן דעם ליטוואַק דורכגעפּירט איבער דער גאַס ווי פֿאַרברעכערס.

מ׳האָט דעם גאַנצן ענין צוגעדעקט מיט באַקשיש, אָבער פֿון דעסטוועגן איז געווען שווער צו לעבן אין באַרשע מיט אַזאַ מין פֿלעק. די טאָכטער, לאה־יענטע האָט זי געהייסן, האָט מען אַוועקגעשיקט קיין אַמעריקע און זי האָט טאַקע דאָרטן חתונה געהאַט. זי האָט זיך אומגעקערט אַהיים, אָבער נישט קיין באַרשע, נאָר אין די ווישעוועס. דאָרטן האָט זי געשמט מיט איר פֿרומקייט, זיך אַפֿילו געוואָרפֿן אין די אויגן מיט דער פֿרומקייט.

די מעשׂה איז געשען נאָך איידער איך בין געבוירן געוואָרן, אָבער איך געדענק ווי מע פֿלעגט אין שטוב רעדן מיט רמזים וועגן דער לאה־יענטע און איר טראַגעדיע. שפּעטער האָט מיר די מאַמע דערציילט די גאַנצע מעשׂה.

בר־מיצווה

בײַ אונדז אין באַרשע האָט מען פון אַ בר־מיצווה־ייִנגל נישט געמאַכט אַזאַ צימעס ווי הײַנטיקע טעג, דאָ אין ישראל. אַלץ איז צוגעגאַנגען פשוט, אָן צערעמאָניעס. אַוודאי האָב איך זיך מיט אַ מאָל דערפילט אַ דערוואַקסענער, גלײַך מיט אַלע ייִדן, ראוי צו מנין. מחויב אָפּצוהיטן אַלע מיצוות.

אין טאָג פון מײַן בר־מיצווה האָב איך צום ערשטן מאָל געלייגט תפילין אין שול. שבת האָט מען מיך אויפגערופן צו דער תורה און מיר געגעבן מפטיר. דער טאַטע האָט געזאָגט „ברוך שפטרני" און נאָכן דאַווענען האָט מען געגעבן קידוש, אָנגעווונטשן כ'זאָל אויסוואַקסן אַ פרומער ייִד און גיין אויפן דרך־הישר. כ'האָב געהאַלטן אַ דרשה, ווי ס'איז געווען דער מינהג, וואָס דער מלמד האָט זי פאַר מיר צוגעגרייט. אַ דרשה גג על גג, ווי מען פלעג זאָגן, וואָס האָט לחלוטין נישט געפּאַסט אין מויל פון אַ דרײַצן־יעריק ייִנגל. דער מלמד האָט אַרײַנגעפלאָכטן פסוקים פון דער הפטורה, מיט שקלא־וטריא, פאַרבראָקט מיט אַ פּשטל, וואָס האָט געדאַרפט מלמד־זכות זײַן אויף דוד המלך, וואָרעם די הפטורה איז גראָד געווען פון מלכים א׳, וווּ עס ווערט געזאָגט והמלך דוד זקן בא בימים, און ווײַל דוד המלך איז געוואָרן אַלט און באַטאָגט, האָבן זײַנע קנעכט געפונען פאַר אים אַ נערה בתולה, וואָס זאָל אים אָנוואַרעמען. דאָס איז געווען די אַבישג השונמית — נערה יפה בכל גבול ישראל — אַ שיין מיידל אין גאַנצן געמאַרק פון ישראל — ויביאו אותה למלך — און האָבן זי געבראַכט צום מלך.

די דרשה האָט אויך געהאַט אַ שײַכות צו דוד המלכס זינד מיט בת־שבע און האָט אויך דערמאָנט דעם משל פון נתן הנביא וועגן כבשת הראש. דער אויספיר איז געווען די גמרא: האומר

דוד חטא אינו אלא טועה. בכלל, געדענק איך, האָט דער מלמד אַריינגעוועבט אין מײַן דרשה מער פּסוקים פון דער סדרה, חיי שרה, ווי פון דער הפטורה, און געענדיקט האָט זיך די דרשה מיט די ווערטער: אין זכות פון תּהילים איז דוד המלך דער נעים זמירות ישראל.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך נאָך פאַר בר־מיצווה נישט איבעריק ליב געהאַט צו דאַוונען. כ׳האָב פײַנט געהאַט צו בעטן טובות — נישט בײַ טאַטע־מאַמע און נישט בײַם רבונו־של־עולם. כ׳האָב נישט געוואָלט מען זאָל אויף מיר רחמנות האָבן און זאָב נישט פאַר־שטאַנען פאַר וואָס איך דאַרף זיך קלאַפּן על־חטא פאַר זינד, וואָס כ׳האָב זיי קיין מאָל אין מײַן לעבן נישט באַגאַנגען. נאָענט צום האַרצן זענען מיר געווען, למשל, די ווערטער פון דער תּפילה וואָס מע זאָגט צו נעילה, יום־כּיפּור: אזכרה אלוהים ואהמיה. בראותי כל עיר על תלה בנויה. ועיר האלוהים מושפלת עד שאול תחתיה — מיט זייער פּירוש עברי־טײַטש: איך טו געדענקען אָן גאָט און טו ברומען און שרײַען מיט תּפילה צו אים, אַז איך זע ווי אַנדערע שטעט זענען אויפגעבויט, נאָר גאָטס שטאָט ירושלים איז געוואָרן גענידערט ביז דעם אונטערשטן גרונט.

אין יענעם טאָג ווען כ׳בין געוואָרן בר־מיצווה, געדענק איך, האָב איך זיך פּירגעגומען צו ווערן פרום, צו דאַוו׳ענען מיט כּוונה און צו זאָגן תּהילים, נאָר די ספקות האָבן שטיל־ערהייט געגראָבן אין מײַן נשמה: היתּכן, דוד המלך איז גאָר געווען אַ רודף־נשים, אַ בעל־עבירה? אויף די אַלטע יאָרן האָט זיך אים גאָר פאַרגלוסט אַ יונגע שיינע בתולה אין בעט! מײַנע זיידעס, מײַנע פעטערס, מײַן טאַטע זענען דאָך גרעסערע צדיקים, וואָרעם זיי וואָלטן קיין מאָל נישט אָפּגעטאָן אַזאַ זאַך.

כ׳האָב געפּרוווט פאַרטרײַבן די ספקות און די זינדיקע געדאַנ־קען וואָס האָבן זיך אַרײַנגעגנבעט אין מוח. כ׳פלעג אַ כאַפּ טאָן דאָס תּהילימל און אַראָפּזאָגן עטלעכע קאַפּיטלעך. דאָס האָט אָבער ווייניק געהאָלפן. אין יענער צײַט האָבן אויך אָנגעהויבן צו רײַפן אין מיר די עראָטישע אינסטינקטן און מיידל־געשטאַלטן האָבן אַרײַנגעשטורעמט אין מײַנע חלומות און פאַנטאַזיעס. איך געדענק

אַז אַפילו דעמאָלט ווען מע פלעג אַרויסנעמען די ספר־תּורה פון אָרון־קודש, אין סאַמעטענעם מענטעלע אַרומגעבונדן מיט אַ גאַרטל, האָט מיר דער יצר־הרע גאָר אַ שטעל געטאָן פאַר די אויגן די געשטאַלט פון אַ מיידל און אין מײַנע מחשבות האָב איך זי געזען אין איר נאַקעטקייט. פאַר התפעלות פלעג איך שטאַרק פאַרמאַכן די אויגן און מורמלען קאַפּיטלעך תּהילים.

כ׳האָב אַלץ נישט געקענט דאַווענען מיט חשק און התלהבות, ווי אַנדערע ייִנגלעך אין מײַן עלטער. כ׳האָב געלייגט תּפילין, אַרײַנגעקוקט אין סידור, נאָר זיך נישט געקענט דערוואַרעמען מיט די תּפילות. אפשר דערפאַר ווײַל כ׳האָב נישט געהאַט קיין קול־נגינה ווי מײַנע ברידער, וואָס זענען געווען משוררים, געזונגען מיטן בעל־תּפילה, און שבת בײַם טיש, געזונגען זמירות. און כ׳האָב אויך מקנא געווען אַנדערע ייִנגלעך פאַר זייערע געקרײַזלטע פאות, ווײַל מײַנע גלאַטיקע פאהקעלעך האָבן זיך מיר אויסגעוויזן ווי גוייִשע הערלעך.

אין ישיבה

שפּעטער מיט עטלעכע חדשים האָט מען מיך געשיקט אין ישיבה קיין ווישעול דע סוס, אַ שטאָט אין מאַרמאַרעש, וואָס האָט געהייסן בײַ ייִדן אויבערווישעוו. דאָס איז אין מאַרמאַרעש געווען די גרעסטע שטאָט נאָך סיגעט און האָט געהאַט צוויי שוועסטערשעט, וואָס האָבן געהייסן מיטלווישעוו און אונטערווישעוו, און אַלע דרײַ צוזאַמען — די ווישעווס. אין אויבערווישעוו איז געווען אַ גימנאַזיע, אַ קרײַזגעריכט און אַ גרויסע ישיבה, וווּ ס'האָבן געלערנט פיר הונדערט בחורים. ראָש־ישיבה איז געווען ר׳ מענדעלע האַגער, אַ זון פון דעם וויזשניצער רבי, דער אהבת־ישראל, אַ גאָון און אַ קנאָי.

איידער איך בין געפאָרן אין ישיבה האָט מיך די מאַמע פאַרזאָרגט מיט „טעג" בײַ קרובים פון איר צד און פון טאַטנס צד. פרײַטיק און שבת האָב איך געגעסן בײַ דער מאַמעס אַ שוועסטער־קינד, אַן עסיק־פאַבריקאַנט, אַ גביר. ר'האָט געהייסן יהושע גאַנץ. זײַן ווײַב איז געווען אַ קאַלאָמייער, און ווי דער שטייגער בײַ די גאַליציאַנער, האָט זי געקאָכט אַ סך פעטע מאכלים, דער עיקר אַ פעטן טשאָלנט. פלעג איך עסן די פעטע געקעכצן און פאַרטרינקען מיט קאַלט וואַסער, ביז כ'בין דערפון קראַנק געוואָרן אויפן מאָגן, אַ קרענק וואָס דערמאָנט מיך עד־היום אין יענע פעטע מאכלים.

זונטיק האָב איך געגעסן בײַ אַן אַנדער קרוב, אַ געוועלבער. אַ גאַנצן טאָג איז ער אין איינעם מיט זײַן ווײַב געווען פאַרנומען אין געוועלב און ווען איך פלעג קומען עסן נאַכטמאָל, האָט מען מיר דערלאַנגט קאַלטע קרעפּלעך מיט קעז, אַ מאכל וואָס כ'האָב שטאַרק פײַנט געהאַט. וואָס איך האָב געטאָן? איך האָב געהאַט צוויי קעשענעס, איינע אַ מילכיקע און איינע אַ פליישיקע, און ווען

ס'האָט געטראָפֿן אַז כ'האָב עפּעס אָן עסן נישט געקענט אַראָפּשלינגען, פֿלעג איך עס אַרײַנלייגן אין קעשענע. אַזוי האָב איך געטאָן אויך מיט די קרעפּלעך. אין דרויסן האָב איך זיך נוקם געווען און איטלעכס קרעפּל באַזונדער אויפֿגעהאַנגען אויף די שפּיציקע שטעכלדראָטן איבער אַ פּלויט. ווײַזט אויס אַז די בעל־הביתטע, דעם קרובס ווײַב, האָט איין מאָל דערקענט אירע קרעפּלעך אויפֿן פּלויט, ווײַל פֿון דעמאָלט אָן האָב איך בײַ איר אַזאַ מאכל מער נישט געזען.

אַ צווייטן טאָג האָב איך געגעסן בײַ מײַן פֿעטער ברוך גאַנץ, דעם זיידע יאָנטלס אַ ברודער. מ'איז געווען דאָרטן קאַרג, זיך נישט פֿאַרגונען מיר אײַנצוּוויקלען די צוויי שטיקלעך ברויט מיט פֿאָווידלע וואָס מע פֿלעג מיר מיטגעבן כ'זאָל עסן נאָכטמאָל, אין אַ שטיקל פּאַפּיר. פֿלעג איך זיך שעמען צו גיין אין גאַס מיטן ברויט אין די הענט און האָב עס אַלע מאָל אַרונטערגערוקט הינטערן וועסטל, ביז ס'איז אָנגעוואַקסן אַ היפּשער שיכט פֿאַרטרוקנטע פֿאָווידלע אויפֿן אונטערשלאַק. שפּעטער האָב איך געוויזן דער מאַמען דאָס וועסטל מיט די סימנים פֿון איר קרובס קאַרגשאַפֿט.

אין ישיבה האָט מען געלערנט אַ גאַנצן טאָג. אין אָוונט האָט דער ראָש־ישיבה געזאָגט דעם שיעור און מ'האָט געמוזט האָבן גאָר טיפֿע השגות אין לערנען, כּדי אים צו פֿאַרשטיין. אַחוץ גמרא מיט תּוספֿות פֿלעג ער אויך ברענגען שאלות־ותשובות פֿון יורה־דעה און חושן משפּט, און צו מאָל פֿלעג ער אונדז אַרײַנפֿירן אין מוסר־ספֿרים, אין חובֿת־הלבבֿות און ראשית־חכמה, מיט רמזים פֿון זוהר און אַנדערע קבלה־ספֿרים.

אײַנקוואַרטירט זענען מיר געווען אין פּריוואַטע הײַזער, וווּ מ'האָט באַצאָלט דירה־געלט און מ'איז געשלאָפֿן צו צוויי אין אַ בעט. דאָנערשטיק האָט דער רבי אונדז פֿאַרהערט און איטלעכן געגעבן אַ נאָטע, נישט קיין צאָל, נאָר אַ פּסוק, פֿון וועלכן מ'האָט געדאַרפֿט פֿאַרשטיין ווי ווײַט ער איז צופֿרידן מיט אונדזער לערנען. איך געדענק, למשל, ווי איך האָב פֿאַרענטפֿערט די סוגיא פֿון יין־נסך, בעת מיר האָבן געלערנט די מסכתא עבֿודה־זרה. — צי ווערט

פון בשרן וויַן יין־נסך, אויב מע גיסט אים אַריַין אין אַ כלי פון יין־נסך — מיטן גאַנצן פּילפּול פון די ראשונים און אחרונים. איך האָב די סוגיא, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: אמר רב הוניא... געקענט אויף אויסנווייניק, און נאָכן פאַרהער האָט דער רבי מיר אַריַינגעשריבן דעם פּסוק „ישראל אשר בך יתפאר".

נאָך די דריַי יאָר וואָס כ'האָב געלערנט אין ישיבה בין איך כמעט געווען גרייט צו באַקומען סמיכה, צו ווערן רב. מיַין לעבן האָט אָבער פאַרקערעוועט אין גאָר אַן אַנדער ריכטונג. איך געדענק אַז מיט יאָרן שפּעטער, ווען כ'בין שוין אין גאַנצן געווען אַרויס־געוואַקסן פון דער רעליגיעזער סביבה, איז מיַין אַמאָליקער רבי, ר' מענדעלע האַגער, געקומען צו גאַסט קיין טשערנאָוויץ, ווו כ'האָב דעמאָלט געלעבט. איך בין אים געגאַנגען באַגריסן. ווי ער האָט מיך דערזען, האָט ער אַ זאָג געטאָן: הזאת נעמי?...

איך וויל אויך דערמאָנען צוויי געשעענישן וואָס האָבן אויפ־גערודערט די גאַנצע ישיבה און האָבן אַפילו געהאַט אַ וויַיטערן אָפּקלאַנג.

אין ישיבה האָבן געלערנט בחורים צווישן דריַיצן און ניַינצן יאָר, ביז זיי האָבן חתונה געהאַט, און געשלאָפן איז מען, ווי כ'האָב שוין פריִער דערציילט, צו צוויי אין אַ בעט, ביַי די בעלי־בתּים ווו מ'איז געווען איַינקוואַרטירט. האָבן זיך צוויי בחורים צעקריגט און איינער פון זיי איז געגאַנגען צום רבין בעטן אַ תשובה, מחמת ר'האָט געזינדיקט מיט משכּב־זכור. ס'איז, פאַרשטייט זיך, געוואָרן אַ מהומה און מ'איז דערגאַנגען אַז ס'איז נישט דער ערשטער פאַל פון האָמאָסעקסועלע באַציִונגען אין דער ישיבה. פון דעמאָלט אָן האָט דער ראָש־ישיבה פאַרבאָטן אַז די בחורים זאָלן שלאָפן צו צוויי אין אַ בעט.

די צווייטע זאַך וואָס איך וויל דערמאָנען האָט געהאַט אַ בריַיטערן אָפּקלאַנג און איז פאַר זיך אַליין אַן ענין פאַר אַ שפּאַנענ־דיקן ראָמאַן. אין ישיבה האָט געלערנט איינער, מעבל־איציק ווידער ט'ער געהייסן. ער האָט געהאַט אַ שם ווי אַן עילוי. פּלוצעם האָט ער אויסגעביטן דאָס רענדל, זיך אָפּגעשמדט און שפּעטער אַפילו

אַנגעטאָן די גלחישע סוטאַנע און געפּריידיקט אין קלויסטער. און אפשר איז דאָס ווייניק, האָט דער ישיבה־בחור, דער משומד, אָנגעהויבן צו שרײַבן כּל מיני מאמרים וועגן תּורה און תּלמוד אין דער רומענישער עקסטרעם־אַנטיסעמיטישער צײַטונג „פּאָרונקאַ ורעמי", דער אָרגאַן פון דער „אײַזערנער גוואַרדיע", וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין די פּאָגראָמען קעגן ייִדן. מ׳קען זיך משער זײַן וואָס פאַר אַ רושם דאָס האָט געמאַכט אויף ייִדן בכלל און אויף דער ישיבה מיט אירע מנהיגים בפרט.

דעם סוף פון אָט דער מעשה בין איך געוווּיר געוואָרן שוין דאָ אין ישראל, פון מײַן אַמאָליקן חבר, הרב ר׳ לייבוש־בער האַלפּערט. ער האָט מיר דערציילט, אַז דער מעבל־איציק האָט נאָך דער מלחמה אַלץ אָוועקגעוואָרפן און האָט אָנגעהויבן תּשובה טאָן. ר׳האָט זיך פאַרענטפערט אַז ר׳האָט געזוכט אין קריסטנטום די אמתע קדושה, נאָר סוף־כּל־סוף איז ער געקומען צו דער מסקנא אַז אמתע קדושה איז טאַקע נאָר פאַראַן אין ייִדישקייט, אין ייִדישער אמונה.

ער האָט זיך פאַרקליבן ווי אַ בעל־תּשובה אין אַלטן בית־הכּנסת אין צפת, געשלאָפן דאָרטן אויף אַ האַרטער באַנק און זיך געשפּײַזט בלויז מיט ברויט און וואַסער. ביזן טויט האָט ער אַזוי געלעבט, טאָג און נאַכט געלערנט, און געבעטן בײַ גאָט ער זאָל אים מוחל זײַן די חטאים.

יציאת־באָרשע

נאָך פּורים, בעת ייִדן האָבן זיך געגרייט צו פּסח, לזכר יציאת־מצרים, האָב איך מיט מײַן משפּחה איבערגעלעבט יציאת־באָרשע. דער וועג איבערן פּריסלאָפּ, מיט זײַנע מסוכּנדיקע סערפּענטינען, איז נאָך געלעגן אַ פֿאַרשנייטער און די נסיעה איז געווען ממש סכּנת־נפשות. דער טאַטע האָט אָבער דווקא געוואָלט אַז מיר זאָלן אויף פּסח שוין זײַן אין דער נײַער היים, אין דער בוקאָווינע, אין שטעטל גורא־הומאָרולוי. ער האָט שוין געהאַט געדונגען דאָרטן, אין הומאָר — ווי דאָס שטעטל האָט געהייסן בײַ ייִדן — אַ דירה, און האָט שוין געוואָלט אָנהייבן אַ נײַ לעבן.

מיר זענען געווען צען קינדער. די עלטסטע שוועסטער, פּערל, פּעקאַ, ווי מיר האָבן זי גערופֿן, האָט שוין געהאַט חתונה געהאַט, און איר בכור יחזקאל איז געווען מיט אַ יאָר עלטער ווי דאָס ייִנגסטע ברודערל אונדזערס, יאַנקל. אַריבערפּעקלען אַזאַ משפּחה איבערן באַרג, אין איינעם מיט די בעבעכעס, איז נישט געווען פֿון די גרינגע זאַכן. דער טאַטע האָט געדונגען דרײַ שליטנס. אין צוויי שליטנס האָבן מיר זיך צונויפֿגערוקט, די גאַנצע משפּחה, אײַנגע־וויקלטע אין שאָפּנפּעלצן און אײַנגעדעקטע, אין דריטן שליטן האָט דער גוייִשער פֿורמאַן אויפֿגעלאָדן די מעבל און די איבעריקע שטובזאַכן. אַזוי זענען מיר געפֿאָרן אַן ערך פֿיר און צוואַנציק שעה פֿון באָרשע קיין הומאָר, אַ מהלך פֿון 120 קילאָמעטער.

דער דריטער שליטן מיט די זאַכן איז אָנגעקומען שפּעטער. און איך געדענק דאָס עגמת־נפש וואָס מיר האָבן געהאַט, ווען מיר האָבן דערזען אַז דער קאַסטן מיטן בעטגעוואַנט, מיט דער וועש און מיטן אָנגעטועכץ פֿאַר די צען קינדער — איז נעלם געוואָרן. דער פֿורמאַן האָט געטענהט אַז מ'האָט אים באַגנבעט,

אַבער מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז ער האָט די זאַכן פאַרקויפט אונטער וועגס. מ׳האָט דעם גוי געגומען צו דער פּאָליציי, אים אָפּגעהאַלטן דאָרטן עטלעכע טעג און אים אַרויסגעלאָזט. מיר זענען געבליבן מיטן שאָדן.

קיין געלט צו קויפן נייע זאַכן האָט דער טאַטע נישט געהאַט. האָט ער געפונען אַ באַקאַנטן ייִדן וואָס זאָל ערב זיין פאַר אים ביי אַ סוחר אין אַ געשעפט, און אויף אַזאַ אופן האָט ער איינגע־קויפט דאָס נייטיקסטע אויף קרעדיט.

דער קאַפּיטל באָרשע אין מיין לעבן האָט זיך געענדיקט. די בוקאָווינע איז, אַפילו אין יענע יאָרן, געווען אַן אַנדערע וועלט, און ס׳האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן אַ ניי לעבן.

בוקאָווינע, די היים פון

„שטורעם און דראַנג״

אין בוקאָווינער שטעטל גורא־הומאָרולוי זענען די ייִדן געווען אַן ערך פערציק פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. אַנדערע פערציק פּראָצענט זענען געווען דייַטשן, און דער רעשט — רומענער. הגם די בוקאָווינע איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געוואָרן אַ רומענישע פּראָווינץ, האָבן ייִדן ממשיך געווען צו רעדן דייַטש, ווי אין פראַנץ־יאָזעפס צייַטן.

דאָס שטעטל איז געלעגן צופוסנס די קאַרפּאַטן, אַרויפגעקוקט פון איין זייַט צו די וווּנדערלעכע סאָסנעוועלדער, און אַראָפּגעקוקט פון דער צווייטער זייַט צו די רייַכע פעלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן קיין צפון, אויפן וועג קיין טשערנאָוויץ, און קיין מיזרח, צו דער אַלט־רומענישער גרענעץ, אויפן וועג קיין פּאַלטיטשען. מחמת דער ריינער און מילדער לופט, אַ געלייַטערטע דורך די וועלדער, איז מען זומערצייַט געקומען ווי אין אַ קוראָרט, דער עיקר לונגען־קראַנקע, און צווישן זיי אַ סך בעסאַראַבער ייִדן.

די גויים אין דער גאַנצער אַרומיקער געגנט האָבן זיך פאַר־נומען מיט לאַנדווירטשאַפט, בעת דער האַנדל איז געווען אין ייִדישע הענט. ס׳רוב געשעפטן זענען געווען ייִדישע. די דרייַ דייַטשע געשעפטן האָבן טאַקע אויסגעזען שענער און זענען אויך געווען בעסער אָרגאַניזירט ווי די ייִדישע געשעפטן, אָבער זיי האָבן זיך קוים געקענט פאַרמעסטן מיט די ייִדישע סוחרים אין דער שווערער קאָנקורענץ.

איין מאָל אין דער וואָך האָט זיך געשטעלט אַ יאַריד, ווו עס

פלעגן זיך צונויפפאָרן די פּויערים פון דער געגנט מיט זייערע פּראָדוקטן — פּוטער און קעז, גרינצייַג און קאַרטאָפל, פּירות און יאַגדעס, עופות און בהמות, פון כּל־הגוטס. נאָך דעם ווי זיי האָבן פאַרקויפט די סחורה, זענען די פּויערים געגאַנגען פון איין געוועלב אין צווייטן זוכן מציאות, און ייִדן האָבן געלייזט געלט. די קונים האָבן זיך לאַנג געדונגען ביז מ'האָט אײַנגעהאַנדלט די סחורה, און איטלעכער געוועלבער האָט זיך געלייגט אין דרייַען, ווי מע פלעג זאָגן אין דער בוקאָווינע, צו באַווייַזן אַז בייַ אים איז ביליקער ווי בייַם שכן. דער דעוויז איז בדרך־כּלל געווען: נישט אַרויסלאָזן קיין קונה, און נישט תּמיד איז אַלץ צוגעגאַנגען כּשר־וישר.

ייִדן האָבן געהאַט פּרנסה; בפרט אין פאַרגלייַך מיטן מצב פון די ייִדן אין באָרשע. כאָטש דער מרחק פון באָרשע קיין גורא־הומאָרולוי איז בסך־הכּל געווען 120 קילאָמעטער, איז צווישן די צוויי מקומות געווען אַ חילוק ווי צווישן טאָג און נאַכט אין יעדן תּחום: אין לעבנס־שטייגער, אין קולטור, אין פּרנסה, אין ליבעראַ־ליזם. דער גרעסטער טייל פון די אַן ערך דרייַ טויזנט ייִדן וואָס האָבן געוווינט אין שטעטל, האָבן זיך געפירט מאָדערן: ס'רוב — נישט קיין באָרד־און־פּאות, נישט קיין שטרייַמלעך, און די ווייַבער — אָן שייַטלען. די קינדער זענען געגאַנגען אין די מלוכישע פאָלקס־שולן און מיטלשולן. לפּנים האָבן ייִדן געהאַט אַלע רעכט, אָבער אין דער אמתן האָבן זיי אונטער אַלע רומענישע רעגירונגען געליטן פון אַנטיסעמיטיזם. די גוייִשע לערערס האָבן געמאַכט גרויסע שוועריקייטן פאַר ייִדישע קינדער בייַ דער מאַטוראַ, און דער וועג אין אוניווערסיטעט איז פאַרן רוב, באַזונדערס אין מעדיצין, געווען פאַרשלאָסן. אָבער ייִדן האָבן זיך געגעבן אַן עצה: מ'האָט געשיקט די קינדער קיין פראַנקרייַך אָדער קיין איטאַליע, אַבי צו מאַכן פון זיי אַ לייַט, זיי לאָזן שטודירן. אַפילו אָרעמע משפּחות האָבן זיך מקריב געווען צו מאַכן פון די קינדער דאָקטוירים.

די וויזשניצער און די סאַדעגערער חסידים האָבן געהאַט אין גורא־הומאָרולוי זייערע שטיבלעך. אַחוץ דעם זענען נאָך געווען צוויי שולן, ווו ס'האָבן געדאַוונט אַלע ייִדן. פאַרשטייט זיך אַז מייַן טאַטע איז געגאַנגען צו די וויזשניצער, ווו ער האָט געהאַט פרייַנד

און באַקאַנטע, וואָס ער האָט זיי געהאַט באַגעגנט בײַם רבינס טיש.

געזעלשאַפטלעך האָבן זיך די ייִדן אין שטעטל אויסגעלעבט אין פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, ציוניסטישע און סאָציאַליסטישע, רעליגיעזע און וועלטלעכע. בײַ דער אינטעליגענץ האָט נאָך געהערשט די דײַטשע קולטור און כּמעט אין איטלעכער שטוב האָט מען געקענט געפינען די דײַטשע קלאַסיקערס און דײַטשע צײַטונגען, וואָס מ'האָט באַשטעלט פון טשערנאָוויץ.

ייִדיש האָבן אַלע גערעדט, אָבער מיט ייִדיש־קולטור האָבן זיך פאַראינטערעסירט בפרט די פּועלי־ציוניסטן און די בונדיסטן. אַ סך האָבן געלייענט די „טשערנאָוויצער בלעטער" וואָס ש. א. סופר האָט אַרויסגעגעבן און אייניצלנע האָבן אַפילו באַשטעלט דעם „הײַנט" פון וואַרשע. בכלל זענען מיר געווען אונטער דער השפּעה פון דעם פאַרצווײַגטן ייִדישן קולטור־לעבן אין טשערנאָוויץ. אין שטעטל איז ממש געווען אַ יום־טוב אַז ס'פלעג קומען אַ ייִדיש טעאַטער, שוין אָפּגערעדט אַז ס'איז געקומען די ווילנער טרופּע, אָדער הערץ גראָסבאַרד האָט געגעבן אַ רעציטאַציע־אָוונט.

כּדאַי צו דערמאָנען, אַז אַ היפּשע צאָל ייִדן פון יענער בוקאָ־ווינער געגנט, סײַ פון די קליינע שטעטלעך סײַ פון טשערנאָוויץ גופא, האָבן זיך שפּעטער קונה־שם געווען אין פאַרשיידענע תּחומים, דאָ אין ארץ־ישראל און טאַקע אויף דער גאָרער וועלט. פון אַ מקום לעבן גוראַ־הומאָרולוי, האָט געשטאַמט ד"ר חיים שיבער (שיבאַ), דער גרינדער פונעם שפּיטאָל תּל־השומר, וואָס טראָגט טאַקע הײַנט זײַן נאָמען. זײַן טאַטע, מיכאל שיבער און זײַן פעטער, משה שיבער, פּרומע ייִדן דווקא האָבן פאַרמאָגט דאָרטן אַ גרויסע ברעטערזעג; בן־גוריונס ערשטער רעגירונג־סעקרעטאַר און שפּעטער פינאַנץ־מיניסטער זאב שערף, האָט אויך געשטאַמט פון יענער געגנט; דעסט גלײַכן — יצחק בן־אַהרון און יצחק אַרצי; אַ בוקאָווינערין איז אויך די באַקאַנטע אַרכיטעקטין דורה גת; פון די בוקאָווינער וואָס זענען געוואָרן וועלטנעמען, וויל איך בלויז דערמאָנען דעם טשערנאָוויצער פּאָעט פּאַול צעלאַן; נאָר דעם גאַנצן ייִחוס פון דער בוקאָווינע האָב איך נישט בדעה אויס־צורעכענען.

אין דער ערשטער צײַט זענען מיר געווען ממש ווי עמיגראַנטן, גרינע. קיין דײַטש האָבן מיר נישט געקענט און ייִדיש האָבן מיר גערעדט מיט אונדזער מאַרמאַרעשער הברה, וואָס די אײַנגעזעסענע בוקאָווינער פלעגן אָפט לאַכן פון איר. מיר האָבן געהאַט אַן אַנדערע מענטאַליטעט און האָבן געלעבט אויף אַן אַנדערן שטייגער. דעריבער איז דאָס צופּאַסן זיך אונדז נישט אָנגעקומען גרינג.

נאָך עטלעכע חדשים האָט דער טאַטע באַשלאָסן מיך צוריק־צושיקן אין ישיבה. ר׳האָט נאָר געוואָלט איך זאָל אים אַרויסהעלפן בײַם אָנהייב אין דער נײַער אונטערנעמונג. און כּדי איך זאָל נישט מאַכן קיין צו גרויסע הפסקה אין לערנען, האָט ער מיך דערווײַל געשיקט צום אָרטיקן רב, הרב בב״ד. ער האָט געשטאַמט פון גרויסן ייִחוס און איז דערבײַ געווען אַ מענטש מיט אַ פּיל־זײַטיקער בילדונג. ער האָט מיך זייער פרײַנדלעך אויפגענומען און מיך געלויבט פאַר מײַן בקיאות אין גמרא און יורה־דעה.

דער רב האָט מיך אַרײַנגעפירט אין רמב״מס משנה־תורה און דערמיט געעפנט פאַר מיר אַ גאָר נײַע וועלט. צום ערשטן מאָל האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן ווײַטער און טיפער וועגן קיום פון תורה און פון די מיצוות. מיט מײַן נטיה צו גריבלעניש און זוכעניש האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן ווײַטער און טיפער וועגן קיום פון דער וועלט און אין מײַן האַרץ האָבן זיך דערוועקט כּל־מיני ספקות אין שײַכות מיט דעם ויאמר אלהים יהי אור און דעם וירא אלהים את האור כי טוב . . .

מײַנע ספקות האָבן זיך נאָך מער פאַרטיפט אונטער דער השפעה פונעם רבס זון, משה, וואָס האָט פאַר מיר געעפנט די טויערן פון פילאָסאָפיע. ער האָט מיר דערקלערט אַז דער רמב״ם האָט גאָר געשאַפן אַ סינטעז צווישן אַריסטאָס פילאָסאָפיע און דער תורה. פון אים האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט וועגן שפּינאָזע, וועגן קאַנט, שאָפּענהויער און ניטשע.

נישט דער רב און נישט זײַן זון האָבן געזען דעם ויתרוצצו וואָס איז אין מיר אָנגעגאַנגען, וואָס פאַר אַ גײַסטיקער פּראָצעס ס׳האָט אָנגעהויבן אין מיר יוירן און ווּהין מײַנע גריבלענישן וועלן מיך דערפירן.

אַט דער אויפגעקלערטער משה בב״ד האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט אַ פרומער רבנישער טאָכטער און איז אַליין אויך אַריינגעפאַלן אין אַ פאַנאַטישער פרומקייט. נאָך דער מלחמה איז ער געקומען אין ישראל און זיך דאָ באַזעצט אין מאה־שערים. ער האָט נישט געהאַט קיין קינדער און האָט געלעבט אין גרויס אָרעמקייט. ער האָט אָבער קיין מאָל פון מיר נישט געוואָלט אָננעמען קיין הילף. אַזוי איז ער טאַקע געשטאָרבן אַן עלנטער, ווי אַ קרבן פון זיין ווייבס פאַנאַטיזם און קנאות.

צוריק אין ישיבה

די נײַע סביבה אין דער בוקאָווינע האָט בײַ מיר אויפגעוועקט אַ גוואַלדיקן חשק צו לערנען. איך האָב געפילט אין זיך אַ דאָרשט נאָך וועלטלעכער בילדונג. ס׳האָט מיך געצויגן צו די נײַע האָריזאָנטן וואָס האָבן זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט. איך האָב נאָך נישט געהאַט קיין קאָנקרעטע מחשבות, איך האָב נאָך נישט פאַרשטאַנען די נײַע באַגריפן, אָבער כ׳האָב געוווּסט אַז עס גייט אין מיר פאָר אַ שינוי. כ׳האָב אָנגעהויבן אַנדערש צו זען די וועלט.

צוריקצופאָרן אין דער ישיבה, ווי דער טאַטע האָט באַשלאָסן, האָב איך נישט געהאַט קיין גרויס חשק, נאָר סוף־כּל־סוף האָב איך אײַנגעוויליקט, מיט אַ תּנאַי: איך פאָר נישט מער צוריק אין דער ישיבה פון ווישעול דע סוס, צו ר׳ מענדל האַגער, און איך וויל נישט מער „עסן טעג״.

מ׳האָט מיר פאַרגעלייגט צו פאָרן קיין טושנאַד, אַ שטעטל לעבן סאַטמער, ווו מ׳האָט געזאָגט אַז די ישיבה איז אַ מאָדערנערע און דער ראש־ישיבה איז נישט אַזאַ קנאַי ווי ר׳ מענדל.

איך בין אָנגעקומען אין דער ישיבה פון טושנאַד, אָנגעטאָן אין אַ מאָדערנעם מאַנטל און מיט אַ נײַעם הוט אויפן קאָפּ. מײַנע גרויסע האָפענונגען אויף אַ נײַער סביבה זענען אָבער אין גיכן צערונען געוואָרן. אַלע ייִדן האָבן דאָרטן גערעדט אונגאַריש און איך האָב נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט. אין באָרשע האָט בלויז איין פריזירער, דער באַרבער, ווי מ׳האָט אים גערופן, גערעדט אונגאַריש. ס׳רוב גויים אין דער געגנט זענען געווען רומענער. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די רומענישע אַרמיי איז געקומען קיין באָרשע, האָט זיך יענער פריזירער פאַר גרויס עגמת־נפש אָנגעשיכּורט, איז אַרויס אין גאַס און אָנגעהויבן שרײַען מיט

גאווה, אַז ער איז נישט קיין רומענער, נאָר אַן אונגאַר. האָבן אים די רומענער תּיכּף באַצאָלט פאַר זײַן נאַציאָנאַליסטישער גאווה: מ׳האָט אים דערלאַנגט פינף און צוואַנציק רומענישע שמיץ אויפן נאַקעטן לײַב. . .

איך בין אַרײַנגעפאַלן אין גאַר אַ פרעמדער סביבה, וואָס איז מיר שטאַרק נישט געווען צום האַרצן. קיין קיך פאַר די בחורים איז אין ישיבה אויך נישט געווען, און מ׳האָט געדאַרפט עסן טעג. מיר איז געווען נימאס צו שנאָרן בײַ ווילד פרעמדע מענטשן, דערצו נאָך אויף אונגאַריש, מיט די פּאָר ווערטער וואָס די חברים אין ישיבה האָבן מיך אויסגעלערנט. מען זאָל מיר געבן אַ מאָלצײַט. אויף שבת האָט מיך פאַרבעטן דער ראש־ישיבה, אָבער אויך ער האָט מיט ווײַב און קינדער גערעדט אונגאַריש אין שטוב און איך בין געזעסן אַ שטומער.

אויף אַזאַ אופן האָב איך אין טושנאַד נישט געקענט ווײַטער בלײַבן און האָב באַשלאָסן זיך אומצוקערן צו ר׳ מענדלען אין די ווישעוועס. צונויפגעפאַקט אַלץ אין דעם הילצערנעם רענצל, מײַן גאַנץ פאַרמעגן, און געפאָרן. אין סאַטמער האָב איך געדאַרפט בײַטן דעם צוג און בין אַראָפּגעגאַנגען. דער וואַקזאַל איז געווען פול מיט רומענישע סטודענטן פון פּראָפעסאָר קוזאָס אַנטיסע־מיטישער פּאַרטיי, וואָס זענען געווען אויפן וועג קיין קלוזש, צו עפּעס אַ צוזאַמענפאָר. ווי זיי האָבן מיך דערזען, האָבן זיי מיך באַלד גענומען אין דער אַרבעט. ווי אַ באַלעם האָבן זיי מיך געוואָרפן איינער צו דעם אַנדערן, מיך געצויגן בײַ די פאות און מיך געפרעגט אויף חוזק צי איך פאָר מיט דעם הילצערנעם קעסטל קיין פּאַלעסטינע. אַזוי האָב איך זיך צום ערשטן מאָל באַקענט מיטן מיאוסן פּרצוף פונעם רומענישן אַנטיסעמיטיזם. ווער ווייס ווי דאָס וואָלט זיך דעמאָלט געענדיקט, ווען עס פאַרט נישט אַרײַן אין דער רעכטער מינוט דער צוג מיט אַ גרילצנדיקן פײַף און באַפרײַט מיך נישט בײַ צײַטנס פונעם המון?

דער עיקר אין פּראָגראַם פון קוזאָס פּאַרטיי איז געווען אויפ־צוהעצן דאָס פאָלק קעגן די ייִדן, מען זאָל זיי אַרויסטרײַבן פון לאַנד, אָדער לכל־הפּחות צונעמען די רעכט צו וועלכע זיי האָבן

קוים זוכה געווען בײַם סוף פֿון 19טן יאָרהונדערט, דורך דעם אַרטיקל 44 אין בערלינער שלום-אָפּמאַך פֿון 1878. שפּעטער איז צוגעקומען ווי אַ שותּף צו קוזאַס פּאַרטיי דער רומענישער דיקטער אָקטאַוויאַן גאָגאַ, מיט דער זעלבער שינאה צו ייִדן, און זיי האָבן דערצויגן דעם עליט פֿון דער „אײַזערנער גוואַרדיע", אין שפּיץ מיט קאָדרעאַנו, אָגב אַ בוקאָווינער שייגעץ, וואָס האָט שוין די אידעאָלאָגיע פֿון די פּראָפֿעסאָרן פּראַקטיש אָנגעווענדט אין די בלוטיקע פּאָגראָמען, וואָס זענען אַלעמען באַקאַנט.

אַ גליקלעכער וואָס איך בין אַרויס מיט גאַנצע ביינער פֿון די קוזיסטישע סטודענטן, בין איך אָנגעקומען קיין ווישעו און זיך פּשוט דערפֿרייט ווען איך האָב דערזען פֿון דער ווײַטנס דעם דאָרטיקן קלויסטערשפּיץ, דאָס ערשטע וואָס האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן. על-פּי מינהג, בין איך תּיכּף געגאַנגען צום רבין אים אָפּגעבן שלום. ווי נאָר ר' מענדל האָט מיך דערזען אין מײַן מאָדערנעם מאַנטל מיטן הוט אויפֿן קאָפּ, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו דעם דיין פֿון אַ נאָענטן שטעטל, וואָס איז געווען בײַ אים צו גאַסט:

— איר זעט, ר' משה, יהודה-מאירס אייניקל איז נאָר אַריבער די גרענעץ אין דער בוקאָווינע, און ער גייט שוין אָנגעטאָן ווי אַ דײַטשל, מיט אַ געשפּאַלטענעם הוט!

— רבי, וואָס איז עס פֿאַר אַ חטא אַז דער קאַפּעליוש האָט אַ שפּאַלט? — האָב איך שוין געהאַט די העזה צו פֿרעגן. און דער רבי האָט מיר מיט אַ גמרא-ניגון געענטפֿערט:

— בײַ וועמען דער קאַפּעליוש איז געשפּאַלטן, וועט אויך אין גיכן דער קאָפּ זײַן אַ געשפּאַלטענער...

ווײַזט אויס אַז דער רבי האָט בחוש פֿאַרשטאַנען, אַז דער „ישראל אשר בך יתפּאר", ווי ער האָט מיר אָנגעשריבן פֿאַר מײַן בקיאות אין דער סוגיא פֿון יין נסך, איז שוין נישט מער דער זעלבער ישראל.

נאָך דער פֿײַנלעכער אַוואַנטורע אין טושנאַד, איז די ווישעווער ישיבה מיר שוין געווען היימיש. דאָ איז געווען אַ קיך אין ישיבה, אַזאַ מין מענזאַ, וווּ כ'האָב געקענט עסן ביליק, און דערצו האָב

איך אַ טייל פון די הוצאות פאַרדינט מיטן אַרויסהעלפן אין לערנען אַ ייִנגערן תּלמיד. כ'האָב אויך געפּרוּווט מיט אַלע כּוחות צו געפינען עפּעס אַ וועג צו וועלטלעכער בילדונג און וויסן. כ'האָב נישט געהאַט ווער ס'זאָל מיך מדריך זיין און האָב אַלץ געדאַרפט אַליין אַנטפּלעקן. ביים אָנהייב האָב איך ביי אַ מוכר־ספרים געפונען שונד־ליטעראַטור — שמ"ר, יונה קרעפּל וכדומה. שפּעטער האָב איך ערשט אַנטפּלעקט די קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, דער עיקר שלום־עליכם און י. ל. פּרץ. פּאַמעלעך האָב איך זיך באַקענט אויך מיט אַנדערע שרייבער און, פון צייט צו צייט, אַפילו געזען אַ וואַרשעווער צייטונג. פאַרשטייט זיך אַז אַלץ איז געווען באַהאַלטענערהייט, ווייל אין ישיבה האָט מען אַזאַ טרייף־פּסול נישט געטאָרט אַפילו אָנרירן.

די דלת־אמות פון דער הלכה זענען מיר געוואָרן ענג. כ'האָב איבערגעלעבט אַ מין „שטורעם און דראַנג"־תּקופה און געוואָלט פאַרשטיין העולם ומלואו, די גאַנצע וועלט מיט אירע גוטע און שלעכטע זייטן. דער עיקר האָב איך אָבער געוואָלט פאַרשטיין זיך אַליין ווי אַ ייִד. וואָס איז אונדזער שליחות אויף דער וועלט? פאַר וואָס האָט אונדז גאָט אויסדערוויילט, וואָס איז דער טעם פון אתה בחרתנו?

אַן ענטפער אויף אַט די שאלות האָב איך געזוכט אין דער ליטעראַטור. כ'בין זיך מודה, אַז כ'האָב אין אָנהייב נישט פאַרשטאַנען די גרויסקייט פון שלום־עליכם. מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז דאָס זענען מעשיות פאַר ווייבער און אַז ער מאַכט צו אַ גרויסן צימעס פון די כּתרילעווקער ייִדן, פון זייער לעבן אין ייִדישן שטעטל. דערקעגן בין איך פאַרכאַפּט געוואָרן פון פּרצעס קורצע דערציילונגען. הגם איך האָב געהאַט זייער קליינע השגות אין ליטעראַטור, האָב איך אין פּרצן דערפילט אי אַ היימישקייט און אי אַ כּישוף, וואָס האָט מיך דערהויבן און באַגייסטערט. ביים לייענען פּרצן האָט דאָס האַרץ אין מיר אָנגעהויבן צו קלאַפּן שטאַרקער און איך האָב דערפילט אַ פרישן ווינט איבער מיין גאַנצן געמיט.

ראָמאַנטיק איז, ווייזט אויס, די פאַרשטענדלעכסטע שפּראַך

פאַר יונגע מענטשן. און איך בין דעמאָלט געווען זייער יונג. כ'האָב זיך אין גאַנצן געהאַט אידענטיפיצירט מיט פּרצעס מאַניש, דער ישיבה־בחור וואָס האָט זיך פאַרליבט אין דער שיינער, בלאָנדער שיקסע. איך האָב דעמאָלט אויך איבערגעלעבט מײַן ערשטע גרויסע ליבע. ניין, מײַן געליבטע איז נישט געווען קיין שיקסע און זי איז אַפילו נישט געווען בלאָנד. זי איז געווען אַ מיידעלע אין מײַנע יאָרן מיט ברוינע צעפּלעך, און זי האָט געוווינט אין זעלבן הויז ווו איך בין געווען אײַנקוואַרטירט. אַז כ'האָב זי אַ טאָג נישט געקענט זען, כאַטש פון דער ווײַטן, בין איך געווען קראַנק. דאָס ייִדישע מיידעלע האָט זיך אָבער נישט אַנטפּלעקט פאַר קיין לילית און איך נישט פאַר קיין מאַניש. כ'האָב צו איר קיין מאָל קיין וואָרט נישט גערעדט, זיך אַפילו נישט דערנענטערט צו איר, פאַר מורא אַז זי וועט פון מיר לאַכן. איך האָב איר בלויז איין מאָל געשריבן אַן אַנאָנימען בריוו, אין וועלכן איך האָב פאַר איר אויס־געגאָסן מײַן האַרץ. אין מײַן תּמימותדיקייט האָב איך געטראַכט אַז זי וועט אַליין זיך אַנשטויסן ווער ס'האָט דעם בריוו געשריבן. זי האָט מיך אָבער נישט אין זינען געהאַט, און אַזוי האָט זיך אויסגעלאָזט מײַן ערשטע גרויסע פּלאַטאָנישע ליבע...

דער רבי איז אוודאי געווען גערעכט ווען ער האָט געזאָגט: „בײַ וועמען דער קאַפּעליוש איז געשפּאָלטן, וועט אויך אין גיכן דער קאָפּ זײַן אַ געשפּאָלטענער". אין גיכן בין איך דערגאַנגען צו גרעסערע עבירות.

ס'איז שוין געווען נאָך חנוכּה. נאָר אַנשטאָט צו גיין הערן דעם רבינס שיעור, בין איך געזעסן מיט נאָך עטלעכע חברים בײַ אַ חלב־ליכט און געשפּילט אין קאָרטן. פּלוצעם עפנט זיך די טיר און ר' מענדל בכבודו ובעצמו שטייט אויף דער שוועל. מיר האָבן תּיכּף פאַרלאָשן דאָס ליכט און געלאָזט אַ רגע דעם רבין אַליין מיט דער בעל־הביתטע אין דער פֿינצטער אונטער איין דאַך. ווײ, דער רבי איז באַלד אַנטלאָפן און אַפילו נישט באַוויזן צו זען אַלע בחורים וואָס זענען געזעסן אַרום דעם טיש. מיך און נאָך אַ בחור, וואָס זענען געזעסן אַנטקעגן דער טיר, האָט ער יאָ דערזען. ווײַזט

אויס אַז ער האָט געהאַט זײַנע מרגלים וואָס האָבן אונדז נאָכגע־שפּירט און אָפּגעטראָגן דעם רבין וואָס מיר טאָן.

די גאַנצע ישיבה האָט זיך דערוווּסט פֿון דעם ענין. ווי אַ שטראָף, האָט דער רבי אונדז פֿאַרזאָגט אַ חודש צײַט צו עסן אין קיך פֿון דער ישיבה. נאָך אַ וואָך זענען מיר געגאַנגען בעטן מחילה און דער רבי האָט אונדז מוחל געווען. מיר האָבן שוין ווידער געקענט עסן אין קיך.

אין מיר האָט זיך אָבער שוין געצײַטיקט די החלטה, אַז דאָס איז דער לעצטער זמן אין ישיבה. כ׳האָב געוווּסט אַז איך דאַרף זוכן אַנדערע וועגן אין מײַן לעבן און איך האָב געפֿילט אַז איך האָב דעם כּוח דערצו.

אין אגודת־ישראל

פאַר פסח, ווען דער זמן אין ישיבה האָט זיך געענדיקט, האָב איך אַרײַנגעפּאַקט מײַנע זיבן זאַכן אין הילצערנעם קעסטל און בין אַהײם געפאָרן קיין גורא־הומאָרולוי. און איך האָב טאַקע באַלד מודיע געווען טאַטע־מאַמע, אַז איך וועל שוין אין ישיבה נישט מער צוריקפאָרן. כ׳וויל נישט זײַן קיין רבֿ, כ׳וויל בכלל נישט זײַן קיין כּלי־קודש. כ׳האָב אויך געגעבן אָנצוהערן אַז מײַן כּוונה איז צו לערנען אַ פאַך און אײַנצײַטיק געפינען אַ וועג צו אַלגעמיינער בילדונג.

ווען מײַן מאַמע האָט דאָס דערהערט, איז איר שוואַרץ געוואָרן פאַר די אויגן. איר חלום איז דאָך געווען, איך זאָל פאַרענדיקן די ישיבה און באַקומען סמיכה, ווערן רבֿ. דער טאַטע האָט דווקא אַרויסגעוויזן מער פאַרשטענדעניש, אָבער אין שײַכות מיט מײַן רמז וועגן לערנען אַ פאַך, האָט ער מיך באַלד געפרעגט:

— וואָס הייסט, דו ווילסט לערנען אַ פאַך, ווילסט אפשר ווערן אַ בעל־מלאכה?

וואָס איך וויל לערנען האָב איך נאָך נישט געוווּסט, אָבער כ׳האָב פאַרשטאַנען אַז אַ בעל־מלאכה איז אַ בושה פאַר דער גאַנצער משפּחה.

נאָך פּסח איז דער טאַטע געקומען מיט אַ פאָרשלאָג: איך זאָל אַרײַנגיין ווי אַן אָנגעשטעלטער אין אַ געשעפט און זיך אויס־לערנען זײַן אַ סוחר. דערבײַ זאָל איך ווײַטער לערנען בײַם אָרטיקן רבֿ עטלעכע מאָל אין דער וואָך.

איך האָב דעם פאָרשלאָג אָנגענומען און דער טאַטע האָט טאַקע באַלד אָפּגערעדט מיט זײַנעם אַ באַקאַנטן, נטע לעווין, וואָס האָט געהאַט אַ גרויס אײַזן־געשעפט און פאַרקויפט דער עיקר

טעכנישע מאַטעריאַלן פאַר די זעגן אין דער גאַנצער געגנט, ער זאָל מיך אַריַינגעמען אין זיַין פירמע.

דער נטע לעווין איז געווען אַ פרומער, און איידער ר׳האָט געגעבן זיַין הסכמה, האָט ער געוואָלט וויסן ווי איך האַלט מיטן לערנען. ער האָט מיך גערופן צו זיך אַהיים, ער זאָל זיך מיט מיר באַקענען. ר׳האָט אויך פאַרבעטן זיַין פריַינד יעקב אַפּטער, דער פאָרזיצער פון אגודת־ישראל אין גורא־הומאָרולוי. מ׳האָט פאַרפירט אַ שמועס וועגן דער ישיבה און אין איין וועגס האָבן זיי אַ טאַפּ געטאָן מיַין בקיאות אין אביי ורבא. ערשט נאָך דעם דאָזיקן פאַרהער האָט מיך נטע לעווין אַריַינגענומען ווי אַן אָנגעשטעלטער אין זיַין איַיזן־געשעפט, מיט דער בקשה איך זאָל אויך ווערן אַ חבר אין אגודת־ישראל און זיך באַטייליקן יעדן שבת נאָך מיטאָג ביַים לערנען דעם דף יומי. דאָס איז געווען דער מינהג אין אגודת־ישראל: צו לערנען שבת אַ בלאַט גמרא.

די ערשטע זאַך נאָך דעם ווי כ׳האָב אָנגעהויבן אַרבעטן איז געווען זיך אויסלערנען דיַיטש. מיַין לערערין איז געווען פרוי בערגער — אַ מומע פון מיַין צוקונפטיקער פרוי. זי האָט מיט מיר געלערנט דיַיטשע גראַמאַטיק און ליטעראַטור, מיר געעפנט דעם וועג צו די דיַיטשע קלאַסיקער: געטע, שילער, היַינע.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך געהאַט הנאה פון מיַין חברשאַפט אין אגודת־ישראל, בפרט ווען איך בין מיט דער ציַיט געוואָרן דאָרטן אַ חשובער מיטגליד. איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט אַרויסצוּוויַיזן מיַין בריהשאַפט מיט דעם וואָס כ׳האָב געהאַט געלערנט אין ישיבה. מיך האָט בלויז פאַרדראָסן זייער קעגנערשאַפט צו אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייַכות צו ציוניזם. איך בין געווען אין כּעס, וואָס זיי קלאָגן כּסדר אויף חורבן־בית־המיקדש און וואַרטן מיט פאַרלייגטע הענט אַז משיח זאָל קומען.

אין יאָר 1927, צען יאָר נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, האָט די ציוניסטישע באַוועגונג געזאַמלט חתימות אויף אַ דאַנקבריוו, וואָס מ׳האָט געשיקט דעם לאָרד באַלפור. אגודת־ישראל האָט אָבער פאַרבאָטן אירע מיטגלידער צו חתמענען. דאָס האָב איך דעמאָלט בשום־אופן נישט געקענט פאַרשטיין, כאָטש איך האָב נאָך

נישט געקענט בפרוטרוט די אידעאָלאָגיע פונעם הערצליאַנישן ציוניזם. איך האָב בלויז געקענט די אַלטע ייִדישע מקורות וועגן נס חנוכה, ווי דער טראָפּ פאַלט צו ערשט אויפן נס מיטן קריגל בוימל און דערנאָך אויף דער העלדישקייט פון די חשמונאים; פון דער גמרא האָב איך אויך געקענט די מעשה וועגן רבי יוחנן בן זכאי, וואָס האָט געבעטן ביי וועספּאַסיאַנוסן די שטאָט יבנה מיט אירע חכמים. פון קיין מאָדערנעם צוגאַנג צו ייִדישער געשיכטע האָב איך נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט.

ווי לאַנג איך בין געווען אַ חבר אין אגודת־ישראל האָב איך קיין אַפּיקורסישע שאלות נישט געפרעגט. איך געדענק שוין נישט צי פאַר מורא, צי דערפאַר ווייל כ'האָב געטראַכט אַז ס'איז נישט כּדאַי. אין גיכן האָב איך אָבער געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיטן מאָדערנעם קוק אויף דער ייִדישער געשיכטע.

אַ חבר אין אגודה, אַברהם וואַגנער, אַ נגידישער בחור, איז צוריקגעקומען פון פראַנקפורט, ווו זיין טאַטע האָט אים געשיקט לערנען, אין צענטער פון אגודת־ישׂראל. דער בחור איז אין מערב־אייראָפּע נישט קאַליע געוואָרן און טאַקע עד־היום געבליבן אַ פרומער ייִד. ער איז אָבער געקומען מיט נייע השגות, סיי וועגן וועלטלעכער ליטעראַטור, סיי וועגן ייִדישער געשיכטע. איך געדענק אַז ער האָט אָרגאַניזירט אַ ליטעראַריש געריכט וועגן דעם היסטאָרישן ראָמאַן „דער ייִדישע קריג" פון לעאָן פויכטוואַנגער. מ'האָט געדאַרפט מישפּטן צי איז יוסף פלאַוויוס געווען אַ פאַררעטער, ווייל ער איז אַריבערגעגאַנגען צו טיטוס הרשע, צי ער האָט פּשוט געוואָלט ראַטעווען דאָס בית־המיקדש, און זיין כּוונה איז בעצם געווען די זעלבע ווי די כּוונה פון רבי יוחנן בן זכאי, דהיינו צו ראַטעווען דעם קיום פונעם פאָלק.

כּדי מיר זאָלן זיך קענען באַטייליקן אין וויכּוח, האָט אַברהם וואַגנער רעקאָמענדירט מיר זאָלן לייענען פויכטוואַנגערס ראָמאַן „דער ייִדישע קריג" און דאָס איז טאַקע געווען דער ערשטער היסטאָרישער ראָמאַן וואָס כ'האָב געלייענט. כ'בין געווען באַגייס־טערט. עס האָט מיר ערשט געעפנט דעם חשק זיך צו באַקענען מיט ייִדישער געשיכטע, דער עיקר מיט די שפּעטערע תּקופות, פון

גירושים און רדיפות אין די תּפוצות, וועגן וועלכע כ׳האָב כּמעט גאָרנישט געוווּסט, אַחוץ די מעשׂיות וועגן די אַנוסים אין שפּאַניע, אין שײַכות מיט דער תּפילה כּל־נדרי.

ווי אַ דאָרשטיקער וואָס פֿאַלט צו צו אַ ברונעם, בין איך צוגעפֿאַלן צו די ביכער פֿון גרעץ און דערנאָך פֿון דובנאָוו — גרעץ אויף דײַטש און דובנאָוו אויף ייִדיש. אין די דאָזיקע ווערק האָב איך געפֿונען די ייִדישע געשיכטע, פֿאַרוועבט און פֿאַרפֿלאָכטן אין דער וועלט־געשיכטע, און דאָס האָט מיך באַרײַכערט מיט קענטעניש, וואָס האָבן מיר געהאָלפֿן זען אונדזער עבר אין גאָר אַן אַנדער ליכט, אָנגעהויבן פֿון די גאָר אַלטע צײַטן ביז צו די נאָענטע טעג.

איך האָב אויך ממשיך געווען צו לערנען בײַם רב בב״ד, ווי דער טאַטע האָט פֿון מיר געפֿאָדערט. ער האָט מיט מיר געלערנט דעם רמב״מס משנה־תּורה און אויך אָנגעהויבן מיך אַרײַנצופֿירן אין ספֿר מורה נבֿוכים. איך האָב דווקא חשק געהאַט ער זאָל מיט מיר לערנען קבלה. כ׳האָב געמיינט אַז אין דער קבלה פֿונעם אר״י הקדוש וועל איך געפֿינען אַן ענטפֿער אויף די אַן אַ שיעור מאַטערנדיקע שאלות און ספֿקות. דער רב האָט אָבער נישט געוואָלט מיט מיר לערנען קבלה. ער האָט געטענהט, אַז דאָס איז אַ סכּנה פֿאַר אַ בחור אין מײַנע יאָרן. איך דאַרף נאָך צווואַרטן, ווערן רײַפֿער פֿאַר אַזאַ לימוד.

דעם רבס באַוואָרענישן האָבן זיך מיר געלייגט אויפֿן שכל, וואָרעם כ׳האָב זיך דערמאַנט וואָס ס׳האָט געטראָפֿן מיטן זון פֿון מײַנעם אַ פֿעטער, אין אַ מאַרמאַרעשער שטעטל. ער האָט יונגערהייט אָנגעהויבן צו לערנען קבלה און איז נעבעך אַראָפּ פֿון זינען. ער פֿלעג האַלטן אין איין לאַכן. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין דער צײַט פֿון דער רוסישער אָפֿענסיווע אין די קאַרפּאַטן, זענען מיר אַנטלאָפֿן קיין מערבֿ־צו און אויף אַ שבת פֿאַרפֿאָרן צו יענעם פֿעטער. געדענק איך אַז פּונקט ווען דער פֿעטער האָט געמאַכט קידוש, האָט זיך דער זון צעלאַכט מיט זײַן משוגענעם געלעכטער. דער פֿעטער האָט געהאַט גרויס עגמת־נפֿש. ס׳איז געווען זײַן איינציקער זון.

איך האָב אָבער פֿאָרט געפֿועלט בײַ הרב בב״ד ער זאָל מיך

אַרײַנפירן, אויף זײַן שטייגער, אין די גנזי־נסתּרות פונעם זוהר. ער האָט זיך באַמיט מיר צו דערקלערן די מעשה־מרכבה, און אַלץ פאַרוועבט מיט מעשיות וועגן מלאכים און שדים, וועגן מלך מטטרון און דעם אַשמדאי וכדומה. דער רב האָט, פאַרשטייט זיך, געגלייבט, אַז דעם זוהר האָט געשריבן ר׳ שמעון בן יוחאי, בעת ער איז געלעגן דרײַצן יאָר פאַרבאָרגן אין אַ הייל, באַהאַלטן פאַר די רוימישע חיילות. מיט די וועלטלער־וויסנשאַפטלעכע סברות וועגן זוהר, און וועגן קבלה בכלל, האָב איך זיך ערשט באַקענט שפּעטער מיט יאָרן. אויך וועגן דער השפּעה פון קבלה אויפן גאַנג פון דער ייִדישער געשיכטע, פון דער שבתי צבי־באַוועגונג מיט אירע נאָכווייען, ביז צום אויפקום פון דער חסידישער באַוועגונג מיט איר טרייסט — האָב איך זיך ערשט שפּעטער דערוווּסט.

פון לערנען דעם זוהר בײַ הרב בב״ד בין איך נישט געוואָרן נישט קיין מיסטיקער און נישט קיין חסיד. דאָס האָט בלויז אָנגערעגט מײַן נײַגער און מײַנע זוכענישן צו אַנטפּלעקן דעם סוד פון אמונה.

אין יאָר 1928 איז אין טשערנאָוויץ פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון אגודת־ישראל, מיט דעלעגאַטן פון גאַנץ רומעניע. מיך האָט מען אויך געשיקט, ווי אַ דעלעגאַט אויף יענער קאָנפערענץ. צום ערשטן מאָל בין איך אַרויסגעפאָרן אין דער בוקאָווינער הויפּטשטאָט, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם. איך מיין אַז דאָס האָט אויך באַווירקט די אַנטוויקלונג פון מײַן לעבן אין די ווײַטערדיקע יאָרן.

טשערנאָוויץ

איך געדענק שוין נישט וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אויף יענער קאָנפערענץ פון אגודת־ישראל, אין טשערנאָוויץ. אָבער ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און כ׳בין אַליין אַוועק קיין טשערנאָוויץ און מיטגענומען מיט זיך מײַן גאַנצן בטחון און מײַן שטרעבן עפּעס אויפצוטאָן.

אין די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז טשערנאָוויץ געוואָרן אַ וויכטיקער קולטורעלער און עקאָנאָמישער צענטער פון רומעניע. מחמת דעם קאָסמאָפּאָליטישן כאַראַקטער, איז דאָס חשיבות פון טשערנאָוויץ געוואַקסן און די שטאָט איז געוואָרן בכלל איינע פון די צוציִענדיקע און אינטערעסאַנטע שטעט אין מיזרח־אייראָפּע. שוין אָפּגערעדט, אַז פאַר די שכנותדיקע פּראָווינצן, בעסאַראַביע און מאָלדאַווע, איז טשערנאָוויץ געוואָרן דער צענטער פון מיסחר און אינדוסטריע. טשערנאָוויץ האָט, למשל, געהאַט אַ גרויסע טעקסטיל־אינדוסטריע, אפשר די גרעסטע דעמאָלט אין רומעניע.

טשערנאָוויץ האָט געהאַט אַן ערך 150.000 אײַנוווינער און דערפון זענען מער ווי אַ העלפט געווען ייִדן. די צווייטע העלפט איז געווען אַ געמיש פון אוקראַיִנער, רומענער, פּאָליאַקן און דײַטשן. אַוודאי איז נאָך געווען קענטיק די השפעה פון גאַליציע, די שכנותדיקע פּראָווינץ מיט וועלכער טשערנאָוויץ איז געווען שטאַרק פאַרבונדן אין די צײַטן פון דער עסטרײַכישער אימפּעריע. אַגב האָט מען אין טשערנאָוויץ ווײַטער גערעדט דײַטש, ווי אין פראַנץ־יאָזעפס צײַטן, כאָטש די רומענער האָבן געפּרוּווט בגוואַלד אַרײַנפירן די רומענישע שפּראַך.

אַחוץ דײַטש האָט מען אין טשערנאָוויץ גערעדט געשמאַק

ייִדיש, אין אַ גרויסער מאָס אונטער דער השפּעה פון די בעסאַראַבער ייִדן, וואָס זענען געקומען מיט זייער רײַכן קולטורעלן באַגאַזש אויף ייִדיש, ווי אויך אויף העברעיִש און רוסיש. און אַוודאי איז איבער דער שטאָט נאָך געהאַנגען דער ייִחוס פון דער טשערנאָוויצער ייִדישער שפּראַך־קאָנפערענץ אין 1908, ווו עס זענען זיך צונויפגעפאָרן אַזעלכע גדולים ווי י. ל. פּרץ, שלום אַש, אַברהם רייזען. איז טאַקע טשערנאָוויץ אין די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אויך געווען אַ וויכטיקער צענטער פון קולטור אויף ייִדיש. די פאָן איז, פאַרשטייט זיך, געווען אליעזר שטיינבאַרג, דער גאונישער משלים־דיכטער, וואָס איז עד־היום געבליבן איינציק אין אונדזער ליטעראַטור. עס ווילט זיך דערמאָנען דעם פײַנעם פּראָזאַיִקער משה אַלטמאַן און דעם פּאָעט און טעאַטראַל יעקב שטערנבערג, ביידע פון די זעלבע בעסאַראַבער מקומות ווי שטיינבאַרג. און אויב דערמאָנען — איז מײַן גוטן פרײַנד אין די שפּעטערדיקע יאָרן, שלמה ביקל, דער גאַליציאַנער; און אַחרון־אַחרון־חביב — איציק מאַנגער.

די יוגנט האָט זיך געהאַט ווו אויסצובילדן אין טשערנאָוויץ אויף ייִדיש. און דאָ וויל איך בלויז דערמאָנען דעם ייִדישן שול־פאַראיין, דעם מאָרגנרויט, די בונדיסטישע באַוועגונג און אויך די לינקע פּועלי־ציון. אַלע זענען געווען אָפן פאַר דער ייִדישער יוגנט, זיי צו אָריענטירן צו וועלטלעכע אידעאָלאָגיעס און זיי אַרײַנציִען אין קאַמף פאַר סאָציאַלע און קולטורעלע דערגרייכונגען.

אַ כּלל, טשערנאָוויץ איז געווען אַ שטאָט ווו ס'האָט זיך געקאָכט בײַ ייִדן. אויף פּאָליטישן שטח זענען ייִדן געווען אַקטיוו אין די פאַרשיידענע פּאַרטייען: אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, בראש מיט דעם כּמעט לעגענדאַרן ד״ר יוסף פּיסטינער; אין דער בונדיסטישער פּאַרטיי בראש מיטן ד״ר יוסף קיסמאַן; אין די ציוניסטישע פּאַרטייען; אין קהילה־פּאָליטיק. און דאָ מוז איך דערמאָנען אַזעלכע נעמען ווי ד״ר בענאָ שטראַוכער, וואָס איז נאָך געווען דעפּוטאַט אין עסטרײַכישן פּאַרלאַמענט, און זײַן אָפּאָנענט, ד״ר מאיר עבנער, מיט זײַן כּלל־ציוניסטישן ייִחוס.

די דײַטשע צײַטונגען וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אין טשער־

נאָוויץ האָבן געהאַט אי אַ ייִדישן כאַראַקטער, אי ייִדישע רעדאַק־טאָרן. די איינציקע דײַטשע צײַטונג וואָס האָט שווער געקעמפט פֿאַר איר עקסיסטענץ איז געווען די צײַטונג פֿון די פֿאָלקסדײַטשן.

רעליגיעזע ייִדן האָבן אויך געהאַט אין טשערנאָוויץ זייער צענטער. אין טשערנאָוויצער דרוקערײַען האָט מען געדרוקט ספֿרי־קודש. רוזשינער און וויזשניצער חסידים האָבן געהאַט זייערע הייף אין סאַדעגערע און וויזשניץ, גאָר נישט ווײַט פֿון טשערנאָוויץ. און ס׳האָט זיך אין טשערנאָוויץ געקאָכט אַרום די פֿאַרבלאָנדזשעטע שעפֿעלער, וואָס האָבן מורד געווען אין די רבישע טאַטעס און רבישע הייף. אַזוי איז למשל די טאָכטער פֿונעם האָרעדענקער רבי, פֿון האַגערס דינאַסטיע, פּלוצעם געוואָרן אַן אילעגאַלע אַקטיוויסטין אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אויך דער פּאָעט יעקב פֿרידמאַן, פֿון דער רוזשינער־סאַדעגערער משפּחה, האָט נישט געוואָלט ממשיך זײַן דעם וועג פֿון זײַנע זיידעס. ער האָט זיך קונה־שם געווען אין דער ייִדישער ליטעראַטור, איז תּיכּף נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה עולה געווען קיין ישׂראל און איז טאַקע דאָ געשטאָרבן, ווי איינער פֿון די אָנגעזעענסטע ייִדישע דיכטער.

פֿון די טשערנאָוויצער רבנים, נישט קיין חסידישע, וואָס די קהילה האָט זיי אויסגעקליבן, וויל איך דערמאָנען הרב ר׳ משולם ראָט (אַ פֿעטער פֿון אַריה ראָט, רעדאַקטאָר פֿון „דזשערוזאַלעם פּאָוסט״), און דעם ראַבינער פֿונעם גרויסן טעמפּל אין מאַורישן סטיל, הרב ד״ר אַברהם־יעקב מאַרק, וואָס די דײַטשן האָבן אים אַרויסגעפֿירט אין איינעם מיט צוויי טויזנט טשערנאָוויצער ייִדן, זיי דערשאָסן און באַגראָבן אין אַ מאַסן־קבר בײַם ברעג פֿון טײַך פּרוט.

אין אָט דער זידנדיקער שטאָט בין איך אַוועק פֿון מײַן ערשטן פּאָסטן, אין אײַזן־געשעפֿט פֿון ר׳ נטע לעווין. איך האָב זיך בעצם גוט און גיך אײַנגעלעבט אין מײַן ערשטער אַרבעט, און דער בעל־הבית איז געווען פֿון מיר צופֿרידן. כ׳האָב געקענט איטלעכס ווינקעלע אין געשעפֿט, געוווּסט ווו עס ליגט איטלעכער אַרטיקל. איך בין אויך אַרויסגעפֿאָרן אין דער פּראָווינץ פֿאַרקויפֿן נײַע

סחורות אָדער אויפמאָנען חובות. איך געדענק אַז די סוחרים פון אַנדערע בראַנזשעס, וואָס זענען געפאָרן מיט מיר אין צוג, האָבן געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ נאַריש ישיבה־בחורל, ווייל כ'האָב קיין מאָל קיין הנאה נישט געהאַט פון זייערע מעשיות און וויצן פאַרבראַקטע מיט ניבול־פה.

ביי מיין בעל־הבית בין איך אָבער געוואָרן אַ שטיקל אייגענער און אַפילו געמוזט עסן ביי אים מיטאָג יעדן פרייטיק. ער האָט געהאַט דריי טעכטער; מיט דער עלטסטער, וואָס איז געווען אַ ביסל יינגער פון מיר, האָב איך געשפילט אַ פלירט. כ'האָב איר אַפילו איין מאָל, ווען קיינער האָט נישט געזען, אַ קוש געטאָן אויפן אויער. אָבער מיט דעם האָט זיך עס אויך געענדיקט. זי איז שפּעטער געוואָרן אַ הייסע קאָמוניסטקע און דער טאַטע אירער פלעג אַרומלויפן אַ דערשראָקענער, ווען זי פלעג שפּעט ביי נאַכט נאָך נישט זיין אין דער היים.

נטע לעווינען האָט באַנג געטאָן וואָס איך לאָז אים איבער, נאָר מיין האַרץ האָט מיך געצויגן, אַרויס קיין טשערנאָוויץ. כ'האָב געוואָלט לערנען אַ פּראָדוקטיוו פאַך, נישט ווערן קיין סוחר. צוליב דעם, דער עיקר, בין איך אַוועק פון איזן־געשעפט. און ווען איך בין אָנגעקומען קיין טשערנאָוויץ, האָב איך זיך באַלד פאַרשריבן אין דער אָרטיקער טעקסטילשול. שפּעטער האָב איך איינצייטיק פּראַקטיצירט די מלאכה אין אַ שטריקעריי־פאַבריק.

געגעסן האָב איך ביי מיין עלטערן ברודער מענדל, וואָס האָט געהאַט אין שטאָט אַ כשרן רעסטאָראַן. געפירט דעם רעסטאָראַן האָט בעצם זיין ווייב, פערל, וואָרעם מיין ברודער האָט געלערנט מיט זיינע תלמידים חומש און גמרא, און האָט אויך צוגעגרייט יינגלעך צו בר־מיצווה. ער האָט אויך געהאַט געלערנט אין אַ ישיבה, נאָר קיין גייסטיקע ספקות האָט ער פון דאָרטן נישט געבראַכט. צו אַן ערך צוואַנציק יאָר האָט ער חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון אַ חסיד, וואָס פלעג פאָרן צום זעלבן רבין ווי מיין טאַטע.

אין טעקסטילשול האָב איך זיך באַמיט אויסצולערנען די מלאכה, צו האָבן אַ פאַך וואָס זאָל מיר געבן פּרנסה, אָבער אַחוץ דעם האָב איך אויסגעניצט אַלע מעגלעכקייטן צו באַרייכערן מיין

וויסן. אין מאַרגנרויט האָב איך אָנטייל גענומען אין אַ סעמינאַר אויף פילאָסאָפישע טעמעס: פון אַריסטאָטעל ביז צו מאַרקס און ענגעלס. כ'האָב אויך געהערט ספּעציעלע לעקציעס וועגן שפּינאָזע, וועגן העגעלס דיאַלעקטיק, וועגן דאַרוויניזם און וועגן די עסטרײַכישע סאָציאַליסטן קאַוצקי און אַדלער. איך געדענק נאָך עד־היום מיט וואָס פאַר אַ באַגײַסטערונג כ'האָב געלייענט ניטשעס „אַלזאָ שפּראַך זאַראַטוסטראַ", וואָס כ'האָב פון דעם אָפּגעלערנט, אַז דער מענטש דאַרף זײַן גענוג שטאַרק, זיך צו באַפרײַען פון דעם בירגערלעך־קאָנווענציאָנעלן לעבן. דעמאָלט איז קיינעם נישט אײַנגעפאַלן אַז היטלער וועט אויסניצן ניטשעס „אייבערמענטש" פאַר זײַנע ראַסיסטישע, מערדערישע צוועקן.

נאָך עטלעכע חדשים האָב איך שוין אָנגעהויבן צו אַרבעטן נאַכטשיכטן אויף אַ שטריקמאַשין, כּדי עפּעס צו פאַרדינען. אין פאַבריק האָב איך זיך באַקענט מיט אַ מיידל און האָב אָנגעהויבן צו שפּילן אַ ליבע. מיר פלעגן אַרומשפּאַצירן ביז שפּעט בײַ נאַכט אין טשערנאָוויצער פּאַרק „די האַבסבורג־הייך". האָט בעת אַזאַ שפּאַציר געטראָפן, אַז די פּאָליציי, וואָס האָט געזוכט קאָמוניסטן, נישט חלילה קיין פאַרברעכערס, האָט אונדז געהייסן ווײַזן די פּאַפּירן. איך האָב גראָד געהאַט די פּאַפּירן בײַ זיך, אָבער דאָס מיידל האָט זיי געהאַט געלאָזט אין דער היים. האָט די פּאָליציי מיך באַפרײַט און זי אַרעסטירט. איך האָב קיין ברירה נישט געהאַט: אין מיטן נאַכט, די ציין האָבן געקלאַפּט אין מויל פאַר שרעק, בין איך געגאַנגען אויפוועקן דעם מיידלס עלטערן, בירגערלעכע טשערנאָוויצער ייִדן, כאָטש איך האָב שטאַרק מורא געהאַט פאַר אַ וויסטן סקאַנדאַל פון זייער זײַט. זיי האָבן זיך אָבער דווקא אַרויסגעוויזן ווי מענטשן מיט פאַרשטענדעניש און גוטן ווילן. זיי האָבן באַלד אָפּגעזוכט דער טאָכטערס דאָקומענטן און איך בין אין איין אָטעם געלאָפן צו דער פּאָליציי זי באַפרײַען.

נאָך אָנדערטהאַלבן יאָר לעבן אין טשערנאָוויץ, מיט אַלע גרעסערע פּלענער פאַר דער צוקונפט, האָב איך זיך געמוזט אומקערן קיין גורא־הומאָרולוי, מחמת אַ טראַגישן פאַרלויף אין דער משפּחה:

מײַן עלטערע שוועסטער, פעקאַ, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ שוועסטערקינד, בערל גאַנץ האָט ער געהייסן, אַ שוחט, דעם טאַטנס שוועסטערס אַ זון, איז פּלוצעם געשטאָרבן בעת זי איז צום צווייטן מאָל געגאַנגען צו קינד. דער מאַן אירער, בערל, האָט באַלד חתונה געהאַט מיט דער צווייטער שוועסטער, ווי ס׳האָט זיך געפירט בײַ ייִדן, מיט חיה־רייזען. דער בחור האָט אָבער נישט געהאַט קיין מזל. אַן ערך צוויי יאָר נאָך דער חתונה, זיי האָבן שוין געהאַט אַ מיידעלע פון אַ יאָר, איז ער קראַנק געוואָרן אויף בויכטיפוס און איז אַוועקגעשטאָרבן, נישט אַלט געווען אַפילו קיין 25 יאָר. מײַן שוועסטער חיה־רייזע איז געבליבן צו 21 יאָר אַן אַלמנה מיט אַ קינד. זי האָט געוווינט אין אַ שטעטל אין דער בוקאָווינע, וואָס האָט בײַ ייִדן געהייסן ראַדעוויץ. האָט זי אײַנגעפּאַקט איר אָרעמקייט, און אין איינעם מיטן מיידעלע און מיט יחזקאַלן, דאָס ייִנגעלע פון דער פאַרשטאָרבענער שוועסטער, זיך אומגעקערט צו טאַטע־מאַמע קיין גורא־הומאָרולוי. זי איז אויך געווען מעוברת און האָט שפּעטער געבוירן דאָס צווייטע קינד, אויך אַ מיידעלע.

דאָס איז געווען אין דער צײַט פון דער עקאָנאָמישער קריזיס, אין 1929. מײַן טאַטע האָט שווער געקעמפט פאַרן שטיקל פּרנסה. אין אַזאַ מצב האָב איך געפילט אַז איך מוז אים קומען צו הילף.

איך האָב שוין געהאַט אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט. בין איך אַוועק צו דער פאַרטרעטונג פון דער פירמע „דיאַמאַנט", אַ טשעכישע פירמע פון די סודעטן, און האָב אײַנגעהאַנדלט אַ שטריקמאַשין און אויך אַ ספּעציעלע ניימאַשין „אָווערלאָק", אַ נײַע המצאה צו נייען געשטריקטע זאַכן. די פאַרטרעטונג האָט מיר געגעבן די מאַשינען אויף אויסצוצאָלן, מיטן תּנאַי אַז די מאַשין איז דאָס אייגנטום פונעם סוחר, כּל־זמן איך האָב זי נאָך נישט אין גאַנצן באַצאָלט. איז דאָך גוט! אָבער כּדי די מאַשינען זאָלן נישט שטייען ליידיק, דאַרף איך קאַמגאַרן, וואָלפאַדעם וואָס מ׳האָט נאָך דעמאָלט אין רומעניע נישט פאַבריצירט. און כּדי צו קויפן קאַמגאַרן דאַרף מען געלט. און קיין געלט האָב איך מער נישט געהאַט.

בין איך אַוועק צו דער פירמע „בוּוואַג", די איינציקע פאַרטרע־

טונג פון דער גרויסער ווינער שפינעריי „וועסלוי", און דערציילט דעם שותּף פון דער פירמע, הער נידערמייער, וועגן מײַן פּלאַן אַנצוהייבן אַרבעטן אויף די צוויי אײַנגעקויפטע מאַשינען אין גוראַ־הומאָרולוי, און וועגן מײַן דחקות אין געלט אײַנצוקויפן קאַמגאַרן. האָט דער הער נידערמײַער מיך שאַרף אָנגעקוקט און אַ זאָג געטאָן:

— יונגער־מאַן, איך קען אײַך נישט, אָבער איך זע אין אײַערע אויגן, אַז איר וועט באַצאָלן. איר קענט נעמען אויף קרעדיט וואָס איר דאַרפט!

נאָך יענעם עפּיזאָד, וואָס איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז כּדי מצליח צו זײַן איז נישט גענוג צו האָבן גוטע כּוונות, מען דאַרף אויך זײַן געבענטשט מיט אויגן, וואָס זאָלן אַרויסרופן צוטרוי בײַ אַ צווייטן.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען כ'האָב שוין געהאַט אַ פאַבריק אין ישראל, איז בײַ מיר געווען צו גאַסט דער גענעראַל־דירעקטאָר פון דער „וועסלוי וואָל־שפּינעריי". אָט די פאַבריק, וואָס איז אַ מאָל געווען די גרעסטע אין אייראָפּע, האָט זיך געמאַטערט אין פינאַנציעלע שוועריקייטן און האָט טאַקע שפּעטער באַנקראָטירט. בעת ער איז געווען בײַ מיר צו גאַסט, האָט מיר דער גענעראַל־דירעקטאָר פאָרגעלייגט אָפּצוקויפן די פאַבריק . . .

איך בין צוריקגעקומען קיין גוראַ־הומאָרולוי מיט צוויי מאַשינען און מיט קאַמגאַרן אויף קרעדיט; דאָס איז געווען מײַן ערשטער שריט אויפצובויען אַ טעקסטיל־אינדוסטריע. איך בין דעמאָלט אַלט געווען גאַנצע נײַצן יאָר.

איך ווער אַ פֿאַבריקאַנט

אַזאַ הויז־אינדוסטריע ווי איך האָב אַראָפּגעבראַכט פון טשערנאָוויץ איז נאָך אין דער גאַנצער געגענט נישט געווען. ווײַבער האָבן געקויפט שאָפענע וואָל בײַ די פויערים און אַליין אויסגעשטריקט אַ שאַליקל צי אַ סוועטער. אַז מ׳האָט געוואָלט אַן איידלערע סחורה, האָט מען געבראַכט פון טשערנאָוויץ. אָבער גיין אין פאַבריק און באַשטעלן אַ סוועטער לויט דער מאָס — דאָס איז געווען אַ נײַס, וואָס קיינער האָט דערפון נישט געוווּסט.

איך האָב אויפגעשטעלט די שטריקמאַשין און אויסגעלערנט מײַן שוועסטער, די יונגע אַלמנה, אַרבעטן אויף דער „אָווערלאָר־מאַשין״. איך האָב צוגעגרייט אַן אַסאָרטימענט פון פאַרטיקע סחורות און האָב אָנגעהויבן צו הויזירן: קודם אין די פאַכגעשעפטן פון גורא־הומאָרולוי, דערנאָך אין דער פּראָווינץ. מײַן פאַבריק איז געוואָרן אַ סענסאַציע. איינער האָט דערציילט דעם צווייטן און איך האָב אָנגעהויבן צו באַקומען באַשטעלונגען פון יחידים, לויט דער מאָס, און אויך פון געשעפטן. די סחורה איז געגאַנגען...

די צײַטן זענען געווען שווערע און איך האָב געהאָרעוועט טאָג און נאַכט. איך בין אַליין געווען דער אַרבעטער, אַליין דער פאַרקויפער און אַליין דער אײַנקויפער. איך בין געוואָרן דער פרנסה־געבער פון דער גאַנצער משפחה. כ׳האָב באַוויזן אָפּצושפּאָרן אַ ביסל געלט און קויפן נאָך אַ מאַשין. די ייִנגערע ברידער, וואָס זענען נאָך געגאַנגען אין שול, האָבן מיט דער צײַט אָנגעהויבן צו העלפן בײַ דער אַרבעט. פאַר מאָטין, וואָס איז אַלט געווען קוים צען יאָר, האָב איך געמאַכט אַ ספּעציעל געשטעל פון ברעטער, כּדי ער זאָל דערגרייכן צו דער מאַשין און אַרבעטן. פאַמעלעך האָט די גאַנצע משפחה זיך אויסגעלערנט די מלאכה און איך האָב

געפילט אַ מין בשותּפותדיקן אינטערעס בײַ אַלעמען, און אינטערעס פֿאַר אַ בשותּפותדיקן אויפֿטו. כ׳האָב נישט סתּם אַרויסגעהאָלפֿן אין פּרנסה, נאָר אויך אַלעמען אַרײַנגעצויגן אין אַ פּראָדוקטיוון פּראָצעס.

ס׳איז פֿאַרבײַ אַ יאָר. די פֿאַבריק איז געגאַנגען. פּלוצעם ווענדט זיך צו מיר אַן אַרטיקער וווּרשט־פֿאַבריקאַנט, אַז ער וויל ווערן אַ שותּף צו מײַן טעקסטיל־פֿאַבריק. ער וויל אינוועסטירן געלט צו קויפֿן נײַע מאַשינען, דינגען אַ גרעסערן בנין און אַנגאַזשירן נײַע אַרבעטער. איך בין געווען באַגײַסטערט. מיר איז גאָר נישט אײַנגעפֿאַלן וואָס יענער איז אויסן.

מיר האָבן געשלאָסן שותּפֿות, געקויפֿט נײַע מאַשינען און באַקומען קרעדיט אין אַ לאָקאַלער באַנק. עס זענען נישט אַדורך קיין זעקס חדשים, האָט מיר דער וווּרשט־פֿאַבריקאַנט מגלה געווען די אמתע סיבה, פֿאַר וואָס ער איז מיט מיר אַרײַן אין שותּפֿות: ס׳איז אים נישט געגאַנגען אין די פֿאַרדינסטן וואָס ער וועט אַרויסנעמען צום יאָר, נאָר אין דעם גרעסערן קרעדיט, וואָס ער וועט באַקומען אין די בענק און בײַ די ליוועראַנטן. און אַז ער וועט באַקומען די גרויסע הלוואות, מיט די גרויסע קרעדיטן, וועט ער... באַנקראָטירן און בלײַבן מיטן פֿאַרמעגן.

צו ערשט האָב איך נישט פֿאַרשטאַנען וואָס ער וויל פֿון מיר; דערנאָך האָב איך נישט געוואָלט פֿאַרשטיין, הגם באַנקראָט איז אין יענע צײַטן געווען אין דער מאָדע. יעדן טאָג האָט מען געהערט וועגן געשעפֿטן און וועגן בענק וואָס האָבן אָנגעזעצט. איך האָב בשום־אופֿן נישט געוואָלט וויסן דערפֿון. דער שותּף מײַנער האָט געשריגן געוואַלד, סטײַטש, איך בין נאָך אַ נאַיִוו ייִנגל און ווייס נישט וואָס איך רעד. האָב איך אים דערציילט די מעשׂה ווי אַזוי כ׳האָב באַקומען מײַן ערשטן קרעדיט בײַ דער פֿירמע „בוואַג“, נאָר דערפֿאַר ווײַל הער נידערמײַער האָט געהאַט צוטרוי אין מײַנע אויגן, און האָט מיר געגלייבט אַז איך וועל באַצאָלן דעם חוב. וויל איך נישט — האָב איך צו מײַן שותּף געזאָגט מיט אַ שמייכל — אַז מײַנע אויגן זאָלן קאַליע ווערן... איך בין נאָך צו יונג, און אַחוץ דעם, האַלט איך שטאַרק פֿון דעם וואָס

קהלת זאָגט: טוב שם משמן טוב. קודם־כּל אָפּהיטן דעם גוטן נאָמען. אַזוי האָב איך געלערנט בײַ מײַן ערשטן בעל־הבית, נטע לעווין, וואָס האָט טאַקע אין דער שלעכטער צײַט פֿאַרקויפֿט דאָס הויז, כּדי צו באַצאָלן די חובות און נישט אָנזעצן. איך וויל אויך נישט אָנהייבן מײַן וועג אין לעבן מיט אַ באַנקראָט. איך האָב געהאַט דעם זכות, שפּעטער, אין ישראל, צו העלפֿן נטע לעווינען, בעת ער איז געווען אין אַ שווערן מצב, וואָס שייך פּרנסה.

דער וואָרשט־פֿאַבריקאַנט האָט זיך נוקם געווען: אונדזער שותּפֿות איז זיך צעגאַנגען און ער האָט אַליין געעפֿנט אַ טעקסטיל־פֿאַבריק מיט אַ פֿאַכמאַן וואָס ער האָט געבראַכט פֿון טשערנאָוויץ. אין משך פֿון דעם יאָר וואָס ער האָט געאַרבעט, האָט ער פֿאַרקויפֿט די סחורה פֿאַר יעדן פּרײַז, כּדי איך זאָל האָבן היזק. ער האָט אָבער, ווײַזט אויס, נישט געקענט באַקומען גענוג קרעדיט כּדי צו באַנקראָטירן, און האָט געפּרוּווט אַן אַנדער שווינדל: ער האָט געמאַכט די ברכה „בורא מאורי האש" און האָט אַליין אונטער־געצונדן די פֿאַבריק. מ'האָט אים אָבער געכאַפּט בײַ דער מלאכה און ער האָט געמוזט מיט דער גאַנצער משפּחה אַנטלויפֿן קיין אורוגווײַ.

אין יענע ערשטע יאָרן פֿון זעלבשטענדיקייט בין איך געווען אַזוי אַרײַנגעטאָן מיט לײַב־און־לעבן אין דער אַרבעט, אַז כ'האָב כּמעט פֿאַרגעסן אין מײַנע גאָט־זוכענישן. מײַנע פּאות האָב איך אַזוי לאַנג געקירצט, ביז זיי זענען אין גאַנצן נעלם געוואָרן. נאָר זיך אָפּרײַסן אין גאַנצן פֿון מקור האָב איך נישט געהאַט דעם כּוח. איך האָב נאָך געטראָגן אַ היטל אין גאַס און שבת בין איך געגאַנגען אין שול אַרײַן. איך בין נאָך אַפֿילו געווען אַ חבר אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע פֿון אַגודת־ישראל.

ווען איך האָב געהאַט אַ פֿרײַע מינוט, האָב איך געלייענט דײַטשע מאָדערנע ליטעראַטור, ראָמאַנען און נאָוועלן פֿון אַרטור שניצלער, סטעפֿאַן צווײַג, יאַקאָב וואַסערמאַן, טאָמאַס מאַן. צו מאָל איז מיר אויך אַרײַנגעפֿאַלן אין האַנט „די פֿאַקל", דער באַרימטער זשורנאַל וואָס קאַרל קרויז האָט אַרויסגעגעבן אין ווין.

איך האב שטארק ליב געהאט צו לייענען היסטארישע ראמאנען און בכלל ראמאנען מיט א סאציאלן אינהאלט. קרימינאל־ראמאנען און בכלל ביליקע ליטעראטור האב איך פיינט געהאט.

צווישן אנדערן, געדענק איך דעם אפקלאנג וואס דער סאוועטישער פראיעקט „בירא־בידזשאן" האט געהאט אין שטעטל. די וויכוחים אויף דער גרויסער יידישער וועלט האבן זיך אומעטום אפגערופן. ס'האט זיך געקאכט מיטן בוך „אונטערגאנג פון יידנטום", וואס דער יידיש־דייטשער קאמוניסט אטא העלער האט ארויס־געגעבן; ד"ר יוסף קיסמאן, דער טשערנאוויצער בונדיסטישער מנהיג, בעצם א זון פון א ייד א גביר אין גורא־הומארולוי, איז ארויסגעטראטן ביי אונדז אויף פארזאמלונגען, סיי קעגן דעם סאוועטישן ליגן אין ביראבידזשאן, סיי קעגן דעם בוך פון אטא העלער. איך געדענק ווי ער האט אונדז געפרוווט איבערצייגן, אז יידן דארפן בכלל נישט קיין טעריטאריע, זיי דארפן בלויז קעמפן פאר דער אויטאנאמיע פון יידישער שפראך און יידישער ליטעראטור...

און בעת אין שטעטל האט געזאטן דאס מחלוקת צווישן פארשיידענע גרופירונגען, האבן זיך צו מיר געווענדט עטלעכע בחורים מיט א בקשה: זיי ווילן אפיציעל איינארדענען אין גורא־הומארולוי דעם בית"ר, די יוגנט־ארגאניזאציע פון דער רעוויזיא־ניסטישער באוועגונג. דארף עמעצער ביי דער פאליציי גאראנטירן דערפאר; און אזוי ווי איך בין א מענטש מיט אן אייגענער פירמע, ווילן זיי איך זאל אפיציעל ווערן דער פארשטייער פון בית"ר אין גורא־הומארולוי. אונטער דער השפעה פון די וויכוחים אין שטעטל, האב איך דעמאלט אויפריכטיק געטראכט צו ראדיקאלע מיטלען, וואס זאלן לייזן די יידן־פראגע, כאטש קיין רעוויזיאניסט בין איך קיין מאל נישט געווען. די בחורים האבן מיך איבערצייגט און איך האב ביי דער פאליציי געחתמעט אין נאמען פון דער נייער ארגאניזאציע אין שטעטל. ווען די בית"ריסטן האבן אנגעטאן די ברוינע העמדלעך, האב איך זיך פון זיי אפגעזאגט און בין געווארן זייער קעגנער.

די צוויי יאר אין גורא־הומארולוי זענען גיך פארפלויגן. איך

בין אַלט געוואָרן 21 יאָר און האָב זיך געמוזט גרייטן צו דינען אין רומענישן מיליטער. איך בין ווידער געווען אויפן שוועל פון אַ נײַער תקופה אין מײַן לעבן.

אַ זעלנער אין רומענישן מיליטער

ווי אַ מאַרמאַרעש־געבוירענער, האָב איך זיך געדאַרפט „שטעלן" אין סיגעט, די הויפּטשטאָט פון דער געגנט. פון דאָרטן האָט מען די רעקרוטן צעשיקט צו זייערע רעגימענטער.

די רומענער האָבן נישט געהאַט קיין צוטרוי צו די מיעוטים. זיי האָבן חושד געווען די אונגאַרן אין זיבנבירגן, אַז זיי זענען געבליבן מאַגיאַרישע פּאַטריאָטן און בענקען נאָך דער אונגאַרישער ממשלה. די ייִדן פון בעסאַראַביע און בוקאָווינע האָט מען חושד געווען אין קאָמוניזם. אַ ייִד האָט מען נישט געלאָזט ווערן קיין אונטעראָפיציר אין דער רומענישער אַרמיי, פון אַ העכערן גראַד איז שוין אָפּגערעדט. מ'האָט זיי בדרך־כּלל געשיקט צו אַדמיניס־טראַטיווער אַרבעט. מיך האָט מען צוגעטיילט צו אַן אַדמיניסטראַטיוון באַטאַליאָן אין דער מאָלדאַווישער שטאָט פאָקשאַן, וואָס ליגט אין אַ רייַכער אַגראַרער לאַנדשאַפט.

איך געדענק דעם לאַסטצוג אין וועלכן מיר זענען געפאָרן, ייִדן און גויים צוזאַמען. יעדער איינער האָט באַקומען אויפן וועג אַ ברויט און אַ שטיק געריייכערט חזיר־פלייש. ווען איך האָב געזען ווי די גויים, און צווישן זיי אויך ייִדן, האָבן הנאה פון דער אַכילה, האָב איך געפילט ווי די קישקעס דרייען זיך בייַ מיר איבער אין בויך. פאַר מיר איז נאָך דעמאָלט חזיר געווען מוקצה מחמת מיאוס, ווי עמעצער וואָלט געגעסן אַ לעבעדיקן שרץ. כ'האָב נאָך קיין טריף נישט געהאַט טועם געווען.

אין פאָקשאַן, בייַם 5טן אַדמיניסטראַטיוון באַטאַליאָן, האָבן אויף אונדז, רעקרוטן, שוין געוואַרט די סערזשאַנטן און קאַפּראַלן, וואָס האָבן אונדז געדאַרפט אָפּשערן און צוטיילן די מונדירן. לרוב זענען עס געווען סאַדיסטן, וואָס האָבן גערעדט בלויז מיט

די פויסטן. פאַר דער מינדסטער זאַך וואָס איז זיי נישט געפעלן (וואָס איז זיי דען יאָ געפעלן?), האָבן זיי מערדעריש געשלאָגן. דאָס איז געווען די שיטה אין רומענישן מיליטער. אויב דעם אָפיציר איז עפּעס נישט געפעלן בעת דער אינספּעקציע, האָט ער פאַר אַלע זעלנערס אין די אויגן דערלאַנגט אַ פּאַטש דעם פעלדוועבל. און דער פעלדוועבל האָט זיך שפּעטער אָפּגערעכנט מיט די נידעריקערע ראַנגען. און אַזוי כּסדר.

דערביי האָט מען געזידלט מיט אַזעלכע קללות, וואָס האָבן, דאַכט זיך, צו זיך קיין גלייכן נישט ביי קיין שום פאָלק. מע קען צונויפשטעלן אַ גאַנצן לעקסיקאָן פון די געמיינע רומענישע קללות, לויטן אַלף־בית.

די קאָרופּציע אין דעמאָלטיקן רומענישן מיליטער האָט אויך צו זיך קיין גלייכן נישט געהאַט. די רעקרוטן האָבן באַקומען אַלטע, צעריסענע, אָפּגעבליאַקעוועטע מונדירן, בעת די אָפיצירן האָבן פאַרקויפט די נייע קליידער און זיך צעטיילט מיטן געלט. זיי האָבן אויך געגנבעט און פאַרקויפט דאָס עסן וואָס איז באַשטימט געווען פאַר די זעלנער. אין אונדזער באַטאַליאָן איז, למשל, געווען די בעקעריי פאַר דער גאַנצער פינפטער דיוויזיע. האָט מען געבאַקן דאָרטן באַזונדער ברויט פאַר אָפיצירן און זיי האָבן דערמיט געפיטערט די חזירים, בעת די סאָלדאַטן האָט מען קוים געגעבן צו דער זעט. זונטיק צום מיטאָג האָט מען געדאַרפט געבן יעדן זעלנער אַ גלעזל וויין. איז עס אָבער געווען מער מים ווי יין, ווייל דעם וויין האָט מען געגנבעט און פאַרקויפט.

דערביי האָבן די קאָרומפּירטע צביעותדיקע רומענישע אָפיצירן געהאַט אין זינען, לויט דער אויסגעפּרוּווטער שיטה, זיך צו באַניצן אין זייערע גנבות מיט יידישע סאָלדאַטן, און אויב ס'איז געווען נייטיק — אַרויפצולייגן אויף זיי די גאַנצע שולד. דערויף זענען זיי געווען מומחים, מיט סמיכה אויף אַנטיסעמיטיזם.

אין די מאַגאַזינען האָבן זיי אַוועקגעשטעלט יידן, ווייל זיי האָבן געוווּסט אַז מען קען זיך אויף זיי פאַרלאָזן: זיי וועלן האַלטן בסוד און צוהעלפן צו די גנבות. און טאָמער אַנטפּלעקט מען עפּעס אין דער הייך — זענען שולדיק די יידן.

אַנטיסעמיטיזם איז פֿאַר זיי געווען ווי לופֿט פֿאַר די לונגען. אַן דעם האָט מען זיך נישט געקענט באַגיין. ס'איז געוואָרן אַ מין טאָג־טעגלעכע רוטין, אין אַלע שיכטן און ביי אַלע ראַנגען. אַז מ'האָט, למשל, געהייסן אַ ייִדישן זעלנער עפּעס טאָן, האָט מען אויף אים אַ געשריי געטאָן: היי, משה זשידאָן! טאָג פֿאַר טאָג, רגע פֿאַר רגע האָט מען אַריינגעטריפֿט אין די פּרימיטיווע שקצים דעם אַנטיסעמיטישן סם. בעת דער טעאָרעטישער אינסטרוקציע האָט מען זיי דערציילט אַז ייִדן האָבן געמאַכט די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע. והא־ראיה — לענין איז אַ ייִד און טראָצקי איז אַ ייִד, און קאַמענעוו, און סווערדלאָוו און בעלאַ קון, און ראָזאַ לוקסענבורג, און קאַרל ליבקנעכט. ועל־כולם — איז דאָך קאַרל מאַרקס, דער ערשטער קאָמוניסט, געווען אַ ייִד מיט אַ באָרד!... די טעאָריעס אויף אַזאַ מין נוסח האָבן ייִדן געמוזט קענען אויף אויסנווייניק, און איבערחזרן כּסדר, אַז די גרעסטע סכּנה פֿאַרן רומענישן פֿאָטערלאַנד קומט פֿון רוסלאַנד, ווו עס הערשן די ייִדן...

איך געדענק אַז מער פֿון אַלע האָט ביי אונדז געליטן אַ ייִדישער זעלנער (שפּיצער איז געווען זיין נאָמען), וואָס האָט נעבעך געהאַט אַ לאַנגע נאָז, אויף וועלכער ס'האָבן געריטן אַ פּאָר ברילן, און אַליין האָט ער אויסגעזען ווי אַ בטלן. ער איז געווען דער שעיר־לעזאזל. תּמיד האָט מען ביי אים געפֿונען עפּעס אַ חסרון: דער מונדיר איז נישט געווען אין אָרדענונג; די שיך — נישט געפּוצט ווי עס דאַרף צו זיין. האָט מען אים אַרויסגערופֿן פֿון דער ריי, פֿון אים חוזק געמאַכט און אים פֿאַרגעשטעלט ווי דעם טיפּישן ייִד, וואָס וויל מאַכן די רעוואָלוציע — דער זעלנער חיים־משה־מענדל שפּיצער!

עד־היום, נאָך אַזוי פֿיל יאָרן, קאָן איך נישט פֿאַרגעסן דעם טייוולאָנישן מעכאַניזם פֿון קאָרופּציע, סאַדיזם און שינאה קעגן ייִדן, וואָס איך האָב אַנטפּלעקט ביים דינען דער רומענישער פֿאָן און דעם רומענישן פֿאָטערלאַנד!

בילדער און עפּיזאָדן רייסן זיך אַרויס פֿון זכּרון, מיט דער בקשה איך זאָל זיי דערמאָנען. למשל דאָס געשפּאָן, מיט וועלכן

מ׳האָט אַרויסגעפירט אין שטאָט די גנבישע סחורות: אַ וועגעלע מיט אַ פאַרמאַכטן קאַסטן, וואָס האָט אויף רומעניש געהייסן „דראַאַגע״, און געשלעפּט האָט עס אַן אייזל. אין מײַן באַטאַליאָן זענען געווען צוויי אייזלען, וואָס האָבן זיך געביטן אין די האַלאַבליעס — איין מאָל איינער, איין מאָל דער צווייטער. דער אַנטרײַבער איז קיין מאָל נישט געזעסן אויפֿן וועגעלע, נאָר געגאַנגען צו פוס, בײַ דער זײַט. דער אייזל האָט שוין סײַ ווי געוווּסט אַליין ווו ער דאַרף זיך אָפּשטעלן און ווען ער דאַרף שלעפּן ווײַטער דאָס וועגעלע.

איך האָב געהאַט דעם כּבוד צו אַרבעטן מיט אַזאַ געשפּאַן און זיי האָבן מיך גערופֿן אויף רומעניש „באַיאַטו קו מאַגאַרול״, דאָס מיינט „דער בחור מיטן אייזל״. בדרך־כּלל האָט מען ייִדישע זעלנער געמאַכט פאַר מאַגאַזינערס, און ווער ס׳האָט פאַרענדיקט צו דינען, האָט די שטעלע פאַרקויפט אַן אַנדער ייִדן, פאַרשטייט זיך, מיט דער הסכּמה פונעם אָפיציר, וואָס האָט, פאַרשטייט זיך, באַקומען זײַן חלק. אַזאַ שטעלע האָט, אַחוץ חסרונות, געהאַט אַן אַ שיעור מעלות. מ׳האָט, למשל, באַקומען אַ דערלויבעניש צו שלאָפן אין שטאָט. מ׳האָט אויך געקענט פאַרדינען אַ גראָשן בײַ דער זײַט, בשותּפות מיטן מאַגאַזינער פון דער בעקערײַ, ווען מ׳האָט אַרויסגעפירט ברויט און עס פאַרקויפט פריוואַטע קונים.

איך פלעג אַרויספאָרן מיטן געשפּאַן און אין קאַסטן איז געלעגן דאָס ברויט פאַר די אָפיצירן. דער אייזל האָט שוין געוווּסט ווו די אָפיצירן וווינען און פלעג זיך אַליין אָפּשטעלן דאָרטן. און אַז איך פלעג זיך אַ ביסל פאַרזאַמען, פלעג ער שוין אַליין פאָרן ווײַטער און וואַרטן אויף מיר בײַם אַנדערן טויער. די קלוגע בהמה האָט אַפילו שוין געקענט מײַנע פריוואַטע קונים און זיך אַליין פאַרהאַלטן לעבן זייערע הײַזער.

טרעפט זיך איין מאָל, בעת מײַן געשפּאַן איז געשטאַנען אין גאַס, און דער קאַפּיטאַן מאַמאַרוצי, אַ פאַרברענטער אַנטיסעמיט און דערבײַ אַ גרויסער גנב, גייט פונקט פאַרבײַ און דערקענט דאָס וועגעלע מיטן אייזל. ער האָט געוווּסט אַז דאָרטן וווינט נישט קיין שום אָפיציר און האָט תּיכּף פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר.

ער האָט אויף מיר געפּאַסט ביז איך בין אַרויסגעקומען און האָט מיך תּיכּף גענומען אויפן צימבל:

— וואָס האָסטו פאַרקויפט?

— גאָרנישט — טענה איך. איך לייקן אַלץ אָפּ: לא היה ולא נברא. דער קאַפּיטאַן קוקט אויף מיר מיט זײַנע גנבישע אויגן און צום סוף זאָגט ער מיר שטיל און ערנסט:

— איר ייִדן זענט אַ פאָלק פון גנבים און קאָמוניסטן. האָסטו געהערט וועגן אַדאָלף היטלער? אַז ער וועט קומען צו דער מאַכט, וועט ער אײַך לערנען דרך־ארץ. ער וועט אײַך אַלע אַרויסטרײַבן קיין פּאַלעסטינע... — און באַלד דערנאָך, מיט אַ ווייכער קול:

— ברענג מיר אַהיים מאָרגן פון מאַגאַזין אַ קעסטל גרינוואַרג!

— און ער רעכנט מיר אויס וואָס ער באַגערט און וויפל ער וויל פון איטלעכן מין. פרעג איך אים כּלומרשט, צי איך זאָל זאָגן דעם מאַגאַזינער אַז ער, דער קאַפּיטאַן, האָט באַפוילן. ענטפערט ער מיר:

— איך דאַרף דיר קיין עצה נישט געבן, דער מאַגאַזינער איז דאָך אויך אַ ייִד. מען דאַרף אײַך נישט לערנען ווי אַזוי צו מאַכן געשעפטן. איר זענט אַן אינטערנאַציאָנאַלע באַנדע!

דעם צווייטן טאָג, ווען כ׳האָב אים געבראַכט די סחורה, האָט ער סאַרקאַסטיש אַ זאָג געטאָן:

— נו, זעסטו שוין ווער איר זענט? אַלץ איז אין אײַערע הענט. איר קענט מאַכן אַלץ מיטן רומענישן פאָלק!

אין מיר האָט געברענט דער פאַרדראָס און איך האָב זיך דערוועגט אים צו פרעגן:

— פאַר וואָס האָט איר בײַ מיר געפאָדערט איך זאָל אײַך ברענגען געגנבעטע סחורה?

— איך האָב אין דער מלחמה פאַרגאָסן בלוט פאַר מײַן פאָטערלאַנד — האָט זיך דער קאַפּיטאַן צעשריגן — בעת איר, ייִדן, האָט געמאַכט געשעפטן! איר ייִדן האָט קאָרומפּירט דאָס גאַנצע לאַנד! איר זענט אַרײַנגעמישט אין אַלע גנבות!...

שפּעטער מיט עטלעכע חדשים — געדענק איך — איז געקומען אַ נײַער קאָמענדאַנט פון רעגימענט. ער האָט געבראַכט פינף ייִדישע ייִנגלעך, וואָס האָבן אים געצאָלט צו 1500 ליי אַ חודש און זענען

כמעט די גאַנצע צײַט געזעסן אין דער היים. איינער פון זיי, שלום רובינגער, וואָס איך וועל אים נאָך שפּעטער דערמאָנען, ער איז געווען טעכנישער אָנפירער פון דער שפּיגל־פאַבריק „בעלגיאַ" אין טשערנאָוויץ, האָט מיך געבעטן איך זאָל טאָן פאַר אים דאָס שליחות: ער וועט מיר יעדן חודש אַרײַנשיקן די 1500 ליי אויף אַ פּריוואַטן אַדרעס און איך זאָל זיי איבערגעבן דעם קאָמענדאַנט. אַזוי האָב איך געטאָן עטלעכע חדשים נאָך אַנאַנד. נאָך יעדן אָפּצאָל האָט דער קאָמענדאַנט אים פאַרלענגערט דעם אורלויב.

עטלעכע טעג פאַר פּסח בין איך געגאַנגען צום קאָמענדאַנט און אים געזאָגט, אַז איך בין אויך גרייט אים צו באַצאָלן 1500 ליי, ער זאָל מיך באַפרײַען און מיר פאַרלענגערן כּסדר דעם אורלויב. אַ צופרידענער בין איך אויף פּסח אַהיים געפאָרן און טאַקע באַלד אָפּגעשיקט דאָס געלט מיט דער פּאָסט, אויפן אַדרעס פון קאָמענדאַנט. דאָס האָט אים, ווי עס זעט אויס, נישט געלוינט. ער האָט מורא געהאַט אָפּצונעמען דאָס געלט פון דער פּאָסט און האָט מיר דעם אורלויב נישט פאַרלענגערט.

ווען איך האָב זיך אומגעקערט אין באַטאַליאָן, האָט מיך דער קאַפּיטאַן מאַמאָרוצי באַשטראָפט: כ'האָב געדאַרפט שטיין שמירה פון צוועלף בײַ נאַכט ביז דרײַ אַ זייגער אין דער פרי. גאַנצע צוויי וואָכן האָב איך זיך אַזוי געמאַטערט און נישט איין מאָל שטייענ־דיקערהייט אַנטדרעמלט געוואָרן. וואָלט מען מיך געכאַפּט, וואָלט איך געהאַט אַ ווילדן פּסק. די אָפיצירן וואָס האָבן געהאַט דינסט בײַ נאַכט האָבן אָבער אַליין ערגעץ געכראָפּעט, נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך אָנגעשיכּורט. נאָך צוויי וואָכן האָט מיר דער קאַפּיטאַן צוריקגעגעבן מײַן וועגעלע מיטן אייזל. ער האָט פאַרט נישט געהאַט קיין צוטרוי אַז אַ גויִישער זעלנער זאָל אים ברענגען די געגנבֿעטע סחורות פון מאַגאַזין...

איך מוז נאָך דערמאָנען צוויי טראַגיקאָמישע עפּיזאָדן פון יענער צײַט, ווען איך בין געווען אַ זעלנער אין דער רומענישער אַרמיי:

איינער פון די אָפיצירן וועמען איך פלעג אַרויספירן ברויט

אין שטאָט, האָט געשפּילט אַ ליבע מיטן ווײַב פֿון אַ צווייטן אָפּיציר, און האָט מיך אויסגעקליבן פֿאַר אַ בריוו־טרעגער, דהײַנו ברענגען און טראָגן ליבע־בריוועלעך פֿון אים צו איר און פֿון איר צו אים. צו מאָל פֿלעג ער איר שיקן אויך אַ מתּנה.

אין איינעם אַ טאָג לאָזט דער געגנאַרטער אָפּיציר מיך רופֿן. ווי איך בין אַרײַן אין ביוראָ, האָט ער מיך גענומען צום פֿאַרהער. ס'האָט נישט געהאָלפֿן קיין לייקענען. ער האָט שוין אַלץ געוווּסט. ער שרײַט צו מיר מלא־רציחה:

— דו זשידאָן, אויב דו וועסט נישט אַלץ דערציילן, וועל איך דיך שיסן!

אויפֿן טיש איז געלעגן אַ רעוואָלווער און כ'האָב פֿאַרשטאַנען אַז עס האַלט שמאָל. איך האָב אָנגעהויבן שטאַמלען, געטענהט אַז כ'האָב אויסגעפֿילט דעם באַפֿעל פֿון אַן אָפּיציר, נאָר וואָס מער איך האָב זיך פֿאַרטיידיקט, אַלץ מער האָט יענער געשריגן און נישט אַרויסגעלאָזט דאָס וואָרט „יודאָס" פֿונעם מויל, כּאילו איך וואָלט געווען דער אמתער פֿאַררעטער און נישט זײַן ווײַב מיט זײַן מיליטערישן קאָלעגע. ווײַזט אויס, אַז ער האָט זיך אַלץ דערוווּסט טאַקע פֿון איר, פֿון זײַן פּלוניתטע. פֿאַר וואָס זי האָט אים דערציילט אַז איך בין געווען דער שליח פֿון איר געליבטן, ווייס איך נישט.

איך געדענק אַז כ'בין דעמאָלט קוים אַרויס אַ לעבעדיקער פֿון ביוראָ. נאָר דערמיט האָט עס זיך נישט פֿאַרענדיקט. שפּעטער מיט אַ צײַט, כ'האָב זיך שוין געהאַט באַפֿרײַט פֿון מיליטער, האָט מען מיך גערופֿן קיין פֿאָקשאַן אין געריכט, ווי אַן עדות אין פּראָצעס וואָס דער אָפּיציר האָט געפֿירט קעגן זײַן ווײַב. ער האָט געפֿאָדערט אַ גט.

מײַן צווייטע אַוואַנטורע האָט פּאַסירט דעם 10טן מײַ, וואָס איז דעמאָלט געווען דער נאַציאָנאַלער רומענישער יום־טובֿ, לזכר דעם טאָג ווען רומעניע איז געוואָרן זעלבשטענדיק, די צוויי אַלטרומענישע פּראָווינצן האָבן זיך באַפֿרײַט פֿון טערקישן עול און זיך פֿאַראייניקט אונטער איין פֿאָן. דעם טאָג האָט מען אומעטום געפּראַוועט מיט אַ מיליטערישן פּאַראַד. פֿאַר דער ערשטער ריי

פון דער אָפּטיילונג וואָס האָט געדאַרפט פאַרבײַמאַרשירן דער טריבונע, ווו ס׳זענען געזעסן די בכּבודיקע געסט, הויכע אָפיצירן און גלחים און רעגירונגס־לײַט, האָט מען אויסגעקליבן די העכערע זעלנערס, און מיך בתוכם.

שפּאַן איך מיר אַזוי אַ שטײַפער, מיט שטרענגע מיליטערישע טריט, אין ריטעם פון דעם מיליטערישן מאַרש, נאָר פּלוצעם פּיל איך, פון גרויס אָנשטרענג מסתּמא, ווי עס עפנט זיך פאַמעלער דער רימען וואָס האַלט צוגעבונדן מײַנע הויזן. אָט־אָט פאַלן מיר אַראָפּ די הויזן אין מיטן דעם פּאַראַד! פון אַזאַ צרה וואָלט איך שוין נישט אַרויס קיין לעבעדיקער. ס׳האָט מיך באַגאָסן אַ קאַלטער שווייס און איך האָב מיט אַלע כּוחות זיך באַמיט אויסצומײַדן אַן אומגליק. מיר האָבן געטראָגן לאַנגע מאַנטלען, האָב איך אַלץ אַ הייב געטאָן די הויזן בעתן גייט, ביז גאָט האָט געהאָלפן און מיר זענען בשלום פאַרבײַמאַרשירט דער געהויבענער טריבונע. איך געדענק אַז עטלעכע טעג נאָך יענעם 10טן מײַ האָב איך נישט געקענט צו זיך קומען פונעם שרעק וואָס איך האָב איבערגעלעבט.

כ׳האָב קיין גאַנצע צוויי יאָר נישט אויסגעדינט. נאָך אַ יאָר מיט עטלעכע חדשים האָט דער קאָמענדאַנט מיר געגעבן דעם אַדרעס פון זײַנער אַ געליבטער אין בוקאַרעשט, וווּהין איך זאָל שיקן די חודשלעכע 1500 ליי. די געליבטע איז אַגב געווען אַ ייִדישע.

דערמיט האָב איך פאַרענדיקט מײַן חוב פאַר דעם שטיף־פאָטערלאַנד רומעניע און האָב זיך געקענט אומקערן צו מײַנע אייגענע פּלענער פאַר דער צוקונפט.

איך ווער אַ סאָציאַליסט

אַהיימגעקומען פון מיליטער, האָב איך געטראָפן מײַן משפחה אין אַ שווערן מצב, וואָס שייך פּרנסה. דער אַלגעמיינער וועלט־קריזיס האָט אומעטום געהאַט אַ ווירקונג, דערפירט צו באַנקראָטן און אַרבעטלאָזיקייט. דער טאַטע האָט געמוזט פאַרמאַכן זײַן געשעפט, ווי ער פלעג אָנפילן בירפלעשער, ווײַל די בירפאַבריק האָט איך נישט מער געוואָלט שיקן קיין סחורה אויף באָרג, און צו באַצאָלן מזומן האָט ער נישט געהאַט. אַ הלוואה איז געווען שווער צו באַקומען.

מײַנע שטריקמאַשינען זענען געשטאַנען. איך האָב נישט געהאַט קיין געלט פאַר רוי־מאַטעריאַל; בלית־ברירה האָב איך אָנגענומען די באַדינגונגען פון אַן אַרטיקן סוחר, וואָרזינגער האָט ער געהייסן, אַ גרויסער אויסניצער, וואָס איז גרייט געווען צו פינאַנצירן דאָס געשעפט, בתּנאי איך זאָל אים ליווערן די גאַנצע סחורה פאַר גאָר אַ בצימצומדיקן אַרבעטלוין, און ער זאָל זי מעגן פאַרקויפן מיט וויפל רווח ער וויל. דאָס איז געווען אַזאַ פאַסקודנע ייִד, אַז אַפילו די גראָשנס וואָס ער האָט שוין מסכּים געווען צו באַצאָלן פאַר דער אַרבעט, האָט ער מיר נישט געוואָלט געבן במזומן, נאָר מיך געשיקט צו זײַנעם אַ קרוב, וואָס האָט געהאַט אַ שפּײַזגעשעפט, איך זאָל דאָרטן אײַנקויפן וואָס מיר דאַרפן צום לעבן. און יענער האָט באַזונדער אָראָפּגעריסן די הויט.

דאָס מזל האָט מיר אָבער ווידער צוגעשפּילט. איך האָב געמאַכט שותּפות מיט אַ גוטן פרײַנד, בערנאַרד אושער, וואָס האָט געהאַט אַ קאָנצעסיע אויף אַ בענזין־שטעלע אין אַ טעכנישן געשעפט. מיר האָבן געקויפט נײַע מאַשינען פאַר אונדזער פאַבריק און אין דער זעלביקער צײַט אויך געעפנט אַ געשעפט צו פאַרקויפן

אין דעטאַל. אין משך פון אַ קורצער צײַט האָבן מיר זיך אַרויפֿגעאַרבעט. אַזוי האָב איך זיך באַפֿרײַט פון יענעם שווינדלער און אויסניצער, וואָס האָט געוואָלט רײַך ווערן אויף מײַנע פּלייצעס.

דאָס איז געווען, געדענק איך, פּונקט אין יאָר 1933, ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט.

אין יענער צײַט האָבן זיך אויך פֿאַמעלעך אויסקריסטאַליזירט מײַנע גײַסטיקע און פּאָליטישע איבערצײַגונגען. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק דורך מײַן באַציִונג צו רעליגיע. כ'בין נישט מער געגאַנגען דאַווענען, כ'האָב נישט מער געטראָגן קיין היטל. כ'האָב זיך דערנענטערט צו די לינקע קרײַזן פון דער יוגנט. דאָס זענען געווען לרוב יִנגלער און מיידלער פון בעל־הבתּישע הײַזער, סטודענטן, גימנאַזיסטן פון די העכערע קלאַסן און אויך סתּם אינטעליגענטע יונגע־לײַט, וואָס האָבן געאַרבעט ווי אַנגעשטעלטע. אַלע זענען געווען יִדן, און ווען ס'האָט זיך אַ מאָל געיאָוועט אַ נישט־יִיד צווישן זיי, איז ער געקומען בלויז צוליב זײַן יִדישער חברטע.

מען פֿלעג זיך צונויפֿקומען אויף אַ באַרג, אין אַ באַהעלטעניש, די פּאָליציי זאָל זיך נישט דערוויסן. אויף די אַסיפֿות האָט מען גערעדט וועגן סאָציאַליסטישע ביכער און מ'האָט געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער.

אין דער מאָדע איז געווען רוסישע און סאָוועטישע ליטעראַטור. כ'האָב דעמאָלט זיך אַנגעלייענט מיט טאָלסטוי, דאָסטאָיעווסקי, גאָרקי, שאָלאָכאָוו, ערענבורג. אויף די אַסיפֿות פֿלעג מען רעציטירן לידער פון לערמאָנטאָוו און פון פּושקין.

אין די דאָזיקע לינקע יוגנטקרײַזן האָט געהערשט אַ געוואַלדיקער נײַגער. מ'איז געווען דאָרשטיק צו לערנען און צו וויסן. אידעאָלאָגיע האָט, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַרנומען דעם אויבנאָן. מ'האָט זיך פֿאַרטיפֿט אין די ווערק פון מאַרקס און ענגעלס און מ'האָט זיך באַמיט צו פֿאַרשטיין דעם חילוק צווישן סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און קאָמוניזם.

צווישן די יוגנטלעכע זענען געווען, אַחוץ קאָמוניסטן, אויך סאָציאַליסטן און חברים פון דער פועלי־ציון־באַוועגונג.

אַ טעמע וואָס האָט אַלעמען אינטערעסירט איז געווען: ליבע. געמיינט האָט עס גיכער: סעקס. מ'האָט זיך מיט חשק אַריינגעלייענט אין דעם בוך פונעם בעלגישן סאָציאַליסט וואַן דע וועלדע, וועגן סעקסועלע פּראָבלעמען. מ'האָט אויך געפרוווט פאַרשטיין די שריפטן פון זיגמונד פרויד, כאָטש דאָס איז נישט אַזוי גרינג אָנגעקומען.

די מיטגלידער אין דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זענען געווען דורכויס אַקטיוו. זיי האָבן געדרוקט און פאַרשפּרייט קאָמוניסטישע מאַניפעסטן און געהאַלטן פאַרבינדונגען מיט קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פון אַנדערע שטעט. צווישן די קאָמוניסטן זענען אויך געווען צוויי פון מיינע צוקונפטיקע שוואָגערס: רודי כ"ץ, דער מאַן פון מיין שוועסטער פאַני, און פרעדי צורף, דער ברודער פון מיין צוקונפטיקער פרוי, עדיט.

אַ געשעעניש וואָס האָט אין יענע יאָרן אויפגערודערט די בוקאָווינע, און האָט אויך געהאַט אַן אָפּקלאַנג אין גאַנץ רומעניע, איז געווען דער סענסאַציאָנעלער פּראָצעס קעגן 104 יונגע קאָמוניסטן, וואָס די טשערנאָוויצער פּאָליציי האָט, כּלומרשט, אויפגעדעקט און פאַרגעשטעלט ווי די „קאָמוניסטישע פאַרשווערונג". בסך־הכּל האָבן די „פאַרשווערערס" געהאַט פּאַרטיילט אין די פאַבריקן פון דער בוקאָווינע קאָמוניסטישע מאַניפעסטן, וואָס זענען געווען געדרוקט אין בוקאַרעשט. דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין דער מאָלדאָווישער קרוינשטאָט יאַס, די רעזידענץ פון פּראָפעסאָר קוזאַ און זיין אַנטיסעמיטישער פּאַרטיי. ס'איז כּדאַי צו דערמאָנען, אַז אויף יענעם פּראָצעס, אין אַ שווידערלעכער אַטמאָספער פון שינאה קעגן ייִדן, איז אַרויסגעטראָטן ווי אַ פאַרטיידיקער פון די 104 ייִנגלעך דער דעמאָלטיקער מנהיג פון דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין רומעניע, דער אַדוואָקאַט לוקרעציו פּאַטראַשקאַנו. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין די פופציקער יאָרן, בעת דער חבר סטאַלין האָט געריייניקט די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין מיזרח־אייראָפּע און אויסגעקוילעט די אַלטע אָנפירערשאַפט, האָט מען אויך ליקווידירט

דעם אַלטן קאָמוניסט לוקרעציו פּאַטראַשקאַנו פֿאַר זײַנע „פֿאַרברעכנס".

ס'רוב אָנגעקלאָגטע זענען פֿאַרמישפּט געוואָרן אויף שווערע יאָרן תּפֿיסה. עס זענען פֿאָרגעקומען רירנדיקע סצענעס. באַזונדערש איז מיר געבליבן אין זכּרון דער פֿאַל מיטן זון פֿון ד"ר מיק, פֿון גורא־הומאָרולוי. ער האָט נישט אויסגעהאַלטן די סאַדיסטישע קלעפּ אין דער טשערנאָוויצער פּאָליציי, וואָס האָט געהאַט אַ שם מיט איר ווילדער אַכזריות. צווישן די הויפּטשינדערס איז געווען דער ייִדישער געהיים־אַגענט מאָריץ ראָטענבערג, וואָס האָט געפּײַניקט די אַרעסטאַנטן מיט די גרוויליקסטע מיטלען, כּדי זיי מאָראַליש אײַנצוברעכן. אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט דער זון פֿון ד"ר מיק, אַן אייִדעלער סטודענט, מסכּים געווען צו זײַן אַן עדות פֿון מלוכה־פּראָקוראָר. דערפֿאַר האָט מען אים באַפֿרײַט און דער טאַטע האָט אים תּיכּף אָוועקגעשיקט קיין פּאַריז. דאָס געוויסן האָט אים אָבער נישט געלאָזט רוען. פּלוצעם איז ער צוריקגעקומען און אַרויס אויפֿן פּראָצעס מיט אַ האַרבער באַשולדיקונג קעגן דעם רומענישן רעזשים. מ'האָט אים פֿאַרמישפּט אויף צען יאָר תּפֿיסה, אָבער ער איז שוין קיין לעבעדיקער נישט אַרויס. ס'האָט קיינער נישט געוווּסט ווי זײַן געביין איז אַהינגעקומען. די חברים האָבן אים אויך נישט מוחל געווען און אים בויקאָטירט ביז דער לעצטער רגע.

בעצם האָב איך דעמאָלט געלעבט צווישן צוויי וועלטן. קיין קאָמוניסט בין איך אין תּוך נישט געוואָרן. אויפֿן באַרג, בײַ די אַסיפֿות, האָב איך געחלומט מיט אַלע אין איינעם וועגן אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע. דערנאָך האָב איך זיך אומגעקערט אַהיים, צו מײַן אייגענער פֿאַבריק, ווו איך בין געווען אַ בעל־הבית און האָב געהאַט פֿרעמדע אַרבעטער. איך האָב געלעבט אַ טאָפּללעבן, מיט אַ צעשפּאָלטענער נשמה. בכלל האָט מען אויף מיר געקוקט אין גורא־הומאָרולוי ווי אויף עפּעס אַ מאָדנע פּאַרשוין: אַ ישיבה־בחור וואָס האָט זיך געקליבן צו ווערן רב און האָט געהערט צו אַגודת־ישראל, די אָרטאָדאָקסע, אַנטיציוניסטישע פּאַרטיי, ווערט פּלוצעם אַ פֿאַבריקאַנט, און אפֿשר איז דאָס ווייניק — דרייט ער

זיך נאָך אין די לינקע קרייזן, צווישן קאָמוניסטן און פּועלי־ציוניסטן! דאָס איז שוין געווען צו פיל פאַר אַזאַ פּראָווינץ־שטעטל ווי גורא־הומאָרולוי.

אין דער אמתן האָב איך זיך אַליין געמאַטערט מיט די פּראָבלעמען פון מײַן צײַט: פון רעליגיע האָב איך זיך דערווײַטערט, דער עיקר ווײַל כ׳בין בטבע נישט קיין פאַטאַליסט און כ׳האָב נישט געקענט שטיין מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרטן משיח זאָל קומען, אין אַנבליק פון די סכּנות וואָס האָבן שוין דעמאָלט געלאָקערט אויף אונדז: דער נאָענטער ברוטאַלער רומענישער אַנטיסעמיטיזם, און דער ווײַטערער נאַציסטישער גרויל, וואָס האָט בעצם אַלץ מער געשפּײַזט די רומענישע אײַנגעוואָרצלטע שינאה קעגן ייִדן. אין אַזאַ מצב איז נישט קיין חידוש אַז מען ווערט פאַרכאַפּט פון דער אידעע וועגן אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס זאָל לייזן אַלע פּראָבלעמען און בתוכם די ייִדישע פּראָבלעם.

די מקורדיקע בענקשאַפט צו ארץ־ישראל איז קיין מאָל אין מיר ניטש אויסגעלאָשן געוואָרן. זי האָט זיך אַרײַנגעגראָבן אין האַרצן אין די קינדער־יאָרן, מיטן ניגון פון איכה ישבה בדד העיר אין טונקעלען בית־המדרש, תשעה־באב בײַ נאַכט, בײַ די איבער־געקערטע שטענדערס; מיטן אויסגעשריי פון קהל: לשנה הבאה בירושלים, אום יום־כּיפּור, נאָך אַלע תּפילות. ווי אַזוי פאַרוואַנדלט מען אָבער אַזאַ חלום איןווירקלעכקייט, בפועל־ממש, פאַר אַלע גערודפטע ייִדן וואָס לעבן אין סכּנה? אויף דעם האָב איך קיין תּשובה נישט געהאַט. און דערווײַל זענען פון מיזרח, פון יענער זײַט „אײַזערנער וואַנט", אַריבערגעקומען די פאַלשע ידעות וועגן דעם דאָרטיקן גן־עדן, ווו ייִדן לעבן כּלומרשט פרײַ און קאָנען דערגרייכן צו די העכסטע פּאָסטנס. דעם אמת וועגן „רויטן גן־עדן" האָט מען נישט געוווּסט און אפשר אויך נישט געוואָלט וויסן.

איך געדענק אַז איין מאָל איז געקומען צו מיר אין פאַבריק דער שליח פון קרן־היסוד, ד״ר פאַן ווײַזל, און אַנשטאָט תּיכּף אַרויסצורוקן מיט אַ תּרומה, האָב איך זיך אַרײַנגעלאָזט אין אַ דיסקוסיע וועגן דער אוטאָפּיע פון ציוניזם. נאָך דעם ווי ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָב איך זיך פּלוצעם געכאַפּט: היתּכן, ווי לאָזט

מען אַזאַ שליח אַוועק מיט ליידיקע הענט? כ׳בין געלאָפן פון געוועלב צו געוועלב אים זוכן, ביז כ׳האָב אים געפונען, זיך אַנטשולדיקט, און אים געבעטן ער זאָל בײַ מיר נעמען מײַן בײַשטײַער פאַרן קרן־היסוד.

טאַטע־מאַמע האָבן, פאַרשטייט זיך, געהאַט גרויס עגמת־נפש פון מײַן אפיקורסות. אין אַ פרײַטיק צו נאַכטס, נאָך דער סעודה, האָט דער טאַטע זיך מיט מיר אַרײַנגעלאָזט אין אַ שמועס:

— צי האָסטו נישט מורא — האָט ער מיך געפרעגט — צו גיין אין הוילן קאָפּ, נישט דאַווענען, תּרבות־רעה?

איך האָב זיך פאַרענטפערט, אַז ייִדישקייט באַשטייט נישט בלויז אין קאַפּעליוש און סידור, אַז מע טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף נסים, און אויב משיח קומט נישט אַליין, דאַרף מען אים ברענגען מיט געוואַלד. דערבײַ האָב איך געוואָרפן מיט פסוקים פון חז״ל, וואָס מיר האָבן ביידע גוט געקענט.

— און וואָס איז מכּות תּרי״ג מיצוות און שולחן־ערוך? — האָט דער טאַטע געפרעגט.

האָב איך אים ווידער געוואָלט באַווײַזן מיט פּילפּול און פסוקים, אַז די מיצוות דאַרף מען צופּאַסן צו דער צײַט, ווי ס׳האָבן עס געטאָן אונדזערע גדולים אין משך פון דורות.

מײַן טאַטע האָט זיך נישט געלאָזט איבעררעדן. ער איז געבליבן בײַ זײַנעם:

— די אַלע אויפגעקלערטע לײַט — האָט ער מיר געזאָגט — וואָס האָבן זיך כּלומרשט באַפרײַט פון מיצוות, זענען מיט דער צײַט געוואָרן אין גאַנצן אויס ייִדן, האָבן זיך געשמדט. אָן מיצוות, אָן אמונה־שלמה אין ביאת־המשיח, אין תּחית־המתים, קאָן מען נישט בלײַבן קיין ייִד. אַלץ ווערט געטאָן אויף דער וועלט לויט דער השגחה־עליונה. ס׳איז טאַקע שווער צו זײַן אַ ייִד, אויב מען גלייבט נישט אין אתה בחרתנו...

יאָ, כ׳האָב דעם טאַטן פאַרשאַפט אַ סך עגמת־נפש. נאָך אַזוי פיל יאָרן עקבערט מיך נאָך אין האַרצן דער ווייטיק: למאַי האָב איך עס געדאַרפט טאָן?

דעמאָלט האָב איך זיך אָבער געפילט יונג און דער עיקר פריַי. כ׳האָב געהאַט מיַין אייגענעם שולחן־ערוך און מער נישט געוואָלט וויסן פון קיין שום איסורים: נישט רעליגיעזע און נישט בירגערלעכע. אין מיַין יוגנטלעכער פאַנטאַזיע האָט זיך מיר אויס־געוויזן אַז איך בין אַ מין פאָוסט און איך הער ווי מעפיסטאָ רעדט מיר אַריַין אין אויער: דו האָסט דאָך קיין שום הנאה נישט פון דיַין לעבן! אַנדערע בחורים אין דיַין עלטער עסן און טרינקען און שפּילן אין קאָרטן און שלאָפן מיט מיידלעך. דו האָסט אין גאַנצן פון קיין קינדהייט נישט געוווּסט, נישט געשפּילט אין פוטבאָל, נישט געגליטשט זיך אויפן איַיז, נאָר געלערנט און געלערנט. און היַינט ווייסטו נאָר פון אַרבעט און אַרבעט. האָסט נישט קיין הנאה פון עולם־הזה און גלייבסט נישט מער אין עולם־הבא...

איך בין געווען אַ גוטער תּלמיד פון מיַינע אייגענע געדאַנקען: קודם־כל האָב איך זיך איַינגעאָרדנט אַ פּריוואַט שלאָפצימער אין בנין פון דער פאַבריק. שנית, האָב איך זיך פאַרשריבן אין אַ טאַנצשול, אין איינעם מיט אַ גרופּע מיידלעך. איך האָב מיר גענומען פאַר אַ לאָזונג די ווערטער פונעם דיכטער:

Nütze der Jugend schöne Stunden,
Die können nichts vom Widerkehr...
Einmal entschlüpft ist einmal entschwunden,
Zurück kehrt keine Jugend mehr.

כ׳האָב אָנגעהויבן אַריַינצוגיין אין „קאַפע שערצער“. דאָרטן האָט מען געטאַנצט און געשפּילט אין קאָרטן. טייל האָבן געשפּילט זעקס־און־זעכציק, ברידזש, טאַראָק, אָבער דער עיקר האָט מען געשפּילט פּאָקער. דערביַי האָט געהערשט פולע דעמאָקראַטיע: ס׳האָבן געשפּילט אַ סוחר מיט אַ בעל־עגלה, אַ דאָקטער מיט אַ מאַרקזיצער. אַלע זיַינען געווען אויף דו. האָט עס טאַקע אַ סך קליינע מענטשעלעך נישט געאַרט ווען זיי האָבן פאַרשפּילט, אַבי זיי קענען זיך דוצן מיטן הער דאָקטער צי מיטן הער אַדוואָקאַט.

מען פלעג אויך דאָרטן טרינקען אַן איבעריק גלעזל, ביַי די

קלאַנגען פון אַ ציגײַנערישער קאַפּעליע, וואָס האָט געשפּילט פאַרחלשטע אונגאַרישע מעלאָדיעס. כ׳האָב דאָס אויך אויסגעפּרוּווט, אָבער ס׳האָט מיר נישט פאַרשאַפט קיין פאַרגעניגן. ס׳האָט מיך אַלץ געמאַטערט די שאלה „קוואָ וואַדיס?״ וווּאַהין גיי איך און צי גיי איך אויפן ריכטיקן וועג?

קיין טענצער בין איך אויך נישט געוואָרן. די פיס האָבן זיך מיר עפּעס פאַרפּלאָנטערט און כ׳האָב געטראָטן אויף די הינעראויגן פון מײַן פאַרטנערין. דערצו האָט נאָך געטראָפן, אַז בײַ „דאַמענוואַל״, דהײַנו ווען די מיידלעך האָבן געהאַט ס׳רעכט זיך אויסצוקלײַבן אַ פאַרטנער, האָט מיך תמיד אויסגעקליבן אַ מויד, וואָס האָט זיך געהאַט געצוואָגן און אײַנגעשמירט די האָר מיט נאַפט. איך פלעג שיִער נישט חלשן פון דעם ריח, און ס׳פלעג מיר אָנהייבן רינען פון דער נאָז. האָב איך אַוועקגעוואָרפן די טאַנצשול און בין טאַקע עד־היום געבליבן אַ קאַליקע אין אָט דעם געביט.

אין פּאָקער האָט מיר אָבער צוגעשפּילט ס׳מזל; און אַ גלעזל משקה האָט מיר אויך נישט געשאַט. בעת אַנדערע האָבן זיך שוין געוואַקלט, האָב איך נאָך געקענט אַרײַנגיסן אַ כּוס אָדער אַפילו צוויי, און בלײַבן דערבײַ ניכטער. די צונג פלעג זיך מיר ערשט רעכט אויפפּלאָנטערן און איך פלעג אָנהייבן רעדן וועגן פילאָסאָפיע און וועגן סאָציאַליזם. ס׳איז אָבער בדרך־כּלל שוין געווען בלויז אַ מאָנאָלאָג, ווײַל מײַנע שיכּורע חברים האָבן נישט געהערט וואָס איך זאָג.

כאָטש איך בין געווען אַזוי להוט צו געניסן פון עולם־הזה, האָב איך זיך כּסדר געהאַלטן אין פרעגן, צי דאָס איז טאַקע דער טויער פונעם גן־עדן, פונעם גליק וועגן וועלכן כ׳האָב געחלומט?

זומער פלעג יונגוואַרג מאַכן אַ לעבן מיט די קורגעסט וואָס פלעגן קומען פון אַנדערע שטעט, צווישן זיי מיידלעך און ווײַבלעך, וואָס האָבן איבערגעלאָזט די מענער אין דער היים און זיך געלאָזט ווילגיין. דאָס שטעטל איז געגאַנגען כּאָדאָראָם מיט די סצענעס און אַוואַנטורעס. ס׳האָט דערבײַ אויך נישט געפעלט קיין רכילות. פלוצעם האָט מען פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז בעת איך בין געשלאָפן

מיט אַ יונג ווײַבל פֿון יאַס, איז אָנגעקומען איר מאַן און איך בין כּלומרשט אַרויסגעשפּרונגען דורכן פֿענצטער.

איך האָב פֿײַנט געהאַט אַזעלכע פּליאַטקעס. כ'האָב דורכויס נישט געוואָלט שפּילן דעם דאָן־זשואַן. קאָקעטקעס וואָס האָבן זיך די גאַנצע צײַט באַטראַכט אין שפּיגל און מ'האָט נישט געקענט מיט זיי רעדן אַן ערנסט וואָרט — האָבן מיך בעצם נישט אינטערע־סירט. כ'האָב אויך נישט געהאַט קיין סימפּאַטיע פֿאַר קאָקעטע מענער, וואָס האָבן בלויז אין זינען געהאַט אַז די הויזן זאָלן זײַן אויסגעפּרעסט ווי אַ מעסער. וואָלטן דעמאָלט געווען די הײַנטיקע בלויע דזשין־הויזן, וואָלט איך אַוודאי געווען דער ערשטער זיי אָנצוטאָן, אויף צו־להכעיס דער בירגערלעכער מאָדע.

פֿון יענער צײַט האָט אויך געשטאַמט מײַן פֿרײַנדשאַפֿט מיט דעם גאָלדשמיד אַברהם האַרט. ער איז געווען מיט אַ יאָר צען עלטער פֿון מיר און האָט שוין געהאַט געלעבט עטלעכע יאָר אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ. ער האָט געמאַכט אַ רושם מיט זײַן גרויסוועלטישן שטעל, מיט זײַן עלעגאַנטן שפּילן אין קאָרטן און מיט די שיינע לידער וואָס ער פֿלעג זינגען. דערצו האָט ער זיך געהאַלטן פֿאַר אַ קאָמוניסט און האָט מליצהדיק גערעדט וועגן דער גערעכטער וועלט פֿון מאָרגן. דערווײַל האָט ער געלעבט פֿון דעם וואָס זײַן חברטע, מאַלי בורג, האָט פֿאַרדינט פֿון איר מאָדע־שנײַדערײַ. דעם אמתן פּרצוף פֿון אָט דעם אַברהם האַרט האָב איך ערשט דערקענט שפּעטער מיט יאָרן, ווען די רוסן זענען געוואָרן בעלי־בתּים אין טשערנאָוויץ.

פֿון די לינקע קרײַזן אין גורא־הומאָרולוי געדענק איך אויך אַ דײַטשן סאָציאַליסט, וואָס האָט געהייסן שמעגנער. די מאַמע זײַנע, אַ ייִדישע טאָכטער, האָט זיך געהאַט געשמדט און באַלד פֿײַנט באַקומען ייִדן. דער טאַטע זײַנער, דער גוי, האָט אַוודאי נישט געהאַט קיין הנאה וואָס דער זון חברט זיך מיט ייִדן. דעם אמתן בראָך האָט די משפּחה שמעגנער געליטן אין 1938, ווען היטלער האָט די פֿאָלקסדײַטשן פֿון דער בוקאָווינע צוריקגערופֿן אין דער „הײַמאַט”, און די שמעגנערס נישט אָנערקענט ווי ריינראַסיק.

אַ גרעסערן אינטערעס האָט בײַ אונדז אַרויסגערופֿן דער

פּאָליאַק פּאָכמאַרסקי, וואָס איז צו אונדז געהאַט אַנטלאָפן פון פוילן, ווו מ'האָט אים גערודפט ווי אַ קאָמוניסט. אין גורא־הומאָרולוי האָט ער געלעבט דווקא מיט דער טאָכטער פון אַ פרומען חסידישן ייִדן, ר' משולם מערלינק, אַ בעל־תפילה אין וויזשניצער קלויז.

אָט דער פּאָכמאַרסקי איז געווען אַ קלוגער יאַט מיט הומאָר און אינטעליגענץ. איך האָב בלויז פּײַנט געהאַט ווען ער פלעג דערציילן וויצן וועגן ייִדן. סטײַטש, דו אַליין דערציילסט דאָך אַזעלכע וויצן! — פלעג ער זיך פאַרענטפערן. אמת — האָב איך אים געזאָגט — אָבער ווען איך דערצייל זיי, קלינגען זיי ווי ייִדישער הומאָר, און ווען דו דערציילסט זיי, באַקומען זיי אַן אַנטיסעמיטישן טעם...

באַלד נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער צוריקגעקערט קיין פוילן און, ווי כ'האָב זיך דערוווּסט, איז ער דאָרטן געוואָרן אַ מיניסטער. שפּעטער האָבן אים די סאָוועטישע חברים באַזײַטיקט, אין איינעם מיט אַנדערע קאָמוניסטן פון דער אַלטער גוואַרדיע. וואָס ס'איז געוואָרן פון זײַן ייִדישער חברטע לענקאַ מערלינג — ווייס איך נישט.

עדיט

עס זענען פאַרגאַנגען צען יאָר פון זינט מיר זענען אַריבער־געפאָרן דעם פּריסלאָפּ, פון באָרשע אין דער בוקאָווינע. דאָס זענען אפשר געווען די וויכטיקסטע יאָרן אין מײַן לעבן, יאָרן אין וועלכע איך האָב אויסגעטראָטן פאַר זיך אַן אייגענעם וועג, אין אַ נײַער וועלט, אַ באַפרײַטער פונעם אַלטן לעבנס־שטייגער און פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם. אין מידבר סיני האָבן די ייִדן קיין ברירה ניטש געהאַט און זיך געמוזט פאַרלאָזן אויף נסים, אויף מן, וואָס איז פאַר זיי אַראָפּגעפאַלן פון הימל, און אויף וואַסער, וואָס משה האָט פאַר זיי אַרויסגעצויגן פון פעלדז מיט דער הילף פונעם שטעקן. ווען זיי זענען אָבער אָנגעקומען אין כּנען, אין צוגעזאָגטן לאַנד, האָבן זיי זיך געמוזט נעמען צו דער עבודה: אַקערן און זייען און שנײַדן, ווי אין פסוק שטייט: הזורעים בדימעה, ברינה יקצורו.

איך בין אויך אַרויס פון דעם גײַסטיקן מידבר אין באָרשע און מיט אייגענע כּוחות צעאַקערט דעם באָדן אויף וועלכן איך זאָל קענען אויסוואַקסן ווי אַ נײַער מענטש. מיט די גײַסטיקע אוצרות וואָס כ׳האָב אַזוי גיריק אײַנגעזאַפּט אין זיך, אָנגעהויבן פונעם רמב״מס משנה תורה ביז צו די סאָציאַליסטישע אידעען, האָב איך געטראַכט אויף וועלכן דרך דאָס ייִדישע פאָלק דאַרף גיין, כּדי זיך צו באַפרײַען סײַ פון אייגענעם פּאַטאַליזם, סײַ פון דעם גויִישן אַנטיסעמיטיזם. איך בין געווען גליקלעך וואָס איך בלאָנדזשע נישט מער אין דער פינצטערניש, און האָב זיך אײַנגערעדט אַז וויסן מאַכט דעם מענטש גליקלעכער, כאָטש ער קען נישט דערגיין אַלע סודות פון דער וועלט. און אפשר איז דער גאַנצער תענוג גאָר געווען דאָס זוכן, דאָס גריבלען, דאָס נישטערן אין די גײַסטיקע אוצרות פון דער מענטשהייט.

און פלוצעם בין איך באַשאַנקען געוואָרן מיט דער שענסטער מתּנה אין מײַן לעבן: איך האָב זיך צום ערשטן מאָל אויף אַן אמתן פאַרליבט. איך געדענק דאָס געפיל פון דאַנקבאַרקייט און לויב אין מײַן נשמה, וואָס דער רבונו־של־עולם פאַרגיטיקט זײַנע מענטשן פאַר אַלע צרות און יסורים, דורך דער ריינער און שיינער און גרויסער ליבע צווישן מאַן און פרוי.

עדיט צורף איז געקומען פון גאָר אַן אַנדער סביבה ווי איך, פון גאָר אַן אַנדער וועלט, וואָלט איך געזאָגט. איר זיידע, יצחק ראָזנבוים, איז געווען אַ משכּיל און אַ תּלמיד־חכם. קיין אַקאַדע־מישע בילדונג האָט ער נישט געהאַט, און איז בלויז געווען אַ ווינקל־אַדוואָקאַט, ווי מ׳האָט אים גערופן, ער האָט אָבער בעסער געקענט די רוימישע און נאַפּאָלעאָנישע און עסטרײַכישע געזעצן, ווי די יונגע אויסשטודירטע אַדוואָקאַטן. דערצו האָט ער אויך געוווּסט וואָס די גמרא זאָגט. ער איז געשטאָרבן אויפן וועג אין די לאַגערן פון טראַנסניסטריע, איבערן דניעסטער, אין עלטער פון 95 יאָר.

ער האָט געהאַט צוויי זין און דרײַ טעכטער. אַלע האָבן זיי שטודירט און באַקומען אין ווין אַקאַדעמישע טיטלען. די מאַמע פון עדיטן איז געווען אַ מוזיק־לערערין. זי האָט אַ מאָל געהאַט געשפּילט אין דער ווינער אָפּער. אין גורא־הומאָרולוי האָט זי געגעבן קלאַוויר־שטונדן. זי האָט אויך געשריבן דײַטשע לידער און זיי געדרוקט אין די טשערנאָוויצער צײַטונגען. עדיטס פּאָטער האָט אויך געהאַט שטודירט אויף אַדוואָקאַט, אָבער ווען די בוקאָווינע איז אַרײַנגעפאַלן צו די רומענער האָט ער געעפנט אַ דרוקערײַ, ווײַל ס׳איז אים שווער געווען זיך אויסצולערנען די רומענישע שפּראַך, כּדי צו קענען פּראַקטיצירן אַדוואָקאַטור.

די משפּחה צורף איז געווען אַסימילירט — מ׳האָט נישט געפירט קיין כּשרע קיך און מ׳האָט געאַרבעט אום שבת. דאָס איז געווען אַ זעלטנקייט אין אַזאַ שטעטל ווי גורא־הומאָרולוי. איך בין זיכער אַז די משפּחה וואָלט זיך נישט געווען אַנטקעגנגעשטעלט, ווען עדיט זאָגט, אַז זי וויל חתונה האָבן מיט אַ גוי.

דעריבער איז געווען אַ סענסאַציע אין שטעטל, ווען מ׳האָט

אונדז געזען אין איינעם, ווי אַ פּאַרליבט פּאָרל: דער געוועזענער ישיבה־בחור, דער חבר אין אגודת־ישראל — און צורפס טאָכטער!

עדיט איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר ווען מיר האָבן זיך באַקענט. זי האָט שטודירט שפּראַכן און ליטעראַטור אין טשער־נאָוויצער אוניווערסיטעט, אין צווייטן יאָר. זי האָט מיך פאַרכּישופט מיט איר חן, מיט איר באַשיידנקייט און איידלקייט. דערבײַ איז זי געווען גײַסטרײַך און האָט פאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינטלעכן חוש פאַר הומאָר.

זי פלעג אויך קומען אין וואַלד, אין קרײַז פון די מיידלעך און ייִנגלעך וואָס האָבן דאָרטן געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער און דיסקוטירט וועגן סאָציאַליזם. ס׳איז אָבער נישט געווען אין איר כאַראַקטער זיך אויף אַ דעמאָנסטראַטיוון אופן צו רימען מיט איר געטרײַשאַפט צום סאָציאַליזם. זי האָט עס געטאָן בצניעות, און דערבײַ מיט אַ תּכלית: זי האָט געהאָלפן אָרעמע קינדער אין זייערע שולאַרבעטן און האָט געלערנט מיט אַרבעטער פון פאַבריקן, כּדי צו באַרײַכערן זייער וויסן און פאַרברייטערן זייער האָריזאָנט.

ס׳האָט געדויערט אַ היפּשע צײַט ביז אונדזערע הערצער האָבן זיך געעפנט. מיר פלעגן זיך באַגעגענען, אָבער איך האָב נישט געהאַט דעם מוט איר צו זאָגן אַז איך האָב זי ליב, אַז איך גיי אויס נאָך איר. דערבײַ האָב איך געוווּסט אַז זי באַגעגנט זיך אויך פון צײַט צו צײַט מיט אַ רומעניש‍ן מיטלשול־לערער, מאַרקו, אַ זייער אינטעליגענטער שייגעץ, וואָס איז, אַגב, שפּעטער געוואָרן אַ מיטגליד אין דער עקסטרעם־אַנטיסעמיטישער „אײַזערנער גוואַרדיע" און איז נאָך דער מלחמה געשטאָרבן אין תּפיסה.

איין מאָל אין אַ ווינטערנאַכט, בעת מיר האָבן שפּאַצירט אין וואַלד, האָבן זיך אונדזערע הענט ספּאָנטאַן פאַרפלאָכטן און די ליפּן אונדזערע האָבן זיך באַגעגנט. מיר האָבן קיין ווערטער נישט באַדאַרפט, כּדי אַרויסצוזאָגן וואָס מיר פילן איינער פאַרן צווייטן.

ווידער אין טשערנאָוויץ

נאָך דעם גרויסן עקאָנאָמישן קריזיס און דער אַלגעמיינער דעפּרעסיע האָבן די מענטשן אויף דער וועלט ווידער געאָטעמט פרייער. אין די יאָרן 1934—1935 האָט זיך דער מצב געבעסערט און ס'האָבן זיך באַוויזן סימנים פון אַ נייער קאָניונקטור.

אין יאָר 1933 איז פראַנקלין דעלאַנאָ רוזוועלט אויסגעוויילט געוואָרן ווי דער 32סטער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און זיין ערשטע דאגה איז געווען אַרויסצופירן אַמעריקע פונעם שווידערלעכן קריזיס וואָס האָט אויפגערודערט די אַמעריקאַנישע געזעלשאַפט און האָט געהאַט אַ דערצידירנדיקע השפעה אויף דער גאַנצער וועלט. רוזוועלט האָט אַריינגעבראַכט אַ פּלאַן פון ווירטשאַפטלעכן ווידעראויפבוי, וואָס איז אַריין אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען „ניו-דיל"; דאָס האָט געדאַרפט ביטן אויף אַ פּרינציפּיעלן אופן דעם טראַדיציאָנעלן עקאָנאָמיש-געזעלשאַפטלעכן באַנעם אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דער עיקר האָט דער פּלאַן געגעבן אַ מעגלעכקייט דער רעגירונג זיך אַקטיוו אַריינצומישן אין עקאָנאָמישן לעבן, אין פּראָבלעמען פון אינדוסטריע, לאַנדווירטשאַפט, אַרבעט און סאָציאַלע געזעצן. דאָס איז געווען אַ רעוואָלוציע קעגן דעם קלאַסישן קאַפּיטאַליזם.

די מערב-לענדער אין אייראָפּע האָבן אויך געזוכט וועגן, ווי אַזוי גובר צו זיין דעם קריזיס און פאַרמיידן רעוואָלוציעס און מרידות קעגן די הערשנדיקע רעזשימען. אין דעם זעלבן יאָר, 1933, איז אין דייטשלאַנד געקומען צו דער מאַכט די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישע פּאַרטיי בראָש מיט אַדאָלף היטלער, וואָס האָט געזאָלט אין גיכן ברענגען דאָס גרעסטע אומגליק אויף דער וועלט און בפרט אויפן יידישן פאָלק. אויך היטלער האָט כּלומרשט אַרויסגעפירט דאָס דייטשע פאָלק פון דעם עקאָנאָמישן קריזיס,

אָבער געטאָן האָט ער עס דורך אַ מטורפדיקער מיליטערישער באַוואָפענונג, מיטן בפירושן ציל צוצוגרייטן אַ נייַע מלחמה, וואָס זאָל נישט בלויז מבטל מאַכן דעם ווערסײַער פּאַרטראַג, נאָר אים ברענגען די הערשאַפט איבער דער גאַנצער וועלט.

אויך אין רומעניע האָט זיך געביטן דער עקאָנאָמישער מצב. די רעגירונג האָט אַרײַנגעבראַכט אַ מאָראַטאָריום, אַז אין משך פון פופציק יאָר זאָל מען נישט דאַרפן באַצאָלן קיין חובות. מענטשן האָבן ווידער אָנגעהויבן צו אַרבעטן און צו פאַרדינען; די געשעפטן האָבן אָנגעהויבן ווידער בלִיען און איטלעכער האָט געוואָלט פאַרגעסן די שווערע צײַטן.

די קאָניונקטור האָט זיך אָפּגערופן אויך אויף מײַן פּערזענלעכן מצב. איך האָב געקענט פאַרגרעסערן די פאַבריק און פאַרפעסטיקן אירע יסודות. איך האָב אַפילו אָנגעהויבן צו ליווערן סחורה קיין טשערנאָוויץ.

כ׳האָב אָבער פּלוצעם דערפילט אַז דאָס קליינע שטעטל איז צו ענג פאַר מיר. כ׳האָב געוואָלט אַרויס פון דער פּראָווינץ, זיך פאַרמעסטן מיטן ברויזנדיקן לעבן אין טשערנאָוויץ. באַוווּסטזיניק צי נישט־באַוווּסטזיניק האָט מיך אויך געצויגן קיין טשערנאָוויץ, כּדי צו זײַן נעענטער צו עדיטן, וואָס האָט דאָרטן שטודירט.

בכל־אופן, איך האָב די גאַנצע אונטערנעמונג אין גורא־הומאָרולוי איבערגעלאָזט מײַן משפּחה — דעם טאַטן, מײַנע צוויי ברידער פישל און מאָטי און דער שוועסטער רייזע, די אַלמנה — און בין אַוועק קיין טשערנאָוויץ. גוטע־פרײַנד האָבן מיך געוואָרנט: סטײַטש, ווי וועסטו זיך אַן עצה געבן דאָרטן מיט דער גוואַלדיקער קאָנקורענץ? ווילסט אפשר פירן קאָרן קיין מצרים?... ס׳איז נישט פאַר דײַן כּוח!

איך האָב אָבער דווקא געהאַט צוטרוי אין מײַן כּוח און האָב געגלייבט אַז איך וועל מצליח זײַן. איך האָב אָנגעהויבן צו אַרבעטן מיט דער הילף פונעם גרויסן טשערנאָוויצער אַנגראָסיסט געפּנער. מיר האָבן זיך געקענט פון פריִער. ער איז גרייט געווען מיך צו פינאַנצירן און אויך אָפּצונעמען אַ טייל פון דער סחורה וואָס איך וועל אויסאַרבעטן.

אין משך פון עטלעכע יאָר האָב איך אויפגעשטעלט אין טשערנאָוויץ אַ מאָדערנע פאַבריק, לויט די באַגריפן פון יענער צייַט. די בעסטע געשעפטן אין טשערנאָוויץ האָבן ביַי מיר געקויפט די אויסגעאַרבעטע סחורות און איך האָב געליווערט פאַר אַנגראָ־געשעפטן קיין יאַס, די מאָלדאָווישע הויפטשטאָט.

מיט אַ מאָל בין איך געוואָרן אַ קאַפּיטאַליסט, אַ פאַבריקאַנט, אַ בעל־הבית איבער הונדערט צוואַנציק אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט אין דריַי שיכטן. און היות אין טשערנאָוויץ איז געווען אַ גרויסער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט, זענען כּמעט אַלע מיַינע אַרבעטער געווען ייִדן.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך זיך נישט באַטראַכט ווי אַ קאַפּיטאַליסט, אַן עקספּלואַטאַטאָר, לויטן סאָציאַליסטישן שולחן־ערוך. איך האָב אַליין שווער געהאָרעוועט און ליב געהאַט די אַרבעט. כ׳בין שטענדיק אַרומגעגאַנגען צווישן די מאַשינען מיט צעשויבערטע האָר און פאַרשמירטע הענט, וואָרעם איך בין אַליין געווען דער מיַיסטער און דער טעכניקער. איך בין אויך געווען דער פאַרקויפער. נאָר אַז ס׳פלעג אַריַינקומען אַ קונה האָט ער געפרעגט אויפן בעל־הבית, וויַיל איך האָב אויסגעזען ווי אַ פשוטער אַרבעטער. מיַין פריַינד אַברהם האַרט פון גורא־הומאָרולוי, וואָס כ׳האָב אים אַריַינגענומען אין פאַבריק ווי אַ קאַסירער, וויַיל פון זיַין גאָלד־שמידעריַי האָט ער קיין פרנסה נישט געהאַט, האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ בעל־הבית, מיט זיַין עלעגאַנטן אָנצוג און פעדאַנט פאַרקעמטער פריזור . . .

איך בין טאַקע געווען פאַרנומען מיט לייַב־און־לעבן אין אויפבויען און פאַרברייטערן די פאַבריק, אָבער ווו איך האָב נאָר געהאַט אַ פריַיע מינוט, האָב איך זי פאַרבראַכט אין מאָרגנרויט אָדער אין שולפאַראיין. איך האָב קיין רגע נישט פאַרגעסן וואָס עס קאָכט זיך אויף דער גאָרער וועלט. און געקאָכט האָט זיך אומעטום. אין פראַנקריַיך איז אויפגעקומען דער פאָלקספראָנט און לעאָן בלום איז געוואָרן פרעמיער־מיניסטער, בעת אין דיַיטשלאַנד איז געוואַקסן דער היטלעריסטישער מאָנסטער. אין שפּאַניע האָט געבושעוועט דער בירגערקריג און אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן

זיך אָנגעהויבן די באַרימטע פּראָצעסן קעגן די נעכטיקע אָנפירערס פון דער רעוואָלוציע. מיטן גרעסטן אַכזריות האָט סטאַלין אויסגעקוילעט זײַנע נעכטיקע חברים, און ער האָט כּמעט אין איטלעכן געזען אַ קעגנער. ער איז געוואָרן דער אַליינהערשער, דער רויטער צאַר איבער גאַנץ רוסלאַנד.

ווי תּמיד, זענען ייִדן געווען די ערשטע קרבנות. די ייִדישע אינטעליגענץ איז אים געווען גרויס אין די אויגן, און ער האָט טאַקע באַלד אָנגעהויבן צו ליקווידירן אירע אינסטיטוציעס און דערנאָך, בהדרגהדיק, אומגעבראַכט די שרײַבערס און קינסטלערס און לערערס און דערציִערס. דער חורבן האָט דערגרייכט זײַן אַפּאָגיי נאָך דער מלחמה, אין 1952, ווען סטאַלין האָט אויסגעקוילעט די בעסטע ייִדישע שרײַבער פון רוסלאַנד און געמאַכט אַ סוף צו דער ייִדישער קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד. דער תּירוץ וואָס האָט געדאַרפט צודעקן דעם אַנטיסעמיטיזם איז כּסדר געווען אַן אַנדערער: איין מאָל טראָצקיזם, איין מאָל קאָסמאָפּאָליטיזם, און צום סוף ציוניזם.

איך געדענק ווי אַזוי כ׳האָב זיך דערוווּסט וועגן דעם פּסק־דין וואָס דאָס אַזוי גערופענע רעוואָלוציאָנערע פאָלקסגעריכט האָט אַרויסגעטראָגן אין יאָר 1936 אויף קאַמעניעוו, זינאָוויעוו און זייערע חברים. איך בין גראָד געווען אין מאָלדאָווישן שטעטל באָטאָשאַן און האָב דערזען בײַ דער באַנסטאַנציע די צײַטונג **דימינעאַצאַ**, וווּ ס׳איז געשטאַנען געשריבן מיט קידוש־לבנה־אותיות אַז קאַמעניעוו און זינאָוויעוו זענען פאַרמישפּט געוואָרן צום טויט און טאַקע באַלד דערשאָסן געוואָרן. איך האָב עס גאָר נישט געקענט משיג זײַן. ס׳האָט זיך מיר גאָר נישט געלייגט אויפן שׂכל, אַז די פאַרמישפּטע האָבן זיך מודה געווען, אַז זיי זענען דײַטשע שפּיאָנען, אַז זיי האָבן קאָמפּלאָטירט קעגן דער ראַטנמאַכט און אירע אָנפירערס. די פּאַרטיי וואָס האָט זיך באַרימט אַז זי וויל אויסלייזן די וועלט האָט זיך פּלוצעם אַנטפּלעקט פאַר מײַנע אויגן ווי אַ באַנדע פון מערדער.

צום באַדויערן האָט אָבער אַ גרויסער טייל פון אונדזער יוגנט נישט געוואָלט אָנערקענען וואָס עס קומט אויף אַן אמתן פאַר אין

רוסלאַנד. זיי האָבן געגלייבט מיט אַ פֿאַנאַטישן גלויבן, אַז דער חבר סטאַלין ווייס מסתּמא וואָס ער טוט. זיי האָבן געגלייבט אַז די פֿאַרמישפּטע צום טויט זענען טאַקע געווען פֿאַררעטערס און האָבן געוואָלט, מיט דער הילף פֿון מערבֿדיקן קאַפּיטאַליזם, איבערקערן דעם סאָוועטישן רעזשים. הײַנט טראַכט איך צו מאָל, אַז אָט די פֿאַרגלייבטע יונגע־לײַט אין יענע יאָרן האָבן אפֿשר קיין ברירה נישט געהאַט, זיי האָבן נישט געקאָנט דערלאָזן אַז די ספֿקות זאָלן אַ תּל מאַכן פֿון זייערע האָפֿענונגען זיך צו ראַטעווען ווי מענטשן און ווי ייִדן. דער ציוניזם האָט פֿאַר אַ סך פֿון זיי אויסגעזען דעמאָלט ווי אַן אוטאָפּיע. אַ סך יונגע־לײַט האָבן זיך אײַנגעשטעלט דאָס לעבן און זענען אַריבערגעשווומען דעם דניעסטער, כּדי צו פֿאַרווירקלעכן זייער חלום, צו לעבן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. ס׳רובֿ זענען נעלם געוואָרן און מ׳האָט גאָרנישט מער געהערט פֿון זיי. ערשט נאָך דער מלחמה האָט מען זיך דערוווּסט, אַז ווי נאָר זיי זענען אַריבער די גרענעץ, האָט מען זיי אַרעסטירט ווי שפּיאָנען און פֿאַרשיקט אין די לאַגערן קיין סיביר.

די פּראָצעסן אין רוסלאַנד האָבן אויפֿגערודערט אונדזערע קרײַזן אין טשערנאָוויץ און מיר האָבן כּסדר דיסקוטירט וועגן יענע געשעענישן. בעת אַזאַ דיסקוסיע בײַ אַ גוטן פֿרײַנד, טאַנענצאַפּף האָט ער געהייסן, האָב איך אַ זאָג געטאָן, אַז סטאַלין איז אַ מערדער. ס׳איז אויך געווען דערבײַ אַ יונגער־מאַן מיטן נאָמען מאַיאָרקע כּ״ץ, אַ הויפּטשנײַדער בײַ דער מאָדע־פֿירמע „מיזעלעס״ אין טשערנאָוויץ. ער האָט דווקא פֿאַרטיידיקט סטאַלינען און זײַן פּאָליטיק. ערשט שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אָט דער מאַיאָרקע איז גאָר אַ סאָוועטישער שפּיאָן. ער פֿלעג פֿון צײַט צו צײַט אַריבערשווימען דעם דניעסטער און ברענגען פֿון דאָרטן פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל. שפּעטער, ווען די רוסן זענען אַרײַן אין טשערנאָוויץ, האָט ער פֿאַרמסרט אַלע וואָס האָבן געזאָגט אַ קרום וואָרט וועגן סטאַלינען. איך ווייס נישט אין וועמענס זכות איך בין געראַטעוועט געוואָרן פֿון זײַן מסירה.

אין גיכן האָט דער בירגערקריג אין שפּאַניע פֿאַרכאַפּט אונדזער אינטערעס און מיר האָבן פֿאַרגעסן אין די פּראָצעסן פֿון רוסלאַנד.

מיר זענען געווען מלא־שימחה ווען מיר האָבן געהערט אַז די רעפּובליקאַנער אַרמיי איז מצליח אין איר קאַמף, אָבער די פריידּ האָט לאַנג נישט געדויערט. באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער גענעראַל פראַנקאָ האָט באַקומען די אייבערהאַנט איבער די רעפּובליקאַנער, מיט דער הילף פון היטלער און מוסאָליני. ס'האָבן נישט געהאָלפן די פרייַוויליקע קאָמוניסטן וואָס האָבן געקעמפט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע קעגן גענעראַל פראַנקאָ; אויך די הילף פון פראַנצייזישן פאָלקספראָנט און בפרט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן זיך אַרויסגעוויזן ווי אַן אילוזיע. דער ברוטאַלער כּוח האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן און די וועלט איז געווען אַנמאַכטיק, נישט געפונען אין זיך די קראַפט אַרויסצוטרעטן קעגן דער סכּנה. זי האָט זיך אויפגעוועקט ערשט כּאשר באו מים עד נפש, ווען ס'איז שוין כּמעט געווען צו שפּעט און ווען זי האָט געדאַרפט באַצאָלן אַ ריזיקן פּרייַז פאַר איר שוואַכקייט.

מיר שטעלן אַ חופּה

דריַי יאָר זענען אַריבער פון זינט יענער ווינטערנאַכט, ווען עדיט און איך האָבן געעפנט די הערצער איינער פאַרן אַנדערן. מיר האָבן שוין געוווינט אין איינעם אין אַ פּאַנסיאָן, פאַרליבטע און גליקלעכע. עדיט האָט שטודירט און איך בין געווען פאַרנומען מיט מײַן פאַבריק. אין די אָוונטן פלעג איך צו מאָל לייענען מיט עדיטן די קורסן אירע פון אוניווערסיטעט. געווען צווישן זיי קורסן מיט אַן אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער, וואָס ייִדישע סטודענטן האָבן געמוזט צוגרייטן פאַר די עקזאַמענס. רומענישע פּראָפעסאָרן האָבן בדרך־כּלל נישט געהאַט קיין גרויס אינטערעס אַז ייִדן זאָלן מצליח זײַן אין זייערע לימודים.

עדיט האָט געהאַט אַ קאָלעגע אין טשערנאָוויצער אוניווער־סיטעט, אַ ייִנגל פון גורא־הומאָרולוי, רודי כ״ץ. ער האָט שטודירט יוריספּרודענץ. ער האָט זיך פאַרליבט אין מײַן שוועסטער פאַני און שפּעטער מיט איר חתונה געהאַט. ער איז געווען מיט זעקס יאָר ייִנגער פון מיר, אויסערגעוויינטלעך אינטעליגענט און קלוג. צווישן אונדז האָט זיך אַנטוויקלט אַ טיפע און ערנסטע פרײַנדשאַפט, מיט דויערנדיקע וואָרצלען. אַ דאַנק עדיטן האָב איך זיך אויך באַקענט מיט אַנדערע יונגע אינטערעסאַנטע מענטשן, צווישן זיי שרײַבער און פּאָעטן.

מיר האָבן גאָר נישט געטראַכט חתונה צו האָבן כּדת וכדין. כ׳האָב נישט געוואָלט וויסן פון קיין „בירגערלעכע״ פּירעכצן. באַלד בין איך אָבער געוווירן געוואָרן אַז דאָס איז נישט אַזוי פּשוט. ווען כ׳בין אַהיים געפאָרן אויף פּסח האָט די מאַמע מיך זייער געוואָרנט אַ פרעג געטאָן :

— איז טאַקע אמת וואָס מען רעדט, אַז דו האָסט בדעה חתונה צו האָבן מיט צורפּס טאָכטער ?

דער טאַטע איז איר אַרײַנגעפאַלן אין די רייד:

— וואָס רעדסטו? רכילות! אַז מען גייט מיט אַ מיידל הייסט עס שוין אַז מ'האָט מיט איר חתונה? אונדזער זון וועט אונדז נישט אָנטאָן אַזאַ בושה און חתונה האָבן מיט אַ מיידל פון אַ משפחה ווו מען עסט טרייף און מען אַרבעט אום שבת!

די ווויליונגישקייט האָט אָבער אַ צאַפּל געטאָן אין מיר און כ'האָב געענטפערט:

— איך וועל דווקא יאָ חתונה האָבן מיט צורפס טאָכטער!

בײַ אַט די ווערטער האָט מײַן מאַמע געחלשט און מ'האָט זי געדאַרפט מינטערן. מער האָב איך וועגן דעם ענין נישט גערעדט, נאָר כ'האָב פאַרשטאַנען אַז איך וועל שוין מוזן שטעלן אַ חופּה כּדת משה וישראל, אַנישט וועט עס די מאַמע נישט איבערלעבן. די שאלה איז אָבער געווען, ווי אַזוי פירט מען צונויף די מחותּנים? די מחותּנתטע פון חתנס צד מיט איר צאינה־וראינה און די מחותנתטע פון כּלהס צד מיטן קלאַוויר. מײַן טאַטע מיטן שטרײַמל און דער כּלהס טאַטע אין מיליטערישן מונדיר פון אַ רעזערווע־אָפיציר, וואָס ער פלעג טראָגן לכּבוד די נאַציאָנאַלע רומענישע יום־טובים. פון אַזאַ קוואַרטעט האָט זיך מיר פאַרדרייט דער קאָפּ.

למען האמת, האָבן עדיטס עלטערן אויך נישט געהאַט קיין גרויסע הנאה פונעם שידוך. איר מאַמע האָט געוואָלט פאַר דער טאָכטער אַן אַקאַדעמיקער, וואָדען? זי האָט אויך אַרײַנגעוואָרפן אַ וואָרט, אַז עדיט וועט זיך דאַרפן אויסלערנען ייִדיש, כּדי צו רעדן מיט אירע שווער און שוויגער, און ייִדיש איז פאַר טינאַ צורף געווען אַ גרויל: ממש דעגענעראַציע!...

כ'האָב געפּרוּווט רעדן מיטן טאַטן, וואָס איז בטבע געווען אַ ליבעראַלער מענטש. כ'האָב אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז כ'וועל מיט קיין אַנדערער פרוי ווי עדיט נישט חתונה האָבן, און אים אויסגערעכנט אַלע אירע מעלות. ער האָט זיך צוגעהערט און געפרעגט די זעלבע שאלה וואָס איך האָב אַליין בײַ זיך געפרעגט: ווי אַזוי וועלן זיך באַגעגענען די מחותּנים.

סוף־כּל־סוף האָב איך געפונען אַן אויסוועג: מײַן ברודער מנחם וועט מיר געבן חופּה וקדושין בײַ זיך אין שטוב, אין

טשערנאָוויץ. מיר וועלן אַראָפּברענגען די מאַמע, וואָרעם בלויז צוליב איר בין איך דאָך מסכּים צו שטעלן אַ חופּה, און פאַרבעטן בלויז אַ מנין ייִדן. וכך היה: דעם 13טן מאַרץ 1937 בין איך געקומען צו מײַן ברודער אין וואַכנדיקע מלבושים און ער האָט מיר געגעבן חופּה וקדושין כּדת משה וישראל. כ'האָב צעבראָכן אַ גלאָז, מ'האָט געווּנטשן מזל-טוב, מ'האָט געטרונקען לחיים און דערמיט האָט עס זיך געענדיקט. בלויז די מאַמע האָט זיך געהאַלטן אין איין ווישן די אויגן. זי האָט מיר געבראַכט אַ בריוו פונעם טאַטן. בדרך-כּלל פלעג ער מיר שרײַבן אויף ייִדיש, טרוקענע, זאַכלעכע בריוולעך. דאָס מאָל איז עס געווען אַ צעגאָסענער בריוו אויף לשון-קודש, מיט אַן אַ שיעור ברכות און גוטע ווּנטשן. צום באַדויערן איז דער דאָזיקער בריוו מיר פאַרלוירן געגאַנגען אין דער צײַט פון מלחמה.

ביזן הײַנטיקן טאָג טוט מיר באַנג וואָס איך בין דעמאָלט געווען אַזוי פאַרנאַרט אין מײַן מרידה און האָב נישט פאַרשטאַנען אַז אַ חופּה איז נישט סתּם אַ רעליגיעזע צערעמאָניע. עס טוט מיר באַנג, וואָס איך האָב אַזאַ איינמאָליק געשעעניש אין לעבן אָפּגעכאַפּט ווי עפּעס אַן איבעריקע זאַך און ס'איז מיר אַפילו קיין בילד נישט פאַרבליבן פון יענעם מעמד.

נאָך דער חופּה האָבן מיר זיך גּעדאַרפט גרייטן צו דער ציווילער חתונה. דערצו האָבן מיר געדאַרפט ברענגען פּאַפּירן, אַז מײַנע עלטערן האָבן געזעצלעך חתונה געהאַט. אַנישט, וועט מען אונדז פאַרשרײַבן בלויז אויף דער מאַמעס נאָמען, גאַנץ, און נישט אויפן טאַטנס נאָמען, פּאַלאַק. מײַנע טאַטע-מאַמע האָבן אָבער אַחוץ דער כּתובה נישט געהאַט קיין אַנדער באַווײַז אַז זיי זענען מאַן און ווײַב. האָבן זיי, נעבעך, געמוזט אויף דער עלטער געזעצלעך חתונה האָבן, און ענטפערן דעם ביוראָקראַטישן פּקיד אויף זײַנע נאַרישע שאלות, ווי אַ שטייגער, צי זיי האָבן זיך ליב, צי זיי ווילן זײַן מאַן און ווײַב וכדומה.

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט, און עדיט איז געוואָרן בײַ מײַנע עלטערן ממש אַן אייגן קינד. בפרט בײַ דער מאַמען. זיי האָבן זיך ליב געהאַט אהבת-נפש. עדיט איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם

גליקלעכן, האַרמאָנישן לעבן פון מײַנע עלטערן, פון די ייִדישע מינהגים, וואָס זי האָט בײַ זיך אין דער היים נישט געזען. זי האָט ליב באַקומען די שבתים און די יום־טובים, די סעודות און די זמירות. זי האָט אַליין אָנגעהויבן בענטשן ליכט פרײַטיק צו נאַכטס און האָט געפאַסט אום יום־כּיפּור. זי האָט זיך טאַקע אויסגעלערנט ייִדיש און האָט אַפילו געלייענט שלום־עליכם אין אָריגינאַל.

מיט דער צײַט האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז עדיט איז אין תּוך געווען אַ טיף רעליגיעזע נאַטור און איר ייִדישקייט איז אַרויסגעוואַקסן פון אַ לויטערער רעליגיעזער בענקשאַפט, וואָס האָט זיך נישט גערעכנט נישט מיט דער וועלטלעכער דערציִונג פון דער היים, נישט מיט דער מרידה פון איר מאַן, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער רעליגיעזער דערציִונג מיט וועלכער ער איז אויפגעוואַקסן.

אַ וויזע קיין טשילע

אין רומעניע האָט מען באַלד געשפּירט די ווירקונג פון איטלעכן דערפאָלג וואָס היטלער האָט אָפּגעהאַלטן איבער די אייראָפּעיִשע דעמאָקראַטישע לענדער. די אַנטיסעמיטישע פּאַרטייען זענען געוואַקסן און באַקומען אַ גרויסע השפעה סײַ איבערן רומענישן פאָלק סײַ אויף דער פּאָליטיק פון די רומענישע רעגירונגען.

נאָכן „אַנשלוס" פון עסטרײַך צום דריטן רײַך, אין 1938, האָט היטלער געפאָדערט די סודעטן, ווײַל דאָרטן איז, כּלומרשט, געווען אַ גרויסע דײַטשע באַפעלקערונג, וואָס האָט באַגערט זיך צו פאַראייניקן מיט דײַטשלאַנד. די ענגלענדער און די פראַנצויזן האָבן זיך אײַנגערעדט, אַז מיט די סודעטן וועט די היטלערישע חיה זיך שוין זעטיקן און עס וועט הערשן שלום אין אייראָפּע. טשעמבערליין און דאַלאַדיע, וואָס האָבן מקריב געווען די טשעכאָסלאָוואַקײַ אין מינכען, האָבן זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, אַז דאָס איז בעצם דער אָנהייב פונעם סוף און זיי וועלן שוין היטלערן נישט קענען אָפּשטעלן.

ווי אַ פועל־יוצא פון דער פּאָליטישער אַטמאָספער אין אייראָפּע, האָט דער רומענישער קעניג קאַרל דער צווייטער איבערגעגעבן די רעגירונג דער אַנטיסעמיטישער פּאַרטיי פון גאָגאַ און קוזאַ, וואָס איז אין איר פּראָגראַם געווען ווינציקער ראַדיקאַל ווי די „אײַזערנע גוואַרדיע", די עקסטרעמע היטלעריסטישע פּאַרטיי, אָנגעפירט פון קאָרנעליו זעלעאַ קאָדרעאַנו. דער קעניג האָט אַפילו מורא געהאַט פאַר אָט דעם קאָדרעאַנו, וואָס איז אויך געווען אַ קעגנער פון דער מאָנאַרכיע און פון דער כּלומרשט ליבעראַלער פּאַרטיי בראָש מיט דער משפחה בראַטיאַנו.

דער קעניג קאַרל, פון דער דײַטשער האָהענצאָלערן־דינאַסטיע,

האָט געהאַט אַן אייגענעם חשבון מיט דער משפּחה בראַטיאַנו, וואָס האָט אים משלח געווען פון לאַנד אין די צוואַנציקער יאָרן, נאָך אַ מיאוסן סקאַנדאַל אין קעניגלעכן פּאַלאַץ, און געקריינט אויף זײַן אָרט קאַרלס זון, מיהײַ, וואָס איז נאָך געווען אַ קינד צו יענער צײַט. די בראַטיאַנוס זענען בעצם געווען די אמתע בעלי־בתּים אין לאַנד און אַפילו דער מלך איז געווען אין זייערע הענט. רכילותניקעס האָבן דערציילט, אַז איינער פון די ברידער בראַטיאַנו האָט געשפּילט אַ ליבע מיטן מלכּס מאַמע, די קעניגין מאַריאַ. אין אַ שיינעם טאָג, האָט דער קעניג קאַרל געכאַפּט דאָס פּאַרליבטע פּאָרל אויף דער הייסער מינוט און, אַן אויפגעקאָכטער, האָט ער אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער און דער מוטער אַרײַנגעשאָסן אַ קויל, וואָס האָט זי בלויז פאַרווונדיקט. האָט זיך דער בראַטיאַנו נוקם געווען און געהייסן דעם מלך גיין.

קיין גרויסער צדיק איז דער קעניג קאַרל נישט געווען. אין רומעניע איז געווען אַ סוד פּאַר גאַנץ בראָד, אַז דער מלך האָט די מלכּה זײַנע, די גריכישע פּרינצעסין עלענאַ, אין דר׳ ערד, און לעבט דער עיקר מיט דער רויטהאָריקער ייִדישער יפיפיה עלענאַ לופּעסקו.

אין די דרײַסיקער יאָרן האָט זיך איבערגעדרייט דאָס רעדל און ס׳איז געקומען צו דער מאַכט די נאַציאָנאַל־צאַראַניסטישע פּאַרטיי, בראש מיט יוליו מאַניו און יאָן מיהאַלאַקע. אויף צו־להכעיס דער ליבעראַלער פּאַרטיי, האָבן זיי צוריקגעבראַכט דעם קעניג קאַרל פון גלות און דער טאָג ווען ער איז צוריקגעקומען איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער יום־טוב ווי לאַנג ער האָט געקיניגט.

דער קעניג קאַרל האָט געהאַט גרויסע הוצאות מיט זײַנע געליבטעס און די מלוכישע קאַסע האָט נישט געקלעקט. ס׳רוב הוצאות האָט געדעקט זײַן הויפייִד, דער מאַגנאַט פון דער אײַזן־אינדוסטריע מאַקס אַושניט. פאַרשטייט זיך אַז די אַנטיסעמיטישע פּאַרטייען האָבן אויסגעניצט דעם מלכּס חטאים אין זייער פּראָפּאַ־גאַנדע קעגן די „היסטאָרישע" פּאַרטייען און האָבן אויפגעוויזן אַז דער גורל פונעם רומענישן פאָלק איז אין ייִדישע הענט...

דעם קעניג האָט זיך געדאַכט אַז דערמיט וואָס ער ברענגט

צו דער מאַכט די פּאַרטיי פון גאָגאַ און קוזאַ וועט ער ראַטעווען זײַן אייגענעם מעמד און פאַרשטעלן דעם וועג פון דער „אײַזערנער גוואַרדיע". אין תּוך זענען די קוזיסטישע רעדל־פירערס געווען פּונקט אַזוי קאָרופּט ווי די מנהיגים פון די אַנדערע פּאַרטייען. איך האָב פּערזענלעך געקענט דעם אָנפירער פון די בוקאַווינער קוזיסטן. ער האָט געהייסן ראַבו און האָט געשטאַמט פון שטעטל ראַדעוויץ. ער איז געגאַנגען מיט אַ האַקנקרייץ אויף דער פּלייצע און דערבײַ געמאַכט די בעסטע געשעפטן מיט ייִדן, געווען אַפילו אַ שותּף צו ייִדישע געשעפטן. פאַר אַ פעטן באַקשיש האָט מען געקענט בײַ אים פועלן וואָס מ'האָט געוואָלט.

די רעגירונג פון גאָגאַ און קוזאַ האָט נישט מאריך־ימים געווען. בלויז דרײַ חדשים איז זי געווען בײַ דער מאַכט, אָבער ייִדן האָבן געליטן סיפּקע צרות. אין דער פּרעסע האָבן זיך באַוויזן אַרטיקלען אויפן נוסח פון היטלערס „שטירמער".

„מומחים" האָבן אויסגעטײַטשט און צוגעפּאַסט „די פּראָטאָקאָלן פון די זיקני ציון" פאַר זייער פאַרסמטער פּראָפּאַגאַנדע קעגן ייִדן. אומעטום זענען געהאַנגען האַקנקרייץ־פאַנען, אַפילו איבער ייִדישע געשעפטן. מ'האָט געשלאָגן ייִדישע סטודענטן און זיי אַרויסגעוואָרפן פון די אוניווערסיטעטן.

אין יענער צײַט, געדענק איך, איז מיר אויסגעקומען צו פאָרן קיין בוקאַרעשט. פּלוצעם איז אַרײַן אין וואַגאָן אַ באַנדע קוזיסטן און איטלעכן פּאַסאַזשיר אַרײַנגעשטעקט אַ האַקנקרייץ־אָפּצייכן אויפן לאַץ פונעם רעקל. ווער עס האָט געפּרוּווט זיך אַנטקעגנשטעלן, האָבן זיי געסטראַשעט אַרויסצוואַרפן פון דער פאָרנדיקער באַן. האָב איך טאַקע געמוזט לײַדן דעם פאַרשאָלטענעם צייכן בעת דער גאַנצער נסיעה.

אָבער נישט בלויז ייִדן האָבן געליטן פון דער גאָגאַ־קוזאַ־רעגירונג. בכל־אופן נישט צוליב ייִדן האָט דער קעניג געפאָדערט נאָך דרײַ חדשים, אַז די רעגירונג זאָל אָפּדאַנקען. אין דער קורצער צײַט איז געוואָרן אַ תּוהו־ובוהו אין דער גאַנצער רומענישער ווירטשאַפט און אַפילו די גוייִשע סוחרים האָבן נישט געהאַט קיין צוטרוי צו דער רעגירונג, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום דער־

פּאַרונג אין עקאָנאָמישע ענינים. נאָכן אָפּדאַנקען, בײַם אַרויסגײן פֿון פּאַלאַץ, האָט דער געוועזענער מיניסטער־פּרעזידענט אָקטאַוויאַן גאָגאַ געזאָגט די זשורנאַליסטן: „די ‚זשידאַנעס׳, דהיינו די ייִדן, האָבן ווידער געזיגט. זיי וועלן קענען ווײַטער אויסניצן דאָס פֿאָלק!״ די אַנטיסעמיטישע פּרעסע איז אָנגעפֿאַלן אויפֿן מלך און אים באַשולדיקט אַז ער האָט פֿאַרטריבן די נאַציאָנאַלע רעגירונג, כּדי צוליב צו טאָן זײַן ייִדישער געליבטער עלענאַ לופּעסקו און דעם ייִדישן געלדזאַק מאַקס אַושניט.

בײַ ייִדן איז געוואָרן ששון־ושימחה. זיי האָבן זיך אײַנגערעדט אַז ס׳איז געשען אַ נס פֿון פּורים און דער רומענישער המן איז באַגראָבן געוואָרן. מיטן אַלטן רומענישן אַנטיסעמיטיזם איז מען שוין געווען צוגעוווינט און מ׳האָט געוווּסט אַז פֿאַר געלט קען מען כּמעט אַלץ פּועלן. ייִדן האָבן זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון אַז דאָס איז נישט געווען בלויז אַ קורצער עפּיזאָד, וואָס מען פֿאַרגעסט אים ווי אַ בייזן חלום, נאָר אַן אָנזאָג אויף דעם חורבן וואָס היטלער האָט שוין דעמאָלט צוגעגרייט פֿאַרן גאַנצן ייִדישן פֿאָלק.

איך האָב דווקא יאָ געטראַכט דעמאָלט אַז מען דאַרף אַנטלויפֿן פֿון רומעניע. מײַן משפּחה האָט אָבער נישט געהאַט קיין קרובים אויף דער וועלט, איבערן ים, אין אַמעריקע. ס׳רוב לענדער זענען געווען פֿאַרשלאָסן פֿאַר ייִדן. פֿאַר ארץ־ישראל זענען בלויז געקומען געציילטע סערטיפֿיקאַטן. מיר האָבן געוואָלט אויסוואַנדערן און נישט געהאַט וווּהין. דער עיקר האָב איך געוואָלט אַז מײַן ייִנגערער ברודער, מאָטי, זאָל בײַ צײַטנס אַוועק פֿון רומעניע, כּדי מען זאָל אים נישט נעמען צום מיליטער. ער איז דעמאָלט אַלט געווען צוואַנציק יאָר.

פּלוצעם האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אין בוקאַרעשט זענען פֿאַראַן מאַכערס, וואָס קענען, פֿאַר געלט, באַקומען אַ וויזע קיין טשילע. וועגן אַזאַ לאַנד ווי טשילע האָבן מיר כּמעט גאָרנישט געוווּסט. אויף דער מאַפּע האָבן מיר געזען אַ לאַנגן, שמאָלן פּאַס בײַם פּאַציפֿישן אָקעאַן. עק וועלט! דאָס איז אָבער געווען דאָס איינציקע לאַנד וווּ מ׳האָט אפשר געקענט באַקומען אַ וויזע.

זענען מיר געפֿאָרן, מײַן ברודער און איך, קיין בוקאַרעשט,

אָפּזוכן די „מאַכערס״ און ווי נאָר מיר האָבן זיי געפֿונען, האָבן מיר אָנגעהויבן צו רעדן תּכלית. די חבֿרה האָבן אָבער געהאַט צײַט. קודם לאָמיר עסן אַ מיטאָג — האָבן זיי געטענהט — שפּילן אַ פּאָקער, און דערנאָך וועלן מיר רעדן וועגן תּכלית. זיי האָבן אונדז פֿאַרבעטן אין אַ פֿײַנעם רעסטאָראַן, וווּ מיר האָבן צו ערשט אויסגעטרונקען עטלעכע גלעזלעך צויקע, דערנאָך אָפּגעגעסן אַ גוטן מיטאָג, און נאָך דעם אָנגעהויבן צו דריט אַ פּאָקער. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און כ׳האָב געפֿילט אַז עפּעס איז נישט כּשורה. בדרך־כּלל בין איך נישט געווען קיין שלימזל אין קאָרטנשפּיל. נאָר דאָ האָב איך אַלץ טיפֿער געדאַרפֿט אַרײַנרוקן די האַנט אין קעשענע און מײַן מזומן איז אַלץ שיטערער געוואָרן. איך טו אַ קוק אויף מײַנע צוויי פּאַרטנערס און זע תּיכּף ווי זיי פֿאַרשטייען זיך אויפֿן ווונק און וואַרפֿן זיך צו איינער דעם אַנדערן די קאָרט. וואָס טוט מען? איך וויל בשום־אופֿן נישט שטעלן אין סכּנה די וויזע קיין טשילע פֿאַר מײַן ברודער און דערבײַ גלוסט זיך נישט צו פֿאַרשפּילן ביזן לעצטן גראָשן. האָב איך אָנגעהויבן פּאַמעלעך צו סימולירן קאָפּווייטיק און געבעטן מײַנע פּאַרטנערס זיי זאָלן מיר מוחל זײַן וואָס כ׳קען ניט ממשיך זײַן צו שפּילן. זיי האָבן באַלד פֿאַרשטאַנען אַז זיי דאַרפֿן נישט איבערצִיען דאָס שטריקל און מיר אַפֿילו ברייטהאַרציק געמאַכט אַ הנחה פֿאַר דער וויזע קיין טשילע.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מײַן ברודער באַקומען פּאַפּירן אַז ער וואַנדערט אויס קיין טשילע ווי אַ פֿעלדאַרבעטער; די טשילעאַנער רעגירונג איז דעמאָלט געווען פֿאַראינטערעסירט אין אימיגראַנטן וואָס זאָלן פֿאַרבעסערן זייער אַגריקולטור.

אָנהייב 1939 איז טאַקע מײַן ברודער מאָטי, אין איינעם מיט אַ גרופּע יונגטלעכע, אַרויף אויף דער שיף „האַמבורג־אַמעריקע״ און זיך אַוועקגעלאָזט אין דעם ווײַטן, אומבאַקאַנטן לאַנד.

איך האָב זיך אומגעקערט צו מײַנע געשעפֿטן, צו מײַן פֿאַבריק, צו מײַן היים. ווען איך טראַכט הײַנט צוריק צו יענער צײַט, קען איך נישט פֿאַרשטיין ווי אַזוי מיר האָבן דעמאָלט נישט געזען די שווערע וואָלקנס וואָס רוקן זיך אָן איבער אונדזער הימל, און

אַפילו מיר האָבן געזען, האָבן מיר זיך געמאַכט נישט־וויסנדיק, ווי גלײַך נישט אונדז מיינט מען. ווי ווײַט איך געדענק, האָבן די ציוניסטישע מנהיגים, וואָס זענען אין די דרײַסיקער יאָרן געקומען קיין טשערנאָוויץ, זיך אויך באַמיט בלויז צו איבערצײַגן דעם עולם מיט זייערע דרשות, אַז די אַדער יענע אידעאָלאָגיע איז די אמתע און ריכטיקע, כּדי צו פֿאַרווירקלעכן דעם ציוניזם, אָבער קיינער האָט נישט פֿאָרויסגעזען דעם חורבן וואָס האָט געלאָקערט איבער אונדז. די חסידישע רביס מיט זייער גרויסער השפּעה אויף ייִדישע קהילות האָבן אויך נישט פֿאַרשטאַנען די רמזים און דעם אָנזאָג פֿון דער קרישטאָלנאַכט אין דײַטשלאַנד און דער גאָגאַ־קוזאַ־רעגירונג אין רומעניע. קיינער האָט זיך נישט געקענט פֿאַרשטעלן ווי גרויס ס'איז די סכּנה און ווי נאָענט ס'איז דער אומגליק.

אַנשטאָט צו אַנטלויפֿן פֿון דאָרטן פֿאַר יעדן פּרײַז, האָב איך זיך ערשט רעכט באַזעצט אין טשערנאָוויץ, געדונגען אַ באַקוועמע דירה, כּדי נישט צו לעבן פּראָוויזאָריש אין פּאַנסיאָן. אַנשטאָט צו ליקווידירן די געשעפֿטן און זיך גרייטן אין וועג אַרײַן, האָב איך ערשט אינסטאַלירט אַ נײַע פֿאַבריק מיט וועבשטולן פֿאַר מעבלשטאָף. כ'האָב אויך איבערצײַגט מײַן גוטן פֿרײַנד און שפּעטערדיקן שוואָגער רודי כּ״ץ ער זאָל אָוועקוואַרפֿן דאָס שטודיום זײַנס אויף יוריס־פּרודענץ און קומען אַרבעטן בײַ מיר אין פֿאַבריק. כ'האָב אָנגעהויבן לעבן בעל־הבתּישער און מוותּר געווען אויף דער מרידה קעגן בירגערלעכן לעבנס־שטייגער.

ווײַזט אויס אַז דער מענטש ווערט געבוירן מיט אַזאַ אָפּטימיזם, און דאָס גיט אים דעם כּוח גובר צו זײַן דעם פּחד פֿאַר אַלע סכּנות וואָס לאָקערן שטענדיק איבער אים.

די צווייטע וועלט־מלחמה

מײַן כּוונה איז, חלילה, נישט צו שרײַבן „געשיכטע". מײַן ביאָגראַפיע איז אָבער געקניפּט און געבונדן מיט דער גורלדיקער תּקופה וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, און די געשעענישן זענען אַזוי טיף אײַנגעקריצט אין האַרץ און נשמה, אַז איך מוז זיי דערמאָנען, הגם איך ווייס אַז זיי זענען גאָרנישט מחדש.

ווער עס האָט געלעבט אין יענער צײַט, געדענקט אַוודאַי די וואַקסנדיקע שפּאַנונג נאָך דעם ווי היטלער האָט פאַרנומען די גאַנצע טשעכאָסלאָוואַקײַ און האָט זיך שוין געשאַרפט די נעגל פאַר אַ ווײַטערדיקער גזלה. ווען עס האָט זיך געדאַכט אַז ער וועט זיך באַנוגענען מיט די טעריטאָריעס ווו עס וווינען אַ סך דײַטשן, האָט געהאַט אַ טעות. ווער ס'האָט נישט געזען אַז היטלער גרייט זיך מטורפדיק צו דער רעוואַנש־מלחמה, וואָס האָט אים געזאָלט, לויט זײַן חשבון, ברענגען די הערשאַפט איבער גאַנץ אייראָפּע, דער האָט טײַער באַצאָלט דערפאַר. נאָך דער שווידערי־לעכער מלחמה האָבן די פאָרשערס און היסטאָריקערס און פּאָליטיקערס אויסגעשריבן אַ ים מיט טינט כּדי צו דערגיין פאַר וואָס די דעמאָקראַטישע וועלט איז געשטאַנען אַזוי אָפּהענטיק לגבי דער וואַקסנדיקער היטלעריסטישער סכּנה. כאָטש ס'האָט זיך גענענטערט דער מבול, האָט קיינער נישט געוואָרנט נחן ער זאָל צוזאַמענקלאַפּן אַ תּיבה כּדי צו ראַטעווען דאָס לעבן אויף דער וועלט. גאָט האָט טאַקע צוגעזאָגט אַז ער וועט מער קיין מבול נישט ברענגען, נאָר מ'האָט פון דעסטוועגן געפילט אַז באו מים עד נפש...

די גרעסטע איבעררעאַשונג און אַנטוישונג האָט גורם געווען סטאַלינס צביעותדיקע, מאַכיאַוועלישע פּאָליטיק. פּלוצעם האָט ער

גאָר אויסגעשטרעקט היטלערן אַ האַנט און מ׳האָט אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז מאָלאָטאָוו און ריבענטראָפּ האָבן געחתמעט אַ פּאַרטראַג אין נאָמען פון ראַטן־פּאַרבאַנד און דעם דריטן רײַך. די ערלעכע קאָמוניסטן זענען אַרומגעגאַנגען צעטומלטע און דערשלאָגענע. זיי האָבן עס גאָרנישט געקענט באַנעמען. היתּכן? אַ חברשאַפט צווישן היטלערן, וואָס האַלט די קאָמוניסטן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, דערגייט זיי דאָס לעבן, און סטאַלינען, וואָס נעמט זיך כּלומרשט אָן פאַר אַלע גערודפטע אויף דער וועלט! זיי, די ערלעכע קאָמוניסטן, האָבן נעבעך נישט פאַרשטאַנען אַז אין תּוך איז קיין חילוק נישטאָ צווישן היטלערן און סטאַלינען; ביידע זענען מערדער און ביידע ווילן באַהערשן די וועלט. האָבן זיי זיך טאַקע צעטיילט קודם מיט פּוילן, דערנאָך האָט סטאַלין צוגענומען פון רומעניע די צפון־בוקאָווינע און בעסאַראַביע. רומעניע האָט נאָך געדאַרפט באַצאָלן מיטן גרעסטן טייל פון זיבנבירגן, וואָס היטלער און מוסאָליני האָבן אַוועקגעשענקט פאַר אונגאַרן. בכלל האָט היטלער זיך פאַרמאָסטן צו פאַרוואַנדלען רומעניע אין זײַנעם אַ סאַטעליט און דערצו האָט ער זיך באַנוצט מיט דער „אײַזערנער גוואַרדיע“, וואָס האָט איבערגענומען די נאַצישע אידעאָלאָגיע און די נאַצישע מעטאָדן. ווי אַן אָנזאָג און אַ וואָרעניש פאַרן קעניג, האָבן זיי אין אַ טעראָריסטישן אַטענטאַט דערהרגעט צוויי געוועזענע דעמאָקראַטישע מיניסטאָרן. דערנאָך האָט היטלער פאַרבעטן דעם רומענישן קעניג קיין בערלין און אים געהייסן ער זאָל תּיכּף איבערגעבן די רעגירונג דער „אײַזערנער גוואַרדיע“.

קעניג קאַרל האָט נאָך געמאַכט אַ לעצטן פּרוּוו זיך צו ראַטעווען: ווען ער איז צוריקגעקומען פון דײַטשלאַנד, האָט ער באַלד אַרעסטירט דעם אָנפירער פון דער „אײַזערנער גוואַרדיע“, דעם קאַפּיטאַן קאָרנעליו קאָדרעאַנו, און אים געלאָזט דערשיסן מיטן תּירוץ אַז ער האָט געוואָלט אַנטלויפן פון זײַנע שומרים. אויך אין דער פּראָווינץ האָט דער מלך געהייסן דערשיסן מיטגלידער פון דער „אײַזערנער גוואַרדיע“, כּדי צו באַווײַזן זײַן כּוח, עס האָט אים אָבער גאָרנישט געהאָלפן, עס האָט אים געקאָסט די קרוין.

ער האָט געמוזט אַנטלויפֿן קיין פּאָרטוגאַל אין איינעם מיט זײַן ייִדישער געליבטער.

דאָס לעבן האָט זיך אָבער זײַנע געזעצן. נישט געקוקט אויף די סכּנות, אויף דער אַטמאָספֿער פֿון ערב־מלחמה, איז געווען אַ קאָניונקטור פֿאַר דער אינדוסטריע. איך האָב געהאַלטן אין איין אַנטוויקלען מײַן פֿאַבריק און קויפֿן נײַע מאַשינען. אין יענער צײַט, געדענק איך, האָב איך געבראַכט אַ נײַע קאָמפּליצירטע זשאַקאַרד־מאַשין און בין געזעסן ביז שפּעט בײַ נאַכט אין פֿאַבריק, כּדי צו שאַפֿן נײַע זשאַקאַרד־מוסטערן אויסצוניצן אַלע מעגלעכקייטן פֿון דער מאַשין. כ'האָב זיך גאָר נישט געקענט אָפּרײַסן פֿון איר, אַזוי באַגײַסטערט בין איך געווען. עדיט פֿלעג מיר צו מאָל קלינגען און זאָגן מיט איר כאַראַקטעריסטישן הומאָר: מעגסט זיך שוין געזעגענען פֿון פֿרײַלין „זשאַקאַרד" און אַהיים קומען צו דײַן אייגן ווײַב!

דעם 3טן סעפּטעמבער 1939 האָט מײַן שוועסטער חתונה געהאַט מיט מײַן פֿרײַנד רודי כ"ץ. די חופּה האָט מען געשטעלט בײַ מיר אין שטוב, אויפֿן זעלבן נוסח ווי בײַ מײַן חתונה, און מײַן ברודער מנחם־מענדל האָט מסדר־קידושין געווען. באַלד נאָך דער חופּה האָט מען געעפֿנט דעם ראַדיאָ און מ'האָט געהערט די גוטע בשורה, אַז פֿראַנקרײַך און ענגלאַנד האָבן דערקלערט היטלערן מלחמה.

פֿון יענעם טאָג איז געקומען איין איבערראַשונג נאָך דער אַנדערער: די דײַטשן זענען אַרײַנמאַרשירט קיין פּוילן און אין משך פֿון דרײַ וואָכן זענען זיי געווען פֿאַרטיק מיט דער אַרבעט. אין צווישן זענען די סאָוועטן אַרײַנמאַרשירט קיין פּוילן פֿון דער צווייטער זײַט, לויטן אָפּמאַך מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ, און זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער רומענישער גרענעץ, אַן ערך דרײַסיק קילאָמעטער פֿון טשערנאָוויץ. אין איין שמע־ישראל איז געווען אויס פּוילן!

באַלד האָבן אָנגעהויבן צו קומען פּליטים — פּוילישע מיליטער־לײַט, הויכע באַאַמטן און אויך סתּם פּאָליאַקן, וואָס האָבן מורא געהאַט פֿאַר די נײַע הערשערס. זיי האָבן זיך צײַטווײַליק אײַנקוואַרטירט אין פּריוואַטע הײַזער און בהדרגהדיק ממשיך געווען דעם

וועג פון טשערנאָוויץ קיין דרום, מיט דער כּוונה ווײַטער צו פֿאָרן פון רומעניע קיין מערב־אייראָפּע. איך געדענק אַז צווישן די פּוילישע פּליטים, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין טשערנאָוויץ, זענען געווען אַזעלכע פֿאַרברענטע אַנטיסעמיטן, אַז זיי האָבן זיך אַפֿילו נישט געוואָלט אײַנקוואַרטירן בײַ ייִדן. באַלד נאָך די פּאָליאַקן האָבן אויך אָנגעהויבן צו קומען ייִדישע פּליטים, וואָס זענען אַנטלאָפֿן פון מיזרח־פּוילן, וווּ די סאָוועטן זענען אַרײַן. פון זיי האָבן מיר זיך צום ערשטן מאָל דערוווּסט וועגן די אַכזריותדיקע מעשׂים פון די סאָוועטישע „באַפֿרײַערס". זיי האָבן דערציילט ווי די ענקאַוועדע האָט זיך תּיכּף צעפּירט די הענט, אַרעסטירט ציוניסטישע מנהיגים, אָנפֿירערס פון דעמאָקראַטישע פּאַרטייען און סתּם אומשולדיקע מענטשן, און זיי פֿאַרשיקט קיין סיביר. ס'איז שווער געווען צו גלייבן, אַז אַלץ וואָס מיר האָבן געוווּסט וועגן סאָוועטישן גן־עדן איז געווען שווא־ושקר. באַלד האָבן מיר אָבער פֿאַרשטאַנען אַז די ייִדישע פּליטים האָבן גאָרנישט אויסגעטראַכט.

אין יענער צײַט האָב איך אויך באַקומען דעם ערשטן בריוו פון מײַן ברודער מאָטי, פון טשילע. ער האָט מיר געשריבן, אַז ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ טעקסטיל־פֿאַבריק און איז גליקלעך וואָס ער איז געקומען אַהין מיט אַזאַ פּאָר אין די הענט, וואָרעם מענטשן אָן אַ פֿאַך קענען שווער זיך דערשלאָגן צו אַן אַרבעט. עס זענען דעמאָלט אויך געקומען קיין טשילע פֿינף טויזנט ייִדישע פּליטים פון דײַטשלאַנד, וואָס האָבן אויך באַקומען די וויזע אויפֿן סמך אַז זיי זענען ערדאַרבעטער, און זיי האָבן זיך טאַקע מתחייב געווען צו וווינען אין דרום־טשילע, אין די רײַכע אַגראַר־געגנטן. דווקא אין יענער געגנט האָבן אָבער געוווינט אַן ערך הונדערט טויזנט פֿאָלקסדײַטשן, וואָס זענען אײַנגעוואַנדערט צוריק מיט הונדערט יאָר און זענען מיט דער צײַט געוואָרן דאָרטן גרויסע פֿאַרמערס מיט גרויסע פֿאַרמעגנס. כאָטש שוין געבוירענע אין טשילע, זענען זיי אַלע געווען די כּפּרה פֿאַר היטלערן און פֿאַר זײַן נאַציסטישן רעזשים. פֿאַרשטייט זיך אַז דאָס איז נישט געווען קיין מקום־מיקלט פֿאַר די ייִדן, וואָס האָבן זיך קוים געראַטעוועט פונעם היטלערישן גיהנום. כּמעט אַלע איז געראָטן צו בלײַבן אין סאַנטיאַגאָ,

און טשילע האָט דערבײַ גאָרנישט אָנגעווירן. ס׳רוב זענען געווען פּעיִקע מענטשן, וואָס האָבן געבראַכט אַ גרויסן נוצן דער טשילעאַ־נישער אינדוסטריע און האַנדל.

שפּעטער מיט יאָרן האָט די רעגירונג אין טשילע זיך דערמאָנט אײַנצוקלאָגן די קאָנסולן זייערע אין אייראָפּע, וואָס האָבן אַרויס־געגעבן די ייִדישע פּליטים וויזעס ווי ערדאַרבעטער. פון דעם פּראָצעס איז אָבער גאָרנישט געוואָרן, דער עיקר ווײַל די טראַגעדיע פון די ייִדן אין אייראָפּע האָט אַרויסגערופן אַ סימפּאַטיע אין טשילע פאַר די געראַטעוועטע פּליטים און פאַר ייִדן בכלל.

אין זײַן בריוו האָט מײַן ברודער מיר אויך געשריבן איך זאָל נישט וואַרטן אויף קיין נסים און אָפּראַטעווען פון מײַן פאַרמעגן וויפל ס׳לאָזט זיך, איידער עס ווערט צו שפּעט. פאַראַן אין טשילע אימיגראַנטן פון רומעניע, וואָס ווילן העלפן זייערע קרובים אין דער אַלטער היים. ווען מײַן ברודער נעמען דאָרטן דאָס געלט און איך וועל אויסצאָלן די קרובים אין רומעניע.

איך האָב תּיכּף טעלעגראַפירט מײַן ברודער אַז איך בין מסכּים מיט זײַן פאָרשלאָג און אויף אַזאַ אופן האָב איך טאַקע עפּעס געראַטעוועט פון מײַנע יאָרן שווערער האָרעוואַניע. קיין ספק האָב איך נישט באַוויזן אַרויסצושיקן, ווײַל דער מצב האָט זיך אין גיכן געביטן און מ׳האָט קוים געקענט אָפּראַטעווען דאָס לעבן.

אין די שווערע יאָרן איז עס פון דעסטוועגן געווען אַ טרייסט פאַר מיר. איך האָב געטראַכט, אַז אויב איך וועל אַרויס פונעם גיהנום, וועל איך האָבן עפּעס, מיט וואָס אָנצוהייבן פון דאָס נײַ.

די באַפרייַער

אין יוני 1940, בעת היטלער האָט אָנגעהויבן זײַן בליצקריג קעגן פראַנקרײַך און דורכגעבראָכן די מאַזשינאָ־ליניע, האָט סטאַלין געשיקט אַן אולטימאַטום דער רומענישער רעגירונג, זי זאָל אין משך פון 24 שעה זיך אָפּטראָגן פון בעסאַראַביע און פון צפון־בוקאָווינע. דער תּירוץ: בעסאַראַביע איז אַ מאָל געווען אַ טייל פון צאַרישן רוסלאַנד, נישט געקוקט דערויף, וואָס די באַפעלקערונג באַשטייט ס׳רוב פון רומענער. וואָס שייך דער צפון־בוקאָווינע — האָבן די סאָוועטן געטענהט — איז דאָרטן פאַראַנען אַן אוקראַיִנישע מערהייט, און אַחוץ דעם, האָבן די רומענער אין משך פון צוואַנציק יאָר עקספּלואַטירט די באַפעלקערונג פון בעסאַראַביע, דאַרפן זיי דערפאַר באַצאָלן מיט אַ חלק פון דער בוקאָווינע, הגם אָט די געגנט האָט קיין מאָל נישט געהערט צו רוסלאַנד.

רומעניע האָט קיין ברירה נישט געהאַט. דער סאָוועטישער אולטימאַטום האָט געהאַט די הסכּמה פון היטלעריסטישן דײַטשלאַנד.

דער אולטימאַטום האָט מיך פאַרכאַפּט אין גורא־הומאָרולוי. איך האָב געמוזט תּיכּף באַשליסן, צי איך בלײַב אין רומעניע צי איך פאָר צוריק קיין טשערנאָוויץ. כ׳האָב זיך באַטראַכט, אַז ס׳איז בעסער צוריקצופאָרן קיין טשערנאָוויץ, צו די רוסן, ווײַל אין רומעניע, וואָס פאַלט אַלץ טיפער אונטער דײַטשער השפּעה, קען דער מצב פאַר ייִדן ווערן נאָך ערגער. ווי אַזוי קומט מען אָבער קיין טשערנאָוויץ איידער עס ענדיקט זיך דער אולטימאַטום? קיין צוג פאָרט נישט מער אַהין; אַנדערע פאָרקערס־מיטל זענען מאָביליזירט געוואָרן, כּדי צו עוואַקויִרן די מיליטערישע און ציווילע אינסטיטוציעס. דערצו האָבן מיר באַשלאָסן מיטצונעמען דעם גרעסטן טייל פון דער משפּחה: די עלטערע שוועסטער רייזע,

די אַלמנה, מיט די קינדער, די ייִנגערע שוועסטער טשאַנקאַ און דעם ייִנגסטן ברודער יאַנקל, וואָס איז אַלט געווען אין גאַנצן פּופצן יאָר. מיט די עלטערן איז בלויז געבליבן אין גורא־הומאָרולוי מײַן ברודער פישל, וואָס האָט ערשט חתונה געהאָט. די אַנדערע ברידער זענען שוין פון פריִער געווען אין טשערנאָוויץ.

צען קינדער זענען מיר דעמאָלט געווען — דער עלטסטער, מענדל, פינף און דרײַסיק יאָר אַלט, דער ייִנגסטער, יאַנקל — פופצן יאָר. צווישן איינעם צום אַנדערן — צוויי יאָר דיפערענץ. און אָט זענען זייערע נעמען, פונעם עלטסטן צום ייִנגסטן: מענדל, רייזע, ישראל, פאַני, משה, פישל, מאָטי, טשאַנקאַ, חיים, יאַנקל.

מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן אויף גאָטס באַראָט, צו ביסלעך מיט אויטאָבוסן, צו ביסלעך מיט פערד־און־וואָגן. בדרך־נס זענען מיר ניצול געוואָרן פון די רומענישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך נוקם געווען אין די בלומרשטע קאָמוניסטן וואָס אַנטלויפן פון רומעניע צו די רוסן, גערויבט, געהרגעט, געשלאָגן. נאָך אַ נסיעה פון פערצן שעה זענען מיר, אויסגעמאַטערטע, אָנגעקומען קיין טשערנאָוויץ. די סאָוועטן זענען שוין געווען אין שטאָט. זיי האָבן אַפילו נישט אָפּגעוואַרט די פיר און צוואַנציק שעה פון אולטימאַטום.

מיר האָבן געקוקט פאַרחידושטע אויף אונדזערע „באַפרײַער", וואָס האָבן אויסגעזען אין אונדזערע אויגן ווי יצורים פון אַן אַנדער פּלאַנעט. איבער נאַכט האָט די שטאָט זיך פאַרוואַנדלט, אַז מיר האָבן זי קוים דערקענט. ס'האָבן זיך געיאָוועט התלהבותדיקע דעמאָנסטראַנטן מיט פאַרטיקע לאָזונגען אויף ייִדיש, רוסיש און רומעניש: „זאָל לעבן דער באַפרײַער פון די פעלקער, דער חבר סטאַלין!"; „זאָל לעבן די פאַרטיי פון אַרבעטער און פויערים!". יונגע קאָמוניסטלעך, היצקעפּ, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער די פּוסטע רומענישע אינסטיטוציעס און פאַרברענט די בילדער פונעם מלך, מיט די פאָנען און עמבלעמען. און ווו זיי האָבן געכאַפּט אַ רומענישן אָפיציר וואָס האָט נאָך נישט באַוויזן צו אַנטלויפן, האָבן זיי אים אַראָפּגעריסן די עפּאָלעטן און אָפּגעשניטן די קנעפּ פון די קליידער. ייִדן זענען געווען מלא־שימחה און אומעטום אַרויס־געוויזן סימפּאַטיע פאַר די „באַפרײַער". מ'האָט נישט געטראַכט

צו די ייִדן אין רומעניע; האָבן זיי טאַקע טיַער באַצאָלט פאַרן התלהבות פון די ייִדן אין טשערנאָוויץ, וואָס ס'האָט זיך זיי אויס־געוויזן אַז פאַר זיי איז שוין געקומען משיח און געבראַכט די גאולה. אין גיכן זענען זיי געוווּיר געוואָרן אַז די גאולה איז קיין גאולה נישט און דער משיח איז אַ פאַלשער.

איך קען נישט פאַרגעסן ווי מײַן ייִנגסטער ברודער יאַנקל האָט אַ זאָג געטאָן, ווען ער האָט דערזען די רוסישע פּרצופים פון די באַפרײַער: „עפּעס געפעלט מיר נישט די חברה. מיר וועלן פון זיי קיין נחת נישט האָבן!”

מיר האָבן געלאַכט פון זײַן קינדערשער נבואה. עס האָט קוים אָנגעהויבן דער האַניק־חודש און איטלעכער איז אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ חלום. די נײַע פאַרוואַלטונג האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו דער באַפעלקערונג, אַז יעדער זאָל זיך אומקערן צו זײַן אַרבעט, די אינדוסטריע זאָל ווײַטער פּראָדוצירן און די סוחרים זאָלן עפענען זייערע געשעפטן. זיי האָבן באַשטימט דעם פּרײַז פון רובל אין רומענישן ליי, און דערנאָך אָפּגענומען בײַ דער רומענישער רעגירונג אַ גרויסע סומע פאַר דער רומענישער וואַלוטע וואָס זיי האָבן צונויפגעזאַמלט. אין די פאַבריקן האָבן זיך תּיכּף געשאַפן אַרבעטער־קאָמיטעטן, וואָס האָבן קודם־כּל באַשלאָסן צו פאַרטאָפּלען דעם געהאַלט.

דערבײַ האָבן די נײַע הערשערס מורא געהאַט, טאָמער וועלן די בעלי־בתּים פון איין זײַט, און די אַרבעטער פון אַ צווייטער זײַט, צעטראָגן די אונטערנעמונגען, איידער זיי וועלן באַווײַזן צו נעמען אַלץ אין זייער רשות. האָבן זיי קודם פאַרבעטן די פאַר־שטייערס פון די אַרבעטער און זיי אָנגעזאָגט בסוד, זיי זאָלן האַלטן אַן אויג אויף די בעלי־בתּים. דערנאָך האָבן זיי פאַרבעטן די בעלי־בתּים און זיי אָנגעזאָגט בסוד, זיי זאָלן האַלטן אַן אויג אויף די אַרבעטער, זיי זאָלן נישט גנבענען און זאָלן אַרבעטן ווי פריִער.

דערווײַל האָט זיך אַ לאָז געטאָן פון דער אוקראַיִנע אַן אויסגעהונגערטער עולם, וואָס האָט אַלץ אָפּגעליידיקט ווי די היישעריקן. זיי האָבן אויסגעליידיקט די געוועלבן און באַצאָלט מיט רובל וואָס האָבן קיין שום ווערט נישט געהאַט. אין די

רעסטאָראַנען האָבן זיי געפרעסן און געזויפט מיט אַ ווילדן אַפּעטיט. אַ סך פון אונדז האָבן פאַר זיי געפונען אַ זכות, און געטענהט מיט התפעלות: דאָס איז אַ געזונט פאָלק, וואָס לײַדט נישט אויף די קרענקן פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט! זיי נייטיקן זיך נישט אין קיין מעדיקאַמענטן, כּדי צו באַקומען אַפּעטיט!

ווען זיי האָבן אַנטפּלעקט פרידמאַנס וועגעטאַרישן רעסטאָראַן, וואָס איז געווען אַ שם־דבר אין טשערנאָוויץ, האָבן זיי באַשטעלט צו צוויי און צו דרײַ פּאָרציעס אויף אַ מאָל. אָן אייערשפּײַז האָבן זיי געמאָנט פון צען אייער. און דאָס האָט געמאַכט אַ גוואַלדיקן אײַנדרוק אויף די טשערנאָוויצער קאָמוניסטן און סימפּאַטיזאַנטן פון סאָוועטישן גן־עדן. אַ געזונט פאָלק! — האָבן זיי געהאַלטן אין איין טענהן.

די סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן האָבן דערבײַ זיך באַמיט צו איבערצײַגן די טשערנאָוויצער באַפעלקערונג, אַז דער ראַטן־פאַר־באַנד איז הויל פּראָגרעס אין איטלעכן שטח, און אַז דאָרטן מאַכט מען אַלץ בעסער ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. וועגן יעדער זאַך וואָס זיי פלעגן זען, האָבן זיי געזאָגט מיט ביטול: אַ, מיר האָבן די גרעסטע פאַבריקן דערפון!

לצנים האָבן זיך באַלד געכאַפּט אַז די „חברים" זענען בלאָפערס און ס'האָבן אָנגעהויבן אַרומגיין וויצן וועגן סאָוועטישער בריהשאַפט. מ'האָט, למשל, דערציילט, אַז מ'האָט אַ נאַטשאַלניק געוויזן ציטרינען, און ער האָט זיך אָנגערופן: מיר האָבן אַ גרויסע פאַבריק דערפון אין אָדעס . . .

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און דער עולם האָט דערזען אַז . . . דער מלך איז נאַקעט. טשערנאָוויץ איז געווען אַן אַנטפּלעקונג פאַר די פּרימיטיווע „חברים", וואָס האָבן נאָך אין זייער לעבן אַזאַ שפע נישט געזען. אַ בלאָער קאָסטיום איז פאַר זיי געווען ממש אַ חלום. אַ נאַכטהעמד, וואָס די ווײַבער האָבן געפונען אין די פולע דירות פון די אַנטלאָפענע קיין רומעניע, האָבן זיי אָנגעטאָן ווי אַ באַלקלייד און זענען דערין געגאַנגען טאַנצן.

איטלעכער פון די נײַע בעלי־בתּים, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די גרייטע דירות, האָט זיך פון דעסטוועגן אויפגעפירט ווי אַ

קליינער סטאַלין. דאָס זענען געווען יונגע אוקראַיִנישע שקצים, אָנגעטאָן אין רובאַשקעס, מיט לעדערנע גאַרטלען און קורצע שטיוול. מ׳האָט זיי מיטגעגעבן עצה־געבער, ס׳רוב מומחים פון עלטערן דור, וואָס האָבן געדאַרפט צוגרייטן די סטאַליניסטישע קאַדערס און זיי אויסלערנען ווי אַזוי צו אַדמיניסטרירן די נײַע שטחים. זיי האָבן אויך אויסגעניצט די אָרטיקע קאָמוניסטן, וואָס האָבן זיי געדאַרפט אינפאָרמירן וועגן יעדן איינעם, וואָס ער איז געווען פריִער, צי איז ער חלילה ניטש געווען אַ קעגנער פון קאָמוניזם.

באַלד נאָכן פאַרנעמען די שטאָט, האָבן די סאָוועטן באַפרײַט פון דער טשערנאָוויצער תּפיסה אַ רומענישן קאָמוניסט, וואָס האָט געהייסן לוקאַ לאַסלאָ, אַ געבוירענער אין זיבנבירגן. ער האָט זיך שפּעטער קונה־שם געווען אין רומעניע ווי אַ פינאַנץ־מיניסטער, אונטערן נאָמען וואַסילע לוקאַ. דערווײַל האָבן אים די באַפרײַער געקריינט ווי ראָש־העיר אין טשערנאָוויץ, פּרעדסעדאַטעל גאָר־סאָוויעט — ווי ס׳האָט בײַ זיי געהייסן. פאַרשטייט זיך אַז דאָס איז געווען אַ פאָרמעלער ענין, וואָרעם אָנגעפירט מיט דער שטאָט האָט די ענקאַוועדע מיט דער געהיים־פּאָליציי.

וואַסילע לוקאַ האָט קיין רוסיש נישט געקענט, ר׳האָט געהאַט אַ ייִדישע סעקרעטאַרשע פון בעסאַראַביע, האָט זי אים אַלץ פאַר־טײַטשט. אַגב איז ער אויך געווען אַ קרבן פון סטאַלינס פּאָליטיק אין אָנהייב פופציקער יאָרן, ווען ער האָט „גערייניקט" די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין די סאַטעליט־לענדער.

ווי אַ פאַרוואַלטער איבער דער טשערנאָוויצער אינדוסטריע האָבן די רוסן געבראַכט אַ דורכגעטריבענעם אוקראַיִנער פון קיִעוו, וואָס האָט זיך באַלד גענומען ווי אַן עצה־געבער אַ באַקאַנטן אָרטיקן אינדוסטריאַליסט. און וואָס שייך די טעקסטיל־אינדוסטריע, האָבן זיי געבראַכט אַ ספּעציעלן פאַרוואַלטער, אַ כיטרע גוי; ער האָט געהייסן סעדעשעוו. אויך ער האָט זיך גענומען אַ בעל־יועץ — דעם בעסאַראַבער פאַבריקאַנט כאַלטערמאַן, אַ פעטער פון דער פאָרזיצערין פון דער וועלט־אָרגאַניזאַציע „וויצאָ". שפּעטער האָט מען אים פאַרשיקט קיין סיביר מיט אַלע קאַפּיטאַליסטן. ווי אַ בן־

שבעים איז ער באַפרײַט געוואָרן, עולה געווען קיין ישראל און דאָ געשטאָרבן.

די נײַע מושלים האָבן מיט אונדז געשפּילט אין קאַץ און מויז, ביז זיי האָבן נאַציאָנאַליזירט די גאַנצע אינדוסטריע און די בעלי־בתּים פאַרשיקט קיין סיביר.

מ׳האָט זיך באַלד דערוווּסט, אַז מענטשן ווערן נעלם. אייניקע זענען פאַרמישפּט געוואָרן ווי ספּעקולאַנטן. אַנדערע האָט מען אויפגעמישט פריִערדיקע חטאים, אַז זיי זענען כּלומרשט געווען קעגן קאָמוניזם. אין דער אמתן זענען מיר געוווּיר געוואָרן, אַז זיי דאַרפן צושטעלן אַ קוואָטע, סײַ פאַר די לאַגערן אין סיביר, סײַ פאַר די קוילנשאַכטעס אין דאָמבאַס, אוקראַיִנע.

לאַנגיעריקע קאָמוניסטן האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז זיי האָבן געוואַרט אויף אַ פאַלשן משיח. איך געדענק אײנעם, אַ זון פון אַ רײַכן ייִדן, וואָס איז אָפּגעזעסן אין תּפיסה בײַ די רומענער פאַר קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע און דער טאַטע זײַנער האָט אים אַלץ געדאַרפט אויסקויפן. וואָס דער טאַטע האָט געטענהט, ער זאָל אויפהערן זיך צו קהלן — האָט נישט געהאָלפן. אָבער עטלעכע חדשים אונטער סאָוועטישער הערשאַפט האָבן אים לחלוטין אויסגעהיילט פון קאָמוניזם. יעדן טאָג האָט מען אַנטפּלעקט אַן אַנדערן ליגן, אַן אַנדערע פאַלשקייט און קאָרופּציע. אַזוי למשל האָבן די נײַע מושלים מודיע געווען, אַז ווער פון דער יוגנט עס וויל שטודירן, זאָל זיך מעלדן בײַ דער מאַכט, וועט מען אים שיקן קיין מאָסקווע אין אוניווערסיטעט. צווישן דער גרופּע יוגנטלעכע וואָס האָבן זיך געמאָלדן, איז אויך געווען מײַן פּלימעניק יחזקאל, אַ זון פון מײַן פאַרשטאָרבענער שוועסטער פעקאַ. אַנשטאָט קיין מאָסקווע, האָט מען די יונגע־לײַט געשיקט גלײַך קיין דאָמבאַס, אין די קוילנשאַכטעס. מײַן פּלימעניק איז פון דאָרטן אַנטלאָפן, אָבער מ׳האָט אים געכאַפּט און פאַרמישפּט אויף צען יאָר סיביר.

אַזוי האָבן אויסגעזען די באַפרײַער, מישטיינס געזאָגט, אָדער די באַפרײַערס פון דער פרײַהייט, ווי עמעצער האָט זיי גערופן.

זיי מאַכן אַ תּל פֿון מײַן פֿאַבריק

פֿאַראַן אַ פֿאָלקסווערטל: באַשיץ מיך, גאָט, פֿון מײַנע פֿרײַנד, פֿון מײַנע שונאים וועל איך מיך אַליין באַשיצן.

די דאָזיקע דערפֿאַרונג האָב איך אַליין איבערגעלעבט, ווען די רוסן זענען אַרײַנמאַרשירט קיין טשערנאָוויץ, אין 1940, און מײַנע לינקע פֿרײַנד, די קאָמוניסטן, האָבן זיך אײַנגערעדט אַז זיי האָבן שוין דעם כּוח אַרויסצוּוואַרפֿן די אַלטע בעלי־בתּים פֿון די פֿאַבריקן און אַליין ווערן בעלי־בתּים. זיי האָבן אָבער געמאַכט דעם חשבון אָן דעם בעל־הבית אין קרעמל.

אויך מיר, די בעלי־בתּים, זענען געווען גענוג נאַיִוו צו גלייבן, אַז די סאָוועטן וועלן בלויז נאַציאָנאַליזירן די פּריוואַטע פֿאַרמעגנס, אָבער די אייגנטימערס פֿון די פֿאַבריקן, וואָס קענען מיט זייער דערפֿאַרונג ברענגען אַ נוצן דער מלוכה, וועט מען לאָזן ווײַטער אַרבעטן אין זייערע אונטערנעמונגען.

איך האָב געוווּסט אַז די סאָוועטישע מאַכט וועט נאַציאָנאַליזירן מײַן פֿאַבריק און דאָס האָט מיך לחלוטין נישט געאַרט. איך בין אָבער געווען זיכער, אַז זיי וועלן זיך רעכענען מיט מײַנע פֿעיִקייטן, מיט מײַן יוגנט — כ'בין אַלט געווען אין גאַנצן דרײַסיק יאָר — מיט מײַן פּראָלעטאַרישער אָפּשטאַמונג, מיט מײַן אַנטיקאַפּיטאַליס־טישער מענטאַליטעט, און וועלן מיך לאָזן ווײַטער פֿירן די פֿאַבריק. בכל־אופן בין איך געווען זיכער, אַז מײַנע לינקע פֿרײַנד, וואָס האָבן געאַרבעט בײַ מיר אין פֿאַבריק, און אויך יענע וואָס כ'האָב זיי געהאָלפֿן אין זייער לינקער אילעגאַלער אַקטיוויטעט, וועלן זײַן מליץ־יושרס פֿאַר מיר בײַ די נײַע קאָמוניסטישע הערשערס.

צום באַדויערן האָב איך געהאַט אַ ביטערע אַנטוישונג. אמתע פֿרײַנד דערקענט מען נאָר אין אַ עת־צרה. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן

אַז קינאה איז אַ גוואַלדיקער כּוח, בפרט אין צײַטן ווען עס דרייט זיך איבער דאָס רעדל פון דער געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור.

דעם צווייטן טאָג נאָך דער שימחה, נאָכן קבלת־פּנים פאַר דער רויטער אַרמיי, האָב איך געעפנט די פאַבריק און פריילעך באַגריסט די אַרבעטער מיט אַ שהחינו. נאָר באַלד נאָך דער באַגריסונג האָט זיך אַרײַנגעשטעלט אין מײַן ביוראָ די פרוי פון מײַן פרײַנד שלום רובינגער און געפאָדערט איך זאָל איר ווײַזן די ביכער: זי וויל זען וויפל געלט מזומן ס'איז פאַראַן אין דער קאַסע און וויפל אין די בענק.

אין מײַן נאַיִווקייט האָב איך געגלייבט, אַז די אַרבעטער האָבן זי טאַקע דעלעגירט זי זאָל קאָנטראָלירן דעם מצב פון דער פאַבריק, אָנגעהויבן פון דעם טאָג ווען די סאָוועטן האָבן איבערגענומען די מאַכט. זי האָט זיך אָבער נישט באַנוגנט דערמיט. צוריק מיט עטלעכע וואָכן — האָט זי געטענהט — זענען אין קאַסע געווען מער מיט הונדערט טויזנט ליי. ווו איז אַהינגעקומען דאָס געלט? זי פאָדערט אַ חשבון.

דאָס האָט מיך שוין פאַרדראָסן. מיט וואָס פאַר אַ רעכט — האָב איך געפרעגט — מאָנסטו בײַ מיר אַ חשבון פון מײַנע געשעפטן איידער די סאָוועטן האָבן איבערגענומען די מאַכט? דאָס איז שוין פאַר מיר געווען אַ בייזער אָנזאָג אויף וואָס מען קאָן זיך ווײַטער דערוואַרטן.

שלום רובינגער איז געווען מײַנער אַ נאָענטער פרײַנד נאָך פון מיליטער, אין פאָקשאַן. שפּעטער, אין טשערנאָוויץ, האָבן מיר זיך נאָך מער דערנענטערט. ער טאַקע האָט מיך געהאַט געבעטן, איך זאָל אַרײַננעמען אין פאַבריק זײַן פרוי און זײַן שוועגערין, מעמי שיינבוים, כּדי זיי צו העלפן אין פּרנסה. איבער נאַכט האָבן זיי אַלץ פאַרגעסן און פון גוטע פרײַנד זענען זיי געוואָרן מײַנע שונאים.

איך געדענק אַז צוויי וואָכן נאָכן אַרײַנמאַרש פון דער רויטער אַרמיי איז געקומען אַ באַפעל פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אײַנצואָרדענען אַ קולטורהויז אין איטלעכער פאַבריק. כ'האָב תּיכּף געדונגען אין שכנות אַ לאָקאַל פאַרן אַרבעטער־קלוב און דער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט אין גיכן באַשלאָסן צו עפענען דעם

קלוב מיט אַ פֿייערלעכן חנוכּה־הבית. אין איינעם מיט די אָפיציעלע געסט פון דער פּאַרטיי, האָט מען אויך מיך פאַרבעטן אין פּרעזידיום, צו באַגריסן די איניציאַטיוו צו שאַפן אַ קלוב וואָס זאָל אויפהייבן דעם ניוואָ פונעם פּראָלעטאַריאַט.

איך בין געקומען צו דער שימחה אין אַ פּראָלעטאַרישן סוועטער מיט אַ הויכן קראַגן כּדי צו דעמאָנסטרירן מיין צוגעהע־ריקייט צום אַרבעטער־קלאַס. דער קלוב איז געווען פאַרפּוצט מיט אַ סך רויטע פאָנען און מיטן קלאַסישן לאָזונג „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך!" ס'האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט געפעלט די ברכות פאַרן פאָטער פון אַלע פעלקער, אונדזער באַפרייער, דער חבר סטאַלין . . .

אין מיין באַגריסונג האָב איך גערעדט וועגן מיין שווערער אַרבעט אויפצובויען די פאַבריק און האָב געדאַנקט דעם ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס האָט אונדז באַפרייט פון דער רומענישער דיסקרי־מינאַציע. כ'האָב אויך אויסגעדריקט מיין האָפענונג, אַז מיר וועלן אין איינעם העלפן אויפבויען דאָס נייע סאָוועטישע פאָטערלאַנד.

נאָך דעם ווי כ'האָב געענדיקט מיין דרשה, האָב איך פּלוצעם געפילט אַז כ'האָב גערעדט צו טויבע אויערן. די אַטמאָספער איז שוין געווען אַ פאַרסמטע. קיינעם האָט זיך נישט געגלוסט צו אַרבעטן ווייטער אונטערן געוועזענעם בעל־הבית.

מיין פריינד שלום רובינגער איז אויך געווען אויף דער שימחה. ער האָט גוט פאַרשטאַנען דעם מצב און מיר אַ זאָג געטאָן אין שייכות מיט מיין באַגריסונג: „טראַצקי האָט געטענהט, אַז אַ שנעלצוג שטעלט זיך נישט אָפּ, ווען אַ קאַץ געפינט זיך אויף די רעלסן . . ."

ווען כ'האָב, אין יענער שטימונג, דערהערט אַזעלכע רייד פון אַ לאַנגיעריקן פריינד, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק אַז מיט מיין באַגריסונג האָב איך מיר אַליין געמאַכט אַ הספד. שלום רובינגערס ווערטער זענען פאַר מיר געווען ווי אַ מעסער אין רוקן, און איך האָב עס אים קיין מאָל נישט מוחל געווען.

שפּעטער מיט דרייסיק יאָר האָב איך, דרך־אַגב, שוין דאָ אין ישראל, באַקומען אַ בריוו פון דעם זעלבן שלום רובינגער, וואָס

איז געקומען צו גאַסט ווי אַ טוריסט פון רומעניע: „איך האָב געלייענט אין דער ייִדישער צײַטונג — האָט ער מיר געשריבן — אַז אַ געוויסער אינדוסטריעלער ישראל פֿאָלאַק האָט פֿאַרטיילט אַ פּרײַז פֿאַר אַ שרײַבער פון **די גאָלדענע קייט**". (איך האָב אין יענער צײַט יעדעס יאָר צוגעטיילט אַ פּרײַז פֿאַר דעם זשורנאַל **די גאָלדענע קייט**, וואָס גייט דאָ אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פונעם פּאָעט אַברהם סוצקעווער). ווײַטער שרײַבט מיר רובינגער, אַז ער איז גליקלעך וואָס אין ישראל געפינען זיך נאָך אַזעלכע ייִדן וואָס גיבן אַ פּרײַז פֿאַר אַ ייִדישן שרײַבער, און אַז ער וואָלט געוואָלט וויסן צי איז אָט דער ישראל פֿאָלאַק דער זעלבער מיט וועלכן ער איז אין יאָר 1932 געווען באַפֿרײַנדט, בעת זיי האָבן ביידע געדינט אין רומענישן מיליטער. אויב ס'איז דער זעלבער — וואָלט ער זיך גערן געוואָלט מיט אים באַגעגענען. די פֿרײַנדשאַפֿט אין טשערנאָוויץ, וואָס וואָלט מיך דערמאָנט ווי אַזוי ער און זײַן פֿרוי האָבן זיך אויפֿגעפֿירט מיר קעגן איבער, האָט ער פֿאַרשוויגן.

רובינגערס שווערין, וואָס כ'האָב זי פֿריִער דערמאָנט, איז דעמאָלט, אין 1940, אויסגעקליבן געוואָרן ווי די פֿאָרזיצערין פון אַרבעטער־קאָמיטעט. ווען איך פֿלעג אַרײַנקומען אין פֿאַבריק פֿלעגט זי אויסרופֿן בקול רם: „זאָל לעבן אונדזער פֿאָטער, דער באַפֿרײַער פון עקספּלואַטאַציע, חבר סטאַלין!" און דער אַרומיקער עולם האָט באַגלייט אירע ווערטער מיט אַ דרײַפֿאַכיקן הוראַ.

איין מאָל בין איך אַרײַנגעקומען, בעת זי האָט געהאַלטן אַ זיצונג פון אַרבעטער־קאָמיטעט אין מיטן פון דער אַרבעטצײַט. היות דאָס האָט געהייסן אָפּיציעל עובר זײַן אויף דער אַרבעט־דיסציפּלין, האָב איך געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז אַזאַ פֿירונג שעדיקט דער פּראָדוקציע. האָט זי מיר געענטפֿערט אַז כ'האָב נישט דאָס רעכט צו שטערן אַ זיצונג פון קאָמיטעט. און אַז כ'האָב איר געזאָגט אַז די פֿאַבריק האָב איך אויפֿגעבויט און כ'וואָלט נישט געוואָלט מען זאָל איר ברענגען שאָדן, האָט זי זיך אָנגערופֿן, אַז די פֿאַבריק האָבן אויפֿגעבויט די אַרבעטער און איך בין בלויז אַרומגעפֿאָרן און געלעבט אַ גוטן טאָג...

אַברהם האַרט איז געווען דער צווייטער פריַינד מיַינער, וואָס כ׳האָב אים אַריַינגענומען אין פאַבריק, ווייל פון זיַין מלאכה ווי אַ גאָלדשמיד האָט ער נישט געהאַט קיין פרנסה. ער איז געווען אַ מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און ווען די רוסן זענען אַריַינמאַרשירט האָט ער נאָר געוואָלט ירשענען מיַין אָרט. כ׳בין אים געשטאַנען אין וועג. ער האָט אויפגעהעצט קעגן מיר די אַרבעטער און אַפילו געשיקט מיַינעם אַ קרוב צו מיר אַהיים, ר׳זאָל אים ברענגען די שליסל פון דער פאַבריק, כ׳זאָל ביַי נאַכט חלילה נישט „אַרויסגנבענען" קיין סחורה פון מאַגאַזין. ער האָט אויך אָנגעטאָן צרות מיַינע ברידער און שוועסטער, וואָס האָבן געאַרבעט אין פאַבריק, מחמת ווי לאַנג עמעצער פון מיַין משפחה געפינט זיך נאָך דאָרטן, איז ער נישט געווען זיכער אַז ער וועט טאַקע ווערן בעל־הבית פון דער אונטערנעמונג. ער האָט זיי נאָר גערופן „בראַטיאַ כאַזיאַינאַ" — די ברידער פונעם בעל־הבית.

איך האָב פאַרשטאַנען אַז ס׳האָט קיין זינען נישט צו פיגורירן וויַיטער ווי דער בעל־הבית פון דער פאַבריק. האָב איך גענומען און אָנגעשריבן אַ בקשה צו דעם קאָמיסאַר סעדעשעוו, וואָס האָט געהאַט דאָס אַחריות לגבי דער פּאַרטיי פאַר דער טעקסטיל־אינדוסטריע, און פלעג פון ציַיט צו ציַיט אַריַינקומען אין פאַבריק, און כ׳האָב אים דערקלערט אַז איך שענק אַוועק די אונטערנעמונג דער סאָוועטישער מלוכה. איך וויל בליַיבן און אַרבעטן בלויז ווי אַן אָנגעשטעלטער.

כ׳האָב געבעטן אַן אַרבעטער, אַ בעסאַראַבער ייִד, וואָס האָט געקענט רוסיש (שאַרפזין האָט ער געהייסן), ער זאָל קומען מיט מיר ווי אַן איבערזעצער, און בין אַוועק מיט דער בקשה צו דעם קאָמיסאַר. דער ענטפער אויף מיַין בקשה איז געווען, אַז די סאָוועטישע מלוכה נעמט נישט קיין מתנות. סעדעשעוו האָט מיר געהייסן צוריקגיין אין פאַבריק און זיך נישט לאָזן טעראָריזירן פון די אַרבעטער. לעת־עתה איז די פאַבריק מיַין אייגנטום. ביַים געזעגענען האָט ער אַ זאָג געטאָן: „אַ שאָד וואָס איר קענט נישט קיין רוסיש, איך וואָלט איַיך עפעס געזאָגט אונטער פיר אויגן".

שפּעטער מיט פיר יאָר, אין 1944, ווען די רוסן זענען ווידער

אַרײַנמאַרשירט אין טשערנאָוויץ, האָב איך דעם זעלבן סעדעשעוו נאָך אַ מאָל באַגעגנט. ער איז געקומען פון פראַנט, אין אוניפאָרעם, ווי אַ פּאָליטישער קאָמיסאַר, און איך האָב שוין דעמאָלט געקענט רוסיש. מיר האָבן זיך וואַרעם באַגריסט און בײַ דער געלעגנהייט האָב איך אים געפרעגט צי ער געדענקט אונדזער באַגעגעניש אין 1940 און צי ווייס ער נאָך וואָס ער האָט מיר דעמאָלט געוואָלט זאָגן צווישן פיר אויגן. סעדעשעוו האָט זיך הויך צעלאַכט און דערנאָך האָט ער מיר שטיל געזאָגט: „אַוודאי געדענק איך. כ׳האָב דיר געוואָלט זאָגן אַז דו ביסט אַ דוראַק. כּל־זמן די פאַבריק איז נאָך נישט געווען נאַציאָנאַליזירט, האָסטו געדאַרפט ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך און... מיר אויך עפּעס אַראָפּגעבן דערפון!״

ווער האָט דעמאָלט, אין 1940, פאַרשטאַנען די רוסישע כיטרע־קייט, זייער אָפּאָרטוניזם און קאָרופּציע!

לאַנג בין איך אָבער דעמאָלט נישט געבליבן דער „אייגנטימער״ פון מײַן פאַבריק. בלויז צען וואָכן נאָך דעם ווי די סאָוועטן האָבן איבערגענומען די מאַכט איז געקומען אַ דעקרעט געחתמעט פון סטאַלינען בכבודו־ובעצמו: אַלע אונטערנעמונגען מיט מער ווי פערציק אַרבעטער ווערן, אָן קיין שום קאָמפּענסאַציע, נאַציאָנאַ־ליזירט. דעסט גלײַכן דער מיסחר, די בענק, די פאַרזיכערונג־געזעלשאַפטן, די פאַרקערס־מיטלען; אויך די ערד וואָס האָט געהערט צו די גרעסערע ערדבאַזיצערס, די קולאַקן, ווי מען האָט זיי גערופן. אין עטלעכע טעג איז די גאַנצעווירטשאַפט אַריבער־געגאַנגען צו דער מלוכה.

באַלד נאָך דער נאַציאָנאַליזירונג האָבן זיך אַרײַנגעשטעלט צו מיר אין ביוראָ דרײַ סאָוועטישע פונקציאָנערן, מיר פאַרגעלייגט דעם דעקרעט, מיר געהייסן חתמענען אַ פּאַפּיר אַז איך בין מסכּים און מיר דערקלערט אַז פון דעם מאָמענט גייט די פאַבריק אַריבער אין די הענט פון דער סאָוועטישער מאַכט. אין מײַן נאַיִוקייט האָב איך זיי געפרעגט מיט וואָס פאַר אַ פונקציע איך וועל בלײַבן ווײַטער אין פאַבריק. דערויף האָבן זיי מיר געענטפערט, אַז איך טאָר אין גאַנצן נישט אַרבעטן אין דער פאַבריק ווו איך בין פריִער געווען דער בעל־הבית. איך דאַרף גיין אין אַרבעטסאַמט, וועט מען

מיר זוכן אַ באַשעפטיקונג. דערווײַל זאָל איך זיך תּיכּף אָפּטראָגן פון דער פאַבריק.

מײַנע שוועסטער און ברידער האָבן זיי אויך געשיקט אַרבעטן אין אַנדערע פאַבריקן. און מײַן געוועזענעם פרײַנד, דעם חבר האַרט, דעם קאָמוניסט, האָבן זיי אויך אַרויסגעוואָרפן. זיי האָבן געטענהט, אַז זיי גלייבן אים נישט און אַז דער קאָנפליקט וואָס ער האָט מיט מיר געהאַט איז בלויז געווען אַן אָנשטעל, אַ טאַקטיק פון אונדזביידן, ווי נאָענטע פרײַנד. אויב מען וועט אים איבערלאָזן אין פאַבריק, וועט ער אַוודאי סאַבאָטירן און פאַרטרעטן מײַנע אינטערעסן.

מסתּמא איז אַלץ געווען בלויז אַ תּירוץ, כּדי אַרײַנצושטעלן זייערן אַ מענטש ווי אַ דירעקטאָר.

נאָכן איבערנעמען די פאַבריק האָט מען גערופן די אַרבעטער אויף אַ פאַרזאַמלונג און מ'האָט זיי געזאָגט בערך אַזוי: ביז אַצינד האָט איר געאַרבעט פאַרן בעל־הבית, וואָס האָט אײַך עקספּלואַטירט. איצט, נאָך דער נאַציאָנאַליזירונג, געהערט די פאַבריק דעם אַרבעטער־קלאַס. דעריבער דאַרפט איר אַרבעטן בעסער און גיכער. דער לוין וועט אָבער זײַן ווי פריִער, איידערן סאָוועטישן רעזשים. איר דאַרפט זײַן פּאַטריאָטן און גוט אַרבעטן לטובת די פּראָלע־טאַרישע, ברידער איבערן גאַנצן ראַטן־פאַרבאַנד, זײַן שטאַרק און קעמפן קעגן די קאַפּיטאַליסטישע שונאים פון דרויסן.

די אַרבעטער האָבן פּלוצעם דערפילט, אַז די גאַנצע שימחה, די כּלומרשטע באַפרײַונג פון קאַפּיטאַליזם, און דער סאָוועטישער גן־עדן, זענען בלויז געווען אַ פאַלשע אילוזיע. איך גופא בין אַרומגעגאַנגען פרוסטרירט און פאַרביטערט, אָן אַרבעט. נאָך אַזוי פיל יאָרן שווערער מי בין איך נישט בלויז געבליבן בחוסר־כּל, נאָר אויך פאַררעכנט געוואָרן ווי אַ קאַפּיטאַליסט, אַן עקספּלו־אַטאַטאָר, אַ מיטגליד פון אַ דעקלאַסירטער געזעלשאַפט. איך, וואָס האָב געקויפט די ערשטע מאַשין מיטן געלט וואָס כ'האָב פאַרדינט ווי אַן אַרבעטער פון נאַכטשיכטן; איך, וואָס האָב אַזוי שווער געהאָרעוועט סײַ ווי אַ טעכניקער סײַ ווי אַ פאַרקויפער; איך, וואָס האָב אַזוי סימפּאַטיזירט מיט די פּראָלעטאַרישע אידעען,

פונקט איך ווער אַוועקגעשטעלט ווי אַ קאַפּיטאַליסט מיט אַ גראַבן בויך, וואָס האָט געמאַכט פֿאַרמעגן דורך שווינדל, אָדער עס באַקומען בירושה.

איך האָב בשום־אופן נישט געקענט פֿאַרשטיין די סאָוועטישע פּאָליטיק. זיי האָבן דאָך געקענט אויסניצן מײַנע פֿעיִקייטן און מײַן דערפֿאַרונג לטובת דער אינדוסטריע. פֿאַר וואָס האָבן זיי עס נישט געטאָן?

אין גיכן האָט זיך אײַנגעשטעלט דער סאָוועטישער טעראָר־רעזשים און פֿאַר יעדער שאלה, פֿאַרן מינדסטן פּראָטעסט האָט געדראָט פֿאַרשיקט צו ווערן אויף לאַנגע יאָרן אין תּפֿיסה, קיין סיביר. איך בין גאַנצע טעג אַרומגעגאַנגען מיט עדיטן, וואָס האָט מיט איר כאַראַקטעריסטישן הומאָר און קלוגער געלאַסנקייט געפּרוּווט מיך באַרויִקן. דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן בין איך געשטאַנען אָנמאַכטיק. כ׳האָב נישט געקענט געפֿינען קיין תּשובה פֿאַר די אומגערעכטע מעשׂים פֿון דעם סאָוועטישן רעזשים און כ׳האָב נישט געוווּסט קיין עצה, ווי אַזוי אײַנצואָרדענען מײַן צוקונפֿט.

די סאָוועטישע פּאָליטיק איז געווען אַריבערצופֿירן די קליינע און מיטעלע פֿאַבריקן אין איין גרויסער טעקסטיל־פֿאַבריק, צו שאַפֿן גיגאַנטישע אונטערנעמונגען. אין איינעם אַ טאָג, בעת איך בין געווען בײַ מײַנעם אַ פֿרײַנד, אַ געוועזענער קונה — אויערבאַך האָט ער געהייסן — וואָס האָט געוווינט אַנטקעגן איבער מײַן אַמאָליקער פֿאַבריק, האָב איך געזען דורכן פֿענצטער ווי מען דעמאָנטירט די מאַשינען און מען פֿירט זיי אַריבער אין דער גרויסער פֿאַבריק. איך בין געווען צוגעבונדן בלב־ונפֿש צו יעדער מאַשין און האָב מיט טרויער געמוזט צוקוקן ווי מען מאַכט אַ תּל פֿון מײַן שווערער אַרבעט. איך האָב צו מיר אַליין געטענהט: אויב מיר וועט נאָך איין מאָל זײַן באַשערט צו רײַטן אויפֿן פֿערדל, וועל איך שוין וויסן זיך צו האַלטן פֿעסט אין זאַטל, איך וועל שוין וויסן ווי חשוב ס׳איז דאָס רעכט אויף ערלעך, דורך שווערער אַרבעט, פֿאַרדינט אייגנטום.

קאָאָפּעראַטיוון

די סאָוועטן האָבן זיך נישט געזעטיקט מיטן נאַציאָנאַליזירן די גרויסע און מיטעלע אונטערנעמונגען. זיי האָבן געוואָלט לייגן די האַנט אויף דער גאַנצער ווירטשאַפט. דאָס האָבן זיי געטאָן מיט דער הילף פון די קאָאָפּעראַטיוון. זיי האָבן אָפן מודיע געווען, אַז ווער עס וועט נישט מסכּים זײַן זיך אײַנצושליסן אין קאָאָפּעראַטיוו, וועט נישט באַקומען קיין רוי־מאַטעריאַל פאַר זײַן אונטערנעמונג.

קליינע בעל־מלאכות האָבן זיך אויך געמוזט אָרגאַניזירן אין קאָאָפּעראַטיוון. דער עיקר — איטלעכער זאָל אַרבעטן, קיינער זאָל נישט אַרומגיין ליידיק. אין קאָאָפּעראַטיוו קאָנען זיך אויך פאַר־שרײַבן מענטשן אָן אַ פאַך, בתּנאַי זיי זאָלן אַרײַנברענגען אַ באַשטימטע סומע געלט, ווי אַן אינוועסטיציע. די כּוונה איז געווען צו לייגן די האַנט אויך אויף דעם ביסל פאַרמעגן וואָס איז נאָך געבליבן בײַם עולם.

אין דער טעקסטיל־בראַנזשע האָבן זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַ־ניזירן קליינע שטריקערײַען, אין וועלכע עס האָבן זיך אײַנגעשלאָסן נאַציאָנאַליזירטע בעלי־בתּים און סתּם מענטשן וואָס האָבן נישט געפונען קיין אַנדערע אַרבעט.

די סטאַטוטן פון די קאָאָפּעראַטיוון — **פּראָמסאַיוז**, אויף רוסיש — זענען געווען זייער דעמאָקראַטיש. דאָרטן איז געשטאַנען, אַז די מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוו באַשליסן אַליין ווער עס דאַרף זײַן אין דער אָנפירונג און אַז נאָך דעם ווי מען באַצאָלט די שטײַערן, דאַרף מען פינף פּראָצענט פון די רווחים צעטיילן צווישן די מיטגלידער. דאָס איז אָבער אַלץ געווען בלויז אויפן פּאַפּיר. אין דער אמתן האָט דער לוין וואָס מ׳האָט פאַרדינט נישט געקלעקט, נישט צו לעבן נישט צו שטאַרבן. און וואָס שייך דער אָנפירונג —

איז אַלץ געווען ווי אין די גרויסע מלוכישע פֿאַבריקן.

נאָך דעם ווי איך האָב זיך אַרומגעדרייט וואָכן־לאַנג ליידיק און נישט געוווּסט וואָס מיט זיך אָנצוהייבן, זענען צו מיר געקומען צוויי ייִדן, וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיטן אָרגאַניזירן די שטריקערײַ־קאָאָפּעראַטיוו, און האָבן מיר פֿאָרגעלייגט איך זאָל קויפֿן אַ שטריקמאַשין און אַרײַנגיין ווי אַ חבֿר אין קאָאָפּעראַטיוו.

איך האָב באַלד געגעבן מײַן הסכּמה, נאָר דאָ איז מיר ווידער געווען באַשערט געוווּר צו ווערן וואָס מענטשן זענען מסוגל צו טאָן. אַ ייִד וואָס האָט געהייסן קליפּער, אויך אַ נאַציאָנאַליזירטער פֿאַבריקאַנט, האָט זיך געוואָלט פֿאַרזיכערן אַז ער וועט זײַן צווישן די אָנפֿירערס פֿון קאָאָפּעראַטיוו. ער האָט אָבער מורא געהאַט, טאָמער וועט מען מיך אַרײַננעמען, וועל איך, מיט מײַנע קענטענישן, אים אויסכאַפּן דעם פּאָסטן. האָט ער זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט מען זאָל מיך נישט אָננעמען. ער איז געווען אַ חבֿר פֿונעם אינזשעניר ראָזענצווײַג, דער טעכנישער אָנפֿירער פֿון טעקסטיל־טרעסט אין טשערנאָוויץ, האָבן זיי ביידע מיר אונטער־געשטעלט אַ פּיסל.

בײַ דער זיצונג וואָס איז פֿאָרגעקומען בײַם רוסישן קאָמיסאַר בויקאָ, דער פֿאָרזיצער פֿון דער קאָאָפּעראַציע, ווו מ׳האָט געדאַרפֿט באַשטעטיקן די מיטגלידער פֿונעם נײַעם קאָאָפּעראַטיוו, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז מײַן נאָמען איז געפּסלט געוואָרן. בויקאָ האָט געטענהט, אַז לויט די אינפֿאָרמאַציעס וואָס ער האָט באַקומען, בין איך געווען פֿון די גאָר גרויסע קאַפּיטאַליסטן און דעריבער קען איך נישט ווערן אַ חבֿר אין קאָאָפּעראַטיוו. כ׳האָב תּיכּף פֿאַרשטאַנען אַז דאָס איז אַ מסירהלע פֿון דעם אינזשעניר ראָזענצווײַג, אויף דער בקשה פֿון זײַן פֿרײַנד, דער געוועזענער פֿאַבריקאַנט קליפּער. נאָר דאָ איז פֿאָרגעקומען אַן אויסטערלישע זאַך פֿאַר יענער צײַט און פֿאַר יענע באַדינגונגען. ס׳האָבן זיך אַרײַנגעמישט צוויי חבֿרים פֿון דעם נײַעם קאָאָפּעראַטיוו: איינער אַ שטריקער, אַן אַרבעטער, און דער צווייטער — חיים לונקער — וואָס האָט געאַרבעט ווי אַן אָנגעשטעלטער אין אַ שיכגעשעפֿט. זיי האָבן געטענהט, אַז איך בין קיין מאָל קיין גרויסער קאַפּיטאַליסט נישט געווען און עס

וואָלט געווען אַ געווינס פאַרן קאָאָפּעראַטיוו, אַז אַזאַ פּאַכמאַן ווי איך זאָל אויפגענומען ווערן. כּדאַי צו באַטאָנען, אַז איך האָב אָט דעם חיים לונקער נישט געקענט פון פריִער און האָב במילא נישט געהאַט קיין שום השפּעה אויף אים. נאָר פון יענעם טאָג זענען מיר געוואָרן געטרײַע חברים ביזן הײַנטיקן טאָג, ווען איך שרײַב די דאָזיקע שורות. נישט געקוקט אויף זײַן עלטער, איז ער איינער פון די איבערגעגעבנסטע און פעיִקסטע פאַרוואַלטערס אין די דעטאַל־געשעפטן פון מײַנע אונטערנעמונגען.

דעם רוסישן קאָמיסאַר בויקאָ איז דווקא אײַנגעגאַנגען פאַר אַ שכל די טענה פון די צוויי חברים און ער האָט באַשטעטיקט מײַן חברשאַפט אין דעם נײַעם קאָאָפּעראַטיוו, וואָס האָט געהייסן „וואָליאַ", דהײַנו: פרײַהייט.

דעם קאָאָפּעראַטיוו האָט מען אײַנגעאָרדנט אין דעם נאַציאָ־נאַליזירטן הויז פון דעם טעקסטיל־אַנגראָסיסט יעקב געלער. זײַן זון, קאַרל געלער, איז געווען איינער פון די וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיטן אָרגאַניזירן דעם נײַעם קאָאָפּעראַטיוו. אַזעלכע מאָדנע איבערקערענישן האָט געבראַכט מיט זיך דער נײַער רעזשים.

איך בין אַרײַן איך קאָאָפּעראַטיוו ווי אַ פּשוטער אַרבעטער און דער קליפּער, וואָס האָט מיך פאַרמסרט, איז געווען דער טעכנישער אָנפירער. נאָך אַ טשיקל צײַט, ווען מ'האָט אָנגעהויבן אַרבעטן, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער איז גאָרנישט מסוגל אָנצופירן מיט דער אַרבעט. איז מען געקומען צו מיר און מיך געבעטן איך זאָל ווערן דער טעכנישער אָנפירער. איך האָב, פאַרשטייט זיך, אָנגענומען דעם פאָרשלאָג, און קליפּער האָט, לויט מײַן אָנווײַזונג, באַקומען אַן אַנדערע בכּבודיקע אַרבעט.

ווי אַ דירעקטאָר פון קאָאָפּעראַטיוו — פּרעדסעדאַטעל אויף רוסיש — האָט מען אויסגעוויילט די פרוי קופּערשמיד, אַ פּשוטע אַרבעטערין, צוליב איר פּראָלעטאַרישער אָפּשטאַמונג. איך האָב מיך ווידער אַרײַנגעוואָרפן מיט לײַב און לעבן אין דער אַרבעט און נאָך אַ קורצער צײַט האָט מען געזען די גוטע רעזולטאַטן. די מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוו האָבן אָבער נישט געקענט הנאה האָבן פון דער הצלחה, ווײַל די פאַרדינסטן זייערע זענען געווען

גענוג אויף וואַסער צו דער קאַשע. די גאַנצע סיסטעם איז געווען אויפגעבויט אויף ליגן און שווינדל. יעדן חודש האָט מען אָפּגעהאַלטן אַ גענעראַל־פאַרזאַמלונג, וווּ מ׳האָט געדאַרפט אָפּגעבן אַ דין־וחשבון וועגן דעם מצב פון דער אונטערנעמונג. אויפן אָרט פון אַ געהעריקן געהאַלט, מענטשן זאָלן האָבן פון וואָס צו לעבן, האָט מען אויף דער גענעראַל־פאַרזאַמלונג אײַנגעטיילט כּיבודים פאַר די גוטע אַרבעטער: מ׳האָט זיי פאַרבעטן צו זיצן אין פּרעזידיום, געשריבן וועגן זיי אין וואַנטצײַטונג און אַרויסגעשטעלט אַ בילד פונעם אויסגעצייכנטן אַרבעטער, אַלע זאָלן זען. אין יעדער אונטערנעמונג איז געווען אויך אַן אַזוי גערופענער קולטור־אַרבעטער, וואָס האָט געדאַרפט אויסגעפינען און שרײַבן וועגן די בעסטע אַרבעטער, וואָס זענען געטרײַ דעם סאָוועטישן רעזשים און העלפן אויספירן דעם פינף־יאָר־פּלאַן.

דער גרעסטער יִחוס איז געווען אַז מ׳האָט עמעצן דערמאָנט אין די צענטראַלע צײַטונגען, אין דער **פּראַוודאַ** און **איזוועסטיאַ**, אָדער לכל־הפּחות אין דער אָרטיקער אוקראַיִנישער צײַטונג. ייִדישע צײַטונגען זענען אָנגעקומען קיין טשערנאָוויץ מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג — פון קיִעוו און פון ביראָבידזשאַן. אין אַלע צײַטונגען האָט מען אָבער געקאָנט לייענען די זעלבע ליגן וועגן די גרויסע הצלחות פון דער סאָציאַליסטישער פּלאַנירטער עקאָנאָמיע, אין פאַרגלײַך מיט עקספּלואַטירונג און מאָראַלישער ירידה אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער... נאָר ווער האָט זיי געלייענט, די צײַטונגען? מ׳האָט נישט געהאַט קיין צײַט דערצו, מ׳האָט געדאַרפט שטיין אין די לאַנגע רייען, כּדי צו באַקומען דאָס ביסל שפּײַז אויף צו לעבן.

טשערנאָוויץ האָט געהאַט זייער אַ סך אַדוואָקאַטן, דער עיקר ייִדישע. ווען די רוסן זענען געקומען, זענען זיי געבליבן אָן אַרבעט. די סאָוועטישע יוסטיץ האָט זיך נישט גענייטיקט אין קיין פאַרטיידיקערס. זיי האָבן אײַנגעפירט אַ פאָלקסגעריכט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ רוסישן ריכטער און צוויי פאָלקס־בײַזיצערס, אַרבעטער וואָס מ׳האָט אויסגעוויילט אין די פאַבריקן. לפּנים האָט

עס געהייסן, אַז דער ריכטער באַראָט זיך מיט די צוויי בײַזיצערס וואָס שייך דעם פּסק־דין, אָבער אין דער אמתן איז דער אורטייל שוין געווען באַשטימט פון פריִער. אויפן סמך פון אַזאַ מישפּט האָט מען געטיילט יאָרן — פון פינף ביז צען יאָר פאַרן פאַרקויפן אַ שטיקל זייף אָדער אַ האַלבע קילאָ צוקער. דער עולם האָט געלעבט אין שטענדיקער שרעק און מורא געהאַט פאַר דעם אייגענעם שאָטן. אויף אַזאַ אופן זענען די אַדוואָקאַטן געוואָרן איבעריק. במילא וואָלטן זיי זיך נישט דערוועגט צו פאַרטיידיקן אַן אָנגעקלאָגטן, וואָס די פּאַרטיי האָט אים פון פאָרויס פאַרמישפּט.

אַ גרויסער טייל אַדוואָקאַטן זענען געוואָרן עקאָנאָמיסטן אין די פאַבריקן, ווו זיי האָבן צונויפגעשטעלט די אַרבעטספּלענער. טעאָרעטיש איז עס געווען אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט, אָבער פּראַקטיש האָט די גאַנצע סיסטעם געטויגט אויף כּפּרות.

אין פּלאַן איז דווקא געשטאַנען אַלץ: וואָס און וויפל די פאַבריק דאַרף פּראָדוצירן אין משך פון אַ יאָר; ווער עס דאַרף ליווערן רוי־מאַטעריאַל און צודאַטן; ווען מע וועט ליווערן די פאַרטיקע סחורה. אַלע פּרטים, ווי ליווערונג־טערמינען, פּרײַזן וכדומה, האָט מען געדאַרפט באַוואָרענען מיט געחתמעטע קאָנט־ראַקטן. געלט מזומן האָט די מלוכה־באַנק אויסגעצאָלט בלויז פאַר אַרבעטסלוין. אַנדערע צאָלונגען זענען אויטאָמאַטיש אַריבערגעפירט געוואָרן פון איין קאָנטע אויפן צווייטן, פון ליוועראַנט צום קונה, אַלץ אויפן סמך פון די פאָרגעלייגטע חשבונות. טאָמער האָט אָבער איין פירמע נישט באַוויזן צו ליווערן צו דער צײַט באַשטימטע מאַטעריאַלן אין וועלכע אַ צווייטע פירמע האָט זיך גענייטיקט, איז געשען אַ בראָך. אַלץ איז פּאַראַליזירט געוואָרן, וואָרעם קויפן די נייטיקע מאַטעריאַלן ערגעץ אַנדערש האָט מען נישט געקענט און נישט געטאָרט, בלויז דאָרטן ווו דער פּלאַן האָט פאָרויסגעזען. און אַז מ׳האָט נישט געהאַט די נייטיקע מאַטעריאַלן, האָט מען נישט געקענט צושטעלן אין דער צײַט די פאַרטיקע סחורה, און אויב מ׳האָט נישט צוגעשטעלט די סחורה, האָט די מלוכה־באַנק נישט אויסגעצאָלט דעם אַרבעטסלוין, אַזוי אַז דער גאַנצער פּלאַן וואָס מ׳האָט אויסגעאַרבעט איז געבליבן בלויז אויפן פּאַפּיר.

אַ מאָל האָט געטראָפן אַז מיר האָבן נישט באַקומען קיין קנעפּלעך צו דער צײַט און מיר זענען געבליבן שטעקן מיט דער גאַנצער אַרבעט. קיין שום פּלאַן האָט נישט געהאָלפן. מיר האָבן נישט געקענט ליווערן די סחורה און די באַנק האָט נישט אַריבער־געפירט קיין געלט אויף אונדזער קאָנטע.

די סאָוועטישע פּרײַזן־פּאָליטיק האָט אויך גורם געווען צו כּל מיני קאָמפּליקאַציעס. אַלע פּרײַזן זענען באַשטימט געוואָרן לויט אַ קאַטאַלאָג פון יאָר 1931. געווײנטלעך האָט מען אָבער נישט געקענט ליווערן די פּלאַנירטע סחורה מיט אַזאַ פּרײַז. האָט מען געמוזט זוכן אַן אויסוועג און בדרך־כּלל איז עס געווען אויפן חשבון פון דער קוואַליטעט. מ׳האָט געמאַכט אַ ביליקע סחורה, כּדי זיך צוצופּאַסן צו די פאַרגליווערטע פּרײַזן פון קאַטאַלאָג. די אימפּראָוויזירטע מיטלען וואָס מ׳האָט געמוזט צוטראַכטן זענען אָבער געווען פאַרבונדן מיט גרויסע סכּנות, פאַרמישפּט צו ווערן אויף יאָרן תּפיסה און פאַרשיקט צו ווערן קיין סיביר.

נאָך עטלעכע חדשים אין וועלכע דער קאָאָפּעראַטיוו האָט געאַרבעט און מצליח געווען האָט די צענטראַלע פון די קאָאָפּע־ראַטיוון אַראָפּגעשיקט אַ קאָנטראָליאָר, אַ קאָמוניסטישן פונקציאָנאַר, וואָס זאָל אָנשרײַבן אַ באַריכט וועגן דעם מצב פון דער אונטער־נעמונג. נאָכן קאָנטראָל האָט מען אונדז געהייסן צונויפרופן אַ גענעראַל־פאַרזאַמלונג, בײַ וועלכער ס׳האָט אָנטייל גענומען דער שעף פון אָרגאַניזאַטאָרישן אָפּטייל, אַ גאָר הויכער פונקציאָנאַר.

מיר זענען געווען איבערצײַגט, אַז ער וועט אונדז לויבן פאַר אונדזערע דערגרייכונגען, פאַר אונדזער גוטער אַרבעט, נאָר באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער באַריכט איז גאָר אַ נעגאַטיווער און אַלץ אין אים איז קאַפּויער, הויל ליגן, קיין וואָרט אמת. דאָס האָט מיר שטאַרק פאַרדראָסן. איך האָב געטראָגן דאָס אַחריות פאַרן אַרבעטספּלאַן און בין אויך געזעסן אין פּרעזידיום. כ׳האָב געפילט אַז איך מוז נעמען דאָס וואָרט און אויפקלערן דעם טעות. מיר האָבן נאָך דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען די צינישקייט פון דער

סאָוועטישער סיסטעם און די אומגערעכטיקייט האָט אונדז אַרויס־געבראַכט פון די כּלים.

כ׳האָב גערעדט אויף ייִדיש. פון די פּאָר חדשים אין דער בערליץ־שול, האָב איך נאָך נישט געקענט רעדן רוסיש. אַן איבערזעצער האָט דעם הויכן פונקציאָנאַר פּאַרטייִש מײַנע רייד. בקיצור — ווי ער האָט דערהערט אַז איך בין נישט מסכּים מיט דער קריטיק פון באַריכט, האָט ער געהייסן דעם איבערזעצער ער זאָל מיר זאָגן, איך זאָל תּיכּף־ומיד אויפהערן רעדן, אַנישט וועל איך טײַער באַצאָלן פאַר איטלעכן וואָרט. ער האָט אויך איבער־געריסן די זיצונג, געהייסן דעם עולם זיך פאַרזאַמלען נאָך אַ מאָל אין צוויי טעג אַרום, און מיר באַפוילן, איך זאָל צו מאַרגנס קומען צו אים אין ביוראָ.

צו מאַרגנס בין איך געגאַנגען צו אים אין לאָקאַל פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער האָט צו מיר גערעדט קלאָרע דיבורים: די פּאַרטיי האָט באַשלאָסן, אַז דער קאָנטראָליאָר וואָס האָט אָנגעשריבן דעם באַריכט זאָל ווערן פּרעדסעדאַטעל פון קאָאָפּע־ראַטיוו. און וואָס די פּאַרטיי באַשליסט איז הייליק. עס האָט קיין שום שײַכות נישט צי מיר האָבן געאַרבעט גוט צי מיר האָבן געאַרבעט שלעכט. דעריבער זאָל איך גוט געדענקען: איך טראָג דאָס אַחריות, אַז דער באַפעל פון דער פּאַרטיי זאָל אויסגעפירט ווערן, וואָרעם ער איז אינפאָרמירט אַז איך האָב אַ השפּעה אויף די חברים פון קאָאָפּעראַטיוו.

איך האָב פאַרשטאַנען אַז מיר האָבן קיין ברירה נישט. מען האָט אונדז אײַנגערעדט אַז מיר קענען אויסוויילן וועמען מיר ווילן ווי אַ פאַרזיצער, אָבער דאָס איז געווען אַ ליגן. אַלץ ווערט דיקטירט פון דער פּאַרטיי. לפּנים מאַכט מען דעם אָנשטעל, אַז אַלץ גייט צו דעמאָקראַטיש. אין תּוך איז אַלץ אָפּגענאַרט — פון די וואַלן אין אַ קאָאָפּעראַטיוו ביז צו די וואַלן אין „ווערכאָווני סאָוויעט״, דער כּלומרשטער סאָוועטישער פּאַרלאַמענט.

איך האָב באַלד צונויפגערופן די חברים פון דער פאַרוואַלטונג און זיי דערציילט וואָס דער גרויסער נאַטשאַלניק האָט מיר געזאָגט. איך האָב זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דעם צווייטן טאָג מוזן אַלע

שטימען פאַרן רוסישן קאַנדידאַט, וואָס די פּאַרטיי האָט באַשלאָסן ער זאָל זײַן דער פּרעדסעדאַטעל פון אונדזער קאָאָפּעראַטיוו. וכך היה.

אַ צווייט אַנשיקעניש פון דער צענטראַלע איז געווען דער קולטור־טוער; ער האָט מיט אונדז געדאַרפט לערנען די „געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי", וואָס סטאַלין האָט אַלע מאָל צוגעשניטן פון דאָס נײַ לויט זײַנע באַדערפעניש‎ן, לויט זײַנע פּאָליטישע אינטערעסן. אָט דער קולטור־פּאַרזאָרגער איז געווען אַ קיִעווער ייִד מיטן נאָמען סימיאָן לעווקאָוויטש לעווין. אַגב האָט מען אונדז אַלע גערופן אויפן רוסישן נוסח מיטן טאַטנס נאָמען. איך האָב בײַ זיי געהייסן ישראל גריגאָריעוויטש פּאָלאַק. מײַן טאַטע האָט געהייסן הערש — איז פון הערש געוואָרן גריגאָריעוויטש. אָט דער לעווין איז געווען אַן אויסוואָרף, אַ מנוּוול. ר׳האָט אַליין דערציילט, אַז ער האָט געדינט אין דער „טשעקאַ", די טרויעריק־באַרימטע סאָוועטישע געהיים־פּאָליציי אַנגעפירט פון דעם אַדעליקן רעוואָלוציאָנער פעליקס עדמונדאָוויטש דזשערזשינסקי, אין די צײַטן פון לענין, און האָט מיט זײַנע הענט אָפּגעדרייט די קעפּ פון קאַפּיטאַליסטן. ער האָט דווקא געהאַט אַן אינטעליגענט פּנים, אָבער הענט פון אַ קצב.

איך געדענק צוויי אינצידענטן וואָס מיר האָבן געהאַט בעת אָט דער לעווין האָט געהאַלטן די קורסן וועגן דער געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. איין מאָל האָט ער גערעדט וועגן אָרדזשעניקידזע, וואָס איז געווען בײַ סטאַלינען דער קאָמיסאַר פאַר שווערער אינדוסטריע. ער איז פּלוצעם געשטאָרבן. עס איז מיר געבליבן אין זכּרון דער נוסח פון זײַנע רייד און כ׳קען זיי איבערגעבן וואָרט בײַ וואָרט:

— חברים — האָט ער פּאַטעטיש אויסגערופן — איר ווייסט ווער ס׳איז געווען אָרדזשעניקידזע? דער גרויסער אָרדזשעניקידזע, דער פרײַנד פון אונדזער געניאַלן לערער, חבר סטאַלין? ער, אָרדזשעניקידזע האָט אויפגעבויט די גרויסע, מאַכטיקע, שווערע אינדוסטריע פון ראַטן־פאַרבאַנד: אָבער חברים — און דאָ איז לעווינס קול געוואָרן דראַמאַטיש — חברים, אָרדזשעניקידזע לעבט

ניִשט מער! און איר ווייסט פאַר וואָס ער לעבט ניִשט מער?

און דאָ האָט זיך פּלוצעם דערהערט דאָס קול פון אונדזער שומר, וואָס איז געשטאַנען ביַי דער טיר: „מן־הסתּם האָט ער מער ניִשט געוואָלט לעבן!" ס'איז געוואָרן שטיל. קיינער האָט זיך ניִשט דערוועגט צו טאָן אַ שמייכל. נאָר אַ וויַילע האָט דער חבר לעווין אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ רציחה:

— ווער איז דער קאָנטררעוואָלוציאָנער וואָס זאָגט אַז אָרדזשעניקידזע האָט ניִשט געוואָלט לעבן? ווער וויל ניִשט לעבן אין אונדזער ליכטיקער סאָוועטישער רעפּובליק?

דער ייִד, דער שומר, איז נעבעך געוואָרן געל און גרין, און האָט געבעטן רחמים, ער האָט בלויז געמאַכט אַ שפּאַס. ר'האָט ניִשט געוווּסט אַז וועגן אַזעלכע גרויסע לײַט טאָר מען אין רוסלאַנד ניִשט שפּאַסן.

— אָרדזשענדיקידזע האָט דווקא יאָ געוואָלט לעבן — האָט אונדז חבר לעווין אויפגעקלערט — אָבער טראָצקי, ברוך דיין שקראַבעס, מיט זיַין באַנדע האָבן אים פּאַרסמט!

אַ צווייט מאָל האָט לעווין געהאַלטן אַ פּראָפּאַגאַנדע־רעדע פאַר די וואַלן אין אייבערשטן ראַט, אין סאָוועטישן פּאַרלאַמענט. אונדזער קאַנדידאַט, אַוועקגעשטעלט פון דער פּאַרטיי, איז געווען אַן אוקראַיִנישער שייגעץ, זעליטשוק האָט ער געהייסן, וואָס האָט פריִער אויסגעפירט איַיזנבלעכן פון די ברידער ענגלערס איַיזפאַבריק. אין זיַין רעדע האָט לעווין געזאָגט:

— חברים, זעט נאָר אין וואָס פאַר אַ דעמאָקראַטיע מיר לעבן! אין וועלכן לאַנד אויף דער וועלט וואָלט מען נאָר אויס־געוויילט אין פּאַרלאַמענט, ווי עס ווערן באַשטימט אַלע געזעצן, אַ פּשוטן בעל־עגלה, וואָס די ברידער ענגלער האָבן אַלע יאָרן אויסגענוצט?

אין קאָאָפּעראַטיוו האָט געאַרבעט ווי אַ מיַיסטער ביַי דער זאַקן־אָפּטיילונג אַ פרומער ייִד, מיט אַ באָרד. האָט ער אַ ברום געטאָן אונטער די וואָנצעס:

— אַזאַ פּנים האָט עס טאַקע!

דער עולם אַרום אים האָט זיך צעלאַכט. לעווין האָט ניִשט

פֿאַרשטאַנען פֿאַר וואָס מען לאַכט און האָט אָנגעהויבן סטראַשען, מען זאָל אים תּיכּף זאָגן ווער ס׳האָט זיך געוויצלט, אַנישט וועט ער אַלעמען באַשטראָפֿן. קיינער האָט אָבער קיין וואָרט נישט געזאָגט און לעווין האָט געפּלאַצט פֿון פֿאַרדראָס.

מײַן רוסישער פּאַספּאָרט

די רוסן האָבן אויטאָמאַטיש די גאַנצע באַפעלקערונג פון די אָקופּירטע שטחים געמאַכט פאַר סאָוועטישע בירגער. מ׳האָט קיינעם נישט געפרעגט צי ער וויל דעם דאָזיקן כבוד צי נישט. אין פּאַספּאָרט, וואָס איטלעכער האָט באַקומען, האָט מען אָבער אַרײַנגעשריבן בײַ יעדן איינעם וואָס ער איז געווען פריִער — אַן אַרבעטער, אַן אַנגעשטעלטער, אַ פּויער וכדומה. בײַ מענטשן וואָס זייערע פאַרמעגנס זענען נאַציאָנאַליזירט געוואָרן, האָט מען צוגעשריבן בײַ דער פּראָפעסיע: „סטאַטוס 39״, וואָס האָט געמיינט — ווי מיר זענען באַלד געוווּיר געוואָרן — אַז דער פּאַרשוין איז אַ קאַנדידאַט פאַרשיקט צו ווערן קיין סיביר. אין מײַן פּאַספּאָרט איז געשטאַנען: „סאָציאַלע סטרוקטור — געוועזענער אינדוסטריאַליסט, סטאַטוס 39״. האָב איך שוין געוווּסט ווו איך האַלט און געזוכט אַן עצה.

מיר האָבן געהאַט אַ באַקענטע אין טשערנאָוויץ, די פרוי קאָפּעלמאַן, וואָס אַלע האָבן זי גערופן „די מוטער פון גאָרקי״, ווי ס׳האָט געהייסן דער פּאָפּולערער ראָמאַן פון דעם רוסישן שרײַבער. אָט די פרוי קאָפּעלמאַן האָט אַלע יאָרן געהאָלפן די געררודפטע קאָמוניסטן אין טשערנאָוויץ, זיי געשיקט שפּײַז און קליידער אין דער רומענישער תּפיסה. זי פלעג אויך קומען צו מיר אין פאַבריק און איך האָב איר תּמיד געגעבן געלט און מלבושים פאַר קאָמוניסטן. ווען זי האָט זיך דערוווּסט אַז אויף מײַן פּאַספּאָרט שטייט דער באַרימטער „סטאַטוס 39״, איז זי מיט מיר געגאַנגען צום ראָש העיר, דעם רומענישן קאָמוניסט וואַסילע לוקאַ, וואָס איז פריִער געזעסן אין דער טשערנאָוויצער תּפיסה און זי האָט אים אָפט מאָל געהאָלפן מיטן געלט און מיט די פּעקלעך וואָס איך פלעג איר געבן. זי האָט אים דערציילט ווער איך בין און האָט אים געבעטן ער זאָל מיר העלפן בײַטן דעם פּאַספּאָרט.

וואַסילע לוקאַ האָט קיין רוסיש נישט געקענט, האָט ער דיקטירט דער סעקרעטאַרשע, אַ ייִדיש מיידל פון בעסאַראַביע, אַ בריוו צו דעם שעף פון דער ענקאַוועדע, דעם „טאָוואַרישטש" בוזעגין, מיך פאַרגעשטעלט ווי אַ סימפּאַטיזאַנט פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, וואָס האָט געהאָלפן די אַקטיוויסטן אין זייער אומלעגאַלער אַרבעט, און אים געבעטן ער זאָל מיר בײַטן דעם פּאַספּאָרט.

וואַסילע לוקאַ האָט געהערט צו די ערלעכע קאָמוניסטן, אמתע אידעאַליסטן, וואָס האָבן נאָך געגלייבט אין מענטשלעכקייט און גערעכטיקייט. ער האָט נאָך דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען אַז ער איז נישט מער ווי אַ כּלי־זײַן אין די הענט פון דער ענקאַוועדע און האָט קיין וואָרט נישט בײַ דער מאַכט.

ווען איך בין געקומען מיט דעם בריוו צו דעם חבר בוזעגין איז ער געווען שטאַרק פאַרוואונדערט וואָס דער ראש־העיר האָט געהאַט די העזה זיך אַרײַנצומישן אין די ענינים פון דער ענקאַוועדע. אָפיציעל האָט מען בכלל געלייקנט, אַז די באַמערקונג „סטאַטוס 39" אין פּאַספּאָרט מיינט סיביר. בוזעגין האָט אָבער אַפילו נישט געגלייבט אין די ריינע כּוונות פון וואַסילע לוקאַ. ער איז געווען זיכער אַז איך האָב אים געגעבן שוחד ער זאָל שרײַבן דעם בריוו. אין רוסלאַנד האָט מען שוין לאַנג נישט געגלייבט אין ערלעכע קאָמוניסטן. סטאַלין האָט דעם באַגריף שוין געהאַט אויסגעמעקט מיט די באַרימטע פּראָצעסן אין די דרײַסיקער יאָרן.

אין משך פון עטלעכע וואָכן האָט מיך דער חבר בוזעגין געהאַלטן אין איין פאַרבעטן אין ענקאַוועדע אין די שפּעטע נאַכטשעהען און מיך אויסגעפאָרשט אין שײַכות מיט דעם ראש־העיר. ער האָט מיך נאָר געוואָלט כאַפּן מיט עפּעס אַ וואָרט, וואָס זאָל יענעם באַשולדיקן.

בוזעגין איז געווען אַן אינטעליגענטער גוי און די פּופּציקער יאָרן און ער האָט גוט געקענט זײַן מלאכה. ער האָט מיך נישט געוואָלט איבערשרעקן, נאָר מיך אַרײַנצײַען מיט כיטרעקייט אין די מסופּנדיקע נעצן. ער איז געווען זייער העפלעך צו מיר, מיך אַפילו מכבד געווען מיט וואָדקע, און דערבײַ געוואָלט וויסן צי האָט מיר

דער ראָש־העיר דערציילט, אַז דער „סטאַטוס 39" מיינט פאַרשיקן קיין סיביר. איך האָב זיך פּלוצעם געפילט פאַרפּלאָנטערט אין אַ קאַפקאַיִשן פּראָצעס: כ׳בין געקומען בעטן מען זאָל מיר בײַטן דעם פּאַספּאָרט און דאָ דרייט מען מיך אַרײַן אין אַ מעשה מיט באַקשיש, וואָס מען קען ברעכן דעם קאָפּ דערבײַ.

בעת איך פלעג וואַרטן דער חבר בוזעגין זאָל מיך אַרײַנרופן אין זײַן קאַבינעט, האָט זײַן סעקרעטאַרשע זיך זייער פאַראינטערע־סירט מיט מיר, געוואָלט וויסן וואָס פאַר אַ דירה איך האָב, וויפל צימערן, וואָס פאַר מעבל וכדומה. איך האָב באַלד פאַרשטאַנען אַז זי וואַרט קוים מען זאָל מיך אַוועקשיקן קיין סיביר, כּדי זי זאָל באַקומען מײַן דירה.

נאָך עטלעכע וואָכן וואָס דער חבר בוזעגין האָט מיך געהאַלטן אין איין אויספאָרשן, האָט ער מיר צוגעזאָגט צו בײַטן דעם פּאַספּאָרט. ער האָט מיך אַפילו געפרעגט וואָס איך וויל ער זאָל אַרײַנשרײַבן. האָב איך אים געזאָגט ער זאָל שרײַבן אַז איך בין געווען פּריזער אַן אַרבעטער. מיר האָט זיך געדאַכט אַז דאָס איז דער גרעסטער ייִחוס אין דעם לאַנד וואָס געהערט כּלומרשט די אַרבעטער און פּויערים. ער האָט מיר אָבער געראָטן בעסער צו שרײַבן אַז כ׳בין געווען אַן אָנגעשטעלטער. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט, האָט ער מיר טאַקע געבראַכט דעם איבערגעשריבענעם פּאַספּאָרט, פּונקט ווי ער האָט צוגעזאָגט. פון דעסטוועגן האָב איך נישט געהאַט קיין צוטרוי צו אים. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז איך בין געווען גערעכט.

כּדי מיך ווי נישט איז צו באַוואָרענען, האָב איך איבערגעשריבן אַ טייל פון מײַן דירה אויפן נאָמען פון מײַן שוועסטער מיט די קינדער. און אויך דערמיט בין איך געווען גערעכט.

דער נײַער פּרעדסעדאַטעל פון קאָאָפּעראַטיוו האָט מיר אויך צוגעזאָגט צו העלפן, ווען כ׳האָב אים דערציילט וועגן מײַנע צרות מיטן פּאַספּאָרט. איין מאָל האָב איך אים פאַרבעטן אויף אָונטבּרויט אין אַ רעסטאָראַן. נאָך עטלעכע גלעזלעך וואָדקע האָט זיך אים אויפגעבונדן די צונג. ער האָט מיר באַלד געזאָגט, אַז די טשער־נאָוויצער ייִדן זענען אַ סך בעסער ווי די רוסישע ייִדן; דאָרטן

וואָלטן זיי נישט צוגעלאָזט אַ גוי זאָל זײַן פּרעדסעדאַטעל אין אַ קאָאָפּעראַטיוו וווּ עס אַרבעטן בלויז ייִדן. ווײַטער האָט ער מיר דערציילט, אַז ער האָט שוין גערעדט מיט עמעצן אין דער פּאַרטיי וועגן מײַן פּאַספּאָרט און זיי געזאָגט אַז ער דאַרף מיך נייטיק אין פאַבריק, ווי אַ טעכנישן דירעקטאָר. זיי האָבן אים געענטפערט, אַז די פּאַרטיי קען נישט האָבן קיין צוטרוי צו מענטשן וואָס מ׳האָט זיי נאַציאָנאַליזירט דאָס פאַרמעגן; וועט ער מוזן אינטערווענירן בײַ העכערע אינסטאַנצן.

פלוצעם האָט ער געוואָלט משתּין זײַן, מסתּמא ווײַל ער האָט צו פיל געטרונקען, און האָט מיך אַ פרעג געטאָן אויף רוסיש: גדע אובאָרנאַיאַ? — וווּ איז דער קלאָזעט. איך האָב אָבער נישט פאַרשטאַנען וואָס ער וויל און האָב אים אַלץ געזאָגט: דאַ, דאַ, — דאָס הייסט: יאָ, יאָ — ווי כ׳פלעג תּמיד טאָן ווען כ׳האָב עפּעס נישט פאַרשטאַנען. צום סוף איז ער געוואָרן אין כּעס און האָט אַ געשריי געטאָן: גדע אובאָרנאַניאַ! — אַז די שכנים פון צווייטן טיש האָבן אַזש דערהערט און אים געוויזן וווּהין ער זאָל גיין. דערבײַ האָב איך אויסגעלערנט אַזאַ וויכטיק וואָרט, וואָס מ׳האָט עס געמעגט באַניצן דאָרטן אין אַ סך אַ ברייטערן זינען...

מײַן טובערקולאָז ראַטעוועט מיך פון סיביר

אין ווינטער 1941 האָב איך זיך שטאַרק צוגעקילט און באַלד אָנגעהויבן צו שפּײַען מיט בלוט. אין שפּיטאָל האָט מען תּיכּף פעסטגעשטעלט אַז איך האָב אַן אָפענעם טובערקולאָז אין דער רעכטער לונג און מען דאַרף מיר מאַכן פּנעומאָטאָראַקס.

טובערקולאָז איז דעמאָלט געווען זייער אַ שווערע קרענק. קיין אַנטיביאָטיקאַ האָט נישט עקסיסטירט און די קראַנקע זענען טאַקע נאָך לאַנגע יסורים געשטאָרבן. דאָקטוירים פלעגן פּרוּוון צו ראַטעווען די קראַנקע דורך פּנעומאָטאָראַקס. דאָס האָט געמיינט אַרײַנבלאָזן לופט צווישן די ריפּן און נייטראַליזירן די געלעכערטע לונג, זי זאָל אַ צײַט נישט אַרבעטן, ביז זי וועט זיך פאַרהיילן. פאַר דער דאָזיקער באַהאַנדלונג האָט מען מיר געהייסן פאָרן אין אַ סאַנאַטאָריע קיין וואָראָבטאַ, אין די בערג, נישט ווײַט פון קאָלאָמייע, אָבער אין אַזאַ סאַנאַטאָריע האָבן בדרך־כּלל באַקומען אַ פּלאַץ נאָר יחידי־סגולה, מיוחסים פון דער פּאַרטיי. דער פּרעדסעדאַטעל פון קאָאָפּעראַטיוו, אין איינעם מיטן אַרבעטער־קאָמיטעט, האָבן זיך אָבער אײַנגעשטעלט פאַר מיר און איך האָב באַקומען אַ „פּוטיאָווקע״, ווי דאָס האָט געהייסן אויף רוסיש, צו פאָרן קיין וואָראָבטע אויף צוויי חדשים.

נאָך פיר וואָכן אין סאַנאַטאָריע האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט אַז דער פּנעומאָטאָראַקס העלפט מיר נישט, ווײַל אַ טייל פון דער לונג איז צוגעוואַקסן צו די ריפּן און מען דאַרף קודם מאַכן אַ ספּעציעלע אָפּעראַציע. האָט מען מיך דעריבער צוריקגעשיקט קיין טשערנאָוויץ. וואָלט איך פאַרבליבן לענגער אין סאַנאַטאָריע, וואָלטן מיך געווען פאַרכאַפּט די דײַטשן, און איך וואָלט אַוודאי נישט מער אַרויס מיטן לעבן.

אין טשערנאָוויץ זענען געווען נאָך עטלעכע קראַנקע וואָס האָבן

זיך גענייטיקט אין דער זעלבער אָפּעראַציע ווי איך, דעריבער האָט דאָס שפּיטאָל געבראַכט אַ ספּעציאַליסט פון קיִעוו. ער האָט מיך אָפּערירט צען טעג איידער ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן רוסלאַנד און דײַטשלאַנד.

איין וואָך איידער ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן דײַטשלאַנד און רוסלאַנד האָט די סאָוועטישע מאַכט דעפּאָרטירט פון טשערנאָוויץ און פון דער אַרומיקער געגנט אַן ערך צען טויזנט מענטשן, בעיקר די וואָס אין זייער פּאַספּאָרט איז געווען פאַרשריבן דער „סטאַטוס 39": מענטשן וואָס מ'האָט זיי נאַציאָ־נאַליזירט די פאַרמעגנס, געוועזענע גרונט־באַזיצערס און פּאָליטיש־קאָמפּראָמיטירטע פאַרשוינען.

דעם צווייטן טאָג נאָך דער שווערער אָפּעראַציע האָבן זיך געיאָוועט אין שפּיטאָל צוויי ענקאַוועדיסטן, באַגלייט פון מײַן ייִנגסטן ברודער יאַנקל, און מיך געוואָלט אַרויסשלעפּן פון בעט קראַנקערהייט, כּדי מיך אָוועקצושיקן. איך בין געלעגן מיט הויכער היץ, אָבער דאָס האָט זיי נישט געאַרט. זיי זענען געווען צוגעוווינט אַרויס־צושלעפּן שווער־קראַנקע. ד"ר לינדענבאַום, אַ לונגען־ספּעציאַליסט, האָט זיך אָבער זייער אײַנגעשטעלט פאַר מיר און געבעטן מען זאָל כאָטש אויף עטלעכע טעג אָפּלייגן די גזירה, ווײַל אין דעם מצב ווי איך געפין זיך, וועל איך זיכער שטאַרבן אונטער וועגס. די ענקאַוועדיסטן האָבן זיך אָנגעפּרעגט בײַ זייערע בעלי־בתּים און באַקומען די הסכּמה איך זאָל דערווײַל נאָך בלײַבן אין שפּיטאָל.

אויך מײַן פרוי האָט געהאַט מזל: אַ גוט באַקענטער אירער, דאָרי שערף, אַ קאָמוניסט, האָט איר מודיע געווען אַז בײַ נאַכט וועט מען זי קומען דעפּאָרטירן. מ'האָט זי געוואָלט אַרויסשיקן פריִער אַליין, און שפּעטער מיט עטלעכע טעג מיך דעפּאָרטירן מיט אַן אַנדערן טראַנספּאָרט. עדיט איז באַלד אַוועק זיך באַהאַלטן בײַ אירע פרײַנד און ווען די ענקאַוועדיסטן זענען געקומען בײַ נאַכט האָבן זיי קיינעם נישט געטראָפן אין דער היים. זיי האָבן זיך געמוזט באַנוגענען מיטן פאַרזיגלען די טיר פון אונדזער דירה. בלויז דער טייל וואָס כ'האָב געהאַט איבערגעשריבן אויפן נאָמען פון מײַן שוועסטער איז געבליבן אין אונדזער רשות.

די דעפּאָרטאַציע איז דורכגעפירט געוואָרן אויף אַן אַכזריות־דיקן אופן. יונגע קאָמוניסטן, וואָס מ׳האָט זיי מאָביליזירט צו העלפן דער ענקאַוועדע בײַם דעפּאָרטירן מענטשן פון דער פּראָווינץ, זענען אַהיים געקומען און נישט מער געטראָפן זייערע משפחות. אַ סך פון זיי האָבן זיך אײַנגעבעטן מען זאָל זיי אויך שיקן אַהין וווּ זייערע משפחות זענען פאַרשיקט געוואָרן.

איך בין דערווײַל געבליבן אין טשערנאָוויץ, בעת די מלחמה האָט זיך צעפלאַקערט און די סאָוועטישע מאַכט האָט געמוזט אַפּציִען פאַר די דײַטשע חיילות.

טשערנאָוויץ אונטער דײַטשער אָקופּאַציע

דעם 21סטן יוני 1941 האָט היטלער אָנגעהויבן די מלחמה קעגן רוסלאַנד. ער האָט געוואָלט באַזײַטיקן דערמיט דעם לעצן ווידערשטאַנד אין אייראָפּע און מיט דער הילף פון די גוואַלדיקע אוצרות וואָס וועלן אַרײַנפאַלן אין זײַנע הענט, וועט ער אויך דערנאָך באַזיגן ענגלאַנד און אַמעריקע.

די דײַטשן זענען אָנגעפאַלן אומגעריכט. און באַלד האָט זיך צוגעטשעפּעט אויך רומעניע, מיט דער האָפענונג צוריקצובאַקומען בעסאַראַביע און בוקאָווינע, וואָס היטלער האָט ערשט געהאַט אַוועקגעשענקט סטאַלינען, בעתן אָפּמאַך צווישן מאָלאָטאָוו און ריבענטראָפּ.

פון מערב־פּוילן, וואָס די דײַטשן האָבן געהאַט אָקופּירט אין 1939, איז געווען זייער נאָענט קיין טשערנאָוויץ. מיר זענען געווען צווישן די ערשטע אָביעקטיוון פון די דײַטשע „שטוקאַ״־עראָפּלאַנען, וואָס האָבן תּיכּף באָמבאַרדירט מיט גרויס אַכזריות די ציווילע באַפעלקערונג.

איך בין געלעגן אין שפּיטאָל, נאָך דער שווערער אָפּעראַציע. אומעטום איז געווען אַ וויסטער תּוהו־ובוהו. סטאַלין האָט אין זינען געהאַט צוצוגרייטן פאַרקערס־מיטלען כּדי צו דעפּאָרטירן טויזנטער אומשולדיקע מענטשן קיין סיביר, אָבער ער האָט אין גאַנצן נישט געטראַכט צוצוגרייטן און אָרגאַניזירן די געהעריקע מיטלען, כּדי צו עוואַקוּירן זײַנע אייגענע מענטשן, די אַדמיניסטראַציע, אין פאַל פון אַ מלחמה. אַ סברא אַז מ'האָט אים געוואָרנט אַז היטלער גרייט זיך אָנצופאַלן אויף רוסלאַנד, ער האָט זיך אָבער נישט־וויסנדיק געמאַכט. ער האָט געגלייבט היטלערן און האָט אים נישט געוואָלט פּראָוואָצירן. ביזן הײַנטיקן טאָג איז שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי

דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט זיך געלאָזט אַזוי פאַרפירן. ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן האָבן אַלע אָנגעהויבן צו לויפן ווי די פאַרסמטע מײַז, סײַ די ציווילע סאָוועטישע פונקציאָנאַרן, סײַ אַ גרויסער טייל פון די ייִדן, וואָס האָבן זיך געשראָקן פאַר די דײַטשן. אַ סך זענען אויפן וועג פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער דײַטשער אַרמיי און דערהרגעט געוואָרן צי פאַרשיקט געוואָרן אין די טויטלאַגערן.

אויך פון מײַן משפחה איז אַ טייל אַנטלאָפן — מײַן ברודער משה מיט זײַן ווײַב, פרידאַ; מײַן ברודער חיים, וואָס איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר, אַ מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פאַרוואַלטער איבער אַלע רעסטאָראַנען אין טשערנאָוויץ; מײַן שוועסטער פאַני מיט איר מאַן, רודי כ״ץ, מײַן שוועגערין האַנזי, עדיטס שוועסטער, מיט איר מאַן, יצחק נוסבוים אויך אַן אַקטיווער קאָמוניסט; מײַן שוואָגער פרעדי צורף, עדיטס ברודער, וואָס האָט אונטער די רוסן געאַרבעט ווי אַ באַאַמטער אין שטײַערן־אַמט, פונקט ווי מײַן צווייטער שוואָגער, רודי כ״ץ.

אין אַזאַ מצב האָב איך געטראַכט איז בעסער איך זאָל אַהיים גיין. וואָס וועל איך טאָן אין שפּיטאָל? ווער האָט מיר אין זינען אין דער בהלה? איך קום אַהיים, טרעף איך די טיר פאַרזיגלט. אין שטאָט איז אַ תוהו־ובוהו, די רוסן אַנטלויפן. האָב איך קיין סך נישט געטראַכט און אַראָפּגעריסן דעם זיגל.

ווי נאָר כ׳האָב זיך אַרײַנגעלייגט אין בעט, עפנט זיך די טיר און ס׳קומט אַרײַן די סאָוועטישע סעקרעטאַרשע פון דעם שעף פון דער ענקאַוועדע, חבר בוזעגין. זי האָט זיך נישט געריכט אַז זי וועט מיך טרעפן אין דער היים און האָט נישט באַהאַלטן איר איבערראַשונג: ווי אַזוי האָב איך זיך דערוועגט אַראָפּצורײַסן דעם זיגל? — האָט זי מיך געפרעגט. די פּאַרטיי האָט דאָך איר צוגעטיילט די דירה מיט אַלץ וואָס געפינט זיך אינעווייניק. פאַר אַזאַ פאַרברעכן — האָט זי מיך געסטראַשעט — וועט מען מיך פאַרמישפּטן אויף צוואַנציק יאָר סיביר. די סאָוועטישע אַרמיי וועט זיך דאָך אין גיכן אומקערן, זי ציט זיך צוריק בלויז מחמת סטראַ־טעגישע סיבות, און איך וועל טײַער באַצאָלן פאַר מײַן העזה.

אין תּוך האָט זי מער נישט געוואָלט, ווי אַ פּאָר זאַכן פון שטוב, און ווען זי האָט געזען אַז איך לאָז מיך נישט איבערשרעקן, האָט זי זיך אַפילו אַנטשולדיקט, מיר געווינטשן אַ רפואה, און אַ פאַרשעמטע אַרויס פון שטוב.

די צרות האָבן זיך אָבער ערשט אָנגעהויבן. אַ וואָך נאָכן אַרײַנמאַרשירן פון די דײַטשן, זענען אויך די רומענער אַרײַנמאַרשירט קיין טשערנאָוויץ. באַלד האָבן אָנגעהויבן די פּאָגראָמען אויף ייִדן. אין דער פּראָווינץ האָבן די רומענער, מיט דער הילף פון די אָרטיקע פּויערים, אַרויסגעטריבן די ייִדן פון די הײַזער און גאַנצע משפּחות אויסגעשאָסן. אין טשערנאָוויץ גופא האָבן די דײַטשן באַלד אין די ערשטע טעג געכאַפּט הונדערטער ייִדן פון די גאַסן און אין איינעם מיטן ראַבינער מאַרק זיי אַרויסגעפירט אויפן בית־עולם און אַלעמען דערשאָסן. דערנאָך האָט מען געשלעפּט די ייִדן צו דער אַרבעט, רייניקן די שטאָט. דערבײַ האָבן די זעלנערס אָפט מאָל אַרויסגערופן איטלעכן צענטן ייִד פון דער ריי און אים געשאָסן.

נאָך די ערשטע פּאָגראָמען איז געקומען אַ באַפעל, אַז ייִדן טאָרן אײַנקויפן בלויז אין באַשטימטע שעהען; אַז ייִדן טאָרן נישט אַרויסגיין פון שטוב נאָך זעקס אַ זייגער אין אָוונט. איין גזירה איז געקומען נאָך דער אַנדערער.

איך בין געלעגן אין שטוב אַ קראַנקער און בלויז דורכן פענצטער געזען די ייִדן מיט די געלע שטערנס אויף דער ברוסט. דער בטחון אין מיר איז אָבער געוועזן שטאַרקער פון די יסורים. איך האָב געטראַכט אַז עס וועט קומען אַ צײַט, ווען מיר וועלן טראָגן מיט שטאָלץ דעם מגן־דוד, וואָס וועט זײַן — אַזוי האָב איך געטראַכט — אי דער סימן פון אונדזער באַפרײַונג, אי דער זכר־לחורבן. אין דער ערשטער צײַט האָבן מיר נאָך נישט באַנומען ווי גרויס ס'איז אונדזער בראָך און האָבן זיך נאָך אײַנגערעדט אַז די אַלע גזירות זענען בלויז צײַטווײַליקע. איך האָב נישט געקענט גלייבן אַז רדיפות און שחיטות ווי אין די צײַטן פון דער אינקוויזיציע, קענען נאָך פאָרקומען אין אונדזער צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. —

מײַן אייגענער מצב איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג ערגער. נאָך

דער שווערער אָפּעראַציע וואָס דער קיִעווער דאָקטער האָט מיר געמאַכט, איז געבליבן אַן אָנצינדונג פֿון ריפּנפֿעל. עס האָט זיך געמאַכט דאָרטן וואַסער און גורם געווען שטענדיקע היץ. ס׳איז געווען אַ סכּנה כּ׳זאָל באַקומען אַן אינפֿעקציע אין די לונגען. קיין רפֿואות זענען נישט געווען, אַחוץ סולפֿאַמידן, וואָס האָבן גאָרנישט געהאָלפֿן. די צוויי לונגען־ספּעציאַליסטן פֿון טשערנאָוויץ — ד״ר האָראָוויץ און ד״ר לינדענבאַום — האָבן באַשלאָסן אַרויסצאָפּן דאָס אָנגעזאַמלטע וואַסער צווישן די ריפּן אַלע צוויי־דרײַ וואָכן און אײַנצײַטיק האָבן זיי געראָטן איך זאָל עסן מאַראַנצן, וואָס זענען רײַך אין וויטאַמין און קענען העלפֿן דעם גוף מײַנעם קעמפֿן קעגן דעם טובערקולאָז. קריגן אין יענער צײַט מאַראַנצן, איז געווען קריעת ים־סוף. עדיט האָט פֿאַרקויפֿט איר צירונג און אַנדערע זאַכן, ווײַל קיין געלט האָבן מיר נישט געהאַט, און מיר געבראַכט מאַראַנצן. די וועלט אַרום האָט געברענט, די שווערד איז געהאַנגען איבער אונדזער קאָפּ, נאָר איך האָב געגעסן צוויי ביז פֿיר מאַראַנצן אַ טאָג, כּדי זיך צו ראַטעווען פֿון דער קרענק.

מיר האָבן געלעבט פֿון דעם וואָס מ׳האָט פֿאַרקויפֿט פֿון שטוב און פֿון דעם וואָס מײַן ייִנגסטער ברודער יאַנקל האָט פֿאַרדינט. ער האָט געהאַנדלט מיט כּל מיני סחורות, וואָס זענען פֿאַרבליבן אין מאַגאַזינען, פֿון וועלכע די דײַטשן האָבן נישט געוווּסט.

אין חודש אָקטאָבער, אַן ערך דרײַ חדשים נאָך דעם וואָס די דײַטשן זענען אַרײַנמאַרשירט, איז געקומען אַ באַפֿעל די ייִדן זאָלן זיך קאָנצענטרירן אין עטלעכע גאַסן, אין אַ געטאָ, און פֿון דאָרטן וועט מען זיי אַרויסשיקן אין די לאַגערן פֿון טראַנסניסטריע, אין אוקראַיִנע, אָדער אין אַרבעטס־לאַגערן.

די שכנים אונדזערע אין הויז האָבן פֿאַרשטאַנען אַז איך קען אין מײַן מצב נישט גיין אין געטאָ, ווײַל די פֿיס טראָגן מיך נישט. האָבן זיי פֿאָרגעשלאָגן צונויפֿצוקלאַפּן אַ טראָגבעטל און אַלע זענען געווען גרייט זיך אײַנצושפּאַנען, כּדי מיך אַריבערצופֿירן אין געטאָ. איך האָב אָבער בשום־אופֿן נישט געוואָלט זײַן אַן עול פֿאַר אַנדערע מענטשן, אין די שווערע באַדינגונגען פֿאַר אַלע ייִדן. דעריבער האָב איך אַליין באַשלאָסן זיך צוצושלעפּן אין ייִדישן

שפּיטאָל. אין אַ רגע ווען עדיט איז נישט געווען אין דער היים, האָב איך זיך אָנגעטאָן, גענומען מיט זיך אַזאַ מין בענקעלע וואָס מען קען עס צונויפלייגן און טראָגן ווי אַ שטעקן, און מיט די לעצטע כּוחות, טריט בײַ טריט, אַלע פּאָר מינוט זיך אָפּגערוט אויפן בענקעלע, קוים־קוים זיך דערשלאָגן אין שפּיטאָל. בײַם אַרײַנגאַנג האָבן געוואַרט הונדערטער מענטשן מען זאָל זיי אויפנעמען. צו מײַן מזל האָט מיך דערזען דער ד״ר מײַער, אַ גוטער פֿרײַנד אונדזערער, און האָט מיך תּיכּף אַרײַנגעפֿירט אין דער אָפּטיילונג פֿון טובערקולאָז־קראַנקע.

אין איין סאַלאָן זענען געלעגן אַן ערך פֿופֿציק לונגען־קראַנקע, מענער און פֿרויען אין איינעם. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט, איז עדיט געקומען צו לויפֿן. זי האָט געפֿונען דאָס בריוול וואָס כ׳האָב איר איבערגעלאָזט און איז געקומען אין איין אָטעם. אין פֿאַל מע וועט עוואַקויִרן דאָס שפּיטאָל, האָט זי געוואָלט זײַן מיט מיר אין איינעם.

אין שפּיטאָל בין איך ערשט געוווּיר געוואָרן ווי גרויס ס׳איז אונדזער בראָך. יעדן אין דער פֿרי האָט מען געבראַכט די טויטע ייִדן, וואָס האָבן זיך אַליין גענומען דאָס לעבן בײַ נאַכט. איך האָב זיי געזען אין זאַל בײַם אַרײַנגאַנג, צו פֿינף און צען אויף אַ מאָל.

עס קלינגען מיר עד־היום אין די אויערן די געשרייען פֿון אַ קראַנקער פֿרוי, וואָס האָט זיך געבעטן בײַ דער קראַנקן־שוועסטער (וואָס האָט פֿריִער געאַרבעט אין קרעמאַטאָריע), זי זאָל איר געבן אַ טרונק וואַסער, ווײַל ס׳איז איר שלעכט. די קראַנקן־שוועסטער האָט זיך אָבער נישט גערירט פֿון אָרט, און געהייסן דער פֿרוי זי זאָל שווײַגן, נישט אויפֿוועקן די אַנדערע קראַנקע, וואָס האָבן זיך געלייגט שלאָפֿן. אַ קראַנקע פֿרוי האָט דאָס דערהערט, איז זי אַראָפּגעקראָכן פֿון בעט, זי זאָל דערלאַנגען יענער אַ טרונק, אָבער ביז זי איז צו איר צוגעקומען, האָט יענע שוין געהאַט אויסגעהויכט די נשמה. נאָך דעם מ׳האָט זי אָוועקגעפֿירט אין דער טויטן־קאַמער, האָב איך געהערט ווי צוויי מיידלעך, וואָס זענען געלעגן אין זעלבן סאַלאָן, האָבן גערעדט צווישן זיך, אַז זיי וואָלטן איצט געדאַרפֿט גיין אין טויטן־קאַמער, אַרויסשלעפּן די גאָלדענע ציין פֿון דער

געשטאָרבענער, אפשר וועלן זיי זיך קענען ראַטעווען מיטן גאָלד.

פּלוצעם האָב איך דערזען ווי עס קריכט אַרויס די חיה פון מענטש. אין נאָרמאַלע באַדינגונגען ליגט זי באַהאַלטן ערגעץ טיף אין מענטשלעכן מהות, אָבער אין דער רגע ווען עס קומט אויס צו לעבן אין אויסערגעוויינטלעכע באַדינגונגען, באַווײַזט זיך די חיה און איז גובר איבער אַלץ וואָס דער מענטש רופט אָן קולטור און ציוויליזאַציע. ווײַזט אויס אַז די ציוויליזאַציע איז נאָך גאָר אַ דינע שאָלעכץ איבער די נאַטירלעכע חייִשע אינסטינקטן פונעם מענטש, אַ שאָלעכץ וואָס לאָזט זיך גרינג אָפּשקראַבען.

אין זעלבן שפּיטאָל זענען אויך געלעגן עלטערע ייִדן, אַמאָליקע באַאַמטן אין פראַנץ־יאָזעפס אימפּעריע. איך האָב געהערט ווי זיי האָבן צווישן זיך גערעדט און זיך געטרייסט, אַז נישט זיי מיינט מען, זיי וועט מען נישט טשעפּען, זיי האָבן דאָך געדינט דעם קייסער. דאָס מיינט מען בלויז די צוגעקומענע בעסאַראַבער ייִדן, נאָר זיי וועט מען דעפּאָרטירן. באַלד בין איך אָבער געווען אַן עדות, ווי מ׳האָט זיי, די עסטרײַכישע פּענסיאָנערן, אַרויסגעשיקט צווישן די ערשטע אין די לאַגערן.

איך האָב זיך דאָרטן, אין סאַלאָן פון די לונגען־קראַנקע, אויך באַקענט מיט אַ יונגען־מאַן אין מײַנע יאָרן, שענקאַר האָט ער געהייסן, אַן איבערצײַגטער קאָמוניסט, וואָס איז געקומען פון בוקאַרעשט, כּדי צו לעבן אין סאָוועטישן גן־עדן. כ׳האָב אים געפרעגט צי איז בעסער צו בלײַבן אין שפּיטאָל, און זיך עוואַקויִרן מיט אַלע קראַנקע, אָדער זיך צושלעפּן אַהיים און זיך עוואַקויִרן מיט דער משפּחה אין איינעם. מיר האָבן נאָך בכלל נישט געהאַט קיין קלאָרע השגות וועגן דעם וואָס עס מיינט „עוואַקויִרן” אין יענער צײַט, ווען היטלערס כּוונה איז שוין געווען אומצוברענגען אַלע ייִדן פון אייראָפּע. דער יונגער־מאַן איז געווען גלײַכגילטיק. ער האָט געטענהט, אַז פאַר אונדז, טובערקולאָזע, איז קיין חילוק נישט מיט וועמען מיר ווערן עוואַקויִרט, מיר וועלן סײַ ווי סײַ אין גיכן שטאַרבן . . .

איך בין געווען דער היפּוך פון יענעם בוקאַרעשטער יונגער־מאַן. כ׳האָב מיט לײַב־און־לעבן געגלייבט אַז כ׳וועל איבערלעבן

אַלע צרות. איך האָב בשום־אופן נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז מײַן לעבן פֿאַרענדיקט זיך בײַ אײן און דרײַסיק יאָר.

שענקאַר איז טאַקע אין גיכן געשטאָרבן. פֿון דעמאָלט זענען שוין אַריבער אַן ערך פֿינף און פֿערציק יאָר, און איך שרײַב הײַנט מײַנע זכרונות, און לעב איבער נאָך אַ מאָל אין זכּרון יענע גרויליקע טעג. איך האָב גאָר קײן ספק נישט, אַז מיך האָט געראַטעוועט דער גלויבן. דאָס האָט מיר געגעבן דעם כּוח אויסצוהאַלטן די יסורים און גובר זײַן דעם יִאוש. דער גלויבן אַז איך מוז לעבן האָט מיר געהאָלפֿן איבערשטײַן די קרענק און ניצול ווערן פֿונעם גרויסן חורבן, וואָס איז געקומען איבער אונדזער פֿאָלק.

איך בין געלעגן אין שפּיטאָל און האָב אַרויסגעקוקט דורכן פֿענצטער. טויזנטער ייִדן זענען געגאַנגען צו דער באַנסטאַנציע. אין דער ערשטער רײ האָב איך געזען די צוויי זין פֿון באָיאַנער רבי מיט די ספֿר־תּורות אין די הענט. ס'האָבן שוין געוואָרט אויף זיי די צוגן, וואָס האָבן זיי געפֿירט קײן טראַנסניסטריע, די אוקראַיִנישע טעריטאָריע צווישן דניעסטער און בוג, וואָס די דײַטשן האָבן לעת־עתּה איבערגעגעבן די רומענער, זיי זאָלן דאָרטן געוועלטיקן. אַהין האָבן זיי אין אָקטאָבער 1941 אַרויסגעשיקט די ייִדן פֿון דרום־בוקאָווינע און דערנאָך אַנגעהויבן אַרויסצושיקן אויך די ייִדן פֿון טשערנאָוויץ.

איך געדענק אַז אין אַנבליק פֿון דעם קאָנווי וואָס איז געגאַנגען צו דער סטאַנציע בראָש מיט די רבנים, האָב איך זיך צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן ווי אַ דערוואַקסענער, צעוויינט אויף אַ קול. איך האָב געפֿילט די אָנמאַכטיקייט פֿון ייִדן, וואָס ווערן געפֿירט כּצאן לטבח. טעג נאָך אַנאַנד זענען געגאַנגען די טראַנספּאָרטן פֿון טשערנאָוויץ קײן טראַנסניסטריע. פּלוצעם האָבן זיך אָבער די רומענער געכאַפּט, אַז אויב זיי וועלן אַרויסשיקן אַלע ייִדן פֿון טשערנאָוויץ, וועלן זיי פּאַראַליזירן די גאַנצע אינדוסטריע פֿון דער שטאָט, און דאָס האָט זיי נישט געלוינט. האָבן זיי אָפּגעשטעלט דערווײַל די טראַנספּאָרטן און אָנגעהויבן אָפּצוקלײַבן די ייִדן וואָס זאָלן בלײַבן אין טשערנאָוויץ, כּדי צו לאָזן אין גאַנג די פֿאַבריקן. אויף אַזאַ אופֿן האָבן זיך לויט מײַן חשבון געראַטעוועט פֿון

טראַנסניסטריע אַן ערך צען טויזנט ייִדן אין טשערנאָוויץ. צווישן זיי — איך און מײַן משפּחה, מײַן ברודער מענדל מיט זײַנע קינדער. מיר האָבן באַקומען דערלויבענישן מיט דער חתימה פון ב. קאַלוטעסקו, דער טשערנאָוויצער גובערנאַטאָר. פאַר 500 $ האָט מען אויך געקענט באַקומען אַ דערלויבעניש געחתמעט פון ראָש־העיר, פּאָפּאָוויטש. נאָך אַן ערך זעקס חדשים האָט מען אָבער פאַרזאַמלט אַלע ייִדן מיט „פּאָפּאָוויטש־דערלויבענישן" און זיי אַוועקגעשיקט איבערן בוג, ווו די דײַטשן האָבן זיי תּיכּף אויסגעשאָסן.

ווער ס'האָט געהאַט אַ דערלויבעניש צו בלײַבן אין טשערנאָוויץ, האָט זיך געמעגט אומקערן פון געטאָ אין זײַן פריִערדיקער דירה. ווען מיר זענען אַהיים געקומען, האָבן מיר געטראָפן אונדזער דירה ליידיק. דער רומענישער שכן, אַ הויכער באַן־באַאַמטער, האָט אַלץ אַרויסגענומען און איבערגעפירט צו זיך, אַפילו די מעבל. ער האָט אונדז געטאָן אַ טובה און „געשענקט" אַ פּאָר אַלטע דראָבעלעס. דעם רעשט האָבן מיר געמוזט קויפן, כּדי צו האָבן אין שטוב דאָס נייטיקסטע. די רומענישע שכנים האָבן נאָך געהאַט די חוצפּה צו בעטן מײַן פרוי, זי זאָל זיי העלפן אויפהענגען די פאָרהאַנגען וואָס זיי האָבן געהאַט אַראָפּגענומען פון אונדזערע פענצטער.

ווען דער „גענעראַל ווינטער" האָט איבערגעריסן דעם דײַטשן בליצקריג בײַ די טויערן פון מאָסקווע, האָבן די רומענער אין גאַנצן אָפּגעשטעלט די טראַנספּאָרטן קיין טראַנסניסטריע. די רומענישע רעגירונג האָט אָנגעהויבן זיך צו פירן לגבי די ייִדן לויט די הצלחות אָדער דורכפאַלן פון די היטלעריסטישע אַרמייען אין דער מלחמה קעגן רוסלאַנד.

אויף די יסורים־וועגן

פון די דרום־בוקאָווינער שטעטלעך האָבן די רומענער דעפּאָרטירט אַלע ייִדן. צווישן די דעפּאָרטירטע פון גורא־הומאָרולוי זענען געווען מײַנע עלטערן, מײַן ברודער פישל מיט זײַן פרוי, מײַנע שווער און שוויגער, און די עלטערן פון מײַן שוואָגער רודי כ״ץ.

אין לאַסטצוגן האָט מען די דעפּאָרטירטע ייִדן געבראַכט ביז צום דניעסטער, אין דעם בעסאַראַבער שטעטל אַטאַקי. פון דאָרטן האָבן זיי די רומענישע זשאַנדאַרן געטריבן צו פוס צענדליקער קילאָמעטער אויף דער אוקראַיִנישער טעריטאָריע. די כּוונה איז געווען, וואָס מער ייִדן זאָלן אויסשטאַרבן אונטער וועגנס. און אַזוי איז טאַקע געשען. ס'איז שוין געווען שפּעטער האַרבסט, סוף אָקטאָבער, ס'האָבן געבלאָזן קאַלטע ווינטן איבער די אוקראַיִנישע פעלדער, ס'האָט גערעגנט, און די מענטשן האָבן קוים געשלעפּט די פיס אין די בלאָטעס אויפן וועג. קודם האָבן מענטשן אַוועקגעוואָרפן די רענצלעך מיט די זאַכן וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון דער היים, כּדי גרינגער צו שפּאַנען אין די בלאָטעס. אַלטע און שוואַכע זענען אַליין געבליבן ליגן און אויסגעגאַנגען בײַם ראַנד פון וועג. אָפט פלעגן די זשאַנדאַרן שיסן אָט די אָנמאַכטיקע, וואָס האָבן מער נישט געקענט גיין ווײַטער.

פאַרשטייט זיך אַז די רומענישע באַגלייטערס פון די טרויעריקע קאָנוויען האָבן גערויבט און געגזלט פון טויטע און פון לעבעדיקע. נאָך ערגער איז געווען דער גורל פון די בעסאַראַבער ייִדן. זיי האָט מען געטריבן צו פוס אויך ביז צום דניעסטער, אַזוי אַז זיי זענען שוין אָנגעקומען קיין אַטאַקי אויסגעמאַטערטע, פאַרהונגערטע, באַרויבטע. זיי האָבן דערציילט ווי די רומענישע זשאַנדאַרן, וואָס האָבן באַגלייט די קאָנוויען, האָבן אָפט פאַרקויפט אַ ייִד אין איינעם

מיטן פעקל וואָס ער האָט מיט זיך געטראָגן פאַר אַ פויער אין די דערפער וואָס מ׳איז פאַרבײַגעגאַנגען. דעם ייִד האָט מען געהרגעט און די פעקלעך צוגערויבט.

אויף אָט די יסורים-וועגן אין אוקראַיִנע איז געשטאָרבן עדיטס זיידע, דער פיר און נײַנציק-יעריקער יצחק ראָזענבוים. אויך דער ראָש-הקהל פון גוראַ-הומאָרולוי, פּײַוול לויפער, דער פאָטער פון פּאַטאָלאָג, פּראָפעסאָר לויפער, אין ירושלימער אוניווערסיטעט, איז מיטגעגאַנגען מיט אַלע ייִדן פון שטעטל, הגם די רומענער האָבן אים געוואָלט באַפרײַען, ווײַל ער האָט שוין דעמאָלט אָפיציעל געוווינט אין בוקאַרעשט. ער האָט אָבער געהאַפט אַז מיט זײַנע באַציִונגען אין די הויכע פענצטער וועט ער קענען העלפן זײַנע מענטשן. ער איז געשטאָרבן אין ערשטן ווינטער, אין דער גרויסער מגפה פון פלעקטיפוס, וואָס איז אויסגעבראָכן אין די לאַגערן, ווו מענטשן האָבן געהונגערט און געלעבט אין שוידערלעכע באַדינגונגען.

אין טשערנאָוויץ איז פאַר די געבליבענע ייִדן אויך נישט געווען קיין גן-עדן. מ׳האָט געלעבט אין שטענדיקער שרעק און מ׳האָט קוים געקענט אײַנשאַפן די נייטיקע לעבנס-מיטל. אַחוץ דעם האָבן מיר געוווּסט, אַז אין די לאַגערן פון טראַנסניסטריע פאַלן די מענטשן ווי די פליגן פאַר הונגער און קעלט, און מיר האָבן געזוכט אַ מעגלעכקייט זיי צו העלפן. סוף-כּל-סוף האָבן מיר געפונען אַ רומענישן אָפיציר, וואָס איז געווען אַ קוריער צווישן טשערנאָוויץ און טראַנסניסטריע. ער האָט גענומען פופציק פּראָצענט פון דער סומע וואָס מיר האָבן דורך אים געשיקט אונדזערע קרובים. מיר האָבן אַלץ געטאָן כּדי אונדזערע עלטערן זאָלן עפּעס באַקומען, און אַזוי האָבן זיי טאַקע איבערגעלעבט דעם ערשטן שווערן ווינטער, ווען עס זענען געפאַלן ס׳רוב קרבנות, אַחוץ עדיטס מוטער, טינאַ צורף, וואָס איז געשטאָרבן פון פלעקטיפוס.

די רומענער האָבן אָנגעהויבן צו בעל-הבתעווען אין טשערנאָוויץ. די פאַבריקן און די געשעפטן וואָס די סאָוועטישע מאַכט האָט געהאַט נאַציאָנאַליזירט, האָבן איצט די רומענער פאַרטיילט צווישן אומזיסט די געוועזענע מיטגלידער פון דער „אײַזערנער

גוואַרדיע". גענעראַל אַנטאָנעסקו, דער הערשער פון רומעניע, האָט געוואָלט מפייס זײַן די כוליגאַנעס, פאַר דעם בראָך וואָס זיי האָבן געליטן, ווען דער קעניג קאַרל האָט געלאָזט אומברענגען זייער מנהיג, קאָרנעליו קאָדרעאַנו. ייִדן וואָס האָבן נישט געפונען אַרבעט אין די פאַבריקן, האָבן די רומענישע מושלים געשיקט אויף עבודת־פרך, בײַם בויען שטראָזן וכדומה.

אין צווישן האָט זיך מײַן מצב ווידער פאַרערגערט. אַלע פיר וואָכן האָט מען מיר געמוזט אַרויסצאַפּן דאָס וואַסער וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט צווישן די ריפּן, ביז צוויי ליטער מיט אַ מאָל. פון דער גראָבער נאָדל וואָס דער דאָקטער האָט באַנוצט, האָב איך באַקומען אַן אינפעקציע אין די געוועבן, מיט אַ גרויס אייטערדיק געשווילעכץ. די דאָקטוירים אַליין האָבן מער נישט געגלייבט אַז איך וועל נאָך אַרויס מיטן לעבן פון דעם טובערקולאָז מיט די צוויי צוגאָבן: וואַסער אין די ריפּן און אַ געשווילעכץ פול מיט אייטער. איך האָב געזען ווי זיי סודען זיך מיט עדיטן און האָב פאַרשטאַנען פון איר געוויין, אַז זיי האָבן איר געזאָגט זי זאָל זײַן גרייט אויפן סאַמע ערגסטן, ווײַל ס'איז פאַר מיר נישטאָ קיין רפואה. איך האָב אָבער אויך דעמאָלט נישט פאַרלוירן מײַן בטחון. איך האָב געטרייסט עדיטן, זי דערמוטיקט, און זי פאַרזיכערט אַז כ'וועל געזונט ווערן.

די דאָקטוירים האָבן ווײַטער געצאַפּט פון איין זײַט וואַסער און פון דער צווייטער אייטער. מ'האָט מיר געמוזט מאַכן אַ ספּעציעל קישן מיט אַ לאָך, איך זאָל קענען ליגן אויפן רוקן. שפּעטער, ווען כ'בין שוין געווען אויף די פיס, האָבן מיר די דאָקטוירים דערציילט, אַז נאָר בדרך־נס בין איך געזונט געוואָרן. די מעדיצין האָט אין יענער צײַט זיך נישט געקענט אַן עצה געבן אַפילו מיטן טובערקולאָז אַליין, ווער שמועסט נאָך מיט אַזעלכע קאָמפּליקאַציעס, און אין אַזאַ שווערער צײַט, ווען רפואות זענען געווען מיטן לעבן צו באַקומען.

פלוצעם האָבן די רומענער געגעבן אַ באַפעל, אַז די קראַנקע ייִדן, וואָס אַרבעטן נישט, זאָלן ברענגען אָפיציעלע באַווײַזן פון זייער קרענק. פאַר עדיטן איז נישט שווער געווען צו קריגן אַזאַ באַווײַז, נאָר ווען זי איז געקומען מיטן דאָקומענט אין אַרבעטסאַמט,

האָט דער אָפיציר געזאָגט, אַז ער גלייבט איר אויפֿן וואָרט, זי דאַרף גאָרנישט באַווײַזן. ווען איך האָב דערהערט אַז דער רומענישער אָפֿיציר האָט נישט געוואָלט אָננעמען דאָס צײַגעניש פֿון דאָקטער, האָב איך געטראַכט אַז ס'איז אַ שלעכטער סימן. גאָר אין גיכן האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דווקא די ייִדן וואָס זענען פֿאַררע־גיסטרירט געוואָרן ווי קראַנקע, האָט מען אין אַ נאַכט צונויפֿגענומען און אַוועקגעשיקט אין די לאַגערן.

נישט אַנדערש — דאָס מזל האָט מיר ווידער צוגעשפּילט. איך קען עד־היום נישט פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס דער אָפֿיציר האָט מיך נישט געוואָלט אַרײַננעמען אין דער רשימה פֿון די קראַנקע. האָט ער טאַקע בכּיוון מיך געוואָלט ראַטעווען?

דערווײַל איז אַריבער דער ווינטער. די דײַטשן האָבן אָנגעהויבן זייער אָפֿענסיווע בײַ סטאַלינגראַד. זיי האָבן אויך ווידער געפֿאָדערט פֿון די רומענער זיי זאָלן אַרויסשיקן די געבליבענע ייִדן פֿון טשערנאָוויץ, און נישט קיין טראַנסניסטריע, נאָר איבערן בוג, וווּ מ'האָט די טראַנספּאָרטן תּיכּף ליקווידירט און אַלעמען אויסגעשאָסן.

איך בין ווידער געלעגן אין ייִדישן שפּיטאָל. אין דרויסן האָט די רומענישע פּאָליציי געכאַפּט ייִדן פֿון די גאַסן. זיי זענען אויך געקומען מיט פֿאַרשטייער פֿון דער ייִדישער קהילה און אַרויס־גענומען מענטשן פֿון שפּיטאָל. יעדן זונטיק האָט געדאַרפֿט אַוועק־גיין אַ טראַנספּאָרט ייִדן אין טויט אַרײַן, און די פּאָליציי האָט געדאַרפֿט צושטעלן די קרבנות. די גלאָקן פֿון די קלויסטערס האָבן באַגלייט מיט זייערע זונטיקדיקע קלאַנגען די טשערנאָוויצער ייִדן, וואָס זענען געגאַנגען צום אומקום. כּדי צו דערגאַנצן די קוואָטע, האָט מען אַרויסגעשלעפּט די אומגליקלעכע פֿון משוגעים־הויז און פֿון מושב־זקנים.

אין שפּיטאָל האָט מען אויסגערופֿן די נעמען פֿון די פֿאַר־מישפּטע צום גירוש, און ווען מ'האָט אויסגערופֿן, דער האָט זיך געדאַרפֿט אָנטאָן קראַנקערהייט און זיך אַרײַנשטעלן אין דער ריי פֿון די קרבנות. איין מאָל האָב איך געהערט מײַן נאָמען: פּאָלאַק. כ'האָב אָנגעהויבן אַרויפֿציִען אויף זיך די בגדים, נאָר אין צווישן האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז מען מיינט גאָר אַן אַנדערן פּאָלאַק,

וואָס איז געווען אויף דער רשימה. ווידער בין איך געווען איין טריט פון אומקום, און ווידער בין איך ניצול געוואָרן.

אין שפּיטאָל האָב איך זיך אָנגעהערט גרוויליקע מעשׂיות וואָס ייִדן האָבן איבערגעלעבט. ס'איז דאָרטן געלעגן אַ ייִד מיט שווערע וווּנדן, כּמעט בלינד, און האָט געקלאָגט אויף זײַן ביטערן גורל. די דײַטשן האָבן דערהרגעט זײַן גאַנצע משפּחה, זײַן ווײַב און זײַנע אַכט קינדער. אויך אים האָבן געטראָפן די מערדערישע קוילן, אָבער נאָך דעם ווי די רוצחים זענען אַוועק, האָט ער זיך אויפגע־כאַפּט צווישן די הרוגים, אַ שווער פאַרווּנדיקטער. ער האָט געקלאָגט און געוויינט, אַלמאַי ער איז געבליבן לעבן.

אַ יונגער־מאַן פון ליפּקאַן, בעסאַראַביע, האָט מיר דערציילט זײַן טראַגישע געשיכטע: פאַר דער מלחמה איז ער געווען דער אָנפירער פון דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין זײַן שטאָט, ליפּקאַן. ווען ער האָט זיך דערוווּסט אַז מען וויל אים אַרעסטירן, איז ער בײַ נאַכט אַריבערגעשווומען דעם דניעסטער, כּדי זיך צו ראַטעווען אין ראַטן־פאַרבאַנד. דאָרטן האָט מען אים אָבער תּיכּף געכאַפּט, אַרײַנגעוואָרפן אין תּפיסה און אים פאַרמישפּט פאַר שפּיאָנאַזש אויף צען יאָר שווערער אַרבעט אין סיביר. מ'האָט אים פאַרשיקט אין די פראַנץ־יאָזעף־אינדזלען, אין ווײַטן צפון, צו די ווײַסע בערן, וווּ דער זומער געדויערט בסך־הכּל צוויי חדשים אין יאָר; אויך דעמאָלט, חלילה, נישט קיין היץ, בלויז ווינציקער שניי. און פון דער קעלט פרירט אײַן אַפילו די נשמה. דאָרטן זענען פאַראַן קוילן און גאָלדגרובן און אַהין האָט סטאַלין פאַרשיקט דער עיקר אינטעלעקטואַלן, פאַרמישפּטע פאַר פּאָליטישע פאַרברעכנס, נישט־געשטויגענע נישט־געפלויגענע. דאָרטן האָט דער יונגער־מאַן אויך באַגעגנט קאַרל ראַדעקן, דער געוועזענער שעף־רעדאַקטאָר פון דער פּראַוודאַ. די אַרבעטס־באַדינגונגען אין די גרובן זענען געווען אַזוי שוידערלעך, אַז דער גרעסטער טייל פון די פאַרשיקטע זענען גיך אומגעקומען. אַ פּאָר לײַטישע שיך, למשל, מיט זוילן, האָט מען געגעבן נאָר יענע וואָס האָבן אַריבערגעשטיגן די נאָרמע. בײַ די איבעריקע זענען באַלד אָפּגעפרוירן געוואָרן די פיס אין די צעריסענע שקראַבעס. אַזוי האָט זיך דער יונגער־מאַן געמאַטערט

ביזן יאָר 1940, ווען דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אָקופּירט בעסאַראַביע. דעמאָלט האָבן די אַלטע קאָמוניסטן אין ליפּקאַן אָנגעהויבן פרעגן ווו ס׳איז אַהינגעקומען זייער מנהיג. נאָך אַן ערך אַכט חדשים האָט מען דעם יונגער־מאַן באַפרײַט און אים אָנגעזאָגט, אַז אויב ער וועט עמעצן דערציילן ווו ער איז געווען, וועט מען אים באַלד צוריקשיקן קיין סיביר.

ערשט אַצינד, ווען די רוסן זענען אַנטלאָפן און ער איז געלעגן אַ שווער־קראַנקער אין שפּיטאָל, האָט זיך דער יונגער־מאַן דערוועגט צו דערציילן וואָס ער האָט איבערגעלעבט.

איך האָב זיך אויך באַקענט אין שפּיטאָל מיט אַ ייִדן וואָס איז אַזש פון ארץ־ישׂראל געפאָרן קיין ביראָבידזשאַן, לעבן דאָרטן אין דער כּלומרשט אויטאָנאָמער ייִדישער געגנט. ווען ער האָט דערזען אַז די גאַנצע אויטאָנאָמיע איז בלויז אַ שווינדל, אַ ליגנערישע סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע, איז ער פון דאָרטן אַנטלאָפן קיין טשערנאָוויץ. עס האָבן געלעבט אין ביראָבידזשאַן אַן ערך צוואַנציק טויזנט ייִדן, אין ביטער שווערע עקאָנאָמישע און פיזישע באַדינגונגען. דעם ביראָבידזשאַנער צענטראַל־קאָמיטעט האָט סטאַלין שוין לאַנג געהאַט ליקווידירט און די גאַנצע אויטאָנאָמיע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער שילד בײַ דער באַנסטאַנציע איז אויך געווען געשריבן אויף ייִדיש און ס׳איז אַרויסגעגאַנגען אַ ייִדישע צײַטונג. אָט דעם העק, בײַ דער כינעזישער גרענעץ, האָבן די סאָוועטן געוואָלט אַרויסשטעלן ווי אַן אַלטערנאַטיוו פאַר ארץ־ישׂראל, כּדי צו לייזן די ייִדישע פּראָבלעם און באַפרידיקן דאָס שטרעבן פון ייִדן נאָך נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט.

לאַנג בין איך מער נישט געבליבן אין שפּיטאָל. כּל־זמן די דײַטשן האָבן געהאַט הצלחה אין זייער אָפּענסיווע אויפן רוסישן פראָנט, האָבן אויך אָנגעהאַלטן די דעפּאָרטירונגען פון טשערנאָוויץ. איך האָב מורא געהאַט אַז אין איינעם אַ זונטיק, ווען מ׳האָט אָרגאַניזירט די טראַנספּאָרטן, וועט מען צונויפנעמען אַלע קראַנקע פון שפּיטאָל און זיי אַוועקשיקן. איך בין אַרויס פון שפּיטאָל, און יעדן זונטיק האָבן מיר זיך באַהאַלטן אין קעלערן אָדער אין פאַרלאָזטע דירות. מיר האָבן געוווּסט אַז די רומענער מוזן

צושטעלן אַ באַשטימטע צאָל יִידן פאַרן טראַנספּאָרט און זיי האָבן געכאַפּט מענטשן ווי די הינט, ווו נאָר זיי האָבן זיי געקענט געפינען.

בלויז די יִידן וואָס האָבן געאַרבעט אין די פאַבריקן האָט מען נישט געטשעפּעט, ווײַל דאָס איז געווען קעגן די אינטערעסן פון די נײַע בעלי־בתּים, וואָס מ׳האָט זיי פאַרשענקט די אונטערנעמונגען. מײַן געזונט־צושטאַנד האָט זיך אין צווישן אַזוי ווײַט געבעסערט, אַז איך האָב אָנגעהויבן צו זוכן אַרבעט, כּדי מער־ווייניקער צו זיכערן אונדזער עקסיסטענץ. ס׳איז נישט מער געווען נייטיק צו צאַפּן וואַסער פון מײַנע לונגען און אויך דאָס געשווילעכץ האָט אָנגעהויבן אײַנצוגיין. די דאָקטוירים האָבן געטענהט, אַז ס׳איז נאָך בפירוש אַ סכּנה איך זאָל אָנהייבן אַרבעטן, אָבער איך האָב זיי נישט געפאָלגט. איך האָב זיך דערוווּסט אַז איינער פון די נײַע בעלי־בתּים, וואָס האָט באַקומען אַ זאָקן־ און טריקאָטאַזש־פאַבריק, זוכט אַ טעכנישן אָנפירער. דער נײַער בעל־הבית, מיטן נאָמען יאָנעסקו, האָט מיך תּיכּף אַנגאַזשירט און כ׳האָב מיטגענומען צו דער אַרבעט אויך מײַן יִינגערן ברודער יאַנקל. דער גוי האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געוווּסט וועגן מײַן קרענק. איך האָב מורא געהאַט אַז אויב ער וועט זיך דערוויסן, וועט ער מיך נישט וועלן אַנגאַזשירן.

ווען איך בין אַרײַן אין מאַגאַזין פון דער פאַבריק, וואָס איז געשטאַנען פאַרמאַכט כּמעט אַ גאַנץ יאָר, האָב איך געפילט אַז איך ווער דערשטיקט פון דעם ריח וואָס האָט געשלאָגן פון דער האַלב־פאַרשימלטער סחורה. כ׳בין תּיכּף אַרויס אויף פרישער לופט און קוים צו זיך געקומען אי פון הוסטן אי פון שרעק, דער בעל־הבית זאָל נישט געוווירר ווערן ווי עס האַלט מיט מײַן געזונט. ער איז בכלל געווען סקעפּטיש וואָס שייך זײַן נײַער ראָלע ווי אַ פאַבריקאַנט. ער האָט געשטאַמט פון דער שטאָט טערגאָווישטע, אין אַלט־רומעניע, געווען אַן אויסשטודירטער אַדוואָקאַט און אַ געוועזענער מיטגליד פון דער „אײַזערנער גוואַרדיע”. ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען פון אינדוסטריע בכלל און פון טעקסטיל־אינדוסטריע בפרט. די פאַבריק מיטן רוי־מאַטעריאַל האָט ער באַקומען כּמעט חינם. באַוול־פאָדעם למשל, וואָס האָט געקאָסט 40

ליי אַ קילאָ, האָט ער באַקומען פאַר 4 ליי. ווען די פאַבריק האָט אָנגעהויבן אַרבעטן און ער האָט געזען וויפל ער לייזט פאַר דער פּאַרטיקער סחורה, האָט ער מיר געזאָגט, אַז איצט פאַרשטייט ער ווי אַזוי די ייִדן האָבן געמאַכט פאַרמעגנס און אויסגעניצט דאָס פאָלק. כ׳האָב געפּרוּווט אים דערקלערן, אַז אין נאָרמאַלע באַדינ־גונגען דאַרף מען שווער האָרעווען כּדי עפּעס צו דערגרייכן, ווײַל קיינער גיט נישט אומזיסט. ער האָט שווער פאַרשטאַנען, ווײַל ער האָט אין זײַן לעבן קיין מאָל נישט געאַרבעט און קיין מאָל נישט פאַרדינט קיין גראָשן. אים האָט זיך געדאַכט אַז תּמיד קען מען זיך שפּילן מיט אַזעלכע לײַכטע פאַרדינסטן. און אַזוי גרינג ווי ער האָט דאָס געלט פאַרדינט, אַזוי גרינג האָט ער עס צעטרעגצלט, אויף גרויסע באַנקעטן, אויף פרויען, אויף קאָרטנשפּיל וכדומה. ער האָט אויך אויסגעצאָלט זײַנעם אַ שותּף אַ גרעסערע סומע. בקיצור — נאָך זעקס חדשים איז ער געבליבן אָן קאַפּיטאַל.

אין דער צײַט האָט יאָנעסקו באַקומען צוטרוי צו מיר און האָט מיר אַפילו געהאָלפן אַריבערשיקן געלט קיין טראַנסניסטריע, פאַר מײַנע עלטערן. ער איז געקומען צו גיין און מיר דערציילט אין וואָס פאַר אַ מצב ער געפינט זיך, אַז ער האָט נישט מיט וואָס צו קויפן רוי־מאַטעריאַל, און האָט געבעטן בײַ מיר אַן עצה. איך האָב אים פאָרגעלייגט אַ פּלאַן: איך וועל אויסאַרבעטן אַ פּרויען־שאַל פון צעלולאָזע־פאָדעם, אַ סחורה וואָס מען קען גרינג פאַר־קויפן; מיט אַ מוסטער פון אָט דער סחורה וועט ער גיין צו אַן אָנגראָסיסט און וועט אַרויסקריגן בײַ אים אַן אַדרויף צו קויפן רוי־מאַטעריאַל, אויפן סמך פון דער באַשטעלונג.

יאָנעסקון איז מײַן פּלאַן אײַנגעגאַנגען פאַר אַ שכל און ווי נאָר איך האָב אויסגעאַרבעט אַ מוסטער פון אַ פּרויענשאַל, איז ער דערמיט געגאַנגען צו דעם אָנגראָסיסט פון דער דאָזיקער בראַנזשע, טאָקע זײַנער אַ חבר. די סחורה איז יענעם זייער געפעלן געוואָרן אָבער וואָס שייך אַן אַדרויף — האָט ער געזאָגט — קען ער אים בלויז געבן מיטן תּנאַי, איך זאָל גאַראַנטירן, אַז מע וועט אים ליוערן די סחורה צו דער צײַט. אַנדערש גיט ער נישט קיין געלט.

— מיט וואָס זאָל איך גאַראַנטירן? — האָב איך יאָנעסקון געפרעגט — מיט מײַן געלן שטערן?

— אַזוי וויל דער קונה? — האָט ער זיך אָנגערופֿן.

כ'האָב קיין ברירה נישט געהאַט און בין מיט יאָנעסקון געגאַנגען צו דעם אַנגראָסיסט, אַ גוי וואָס כ'האָב אים קיין מאָל נישט געזען פֿאַר מײַנע אויגן. יענער האָט אָפֿן געזאָגט, אַז ער האָט נישט קיין צוטרוי צו זײַן חבר, ווײַל ער ווייס וואָס פֿאַר אַן אויסברענגער ער איז. ער וויל איך זאָל אים גאַראַנטירן, אַז ער וועט באַקומען די סחורה. ער האָט געהערט וועגן מיר פֿון אַ ייִדן, וואָס האָט בײַ אים געאַרבעט.

— מיט וואָס זאָל איך גאַראַנטירן — האָב איך ווידער געפֿרעגט — איך פֿאַרמאָג דאָך נישט מער ווי דעם געלן שטערן אויף מײַן רעקל?

האָט מיר דער גוי געענטפֿערט, אַז מײַן התחייבֿות איז פֿאַר אים אַ גוטע גאַראַנטיע אַז ער וועט באַקומען די סחורה.

האָב איך גאַראַנטירט און געחתמעט, אַז אויב יענער וועט געבן געלט אויף רוי־מאַטעריאַל, וועט ער באַקומען די סחורה צוגעשטעלט צו דער צײַט. און אויפֿן סמך פֿון מײַן חתימה האָט טאַקע יאָנעסקו באַקומען דאָס געלט.

יאָנעסקו איז געווען אַזוי צופֿרידן, אַז ער האָט מיך פֿאַרבעטן איך זאָל קומען מיט אים עסן אָוונטברויט אין דעם באַרימטן רעסטאָראַן „שוואַרצער אַדלער". ער האָט אַפֿילו אַרויסבאַקומען פֿאַר מיר אַ ספּעציעלע באַוויליקונג, וואָרעם קודם־כּל האָבן ייִדן נישט געטאָרט אַרויסגיין אין אָוונט, און צווייטנס, האָבן ייִדן בכלל נישט געטאָרט אַרײַנגיין אין „שוואַרצן אַדלער", וווּ עס זענען געקומען דײַטשע און רומענישע אָפֿיצירן און די גוייִשע טשער־נאָוויצער עליט.

ס'איז געווען אין יאַנואַר 1943. איך, דער געררודפֿטער ייִד, מיטן לעבן אין די הענט, זיץ אין דעם עלעגאַנטן רעסטאָראַן פֿול מיט שונאי־ישׂראל, בײַ איין טיש מיט דעם געוועזענעם מיטגליד פֿון דער „אײַזערנער גוואַרדיע", און ער לייגט מיר פֿאַר נישט מער און נישט ווייניקער, ווי צו ווערן אַ שותּף צום געשעפֿט: ער

מיט זיבעציק פּראָצענט און איך מיט דרײַסיק. איך האָב אים, פֿאַרשטייט זיך, דערקלערט, אַז איך וויל נישט זײַן קיין שותּף און וויל נישט רײַך ווערן; איך וויל בלויז איין זאַך: איבערלעבן די מלחמה.

יאַנעסקו האָט זיך פֿאַרטראַכט און איז באַלד אַרויס מיט אַ צווייטן פֿאָרשלאָג: אויב איך וויל נישט זײַן קיין שותּף, זאָל איך אײַנוויליקן צו זײַן דער אָנפֿירער פֿון דער פֿאַבריק, דהײַנו טראָגן דאָס אַחריות נישט בלויז פֿאַרן טעכנישן טייל, נאָר אויך פֿאַרן קאָמערציעלן טייל; בקיצור, איך זאָל זײַן דער דירעקטאָר פֿון דער פֿאַבריק. אויף אָט דעם צווייטן פֿאָרשלאָג בין איך אײַנגעגאַנגען מיט אַ תּנאַי: ער זאָל געבן אַ באַפֿעל דעם קאַסירער פֿון פֿאַבריק, ער זאָל קיינעם נישט אַרויסגעבן קיין גראָשן אָן מײַן חתימה, נישט אַפֿילו אים אַליין, דעם בעל־הבית. אַחוץ דעם וויל איך פֿירן אַ חשבון פֿון די געשעפֿטן, אומאָפּהענגיק פֿון דער אָפֿיציעלער בוכהאַלטעריע. און לויט מײַן חשבון — מעג ער יעדן חודש אַרויסנעמען דעם רווח. איך האָב אים אויך געשטעלט אַ תּנאַי, ער זאָל פֿאָרן קיין בוקאַרעשט און דורך זײַנע באַציִונגען אין די הויכע פֿענצטער, באַקומען רוי־מאַטעריאַל.

יאַנעסקו איז מיט אַלץ מסכּים געווען. ער האָט בלויז געפֿאָדערט איך זאָל נישט אַרבעטן פֿאַר אַ באַשטימטן געהאַלט, נאָר אַרויסנעמען וויפֿל איך דאַרף צום לעבן, אויף אַ געהעריקן סטאַנדאַרד.

באַלד דערויף האָט ער מיר אַלץ שריפֿטלעך באַשטעטיקט און מודיע געווען דעם גאַנצן פּערסאָנאַל אין דער פֿאַבריק וואָס פֿאַר אַ פּאָזיציע איך וועל פֿאַרנעמען.

איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן און — וווּנדער איבער וווּנדער: דאָס וואַסער בײַ די ריפּן איז נעלם געוואָרן און אויך דער אָפֿענער טובערקולאָז האָט זיך אָנגעהויבן צו פֿאַרהיילן. די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז ס׳איז אַ נס מן השמים, ווי זיי זאָגן שטענדיק אין אַזעלכע פֿאַלן, ווען די נאַטור איז טשאַרקער ווי זייערע קענטעניש. אַוודאי האָט געהאָלפֿן מײַן שטאַרקער ווילן איבערצולעבן.

איך וויל דאָ נאָך דערמאָנען, אַז אין דער צײַט וואָס כ׳בין

געלעגן קראַנק, האָב איך אַ סך געלייענט און אַ סך געטראַכט וועגן דעם וואָס כ׳האָב געלייענט. איך האָב באַקומען די נאַציסטישע פּרעסע און די נאַציסטישע „קלאַסישע" ליטעראַטור. כ׳האָב איבערגעלייענט היטלערס מײַן קאַמף און אַלפרעד ראָזענבערגס **דער מיטאָס פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט**, וואָס האָט געדאַרפט פילאָסאָפיש באַגרינדן היטלערס ראַסיסטישע אידעאָלאָגיע. כ׳האָב אויך געלייענט **די יסודות פון נײַנצענטן יאָרהונדערט** פון הוסטאָן סטיוואַרט טשעמבערליין, ריכאַרד וואַגנערס אידעען, וואָס האָט אויך געדינט ווי אַ יסוד פאַר דער אַרישער טעאָריע און פאַר היטלערס נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע.

פלוצעם האָב איך דערזען, אַז היטלער האָט נישט געמאַכט קיין סוד פון זײַנע כוונות לגבי די ייִדן אין אייראָפּע. און אָט די כוונות זענען אויך „אונטערגעבעט" געוואָרן מיט אַ כלומרשטער וויסנשאַפט, וואָס האָט געוואָלט באַווײַזן אַז ייִדן זענען אונטער־מענטשן פון נאַטור און דעריבער מוז מען זיי פאַרטיליקן. אויב אַלץ איז געווען אַזוי קלאָר — האָב איך בײַ זיך אַליין געפרעגט — פאַר וואָס האָבן ייִדן זיך נישט גערעכנט דערמיט? ווי אַזוי האָבן זיי געקענט לעבן און בויען פאַבריקן און פירן מיסחר און מאַכן פאַרמעגנס? ווו איז געווען די באַרימטע ייִדישע קלוגשאַפט?

און להבדיל באלף אַלפי הבדלות, האָב איך אין יענער צײַט אויך געלייענט שלום־עליכם. ערשט דעמאָלט האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין זײַן גרויסקייט און דעם סוד פון זײַן הומאָר. איך האָב אין אים דעמאָלט געזען אַ מין ייִדישן סערוואַנטעס. דער עיקר האָב איך זיך אַרײַנגעטראַכט אין די צוויי העלדן זײַנע, טוביה דער מילכיקער און מנחם־מענדל — איינער מיט זײַנע טענות צום רבונו־של־עולם און דער צווייטער מיט זײַנע חלומות אויפגעריכט צו ווערן דורך נסים.

כ׳האָב אויך צוויי מאָל איבערגעלייענט די ווערק פון היינריך היינע, דער געשמדטער ייִד, וואָס האָט קיין מאָל נישט פאַרלייקנט זײַן ייִדישקייט, און וואָס האָט שוין דעמאָלט געזען די סכנה פון באַרבאַרישן „דײַטשטום", כאָטש ער איז געווען צונויפגעוואַקסן מיט דער דײַטשער קולטור און מיט דער דײַטשער שפּראַך.

שאלות איבער שאלות זענען אויפגעקומען אין מוח ביים לייענען און איך האָב אויף אַט די שאלות נישט געפונען קיין תשובות. כ'האָב אַלץ נישט געקענט פאַרשטיין פאַר וואָס מיר האָבן נישט געקענט אויסמײַדן דעם גוואַלדיקן בראָך.

בעת איך שרײַב די דאָזיקע שורות, איז מיר שווער צו גלייבן, אַז איך האָב זיך דעמאָלט אָפּגעגעבן אַ חשבון פון מײַן אויסטער־לישער פּאָזיציע אין יענער צײַט, ווען ס'האָט נאָך געבושעוועט די מלחמה אויף די פראָנטן און היטלערס מחבלים האָבן קיין רגע נישט אויפגעהערט דורכצופירן זייער פּלאַן צו פאַרטיליקן אַלע ייִדן אין די לענדער ווו זיי האָבן געהאַט די שליטה. אין יענער צײַט בין איך געווען דירעקטאָר אין אַ פאַבריק, וואָס האָט געהערט צו אַ מיטגליד פון דער אײַזערנער גוואַרדיע, און איך האָב אים געדאַרפט ראַטעווען פון זײַן פינאַנציעלן בראָך. ער האָט מיר שפּעטער אַליין דערציילט, אַז ווען ער האָט מיך אַנגאַזשירט, האָט ער גערעכנט מיך צו האַלטן עטלעכע חדשים און דערנאָך מיך אַוועקשיקן קיין טראַנסניסטריע. ער האָט נישט געגלייבט אַז ייִדן קענען זײַן געטרײַ און אַז זיי האָבן אַ געפיל פאַר קאָנסטרוקטיווער אַרבעט. איך מוז אָבער זאָגן, אַז ער האָט אײַנגעזען דעם טעות וואָס ער האָט געמאַכט און האָט מיך ממש מקרב געווען. אַ דאַנק מײַן נײַער פּאָזיציע, האָבן מיר געפירט אַ מענטשלעך לעבן און דער עיקר — מיר האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו העלפן אונדזערע עלטערן אין טראַנסניסטריע.

סכּנות האָבן אָבער אומעטום געלאָקערט. וועגן איינער ווילט זיך מיר דערציילן: די פאַבריק האָט באַקומען אַ גרויסע מיליטערישע באַשטעלונג פון סוועטערס, און בעת מיר האָבן זיי אויסגעאַרבעט, איז כּסדר אַרײַנגעקומען אַ רומענישער אָפיציר, וואָס האָט קאָנט־ראָלירט די סחורה. אין ביוראָ ווו איך בין געזעסן, האָט אויך געאַרבעט אַ יונגע, שיינע סעקרעטאַרשע, די מאַמע אירע — אַן אוקראַאינישע, דער טאַטע — אַ דייטש וואָס איז פרײַוויליק אַרײַן אין היטלערס עסעס. דער רומענישער אָפיציר האָט זיך פאַרליבט אין דער שיינער שיקסע און ס'האָט אים פאַרדראָסן וואָס זי זיצט

מיט מיר אין איין צימער. ער איז געווען אייפּערזיכטיק. אין אַ שיינעם טאָג קלינגט ער מיר אין טעלעפאָן און הייסט מיר קומען צו אים אין רעגימענט, נישט ווײַט פון דער פאַבריק, איך זאָל אײַנקאַסירן דאָס געלט פאַר דער באַשטעלונג. ענטפער איך אים, אַז מיטן געלן שטערן קען איך אַהין נישט קומען. זאָגט ער מיר: נעם אַראָפּ דעם שטערן, איך גאַראַנטיר אַז מען וועט דיך נישט טשעפּען. נעם איך אַראָפּ דעם געלן מגן־דוד און שטעל זיך אַרײַן אין ביוראָ פון דעם באַקאַנטן אָפיציר. צו ערשט הייסט ער מיר זיצן. דערנאָך נעמט ער אַרויס פון זײַן שרײַבטיש אַ פּאַק מיט פּאַטאָס, און ווײַזט מיר: — אויב דו מיינסט אַז דו וועסט בלײַבן לעבן — זאָגט ער צו מיר — האָסטו אַ טעות.

איך קוק אויף די בילדער און פיל אַז דאָס בלוט ווערט אין מיר פאַרגליווערט: געהאַנגענע ייִדן, געשאָסענע ייִדן, מענער, פרויען אויף איין הויפן, און ער, דער אָפיציר, וואָס זיצט קעגן איבער, בײַ אַ מאַשין־געווער, בעת דער מערדערישער אַרבעט. דאָס האָט ער — זאָגט ער מיר — מיט זײַנע הענט געהאַנגען און געשאָסן די ייִדן אין רוסלאַנד. ער האָט מיר נאָך דערציילט מיט אַ קענטיק סאַדיסטישער הנאה, ווי אַ ייִדיש מיידל, אַ בתולה, האָט זיך אים אָנגעבאָטן ווי אַ מעטרעסע, ער זאָל איר שענקען דאָס לעבן; איז ער קודם מיט איר געשלאָפן, און דערנאָך האָט ער זי אויפגעהאַנגען אויפן גאַרטל פון זײַנע הויזן. צום סוף האָט ער געזאָגט, אַז אויב איך וועל נאָך זיצן אין זעלבן צימער מיט דער סעקרעטאַרשע, וועט ער מיט מיר טאָן דאָס זעלבע ווי מיט די ייִדן אויף זײַנע בילדער, וואָס ער האָט מיר געוויזן.

איך בין אַרויס פון ביוראָ אַ צעטומלטער, אַן אויפגערודערטער, און באַלד טעלעפאָנירט יאָנעסקון קיין בוקאַרעשט, ער זאָל קומען צו פאָרן. ער איז טאַקע אין גיכן געקומען, און אַז איך האָב אים דערציילט די מעשה, האָט ער מיט זײַנע פאַרבינדונגען געפּועלט מען זאָל דעם אָפיציר אַוועקשיקן פון טשערנאָוויץ.

נאָך דער מלחמה האָב איך געפּרוּווט געפינען דעם מערדער, אָבער ס'איז מיר נישט געראָטן.

מיט יאָנעסקו, דעם בעל־הבית פון דער פאַבריק, בין איך

געוואָרן אַזוי נאָענט, אַז איך פלעג גיין צו אים אַהיים און אַפילו הערן ראַדיאָ, וואָס איז געווען פאַרבאָטן פאַר ייִדן. איך פלעג הערן די עמיסיע פון בי־בי־סי און דערציילן די נײַעס אויך אַנדערע ייִדן, וועגן די דײַטשע מפּלות אויפן רוסישן פראָנט און אין אַפריקע, וועגן די בולטע סימנים, אַז היטלער פאַרשפּילט די מלחמה. אויך יאָנעסקון האָב איך געראָטן ער זאָל אײַנקויפן אויף דער שוואַרצער בערזע גאָלד און דאָלאַרן, ווײַל ס'איז קלאָר אַז דײַטשלאַנד פאַרלירט די מלחמה. ער האָט טאַקע אָנגענומען מײַן עצה און אויף וויפל דער רווח פון דער פאַבריק האָט דערלויבט, האָב איך פאַר אים געקויפט וואַלוטע, וואָס ער האָט באַהאַלטן בײַ זיך אין אַן אײַזערנער שאַפע. אָבער ווען די רוסן האָבן זיך צײַט־ווײַליק צוריקגעצויגן לעבן כאַרקאָוו, בעת דער דײַטשער קעגן־אָפענסיווע, און די וואַלוטע איז געפאַלן אויף דער בערזע, האָט ער געהאַט חרטה און ווידער אָנגעהויבן גלייבן אין היטלערס נצחון. זײַן ברודער, דער גענעראַל, האָט אים דערציילט אַז די דײַטשן פאַרמאָגן אַ געהיימען וואָפן, וואָס מען רופט אים גאַמאַ־שטראַלן. זיי געפינען זיך אין פאַרזיגלטע וואַגאָנען און מען וועט זיי עפענען בלויז אויפן באַפעל פונעם פירער. ער האָט גענומען און פאַרקויפט דאָס גאָלד מיט די דאָלאַרן וואָס איך האָב אים געהאַט אײַנגעקויפט. נאָך דער דײַטשער מפּלה האָט ער זיך עס נישט געקענט מוחל זײַן.

דער פראָנט האָט זיך אין צווישן דערנענטערט קיין טשערנאָוויץ. די רומענער האָבן פאַרשטאַנען אַז היטלער וועט האָבן אַ וויסטן סוף און האָבן געפּרוּווט צו ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך. זעקס חדשים איידער די רוסן זענען צוריקגעקומען קיין טשערנאָוויץ האָט מען די ייִדן געהייסן אויסטאָן דעם געלן שטערן. דער מושל פון רומעניע, גענעראַל אַנטאָנעסקו, איז געקומען צו גאַסט קיין טשערנאָוויץ און בעת ער האָט וויזיטירט די פאַבריקן, האָט ער אײַנגעטענהט מיט ייִדישע אַרבעטער. די רומענער האָבן געטראַכט, אַז די אַלייִרטע וועלן זיך דערמיט רעכענען נאָך דער מלחמה, אַז אַנטאָנעסקו האָט געביטן זײַן פּאָליטיק לגבי ייִדן.

אין יוני 1944 האָב איך אין אַ שבת געהערט, אַז די רוסן געפינען זיך שוין אַן ערך 30 קילאָמעטער פון טשערנאָוויץ. גאַנץ

פריִ בין איך מיט מײַן ברודער יאַנקל אַוועק צו יאַנעסקון און אים געוואָרנט ער זאָל בײַ צײַטנס אַוועק פון טשערנאָוויץ. ער האָט מיר געזאָגט אַז ער האָט שוין בילעטן פאַר מיטוואָך, צו פאָרן קיין בוקאַרעשט אין שלאָפוואַגאָן האָב איך אים געענטפערט, אַז ביז מיטוואָך קענען אים די רוסן שיקן אויף יענער־וועלט שלאָפן; אויב ער וויל אַרויס מיטן לעבן, זאָל ער תּיכּף־ומיד זיך אָנטאָן און אַוועקפאָרן מיט דער ערשטער באַן. בעת איך האָב אים באַגלייט צום וואָקזאַל האָט ער מיר פאָרגעלייגט איך זאָל קומען מיט אים. ער איז רײַך — האָט ער מיר געזאָגט — און איך וועל האָבן בײַ אים פון כּל־הגוטס. בכל־אופן איז ער אַפילו גרייט צו שלאָפן אויף דער פּאַדלאָגע און מיר אָפּטרעטן זײַן בעט. איך האָב אים געמוזט צוזאָגן אַז איך גיי אַהיים אײַנפּאַקן עטלעכע זאַכן און קום באַלד צוריק מיט מײַן פרוי. כ׳האָב אָבער באַלד חרטה געהאַט. כ׳האָב נישט געוואָלט לויפן אין איינעם מיט די רומענער. כאָטש איך האָב געוווּסט אַז בײַ די רוסן בין איך געווען אַ קאַנדידאַט אויף סיביר, האָב איך געוואָלט זען וואָס פאַר אַ פּנים זיי האָבן נאָך אַזאַ מלחמה. זיי זענען דאָך פאָרט אַלײַירטע פון אַמעריקע און ענגלאַנד, וועלן זיי אפשר זיך אויפפירן מענטשלעכער ווי פריִער.

אַחוץ דעם האָב איך נישט געוואָלט מוותּר זײַן אויף דער הנאה צו זען ווי די דײַטשן אַנטלויפן. איך האָב געזען היטלערס אַרמיי פאַרבײַמאַרשירן מיטן גאַנצן כּלי־זיין און האָב געהאַט דערפון גרויס פאַרגעניגן. כ׳האָב דאָך תּמיד געגלייבט אַז די דײַטשן וועלן האָבן אַ מפּלה, די שאלה איז נאָר געווען, ווער עס וועט איבערלעבן. איצט, אַז איך האָב געזען די מפּלה, האָב איך נישט געהאַט ס׳האַרץ צו אַנטלויפן מיט די רומענער, וואָס האָבן אונדז אָנגעטאָן אַזוי פיל צרות.

שפּעטער מיט צוויי טעג זענען די רוסן שוין געווען אין טשערנאָוויץ. די דײַטשן האָבן זיך צוריקגעצויגן אָרגאַניזירט, מיט אַ סדר און אַן אָרדענונג ווי דײַטשן זענען געוווינט. די רוסן זענען אַרײַנמאַרשירט אָן קיין שום צערעמאָניעס, געציילטע סאָלדאַטן, פאַרבלאָטיקטע פון די וועגן, אָן אַ סימן פון שווערע וואָפן. די אָפיצירן זענען געשלאָפן אין איינעם מיט די פערד און מיט די

אייזלען. מיר האָבן זיך געחידושט, ווי אַזוי האָבן זיי געשלאָגן די מאַכטיקע דײַטשע אַרמיי? באַלד זענען מיר געוווּיר געוואָרן, אַז די עיקרדיקע כּוחות זייערע פֿירן די רוסן נישט דורך די שטעט, און בכלל מאַרשירן זיי בלויז בײַ נאַכט, כּדי אומגעריכט אָנצופֿאַלן אויף די דײַטשן. אין די שטעט האָבן זיי געשיקט בלויז קליינע אָפּטיילונגען, מיט דער כּוונה צו צעטומלען דעם שונא.

מיר זענען אַלע אַרויס אויפֿן רינגפּלאַץ, ווו אַ רוסישער אָפֿיציר האָט באַגריסט די באַפֿעלקערונג און דערציילט וועגן דעם גרויסן נצחון פֿון דער רויטער אַרמיי, אָנגעפֿירט פֿון דעם גרויסן קאַריפֿיי, דעם פֿאָטער פֿון די פֿעלקער, חבר סטאַלין. דער עולם האָט פֿונעם גאַנצן האַרצן געשריִען הורראַ און ס׳איז טאַקע געווען אַן אמתע, אויפֿריכטיקע שימחה. דער אָפֿיציר האָט זיך אַרומגעקוקט, אַ רגע באַטראַכט דעם פֿאַרזאַמלטן עולם און אַ זאָג געטאָן אויף ייִדיש: ייִדן, זײַט געזונט!

באַלד דערנאָך האָבן אָנגעהויבן צוריקצוקומען קיין טשערנאָוויץ ייִדן פֿון די לאַגערן אין טראַנסניסטריע. איך האָב זיך דערוווּסט אַז מײַן ברודער פֿישל, וואָס איז פֿאַרשיקט געוואָרן אין איינעם מיט מײַנע עלטערן פֿון גורא־הומאָרולוי, איז דערהרגעט געוואָרן אין מאָגיליאָוו פֿון אַ שראַפּנעל, בלויז איין טאָג איידער די רוסן האָבן באַפֿרײַט די שטאָט, בעת ער איז אַרויס פֿון שטוב צו קויפֿן ברויט. מײַן ייִנגסטער ברודער, יאַנקל, האָט תּיכּף געפֿונען אַ מעגלעכקייט צו פֿאָרן קיין מאָגיליאָוו, וואָס ליגט אויפֿן אוקראַיִנישן ברעג פֿון דניעסטער, כּדי צו ברענגען די עלטערן קיין טשערנאָוויץ.

אַ סברא אַז ס׳האָבן זיך געראַטעוועט אין טראַנסניסטריע אַן ערך 40% פֿון די אַרויסגעשיקטע. זיי זענען געווען אויסגעמאַטערט, צעריסן און צעשליסן, נאָך די יאָרן פֿון הונגער, קעלט, קרענק און פּײַן. נישט געווען קיין משפּחה וואָס זאָל נישט טרויערן נאָך די נאָענטע וואָס זענען דאָרטן אומגעקומען.

די ייִדן פֿון דרום־בוקאָווינע האָבן לעת־עתּה געמוזט בלײַבן אין טשערנאָוויץ, וואָרעם זייערע היימען זענען נאָך נישט באַפֿרײַט געוואָרן. אַ טייל פֿון זיי האָבן געוואַרט אין בעסאַראַביע ביז די רויטע אַרמיי וועט פֿאַרטרײַבן די דײַטשן פֿון רומעניע.

פון מײַן משפּחה וואָס איז אַוועק מיט די רוסן אין 1941 האָבן מיר דערווײַל נישט געהאַט קיין שום ידיעה. מיר האָבן בלויז געוווּסט אַז זיי זענען געזונט אָנגעקומען קיין סיביר. אַזוי האָט אונדז טעלעגראַפירט אונדזער ברודער פון טישלע נאָך אין 1941. פון רוסלאַנד האָט מען געקענט שרײַבן אַהין, ווײַל טשילע איז געווען נייטראַל און מיר האָבן די טעלעגראַם באַקומען פון דאָרטן תּיכּף נאָך דעם ווי די דײַטשן זענען אַרײַן אין טשערנאָוויץ. דערנאָך איז די פאַרבינדונג אין גאַנצן איבערגעריסן געוואָרן.

כּמעט אַ פּאַרטיי־מיטגליד!

מיר האָבן גערעכנט אַז די רוסן האָבן נישט מער וואָס אַרויסצופּירן פון טשערנאָוויץ, ווײַל די דײַטשן און די רומענער האָבן קיין סך נישט איבערגעלאָזט. מיר האָבן אָבער געהאַט אַ טעות. די מלחמה האָט זיך נאָך נישט געהאַט געענדיקט און מ׳האָט אַלץ געדאַרפט פאַר דער אַרמיי. מיט דער ציווילער באַפעלקערונג האָט מען זיך אין גאַנצן נישט גערעכנט. מ׳האָט אַלץ אַרויסגעשלעפּט — בהמות, שאָף, עופות, פּירות. פאַר דער באַפעלקערונג האָט מען תּיכּף אײַנגעפירט אַ גאָר שטרענגע ראַציאָנאַליזירונג פון לעבנסמיטל און דאָס האָט געמיינט אַז מ׳האָט קיין מאָל נישט באַקומען עסן צו דער זעט. דאָס שטיקל ברויט וואָס מ׳האָט צוגעטיילט איז געווען זייער קנאַפּ, און שוואַרץ ווי קויל. מיר האָבן איצט געהאַט אַ סך ווייניקער צו עסן ווי אונטער די רומענער.

פון דעסטוועגן האָט די באַפעלקערונג איצט אַלץ אָנגענומען פאַר ליב, ווײַל מ׳איז געווען גליקלעך וואָס מ׳איז אַרויס מיטן לעבן פון די דײַטשן. איך האָב אין איינעם מיט אַלע ייִדן געפילט אַז מיר זענען אויסגעלייזט געוואָרן.

פונקט ווי אין 1941, ווען זיי זענען צום ערשטן מאָל אַרײַן אין טשערנאָוויץ, האָבן די רוסן אויך אַצינד איטלעכן מכבד געווען מיט אַ סאָוועטישן פּאַספּאָרט. אַצינד האָבן זיי אָבער נישט מער אַרײַנגעשריבן וואָס איטלעכער איז געווען פאַרן יאָר 1941, אונטער די רומענער; זיי האָבן בלויז באַמערקט בײַ יעדן איינעם וואָס ער איז געווען אין יאָר 1941, בעת די שטאָט איז שוין געווען אונטער סאָוועטישער הערשאַפט. מ׳האָט נישט מער בודק געווען די ציצית, ווער ס׳איז געווען אַ קאַפּיטאַליסט און ווער ס׳איז געווען אַ מיטגליד אין די בירגערלעכע פּאַרטייען. איצט זענען זיי דאָך געווען אַלײַרטע

מיט די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואָס האָבן געפירט מלחמה קעגן היטלערן.

ווען זיי האָבן אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן די ווירטשאַפט אין שטאָט און געעפנט ווידער די פאַבריקן, האָבן זיי זיך גענייטיקט אין מענטשן. מיך האָט מען פאַרבעטן איך זאָל פון דאָס ניי אָרגאַניזירן דעם קאָאָפּעראַטיוו „וואָליאַ", ווו איך האָב געאַרבעט ווי אַ טעכנישער דירעקטאָר ביז איך בין קראַנק געוואָרן. מ'האָט מיר באַלד פאָרגעלייגט איך זאָל זיין דער אָנפירער פון דער גאַנצער אונטערנעמונג, פּרעדסעדאַטעל, ווי עס הייסט אויף רוסיש, אָדער גענעראַל־דירעקטאָר, לויט אונדזערע באַגריפן.

איך האָב דווקא פאָרגעלייגט מען זאָל נאָמינירן אויף אָט דעם פּאָסטן דעם געוועזענעם בוכהאַלטער פעטיאַ ראָזענטאַלער, מיינער אַ פריינד, אַ ייִד פון בעסאַראַביע, וואָס האָט געקענט גוט רוסיש, ווייל כ'האָב מורא געהאַט אַז מיט מיין ביסל רוסיש וואָס כ'האָב געהאַט אויסגעלערנט אין 1941 וועל איך נישט קענען האַלטן די דרושות וואָס פאָדערן זיך פון אַ פּרעדסעדאַטעל. האָט מען מיר געענטפערט, אַז דער קאָאָפּעראַטיוו נייטיקט זיך קודם־כל אין אַ מענטש וואָס קען גוט דאָס פאַך. וואָס שייך די שפּראַך — וועל איך זיך אויסלערנען אין משך פון דער צייט.

דעם משא־ומתן האָט מיט מיר געפירט דער סאַמע פאָרזיצער פון „פּראָמסאָיוז", דער פאַרבאַנד פון קאָאָפּעראַטיוון, סאַפּטשוק, אַן אוקראַינער, וואָס האָט געהאַט אַ ייִדישע פרוי און זי האָט אַליין ליב געהאַט צו רעדן ייִדיש. אין 1941 איז ער געווען וויצע־פּרעזידענט פון פאַרבאַנד.

אויף דער פּאַרטיי־זיצונג, וואָס האָט באַדאַרפט באַשטעטיקן מיין נאָמינירונג, ווייל אָן דער פּאַרטיי האָט מען בכלל גאָרנישט געקענט באַשליסן, האָב איך זיך באַגעגנט מיט באַקאַנטע מיטגלידער, וואָס האָבן געוווּסט ווער איך בין געווען פאַר דער מלחמה. זיי האָבן אויך געוווּסט אַז אין מיין פּאַספּאָרט איז געווען אַריינגעשריבן דער באַרימטער „סטאַטוס 39", וואָס האָט געמיינט אַז מען דאַרף מיך דעפּאָרטירן קיין סיביר. צו מיין איבערראַשונג האָבן מיך אָבער אַלע געלויבט און קיינער האָט נישט דערמאָנט מיינע חטאים. מ'האָט

מיר בלויז געזאָגט, אַז איך וועל מוזן גיין אויף קורסן, כּדי מיך צוצוגרייטן צו ווערן אַ מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

בײַ זיך האָב איך געטראַכט: אַז מען דאַרף דעם גנב, שנײַדט מען אים אַראָפּ פון דער תּליה. איך האָב שוין געוווּסט אַז דאָס איז אַ טייל פונעם סאָוועטישן אָפּאָרטוניזם. אין 1941 האָט מען זיך נישט גערעכנט מיט דער ווירטשאַפט, ווײַל סטאַלין האָט געהייסן אין זינען האָבן צו ערשט די אידעאָלאָגיע. איצט, אין צײַט פון מלחמה, האָט מען זיך ווינציקער גערעכנט מיט אידעאָלאָגיע. די ווירטשאַפט אין מלחמה־צײַט איז בילכער.

די אינטערעסן האָבן איצט געפאָדערט מע זאָל כּשרן היסטאָרישע געשטאַלטן פון דער רוסישער געשיכטע, וואָס זענען פריִער פאַר־שוויגן געוואָרן. באָגדאַן כמעלניצקי, דער אַכזריותדיקער אוק־ראַיִנישער אַטאַמאַן, וואָס האָט אין 18טן יאָרהונדערט געקעמפט קעגן די פּאָליאַקן, איז איצט געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער רוסישער העלד. קיינער האָט נישט דערמאָנט די שווידערלעכע פּאָגראָמען וואָס ער האָט געמאַכט אויף ייִדן, און ייִדישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אויפן פראָנט, האָבן נאָך געמוזט טראָגן מיט שטאָלץ אויף דער ברוסט דעם מעדאַל מיט דער צורה פון כמעלניצקין ימח־שמו. אַזוי האָט אויסגעזען די סאָוועטישע אידעאָלאָגיע, סטאַלינס „רעזאָן ד׳עטרע״.

אין די מאַגאַזינען פון קאָאָפּעראַטיוו האָב איך געפונען אַ היפּשע קוואַנטיטעט באַוול און לײַנשטריק. איז מיר אײַנגעפאַלן אויסצואַרבעטן פון אָט דעם רוי־מאַטעריאַל סאַנדאַלן, וואָרעם שוכוואַרג איז בכלל נישט געווען צו באַקומען. פון די שטריק האָט מען געמאַכט זוילן און פון באַוול — ברייטע פּאַסן, צו האַלטן דעם פוס אין די סאַנדאַלן. ווען איך בין געקומען אין צענטראַלע מיט דער נײַער סחורה, האָט מען מיר געגעבן אַ באַפעל, אַז איך טאָר די סאַנדאַלן קיינעם נישט פאַרקויפן אָן אַ באַוויליקונג פון אויבן. אָן דער באַוויליקונג פון דער צענטראַלע האָבן מיר אַפילו נישט געטאָרט פּראָדוצירן די סחורה. די פּרײַזן זענען נאָך אַלץ געגאַנגען לויט דער רשימה פון 1931. אויב אַן אַרטיקל איז אין דער רשימה

נישט געווען, האָט מען אים געדאַרפט צופּאַסן צו אַן אַנדער אַרטיקל פון דער רשימה. דער גאַנצער ענין איז געווען פיקטיוו, וואָרעם די ריעאַלע פּרייַזן פון די סחורות זענען געווען הונדערט מאָל גרעסער ווי די פּרייַזן אין דער רשימה פון 1931. פון דעסטוועגן איז די גאַנצע סאָוועטישע עקאָנאָמיע, מיט זייערע באַרימטע פינף־יאָר פּלענער, געווען אויפגעבויט אויף אָט דעם בלאָף.

האָלץ, למשל, פאַרן ווינטער, האָט מען אַליין געדאַרפט אויס־האַקן פון וואַלד, סייַ פאַר דער היים, סייַ פאַר דער אונטערנעמונג. די פּראָבלעם איז אָבער געווען ווי אַזוי צו טראַנספּאָרטירן דאָס האָלץ פון וואַלד. דער אָפיציעלער פּרייַז איז געווען פיר רובל פאַר אַ קובאָמעטער. די פורמאַנעס האָבן אָבער געפאָדערט פיר הונדערט רובל פאַר אַ קובאָמעטער, — הונדערט מאָל מער ווי דער אָפּי־ציעלער פּרייַז. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט אַ פּאָר זאָקן. אָפיציעל האָט מען זיי געדאַרפט פאַרקויפן מיט פיר רובל, אָבער אויפן שוואַרצן מאַרק האָבן זיי געקאָסט פיר הונדערט רובל.

איך האָב זיך געווענדט צו אונדזער נאַטשאַלניק און אים פאָרגעשלאָגן מיר זאָלן באַצאָלן דעם טראַנספּאָרט פון האָלץ פאַרן קאָאָפּעראַטיוו מיט זאָקן: פאַר איטלעכן קובאָמעטער האָלץ — אַ פּאָר זאָקן, וואָרעם די פּרייַזן זענען דאָך אידענטיש. דער נאַ־טשאַלניק האָט מיך אויסגעהערט און מיר געגעבן רעכט. אָבער — אַזאַ טראַנזאַקציע קען מען נישט מאַכן אָן דער באַוויליקונג פון חבר סטאַלין בכבודו ובעצמו.

דאָס האָט גורם געווען קאָרופּציע אין אַלע שטחים פון לעבן און אין אַלע שיכטן פון דער געזעלשאַפט, אָנגעהויבן פון גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, ביז צו דעם שעף פון דער פּאָליציי. אַלע זענען געקומען אין קאָאָפּעראַטיוו, אָדער געשיקט זייערע ווייַבער, און האָבן געשלעפּט פון אַלעמען וואָס מיר האָבן פּראָדו־צירט. אויף אַזאַ אופן האָבן מיר געהאַט אַ מעגלעכקייט אויסצוקויפן מיט מתנות פּופּצן יונגע מענטשן, וואָס האָבן בייַ אונדז געאַרבעט און זענען נישט געגאַנגען אויפן פראָנט.

פון געהאַלט האָט קיינער נישט געקענט לעבן. אַפילו פאַר אַ באַשיידן אויסקומעניש האָט מען געמוזט גנבענען. אַן אַרבעטער

האָט פאַרדינט בדרך־כּלל זעקס רובל אַ טאָג, און אַז ער איז געווען אַ „סטאַכאַנאָוועץ״, אַז ער האָט איבערגעשטיגן די נאָרמע, האָט ער פאַרדינט זיבן ביז אַכט רובל. דאָס האָט אָבער נישט געקלעקט אַפילו פאַר איין מאָלצײַט אין טאָג.

אין אַזאַ מצב האָב איך באַשלאָסן צו שאַפן אַ קאַנטינע, די אַרבעטער פון אונדזער קאָאָפּעראַטיוו זאָלן כאָטש האָבן איין מאָל אין טאָג אַ ביליקן מאָלצײַט. איך בין אַוועק צום נאַטשאַלניק וואָס פאַרנעמט זיך מיט לעבנס־מיטל און האָב געפאָדערט ער זאָל מיר אויסשרײַבן פאַר דער קאַנטינע 500 ליטער בוימל. האָט ער מיר געענטפערט אַז אויסשרײַבן קען ער מיר בלויז 250 ליטער, אָבער איך דאַרף אים געבן אַ באַשטעטיקונג אַז איך האָב באַקומען 500 ליטער. פאַרשטייט זיך אַז די איבעריקע 250 ליטער האָט ער פאַרקויפט אויפן שוואַרצן מאַרק. כּדי צו האָבן אַ דעקונג, האָב איך פון יעדן אַרבעטער געפאָדערט ער זאָל מיר אונטערשרײַבן, אַז ער האָט באַקומען אַ האַלבן ליטער בוימל. אַוודאי איז עס געווען אַ סכּנה. מ׳האָט זיך געשפּילט מיט פײַער. אָבער ווער ס׳האָט נישט געוואָלט שטאַרבן פאַר הונגער, האָט געמוזט זײַן אַ שותּף צו דער אַלגעמיינער קאָרופּציע.

דער מײַסטער פון דער זאָקן־אָפּטיילונג האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט, אַז די אַרבעטער גנבענען זאָקן. האָב איך אים געגעבן אַן עצה; זאָל יעדער אַרבעטער גנבענען איין פאָר זאָקן אַ טאָג. אויב ער וועט גנבענען מער — וועלן מיר זיצן אין תּפֿיסה; אויב ער וועט נישט גנבענען בכלל — וועט ער נישט האָבן וואָס צו עסן. אויף אַזאַ אופן איז די גנבה לעגאַליזירט געוואָרן . . .

פאַרשטייט זיך אַז די אַלע נאַטשאַלניקעס וואָס האָבן געגנבעט איטלעכער ווי און ווו ער האָט נאָר געקענט, האָבן אין זייערע דרשות גערעדט וועגן פּראָלעטאַריעשער מאָראַל און וועגן געטרײַשאַפט צו דעם סאָוועטישן פאָטערלאַנד. איינער האָט געהאַט דעם צווייטן אין האַנט, אים געקענט פאַרמסרן, מען זאָל אים פאַרמישפּטן אויף יאָרן שווערע תּפֿיסה.

איין מאָל קומט צו גיין דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר רוי־מאַטעריאַל, און דערציילט מיר אַז ער האָט באַקומען צוגעטיילט

פופציק טאָן באַוול פון אַ שפּינערײַ פון בריאַנסק, לעבן מאָסקווע. דער דאָרטיקער דירעקטאָר וועט אָבער שיקן 55 טאָן באַוול און פאַר די איבעריקע פינף טאָנען דאַרף מען אים באַצאָלן. לייגט ער מיר פאָר איך זאָל פאָרן איבערנעמען די סחורה און דערבײַ פאַרקויפן די פינף טאָנען, וועלן מיר זיך דערנאָך צעטיילן מיטן רווח. איך האָב זיך אָבער געהיט דאָס פּעלצל און בין נישט אײַנגעגאַנגען אויפן געשעפט. געפאָרן איז אַן אַנדערער ייִד, מענאַקער האָט ער געהייסן, וואָס האָט געבראַכט די סחורה אײַנגעפּאַקט אין זעק. אַ היפּשער טייל פון די שפּולן זענען געווען צעבראָכן; האָט מען באַלד געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל וועגן שאָדן און מ'האָט אַ העלפט פון דער סחורה פאַרקויפט אויפן שוואַרצן מאַרק.

פּלוצעם האָבן מיר באַקומען אַ טראַנספּאָרט פון ציץ, וואָס קיינער האָט דאָס נישט באַשטעלט. ציץ ניצן, כּידוע, בלעכערס, אינסטאַלאַטאָרן וכדומה. ווער נייטיקט זיך אין אַ טעקסטיל־פאַבריק אין אַזוי פיל ציץ? אין רוסלאַנד פרעגט מען אָבער נישט קיין שאלות. אין מלוכה־פּלאַן איז פאַרגעזען מען זאָל איטלעכער אונטערנעמונג צושיקן אַ טייל פון דער סאָוועטיקער פּראָדוקציע... האָט מען אונדז געשיקט ציץ. דער זעלבער מענאַקער, וואָס כ'האָב אים פריִער דערמאָנט, האָט אָנגעפירט די קאָמערציעלע אָפּטיילונג פון די קאָאָפּעראַטיוון. ער האָט געוואָלט פּטור ווערן פון דעם טראַנספּאָרט ציץ און האָט מיך געבעטן איך זאָל אים העלפן. ווי אַזוי? זייער פּשוט: איך זאָל דערלאַנגען אַ בקשה, אַז איך דאַרף אין מײַן קאָאָפּעראַטיוו פאַרריכטן די רערן פון דער וואַסער־לײַטונג און נייטיק זיך אין אַ סך ציץ. וועל איך באַקומען דעם ציץ און וועל אים פאַרקויפן. מיטן געלט וועלן מיר זיך טיילן: העלפט אויף העלפט. זײַן חלק דאַרף ער פאָרן פרעדסעדאַטעל פון קאָאָפּעראַציע־פאַרבאַנד. איך האָב נישט געהאַט קיין חשק צו אַזעלכע געשעפטן, ווײַל כ'האָב געוווּסט אַז מען וועט איין מאָל אויפדעקן אַלע גנבות און זוכן אַ שעיר־לעזאזל. האָב איך דעם גאַנצן עסק איבערגעגעבן מײַן אַדמיניסטראַטאָר, וואָס האָט אים דורכגעפירט פּינקטלעך, ווי דער חבר מענאַקער האָט געפאָדערט.

נאָך דער מלחמה האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן אַ קאַמפּאַניע קעגן דער קאָרופּציע, און איינער פון די גרויסע נאַטשאַלניקעס האָט זיך כּלומרשט געחידושט; ווי אַזוי האָבן מענטשן זיך דערוועגט צו גנבענען אין סאָוועטישן פאָטערלאַנד? בשעת מיר האָבן געוווּסט אַז די קאָרופּציע האָט זיך אָנגעהויבן אויבן, אין די הויכע פענצטער, ביַי די גרויסע נאַטשאַלניקעס.

איך דערמאָן די אַלע פּרטים, כּדי מענטשן וואָס האָבן נישט געלעבט אונטער אַזאַ רעזשים זאָלן פאַרשטיין אין וואָס פאַר אַ באַדינגונגען מען האָט דאָרטן געמוזט אַרבעטן אויף אויסקומעניש.

פון דעסטוועגן, נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן, האָבן מיר אין אַ קורצער ציַיט די פאַבריק געשטעלט אויף די פיס. מיר איז געראָטן צו מאָביליזירן אַ צאָל גוטע פאַכליַיט און מיט זיי האָב איך אויפגעשטעלט אַ ריי וויכטיקע אָפּטיילונגען. כ'האָב פריִער דערמאָנט די אָפּטיילונג פאַר סאַנדאַלן, וואָס מיר האָבן צו ערשט געמאַכט מיט זוילן פון שטריק און דערנאָך — פון האָלץ. מיר האָבן איַינגעאָרדנט אַן אָפּטיילונג פון האָלץ-וועבשטולן, וואָס מיר האָבן אַליין אויפגעבויט. מיר האָבן אויסגעאַרבעט זאָקן, קאָנפעקציע, טאַשן, אַפילו שוועבעלעך. אין אַלץ האָט מען זיך גענייטיקט, ווײַל ס'איז כּמעט גאָרנישט געווען צו באַקומען.

פּאַפּיר איז נישט געווען צו קריגן. סוף-כּל-סוף האָט מען באַשלאָסן זיך צו באַנוצן מיט דעם אַרכיוו וואָס איז געבליבן פון עסטריַיך, פון פראַנץ-יאָזעפס ציַיטן. מ'האָט דאָס פּאַפּיר אָנגעשמירט מיט אַ כעמישער סובסטאַנץ, אַ מין קאַלך, און דערויף געשריבן.

דערביַי איז געווען טשיקאַווע צו לייענען די אַלטע דאָקומענטן פון געריכט, וועגן פּראָצעסן וואָס מ'האָט געפירט צוריק מיט אַן ערך הונדערט יאָר. זיי זענען געווען געשריבן מיט אַ שיינער, ציכטיקער האַנטשריפט. די ענינים גופא וועגן וועלכע די פּאַפּירן האָבן דערציילט, האָבן אויסגעזען נאַיִוו, תּמימותדיק, אין פאַרגליַיך מיט די צרות פון אונדזער ציַיט.

לא די וואָס די אַרבעטער האָבן נישט געקענט לעבן פונעם געהאַלט וואָס זיי האָבן פאַרדינט, האָט די פּאַרטיי נאָך אָרגאַניזירט פאַרמעסטן אין אַלע אונטערנעמונגען. איין אַרבעטער האָט זיך

געדאַרפט פאַרמעסטן מיטן צווייטן אין דער פּראָדוקציע, און דער וואָס האָט געוווּנען, האָט באַקומען... אַ רויטע פאָן אויף זײַן מאַשין. מ׳האָט געשריבן וועגן אים אין דער וואַנטצײַטונג און אויך געגעבן מער אַ פּאָר גראָשן. די פּאַרטיי האָט אויך אָרגאַניזירט פאַרמעסטן צווישן די פאַבריקן פון שטאָט, און וועלכע פאַבריק ס׳האָט געוווּנען דעם פאַרמעסט, האָט באַקומען אַ פּרײַז: „די וואַנדערנדיקע רויטע פאָן״ און פינף טויזנט רובל! דאָס איז געווען דער עיקר פון דער סטאַכאַנאָווישער באַוועגונג, נאָכן נאָמען פון אַ רוסישן אַרבעטער (סטאַכאַנאָוו), וואָס האָט באַקומען אַ פּרײַז פאַר העכערן די פּראָדוקציע.

איין מאָל האָט מען מיך גערופן אין פּאַרטיי און מיר אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז מײַן קאָאָפּעראַטיוו, „וואָליאַ״ האָט געוווּנען דעם פאַרמעסט, און איך, דער פּרעדסעדאַטעל, באַקום די רויטע פאָן מיט די פינף טויזנט רובל, וואָס איך דאַרף אַ טייל צעטיילן די אַרבעטער. מ׳האָט מיר אויך געגעבן די דרשה וואָס איך האָב געדאַרפט האַלטן מיט אַ וואָך שפּעטער, פאַר אַלע מיטגלידער פון דעם קאָאָפּעראַציע־פאַרבאַנד. דאָס איז טאַקע געווען אַ גרויסער כּבוד, אָבער איך האָב געטראַכט, ווי אַזוי וועל איך באַווײַזן צו האַלטן אַזאַ לאַנגע דרשה פאַר אַן ערך דרײַ טויזנט מענטשן? איך האָב טאַקע געלערנט רוסיש אין דער בערליץ־שול, כ׳האָב אַפילו געקענט אויסנווייניק עטלעכע לידער פון פּושקין און פון לערמאָנ־טאָוו, פון דעסטוועגן האָב איך מורא געהאַט פאַר דער דרשה, בפרט פאַר די תּהילות־ותשבחות פאַרן חבר סטאַלין, וואָס איך האָב געדאַרפט אַרויסזאָגן מיט גרויס התלהבות. מײַן בעסאַראַבער חבר ראָזענטאָלער האָט מיט מיר אײַנגעחזרט די דרשה, ביז כ׳האָב זי כּמעט געקענט אויסנווייניק און אויך אײַנגעלערנט די דיקציע, אַזוי אַז מענטשן וואָס האָבן מיך נישט געקענט, האָבן געמיינט אַז כ׳רעד רוסיש פון דער היים. און אַזוי בין איך איבערגעקומען די גרויסע אַסיפה, מיטן נאָך גרעסערן כּבוד וואָס די פּאַרטיי האָט מיר צוגעטיילט.

מײַן פּאָזיציע, ווי דער פּרעדסעדאַטעל פון אַזאַ וויכטיקן קאָאָפּעראַטיוו, האָט מיר געבראַכט אויך אַנדערע כּיבודים: די

פאַרטיי האָט מיך נאָמינירט אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, אין דער קאָמיסיע פאַר אינדוסטריעלע פּראָבלעמען; איך בין געווען אַ מיט־גליד אין דער רעגיאָנאַלער פאַרוואַלטונג פאַר קאָמערציעלע פּראָבלעמען; צו גלײַך מיט אַנדערע פאָרזיצער פון וויכטיקע אונטערנעמונגען, האָב איך געדאַרפט איין מאָל אין חודש שלאָפן אין פאַרטיי־בנין, ווי אַ שומר. אַזאַ צוטרוי האָט מען מיר אַרויס־געוויזן!

איין מאָל האָט מען צונויפגעשטעלט אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל קאָנטראָלירן די פּרײַזן פון די דעטאַל־געשעפטן. די קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון דעם פאָרזיצער פאַר דער פאַרזאָרגונג פון דער פּראָווינץ, דעם סעקרעטאַר פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע (קאָמ־סאָמאָל) און איך. בײַ דער ערשטער זיצונג, אין ביוראָ פון פאָרזיצער, האָט דער בחור פון קאָמסאָמאָל זיך געווענדט צו אונדז בזה הלשון: איר ביידע זענט דאָך אָנפירערס פון גרויסע אונטער־נעמונגען און עס פעלט אײַך גאָרנישט. איך אָבער דאַרף אַ פאָר הויזן! מיר זענען, פאַרשטייט זיך, מסכים געווען און אים געלאָזט דורכפירן דעם קאָנטראָל אין אַ טעקסטיל־דעטאַל־געשעפט, וווּ ער האָט באַקומען אַ פאָר הויזן.

אַ גרויסע סכּנה זענען געווען די שטענדיקע פאָרשלאָגן פון אַנדערע אונטערנעמונגען, ווי אַזוי צו מאַכן שוואַרצע געשעפטן, פאַר וועלכע איך האָב זייער מורא געהאַט. אַזוי איז, למשל, געקומען צו מיר דער דירעקטאָר פון דעם אוניווערסאַלן געשעפט, וואָס האָט דאָרטן געהייסן „פּראָמיטאָרג", און האָט מיר פאָר־געלייגט אַ שווינדל, אין שײַכות מיט אַ באַשטעלונג פון פיר טויזנט ציכן פאַר קישנס. מיר האָבן געדאַרפט מאַכן פאַלשע דאָקומענטן, אַז מיר האָבן די סחורה אויסגעאַרבעט, און פאַרקויפן דעם פּאָדעם אויפן שוואַרצן מאַרק. ווען איך האָב אים דערקלערט אַז כ׳האָב מורא פאַר אַזעלכע געשעפטן, האָט ער מיך קודם אויסגעלאַכט און דערנאָך האָט ער מיך געסטראַשעט, אויב כ׳וועל נישט אײַנגיין אויף זײַן פאָרשלאָג, וועט ער זיך אָפּזאָגן צו נעמען די ציכן און וועט מיך מסרן אין דער פאַרטיי, אַז איך מאַך אַ שלעכטע סחורה. פאַר אַזאַ ענין האָב איך געקענט אַרײַן אין תּפיסה. און אַזאַ

נידעריקער פאַרשוין, דערצו אַ גרויסער שיכּור, איז געווען אַ גאַנצער מיוחס אין דער פּאַרטיי . . .

און אַט איז נאָך אַ באַווייַז פון סאָוועטישער ערלעכקייט: איין מאָל איז געקומען אַ באַפעל, געחתמעט פון סטאַלינען בכבודו־ובעצמו, אַז אַלע אונטערנעמונגען זאָלן מאַכן עקאָנאָמיעס און מיט דעם איינגעשפּאָרטן געלט אַרויסהעלפן די אַלמנות און יתומים פון דער מלחמה. איז דאָך טאַקע גוט. אָבער די שלעפּערס פון דער פּאַרטיי האָבן כּמעט אַלץ צוגענומען און ס'איז קיין סך נישט געבליבן פאַר די אַלמנות און יתומים. איין מאָל, אויף אַ זיצונג ביים פאָרזיצער פון דער ראַיאָנאַלער פאַרוואַלטונג, האָט מען פאָרגעלייענט אַ בריוו פון אַן אַלמנה, ווו זי באַקלאָגט זיך אַז מיר שטיצן זי נישט גענוג, ווערליק דעם באַפעל פון חבר סטאַלין. דער פאָרזיצער האָט מיך שטאַרק געמוסרט, אַלמאַי איך פאָלג נישט סטאַלינס באַפעל און גיב דער אַלמנה נישט גענוג געלט פון די עקאָנאָמיעס אין קאָאָפּעראַטיוו. איך האָב זיך פאַרענטפערט און געטענהט, אַז ס'איז נישט מיין פאַבריק און לויט די חשבונות, קען מען מער נישט פאַרטיילן. נאָך דער זיצונג האָט מיך דער פאָרזיצער אַריינגערופן צו זיך, און ווען מיר זענען געבליבן אונטער פיר אויגן, האָט ער זיך צעלאַכט און מיר געזאָגט, אַז וואָס ער האָט פריִער געטענהט, איז בלויז געווען פאַרן פּראָטאָקאָל. אויב איך האָב איבעריק געלט, זאָל איך עס נישט אַוועקגעבן קיין שום אַלמנות, איך זאָל עס געבן טאַקע אים אַליין, ווייל ער האָט אַ גרויסע משפּחה און קען זי נישט אויסהאַלטן.

וואָס מער איך האָב געהאַט צו טאָן מיט דער פּאַרטיי, האָב איך אַלץ מער געזען ווי ווייט די סיסטעם איז אויפגעבויט אויף ליגן און קאָרופּציע. קיינער האָט קיינעם נישט געגלייבט און איטלעכער האָט געוווּסט אַז מען זאָגט נישט אין דער עפנטלעכקייט דאָס וואָס מען טראַכט ביי זיך. אַלע עפנטלעכע דרשות האָבן זיך אָנגעהויבן מיט אַ ציטאַט פון חבר סטאַלין און זיך געענדיקט מיט אַ ציטאַט פון חבר סטאַלין.

דער קולטור־קאָמיסאַר פון אונדזער טרעסט איז געווען אַ ייִד מיטן נאָמען דערעש, אַ געוועזענער מאַיאָר אין דער אַרמיי און אַן

אינוואַליד פון דער מלחמה. ווען ער האָט דערמאָנט דעם נאָמען סטאַלין אין זײַנע פּײַערדיקע דרשות, האָט מען אַרויסגעפּילט ממש התלהבות.

איין מאָל זענען מיר געזעסן בײַ אַ גלעזל וואָדקע און געפּײַערט די גרויסע אָקטאָבער־רעוואָלוציע. דערעש איז אויך געזעסן צווישן די נאַטשאַלניקעס. אויך איך, ווי דער פּאָרזיצער פון די אונטער־נעמונגען. נאָך עטלעכע גלעזלעך משקה האָב איך געפּילט ווי דער קולטור־קאָמיסאַר רוקט מיר אַרײַן אַ צעטעלע אין קעשענע. אַ דערשראָקענער בין איך אַוועק אין בית־הכּסא און ווען כ׳האָב אַרויסגענומען דאָס צעטעלע בין איך דערציטערט געוואָרן: ס׳איז געווען געשריבן אויף לשון־קודש: אני רוצה לדבר איתך בארבע עיניים — דהײַנו ער וויל מיט מיר רעדן אונטער פיר אויגן.

דעם אַנדערן טאָג איז ער אַרײַנגעקומען צו מיר אין ביוראָ און האָט פאַרריגלט די טיר הינטער זיך. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן איבער און כ׳האָב אים צום ערשטן מאָל געקענט גוט באַטראַכטן פון דער נאָענט. ער איז אַלט געווען אַן ערך 35 יאָר און זײַן פּנים איז געווען צעקאַרבט פון די ווונדן וואָס ער האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט אויפן פראָנט. ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן אויף ייִדיש, וואָס ער האָט פריִער קיין מאָל נישט געטאָן. איך גיב דאָ איבער אַן ערך אַלץ וואָס ער האָט גערעדט, מיט אַ וויינענדיק קול, וואָס איך האָב אויך פון אים קיין מאָל נישט געהערט:

— איסראַעל גריגאָריעוויטש, — אַזוי האָט מען מיך אָפיציעל גערופן, לויטן רוסישן נוסח — פאַר מיר זענט איר פרײַנד ישראל פּאָלאַק, און איך וויל פאַר אייך זיך אַ ביסל אַראָפּרעדן פונעם האַרץ, ווי פאַר אַ פּשוטן, פּאָלקסטימלעכן ייִדן. איך בין אַ זון פון אַן אַדעסער שוחט. צו פופצן יאָר בין איך שוין אַרײַן אין דער פּאַרטיי און מײַן טאַטע איז געשטאָרבן פאַר יסורים, וואָס איך בין געוואָרן אַ קאָמוניסט. אין דער מלחמה קעגן היטלערן בין איך צוויי מאָל שווער פאַרוווּנדיקט געוואָרן. ווען מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער אָפענסיווע און מיר זענען צוריק אַרײַן אין די שטחים וואָס דער דײַטש האָט געהאַט אָקופּירט, האָב איך געזען דעם גרויסן

בראָך וואָס האָט אונדז ייִדן געטראָפן — די מאַסנגריבער אין אוקראַיִנע און שפּעטער די טויט־פאַבריקן אין אוישוויץ און טרעבלינקע. איך האָב געפֿילט נאָך אַ גרעסערן ווייטיק, ווען כ׳האָב דערזען אַז מײַנע קאָמוניסטישע חברים זענען גאָר צופֿרידן וואָס מ׳האָט אויסגעקוילעט די ייִדן. כ׳האָב זיך דערמאָנט וואָס מײַן טאַטע פֿלעג מיר זאָגן: דער רוסישער אַנטיסעמיטישער בער איז געלעגן הונדערטער יאָרן אויף דער רעכטער זײַט, איצט ליגט דער זעלביקער בער אויף דער לינקער זײַט. ער איז אָבער אַלץ געבליבן אַן אַנטיסעמיט.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך מורא געהאַט צו ענטפֿערן אויף זײַנע רייד. אפֿשר איז ער גאָר אַ פּראָוואָקאַטאָר, ווי ס׳האָט אָפֿט געטראָפֿן אין יענער צייט? כ׳האָב אים בלויז געבעטן ער זאָל אויפֿהערן רעדן, ווײַל אַזעלכע רייד זענען אַ סכּנה. ר׳האָט מיך אָבער נישט געפֿאָלגט. ר׳האָט געזאָגט אַז ער זעט אין מיר אַ ייִד, וואָס ער קען צו אים האָבן צוטרוי און ער מוז זיך אַראָפּרעדן פֿונעם האַרץ. זײַן פֿאָטער איז געווען אַ בראַסלאַווער חסיד — האָט ער מיר ווײַטער דערציילט — און איצט וויל ער איך זאָל אים מיט זײַן פֿרוי פֿאַרבעטן צו זיך אַהיים, צו אַ שבתדיקער סעודה, ווי בײַ זײַן טאַטע אין שטוב, ער זאָל קענען מאַכן קידוש און זינגען זמירות. און באַלד האָט זיך דער קולטור־קאָמיסאַר טאַקע צעזונגען בײַ מיר אין ביוראָ מיט אַ מיזמור לדוד, אַז איך בין אַזש פֿאַרגליווערט געוואָרן פֿאַר שרעק. כ׳האָב אים געבעטן ער זאָל אויפֿהערן זינגען, מען קען נאָך דערהערן און אָפּטראָגן אין פּאַרטיי וואָס עס קומט פֿאָר אין מײַן ביוראָ, אָבער ס׳האָט נישט געהאָלפֿן, ער איז אַרײַן אין אַ מין טראַנס און כ׳האָב אים נישט געקענט אָפּשטעלן. ס׳האָט פֿון אים אַרויסגעזונגען אַ גרויסע ווייטיק, וואָס איז אַ לאַנגע צײַט געלעגן פֿאַרשלאָסן אין זײַן האַרץ. צום סוף האָט ער מיר נאָך געזאָגט, אַז ער אַליין האָט נישט קיין האָפֿענונג אַ מאָל אַרויסצוקומען פֿון רוסלאַנד, נאָר מיר ראָט ער, איך זאָל בײַ דער ערשטער געלעגנהייט אַוועק פֿון דאָרטן נאַקעט און באָרוועס, וואָרעם דער סאָוועטישער רעזשים איז די גרעסטע סכּנה פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק.

איך האָב אים טאַקע פאַרבעטן אויף אַ שבתדיקער סעודה מיט זײַן פרוי און ער האָט זיך ממש מחיה געווען. ר׳האָט געמאַכט קידוש מיט אַ טיפן, ווייִנענדיקן ניגון און דערנאָך געזונגען זמירות אויפן בראַסלאַווער שטייגער. כ׳האָב זיך נישט געקענט אײַנהאַלטן און האָב אים געפרעגט, ווי אַזוי קען ער האַלטן אַזעלכע פײַערדיקע דרשות, בעת ער טראַכט אַזוי מיאוס וועגן סאָוועטישן רעזשים? האָט ער מיר געענטפערט, אַז ווער עס וויל איבערלעבן דעם הײַנטיקן רעזשים אין רוסלאַנד מוז שפּילן אויף אַזאַ פאַלשער סטרונע און מוז זינגען שבחים פאַר דעם גרוזינישן טיראַן. מען מוז עס אָבער גוט קענען, מען מוז שפּילן אויף אַ פּראָפעסיאָנעלן אופן און נישט ווי אַ דילעטאַנט. ער האָט זיך אויסגעלערנט די מלאכה, ווײַל ער וויל איבערלעבן דעם רעזשים.

איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן דעם עפּיזאָד מיט יענעם קולטור־קאָמיסאַר, ווײַל ער האָט מיר געעפנט די אויגן, וואָס שייך די רוסישע ייִדן. איך האָב אָנגעהויבן צו זען אין זיי אַנוסים, הגם דאָס איז געווען אין 1944, ווען עס האָבן נאָך עקסיסטירט ייִדישע שולן, אַ ייִדיש טעאַטער און ייִדישע גענעראַלן אין דער אַרמיי.

איך געדענק דאָס ייִדישע טעאַטער פון קיִעוו, ווען ס׳איז געקומען גאַסטראָלירן אין טשערנאָוויץ. איך געדענק נאָך די ייִדישע שרײַבערס וואָס זענען געקומען צו אונדז, און דערעיקרשט געדענק איך איציק פעפערן, דעם ייִדישן פּאָעט, וואָס האָט געהאַלטן אַ באַגײַסטערטע דרשה און האָט גערעדט וועגן דעם גרויסן נס וואָס האָט געטראָפן די ייִדן, זיי זאָלן קענען לעבן אין דעם פרײַען סאָוועטן־פאַרבאַנד. כּידוע, איז דער זעלביקער איציק פעפער פאַר־משפּט געוואָרן צום טויט אין 1952 און דערשאָסן געוואָרן אין איינעם מיט די אַנדערע ייִדישע שרײַבער פון רוסלאַנד, וואָס מ׳האָט זיי באַשולדיקט אין שפּיאָנאַזש, נאַציאָנאַליזם און ציוניזם.

ווען סטאַלין האָט געגעבן אַ באַפעל מען זאָל מאַכן אַ קריגס־הלוואה בײַ דער באַפעלקערונג, איז אַראָפּגעקומען פון קיִעוו אַ קאָמיסאַר, כּדי צו אָרגאַניזירן די גאַנצע אַקציע. אין אונדזער קאָאָפּעראַטיוו, וווּ עס האָבן געאַרבעט 90% ייִדן, האָט דער קאָמיסאַר מיך גענומען פאַר אַן איבערזעצער, ווײַל די מענטשן האָבן שווער

פאַרשטאַנען רוסיש. ער האָט אין פּשוטע ווערטער געזאָגט, אַז סטאַלין פאָדערט אַ קריגס־הלוואה פון דער באַפעלקערונג און איטלעכער דאַרף זיך באַטייליקן אין אָט דער פּאַטריאָטישער אַקציע. פאַר מיר איז געווען אַן עולם פון ייִדן, וואָס זענען צוריקגעקומען פון די לאַגערן אין טראַנסניסטריע און יעדער איינער האָט זיך געמאַטערט פאַרן שטיקל ברויט. דעריבער האָב איך געפילט, אַז ס׳איז מיר שווער איבערצוזעצן פאַר זיי אַזוי טרוקן, וואָרט ביי וואָרט, וואָס דער רוסישער קאָמיסאַר האָט געזאָגט. האָב איך פאַרטייטשט זיינע ווערטער מיט מיין נוסח און געזאָגט, אַז מיר דאַרפן זיך באַטייליקן אין דער הלוואה, ווי אַ צייכן פון דאַנקבאַרקייט, פאַר דעם וואָס די רויטע אַרמיי האָט אונדז געראַטעוועט דאָס לעבן. דער שליח האָט עפּעס געפילט, אַז איך זאָג נישט איבער פּינקטלעך וואָס ער האָט געזאָגט, האָט ער זיך געהייסן איבערזעצן מיינע ווערטער אויף רוסיש. און אַז מ׳האָט אים איבערגעזעצט, האָט ער מיר תיכּף באַפוילן איך זאָל מוותר זיין אויף מיין פּירוש. גענוג אַז דער גרויסער חבר סטאַלין האָט געהייסן מען זאָל זיך באַטייליקן אין דער הלוואה, דאַרף מען עס נישט טאָן פון דאַנקבאַרקייט וועגן, נאָר פּשוט ווייל סטאַלין האָט אַזוי געהייסן.

מענטשן האָבן מורא געהאַט פאַר אַן איבעריק וואָרט. מ׳האָט אויך מורא געהאַט צו געבן אַ שריפטלעכן באַפעל. מ׳האָט זיך באַמיט צו זאָגן בעל־פּה, טאָמער מאַכט זיך און עס פאַלט אויס שלעכט, קען מען אָפּלייקענען: כ׳האָב נישט געזאָגט!

אַז ס׳איז אַראָפּגעקומען אַ גרויסער פונקציאָנאַר פון מאָסקווע צי פון קיִעוו, האָט מען אונטערגעשטעלט עמעצן וואָס זאָל אויף די אַסיפות מיטן גאַסט אויסלויבן די לאָקאַלע אָנפירונג פון דעם קאָאָפּעראַציע־פאַרבאַנד. דעם אמת האָט זיך קיינער נישט דערוועגט צו זאָגן. מ׳האָט זיך אויסגעלערנט איבערצוחזרן די אויסגעדראָשענע פּאָליטישע לאָזונגען. עד־היום גייט מיר נאָך דער ניגון פון אַ רוסיש ליד, וואָס זיינע ווערטער זענען דער בעסטער אויסדרוק פונעם סאָוועטישן שקר. צווישן אַנדערן, ווערט געזאָגט אין דעם ליד: „איך קען נישט קיין אַנדער לאַנד אויף דער וועלט, ווו דער מענטש

אַטעמט אַזוי פרײַ!" (יאַ דרוגוי טאַקוי סטראַנע ניע זנײַו, גדיע טאַק וואָלנאַ דישיט טשעלאָוויעק).

די אַזוי גערופענע סאָוועטישע מאָראַל האָט אויך נישט דער־לויבט קיין פילאַנטראָפּישע מעשים. דער פּרינציפּ איז געווען, אַז אויב מען דאַרף עמעצן העלפן, זאָל עס טאָן די מלוכה און נישט דער יחיד. איך געדענק ווי די שארית־הפליטה פון די דײַטשע לאַגערן, וואָס די רויטע אַרמיי האָט באַפרײַט, איז פאַרבײַגעגאַנגען דורך טשערנאָוויץ. זיי זענען געגאַנגען גרופּנווײַז, איטלעכע גרופּע מיט איר נאַציאָנאַלער פאָן. מיר האָבן זיי געוואָלט אַרויסטראָגן עסן און קליידער, אָבער די רוסן האָבן נישט דערלויבט. פילאַנטראָפּיע איז אַ בירגערלעכער מעטאָד, וואָס פּאַסט נישט פאַר סאָוועטישע מענטשן! די קאַפּיטאַליסטן מאַכן צו ערשט פאַרמעגן און דערנאָך שענקען זיי אויך עפּעס אַוועק דעם אָרעמאַן, כּדי זיך צו רייניקן דאָס געוויסן. אין קאָמוניסטישן רעזשים עקספּלואַטירט מען נישט און מען שענקט נישט...

איין מאָל האָט מען אַלע אָנפירער פון די אונטערנעמונגען פאַרבעטן אין פּאַרטיי און מ'האָט זיי צו וויסן געטאָן, אַז דער חבר סטאַלין האָט באַפוילן, ווער ס'איז רעליגיעז, זאָל קענען פרײַ אויס־פירן זײַן רעליגיעזן גלויבן, נישט געקוקט וואָס די קאָמוניסטישע פילאָסאָפיע איז אַ מאַטעריאַליסטישע און אַטעיִסטישע. דער קולטור־קאָמיסאַר האָט מיט אַ ציניש שמייכל צוגעגעבן: נישקשה, די ענקאַוועדיסטן קענען אויך זײַן גוטע גלחים. זיי זענען נישט ווינציקער ערלעך ווי די גלחים אין דער צײַט פונעם צאַר, וואָס זענען געווען גרויסע זשוליקעס, ווי למשל ראַספּוטין. זיי דאַרפן זיך נאָר פאַרלאָזן בערד!

דאָס איז געווען קרוב צו די ימים־נוראים. נישט געקוקט אויף דער גרויסער רעליגיעזער פרײַהייט וואָס סטאַלין האָט באַפוילן, האָט די פּאַרטיי געגעבן אַ פּריקאַז, מען זאָל יִדן נישט לאָזן גיין ראָש־השנה און יום־כּיפּור אין שול אַרײַן, כּדי די פּראָדוקציע זאָל דערפון נישט לײַדן. איך האָב אָבער גענומען אויף זיך דאָס אַחריות און געלאָזט צו דרײַ־פיר יִדן גיין אויף אַ פערטל שעה אין שול אַרײַן, זאָגן יזכּור.

פון קיִעוו איז אַראָפּגעקומען אַ פּראָקוראָר, וואָס מ׳האָט אים ספּעציעל געשיקט ער זאָל אונדז אויסלערנען ווי אַזוי צו האַלטן דיסציפּלין אין די אונטערנעמונגען און ווי אַזוי צו פּאַרהיטן אַז די אַרבעטער זאָלן חלילה נישט גנבענען. וואָס שייך די אַרבעטס־דיסציפּלין — האָט דער פּראָקוראָר אונדז אויסגערעכנט די שטראָפן וואָס מען באַקומט פּאַרן פּאַרשפּעטיקן בײַ דער אַרבעט. למשל, אַז מען פּאַרשפּעטיקט דאָס ערשטע מאָל צען מינוט, נעמט מען אַראָפּ 10% פונעם געהאַלט; דאָס צווייטע מאָל נעמט מען שוין אַראָפּ 20%, און דאָס דריטע מאָל מאַכט מען אַ מישפּט און מען באַקומט דרײַ חדשים תּפיסה. וואָס שייך גנבות — האָט דער פּראָקוראָר אונדז געוואָרנט — דאַרף מען זוכן בײַ די אַרבעטער אין די קליידער, ווען זיי גייען אַרויס פון פּאַבריק. מען דאַרף אויך זוכן אין די ליידיקע כּלים אין וועלכע זיי ברענגען עסן צו דער אַרבעט, ווײַל ס׳האָט שוין געטראָפן, אַז אַרבעטער האָבן באַהאַלטן געגנבעטע שפּולן פּאָדעם אין די קרוגן, אין וועלכע זיי האָבן געבראַכט מילך.

אַז מ׳האָט געפּאָדערט פון דעם פּראָקוראָר ער זאָל אונדז געבן אַ שריפטלעכן באַפעל אין שײַכות מיט די געזעצן וואָס ער האָט אונדז פירגעלייענט פון אַ ביכל, האָט ער געטענהט, אַז דער ראַטן־פּאַרבאַנד איז נישט פּאַראינטערעסירט צו פּאַרשפּרייטן זײַנע מעטאָדן פון אַרבעטס־דיסציפּלין, כּדי די קאַפּיטאַליסטן אויף דער וועלט זאָלן זיך נישט דערוויסן און זיי באַניצן אין זייערע פּאַבריקן...

אַ סך זאַכן האָב איך זיך אויסגעלערנט אונטערן סאָוועטישן רעזשים. צווישן אַנדערן האָב איך אויך פּאַרשטאַנען דעם אמתן מיין פון רעלאַטיוו. איין מאָל, למשל, האָב איך געזען אַ לאַנגע ריי וואָס שטייט בײַ אַ רעסטאָראַן, ווו מ׳האָט געטיילט אַ באָרשט מיט אַ שטיק ברויט און אַ קריגל ביר. אַ הונגעריקער, האָב איך זיך אויך אַוועקגעשטעלט אין דער ריי. און ווען כ׳האָב סוף־כּל־סוף, נאָך אַ שעה וואַרטן, באַקומען דעם באָרשט און דאָס שוואַרצע שטיק ברויט, האָט עס געהאַט אַ טעם־גן־עדן. אין מײַן לעבן האָב איך נאָך נישט געהאַט אַזאַ הנאה פון אַן עסן, ווי דעמאָלט. אַזוי האָב איך פּאַרשטאַנען אַז אַלץ איז רעלאַטיוו...

אָנהייב 1945, ווען די מלחמה איז שוין געווען צו נעילה, נאָך

דעם ווי די רויטע אַרמיי האָט שוין געהאַט פאַרנומען רומעניע און אונגאַרן, און מ׳האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן די אָפּענסיווע אויף בערלין, האָט מען צוזאַמענגערופן אַלע אָנפירער פון די אונטער־נעמונגען, זיי זאָלן הערן אַ וויכטיקן רעפעראַט, פון אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, וואָס איז ספּעציעל געקומען פון קיִעוו.

דער רעפערענט האָט, צו אונדזער פאַרוווּנדערונג, נישט מער גערעדט וועגן דעם נצחון איבער דייַטשלאַנד. דאָס — האָט ער געזאָגט — איז שוין אַ פאַקט. די פּראָבלעם וואָס שטעלט זיך פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד, זענען די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אָט די לענדער — האָט אונדז דערקלערט דער פאַרשטייער פון דער פּאַרטיי — האָבן בכּיוון אַזוי שפּעט געעפנט דעם צווייטן פראָנט קעגן דייַטש־לאַנד, כּדי רוסלאַנד זאָל קודם אָפּגיין מיט בלוט אין דער מלחמה קעגן היטלערן. און מיר זענען נישט זיכער — האָט דער רעפערענט אונדז געוואָרנט — צי די קאַפּיטאַליסטישע לענדער וועלן נישט באַלד אָנפאַלן אויפן ראַטן־פאַרבאַנד. דעריבער מוז רוסלאַנד זייַן גענוג שטאַרק, כּדי צו קענען פירן מלחמה אויך קעגן די הייַנטיקע אַלייִרטע.

דאָס איז פאַר מיר געווען אַ נייַער נוסח פון סטאַלינס דיאַלעקטיק. אָט דעם פּאָליטישן רעפעראַט האָט מען אַוודאי געהאַלטן אין גאַנץ רוסלאַנד, און די כּוונה איז געווען אַ קלאָרע: די מערבדיקע לענדער זאָלן געוווּיר ווערן, אַז סטאַלין שרעקט זיך נישט, און ער וועט פירן זייַן פּאָליטיק אין מיטל־אייראָפּע ווי אים וועט געפעלן.

מייַן אינטערעס און דער אינטערעס פון אַ סך ייִדן אין טשערנאָוויץ, איז אָבער פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַנדערע קלאַנגען וואָס האָבן זיך פּלוצעם פאַרשפּרייט. די ענקאַוועדע האָט געלאָזט וויסן דורך אירע געהיימע שליחים, אַז אַמאָליקע רומענישע בירגער, וואָס ווילן זיך אומקערן קיין רומעניע, זאָלן זיך ווענדן מיט אַ בקשה אין אויסוואַנדערונג־דעפּאַרטמענט פון דער פּאָליציי. אין אָנהייב האָבן אַ סך מורא געהאַט, טאָמער וועט מען די פאַרשריבענע

אויסצוּוואַנדערן אַוועקשיקן קיין סיביר. פאַר מיר איז אָבער געווען קלאָר, אַז די סאָוועטישע מאַכט איז פאַראינטערעסירט מיר זאָלן אַרויספאָרן, כּדי אונדזערע פּאָסטנס און אונדזערע דירות אַוועק־צוגעבן פאַר רוסישע אָפיצירן, וואָס באַפרײַען זיך פון דער אַרמיי. דעריבער האָט די גאַנצע אָנפירונג פון דעם קאָאָפעראַטיוו, אין שפּיץ מיט מיר, צונויפגעשטעלט אַ בשותּפותדיקע רשימה און חיים לונקער, וואָס איז געווען מײַן רעכטע האַנט, האָט די רשימה מיט די בקשות אונדזערע אַרײַנגעטראָגן אין פּאָליציי.

איך בין געווען דער ערשטער וואָס האָט, נאָך אַן ערך צוויי וואָכן, באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן קיין רומעניע. מײַנע פרײַנד האָבן מיך חושד געווען אַז כ׳האָב געגעבן באַקשיש כּדי צו זײַן דער ערשטער. דער אמת איז אָבער געווען, אַז די פּאַרטיי האָט געדאַרפט מײַן פּאָסטן און מײַן דירה פאַר אַ רוסישן אָפיציר, אַן אינוואַליד, וואָס האָט זיך אומגעקערט פונעם פראָנט.

נישט געקוקט דערויף, וואָס כ׳האָב שוין געוווּסט אַז איך גיי אַוועק פון פּאָסטן, האָט מען מיר נאָך אַ מאָל געגעבן די רויטע פאָן ווי אַ סטאַכאַנאָוועץ, אויף אַ באַזונדערער שימחה, ווו מ׳האָט געפײַערט אַ יאָר פון זינט די רוסן האָבן זיך אומגעקערט קיין טשערנאָוויץ. צו דער שימחה איז אַראָפּגעקומען פון קיִעוו אַ מיניסטער. נאָך דעם ווי איך האָב פאַרענדיקט מײַן פּאַטריאָטישע דרשה, וואָס איך האָב געמוזט האַלטן לכּבוד דעם באַקומען די רויטע פאָן, איז דער מיניסטער צוגעקומען צו מיר און האָט מיר אַ זאָג געטאָן אויף יִדיש; מזל־טוב! דערנאָך האָט ער מיך געבעטן איך זאָל אים באַזאָרגן אַ הוט, אַ קראַוואַט און אַ צעשטויבער פאַר אָדעקאָלאָן. דאָס זענען געווען די השגות פון אַ מיניסטער! איך האָב זיך דערמאָנט אין פּרצעס באָנטשע שווײַג, וואָס האָט דאָרטן אין הימל געפאָדערט פאַר זײַנע מעשים־טובים אויף דער וועלט — אַ פרישע בולקע מיט פּוטער...

עטלעכע טעג פאַר מײַן אַרויספאָרן, בין איך פאַרבײַגעגאַנגען דעם בנין ווו ס׳איז געווען די רעגיאָנאַלע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און די אַדמיניסטראַטיווע פאַרוואַלטונג. בײַם פענצטער איז געשטאַנען דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר און דער פאָרזיצער פון דער ציווילער

פאַרוואַלטונג. ווי זיי האָבן מיך דערזען, האָבן זיי מיך אַרויפגערופן אין ביוראָ און מיר געזאָגט אַז זיי דאַרפן באַשטעלן אַ געוויסע צאָל אָנצוגן. האָב איך זיי געזאָגט אַז איך קען נישט אָננעמען קיין באַשטעלונגען, ווײַל דער שנײַדער־מײַסטער לענץ אַרבעט נישט מער. ווען זיי האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי מיר אָנגעהויבן זאָגן מוסר, אַלמאַי איך לאָז אַרויספאַרן וויכטיקע מענטשן פון קאָאָפּעראַטיוו. דערויף האָב איך זיי געענטפערט, אַז נישט איך באַשטים די עמיגראַציע־פּאָליטיק. דאָס איז אַן ענין פון דער פּאָליציי. פּלוצעם האָבן זיי מיר פאָרגעשלאָגן צו קומען מיט מיר אַהיים און מאַכן אַ לחיים. ווײַזט אויס אַז זיי האָבן געוואָלט זען צי איך גרייט זיך נישט אַוועקצופאָרן, און אין דער אמתן בין איך שוין געווען פאַרטיק צונויפגעפּאַקט. האָב איך זיך אַרויסגעדרייט מיט כּל מיני תּירוצים, אַז איך האָב נישט דעם שליסל פון דער היים און מײַן פרוי איז אויך נישט אין שטוב, אָבער איך וועל זיי פאַרבעטן מיט עטלעכע טעג שפּעטער אויף אַ לחיים.

שפּעטער מיט אַ יאָר, ווען ס'איז געקומען קיין בוקאַרעשט מײַן פרײַנד פּעטיע ראָזענטאָלער, האָט ער מיר דערציילט, אַז עטלעכע טעג נאָך מײַן אַוועקפאָרן, האָבן זיי געשיקט אַ שליח אין פאַבריק, איך זאָל תּיכּף קומען, זיי דאַרפן מיך געניטיק. ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט אַז איך בין שוין אַוועקגעפאָרן, האָבן זיי נישט געוואָלט גלייבן, און זענען אַליין געקומען אין קאָאָפּעראַטיוו זיך איבערצײַגן. בײַ דער געלעגנהייט האָבן זיי געזאָגט מײַן חבר ראָזענטאָלער: אויב ער וועט מיך אַ מאָל באַגעגענען, זאָל ער מיר זאָגן אין זייער נאָמען, אַז איך בין אַ גרויסער דוראַק, וואָרעם אין רומעניע וועט מען אויך אײַנפירן דעם זעלבן רעזשים ווי אין רוסלאַנד, נאָר דאָרטן וועל איך שוין נישט זוכה זײַן צו האָבן אַזאַ גרויסן פּאָסטן, ווו עס זאָל מיר גאָרנישט פעלן.

איידער איך בין אַוועקגעפאָרן, בין איך מיט מײַן פרוי געגאַנגען זיך געזעגענען מיטן פּרעדסעדאַטעל פון קאָאָפּעראַציע־פאַרבאַנד, חבר סאַפּטשוק. זײַן ווײַב איז געווען אַ ייִדישע און זי האָט אונדז אַ זאָג געטאָן אויף ייִדיש, אַז זי שעמט זיך פאַר איר מאַן, וואָס די ייִדן זענען אַזאַ פאָלק פון ציגײַנערס, און וואַנדערן פון איין לאַנד

אין אַנדערן. זי פאַרשטייט גאָר נישט פאַר וואָס מיר פאָרן אַוועק פון אַ לאַנד וווּ מיר האָבן פון כּל־הגוטס...

מיר זענען אויך געגאַנגען זיך געזעגענען מיטן וויצעפּאַרזיצער פון קאָאָפּעראַציע־טרעסט, חבר ברוידאַ, אַ גרויסע שישקע אין דער פּאַרטיי. ער האָט קיין מאָל נישט אַרויסגעוויזן אַז ער איז אַ ייִד. ביים געזעגענען האָט ער צו מיר געזאָגט, דווקא אויף ייִדיש: חבר פּאָלאַק, אַז איר וועט באַגעגענען חיים וויצמאַנען, זאָלט איר אים זאָגן ער זאָל נישט פאַרגעסן אין די רוסישע ייִדן...

פאַרן אַרויספאָרן האָט חיים לונקער מיר פאַרשאַפט פיר הונדערט דאָלאַר אין מזומן און גאָלד־מטבעות, וואָס ייִדן האָבן זיי גערופן „חזירלער", ווייל זיי האָבן געהאַט אויף זיך דעם פּרצוף פונעם צאַר ניקאָליי.

אַזוי זענען מיר, די גאַנצע משפּחה, מיט די עלטערן אין איינעם, אַריבער די רומענישע גרענעץ לעבן סערעט. מיר האָבן געציטערט, די גרענעץ־פּאָליציי זאָל חלילה נישט געפינען די דאָלאַרן און די מטבעות, וואָס מיר האָבן באַהאַלטן ביי איטלעכן באַזונדער. זיי האָבן אָבער בלויז צוגענומען ביי אונדז די רוסישע דאָקומענטן און די בילדער פון די לעצטע יאָרן. דער רעשט פון אונדזער משפּחה, וואָס איז אַוועק מיט די רוסן ביים אָנהייב פון דער מלחמה, איז ערשט רעפּאַטרייִרט געוואָרן מיט אַ יאָר שפּעטער, צוריק קיין רומעניע.

וואָס ווײַטער?

די גרענעץ צווישן רוסלאַנד און רומעניע איז געווען אַ פֿאָרמעלער ענין, וואָרעם גאַנץ רומעניע איז שוין געווען אָקופּירט פֿון דער רויטער אַרמיי. אָבער עקאָנאָמיש און פּאָליטיש איז פֿאַרט געווען אַ גרויסער חילוק. דעם סאָציאַליסטישן רעזשים האָבן די רוסן אײַנגעפֿירט אין רומעניע ערשט מיט צוויי יאָר שפּעטער, ווען זיי האָבן שוין נישט מורא געהאַט פֿאַר די מערב־לענדער, אויב זיי וועלן בײַטן דעם סטאַטוס־קוואָ פֿון די פֿאַרנומענע שטחים.

מיר זענען אָנגעקומען קיין גורא־הומאָרולוי אין מײַ 1945, ווען היטלער ימח־שמו האָט זיך שוין געהאַט גענומען דאָס לעבן אין אײנעם מיט זײַן געליבטער עווא בראַון און מ׳האָט אים שוין געהאַט פֿאַרברענט, ווי ער אַליין האָט באַפֿוילן, כּדי ס׳זאָל פֿון אים קיין זכר נישט בלײַבן. אוודאי האָבן מיר זיך געפֿרייט וואָס מיר האָבן דערלעבט דײַטשלאַנדס מפּלה, אָבער די פֿרייד אונדזערע איז פֿאַרטונקלט געוואָרן פֿון די ביטערע ידיעות וואָס מיר האָבן זיך דערוווּסט.

קודם־כּל האָבן מיר זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז מען וועט היטלערן כאַפּן אַ לעבעדיקן, אים פֿאַרשפּאַרן אין אַ שטײַג און אים אַרומפֿירן איבער דער גאַנצער וועלט, איטלעכער זאָל קענען אַ שפּײַ טאָן אויף דעם מאַסן־מערדער.

דער עיקר אָבער, זענען מיר ערשט איצט געוווּיר געוואָרן ווי גרויס ס׳איז דער חורבן, אַז היטלערן איז כּמעט געראָטן דורכצופֿירן זײַן פּלאַן, צו פֿאַרטיליקן אַלע ייִדן אין אייראָפּע. אַלץ וואָס מיר האָבן ביז דעמאָלט געהערט וועגן די לאַגערן איז געווען בלויז אַ גאָר קליינער טייל, לגבי דעם וואָס מיר זענען געוווּיר געוואָרן נאָך דער מלחמה.

מיר האָבן פּלוצעם פאַרשטאַנען ווי שווער ס׳איז ווײַטער צו לעבן אין יענע מקומות, צווישן מענטשן וואָס האָבן זיך גלײַכגילטיק באַצויגן צו דעם טראַגישן גורל פון ייִדן, אָדער האָבן טאַקע אַקטיוו אָנטייל גענומען אין די גרויליקע מעשים. כ׳האָב געפילט אַז ס׳איז מיר שווער צו רעדן דײַטש און אַפילו צו לייענען דײַטש. איך האָב נישט געקענט באַנעמען, ווי אַזוי דאָס דײַטשע פאָלק, מיט זײַנע גרויסע שרײַבער, פילאָסאָפן, מוזיקער, דיכטער און דענקער איז געוואָרן אַ פאָלק פון הענקערס. איך האָב געפילט אַ גוואַלדיקע אַנטוישונג, נישט בלויז פון די דײַטשן, נאָר פון דער גאַנצער מענטשהייט, ווען כ׳האָב זיך דערוווּסט ווי ווייניק פעלקער עס האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם דײַטשן סיסטעמאַטישן פּלאַן אויסצוראָטן אַלע ייִדן. בדרך־כּלל זענען עס בלויז געווען יחידים, וואָס מיר רופן זיי חסידי־אומות־העולם.

גרויס איז געווען די אַנטוישונג ווען מיר האָבן געהערט, אַז דער פּרעזידענט פון אַמעריקע, פראַנקלין רוזוועלט, האָט געוווּסט וואָס עס קומט פאָר אין די דײַטשע לאַגערן און האָט נישט געוואָלט העלפן. ייִדן האָבן רוזוועלטן געהאַלטן פאַר אַ צדיק און אַ סך האָבן זייערע קינדער אַ נאָמען געגעבן פראַנקלין, לכּבוד דעם אַמעריקאַנישן פּרעזידענט. אַזוי האָט געטאָן אויך מײַן ברודער אין טשילע, אַגב הײַנט רופט מען זײַן זון: פּענטשו.

דערצו האָבן מיר אויך מיטגעבראַכט די גרויסע אַנטוישונג אין קאָמוניסטישן רעזשים פון רוסלאַנד. מיר האָבן אַ מאָל געגלייבט, אַז דאָרטן וועט מען פאַרגעסן וואָס דאָס איז אַזוינס אַנטיסעמיטיזם, ווײַל קיינער וועט מער נישט האָבן קיין טענות אַז מיר האָבן געקרייציקט זייער גאָט. צום סוף האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט מען פײַנט ייִדן פּונקט ווי אין די צײַטן פון צאַר, און אַז סטאַלין איז נישט קיין קלענערער אַכזר ווי היטלער.

די אמונה איז אויך נישט מער געווען פאַר מיר קיין טרייסט. עס זענען מיר געקומען אויפן געדאַנק די ווערטער פון תהילים: הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל — „זע, עס שלומערט נישט און עס שלאָפט נישט דער היטער פון ישראל״. אָ, גאָט, אויב דו

האָסט נישט געשלומערט און נישט געשלאָפן, ווי אַזוי האָסטו דערלאָזט, מען זאָל אויסהרגענען דײַן פאָלק?

דער איינציקער טריסט און די איינציקע האָפענונג איז געווען ארץ־ישראל. אַוועק פון דער גויִשער וועלט, וווּ ייִדן האָבן אַזוי פיל געקעמפט פאַר מענטשלעכע ווערטן, פאַר יושר און צדק, און אויפבויען אין אייגענע דלת־אמות אַ לאַנד, וווּ מיר זאָלן זיך קענען פאַרטיידיקן קעגן דער באַרבאַרישער וועלט. אָבער אויך דער וועג קיין ארץ־ישראל איז געווען פול מיט מיכשולים. אויך נאָך דעם גוואַלדיקן חורבן האָט ענגלאַנד, דאָס פאָלק פון דער ביבל, מיט זײַן הומאַנישקייט און דעמאָקראַטיע, נישט מותּר געווען אויף דעם באַרימטן ווײַסן בוך, וואָס האָט געדאַרפט באַוואָרענען אין ארץ־ישראל דווקא אַן אַראַבישע מדינה און נישט קיין ייִדישע. און דאָס האָט נאָך דערצו געטאָן אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג, מיטן שונא־ישראל בעווין ווי אַן אויסערן־מיניסטער.

ווי מען האָט זיך נאָר אַרומגעקוקט איז דער הימל געווען טונקל, ווי אַרטור קעסטלער האָט אָנגערופן זײַן בוך: **גאָטעס טראָן שטעט לעהר**, וואָס מיינט בעצם — דער כּסא־הכבוד איז ליידיק.

מײַן חשק צו לעבן איז אָבער אויך דעמאָלט געווען שטאַרקער פון אַלץ. איך האָב מיר תּיכּף אָפּגעגעבן חשבון, אַז כ'האָב אין גורא־הומאָרולוי נישט מער וואָס צו זוכן. פון די אַן ערך דרײַ טויזנט נפשות וואָס האָבן דאָרטן געלעבט פאַרן גירוש, האָבן זיך אומגעקערט אַן ערך 1200. זייערע שטיבער זענען געווען אויס־געראַבעוועט, אָדער פּשוט פאַרנומען פון די גויִשע שכנים. זיך ווידער אײַנצואָרדענען און זוכן אַ פּרנסה איז אויך געווען שווער, וואָרעם מענטשן זענען צוריקגעקומען פון די לאַגערן אָפּגעריסן און אָפּגע־שליסן. אַלע ייִדן האָבן דעמאָלט געטראַכט וואָס גיכער צו פאָרן ווײַטער פון דער אַמאָליקער היים, ווו אַלץ האָט דערמאָנט די גרויליקע מלחמה־יאָרן, ווו ס'איז שווער געווען צו קוקן אין פּנים די מענטשן, וואָס האָבן אַזוי גלײַכגילטיק געקוקט אויף אונדזער בראָך, אָדער טאַקע מיטגעהאָלפן די תּלינים...

אין אַזאַ מצב האָב איך באַשלאָסן זיך איבערצופירן קיין

בוקאַרעשט און פון דאָרטן זוכן ערגעץ אַ לאַנד, וואָס איז געגוג ווײַט פון דער סאָוועטישער השפעה.

מיר האָבן זיך אַריבערגעצויגן קיין בוקאַרעשט, איך מיט מײַן פרוי און מיט מײַן ייִנגסטן ברודער יאַנקל. אַ דירה אין בוקאַרעשט איז דעמאָלט געווען קריעת־ים־סוף. די שטאָט איז געווען פול מיט רוסן. אַחוץ דעם זענען אָנגעקומען אַ סך עמיגראַנטן פון דער פּראָווינץ. פון דעסטוועגן איז געווען גרינגער צו געפינען פּרנסה. דער עיקר איז מען אָבער געווען נאָענט צו די אויסלענדישע קאָנסולאַטן, ווו מ׳האָט זיך געקענט באַמיִען צו קריגן אַ וויזע אַרויסצופאָרן.

פאַרדינט האָט מען מײנסטנס בײַ די רוסן. מ׳האָט געהאַנדלט מיט פּאַפּיראָסן, מיט קאַווע, מיט משקה און בפרט מיט האַנטזייגערלעך. דעמאָלט איז אַ זייגערל געווער דער אידעאַל פון איטלעכן רוסישן זעלנער. זיי האָבן נישט תמיד געוואַרט צו קויפן אָט די סחורה, נאָר פשוט צוגערויבט ווו ס׳האָט זיך געלאָזט. איך געדענק ווי מען פלעג זיך וויצלען אין יענע צײַטן: אַז מען וויל אַראָפּברענגען אַ רוסישן עראָפּלאַן, דאַרף מען דעם פּילאָט ווײַזן פון אונטן אַ זייגערל, איז ער תיכּף אויף דער ערד.

די ערשטע פּאָר וואָכן זענען מיר געשלאָפן אויף טישן אין אַ געדונגענעם צימער, ווו עס זענען קיין בעטן נישט געווען. נאָר פּלוצעם האָב איך באַגעגנט אין גאָס מײַן געוועזענעם בעל־הבית פון טשערנאָוויץ, דעם אַדוואָקאַט יאַנעסקו. ער האָט זיך זייער דערפרייט מיט מיר, ווי מיט אַ גוטן פרײַנד. ער איז שוין געווען אײַנגעאָרדנט און געאַרבעט ווי אַן אײַנקויפער פאַר אַ קאָאָפּעראַטיוו. דערצו האָט ער שוין געהאַט אין קעשענע גאַנצע צוויי פּאַרטייביכלעך: איינס פון דער פּאַרטיי פון דעמאָליקן פּרעמיער־מיניסטער פּעטרו גראָזאַ און איינס פון דער רומענישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער האָט אומעטום געהאַט גוטע באַציִונגען, אַ דאַנק זײַן ברודער דער גענעראַל, וואָס האָט געהאָלפן דעם קעניג מיהײַ אין די לעצטע חדשים פון דער מלחמה אַראָפּוואַרפן דעם מאַרשאַל אַנטאָנעסקו און זיך פאַרבינדן מיט די רוסן קעגן די דײַטשן.

מיט דער הילף פון יאַנעסקון האָב איך תיכּף געפונען אַ גוטע

דירה אין אַריסטאָקראַטישן קוואַרטאַל, אויף דער טאָקיאָ־גאַס. יאַנעסקו איז ממש געוואָרן מײַן חבר. ער האָט זיך געהאַלטן אין שלאָגן על־חטא, וואָס ער איז אַ מאָל געווען אַן אַנטיסעמיט. הגם ער איז געווען אַ מיטגליד אין דער „אײַזערנער גוואַרדיע" — זאָגט ער צו מיר — האָט ער קיין ייִדן נישט געקענט. זיי זענען געווען און געבליבן פאַר אים אַ רעטעניש. ער האָט מיך למשל געפרעגט: פון וואַנען האָב איך געוווּסט אין טשערנאָוויץ, אַז די דײַטשן וועלן פאַרלירן די מלחמה, ווען כ'האָב אים געראָטן ער זאָל נישט פאַר־קויפן די דאָלאַרן און דאָס גאָלד וואָס איך האָב אים געהאַט אײַנגעקויפט? ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי איך האָב זיך בעסער אָריענטירט פון אים אין יענער צײַט. ער האָט געהאַט חרטה וואָס ר'האָט מיך דעמאָלט נישט געפאָלגט. וואָלט ער געהאַט דאָס גאָלד און די דאָלאַרן, וואָלט ער תיכּף אַוועק פון רומעניע.

יאַנעסקו איז געווען גוט באַקאַנט מיט איינעם פון די געוועזענע רומענישע מיניסטער־פּרעזידענטן, יאָן מיהאַלאַקע, וואָס איז אַ מאָל געווען דער מנהיג פון דער פּויערים־פּאַרטיי. ער האָט זיך פאַר־איייניקט מיט דעם אָנפירער פון דער נאַציאָנאַל־צאַראַניסטישער פּאַרטיי, יוליו מאַניו, און נאָך געהאָפט צו האָבן אַ דעה אין רומעניע. אַ סך רומענער האָבן דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען, אַז פּעטרו גראָזאַ איז בלויז אַ מין טראָיאַניש פערד, וואָס דאַרף דינען אַרײַנצופירן אין רומעניע דעם קאָמוניסטישן רעזשים. הינטער די קוליסן איז שוין געשטאַנען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, אין שפּיץ מיט אַנאַ פּאַוקער (אַ שוחטס אַ טאָכטער), לוקרעציו פּאַטראַשקאַנו, געאָרגיו־דעזש, און האָט צוגעגרייט די רומענישע רעוואָלוציע: אין 1947 האָבן זיי טאַקע פאַרטריבן דעם מלך און איבערגענומען די מאַכט.

דער יאָן מיהאַלאַקע האָט געהאַט צוויי אייגענע דערפער, נישט ווײַט פון בוקאַרעשט. בעת דער מלחמה האָט ער אין איינעם פון די דאָזיקע דערפער איבערגעפירט אַ טעקסטיל־פאַבריק, וואָס ער האָט געהאַט אין בוקאַרעשט. יאַנעסקו האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר אים ווי אַ מומחה אין טעקסטיל־בראַנזשע און מיהאַלאַקע האָט מיך גערופן איך זאָל אים געבן אַן עצה, צי איז כּדאַי ער

זאָל די פּאַבריק אַריבערפירן צוריק קיין בוקאַרעשט, צי זאָל ער זי לאָזן אין דאָרף. איך בין מיט אים אַרויסגעפאָרן אָנקוקן די פאַבריק און דערנאָך, ווען ער האָט מיך פאַרבעטן אויף מיטאָג, האָב איך מיט אים שוין גערעדט אָפן: איך פאַרשטיי נישט — האָב איך אים געזאָגט — פאַר וואָס ער קלאַמערט זיך אין זײַן פאַבריק. די רוסן זענען דאָך סײַ ווי די בעלי־בתּים אין רומעניע און זיי וועלן פריִער אָדער שפּעטער צונעמען אַלע פאַבריקן און אײַנפירן אַ קאָמוניסטישן רעזשים.

איך געדענק ווי דער גוי האָט זיך אויפגעקאָכט און מיר געענטפערט מיט אַן אַראָגאַנטן טאָן, אַז איך פאַרשטיי גאָרנישט פון פּאָליטיק. די רומענער זענען דאָך פון לאַנגע יאָרן פאַרבונדן מיט די מערב־לענדער, מיט פראַנקרײַך און ענגלאַנד, און די רוסן וועלן זיך נישט דערוועגן עובר צו זײַן אויפן אָפּמאַך פון יאַלטע צווישן רוזוועלט, טשערטשיל און סטאַלין, וווּ עס ווערט געזאָגט בפירוש, אַז דער באַלקאַן בלײַבט דעמאָקראַטיש, ער ווערט נישט אײַנגעשלאָסן אין דער קאָמוניסטישער אימפּעריע. זיי, די רוסן, זענען דאָך אָפּהענגיק פון אַמעריקע און וואַרטן אויף אַמעריקאַנישער הילף אויפצובויען דאָס לאַנד נאָך דער מלחמה.

איך האָב זיך נישט געוואָלט מיט אים שפּאַרן. כ׳האָב אים געווינטשן, אַז הלוואַי זאָל ער זײַן דער גערעכטער. נאָר אַז ער האָט מיך געפרעגט צי איך בין מסכּים איבערצונעמען די פירונג פון זײַן פאַבריק, אין פאַל ער וועט זי אַריבערפירן קיין בוקאַרעשט, האָב איך אים געענטפערט, אַז איך וויל אויסוואַנדערן קיין טשילע, וווּ איך האָב אַ ברודער און גרייט מיך צו באַקומען אַ וויזע, כּדי וואָס גיכער אַרויסצופאָרן פון רומעניע.

שפּעטער מיט אַן ערך זעקס חדשים האָט מען מיהאַלאַקען מיט זײַן פאַרטנער יוליו מאַניו אַרעסטירט און זיי זענען ביידע נאָך אַ צײַט געשטאָרבן אין תּפיסה.

איך האָב יאָנעסקון דערציילט וועגן מײַן וויכּוח מיט מיהאַלאַקען און ער האָט מיר געגעבן גערעכט. אפשר דעפאָר ווײַל ער האָט געהאַט מער צוטרוי צו מיר. מיהאַלאַקע האָט, ווײַזט אויס, די ייִדן געקענט נאָר פון דער ווײַטנס.

מײַן פֿרײַנדשאַפֿט מיט יאַנעסקון האָט ניט געהאַט קײן „העפּי־ ענד". װען איך בין אַרױסגעפֿאָרן קײן טשילע האָב איך אים, לויט זײַן בקשה, געשענקט מײַנס אַ בילד מיט דער װידמונג: „אין קריטישע צײַטן האָט איר זיך אַרױסגעװיזן צו זײַן אַ מענטש". דאָס איז געװען אין פֿעברואַר 1947. שפּעטער מיט עטלעכע חדשים האָבן די רוסן אַראָפּגעװאָרפֿן דעם קעניג פֿון רומעניע און אױפֿגעשטעלט אַ קאָמוניסטישע רעגירונג אין שפּיץ מיט גראָזאַ, דער געװעזענער קאָמוניסטישער אָנפֿירער פֿון די אײַזנבאַנער אין רומעניע, און אַנאַ פּאַוקער װי אַן אױסערן־מיניסטער. די נײַע מושלים האָבן תּיכּף אַרעסטירט אַלע געװעזענע פּאָליטיקערס און קאַפּיטאַליסטן און זײ געשיקט אױף צװאַנגאַרבעט.

מיט פֿופֿצן יאָר שפּעטער האָב איך פֿון יאַנעסקון באַקומען אַ בריװ. ער האָט זיך דערװוּסט מײַן אַדרעס פֿון מײַן פֿרײַנד פּעטיע ראַזענטאַלער. ער שרײַבט מיר אַז ער איז געװען פֿאַרמישפּט אױף פֿינף יאָר צװאַנגאַרבעט פֿאַר זײַן מיטגלידערשאַפֿט אין דער „אײַזערנער גװאַרדיע". נאָר אַ דאַנק מײַן בילד מיט דער װידמונג האָט ער נישט באַקומען אַ גרעסערע שטראָף, װי עס האָבן באַקומען אַנדערע אין זײַן מצב. װײַטער שרײַבט ער מיר, אַז ער איז שװער קראַנק; ער װאָלט געװען גליקלעך װען איך קען אים אַרױסנעמען פֿון רומעניע, אָבער דערװײַל בעט ער מיך כ׳זאָל אים שיקן אַ פּעקל און באַשטימטע רפֿואות, װאָס ער קען דאָרטן נישט באַקומען. לויט די רפֿואות װאָס ער האָט געבעטן, האָב איך פֿאַרשטאַנען אַז ער לײַדט פֿון אַ ראַק.

איך האָב אים, פֿאַרשטײט זיך, תּיכּף אַרױסגעשיקט אַ פּעקל מיט די רפֿואות. שפּעטער מיט אַן ערך אַ יאָר האָב איך באַקומען אַ בריװ פֿון זײַן פֿרױ, װוּ זי שרײַבט מיר אַז ער איז געשטאָרבן און פֿאַרן טויט האָט ער איר אָנגעזאָגט, אַז אױב זי נײטיקט זיך אין עפּעס, זאָל זי זיך װענדן צו מיר. איך האָב איר נאָך אַ צײַט לאַנג געשיקט פּעקלעך, ביז איך האָב פֿון איר מער נישט געהערט.

אַזױ דרײט זיך דאָס רעדל אין לעבן...

אין בוקאַרעשט בין איך נישט געזעסן מיט פֿאַרלײגטע הענט.

איך האָב מיט נאָך צוויי שותּפים אויפֿגעשטעלט אַ וועבערײַ מיט זשאַקערט־האַלצוועבשטולן צו מאַכן האַנטעכער. דער ענין איז געווען פֿאַרבונדן מיט אַן אַוואַנטורע, וואָס איך געדענק זי עד־היום. מיר האָבן געעפֿנט די פֿאַבריק אין אַ בנין, וואָס מיר האָבן געדונגען בײַ אַ רומענישער פֿרוי; איר מאַן איז געווען אַ דײַטש און איז בעת דער מלחמה אַרײַנגעפֿאַלן אין רוסישער געפֿאַנגענשאַפֿט. די פֿרוי — ווינקלער האָט זי געהייסן — איז געווען אין די דרײַסיקער יאָרן. זי האָט געטראָגן אַ גרויסן צלם אויפֿן האַלדז, אָבער דאָס האָט זי נישט געשטערט צו שפּילן אַ ליבע מיט איינעם פֿון מײַנע שותּפֿים, אַ ייִד וואָס וווינט הײַנט אין ווענעזועלאַ און איז דאָרטן אַ גרויסער גביר. אין איינעם אַ טאָג איז דער מאַן צוריקגעקומען פֿון געפֿאַנגענשאַפֿט און האָט זיך דערוווּסט פֿון זײַן מאַמען, אַז דאָס ווײַב זײַנס האָט אים פֿאַרראַטן און נאָך דערצו מיט אַ ייִד. איין מאָל האָט ער זיך אָנגעשיכּורט, געכאַפּט אַ האַק און נאָר געוואָלט הרגענען דעם ייִדן וואָס איז געשלאָפֿן מיט זײַן ווײַב. מײַן שותּף האָט פֿאַרשטאַנען אַז דער דײַטש מיינט עס ערנסט און איז טאַקע באַלד אַוועק פֿון רומעניע. ווען דער שיכּורער דײַטש וואָלט אים געפֿונען, וואָלט ער אים זיכער געהרגעט.

איך האָב אויך אײַנגעקויפֿט אַ שטריקמאַשין, וואָס מ׳האָט דעמאָלט געבויט אין רומעניע, און האָב זי געשיקט קיין גוראַ־הומאַרולוי. מײַן שוועסטער טשאַנקאַ האָט אויף איר געאַרבעט שטריקערײַ פֿון פֿויערישער וואָל. די אַרבעט איז איר זייער שווער אָנגעקומען, ווײַל דער פֿאָדעם איז נישט געווען גלײַך געשפּונען, די מאַשין האָט זיך פֿאַרהאַקט און מ׳האָט זי געמוזט שמירן מיט חזיר־פֿעט, אָבער וואָס טוט מען נישט צוליב פּרנסה?

יום־כּיפּור 1946 איז מײַן פֿאָטער געשטאָרבן אין גוראַ־הומאַרולוי. שפּעטער האָב איך זײַנע ביינער אַריבערגעבראַכט קיין ישׂראל און אַלע יאָר גייען מיר, די גאַנצע משפּחה, אויף קבר־אָבֿות. דערבײַ וועקן זיך אין אונדז זכרונות אויפֿן נוסח פֿון: על נהרות רומניה... שם בכינו...

סוף־כּל־סוף האָבן מיר דערלעבט די גרויסע פֿרייד צו באַקומען די אַרײַנפֿאָר־וויזע קיין טשילע. מיר האָבן נאָך געדאַרפֿט וואַרטן

עטלעכע חדשים ביז מיר האָבן געקראָגן די וויזע פון פראַנקרייַך, וואָס איז אויך נישט געווען פון די גרינגע זאַכן. דערבייַ האָט אונדז אַ סך געהאָלפן דער „הייַאַס". בעת כ'האָב מיך, איידערן אַרויספאָרן, געזעגנט מיט אַ רומענישן פרייַנד, האָט ער מיר געזאָגט: איר ייִדן האָט אונדז געבראַכט דעם קאָמוניזם און אַצינד אַנטלויפט איר! די רומענער האָבן געגלייבט אין דעם, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניזם ווערט אָנגעפירט פון ייִדן.

איידערן אַרויספאָרן פון רומעניע האָב איך באַגעגנט אין בוקאַרעשט אונדזער געוועזענעם שכן פון טשערנאָוויץ, וואָס האָט אַרויסגעשלעפּט בייַ אונדז די מעבל פון שטוב אין 1941, ווען די רומענער זענען אַרייַנגעקומען און מ'האָט די ייִדן פאַרשפּאַרט אין געטאָ. איך האָב זיך דערוווּסט אַז ער האָט בייַ צייַטנס אַריבערגעפירט די מעבל מיטן גאַנצן אָנגעראַבעוועטן פאַרמעגן קיין בוקאַרעשט. מיט דער הילף פון אַ געדונגענעם דעטעקטיוו בין איך דערגאַנגען, אַז ער האָט זיך טאַקע אייַנגעאָרדנט מיט מייַנע מעבל אין זייַן בוקאַרעשטער דירה.

כ'האָב מיך געוואָנדן צו דער פּאָליציי, האָט מען מיר געזאָגט, אַז ער איז נאָך אַלץ אַ גרויסער באַאַמטער בייַ דער רומענישער אייַזנבאַן און דערצו אַ מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. מ'האָט מיר געראָטן איך זאָל אים אייַנקלאָגן אין געריכט. איך האָב געפּרוּווט מיט אים רעדן פּערזענלעך, האָט ער זיך גאָר צעשריגן, אַז דאָס איז אַ חוצפּה פון מייַן זייַט צו פאָדערן די מעבל, וואָס ער האָט, כּלומרשט, בייַ מיר געקויפט און מיר באַצאָלט אַ גוטן פּרייַז. אין געריכט האָט ער דערנאָך געבראַכט פאַלשע עדות, וואָס האָבן אויסגעזאָגט אַז זיי האָבן געזען ווי ר'האָט מיר באַצאָלט. די רומענישע ריכטערס האָבן זיך נישט שטאַרק אָנגעקלייגט אַז ייִדן זאָל צוריק־באַקומען זייערע פאַרמעגנס, וואָס רומענער האָבן געגזלט בעת דער מלחמה. בפרט ווען דער גזלן האָט שוין געהאַט איבערגעביטן די פעל און איז געוואָרן אַ מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. איך בין אין גיכן אַרויסגעפאָרן און דער גוי איז געבליבן מיט די מעבל.

פון קאָנסטאַנצאַ איבער חיפה קיין מאַרסיי

אין פעברואַר 1947 זענען מיר מיטן צוג אַרויסגעפאָרן פון בוקאַרעשט קיין קאָנסטאַנצאַ, דער האַפן בײַם שוואַרצן ים. די פענצטער פון דער באַן זענען געווען געפרוירן און אין צוג איז געווען קאַלט, כּמעט נישט געהייצט. מיר איז אָבער געווען וואַרעם אויף דער נשמה. ס'איז געווען אַ וווּנדערלעך געפיל צו פאָרן מיט אַ פּאַספּאָרט און אַ וויזע קיין טשילע. ס'האָט אויף מיר געוואַרט די ערשטע נסיעה אין מײַן לעבן מיט אַ שיף און בכלל די ערשטע נסיעה אין אויסלאַנד. איך בין געווען גליקלעך וואָס איך קען אַוועק פון דעם לאַנד וווּ כ'בין געבוירן געוואָרן, דאָס לאַנד וואָס האָט מיך אָבער קיין מאָל נישט באַטראַכט ווי אַ גלײַכן בירגער.

מיר האָבן נאָך מורא געהאַט ביז דער לעצטער רגע, די רומענער זאָלן נישט געפינען עפּעס אַ תּירוץ אונדז צו פאַרהאַלטן. מיר האָבן זיך גאָר נישט געקענט גלייבן אַז מיר זענען סוף־כּל־סוף פרײַ, אַז מיר ווערן פּטור פון דער אומזיכערער עקסיסטענץ, ווו מען ווייס נישט וואָס פאַר אַ גזירות דער מאָרגן וועט ברענגען.

בײַ דעם צאָל־קאָנטראָל האָבן די רומענער אונדז געמאַכט שוועריקייט פאַר יעדער קלייניקייט, פאַר די עטלעכע קליידער וואָס מיר האָבן אײַנגעקויפט, ווײַל מיר האָבן, אין אונדזער אומוויסיקייט, מורא געהאַט אַז מיר וועלן זיי נישט קענען באַקומען אין טשילע. מיר זענען אָבער דאָס אויך איבערגעקומען.

צום סוף זענען מיר אַרויף אויף דער שיף „טראַנסילוואַניאַ", וואָס האָט געמאַכט די רוטע קאָנסטאַנצאַ — חיפה — מאַרסיי. ערשט ווען מיר זענען געזעסן אין אונדזער קאַבינע אין צווייטן קלאַס און מיר האָבן געהערט דעם לעצטן פײַף פון דער שיף איידערן אָפּפאָרן פון האַפן, איז אונדז אַראָפּ אַ שטיין פונעם האַרץ.

איך האָב געפּילט אין זיך עפּעס אַ מיסטישן דראַנג צו זאָגן די ברכה: ברוך שפּטרני!

ווען די שיף איז שוין געווען אין מיטן ים בין איך אַרויס אויפן דעק זוכן באַקאַנטע. אין ערשטן און צווייטן קלאַס זענען געווען ווינציק פּאַסאַזשירן — דער עיקר דיפּלאָמאַטן, רעגירונג־באַאַמטן, מענטשן וואָס זענען געפאָרן אין אַ שליחות. ס׳רוב פּאַסאַזשירן זענען געפאָרן אין דריטן קלאַס. דאָרטן איז געווען פריילער, מ׳האָט געטומלט, גערעדט, געזונגען ייִדישע לידער. איטלעכער האָט געהאַט וואָס צו דערציילן, ווי אַזוי ער האָט זיך געראַטעוועט, סײַ פון דײַטשן גיהנום, סײַ פון סאָוועטישן גן־עדן.

כ׳האָב זיך באַקענט אויפן דעק מיט אַ געוועזענעם סאָוועטישן אָפיציר, וואָס איז אַנטלאָפן פון דער רויטער אַרמיי. אין רומעניע האָט ער געקראָגן פאַלשע פּאַפּירן מיט אַ וויזע קיין פראַנקרײַך אויף אַ פאַלשן נאָמען. ער איז געווען אַ קיִעווער בחור אין די דרײַסיקער, און האָט גערעדט אַ גוטן ייִדיש. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, גערעדט וועגן פּאָליטיק, וואָדען? ער האָט מיר אויפגעקלערט, פאַר וואָס די רוסן דערלויבן די אַמאָליקע בירגער פון רומעניע און פון פּוילן זיך אומצוקערן אין זייערע לענדער. זיי ווייסן אַז אין אייראָפּע זענען געבליבן ווינציק ייִדן נאָכן חורבן און זיי, די סאָוועטן, זענען פאַראינטערעסירט אַז וואָס מער ייִדן זאָלן וואַנדערן קיין ארץ־ישראל און דאָרטן אָנטאָן צרות די ענגלענדער. די רוסישע ייִדן האָבן זיי מורא אַרויסצולאָזן, טאָמער וועלן אויך אַנדערע סאָוועטישע בירגער פאָדערן דאָס רעכט אויסצוּוואַנדערן. לאָזן זיי אַרויס בלויז די „פרעמדע בירגער” און זיי ווייסן אַז פון פּוילן און פון רומעניע וועלן די ייִדן שוין געפינען אַ וועג קיין ארץ־ישראל. דער עיקר איז פאַר דער סאָוועטישער פּאָליטיק צו שאַפן אומרוען אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, כּדי זיי זאָלן גרינגער אַרײַנדרינגען אַהין מיט זייערע אַגענטן און מיט זייער פּראָפּאַגאַנדע.

נאָך אַן ערך 48 שעה איז די שיף אָנגעקומען אין באָספּאָרוס. די טערקן האָבן אונדז נישט געלאָזט אַראָפּגיין אויפן ברעג. זיי האָבן אונדז בלויז דורך די פענצטער אַרײַנגעוואָרפן טערקישע ניסלעך און געטריקנטע פּירות. מיר איז געקומען אויפן געדאַנק, אַז

די רוסן האָבן אין משך פון יאָרהונדערטער געהאַלטן מלחמה מיט די טערקן, כּדי צו לייגן די האַנט אויף אָט דעם וויכטיקן דורכגאַנג, דעם באָספּאָרוס, וואָס פאַרבינדט דעם שוואַרצן ים מיטן מיטלענדישן ים. און איך מוז זאָגן, אַז אין יענע רגעס בין איך געווען שטאָלץ אויף די טערקן וואָס האָבן עס נישט דערלאָזט. יאָ, אין יענער רגע בין איך געווען אַ טערקישער פּאַטריאָט!

בעת מיר זענען דורכגעפאָרן דעם ענגן באָספּאָרוס, האָט אונדז דער קאַפּיטאַן פון דער שיף דערציילט וועגן דער טערקישער אימפּעריע, וואָס האָט אַ מאָל געהערשט איבער דער גאַנצער געגנט, אויך איבער רומעניע. די איינציקע זאַך וואָס איז פאַרבליבן פון יענער אימפּעריע איז דאָס וואָרט „באַקשיש", און נישט בלויז דאָס וואָרט, נאָר אויך די פּראַקטיק. ס'האָט נישט געהאָלפן די גרויסע רעפאָרעם וואָס קאַמאַל אַטאַטורק האָט אַרייַנגעפירט, און נישט די קאָנסטיטוציע. דער באַקשיש איז געבליבן אייַנגעוואָרצלט אין דער טערקישער רעפּובליק און אויך אין אַלע לענדער וואָס זענען אַ מאָל געווען אונטער טערקישער הערשאַפט ובתוכם רומעניע. ווער האָט נאָך אַזוי גוט געוווּסט ווי מיר, אַז דער שיפס־קאַפּיטאַן איז גערעכט?!

בייַ נאַכט זענען מיר פאַרבייַגעפאָרן קאָנסטאַנטינאָפּאָל און דעם צווייטן טאָג זענען מיר אָנגעקומען אין ביירוט, ווו מ'האָט אונדז אויך נישט געלאָזט אַראָפּגיין אויפן ברעג. פון ביירוט זענען מיר אָפּגעפאָרן קיין חיפה, ווו דער קאַפּיטאַן האָט אונדז מודיע געווען, אַז מיר מוזן בלייַבן 48 שעה, ווייַל ער דאַרף אָפּלאָדן סחורות און מאַכן עטלעכע רעפּאַראַטורן בייַ דער שיף.

מיר האָבן געברענט אַראָפּצוגיין אויפן ברעג און מיר האָבן געבעטן דעם קאַפּיטאַן ער זאָל אַלץ אָנווענדן צו באַקומען פאַר אונדז אַ דערלויבעניש. נאָך אַ לאַנגן משא־ומתן מיט די ענגלענדער האָט ער אונדז געבראַכט די תשובה, אַז ווער ס'האָט אַ וויזע פאַר אַמעריקע, דער מעג אַראָפּגיין, די איבעריקע מוזן בלייַבן אין דער שיף. אונדזער שימחה איז געווען עין־לשער, אָבער אין גיכן איז אונדז פאַרשטערט געוואָרן די פרייד, ווען מיר האָבן געזען ווי די ענגלענדער פירן אַריבער פון צוויי אילעגאַלע שיפן די ייִדישע

פּליטים אויף אַן ענגלישער שיף, כּדי זיי אָפּצושיקן אין די לאַגערן פון קפריסין. מיר האָבן צו ערשט געהערט די וויסטע געשרייען פון די פּליטים, דערנאָך האָבן מיר געהערט ווי זיי זינגען די התקוה. מיר זענען דאָך אויך געווען אַ טייל פון דער שארית־הפּליטה, האָבן מיר געפילט אי די גרויסע ווייטיק, אי דעם ביטערן פּאַרדראָס אויף די ענגלענדער, וואָס פירן זיך אַזוי אויף מיט אַ פֿאָלק, וואָס האָט אַזוינס דורכגעמאַכט ווי די ייִדן אין דער לעצטער מלחמה.

אַכט און פערציק שעה אין ארץ־ישראל

ווען איך בין אַראָפּ פון דער שיף און האָב געשטעלט אַ פוס אויף דער ערד פון ארץ־ישראל, האָב איך זיך געפילט ווי אין אַ חלום. עס האָבן זיך פּלוצעם אין מיר אויפגעוועקט די קינדער־יאָרן, מיט דער גאַנצער גירסא־דינקותא, די תּפילות וועגן חורבן־בית־המיקדש, דער „ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים" פון דער שמונה־עשרה, דער אויסגעשריי „לשנה הבאה בירושלים" פון יום־כּיפּור נאָך דער תּרועה פונעם שופר, דער טרויעריקער ניגון פון תּשעה־באָב, דער אני מאמין בביאת המשיח — דער טרויער, די טרייסט און די האָפענונגען אין וועלכע איך בין דערצויגן געוואָרן.

אויף די גאַסן פון חיפה האָבן מיר אָבער געזען אין אַלע ווינקלען ענגלישע סאָלדאַטן מיט די גרייטע ביקסן, ווי אין אַ צײַט פון מלחמה. באַלד האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דער אצ"ל האָט אונטערגעצונדן די פּאַסט אין חיפה און די ענגלענדער האָבן אויסגערופן באַלאַגערונג־צושטאַנד.

מיר האָבן געהאַט אַדרעסן פון באַקאַנטע אין חיפה און אין תּל־אָביב, אָבער מיר האָבן נישט געוווּסט וואָס פריִער צו טאָן אין די אַכט און פערציק שעה. כאַטש אַרײַנאָטעמען אין זיך אווירה דארץ־ישראל!

עפּעס האָבן מיר פּאָרט באַוויזן. איך בין געווען בײַ מײַנעם אַ געוועזענעם קונה פון טשערנאָוויץ, ער האָט געהייסן זינגער, וואָס איז אויסגעוואַנדערט אין 1939 און האָט געהאַט אַ פּאָרטרעטונג פון „לאָדזשיאַ". דעמאָלט איז דאָס געווען אַ זיכערע פּרנסה. איך געדענק אַז ווען איך האָב אים געפּרוווט געבן אַן עצה, ווי אַזוי צו פאַרבעסערן זײַנע געשעפטן, האָט ער מיר געזאָגט, אַז דאָ אין ישראל, וואָס איין ייִד טראַכט הײַנט, האָט שוין אַ צווייטער ייִד געטראַכט נעכטן...

איך בין אויסגעגאַנגען צו פאָרן קיין ירושלים און זײַן בײַם כּותל־המערבי, אָבער די ענגלענדער האָבן בשום־אופן נישט דער־

לויבט, מחמת דעם מצב וואָס האָט געהערשט אין לאַנד. כ׳האָב געבעטן זיי זאָלן מיך לאָזן פאָרן מיט אַן ענגלישן באַגלייטער, כאָטש אויף איין האַלבער שעה, נאָר זיי האָבן מיר אָפּגעזאָגט. כ׳האָב געהאַט גרויס עגמת־נפש וואָס מ׳האָט מיך דעמאָלט נישט געלאָזט גיין צום כּותל־המערבי.

אין תּל־אביב זענען מיר געווען ביי אַ קוזינע, חיה־רייזע פישער, די טאָכטער פון מיין טאַטנס שוועסטער, וואָס איז נאָך אין די דרייסיקער יאָרן אויסגעוואַנדערט פון באַרשע קיין ארץ־ישראל. זי האָט געוווינט אין אַ הויז, נאָך נישט קיין פּאַרטיקס, אויף דער גאַס ארבע־ארצות, היינט איינע פון די צענטראַלע גאַסן אין תּל־אָביב. אַרום — פּוסט, אַ זאַמדיקער מידבר. אַ טישלער האָט געהאַלטן אין אויסענדיקן די פענצטער פון דער דירה. ווען ער האָט געהערט וועגן מיין עגמת־נפש, וואָס איך קען נישט פאָרן קיין ירושלים, האָט דער טישלער מיר געזאָגט, אַז אַזאַ ייִד ווי איך, אַז ער האָט שוין זוכה געווען אַריינצוקומען אין לאַנד, דאַרף ער שוין דאָ פאַרבלייבן. ווי קען איך דאָ בלייבן — האָב איך זיך פאַרענטפערט — אַז די זאַכן מיינע זענען אויף דער שיף און דער פּאַספּאָרט — ביי די ענגלענדער אין האַפן? דער טישלער האָט מיך פאַרזיכערט, אַז פאַר דעם דאַרף איך זיך נישט זאָרגן, די אָרגאַניזאַציע זיינע וועט מיך שוין איינאָרדענען. איך האָב זיך פאַרטראַכט און אים געגעבן אַ הבטחה: איך פאָר קיין אַמעריקע, דאָרטן וועל איך מאַכן אַ ביסל געלט און דערנאָך וועל איך זיך אומקערן אַהער און דאָ אויפשטעלן אַ פאַבריק! וואָרעם מיט ליידיקע הענט קען איך דאָ נישט בלייבן.

היינט, בעת איך שרייב די דאָזיקע שורות, טראַכט איך: צי בין איך דעמאָלט געווען איבערצייגט אין דעם וואָס כ׳האָב געזאָגט יענעם טישלער? צי בין איך געווען זיכער אַז כ׳וועל קענען איינהאַלטן מיין צוזאָג? איך ווייס נישט. אָבער אפשר האָט יענער צוזאָג מיך געטריבן, אומבאַוווסטזיניק, אין די ווייטערדיקע יאָרן, איך זאָל טאָן אַלץ, כּדי איינצוהאַלטן די הבטחה. און דער עיקר — מיר איז טאַקע געראָטן צו האַלטן וואָרט, צו קומען אין לאַנד און אויפצושטעלן דאָ אַ פאַבריק.

אין פאַריז

די שיף „טראַנסילוואַניאַ״ האָט אונדז פון חיפה געפירט קיין מאַרסיי. פון דאָרטן האָט אונדז דער „היִאַס״ געהאָלפן צו פאָרן מיט דער באַן קיין פאַריז. דער „היִאַס״ האָט אונדז אויך אײַנגעאָרדנט אין אַ קליינעם האָטעל אין פאַריז, אין פאָרבורג מאָן מאַרטרע, וווּ עס האָבן געוווינט אַנדערע ייִדישע עמיגראַנטן. אין האָטעל האָבן מיר געהאַט אַ קליין קיכל, וווּ מײַן פרוי האָט אַליין געקאָכט, ווײַל צו עסן אין רעסטאָראַן האָבן מיר נישט געהאַט קיין מזומן. די לעבנס־מיטל האָבן מיר אײַנגעקויפט אויפן „פּלעצל״, וווּ ס׳איז געווען דער ייִדישער צענטער און מ׳האָט דאָרטן געשמאַק גערעדט ייִדיש.

אין פאַריז האָבן מיר געדאַרפט וואַרטן אויף דער אַרגענטינישער טראַנזיט־וויזע. נישט אַזוי גרינג האָט מען באַקומען אַזאַ וויזע, ווײַל די אַרגענטינישע רעגירונג האָט מורא געהאַט, אַז די דורכפאָרערס זאָלן, חלילה, דאָרטן נישט פאַרבלײַבן. בעצם האָבן אַלע דרום־אַמעריקאַנער לענדער מורא געהאַט אַז די שארית־הפליטה פון אייראָפּע וועט זיך אַ לאָז טאָן איבער זיי, ווי אַ ייִדישע אינוואַזיע. זיי האָבן נישט געהאַט קיין חשק, אַז די ייִדישע באַפעלקערונג זאָל וואַקסן.

מיר האָבן געוואַרט אַן ערך צוויי חדשים אין פאַריז אויף דער אַרגענטינישער וויזע, אָבער דאָס איז געווען ממש אַ פאַרגעניגן. איך בין אַרומגעגאַנגען ווי פאַרכּישופט איבער די פאַריזער גאַסן און מיר האָט זיך געדאַכט אַז אַלץ איז מיר באַקאַנט. די פראַנצייזישע רעוואָלוציע האָט דאָך געשפּילט אַ גוואַלדיקע ראָלע אין מײַן גײַסטיקער אַנטוויקלונג. איך האָב גוט געקענט אירע העלדן און אירע קרבנות. איך האָב זיך אָנגעלייענט וועגן די אָפּגעהאַקטע

קעפּ אויף דער גיליאָטינע און האָב פֿאַרגליכן דעם גורל פֿון די פראַנצייזישע רעוואָלוציאָנערן, פֿון ראָבעספּיער און דאַנטאָן, מיט די רוסישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס סטאַלין האָט זיי ליקווידירט אויף זײַן אופֿן. כ׳בין געקומען צו דער מסקנא, אַז איטלעכע רעוואָלוציע פֿאַרטיליקט אירע רעוואָלוציאָנערן. דאָס איז אַ מין חד־גדיא, וואָס חזרט זיך איבער אין יעדער תּקופֿה.

אַצינד, שפּאַצירנדיק איבער די גאַסן אין פּאַריז, האָט אַלץ אויפֿגעלעבט אין מײַן זכּרון. עס זענען מיר געווען באַקאַנט די נעמען און די ערטער וואָס כ׳האָב בעצם געזען דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן. אָט בין איך געווען דאָרטן, ווו ס׳האָבן געלעבט די גרויסע פראַנצייזישע שרײַבער, די גרויסע פראַנצייזישע קינסטלער. אין דער שטאָט וואָס כ׳האָב אַלע יאָרן געחלומט זי צו זען, די שטאָט פֿון די גרויסע קאָנטראַסטן, פֿון גײַסט און פּריוואָליטעט, פֿון רעוואָלוציע און סנאָביזם, פֿון טאָלעראַנץ און ביטול לגבי אַלץ וואָס איז נישט פראַנצייזיש. צו גלײַך מיט די גרויסע אוניווערסאַלע אידעען פֿון פרײַהייט, גלײַכהייט און ברידערלעכקייט, איז דאָרטן אויך פֿאַרגעקומען דער שענדלעכער דרײַפוס־פּראָצעס; דאָרטן איז צום ערשטן מאָל אַ ייִד, לעאָן בלום, געוואָרן מיניסטער־פּרעזידענט, אין יאָר 1936, און דאָרטן האָבן פּעטען און לאַוואַל געהאָלפֿן היטלערן אַרויסשיקן די פראַנצייזישע ייִדן אין טויט אַרײַן.

פֿאַרשיכּורטע זענען מיר אַרומגעגאַנגען און אַלץ געוואָלט זען, מיט אַלץ זיך זעטיקן, מיט די ברייטע, שיינע בולוואַרן, דעם שאַמפּ עליזע, דעם לוווּר, דעם פּאַנטעאָן, מיט אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שײַכות צו דער געשיכטע פֿון פראַנקרײַך. נאָך די יאָרן אין רוסלאַנד און רומעניע, זענען מיר פּלוצעם געווען אין דער פרײַער וועלט און דערצו נאָך אין פּאַריז, די הויפּטשטאָט פֿון אייראָפּע! גאַנצע טעג זענען מיר אַרומגעפֿאָרן מיט דער מעטראָ און זיך גאָרנישט געקענט געבן אַ גענוג אָנזען מיט די אַלע שיינקייטן און באַרימטקייטן.

מיר האָבן באַשלאָסן צו רעדן, צווישן זיך אין דער עפֿנטלעכקייט נאָר רומעניש, ווײַל די פראַנצויזן האָבן דעמאָלט געקוקט מיט בייזע אויגן אויף איטלעכן וואָס האָט גערעדט דײַטש. אַפֿילו מ׳האָט גערעדט ייִדיש, האָט זיך זיי אויך געדאַכט אַז מען רעדט דײַטש.

איך האָב געטראַכט; וויפל אמת שטעקט אין דעם פשוטן זאָג: אין דומה ראיה לשמיעה. דאָס וואָס מיר האָבן געזען איז אַריבער־געשטיגן אַלץ וואָס מיר האָבן געוווּסט פון הערן און לייענען. איך האָב זיך געחידושט אויף אַ טייל פון מײַנע באַקאַנטע, וואָס האָבן שוין געוווינט צוואַנציק יאָר אין פּאַריז און נישט געהאַט קיין צײַט צו זען די באַרימטע ערטער פון שטאָט.

מיר האָבן זיך געפרייט אָפּצושטאָטן אַ וויזיט דעם טשערנאָ־וויצער מאָלער אַרטור קאָלניק. מיר האָבן געזען זײַנע ווונדערלעכע בילדער, אָבער — נישט געהאַט קיין געלט צו קויפן אַ בילד. שפּעטער מיט יאָרן האָב איך בײַ אים געקויפט דאָס בילד „משה נאַדירס לייזערליע, דער פון דער אַלטער היים", מיטן פּנים פון דעם ייִדישן וואַרטקינסטלער הערץ גראָסבאַרד. קאָלניק האָט אונדז געראָטן מיר זאָלן גיין אויף דער אויסשטעלונג פון די פראַנצייזישע אימפּרעסיאָניסטן פון 19טן און 20סטן יאָרהונדערט. דאָרטן האָבן מיר געזען די בילדער פון פּיקאָסאָ, שאַגאַל, מאַטיס, סעזאַן, גאָגען, וואַן גאָג און אַ סך אַנדערע. דעמאָלט האָט מען נאָך געקענט קויפן ביליק די דאָזיקע בילדער, וואָס זענען הײַנט ווערט מיליאָנען דאָלאַרן. קודם־כּל האָבן מיר אָבער דעמאָלט געהאַט ליידיקע קעשענעס און אַחוץ דעם, האָבן מיר נאָך קיין סך נישט פאַרשטאַנען פון דער אימפּרעסיאָניסטישער מאָלערײַ. איך בין געווען מער פאַראינטערעסירט מיט דער קלאַסישער מאָלערײַ, און מיט דער מאָלערײַ פון דער רענעסאַנס. מיר זענען אָפּגעזעסן גאַנצע טעג אין לוווּר, אין די פּראַכטיקע זאַלן, באַוווּנדערט די גוואַלדיקע שיינקייטן און געקוקט אויף די יונגע מאָלערס וואָס האָבן זיך געלערנט און האָבן קאָפּירט די מאָדעלן פון די גרויסע מײַסטערס. איך געדענק אַז איינער האָט קאָפּירט די „דזשיאָקאָנדאָ" פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, די מאָנאַ ליזאַ, און איך האָב נישט געזען קיין שום חילוק צווישן דער קאָפּיע און דעם אָריגינאַל... ער האָט דאָס בילד געוואָלט פאַרקויפן פאַר 200 דאָלאַר.

בײַ זיך האָב איך געטראַכט, אַז אויב איך וועל אַ מאָל קומען קיין פּאַריז ווי אַ טוריסט, און נישט דאַרפן ציילן דעם גראָשן, וועל איך שוין וויסן ווי אַזוי צו געניסן די ווונדער פון אָט דער שטאָט.

שפּעטער מיט בלויז עטלעכע יאָר בין איך טאַקע געקומען ווי אַן אינדוסטריעלער, געוווינט אין „גראַנד האָטעל" און אַרומגעפֿאָרן אין שטאָט מיט אַ טאַקסי. איך מוז אָבער זאָגן דעם אמת: איך האָב נישט מער געפֿילט די גוואַלדיקע באַגײַסטערונג ווי דעמאָלט אין 1947. מסתּמא איז טאַקע באַשערט, אַז אַלע שיינע חלומות פֿאַרלירן זייער כּישוף, ווי באַלד זיי הערן אויף צו זײַן חלומות און ווערן רעאַליטעט. און אַלץ וואָס קומט אַן גרינג אין לעבן, פֿאַרלירט דעם זיסן טעם פֿון אויסגעקעמפֿטן נצחון, דעם טעם פֿון דער ברכה שהחינו.

נאָך צוויי חדשים האָב מיר באַקומען די אַרגענטינישע טראַנזיט־וויזע. פּונקט דעמאָלט האָט געטראָפֿן, אַז מײַן ברודער מאָטי פֿון טשילע האָט געוווּנען אויף דער לאָטעריע און האָט אונדז ביידן געשיקט בילעטן, מיר זאָלן קומען צו פֿליִען מיט אַן עראָפּלאַן פֿון „אייר פֿראַנס" ביז קיין טשילע. די מאַמע, די שוועסטער און מײַן ברודער יאַנקל זענען שפּעטער נאָכגעקומען מיט דער שיף.

דער וועג פֿון פּאַריז קיין סאַנטיאַגאָ מיטן עראָפּלאַן האָט געדויערט בסך־הכּל פֿיר און צוואַנציק שעה. איך קען נישט פֿאַרגעסן ווי איבערגעראַשט איך בין געווען פֿון אַלץ וואָס כ'האָב געזען און איבערגעלעבט. אַלץ איז פֿאַר מיר געווען נײַ. צום ערשטן מאָל בין איך געפֿלויגן מיט אַן עראָפּלאַן, און נאָך דערצו אַזאַ וועג, פֿון איין עק וועלט צום צווייטן.

מ'האָט זיך קודם אָפּגעשטעלט אין קאַסאַבלאַנקאַ, מאַראָקאָ. דערנאָך אין דאַקאַר, וווּ מיר זענען אַראָפּ פֿון עראָפּלאַן און באַקומען אַ מיטאָג־עסן. אין יענער צײַט פֿלעג מען בכלל נישט געבן צו עסן אין עראָפּלאַן, אלא נאָר אין די אַעראָפּאָרטן, וווּ די עראָפּלאַנען פֿלעגן זיך אָפּשטעלן. אויסגעצייכנט איז געווען דער מיטאָג אין דאַקאַר, אין אַפֿריקע, בײַם אַטלאַנטישן אָקעאַן, אין דעם מילדן קלימאַט און וווּנדערלעכן פּייסאַזש, מיט די הויכע פּאַלמענביימער, וואָס כ'האָב דעמאָלט אויך געזען צום ערשטן מאָל. די קעלנערס, באַרוועסע נעגערס, האָבן אונדז סערווירט פֿון כּל־טוב און מ'האָט געקענט עסן וויפֿל דאָס האַרץ האָט געגלוסט. איך

געדענק אַז כ׳האָב געהאַט דאָס געפיל אַז כ׳בין אין גן־עדן, באַפרײַט פון אַלע זאָרגן און דאגות. איך דאַרף אַפילו ניט זאָרגן צו באַצאָלן דעם גוטן מיטאָג...

נאָך אַן ערך צוויי שעה האָבן מיר זיך ווידער אַרײַנגעזעצט אין עראָפּלאַן, וואָס האָט אונדז געדאַרפט אַריבערפירן דעם אַטלאַנטיק — צען שעה פליִען אָן אַן איבעררײַס. די דעמאָלטיקע פירמאָטאָריקע עראָפּלאַנען האָבן נישט דערגרייכט אַ גרעסערע געשווינדיקייט ווי 600 קילאָמעטער אַ שעה און זענען נישט געפלויגן העכער ווי 7000 מעטער. דער עראָפּלאַן האָט זיך אויך געהאַלטן אין איין טרייסלען און וואַקלען און בײַ איטלעכן וואַקל האָב איך געמיינט אַז דאָס איז שוין אונדזער סוף. איך געדענק נאָך ווי איך האָב זיך פעסט געקלאַמערט אין שטול, ווי גלײַך דאָס וואָלט געהאָלפן אויסצומײַדן אַ קאַטאַסטראָפע! די פלי־געזעלשאַפט האָט געהאַט אין זינען צו געבן די פּאַסאַזשירן כּל מיני פאַרווײַלונגען, כּדי די צײַט זאָל גרינגער אַריבערגיין, אָבער פאַר אַזעלכע פאַרשווינען ווי איך, וואָס בין געפלויגן צום ערשטן מאָל, האָט עס ווייניק געהאָלפן. דעמאָלט אין עראָפּלאַן, בעתן לאַנגן פלי איבערן אַטלאַנטישן אָקעאַן, האָב איך באַדויערט וואָס איך האָב אָנגעוווירן די אמונה און איך קען נישט זאָגן פונעם גאַנצן האַרצן תּפילת־הדרך. איך געדענק אַפילו וואָס כ׳האָב געטראַכט יענע גאַנצע נאַכט, ווען כ׳האָב נישט צוגעמאַכט קיין אויג: כ׳האָב זיך געראַטעוועט פון די דײַטשן, געראַטעוועט פון די רומענער, אַרויס פונעם סאָוועטישן גיהנום, דערלעבט צו זען די פרײַע וועלט — און דאָ בין איך פלוצעם אין סכּנה, צווישן הימל און ערד, אַראָפּצופאַלן און צעשמעטערט צו ווערן. איך בין נישט געווען דער איינציקער וואָס האָט זיך אַזוי געשראָקן. אַנדערע פּאַסאַזשירן איז פּשוט שלעכט געוואָרן און זיי האָבן געהאַלטן אין איין ברעכן. דער פּערסאָנאַל פון עראָפּלאַן האָט געטיילט איטלעכן רפואות און די פּילאָטן האָבן אונדז באַרוּיקט, אַז אַלץ איז מחמת דעם שלעכטן וועטער אין חודש אַפּריל, נאָר ס׳איז קיין שום סכּנה נישט. אויך עדיט, מײַן פרוי, האָט מיך געפּרוּווט באַרוּיקן. איר האָט דאָס פליִען בכלל נישט געשאַט. זי האָט אַפילו געלאַכט פון מיר, ווי איך ציטער בײַ איטלעכן וואַקל פון עראָפּלאַן.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין רעסיף, בראַזיל, בין איך געווען אין גאַנצן פאַרמאַטערט, אָבער ס׳איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פונעם האַרץ. דער וועג פון רעסיף איבער ריאָ דע זשאַניירא, סאַן־פּאַולאָ, בוענאָס־איירעס איז שוין געווען אַ סך רויִקער.

מ׳האָט מיר געהאַט אָנגעזאָגט אַז אין בוענאָס־איירעס זאָל איך נישט פאַרגעסן אַרייַנצולייגן אין מייַן פּאַספּאָרט אַ באַנקנאָט פון צוואַנציק דאָלאַר, כּדי דער פּקיד פון צאָלאַמט זאָל מיר קיין צרות נישט מאַכן אין שייַכות מיטן באַגאַזש. אין בוענאָס־איירעס האָבן מיר געמוזט איבערוואַרטן אַ מעת־לעת, כּדי צו נעמען אַן אַנדערן עראָפּלאַן קיין טשילע. און אַזוי איז טאַקע געווען: ווען דער פּקיד האָט אָנגעהויבן בלעטערן דעם פּאַספּאָרט, האָט ער מיך געפרעגט כּל מיני שאלות אויף שפּאַניש, וואָס איך האָב אויף זיי נישט געקענט ענטפערן. נאָר ווי ער איז צוגעקומען צו דעם בלעטל אין פּאַספּאָרט ווו עס זענען געלעגן די צוואַנציק דאָלאַר, האָט ער אויפגעהערט צו פרעגן. ער האָט אַרייַנגעלייגט דאָס געלט אין קעשענע, אָפּגעשטעמפּלט די פּאַספּאָרטן אונדזערע און מיר זענען מיטן באַגאַזש אַרויס פון אַעראָפּאָרט. אומעטום איין וועלט — האָב איך געטראַכט. באַקשיש עפנט אַלע טויערן...

בייַם אַרויסגיין פון אַעראָפּאָרט האָבן מיר פּלוצעם דערזען אַ מענטש מיט אַ שילד, וואָס אויף אים איז געשטאַנען אָנגעשריבן מיט גרויסע אותיות: פּאָלאַק. דאָס איז געווען דער שליח וואָס מייַן ברודער האָט געשיקט ער זאָל אונדז מקבל־פּנים זייַן אין אַרגענטינע. איך האָב מיך שטאַרק דעפרייט און אים דערלאַנגט אַ ברייטן שלום־עליכם. ווייַזט זיך אַרויס אַז דער פּאַרשוין איז גאָר נישט קיין ייִד, נאָר אַ טשילעאַנער גוי, וואָס רעדט בלויז שפּאַניש. און ער באַגריסט מיך מיט דער טשילעאַנישער העפלעכקייט אויף שפּאַניש, און ערשט ווען ער זעט אַז איך פאַרשטיי נישט וואָס ער זאָגט, הייבט ער אָן רעדן צו מיר מיט די הענט, אויף שטום־לשון.

מייַן ברודערס שליח האָט גענומען אַ טאַקסי און האָט אונדז צוגעפירט צו אַ ייִדישן האָטעל אין ייִדישן קוואַרטאַל, ווו ס׳איז אויך געווען אַ ייִדישער רעסטאָראַן, ווו מ׳האָט גערעדט ייִדיש הויך,

אויפן ייִדישן שטייגער. דורך אַ ייִדישן טאָלמעטשער האָט אונדז דער טשילעאַנער איבערגעגעבן גרוסן פון מײַן ברודער, וואָס האָט אַליין נישט געקענט קומען און האָט אים ספּעציעל געשיקט ער זאָל אונדז אויפנעמען אין דער פרעמדער שטאָט. ער האָט אויך געדונגען אַ טאַקסי מיט אַ ייִדישן שאָפער, וואָס זאָל אונדז אַרומפירן און ווײַזן די שטאָט, אײדער מיר וועלן זיך צוריקקערן צום אַעראָפּאָרט, כּדי ווײַטער צו פאָרן קיין סאַנטיאַגאָ.

נאָך דער מלחמה איז אַרגענטינע געווען איינס פון די רײַכסטע לענדער אין דער וועלט. דאָס אויסגעהונגערטע אייראָפּע האָט אין אַרגענטינע געקויפט לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן און גוט באַצאָלט דערפאַר. אין די וויטרינעס האָבן מיר געזען פון כּל־טוב, אַפילו מער ווי אין פּאַריז. אין די יוּוועליר־געשעפטן זענען געווען אויסגעשטעלט גרויסע בריליאַנטן און צירונג פון גאָלד מכּל־המינים.

דער מושל אין אַרגענטינע איז דעמאָלט געווען דער גענעראַל פּעראָן מיט זײַן באַרימטער ווײַב עוואַ. זיי האָבן פאַרשטאַנען ווי אַזוי צו באַגײַסטערן דאָס אָרעמע פאָלק מיט אַ פּרימיטיוון פּאָפּוליזם. זי, עוויטאַ האָט געקענט די פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע און האָט מיט איר שיינקייט אויך געשפּילט פאַרן פּשוטן המון די הייליקע. ייִדן האָבן דערציילט אַז אין די קעלערן פון דער מלוכה־באַנק ליגט אַזוי פיל גאָלד, אַז מ׳האָט עס שוין נישט וווּ אַהינצוטאָן. אַגב זענען אויך צווישן פּעראָנס חסידים געווען אַ סך ייִדן, הגם זיי האָבן אים בײַם אָנהייב, ווען ער איז נאָר געקומען צו דער מאַכט, געהאַלטן פאַר אַ היטלעריסט. עוואַ האָט אין זינען געהאַט מקרב צו זײַן רײַכע ייִדן, פון וועלכע זי האָט באַקומען אַ סך געלט. מ׳האָט דערציילט, אַז זי האָט אַ מאָל געשפּילט אַ ליבע מיט אַ ייִדן און דערפון נעמט זיך איר גוטע באַציִונג צו ייִדן בכלל. עס זענען אַרומגעגאַנגען אַ סך רכילותן וועגן איר. כּידוע איז זי יונג געשטאָרבן, און פאַרן טויט האָט זי געבעטן עס זאָל קומען הרב גרינוואַלד און תּפילה טאָן פאַר איר.

ס׳האָט קיין סך נישט געדויערט און פּעראָן האָט פאַרתּכלעוועט די גוואַלדיקע אוצרות פון אַרגענטינע און דערפירט דאָס לאַנד צו באַנקראָט. ער אַליין האָט געמוזט אַנטלויפן קיין שפּאַניע.

דעם אַנדערן טאָג האָט אונדז דער טשילעאַנער אַפּגעפירט אויפן אַעראָפּאָרט און אונדז איינגעאָרדנט אין עראָפּלאַן קיין סאַנטיאַגאָ. פון בוענאָס־איירעס קיין סאַנטיאַגאָ האָט דער וועג געדויערט צוויי שעה: אַנדערטהאַלב שעה איבער פלאַכלאַנד און בלויז אַ האַלבע שעה איבער די אַנדן, די הויכע בערג וואָס הייסן אויף שפּאַניש קאָרדיליעראָס. יענע האַלבע שעה וועל איך אָבער קיין מאָל נישט פאַרגעסן. דער וועג איבערן אַטלאַנטיק איז געווען גאָלד קעגן איבער דעם וועג איבער די ריזיקע בערג, כּמעט 7000 מעטער, די צווייט־העכסטע אויף דער וועלט, באַלד נאָך די הימאַלייע־בערג. אין די עראָפּלאַנען פון יענער צייט איז נאָך נישט געווען קיין צענטראַלע אינסטאַלאַציע פאַר זויערשטאָף. ווען מ׳איז צוגעקומען צו די באַרגשפּיצן האָט מען איטלעכן פּאַסאַזשיר געגעבן אַ גומירערל אין מויל, וואָס האָט צוגעפירט זויערשטאָף פון אַ צענטראַלן באַלאָן.

אין משך פון יענער האַלבער שעה פליִען האָב איך די גאַנצע צייט געזען דעם טויט פאַר די אויגן. איך האָב נאָך קיין מאָל נישט אַזוי מורא געהאַט פאַרן טויט ווי דעמאָלט, ווען כ׳האָב מיט אַלע כּוחות געגאַרט אָנצוהייבן אַ נײַ לעבן אין דעם נײַעם לאַנד.

סוף־כּל־סוף זענען מיר אַריבער די מסוכּנדיקע באַרגשפּיצן און אין אַ גוטער שעה זיך אַראָפּגעלאָזט אין טשילע. מײַן ברודער מיט זײַן משפּחה איז געקומען אונדז מקבל־פּנים זײַן. אַכט יאָר זענען פאַרבײַ פון זינט איך האָב אים געהאָלפן אַרויספאָרן פון רומעניע. עס האָבן זיך, פאַרשטייט זיך, געגאָסן טרערן פון פרייד און איבערגענומענקייט. מײַן ברודער האָט אויף מיר געקוקט און אַ זאָג געטאָן:

— דו ביסט אין גאַנצן גראָ!

— גראָ, אָבער דאָ! — האָב איך אים געענטפערט — לעבעדיק דאָ!

אין יענער רגע האָב איך געפילט, אפשר מער ווי די גאַנצע צייט, וואָס עס באַטײַט איבערלעבן.

טשילע

אין טשילע זאָגט מען, אַז ווען גאָט האָט פאַרענדיקט מעשה־בראשית, באַשאַפֿן די וועלט, איז אים איבערגעבליבן חומר פון כּל־המינים: מידבר־זאַמד, בערג, טײַכן, וועלדער; אויך היץ און קעלט, שנייען און אײַזבערג; אויך אַ שטיק גוטע ערד צו אַקערן און פאַרזייען. האָט ער געזוכט, דער רבונו־של־עולם, עפּעס אַ ווינקל אויף דער וועלט, ווו ער זאָל לעת־עתּה אַוועקלייגן אָט דעם חומר, ביז ער וועט אים ווידער באַדאַרפֿן. און אָט יענער ווינקל, ווו גאָט האָט באַהאַלטן די רעשטלעך פון מעשה־בראשית הייסט טשילע.

משונהדיק איז די געאָגראַפיע פון טשילע: אַ שמאָלער פּאַס בײַם דרום־פּאַציפישן אָקעאַן, 4200 קילאָמעטער די לענג און 180 קילאָמעטער די ברייט. בסך־הכּל 756.000 קוואַדראַט קילאָמעטער. דרײַסיק מאָל אַזוי גרויס ווי ישראל. אַחוץ דעם — עטלעכע אינדזלען אין אַטלאַנטישן אָקעאַן, העט אין דרום־זײַט, וואָס זענען אַ גאַנץ יאָר פאַרפרוירן און צוגעדעקט מיט אײַז. אין צפון גרענעצט זיך טשילע מיט פּערו און באָליוויע, אין מיזרח — מיט אַרגענטינע, אין מערב — מיטן פּאַציפישן אָקעאַן און אין דרום — טאָקע מיטן דרום־פּאָלוס.

אין טשילע זענען פאַראַן אַלע קלימאַטן פון דער וועלט. אין צפון איז דער טראָפּישער טרוקענער מידבר; אין צענטער, ווו עס געפינט זיך די הויפּטשטאָט סאַנטיאַגאָ, איז אַ מילדער קלימאַט, אָבער נישט קיין סטאַבילער: בײַ טאָג דערגרייכט די היץ ביז 30 גראַד צעלזיוס און בײַ נאַכט איז קיל, ווײַל אַן ערך דרײַסיק קילאָמעטער פון דאָרטן צײען זיך שוין די הויכע בערג, די קאָר־דיליעראַס, וואָס זענען כּמעט אַ גאַנץ יאָר צום טייל באַדעקט מיט

שניי. זומער, ווען דער טערמאָמעטער ווײַזט אין סאַנטיאַגאָ 30 גראַד היץ, קען מען אַן ערך 35 קילאָמעטער ווײַטער פון דאָרטן לויפן סקי. ווינטער — רעגנט אין דער צענטראַלער געגנט און די טעמפּעראַטור גייט אַראָפּ ביז נול. וואָס מער מען פּאַרנעמט זיך קיין דרום, איז דער רעגן און די קעלט שטאַרקער, ביז צו דעם סאַמע דרומדיקסטן פּונקט, בײַ דער שטאָט פּונטאַ אַרענאַס און דעם מאַגעלאַן־קאַנאַל, וואָס פאַרבינדט דעם אַטלאַנטישן און דעם פּאַציפישן אָקעאַן. איידער מ׳האָט אויסגעבויט דעם פּאַנאַמאַ־קאַנאַל, איז דאָס געווען דער וויכטיקסטער פּונקט פאַר די שיפן וואָס זענען געקומען פון אַטלאַנטיק און געדאַרפט אַרײַנפאָרן אין פּאַציפיק.

ווען מיר זענען געקומען קיין טשילע איז די באַפעלקערונג געווען אַן ערך זעקס מיליאָן. הײַנטיקן טאָג דערגרייכט די באַפעלקערונג שוין כמעט עלף מיליאָן. אַן ערך 40% פון דער באַפעלקערונג וווינט אין דער הויפּטשטאָט, סאַנטיאַגאָ. ווי אין אַלע לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער, איז אין דער מעטראָפּאָליע פאַראַן אַ סך אָרעמקייט, מחמת דער גרויסער צאָל מענטשן, וואָס האָבן נישט וווּ צו וווינען און וואָס צו עסן. דאָס לאַנד איז פון דעסטוועגן רײַך. אין צפון זענען פאַראַן די גרעסטע קופּער־מינעס אין דער וועלט. אין דער צענטראַלער געגנט געפינט זיך די אינדוסטריע און ווײַטער אַראָפּ קיין דרום — די לאַנדווירטשאַפט. אין עקסט־רעמען דרום איז פאַראַן נאַפט, וואָס דעקט אַן ערך 50% פון געברויך. די לאַנדווירטשאַפט איז רעלאַטיוו אָרעם, דערפאַר זענען אָבער אין דער דרום־געגנט פאַראַן אַ סך וואַסערן, די געגנט פון טוריזם, טײַכן, וווּ די פישערײַ ברענגט גרויסע הכנסות. טשילע איז אויך רײַך אין כל מיני פּרוכטן, אין האָלץ פון די וועלדער און אין אויסגעצייכנטן ווײַן. די הכנסה „פּער קאַפּ״, אויפן לשון פון דער סטאַטיסטיק, איז 1400 דאָלאַר, אָבער די פאַרטיילונג איז ווײַט נישט קיין גלײַכמאָסיקע.

קלימאַטעריש איז טשילע בלי־ספק דאָס בעסטע לאַנד אין דרום־אַמעריקע. בלויז 120 קילאָמעטער פון סאַנטיאַגאָ געפינט זיך

די באַרימטע פלאַזשע ווינע דעל מאַר, נישט ווײַט פון דעם האַפן וואַלפּאַראַיסאָ, וואָס ווערט פאַררעכנט ווי די טשילעאַנער ריוויעראַ.

ביזן יאָר 1970 איז טשילע געווען אַ דעמאָקראַטישע מדינה, מיט אַ פּרעזידענציעלער סיסטעם, אַ פּאַרלאַמענט און אַ סענאַט, ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אַ קורצער איבעררײַס איז בלויז געווען אין די יאָרן 1929—1930, ווען ס'האָט געהערשט אַ מיליטערישע דיקטאַטור. אַחוץ דעם קורצן פּעריאָד, האָט זיך טשילע אויסגעטיילט פון די איבעריקע לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער, ווו ס'איז שטענדיק געווען אַ רעזשים פון מיליטערישער דיקטאַטור.

די באַפעלקערונג איז בדרך־כּלל אַ געמיש פון שפּאַניער און אינדיער, אָבער אויך אַ גרויסע צאָל אייראָפּעער, וואָס זענען אײַנגעוואַנדערט אין די לעצטע 150 יאָר. אין דער מיטל־דרום־געגנט זענען פאַראַן אַן ערך הונדערט טויזנט אײַנגעוואַנדערטע דײַטשן, וואָס האָבן זיך ווינציק אַסימילירט אין משך פון די יאָר־צענדליקער, און זענען געבליבן דײַטשע פּאַטריאָטן. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן זיי זיך אַרויסגעוויזן ווי גרויסע חסידים פון היטלערן און האָבן אָפן געפירט אַ נאַציסטישע פּראָפּאַ־גאַנדע. נאָך היטלערס מפּלה האָבן טאָקע אַ סך נאַציס געפונען בײַ זיי אַ מקום־מיקלט, אין זייערע רײַכע לאַנדווירטשאַפטלעכע פאַרמען.

איידער אַיענדע איז געוויילט געוואָרן ווי דער פּרעזידענט פון טשילע, אין יאָר 1970, איז די גאַנצע ווירטשאַפט פון לאַנד געלעגן אין די הענט פון מענטשן פון פאַרשיידענע פעלקער, וואָס האָבן געהאַט טשילעאַנישע בירגערשאַפט. אַזוי למשל איז אַ גרויסער טייל פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע געווען אין די הענט פון אַראַבער. אַגב לעבן אין טשילע אַן ערך 150.000 אַראַבער. די גרויסע באַנקן זענען געלעגן אין די הענט פון שפּאַניער, וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי איז אײַנגעוואַנדערט בעתן שפּאַנישן בירגער־קריג. איבער די רעסטאָראַנען און גרויסע געשעפטן האָבן געהאַט די שליטה איטאַליענער. אויך די גרויסע אינדוסטריע און די קופּערגרובן האָבן געהערט צו אויסלענדער. אין דער צײַט ווען

מיר זענען געקומען קיין טשילע, אין 1947, האָבן זיך ייִדן פאַרנומען דאָרטן מיט קליין־אינדוסטריע און קליינהאַנדל.

דאָס טשילעאַנישע פאָלק איז באַקאַנט מיט זײַן גוטמוטיקייט און זײַן ספּעציפישן הומאָר. די טשילעאַנער האָבן אויך אַ גוואַלדיקן, כמעט קנעכטישן, דרך־ארץ פאַר די העכערע ראַנגען אין דער געזעלשאַפט. דעם בעל־הבית רופן זיי פאַרצויגן: פּאַטראָנסיטאָ.

טשילע שטייט אויך אויף אַ רעלאַטיוו הויכער קולטורעלער פּאָזיציע. אין סאַנטיאַגאָ זענען פאַראַן צוויי גוטע אוניווערסיטעטן, איינע אַן אַלגעמיינע און איינע אַ קאַטוילישע. הויכשולן זענען אויך פאַראַן אין וואַלפּאַראַיִסאָ און אין קאָנסעפּסיאָן. צוויי טשילעאַנער פּאָעטן האָבן באַקומען דעם נאָבעל־פּרײַז — גאַבריעלאַ מיסטראַל און פּאַבלאָ נערודאַ. בכלל האָט טשילע איבערגענומען די קולטור, פּונקט ווי די קאַטוילישע רעליגיע, פון שפּאַניע, וואָס האָט געהערשט דאָרטן ביזן אָנהייב 19טן יאָרהונדערט, ווען דער גענעראַל אָ׳היגענס, פון ענגלישער אָפּשטאַמונג, האָט פּראָקלאַמירט די אומאָפּהענגיקייט פון דער רעפּובליק טשילע. נישט געקוקט אויפן דעמאָקראַטישן רעזשים וואָס האָט געהערשט אין טשילע ביז 1970, זענען געווען דאָרטן גרויסע סאָציאַל־עקאָנאָמישע אונטערשיידן: אַ קליינער טייל זייער רײַכע מענטשן און אַ גרויסער טייל זייער אָרעמע. דער פּרעזידענט אַיענדע, וואָס איז געקומען צו דער מאַכט אין 1970, האָט געוואָלט אײַנפירן אַ סאָציאַליסטישן רעזשים, און דער פּועל־יוצא איז געווען, אַז ער האָט אין גאַנצן חרוב געמאַכט די עקאָנאָמיע פונעם לאַנד. די רײַכע זענען טאַקע געוואָרן אָרעמער, אָבער די אָרעמע זענען געוואָרן נאָך אָרעמער.

דאָס ייִדישע טשילע

אין יאָר 1956 האָבן די ייִדן אין טשילע געפּײַערט אַ יובל פֿון זינט דעם ערשטן מנין זייערן אין לאַנד. דאָס מיינט, אַז ביזן יאָר 1906 האָבן ייִדן נאָך נישט געהאַט קיין מנין אין טשילע.

די ערשטע ייִדן זענען אַריבערגעקומען פֿון אַרגענטינע, וווּ ס'איז שוין געווען אַ גרויסער ייִדישער ייִשוב. בּידוע האָט דער באַראָן הירש אײַנגעקויפט אין אַרגענטינע גרויסע שטחים, וווּ מ'האָט פּלאַנירט צו קאָלאָניזירן אייראָפּעיִשע ייִדן, זיי זאָלן זיך פאַרנעמען מיט לאַנדווירטשאַפט. אין יענער צײַט איז אָבער זייער שווער געווען צו קומען פֿון אַרגענטינע קיין טשילע, איבער די הויכע אַנדן־בערג. פֿון דעסטוועגן איז אין משך פֿון די פופציק יאָר דער ייִדישער ייִשוב אין טשילע אָנגעוואַקסן ביז צו אַן ערך 30.000—35.000 מענטשן. די פּינקטלעכע צאָל האָט מען זיך קיין מאָל נישט געקענט דערוויסן, ווײַל נישט אַלע ייִדן זענען געווען פאַררעגיסטרירט אין ייִדישע אינסטיטוציעס. דער גרעסטער טייל איז אײַנגעוואַנדערט אין די יאָרן צווישןביידע וועלט־מלחמות, אַ טייל בעת דער מלחמה און תּיכּף נאָך דער מלחמה.

בײַם אָנהייב האָבן ייִדן זיך אַ פּאַר זיך פאַרנומען מיט פּעדלערײַ. מ'האָט גענומען אַ פּעקל מיט סחורה און מ'איז געגאַנגען פֿון הויז צו הויז פאַרקויפן. מ'האָט אויך געגעבן אויף באָרג, אויסצוצאָלן. ייִדישע און אויך אַראַבישע אַנגראָסיסטן האָבן אַרויסגעהאָלפן די פּעדלערס, סעמיאַנאַליסטן, ווי זיי האָבן געהייסן אויף שפּאַניש, און זיי געגעבן סחורה אויף קרעדיט. ווי נאָר זיי האָבן געמאַכט אַ ביסל געלט, האָבן די פּעדלערס געעפנט אייגענע געשעפטן און אַפילו קליינע פאַבריקן.

פאַר די ייִדישע עמיגראַנטן פֿון דײַטשלאַנד איז געווען אַ סך

גרינגער. קודם־כּל איז אַ גרויסער טייל פון זיי געקומען מיט געלט. און אַחוץ דעם האָבן כּמעט אַלע געהאַט דערפאַרונג אין מיסחר, אָדער אַ פּראָפעסיע. אויך די עמיגראַציע פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז געווען אויף אַ העכערער מדרגה. דער צווייטער און דריטער דור האָט זיך שוין געלערנט אין די אוניווערסיטעטן און געשטרעבט צו אַ פּראָפעסיאָנעלער אַנטוויקלונג.

אויף געזעלשאַפטלעכן שטח איז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע געווען די צענטראַלע, וואָס האָט פאַראייניקט אַלע ייִדישע אינסטיטוציעס. די הויפּט־אינסטיטוציע, די „סירקולאָ איזראַעליטאַ”, וואָס איז טאַקע געווען די ערטשע אינסטיטוציע פון אַשכּנזישע ייִדן, האָט געהאַט אַן אייגענע שול און אַן אייגענעם שפּילקלוב, וווּ ייִדן זענען געקומען אין די אָוונטן שפּילן אין קאָרטן. ביזן אויפקום פון מדינת־ישראל זענען אויך געקומען אַראַבער און האָבן געשפּילט אין איינעם מיט ייִדן. אַחוץ דעם האָט אויך עקסיסטירט אַ ספרדישע קהילה. פרומע ייִדן האָבן געהאַט זייער אייגענע שול, וואָס האָט געהייסן ביקור־חולים. ס׳איז, פאַרשטייט זיך, אויך געווען אַ חברה־קדישא, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיטן בית־הקברות.

דעם קאָנטאַקט מיט דער גוייִשער וועלט האָבן די ייִדן אָנגעהאַלטן מיט דער הילף פון אַ רעפּרעזענטאַטיוון קאָמיטעט, וווּ עס זענען אַרײַן פיר דעלעגאַטן פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע און פיר דעלעגאַטן פון די איבעריקע אינסטיטוציעס. ס׳רוב ייִדן האָבן געוווינט אין סאַנטיאַגאָ און בלויז פינף טויזנט אין די איבעריקע שטעט.

אין טשילע, פּונקט ווי אין אַרגענטינע, איז געווען אַ קליינע גרופּע ייִדן, וואָס מ׳האָט זיי גערופן „טמאים”. זיי זענען טאַקע אַריבערגעקומען פון אַרגענטינע און געלעבט פון זנות. די ייִדישע באַפעלקערונג האָט זיי בויקאָטירט און געפירט אַ קאַמף קעגן זיי. טאָמער איז איינער פון די טמאים געשטאָרבן, האָט די חברה־קדישא אים נישט געלאָזט באַגראָבן אויפן ייִדישן בית־עולם. זיי האָבן געפּרוּווט באַהאַלטן זייער אידענטיטעט, אָבער ס׳האָט זיי נישט געהאָלפן. די קהילה האָט געהאַט אַ רשימה און האָט געוווּסט ווער זיי זענען. כּידוע האָט די ייִדישע קהילה אין אַרגענטינע געפירט

יאָרן־לאַנג אַ שווערן קאַמף כּדי אָפּצוּווישן דעם מיאוסן פלעק פון דער ייִדישער געזעלשאַפט, ווען ייִדן האָבן געהאַט דעם מאָנאָפּאָל אין בוענאָס־איירעס איבער דער שענדלעכער פּרנסה. דאָרטן האָבן די טמאים זיך געמוזט באַזאָרגן מיט אַן אייגענעם בית־הקברות, ווײַל די חברה־קדישא האָט זיי נישט צוגעלאָזט צום ייִדישן בית־עלמין. די יורשים פון די טמאים האָבן זיך געביטן די נעמען און אַ סך פון זיי זענען אַוועק אין אַנדערע לענדער, כּדי צו פאַרווישן יעדן זכר, אין שײַכות מיטן עבר פון זייערע עלטערן.

ייִדיש קולטור־לעבן אין טשילע

דאָס קולטורעלע לעבן פון דער ייִדישער יוגנט אין טשילע האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דער ציוניסטישער פעדעראַציע, וואָס האָט כּולל געווען אַלע פּאַרטייען, ווי מיר קענען זיי פון פריִער און ביזן הײַנטיקן טאָג. די שטאַרקסטע פּאַרטייען זענען דאָרטן געווען פּועלי־ציון און כּלל־ציוניסטן. די שטאַרקסטע יוגנט־באַוועגונג איז געווען דער שומר־הצעיר. אַ גרויסער טייל פון זײַנע מיטגלידער זענען טאַקע עולה געווען און דאָ אַרײַן אין די קיבוצים. אוודאי זענען געווען חילוקי־דעות, אָבער ס'רוב לשם־שמים, וועגן אידעאָלאָגישע פּראָבלעמען, וואָס שייך דער ציוניסטישער באַוועגונג און דער פאַרווירקלעכונג פון אירע אידעאַלן. אין דער ציוניסטישער פעדע־ראַציע האָט מען גערעדט שפּאַניש (קאַסטעיאַנאָ).

וואָס נוגע ייִדיש און ייִדישער קולטור — איז טשילע אויך נישט אָפּגעשטאַנען. די אַקטיוויטעט אויף ייִדיש איז געווען קאָנצענ־טרירט בפרט אין פּוילישן פאַרבאַנד און שפּעטער אויך אין די לאַנדסמאַנשאַפטן פון די בעסאַראַבער און בוקאָווינער ייִדן. טשילע איז שוין דעמאָלט געווען שפּראַכלעך מער אַסימילירט ווי די אַנדערע דרום־אַמעריקאַנער ייִשובים.

עס זענען אַרויסגעגאַנגען צוויי וואָכנצײַטונגען — איינע אויף שפּאַניש: **מונדאָ דזשודיאָ** און איינע אויף ייִדיש: **דאָס ייִדישע וואָרט**. אַגב האָבן אין טשילע געלעבט און געווירקט אַ סך ייִדישע שרײַבער, זשורנאַליסטן, לערער און קולטור־טוערס, ווי למשל דער פּאָעט דוד גיסער, דער דערציילער און רעדאַקטאָר פון דער ייִדישער צײַטונג פּנחס ביזבערג, דער פּראָזאַיִקער און זשורנאַליסט נח וויטאַל, דער שרײַבער און מחנך יעקב פּילאַווסקי, די קולטור־טוערס שלמה באַכראַך, משה יודעלעוויטש, י. בלומשטיין, און דאָס איז אוודאי

נישט קיין אויסשעפּנדיקע רשימה. אחוץ דעם פלעגן כּסדר קומען ייִדישע שרייַבער פון אַרגענטינע און באַרייַכערן מיט זייערע אַרויס־טריטן דאָס קולטורעלע לעבן פונעם ייִדישן ייִשוב אין טשילע. די ציוניסטישע שליחים האָבן אויך נישט געהאַט קיין ברירה און זיך געמוזט באַנוצן מיט ייִדיש, כּדי דער עולם, בפרט אין די ערשטע יאָרן, זאָל זיי קענען פאַרשטיין. נאָכן חורבן איז ערשט רעכט געוואַקסן די נאָסטאַלגיע און די בענקשאַפט צו ייִדיש, די שפּראַך פון דעם אויסגעהרגעטן ייִדישן פאָלק. אין יענע יאָרן איז ייִדיש באמת געווען אַ באַשיצערין קעגן אָפּגעפרעמדטקייט און אַסימי־לאַציע.

ווי איך האָב זיך דערוווּסט ווען מיר זענען געקומען קיין טשילע, האָט דאָרטן געשפּילט גאָר אַ חשובֿע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פונעם ייִדישן ייִשוב דער העברעיִשער דיכטער נתן ביסטריצקי, וואָס האָט אין די מלחמה־יאָרן געלעבט אין דרום־אַמעריקע. כּידוע איז נתן ביסטריצקי דער פֿאָטער פון פּראָפעסאָר יעקב אַגמון, וואָס פירט אָן מיט דער ספּעציעלער אָפּטיילונג אין ביילינסאָן־שפּיטאָל.

ווען מיר זענען געקומען, איז שוין נתן ביסטריצקי געווען צוריק אין ישראל, אָבער די מענטשן האָבן מיר דערציילט וועגן זייַנע אויפטוען לטובת הכּלל. ער האָט למשל געהאַט אַ גרויסן חלק אין גרינדן דעם ועד החינוך אין טשילע. ער האָט זיך אויס־געלערנט שפּאַניש און האָט געהאַלטן לעקציעס אויף ייִדישע קולטורעלע טעמעס אין אוניווערסיטעט פון סאַנטיאַגאָ. די יוגנט איז געווען באַגייַסטערט פון זייַנע רעפעראַטן, פון זייַן הויכן אינטעלעקטועלן ניוואָ און פון זייַן פילזייַטיקן וויסן. צווישן אַנדערן האָט נתן ביסטריצקי אויך איבערגעזעצט אויף עברית ווערק פון גאַבריעלאַ מיסטראַל, די באַרימטע טשילעאַנישע דיכטערין, וואָס האָט באַקומען אין 1945 דעם נאָבעל־פּרייַז.

די ייִדן אין טשילע האַלטן אַז די טשילעאַנישע אַריסטאָקראַטיע שטאַמט פון די מאַראַנען, בפרט אַלע וואָס זייער נאָמען הייבט זיך אָן מיט „סאַנטאַ“, ווי למשל סאַנטאַמאַריאַ, סאַנטאַקרוז, סאַנטאַנאַ וכדומה. אַ סברה אַז ייִדן האָבן אָט די נעמען אָנגענומען בעת זיי

האָבן זיך בעל־כּרחם געשמדט. געווען אַפילו אין טשילע אַ קאַר־דינאַל, כּאָסע מאַריאַ קאַראַ, וואָס מ'האָט געהאַלטן אַז ער שטאַמט פון די אַנוסים. מע זאָגט אַז אַ סך פון די טשילעאַנער אַריס־טאָקראַטן זענען טאַקע שטאַרק שטאָלץ מיט זייער ייִדישער אָפּשטאַמונג.

פאַראַן אויך אַ טשיקאַווע סעקטע אין טשילע, וואָס מען רופט זי „קאָנקער ייִדן". זיי שטאַמען פון אַ דאָרף, קאָנקע, אָן ערך טויזנט קילאָמעטער פון סאַנטיאַגאָ, ווו זיי האַלטן שבת און אויך אַ טייל פון די ייִדישע יום־טובים. זיי פלעגן אַפילו שיקן דעלעגאַטן צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן. סענדער פּילאָווסקי, אַ ייִד אַ תּלמיד־חכם, האָט זיך פאַרנומען מיט די דאָזיקע „ייִדן" און אַ טייל פון זיי זענען אַפילו עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

כּדאַי צו דערמאָנען, אַז ייִדן האָבן זיך אויך באַטייליקט אין אַלגעמיינעם פּאָליטישן לעבן פון טשילע, ווי מיטגלידער אין די נאַציאָנאַלע פּאַרטייען, און זענען אויסגעוויילט געוואָרן ווי דעפּו־טאַטן און סענאַטאָרן. אַנגעל פייוואָוויטש איז געווען סענאַטאָר; און יעקב שווילזאָן, דעפּוטאַט, אַפילו אַ סך יאָרן פּרעזידענט פון פּאַרלאַמענט. אויך אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זענען געווען אָנגעזעענע ייִדן, ווי ד"ר יעקב בערמאַן און וואָלאָדיע טייטלבוים, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסן פּרעסטיזש אין טשילע בכלל, און האָבן דערבײַ אויך אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיטן ייִדישן ייִשוב.

אין יענער צײַט, ווען מיר זענען געקומען קיין טשילע, האָבן ייִדן געהאַט אַ גרויסע סימפּאַטיע פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד — קודם־כּל ווײַל די רויטע אַרמיי איז געווען דער עיקרדיקסטער כּוח וואָס האָט דערפירט צו דער מפּלה פון היטלעריסטישן דײַטשלאַנד, און צווייטנס — ווײַל די סאָוועטישע דעלעגאַציע בײַ דער אָנו האָט געשטיצט די רעזאָלוציע צו שאַפן אַ ייִדישע מדינה אין ארץ־ישראל.

אַחוץ דער אַלגעמיינער סימפּאַטיע פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד זענען אָבער אויך אַ סך ייִדן געווען מיטגלידער אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ס'האָט אויך עקסיסטירט אַ גרויסע באַוועגונג פון מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „פּראָגרעסיווער ייִדישער פאַראיין", און איז אין תּוך געווען בלויז אַ פיליאַלע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די דאָזיקע באַוועגונג האָט געהאַט

אַ גרויסע השפּעה סײַ אין די פּאַראַיײניקטע שטאַטן סײַ אין גאַנץ דרום־אַמעריקע. עס האָבן אָנטייל גענומען אין דער באַוועגונג ייִדישע שרײַבער און קולטור־טוער, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן אייגענע ייִדישע פּובליקאַציעס און האָבן פונאַנדערגעוויקלט אַ רײַכע קולטורעלע אַקטיוויטעט אויף ייִדיש.

ווען מ'האָט זיך דערוווּסט אַז סטאַלין האָט ליקווידירט די ייִדישע אינסטיטוציעס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און האָט אויס־געהרגעט די וויכטיקסטע ייִדישע שרײַבער, האָבן אַ טייל פון די „פּראָגרעסיסטן" אָנגעהויבן צו עפענען די אויגן און זען דעם אמתדיקן פּרצוף פון דעם סאָוועטישן רעזשים. אויך די פּראָצעסן וואָס סטאַלינס שליחים האָבן אָרגאַניזירט אין די אַזוי גערופענע פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער, ווי למשל דער סלאַנסקי־פּראָצעס אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, האָבן געהאַט אַ חלק אין אַנטפּלעקן דאָס סטאַליניסטישע צביעות. פון דעסטוועגן זענען נאָך אַ סך ייִדן געבליבן אָנהענגער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און זיך נישט געקענט אָפּרײַסן פון דער פאַלשער אמונה, אין וועלכער זיי האָבן אַזוי פיל יאָרן געגלייבט.

מײַן ברודער האָט חתונה געהאַט, באַלד נאָך דעם ווי ער איז אָנגעקומען אין טשילע, מיט אַ מיידל פון אַ פײַנער ייִדישער משפחה, וואָס דער גרעסטער טייל האָט געהערט צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. אַ סך פון זיי האָבן שוין חתונה געהאַט מיט גויים.

מײַן ברודער האָט אײַנגעאָרדנט פאַר אונדז אַ קבלת־פּנים און האָט פאַרבעטן גוטע פרײַנד און אויך זײַן ווײַבס משפּחה צו אַן „אָנסע", ווי מען רופט דאָרטן אַזאַ מין שׂימחה. דערבײַ גרייט מען צו אַ בופעט פון כּל טוב און איטלעכער נעמט וויפל דאָס האַרץ גלוסט אים. ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דעם בופעט און אויף די „פּראָגרעסיסטן" וואָס האָבן הנאה געהאַט פון די פײַנע מאכלים, האָב איך געטראַכט בײַ זיך: ווען איר וואָלט געשיקט קיין רוסלאַנד כאָטש די שיריים וואָס בלײַבן איבער פון אָט די טישן, וואָלט איר געהאַט אַ גרויסע מיצווה!

מיר זענען געווען כמעט פון די ערשטע עמיגראַנטן, וואָס זענען געקומען נאָך דער מלחמה קיין טשילע פון די מיזרח־

לענדער. איז מען אונדז, פֿאַרשטייט זיך, באַפֿאַלן מיט שאלות וועגן רוסלאַנד. איך האָב באַלד אָנגעהויבן צו דערציילן ווי עס זעט אויס דער רוסישער קאָמוניזם, מיט זײַן קאָרופּציע, אָפּאָרטוניזם און שקר, וואָס הערשן דאָרטן אויף יעדן טריט, וועגן דער מאָדערנער שקלאַפֿערײַ אין דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿט וכדומה, ווי איך האָב עס געוווּסט פֿון אייגענער דערפֿאַרונג און ווי איך האָב עס אַליין איבערגעלעבט. נאָר פּלוצעם האָב איך דערזען, אַז די געסט וואָס זענען אָקערשט געווען אַזוי העפֿלעך און אַזוי פֿרײַנדלעך מיר קעגן איבער, זענען מיט אַ מאָל געוואָרן קאַלט און האָבן זיך פֿון מיר אָפּגעקערט. איך האָב באַלד פֿאַרשטאַנען אַז כ'האָב אָנגערירט אַ דעליקאַטן ענין, אַז די דאָזיקע מענטשן ווילן גאָר נישט הערן דעם אמת און האָבן מורא אַז איך וועל זיי צעשטערן זייער געץ.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז צו מײַן ברודער געקומען אַ באַקאַנטע פֿון דער משפּחה, אַ קאָמוניסטקע, אַן אַרײַנגייערין אין דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע. זי האָט געזאָגט, אַז אַלץ וואָס כ'האָב דערציילט אויפֿן קבלת־פּנים וועגן רוסלאַנד איז קאָמענטירט געוואָרן אין דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע און אַז מען ראָט מיר פֿון דאָרטן, איך זאָל אויפֿהערן צו מאַכן אַנטיסאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע, אַנישט וועט מײַן ברודער, חיים, וואָס געפֿינט זיך נאָך דאָרטן, האָבן צו לײַדן דערפֿון. ווען איך האָב דאָס דערהערט, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז די אַכזריותדיקע האַנט פֿון סטאַלינען איז מסוגל צו דערגרייכן אַפֿילו ביז קיין טשילע.

אַ גרינער אין טשילע

מײַן ברודער מאָטי האָט פֿאַר מיר צוגעגרייט אַ פּרנסה נאָך אײדער איך בין געקומען קיין טשילע — צו זײַן אַ פּערטער שותּף אין אַ קלײנער װעבערײַ מיט פֿיר אַלטע װעבשטולן, װוּ ער, מײַן ברודער, איז אױך געװען אײנער פֿון די שותּפֿים. אַחוץ דעם האָט ער נאָך געהאַט אין אײנעם מיט אַ שװאָגער, טעדאָראָ פֿרידמאַן, זײַן פֿרױס אַ ברודער, אַ שטריקערײַ־פֿאַבריק.

אײדער איך האָב אָנגעהױבן צו אַרבעטן האָב איך זיך געװאָלט אַרומקוקן, זיך באַקענען אַ ביסל מיט דער עקאָנאָמישער לאַגע אין טשילע, און מיט די מענטשן מיט װעלכע איך װעל דאַרפֿן האַנדלען און װאַנדלען. איך האָב געװאָלט זען די בעלי־בתּים פֿון אײגענע געשעפֿטן און אײגענע פֿאַבריקן, זיך באַקענען מיט די מעגלעכ־קײטן זיך פֿונאַנדערצװוּיקלען אין דעם פֿרעמדן לאַנד. מײַן ברודער איז מיט מיר אַרומגעפֿאָרן, האָט מיר געװיזן די טעקסטיל־פֿאַבריקן און מיך אַרײַנגעפֿירט אין די געשעפֿטן צו די דעטאַליסטן.

קײן גאָר גרױסע גבֿירים זענען דעמאָלט אין טשילע נאָך נישט געװען צװישן די ייִדן. הגם אַ סך האָבן שױן געלעבט דאָרטן אַ היפּש ביסל יאָרן, איז קײן אײנעם פֿון זײ נישט געראָטן אױפֿצובױען אַ גרעסערע אונטערנעמונג. די ברידער כּהן און פּופּקין, שױן אַן ערך דרײַסיק יאָר תּושבֿים אין טשילע, האָבן געהערט צו די גבֿירים. זײ זענען געװען די הױפּט־ליװעראַנטן פֿון װאָלפֿאַדעם פֿאַר מאָטיס פֿאַבריק און האָבן אױך געהאַט אַ קלײנע שטרײַכגאָרן־שפּינערײַ. נאָך די אַלע װיזיטן װאָס איך האָב געמאַכט, האָב איך געזאָגט צו מײַן ברודער: אױב מען דאַרף אַזױ פֿיל יאָרן אַרבעטן דאָ כּדי אױפֿצושטעלן אַ פֿאַבריקל, איז טשילע נישט קײן אָרט פֿאַר מײַנטװעגן!

מײַן ברודער האָט מיר געפּרוּווט באַווײַזן אַז כ׳בין נישט גערעכט און מיר געבראַכט פֿאַר אַ דוגמא דעם גרויסן ייִדישן אײַזן־הענדלער סאָלאָמאָן זאַקס, איינער פֿון די ערשטע ייִדישע תּושבים אין טשילע. ער איז געקומען ווי אַן אָרעם ייִנגל פֿון פּוילן און איז אַרײַן אַרבעטן אין אַן אײַזן־געשעפֿט. נאָך אַ צײַט האָט ער חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פֿונעם בעל־הבית און האָט געירשנט דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן. ער איז אויך געווען באַקאַנט ווי אַ גרויסער קאָרטן־שפּילער און ווער ס׳האָט געהאַט די זכיה מיט אים צו שפּילן אין קאָרטן, האָט אויך געהאַט לעבן אים פּרנסה. די רעכטע האַנט פֿון אָט דעם סאָלאָמאָן זאַקס איז געווען דער אַדוואָקאַט חיל סינאַי, אַ סך יאָרן פּרעזידענט פֿון דעם רעפּרעזענ־טאַטיוון קאָמיטעט און שפּעטער פֿון דער חברה־קדישא. ער האָט געהאַט צווישן ייִדן אַ שם פֿון אַ גוואַלדיקן קמצן און מ׳האָט זיך געוויצלט אויף זײַן חשבון און געזאָגט, אַז ער עסט נישט קיין אייער, כּדי ער זאָל נישט דאַרפֿן אַוועקוואַרפֿן די שאָלעכץ...

אָט דער חיל סינאַי, שוין אַן אַלטער בחור, האָט געהאַפּט חתונה צו האָבן מיט איינער פֿון סאָלאָמאָן זאַקס אַ טאָכטער, אָבער זאַקס האָט געהאַט אַ חשד, אַז יענער וויל זײַן טאָכטער בלויז צוליב איר פֿאַרמעגן, און ער האָט אים אָפּגעזאָגט פֿון דער אַרבעט. צום סוף האָט דער סינאַי גענומען אַ טאָכטער פֿון אַן אַנדער ייִדישן גביר.

די ייִדישע קהילה האָט אַ לאַנגע צײַט באַשולדיקט דעם חיל סינאַי, אַז ער איז שולדיק אין דעם, וואָס סאָלאָמאָן זאַקס שטיצט נישט געגנוג די ייִדישע אינסטיטוציעס, כאָטש ער איז אַ צײַט אַפֿילו געווען דער פּרעזידענט פֿון דער „סירקולאָ איזראַעליטאַ״. ווײַזט אויס אַז דער גביר האָט נישט געוואַרט אויף די עצות פֿון זײַן אַדוואָקאַט. ער האָט אַליין חושד געווען די ייִדן, אַז זיי ווילן אים בלויז אויסניצן און האָט כּמעט דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן זײַנס פֿאַר־שריבן דעם טשילעאַנער אוניווערסיטעט. ער האָט געטענהט, אַז בלויז די גויים וועלן אים פֿאַראייביקן. די פֿאַקולטעט פֿאַר אַרכי־טעקטור אין טשילעאַנישן אוניווערסיטעט טראָגט טאַקע זײַן נאָמען. פֿאַר ייִדישע אינסטיטוציעס האָט ער גאָרנישט איבערגעלאָזט.

דער גורל פון מענטשן, מיט זייערע השגות, מיט זייערע שוואַכ־קייטן, מיט זייערע מעלות און חסרונות, האָט מיך נישט ווינציקער אינטערעסירט ווי די אונטערנעמונגען מיט זייערע מאַשינען.

איך מוז זיך מודה זײַן, אַז נישט געקוקט דערויף וואָס מײַן ברודער האָט פאַר מיר צוגעגרייט אַ פּרנסה, איז מיר די ערשטע צײַט אין טשילע געווען גענוג שווער איבערצוטראָגן, און כ׳שעם זיך נישט צו זאָגן, אַז עס זענען געווען רגעס ווען כ׳האָב אַפילו געבענקט נאָך בוקאַרעשט. דער מענטש פאַרגעסט גיך די לייד און צרות און געדענקט די ליכטיקע מינוטן וואָס ער האָט איבערגעלעבט.

קודם־כּל האָב איך אָנגעהויבן צו אַרבעטן, בעצם אָנצופירן די וועבערײַ, און האָב נישט געקענט קיין וואָרט שפּאַניש. כ׳בין אַרומגעגאַנגען מיט אַ ווערטערבוך און ווען די אַרבעטער האָבן מיר עפּעס געזאָגט, האָב איך געמוזט זוכן דעם טײַטש פון זייערע ווערטער. איך האָב געפילט דעם טעם צו זײַן אַ „גרינער״ און דאָס האָט מיך געהאַמעוועט אין דער אַרבעט און מיר געשאַפן כּל מיני קאָמפּלעקסן.

כ׳האָב אויך נישט געהאַט קיין גרויס נחת דערפון וואָס כ׳האָב געמוזט וווינען די ערשטע צײַט בײַ מײַן ברודער. ער האָט שלעכט געלעבט מיט זײַן ווײַב און האָט זיך טאַקע שפּעטער מיט איר געגט און געבליבן מיט די צוויי קינדער.

מײַן אײַנגעבוירענער אָפּטימיזם האָט מיך אָבער נישט פאַר־לאָזט און כ׳האָב טאַקע אין אַ רעלאַטיוו קורצער צײַט גובר געווען די שוועריקייטן פון אַ „גרינעם״.

נאָך זעקס חדשים האָב איך זיך שוין געקענט צונויפרעדן אויף שפּאַניש און כ׳האָב שוין נישט גדאַרפט אָנקומען נישט צו מײַן ברודער, ער זאָל מיר פאַרטײַטשן וואָס מען רעדט צו מיר און נישט צום ווערטערבוך. און אַזוי ווי איך האָב זיך געפילט אַ ביסל פרײַער, האָב איך טאַקע באַלד באַשלאָסן זיך צו געזעגענען מיטן שותּפות אין דער וועבערײַ. איך האָב געוואָלט זײַן זעלבשטענדיק און האָב געפילט אַז איך וועל מצליח זײַן.

צו מײַן החלטה אַרויסצוטרעטן פון שותּפות פונקט צום יאָר פון זינט כ׳האָב אָנגעהויבן אַרבעטן, האָבן אויך בײַגעטראָגן אַנדערע

צווייּ פּאַקטן, וואָס איך האַלט פאַר טשיקאַווע זיי צו דערמאָנען. זיי האָבן אויך אַ שײַכות צו דעם כאַראַקטער און דעם גורל פון מענטשן.

דער ערשטער פּאַקט איז געווען פאַרבונדן מיט דעם פאַבריקאַנט בײַ וועלכן מיר האָבן געמוזט קויפן דאָס רוי־מאַטעריאַל פאַר אונדזער וועבערײַ. דאָס איז געווען אַ ייִד מיטן נאָמען שמואל טערטלטויב, נאָר צום באַדויערן האָט דער נאָמען לחלוטין נישט געפּאַסט צו זײַן כאַראַקטער. כאָטש ער איז שוין לאַנג אַ שוכן־עפר, מוז איך דערמאָנען וואָס פאַר אַ שווידערלעכן אײַנדרוק דער מענטש האָט אויף מיר געמאַכט. מ׳האָט מיר דערציילט אַז ער איז שוין געזעסן אַ צײַט אין תּפיסה, ווײַל ער האָט געשאָסן אויף זײַנעם אַ שותּף. ער האָט זיך אָבער אַרויסגעדרייט, מיטן תּירוץ אַז ר׳האָט זיך בלויז פאַרטיידיקט און דער שותּף זײַנער האָט גאָר געוואָלט אים שיסן.

אָט דער שמואל טערטלטויב האָט אויף אַ כּמעט סאַדיסטישן אופן געפּײַניקט די קונים, וואָס האָבן זיך געניייטיקט אין זײַן סחורה. מ׳האָט געמוזט קומען צו אים אין פאַבריק יעדן אינדערפרי, כּדי ער זאָל איטלעכן צוטיילן די פאַר קילאָ וואָלפאָדעם, וואָס מ׳האָט אויסגעאַרבעט אין נאַכטשיכט. כ׳האָב אים געפרעגט: סטײַטש, פאַר וואָס דאַרף מען קומען יעדן אינדערפרי, פאַר וואָס זאָל ער נישט פאַרטיילן רוי־מאַטעריאַל פאַר אַ גאַנצער וואָך? דערויף האָט ער געענטפערט: וואָס פאַרשטייט איר? איר זענט שוין געווען אין אַמעריקע? איך וויל יעדן אינדערפרי זען איטלעכן קונה, איך וויל איר זאָלט מיר יעדן אינדערפרי זאָגן אַ גוט־מאָרגן, דאָן סאַמועל!

פון זינט ער איז איין מאָל געווען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט ער איטלעכן געשלײַדערט אין פּנים אַרײַן: וואָס פאַרשטייט איר? איר זענט שוין געווען אין אַמעריקע?

דער ייִד האָט טאַקע שפּעטער באַנקראָטירט, אָבער מיר איז גיך נימאס געוואָרן יעדן טאָג זיך מיט אים צו באַגעגענען. כ׳האָב געזאָגט מײַן ברודער מאָטי אַז איך וועל צו אים מער נישט גיין! מײַן ברודער איז געווען אויף מיר אין כּעס און אין איינעם אַ טאָג

האָט ער מיט אַ באַפּעלערישן טאָן אַ זאָג געטאָן: נעם צונויף די ליידיקע שפּולן און איך וועל פאָרן צו טערטלטויבן נאָך וואָל!

דאָס איז געווען דער צווייטער פאַקט, וואָס האָט גורם געווען איך זאָל אויפגעבן דאָס שותּפות: די באַפּעלערישע ווערטער פון מײַן ברודער מאָטי האָבן מיך באַליידיקט. ער, דער יִינגערער, וועט מיר זאָגן וואָס איך זאָל טאָן? אין יענער רגע האָב איך באַשלאָסן, אַז ווי נאָר דאָס יאָר וועט זיך ענדיקן, וועל איך אַרויס פון געשעפט. איך האָב נאָך נישט געוווּסט וואָס איך וועל טאָן ווײַטער, אָבער כ'האָב געפילט אַז איך מוז ווערן זעלבשטענדיק.

די וועבערײַ האָט אין יענעם יאָר גוט פאַרדינט און מײַנע שותּפים האָבן מיר אויסגעצאָלט מײַן חלק פונעם רווח. איך האָב אָנגעהויבן צו זוכן אַ נײַע פאַבריק, צו קויפן.

זעלבשטענדיק!

דורך אַן אַנאָנס אין דער צײַטונג האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ס׳איז פֿאַראַן צו פֿאַרקויפֿן אַ וועבערײַ מיט צוועלף מעכאַנישע וועבשטולן און צען האַלבשטולן. די פֿאַבריק, וואָס האָט געהערט צוויי ענגלענדער און צוויי איטאַליענער, איז געווען באַנקראָט, ווײַל זי האָט אַרויסגעגעבן פּגימהדיקע סחורה און אויך די אָנפֿירונג האָט נישט געטויגט. כ׳האָב זי געקויפֿט אין איינעם מיט אַ שותּף, וואָס האָט בלויז געגעבן געלט; ער האָט געהאַט אַן אַנדער געשעפֿט און זיך נישט באַטייליקט אַקטיוו אין דער פֿאַבריק וואָס מיר האָבן צוזאַמען געקויפֿט.

אין יענער צײַט איז אויך געקומען קיין טשילע מײַן שוואָגער רודי ב״ע, אין איינעם מיט מײַן שוועסטער פֿאַני. איך האָב אים באַלד אַרײַנגענומען אין פֿאַבריק מיט אַ באַטייליקונג פֿון 10% און אים איבערגעגעבן די פֿינאַנציעלע אָנפֿירערשאַפֿט.

דער בנין איז געשטאַנען אין סאַנטיאַגאָ אויף דער גאַס עמיליאַ ווײַסע נומער 6. איבער די פֿאַבריקזאַלן, אויפֿן צווייטן שטאָק, איז געווען אַ וווינונג. האָבן מיר, אין איינעם מיט מײַן שוועסטער און שוואָגער, זיך אַהין אַרײַנגעצויגן, כּדי צו זײַן כּסדר נאָענט פֿון דער פֿאַבריק.

איך האָב זיך ווידער אַרײַנגעוואָרפֿן מיט אַלע כּוחות אין דער אַרבעט. די פֿאַבריק איז געווען אין זייער אַ שלעכטן מצב. די מאַשינען זענען געווען אַלט און די סחורה איז אַרויסגעקומען מיט דעפֿעקטן. האָב איך זיך קודם אַ נעם געטאָן צו פֿאַרריכטן די מאַשינען. אַפֿילו בײַ נאַכט, אויפֿן געלעגער, האָב איך זיך אײַנגעהערט ווי די מאַשינען אַרבעטן און לויטן רעש דערקענט ווען אַ מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט. פֿלעג איך באַלד אַראָפּ פֿונעם בעט און גיין אײַנאָרדענען די מאַשין וואָס איז קאַליע געוואָרן.

דאָס האָט געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם אויף די אַרבעטער: דער בעל־הבית אַליין זאָל קומען בײַ נאַכט פֿאַררײכטן די וועבשטולן! דאָס איז פֿאַר זיי געווען אַ נאָווינע.

איך האָב זיך באַמיט אײַנצושטעלן פֿרײַנדלעכע באַציִונגען מיט די אַרבעטער און זיי צו פֿאַראינטערעסירן אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער פֿאַבריק. זיי זענען גאָר נישט געווינט געווען מיט אַזעלכע באַציִונגען און האָבן זיך געלאָזט מיטרײַסן און אַרײַנציִען אין מײַן אייגענעם טעמפּאָ פֿון אַרבעט.

נאָך אַ קורצער צײַט האָבן מיר אָנגעהויבן אויסצואַרבעטן גוטע סחורה און דאָס געשעפֿט איז אַרויף אויף אַ לײַטישן וועג. קודם־כּל האָב איך זיך באַפֿרײַט פֿון דעם משוגענעם שמואל טערטל־טויב, בײַ וועלכן מ'האָט געמוזט יעדן אינדערפֿרי בעטלען אַ זעקל וואָל. כ'האָב זיך באַפֿרײַנדט מיט אַן איטאַליענער, וואָס האָט געהאַט אַן אויסגעצייכנטע שפּינערײַ, נאָר ר'האָט נישט געוואָלט צונעמען קיין נײַע קונים. איך האָב בײַ אים נושא־חן געווען און געפּועלט ער זאָל מיך יאָ אַרײַנרעכענען צווישן זײַנע קונים. אויף אַזאַ אופֿן האָב איך באַקומען אַ בעסערן פֿאָדעם פֿאַר אַ ביליקערן פּרײַז.

איך האָב אויך אויסגעפֿונען ווי אַזוי צו פֿאַבריצירן אַ מענער־שטאָף, אין גאַנצן מײַן המצאה, אַ געמיש פֿון באַוול און וואָלפֿאָדעם, וואָס האָט אויסגעזען ווי גאָר אַ פֿײַנער קאַמגאַרן־שטאָף. פֿאַבריקן פֿון קאָנפֿעקציע זענען אין יענער צײַט נאָך נישט געווען אַנטוויקלט. מענטשן האָבן בדרך־כּלל געקויפֿט שטאָף און געגאַנגען צום שנײַדער ער זאָל זיי אויפֿנייען אַן אָנצוג לויט דער מאָס. דעריבער האָט מײַן שטאָף טאַקע זייער אויסגענומען און איך בין געווען דער איינציקער, עקסקלוסיווער פּראָדוצענט אין גאַנץ טשילע פֿון דעם דאָזיקן שטאָף.

נאָך אַ קורצער צײַט, האָב איך דערגרייכט צו אַ פּראָדוקציע פֿון צוואַנציק טויזנט מעטער פֿון אָט דעם שטאָף אין חודש. פֿאַרדינט האָט מען דערבײַ איין דאָלאַר בײַם מעטער, דהײַנו צוואַנציק טויזנט דאָלאַר אַ חודש. אין יענער צײַט איז דאָס געווען אַ סך געלט.

נאָך דרײַ יאָר צײַט האָב איך שוין געקענט אויסצאָלן דעם שותּף זײַן חלק און בלײַבן אַליין דער בעל־הבית. כ'האָב אויך

אָפּגעקויפט בײַ אַן איטאַליענער אַ קליינע קאַמגאַרן־שפּינערײַ פון אַכט הונדערט שפּינדלען און האָב אָנגעהויבן אויפשטעלן אַ בנין פאַר אַ נײַער פאַבריק.

עס האָט מיר אויך בלי־ספק צוגעשפּילט דאָס מזל. אין יאָר 1951 האָט דער געוועזענער דיקטאַטאָר פון די דרײַסיקער יאָרן, איוואַנעז, קאַנדידירט בײַ די וואַלן און איז טאַקע אויף אַ דעמאָק־ראַטישן אופן געווײלט געוואָרן ווי דער פּרעזידענט פון טשילע. מענטשן האָבן זיך איבערגעשראָקן, ווײַל זיי האָבן מורא געהאַט אַז איוואַנעז וועט פירן אין טשילע די זעלביקע פּאָליטיק ווי דער גענעראַל פּעראָן פירט אין אַרגענטינע. דעריבער האָט כּמעט קיינער נישט געמאַכט קיין נײַע אינוועסטיציעס. מײַן אינטויִציע האָט מיר אָבער אונטערגעזאָגט איך זאָל זיך נישט שרעקן. איך האָב געקויפט די שפּינערײַ און פון גאָרנישט געוואָלט וויסן. מײַן אָפּטימיזם האָט מיך נישט אָפּגענאַרט. איך האָב טאַקע מצליח געווען מיט מײַנע אינוועסטיציעס.

דאָס אײַנקויפן אַ שפּינערײַ איז געווען אַן אויפטו אויך אין אָנבליק פון דעם פאַקט, וואָס די רעגירונג אין טשילע האָט נישט געלאָזט אַרײַנבריינגען קיין נײַע מאַשינען, לויט אַ שטילן אָפּמאַך מיט די גרויסע טעקסטיל־פאַבריקן, וואָס האָבן אויף אַזאַ אופן געוואָלט אויסמײַדן קאָנקורענץ. מיר איז געראָטן צו ברענגען מאַשינען אויך אויף אַן אַנדער וועג. איך האָב למשל געקויפט אַ פאַבריק אין איטאַליע און דער בעל־הבית פון דער פאַבריק איז געקומען קיין טשילע כּלומרשט ווי מײַנער אַ שותּף, מיטן רעכט מיטצונעמען די מאַשינען. אויף אַן ענלעכן אופן האָב איך אויך געבראַכט נײַע מאַשינען פון דער שווייץ. די פירמע „ריטער״, פון שפּינמאַשינען, און די פירמע „רוטי״, פון וועבשטולן, זענען פאָרמעל געוואָרן מײַנע שותּפים און האָבן מיר געשיקט די מאָדערנסטע מאַשינען אין יענער צײַט.

אין יאָר 1955 האָב איך פײַערלעך געעפנט די נײַע אונטער־נעמונג, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען: פאַבריקאַ דע פּאַנאָס קאָנטינענטאַל, ס.אַ. דאָס איז טאַקע געווען איינע פון די באַדײַטנ־דיקסטע און מאָדערנסטע טעקסטיל־פאַבריקן אין טשילע.

מײַן ערשטע באַגעגעניש מיט דער ציוניסטישער פעדעראַציע

אין יענע יאָרן, תּיכּף נאָכן אויפקום פון מדינת־ישראל, זענען די ייִדן אויף דער וועלט און בתוכם די ייִדן אין טשילע, געווען זייער ציוניסטיש געשטימט. איטלעכער איז געווען גרייט צו העלפן לויט זײַנע כּוחות דער ייִדישער מדינה. דעמאָלט האָט מען גאָר נישט געדאַרפט אײַנאָרדענען קיין ספּעציעלע באַנקעטן, ווי עס פירט זיך אַצינד אין אַמעריקע, כּדי דורכצופירן דעם מגבית. מ'האָט אויך נישט געדאַרפט גיין פון שטוב צו שטוב, כּדי אײַנצוזאַמלען דאָס געלט פאַרן מגבית. די ציוניסטישע פעדעראַציע האָט אויסגערופן דעם מגבית און יעדער איז אַליין געגאַנגען דערפילן זײַן חוב לגבי מדינת־ישראל.

דער מגבית איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דער ציוניסטישער פעדעראַציע. מ'האָט אויפגעשטעלט טישן אין דער „סירקולאָ יזראעליטאָ" און בײַ יעדן טיש זענען געזעסן צו צוויי ייִדן, וואָס האָבן גוט געקענט דעם ייִדישן עולם. זיי האָבן באַשטימט וויפל איטלעכער דאַרף געבן.

אין יאָר 1948, אַ יאָר נאָך מײַן קומען קיין טשילע, האָב איך זיך אַליין באַשטײַערט פאַרן מגבית, לויט מײַנע באַשיידענע פאַרדינסטן. אין יאָר 1949 האָב איך שוין בעסער פאַרדינט און האָב געפילט אין האַרץ די גרויסע באַגײַסטערונג, וואָס ייִדן האָבן זוכה געווען, נאָך אַזאַ חורבן צו האָבן אַן אייגענע מדינה. מיר איז געקומען אויפן געדאַנק די מעשה מיטן פּאַסטעך בײַם בערדיטשעווער רבי, וואָס האָט אַליין נישט געקענט דאַווענען, נאָר פון גרויס התלהבות האָט ער צו כּל־נדרי, אין בית־מדרש, אַרויסגעלאָזט אַ פײַף, וואָס איז אויבן, אין הימל, אָנגענומען געוואָרן ווי אַ תּפילה.

איך האָב אויך נישט געקענט דעמאָלט זיך באַטייליקן בפועל־ממש אין אויפבוי פון מדינת־ישראל. דעריבער האָב איך כאָטש געוואָלט יוצא זײַן מיט אַ גרעסערן בײַטראָג צום מגבית.

איך האָב אַרײַנגעלייגט אין קעשענע 100.000 פּעסאָס, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ היפּשער סכום, און בין געגאַנגען צו דער ציוניסטישער פעדעראַציע. ווען די צוויי עסקנים וואָס זענען געזעסן בײַם טיש האָבן מיך דערזען, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו אַמפּערן צווישן זיך: איינער האָט געזאָגט, אַז עס גייט מיר שוין גאַנץ גוט און איך בין מסוגל צו געבן 25.000 פּעסאָס. דער צווייטער, ווידער, האָט געטענהט, אַז איך בין פאַרט ערשט צוויי יאָר אין טשילע און עס וועט זײַן גענוג אַז איך וועל געבן 15.000 פּעסאָס.

איך האָב געפילט די 100.000 פּעסאָס אין קעשענע און נישט געוווּסט וואָס אָנצוהייבן. פון איין זײַט, האָב איך נישט געוואָלט מאַכן דעם רושם פון אַ פּראָווינציעלן גרויסהאַלטער, וואָס וויל זיך אײַנקויפן כּבוד פאַר זײַן געלט, פון אַ צווייטער זײַט, האָט זיך מיר געוואָלט געבן דעם גאַנצן סכום וואָס כ׳האָב מיטגענומען פאַר מדינת־ישראל. האָב איך אַ זאָג געטאָן:

— קריגט אײַך נישט, מײַנע ליבע ייִדן, איך וועל אײַך געבן 40.000 פּעסאָס.

די צוויי עסקנים האָבן מיר אָפּגעדאַנקט און מיר געווּנטשן אַז איבער אַ יאָר זאָל איך זוכה זײַן צו געבן נאָך מער. ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען און האָב געפילט די 60.000 פּעסאָס אין קעשענע, האָט זיך מיר פּלוצעם געדאַכט אַז כ׳האָב עמעצן באַגנבעט. וואָס האָב איך עפּעס געהאַט חרטה? כ׳האָב דאָך באַשלאָסן צו געבן 100.000 פּעסאָס. איך טו עס דאָך לויט מײַנע געפילן און נישט לויטן ייִשוב־הדעת פון די צוויי עסקנים...

כ׳האָב קיין סך נישט געטראַכט און בין צוריק אַרײַן צו די צוויי ייִדן. כ׳האָב זיי דערציילט דעם אמת, אַז כ׳האָב געהאַט באַשלאָסן פון דער היים צו געבן גאַנצע 100.000 פּעסאָס און אַז זיי האָבן מיך צעטומלט בעת זיי האָבן זיך געדונגען נאָך איידער זיי האָבן מיך געפרעגט וויפל איך האָב בדעה צו געבן.

— נעמט צו די איבעריקע 60.000 פּעסאָס — האָב איך זיי

געזאָגט — און געדענקט אַז ס׳איז כּדאַי צו פרעגן דעם תּורם מיט וויפל ער וויל זיך באַשטימען, איידער איר באַשטימט דעם סכום.

פאַרשטייט זיך אַז מ׳האָט די מעשה תּיכּף צעטראָגן און אַלע עסקנים האָבן פון דעמאָלט אָן זיך שוין נוהג געווען צו פרעגן קודם וויפל מ׳איז גרייט צו געבן פאַרן מגבית. אַחוץ דעם האָט שוין דעמאָלט די ציוניסטישע פעדעראַציע געוואָרפן אויף מיר אַן אויג. ס׳האָט טאַקע לאַנג נישט געדויערט און איך בין געוואָרן גאַר אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעכע ענינים, סיי וואָס שייך חינוך, סיי וואָס שייך דער הילף פאַר מדינת־ישראל.

נאָך די ערשטע צוויי יאָר פון „אויסגרינען" זיך, פון אַקלי־מאַטיזירן זיך און אַריינלעבן זיך אין דער נייער סביבה, האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ גייסטיקן תּוכן און אַ גייסטיקן תּיקון. אין משך פון די צוויי יאָר האָב איך זיך אויסגעלערנט שפּאַניש, שוין געקענט רעדן און לייענען און שרייבן אין אַ געהעריקער מאָס. עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו ווייזן די ערשטע סימנים פון הצלחה אין מיין אונטערנעמונג און איך האָב דערפילט דעם טעם פון לעבן אין אַ דעמאָקראַטישן רעזשים, נאָך די גרוליקע יאָרן פון היטלע־רישער און סטאַלינישער דיקטאַטור. איך האָב דאָרטן געזען וואָס דער מענטש איז מסוגל צו טאָן אין שווערע צייטן, ווען ער מוז קעמפן פאַר זיין פיזישן קיום, איבערצולעבן די קאַטאַסטראָפע. אין אַזעלכע שווערע צייטן, האָב איך זיך איבערגעצייגט, פאַרלירן סיי די רעליגיעזע סיי די וועלטלעכע אידעאַלן זייער ווערט און דער מענטש פירט זיך אויף מיט אַ ווילדער אַכזריות, ערגער ווי די חיות אין דזשונגל. נאָר אַ דעמאָקראַטישער רעזשים, ווו ס׳איז פאַראַן אַן עפנטלעכע מיינונג, איז אין שטאַנד, נישט געקוקט אויף אַלע זיינע חסרונות, אויפצוהיטן די גייסטיקע ווערטן און די מענטשלעכע אידעאַלן. צום באַדויערן ווייסן נישט די מענטשן, וואָס האָבן נישט געפילט דעם ביטערן טעם פון דיקטאַטור, אָפּצושאַצן געהעריק אַ דעמאָקראַטישן רעזשים.

פאַר אונדז ייִדן איז דאָס גרעסטע געשעעניש נאָכן שווידערלעכן חורבן געווען דער אויפקום פון דער ייִדישער מדינה. דאָס איז געווען דער איינציקער טרייסט פאַר די וואָס האָבן איבערגעלעבט

און זיך געראַטעוועט פון אומקום. די גײַסטיקע כּוחות פון די ייִדן אין די תּפוצות זענען אין יענער צײַט אויך כּמעט אין גאַנצן געווען קאָנצענטרירט אויף מדינת־ישׂראל, אויף די גרויסע האָפענונגען, אַז מען וועט אין ישׂראל אויפבויען אַ געזעלשאַפט, וווּ ייִדן זאָלן קענען לעבן לויט זייערע דערהויבענע אידעאַלן, וווּ ייִדן זאָלן קענען אויסגלײַכן די געבוויגענע פּלייצעס.

אויך ס׳רוב פון ייִדישן ייִשוב אין טשילע האָט אָנגעהאַלטן אַן ענגן קאָנטאַקט מיט אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שײַכות צו ארץ־ישׂראל. מ׳איז נישט זאַט געוואָרן צו הערן און צו לייענען וועגן ישׂראל, און דער עיקר זיך צו באַגעגענען מיט מנהיגים, שליחים, מדריכים וואָס זענען געקומען פון מדינת־ישׂראל. איך געדענק מיט וויפל באַגײַסטערונג מיר האָבן זיך אײַנגעהערט יעדן זונטיק, בעת דער ייִדישער שעה אין ראַדיאָ, צו די רייד פונעם ציוניסטישן מנהיג ראָבערטאָ אַרון, אונטערן פּסעוודאָנים בן־ישוב. ער האָט גערעדט מיט אַ גרויסער עלאָקווענץ אויף אַ רײַכן שיינעם שפּאַניש. אַגבֿ איז ראָבערטאָ אַרון עולה געווען שפּעטער קיין ישׂראל, אָבער דאָ האָט אים געפעלט דאָס לשון, בפרט אין זײַן פּראָפעסיע, ווי אַן אַדוואָקאַט. ער האָט דאָ געלעבט ווי אַ שמשון־הגיבור נאָך דעם ווי דלילה האָט אים אָפּגעשניטן די האָר. ער האָט אָנגעווירן זײַן כּוח, וואָס איז געלעגן אין דער שפּראַך.

מיר האָבן געהאַט אָפטע וויזיטן פון ישׂראלישע מנהיגים, וואָס זענען געקומען סײַ כּדי צו העלפן דורכפירן דעם מגבית, סײַ כּדי צו שטאַרקן זייערע פּאַרטייען אין די תּפוצות. מיר פלעגן גיין אויף אַלע אָרגאַניזירטע אָוונטן און צו אַלע אַסיפות, וווּ מ׳האָט זיך געקענט דערוויסן עפּעס נײַס וועגן מדינת־ישׂראל, בפרט אין דער צײַט ווען דער ייִשוב האָט געקעמפט אין אַזעלכע שווערע באַדינגונגען פאַרן קיום, פאַר אומאָפּהענגיקייט.

איך בין געוואָרן אַ מיטגליד אין פּועלי־ציון, ווײַל כ׳האָב געהאַט אַ גוואַלדיקע סימפּאַטיע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישׂראל און פאַר דער הסתּדרות. איך האָב געגלייבט באמונה־שלמה אין דעם גרויסן שליחות פון דער הסתּדרות, נישט בלויז ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַרבאַנד, ווי די סינדיקאַטן אין אַנדערע לענדער, נאָר ווי אַ וויכ־

טיקער פּאַקטאָר אין פּראָצעס פון אויפבויען אַ נײַע געזעלשאַפט, אויף געזונטע דעמאָקראַטישע יסודות. איך בין אויך געווען באַגײַסטערט פון די קיבוצים אין ישראל, מיט זייערע גרויסע אויפטוען אין דער אַנטוויקלונג פון אַ ייִדישער לאַנדווירטשאַפט און ווי אַ וויכטיקער פּאַקטאָר אין דער פּאַרטיידיקונג פונעם לאַנד קעגן די אַראַבישע אָנפאַלערס. איך בין געוואָרן אַ מיטגליד פון פּועלי־ציון, ווײַל כ׳האָב געגלייבט אין אַ ישראלדיקן סאָציאַליזם און סאָציאַלן יושר, און ווײַל די היסטאָרישע מפּ״י האָט אויך געשטיצט פּריוואַטע איניציאַטיוו.

שפּעטער מיט יאָרן, בעת איך בין געווען פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין טשילע, האָב איך געפירט אַ קאַמף קעגן מײַנע חברים אין דער פּאַרטיי, וואָס האָבן געהאַלטן אַז מיר דאַרפן שטיצן די קאַנדידאַטור פון סאַלוואַדאָר אַיענדע, קעגן דער קאַנדידאַטור פון זשעאָרזשע אַלעקסאַנדרי, פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי, בײַ די וואַלן אין טשילע. איך האָב געהאַלטן אַז מיר דאַרפן שטיצן דעם קאַנדידאַט וואָס איז בעסער פאַר ייִדן און פאַר מדינת־ישראל, און איך האָב געוווּסט פון דערפאַרונג, אַז אַ סאָציאַליסטישער רעזשים קען נישט זײַן, נישט לטובת ייִדן און נישט לטובת ישראל. אין 1970, ווען דער סאָציאַליסט אַיענדע איז געקומען צו דער מאַכט, האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן אַז כ׳בין געווען גערעכט. ער איז געווען אַן אומגליק פאַר טשילע און ממילא אויך פאַרן ייִדישן ייִשוב דאָרטן. בעת ער איז געווען אין אָפּאָזיציע, האָט ער זיך געחברט מיט ייִדן און האָט אין זײַנע דרשות גערעדט מיט באַגײַסטערונג וועגן דעם אויפטו פון מדינת־ישראל, וואָס קען דינען ווי אַ דוגמא פאַר דער גאָרער וועלט, אָבער ווי אַ פּרעזידענט, האָבן שוין גובר געווען גאָר אַנדערע אינטערעסן.

דער פוילישער פאַרבאַנד

אַ סך גײַסטיקן נחת-רוח האָבן מיר געפונען אין פוילישן פאַר-באַנד. דאָס איז געווען אַ היימישער ווינקל, וווּ מ'האָט זיך געקענט פאַרגינען אַ ביסל נאָסטאַלגיע אויף מאַמע-לשון. דער גענעראַל-סעקרעטאַר שלמה באַכראַך און, שפּעטער, דער פּרעזידענט פונעם פאַרבאַנד יעקב פּילאָווסקי האָבן אַרײַנגעלייגט אַ סך כּוחות, כּדי צו שאַפן אַ גוטע אַטמאָספער, אויף אַ געהעריקן קולטורעלן ניוואָ.

אין פאַרבאַנד האָבן זיך באַטייליקט ייִדישע שרײַבער און קול-טור-מענטשן, צווישן זיי אויך פון די געוועזענע „פּראָגרעסיסטן", וואָס האָבן זיך אַנטוישט אין ראָטן-פאַרבאַנד, ערשט נאָך דעם ווי מ'האָט זיך דערוווּסט ווי סטאַלין האָט חרוב געמאַכט די ייִדישע קולטור-אינסטיטוציעס און אויסגעקוילעט די ייִדישע שרײַבער. איך געדענק די פּראָטעסט-פאַרזאַמלונג וואָס מ'האָט אָרגאַניזירט בעתן וויזיט פון איליאַ ערענבורג אין טשילע, ווען מ'האָט געפרעגט דעם גאַסט וואָס ס'איז געשען מיט די ייִדישע שרײַבער און ערענבורג האָט נישט געהאַט קיין תּשובה דערויף.

אין פוילישן פאַרבאַנד האָט מען געקענט הערן אינטערעסאַנטע רעפעראַטן וועגן ייִדישער ליטעראַטור און ייִדישע געזעלשאַפטלעכע ענינים. דער פאַרבאַנד האָט געהאַט אַ השפּעה אויף דער ייִדישער צײַטונג (**דאָס ייִדישע וואָרט**), און האָט אויך געבראַכט שרײַבער און רעדנער פון אַרגענטינע, צו האַלטן לעקציעס און רעפעראַטן אויף פאַרשיידענע טעמעס. אַחוץ דעם פלעג דער פאַרבאַנד פאַר-בעטן געסט פון ישראל און פון אַנדערע לענדער. מ'האָט אויך פאַרבעטן ייִדישע טעאַטער-אַנסאַמבלען אין ראַמען פון פאַרבאַנד און איינצלנע קינסטלער.

איך בין געווען אַ מיטגליד אין פוילישן פאַרבאַנד און האָב

זיך אויך באַטייליקט פון צײַט צו צײַט מיט אַ מאַמר אין דער ייִדישער צײַטונג. שפּעטער האָט זיך אויך אָרגאַניזירט דער בעסאַראַבער פאַרבאַנד, אונטער דער אָנפירונג פון אַלכּסנדר מעלעכסאָן, אַ העברעיִשער לערער און אַ גוטער רעדנער, וואָס איז דערנאָך עולה געווען קיין ישראל. אויך אין בעסאַראַבער פאַרבאַנד בין איך געווען אַ מיטגליד. דאָ האָט מען מיך גערופן: דער בעסאַראַבער פאָלאַק, בעת אין פּוילישן פאַרבאַנד האָט מען מיך גערופן: דער רומענישער פאָלאַק. אויך די בוקאָווינער ייִדן האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ פאַרבאַנד, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן דער עיקר מיט פילאַנטראָפּישער אַקטיוויטעט, צו העלפן די בוקאָווינער לאַנדסלײַט אין מדינת-ישראל. אויף זייערע צוזאַמענקומען האָט מען, פאַרשטייט זיך, גערעדט דײַטש.

אין יענע יאָרן האָב איך זיך אַלץ מער דערנענטערט צו ייִדישע שרײַבער און זיך באַקענט מיט דער גרויסער צאָל ביכער וועגן חורבן. איך האָב ערשט אָנגעהויבן צו באַנעמען די ריזיקע פּראָפּאָרציעס פון דער קאַטאַסטראָפע וואָס האָט געטראָפן די אייראָפּעיִשע ייִדן און זיך ערשט דערוווּסט די פּרטים פון דעם דײַטשן פּאַרמעסט צו פאַרטיליקן דאָס ייִדישע פאָלק.

אָפט מאָל האָב איך זיך באַמיט צו העלפן ייִדישע שרײַבער פאַרשפּרייטן זייערע ביכער. איך פלעג מיט זיי אַרומגיין צו באַקאַנטע ייִדן, וואָס איך האָב געוווּסט אַז זיי לייענען ייִדיש, און האָב זיי פּשוט געהאָלפן פאַרקויפן אַ בוך. דערבײַ זענען אויך פאַרגעקומען פּײַנלעכע סיטואַציעס. איין מאָל בין איך, למשל, אַרײַנגעקומען מיט אַ הינקעדיקן שרײַבער צו אַ סוחר, פּונקט ווען ער איז געווען פאַרנומען מיט אַ קונה. ווען דער ייִד האָט מיך דערזען, האָט ער נישט געוואַרט איך זאָל אים זאָגן צוליב וואָס איך בין געקומען, נאָר האָט זיך באַלד צעשריגן הויך אויף אַ קול:

— דאָן פאָלאַק, איך זע דאָך אַז איר האָט מיר געבראַכט אַ קאַליקע, וואָס מע דאַרף אים שטיצן, וועל איך באַלד געבן אַ נדבה!

ווען דער שרײַבער האָט דערהערט אַזעלכע רייד, איז ער אַ פאַרשעמטער אַנטלאָפן און איך האָב געהאַט האַרצווייטיק וואָס דער עם-הארץ האָט אים באַליידיקט.

אונטער איין דאַך מיט מײַן שוועסטער און שוואָגער

מיר איז שווער אָנצוהייבן דאָס דאָזיקע קאַפּיטל, אָבער נאָך שווערער — עס צו פאַרשווײַגן.

ווען מײַן שוועסטער און שוואָגער זענען געקומען קיין טשילע, האָב איך און עדיט געטראַכט אַז ס'איז אַ יושר מיר זאָלן לעבן אין איינעם און טאָקע וווינען צוזאַמען. ווי כ'האָב שוין דערמאָנט, האָב איך רודין, מײַן שוואָגער, תּיכּף אַרײַנגענומען אין דער פֿאַבריק ווי אַ שותּף. כ'האָב אויך דערמאָנט, אַז מיר האָבן געוווינט צוזאַמען אין דער דירה איבער דער פֿאַבריק. הײַנט קען איך זיך אָפּגעבן אַ חשבון, אַז איך האָב מיט מײַן פּירונג געטאָן אַן עוולה מײַן יינגערן ברודער יאַנקל, וואָס איז געווען מיט אונדז צוזאַמען אין די שווערע מלחמה־יאָרן און האָט אויך שטענדיק אַרויסגעהאָלפֿן אין דער פּרנסה. פֿאַר וואָס האָב איך אים נישט געהאַלטן ווײַטער לעבן זיך? ער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ נישט־חתונה־געהאַטער און דעריבער האָב איך אים געלאָזט ער זאָל אַרבעטן בײַ מײַן ברודער מאָטי, אין זײַן פֿאַבריק.

דער גרעסטער פֿעלער וואָס איך און עדיט, מײַן פֿרוי, האָבן באַגאַנגען איז אָבער געווען דער באַשלוס צו וווינען אין איינעם מיט מײַן שוועסטער און שוואָגער. דאָס האָט זיך שפּעטער נוקם געווען אין אונדז.

בײַ זײַן אַרבעט אין פֿאַבריק, האָט רודי, מײַן שוואָגער, אַ סך געליטן פֿון מײַן געלט־שותּף, וואָס איז בטבע געווען אַ גרויסהאַלטער און האָט געקוקט אויף אים מיט זילזול. דערפֿון האָבן מיר ביידע געהאַט עגמת־נפֿש.

מײַן שוועסטער איז דעמאָלט אַלט געווען 36 יאָר. נאָך די יאָרן אין רוסלאַנד, סיביר, האָט זי געמיינט אַז זי וועט שוין קיין מאָל

נישט פאַרגיין אין טראַגן. אָבער נאָך צוויי יאָר פון זינט זיי זענען געקומען קיין טשילע איז זי טראַגעדיק געוואָרן און אין אַ מזלדיקער שעה געהאַט אַ מיידעלע, וואָס מ'האָט איר אַ נאָמען געגעבן דינה, נאָך עדיטס מוטער.

נאָך דער געבורט האָבן מיר געדונגען אין איינעם אַ קליינע ווילע און זיך אַרויסגעצויגן פון דעם בנין וווּ ס'איז געשטאַנען די פאַבריק. מײַן שוועסטער איז נאָך אַנדערע צוויי יאָר ווידער טראָגע־דיק געוואָרן און געהאַט אַ ייִנגל, וואָס מ'האָט אים אַ נאָמען געגעבן צבי־הערש, נאָך מײַן טאַטן, אָבער גערופן האָט מען אים האַרי. ווען מײַן שוועסטער האָט שוין געהאַט צוויי קינדער האָבן מיר געקויפט אַ גרעסערע הויז מיט אַ גרויסן גאָרטן.

עדיט איז געווען מיט צוויי יאָר ייִנגער ווי מײַן שוועסטער פאַני. זי האָט אָבער שוין נישט געקענט האָבן קיין קינדער, ווי אַ פּועל־יוצא פון די מלחמה־יאָרן, ווען מיר האָבן בשום־אופן נישט געוואָלט ברענגען קיין קינדער אויף דער וועלט.

עדיט איז מיט איר זעלטענער איידלקייט און גוטהאַרציקייט געוואָרן די צווייטע מאַמע פון מײַן שוועסטערס קינדער... זי האָט זיך מער אָפּגעגעבן מיט די קינדער, זיי דערצויגן, מיט געדולד און מיט ליבשאַפט. אויך איך האָב מײַן שוועסטערס קינדער באַטראַכט ווי מײַנע אייגענע. כ'פלעג זיך שפּילן שעהען־לאַנג מיט האַרין אין פײַער־לעשערס. כ'האָב אים געקויפט אַן אוניפאָרעם פון אַ פײַער־לעשער און אויך פאַר מיר אַזאַ מונדיר, ווי אַן אָפיציר פון די פײַער־לעשערס. כ'האָב אים אויך געקויפט אַ מונדיר פון אַ ישראלישן זעלנער, און אין אַזאַ צה"ל־אוניפאָרעם האָט ער טאַקע באַגריסט גאָלדע מאיר, ווען זי איז געקומען צו אונדז צו גאַסט, בעת זי איז געווען אויסערן־מיניסטער, אין יאָר 1959.

איך האָב אויך האַרין געפירט צום ערשטן מאָל אין שול. איך בין דעמאָלט געווען דער פּרעזידענט פון ועד־החינוך. איך געדענק אויך די שרעק וואָס כ'האָב אין יענעם טאָג איבערגעלעבט. איידער כ'האָב מיך אַרומגעקוקט, האָט דער פיר־יאָריקער האַרי זיך אַרויס־געשאַרט פון אַ הינטערטיר און איז נעלם געוואָרן פון שול. איך בין אַרויס ווי משוגע אין גאַס און ביז כ'האָב אים, נאָך אַן ערך

אַ האַלבער שעה, געפֿונען אויפֿן וועג אַהיים, האָב איך געמיינט אַז כ'באַקום אַ האַרצאַטאַק. איך בין געווען פֿאַר אים אַ גאָט און ער האָט שטענדיק געטענהט, אַז ער וויל זײַן הויך, אַזוי ווי דער „טיאַ״. אַגב, הײַנט איז ער העכער פֿון מיר!

איטלעכבער האָט זיך געחידושט וואָס צוויי משפּחות, און דער עיקר צוויי פֿרויען, קענען אַזוי גוט לעבן אין איינעם, אין איין הויז. און איטלעכבער האָט אויך אין זינען געהאַט צו באַטאָנען, אַז די קינדער האָבן צוויי מאַמעס און צוויי טאַטעס. אין דער אמתן האָט טאַקע געהערשט אַ וווּנדערלעכע האַרמאָניע צווישן אונדז. מיט רודין בין איך דאָך געווען אַן ענגער חבר נאָך אין דער אַלטער היים און ס'האָבן אונדז פֿאַרבונדן אַ בשותּפֿותדיקע פֿאַרגאַנגענהייט און אַ בשותּפֿותדיקער וועלטבאַנעם. רודי איז געווען אַ דורכויס אינטעליגענטער מענטש, מיט אַ סובטילן הומאָר און מיט אַ סך וויסן. ס'איז געווען ממש אַ פֿאַרגעניגן מיט אים צו רעדן.

פֿון דעסטוועגן איז אונדזער צוזאַמענלעבן אונטער איין דאַך געווען אַ גרויסער פֿעלער, ווי מיר האָבן שפּעטער אײַנגעזען, ווען ס'איז שוין געווען צו שפּעט. דאָס איז דער עיקר געווען אַ פּסיכאָ־לאָגישער פֿעלער.

נישט געקוקט אויף די גוטע כּוונות פֿון ביידע זײַטן, זענען אונדזערע פּאָזיציעס נישט געווען קיין גלײַכע. איך בין געווען דער הויפּטשותּף אין פֿאַבריק; איך בין געווען פּרעזידענט פֿון וועד החינוך און פּרעזידענט פֿון דער ציוניסטישער פֿעדעראַציע. די געסט פֿון אויסלאַנד זענען געווען מײַנע געסט. איך האָב זיך דעמאָלט נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, אַז סוף־כּל־סוף וויל איטלעכבער זײַן אַ מלך בײַ זיך אין דער היים.

פֿאַר מיר און עדיטן זענען די אויסווירקונגען פֿון אַזאַ לעבן געווען אַ סך ערגער. אַנשטאָט צו אַדאָפּטירן איינס אָדער צוויי קינדער און זיי דערציִען ווי אונדזערע אייגענע, האָבן מיר זיך אײַנגערעדט, אַז די צוויי קינדער וואָס וואַקסן אויף מיט אונדז אין שטוב, די קינדער פֿון פֿאַני און רודי, זענען אויך אונדזערע קינדער.

ווען אַיענדע איז געקומען צו דער מאַכט אין טשילע, איז רודי, צוזאַמען מיט דער גאַנצער משפּחה אַנטלאָפֿן פֿון דאָרטן און זיך

צײַטווײַליק באַזעצט אין ישראל. אין 1973 האָט ער זיך טאַקע אומגעקערט אין איינעם מיט מײַנע ברידער קיין טשילע. די קינדער זענען, פאַרשטייט זיך, מיטגעגאַנגען מיט די עלטערן.

אגב, האַרי האָט שטודירט מעדיצין, קודם אין איטאַליע, דערנאָך אין ישראל און אין אַמעריקע, און איז געוואָרן אַ דאָקטער. ער האָט בײַם לערנען אַרויסגעוויזן דאָס זעלבע עקשנות, ווי קינדווײַז, בײַם שפּילן זיך.

דינה האָט זיך נישט געביטן וואָס שייך איר אײדלען כאַראַקטער, איר ליבשאַפט צו אונדז און איר געטרײַשאַפט. ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אין 1975, אַז עדיט איז שווער קראַנק, איז זי געקומען צו פליִען פון טשילע און האָט כּמעט באַקומען אַ נערוועזן שאָק, ווען זי האָט געזען אַז איר ליבע „טיאַ" וועט שטאַרבן. עדיט האָט נאָך באַוויזן איר איבערצוגעבן אירע אוירינגלער, ווי אַ מאַמע טוט עס מיט אַן אייגענער טאָכטער. מיט אָט דער אילוזיע איז זי אַוועק פון דער וועלט.

עדיט און איך האָבן קיין מאָל נישט גערעדט וועגן קינדער. מיר האָבן געפירט אַן אידעאַל צוזאַמענלעבן און זענען געווען גליקלעך. מיר האָב זיך קיין מאָל נישט געפילט עלנט ווײַל מיר האָבן נישט קיין קינדער. בלויז פאַרן טויט האָט זי מיר געזאָגט ווי שטאַרק זי באַדויערט וואָס זי לאָזט מיך איבער אַליין. ס'איז געווען איר פעלער — האָט זי געזאָגט — וואָס מיר האָבן באַטראַכט די צוויי קינדער פון מײַן שוועסטער ווי אייגענע קינדער. זאָל איך זיך טרייסטן דערמיט, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען פערציק גליקלעכע יאָרן, וואָס נישט יעדער איז זוכה דערצו.

שפּעטער האָט דינה געבוירן אַ מיידעלע און איר אַ נאָמען געגעבן עדיט. דאָס קינד איז אָבער געשטאָרבן אין עלטער פון פיר יאָר. האַרי האָט חתונה געהאַט אַ יאָר נאָך עדיטס טויט, מיט אַ מיידל פון ישראל, אויך אַ דאָקטערשע, און זיי לעבן ביידע אין אַמעריקע. זיי האָבן אויך צוויי קינדער. פון מיר און מײַנע סענטימענטאַלע געפילן איז ער אַנטלאָפן, פּונקט ווי דעמאָלט, אין סאַנטיאַגאָ, ווען כ'האָב אים צום ערשטן מאָל געפירט אין שול.

מיט מײַן שוואָגער רודי האָב איך אָנגעהאַלטן גײַסטיקע פאַר־

בינדונגען ממש ביז צו זײַן טויט, אין 1983. מיר פלעגן זיך פון צײַט צו צײַט באַגעגענען און אויך אָנהאַלטן אַ שטענדיקע קאָרעספּאָנדענץ. די בריוו זײַנע האָבן תּמיד געמאַכט אויף מיר אַ רושם און מיר פֿאַרשאַפֿט אַ גײַסטיק פֿאַרגעניגן. ביזן טויט איז ער געבליבן, פּונקט ווי אין אונדזערע יונגע יאָרן, מײַן בעסטער גײַסטיקער חבר. און זײַן טויט איז פֿאַר מיר טאַקע געווען אַ גוואַלדיקע אַבֿדה.

אויך מיט מײַן שוועסטער פֿאַני זענען מיר געבליבן אין גוטע משפּחה־באַציִונגען, מיט אַ נאָסטאַלגיע צו די אַמאָל אַזוי נאָענטע פֿאַרבינדונגען אין די אַלטע, פֿאַרגאַנגענע צײַטן.

מײַן משפּחה אין טשילע

נאָך אַ קורצער צײַט האָט די ייִנגערע שוועסטער, טשאַנקאַ, זיך באַקענט מיט אַ פּוילישן בחור, יעקב (יענע) פּערלראָט, וואָס איז בעת דער מלחמה געווען מיט זײַן פֿאָטער אין סיביר און איז געקומען קיין טשילע בערך אין דער זעלבער צײַט ווי מײַן משפּחה. זי האָט טאַקע מיט אים אין אַ גוטער שעה חתונה געהאַט.

אויך יאַנקל האָט אין גיכן געפֿונען זײַן זיווג — אַ מיידל פֿון ישראל, אַ סאַברע, יונה בן־דוד, וואָס אירע צוויי ברידער זענען געפֿאַלן אין מלחמת־העצמאות, אין 1948. נאָכן טויט פֿון איר מאַמען, האָט זי דער טאַטע אירער געשיקט קיין טשילע צו קרובים, צו גאַסט. פֿאַרשטייט זיך, אַז בײַ אָט די ביידע שידוכים האָב איך געדאַרפֿט זײַן אי דער מבֿין, אי דער מחותּן, אי דער אונטערפֿירער. ביידע שידוכים זענען טאַקע גוט אויסגעפֿאַלן און די גליקלעכע פּאָרלעך האָבן אויפֿגעבויט אייגענע משפּחות.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז די גאַנצע משפּחה זאָל אַרבעטן אין איינעם. און דאָס איז געשען אַזוי: מײַן ברודער מאָטי האָט זיך געגעט מיט זײַן ווײַב, און דערמיט איז זיך אויך צעגאַנגען זײַן שותּפֿות מיט איר ברודער. אַנשטאָט דעם, זענען מיר אַלע געוואָרן שותּפֿים מיט מאָטין. איך בין אַרײַן מיט אַ טייל פֿון דער שטאָף־פֿאַבריק „קאָנטינענטאַל“, אָבער די פֿאַבריק גופֿא, ווו איך מיט מײַן שוואָגער רודי זענען געווען שותּפֿים, איז ווײַטער געבליבן בלויז אונדזערע. ערשט שפּעטער מיט אַן ערך אַכט יאָר איז אויך די „קאָנטינענטאַל“־פֿאַבריק אַרײַן אין אַלגעמיינעם שותּפֿות, כּדי לחלוטין אויסצומײַדן קאָנקורענץ צווישן די ברידער. אויף אַזאַ אופֿן זענען געבליבן צוויי גרויסע פֿאַבריקן: **פֿאַבריקאַ טעקסטילעס פּאָלאַק הערמאַנעס און קאָמפּ. און פֿאַבריקאַ דע פּאַנאָס קאָנטינענטאַל ס.א.**

איך בין געווען דער פרעזידענט פון ביידע פאַבריקן. רודי איז געווען גענעראַל־דירעקטאָר פון „קאָנטינענטאַל“ און מאָטי — גענעראַל דירעקטאָר פון דער צווייטער פאַבריק. דער תּנאַי איז געווען: ווען איך וועל אַלט ווערן פופציק יאָר, דהײַנו שפּעטער מיט צוויי יאָר, האָב איך דאָס רעכט צו פאַרלאָזן מײַן אַקטיווע אַרבעט; און ווען איך וועל אַלט זײַן פינף און פופציק יאָר, האָב איך דאָס רעכט צו פאָדערן מע זאָל מיר אויסצאָלן מײַן חלק.

דער פּלאַן מײַנער איז געווען, אַז ווי אַ בן־חמישים זאָל איך אָנהייבן צו לערנען אין אַ ישראלישן אוניווערסיטעט. איך האָב שוין געהאַט גענוג מיטל צו לעבן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. כ'האָב שוין געהאַט חשק צו לעבן בלויז מזיוו השכינה. אָבער די געשיכטע, אָדער די השגחה־עליונה, האָט געוואָלט אַנדערש.

די צוויי פאַבריקן האָבן זיך שיין אַנטוויקלט און זענען געוואָרן אַ וויכטיקער עקאָנאָמישער פאַקטאָר אין טשילע. מיר האָבן באַשעפטיקט עטלעכע טויזנט אַרבעטער און פאַרשאַפט דערמיט כּבוד דעם גאַנצן יידישן ציבור אין לאַנד. ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס יידן האָבן אין טשילע אויפגעבויט פאַבריקן אין אַזאַ מאַשטאַב. ביזן יאָר 1970, ווען סאַלוואַדאָר אַיענדע איז געקומען צו דער מאַכט, איז אויך דער רווח פון די צוויי פאַבריקן געווען זייער אַ בכּבודיקער.

דער וועד החינוך

ווי נאָר איך האָב באַקומען אַ שם צווישן ייִדן מיט מײַן הצלחה, וואָס כ'האָב אין אַ קורצער צײַט אויפגעשטעלט אַזאַ ערנסטע אונטערנעמונג, איז צו מיר געקומען אַ דעלעגאַציע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און מיר פאָרגעלייגט איך זאָל ווערן דער פרעזידענט פון וועד החינוך. דאָס איז פאַר מיר נישט געווען קיין גרינגע החלטה. נישט געקוקט אויף דעם גרויסן דערפאָלג, בין איך פאָרט נאָך געווען אַ גרינער, ערשט זיבן יאָר אין לאַנד, און האָב נאָך געדאַרפט אַרײַנלייגן אין דער אונטערנעמונג אַ סך איניציאַטיוו און אַ סך אַרבעט, כּדי זי צו פאַרפעסטיקן. איך האָב פּשוט מורא געהאַט אַז די אַקטיוויטעט אין וועד החינוך וועט בײַ מיר פאָדערן צו פיל צײַט און צו פיל כּוח.

פון דעסטוועגן האָב איך געזען גרויס חשיבות אין ייִדישן חינוך, אין דערציִען אַ ייִדישע יוגנט, וואָס זאָל זײַן פאַראינטערעסירט אין אונדזער קולטור און אין מדינת־ישראל מיט אירע פּראָבלעמען. דערבײַ זענען די דעלעגאַטן צוגעשטאַנען איך זאָל אָננעמען דעם פאָרשלאָג. זיי האָבן מיר צוגעזאָגט, אַז איך וועל זיך נישט דאַרפן פאַרנעמען מיט די טאָג־טעגלעכע ענינים אין וועד, מיט די לערער און מיטן לערן־מאַטעריאַל. דערויף איז פאַראַן אַ דירעקטאָר, משה ביטערמאַן, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אַלע פּראָבלעמען וואָס האָבן אַ שײַכות צו דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט.

פאַר מיר האָט געדאַרפט שטיין קודם־כּל די פּראָבלעם צו שאַפן די מיטלען אויפצובויען אַ נײַעם, מאָדערנעם בנין פאַר דער שול. דער אָרגאַניזירטער ייִדישער חינוך אין טשילע איז געגרינדט געוואָרן אין 1944, מיט דער אויסערגעוויינטלעכער הילף פון נתן ביסטריצקי, וואָס איז בעת דער מלחמה, ווי אַ שליח פון דער

ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, געבליבן אין דרום־אַמעריקע און זיך קונה־שם געווען דאָרטן מיט זײַנע גײַסטיקע אויפטוען און מיט זײַן אינטעלעקטועלער פּערזענלעכקייט אויך אין די קריסטלעכע געבילדעטע קרײַזן. ביסטריצקי האָט אויך איבערגעזעצט אין עברית די לידער פון דער דיכטערין גאַבריעלאַ מיסטראַל, לאַורעאַט פון נאָבעל־פּרײַז. דער מעצענאַט לעאָן אַרענסבערג האָט געשענקט דעם וועד החינוך אַ גרויסן שטח אויף דער גאַס מאַקול, אָבער ס׳האָט זיך נאָך נישט געהאַט געפונען דער פּאַסיקער מענטש, וואָס זאָל אויף זיך נעמען דעם עול אײַנצוזאַמלען די מיטל, כּדי אויפצובויען אַ מאָדערנע שול אויף אַ שטח פון 5000 קוואַדראַט־מעטער, מיט דער געהעריקער אויסריכטונג, מיט לאַבאָראַטאָריעס וכדומה, וואָס האָט געדאַרפט קאָסטן עטלעכע מיליאָן דאָלאַר. אַזאַ שול האָט געדאַרפט דינען פאַר אַן ערך 1500 תּלמידים.

בעת מ׳האָט מיר פאַרגעלייגט צו ווערן פּרעזידענט פון וועד החינוך האָבן זיך געלערנט אין דער ייִדישער שול אַן ערך 700 תּלמידים, אין קליינע, אַלטע בנינים, וואָס זענען נישט געווען פּאַסיק פאַר אַ מאָדערנער, אינטעגראַלער שול. אַזאַ שול האָט אויך נישט געקענט צוציִען נײַע תּלמידים. עס האָבן זיך דאָרטן געלערנט סך־הכּל 15% פון די קינדער, וואָס האָבן געהערט צו דער ייִדישער באַפעלקערונג.

די עסקנים פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָבן אין מיר דערזען דעם מענטש, וואָס איז מסוגל אויפצובויען אַ נײַע שול, סײַ צוליב מײַנע אויפטוען אין דער אינדוסטריע, סײַ צוליב מײַן אַקטיוויטעט אין פּוילישן פאַרבאַנד און אין דער ייִדישער צײַטונג.

ווען כ׳האָב געגעבן מײַן הסכּמה צו ווערן פּרעזידענט פון וועד החינוך, האָב איך נישט אָנגעהויבן צו וויסן וואָס פאַר אַ שוועריקייטן עס וואַרטן אויף מיר, נאָך איידער איך נעם זיך אײַנזאַמלען די מיטלען פאַרן נײַעם בנין. איך האָב גאָרנישט געוווּסט וועגן די חילוקי־דעות צווישן די עסקנים און צווישן די לערערס. מ׳האָט מיך פּשוט אָפּגענאַרט ווען מ׳האָט מיר צוגעזאָגט, אַז מיט די טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען פון דער שול וועט זיך פאַרנעמען דער דירעקטאָר משה ביטערמאַן — אַבאַ משה, ווי מ׳פלעג אים רופן.

ערשט נאָך דעם ווי מ'האָט מיך אָפיציעל אויסגעוויילט אויפֿן יער־לעכן כּינוס פֿון וועד החינוך, בין איך געוווּיר געוואָרן אַז דער פֿריִערדיקער פּרעזידענט, ג. ראָזענבערג, אַן אינזשעניר, אַ געבוירע־נער אין טשילע, אַן אינטעלעקטועלער מענטש מיט סימפּאַטיע פֿאַר ציוניסטישע אידעען, האָט נישט געקענט דורכקומען מיט די עסקנים און מיט די לערערס, ווײַל איטלעכער האָט געצויגן אין אַן אַנדער ריכטונג. נאָך אַ גרעסערע איבערראַשונג האָט אויף מיר געוואַרט, ווען כ'האָב אָנגעהויבן רעדן מיטן דירעקטאָר משה ביטערמאַן וועגן זײַן ווײַטערדיקער אַרבעט. ער האָט מיר אויסדערציילט דעם סוד, אַז מ'האָט מיך אָפּגענאַרט אויך דערמיט, וואָס מ'האָט מיר נישט אויסגעזאָגט אַז ער האָט נאָך צוריק מיט דרײַ חדשים זיך אָפּגעזאָגט פֿון זײַן אַרבעט אין וועד החינוך און אַז ער האַלט בײַם אומקערן זיך קיין אַרגענטינע, פֿון וואַנען ער איז געקומען קיין טשילע.

אַחוץ עגמת־נפש וואָס מ'האָט מיך אָפּגענאַרט, בין איך אויך געשטאַנען אַפּהעגנטיק: ווי אַזוי קען איך איבערנעמען צו פֿירן אַן אינסטיטוציע, וואָס כ'האָב קיין שום דערפֿאַרונג נישט אין איר אַרבעט, און אויך נישט גענוג צײַט זיך מיט איר אָפּצוגעבן?

ווי גיט מען זיך אַן עצה?

קודם־כּל האָב איך דעם משה ביטערמאַן פֿאַרגעלייגט ער זאָל בלײַבן אין טשילע, ער זאָל מותּר זײַן אויפֿן געדאַנק זיך אומצוקערן קיין אַרגענטינע. אויב ער וויל נישט מער אַרבעטן אין וועד החינוך, וועל איך אים אײַנאָרדענען אַן אַרבעט בײַ מיר אין פֿאַבריק ווי אַ פֿאַרקויפֿער, און אײַנצײַטיק וועט ער מיר אַרויסהעלפֿן מיט זײַן דערפֿאַרונג אין די לויפֿיקע פּראָבלעמען פֿון דער אינסטיטוציע. און אַזוי איז טאַקע געווען.

מיר ווילט זיך דאָ אין עטלעכע שורות כאַראַקטעריזירן די געשטאַלט פֿון אָט דעם אַבאַ משה ביטערמאַן, מיט וועלכן איך בין דערנאָך אַ לאַנגע צײַט געווען פֿאַרבונדן. בעת איך האָב זיך מיט אים באַקענט, איז ער געווען אין די פֿופֿציקער יאָרן. ער האָט געמאַכט אויף מיר אַ רושם מיט זײַן עלעגאַנץ, מיט זײַן שיינעם ליטעראַרישן שפּאַניש און דעם פֿײַנעם ייִדיש וואָס ער האָט גערעדט. ער איז שוין געווען אויסגעקאָכט אין אַלע ענינים פֿון וועד, געוווּסט

אַלע אינטריגעס וואָס זענען אָנגעגאַנגען צווישן די עסקנים און געקענט אַלע זייערע סודות. געשטאַמט האָט ער פון גאַליציע. ער האָט ווי אַ יונגער בחור אויסגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע און דאָרטן געהאַט אַ פרוי מיט צוויי זין. אין טשילע האָט ער געלעבט מיט אַ יונגער, שיינער טשילעאַנערין, וואָס איז אים געבליבן געטריי ביזן טויט. לעת-עתה האָבן אָבער די עסקנים פון דער אָרגאַניזאַציע נישט געוואָלט אַז דער דירעקטאָר פון וועד החינוך זאָל לעבן מיט אַ שיקסע, און דעריבער האָט ער זיך געמוזט אָפּזאָגן פון דער אַרבעט. איך האָב וועגן דעם גאָרנישט געוווּסט בעת איך האָב אים פאַרגעלייגט ער זאָל אויף מיין חשבון מיר אַרויסהעלפן אין דער טאָג-טעגלעכער אַרבעט.

איך האָב נישט געהאַט קיין חרטה וואָס כ'האָב אים אַריינ-גענומען אין פאַבריק, ווייל ער האָט אַרויסגעוויזן גרויסע פעיִקייטן ווי אַ פאַרקויפער און איז מיט דער צייט אויך געוואָרן אַן אמתער פריינד פון אונדזער גאַנצער משפחה. אַלע קינדער אין דער משפחה האָבן אים גערופן טיאָ משהלע (פעטער משהלע) און אומעטום ווו מ'האָט זיך געניטיקט האָט ער צוגעלייגט אַ האַנט און געהאָלפן. בכלל איז ער געווען עקסטרעם אין זיין באַציִונג צו מענטשן. אַז ער האָט עמעצן ליב געהאַט, איז ער אים געווען אונטערטעניק כמעט ווי אַ קנעכט. ר'האָט געהאַט אַ באַזונדערן חן אין רעדן און אויך זיינע בריוו, מיט זיין שיינער האַנטשריפט, זענען געווען ממש ריִיף צו דרוקן, דער עיקר צוליב זיין אויסערגעוויינטלעכן הומאָר.

ער איז געווען אַ הייסער פועלי-ציוניסט און דערביי שטאַרק ליב געהאַט ייִדיש. בעת איך בין אַרומגעפאָרן אויף מיינע נסיעות, פלעג ער מיר שרייבן בריוו, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „ליבער חבר בעל-הבית״; אויסלאָזן פלעגן זיי זיך מיט די ווערטער: „עס גריסט אייך אייער חבר משרת, אַבאַ משה״.

ער איז דערנאָך עולה געווען און געעפנט אין ישראל, מיט איינעם פון זיינע זין, אַ רייזע-ביוראָ. ווען איך האָב אויסגעבויט די פאַבריק אין ישראל, האָב איך אים ווידער אַריינגענומען אין דער אונטערנעמונג, און אויך דאָ האָבן אים אַלע ליב געהאַט פאַר זיינע זעלטענע מעלות. אַפילו אין די לעצטע יאָרן, ווען ער איז

שוין געווען שוואַך און קראַנק, האָט ער זיך באַמיט עפּעס אויפֿצוטאָן, מיט די לעצטע כּוחות, און נישט ווערן קיין פּענסיאָנער. און ער האָט טאַקע ביזן סוף באַקומען זײַן געהאַלט.

ער איז דאָ געשטאָרבן אין עלטער פֿון 83 יאָר. ער איז געקומען אַהער מיט זײַן טשילעאַנערין, וואָס איז געווען מיט אַן ערך דרײַסיק יאָר ייִנגער פֿון אים, און זי האָט דאָ געלעבט אויפֿן סטאַטוס פֿון אַ „ידועה בציבור". זי האָט אים ביז זײַן לעצטער רגע באַדינט מיט אַן אַ שיעור געטרײַשאַפֿט און איבערגעגעבנקייט.

איך האָב זיך געמוזט אַן עצה געבן מיט די אַקטועלע פּראָבלעמען. קודם־כּל, מאַכן אַ סוף צו דעם מחלוקת צווישן די לערערס און דעם אינספּעקטאָר יהודה אורני פֿון ישראל אויף איין זײַט, און די צוויי ישראַלישע לערערס, נחמה און דוד עצמון, פֿון דער צווייטער זײַט. אויף ווי ווײַט איך האָב פֿאַרשטאַנען, האָט דער אינספּעקטאָר יהודה אורני נישט פֿאַרגונען די אַרטיקע לערערס די הצלחה זייערע בײַ די קינדער און בײַ די עלטערן. זיי פֿלעגן אײַנאָרדענען אַן עונג־שבת און שירה בציבור, וואָס האָט געשאַפֿן אַ מין ישראַלישע אַטמאָספֿער אין שול און אויך אין דער היים. האָט דער אינספּעקטאָר זיי מקנא געווען און האָט געוואָלט פֿון זיי פּטור ווערן. ער האָט אַפֿילו אינטערווענירט וועגן דעם ענין בײַ דער ציוניסטישער פֿעדעראַציע. איך האָב אויסגעפֿאָרשט וואָס מענטשן זאָגן דערוועגן און בין געקומען צו דער מסקנא אַז דער אינספּעקטאָר אורני דאַרף גיין! מיט דער הסכּמה פֿון דער פֿעדעראַגאַגישער קאָמיסיע האָב איך אַנגאַזשירט צײַטווײַליק ווי אַן אינספּעקטאָר דעם לערער און שרײַבער יעקב פּילאָווסקי. שפּעטער איז פֿון ישראל געקומען אַ נײַער אינספּעקטאָר, דב שערצער (דב שי). אויף אַזאַ אופֿן האָב איך דערגרייכט אַ ביסל שלום־בית אין שול.

אַן אַנדער מחלוקת האָט געהאַט אַ שײַכות צום אַרײַנפֿירן ייִדיש אין לערן־פּראָגראַם פֿון דער שול. אין וועד החינוך זענען געווען אַ סך מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן, וואָס האָבן ליב געהאַט ייִדיש און האָבן אויך געהאַלטן אַז מיט ייִדיש קען מען אויפֿהאַלטן דעם אַסימילאַטאָרישן פּראָצעס אין דער ייִדישער געזעלשאַפֿט. מ'האָט

זיך אָבער אויך געמוזט רעכענען מיט די ספרדישע קינדער, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אינטערעס פאַר ייִדיש, און מיט די ציוניסטישע מנהיגים, וואָס האָבן געטענהט, אַז צוליב נאָסטאַלגיע טאָר מען נישט אָנווערן קיין צײַט, וואָס מען דאַרף זי אויסניצן כּדי צו לערנען עברית.

די ייִדיש־רעדנדיקע מיטגלידער אין וועד החינוך, וואָס האָבן מיך געקענט און האָבן געוווּסט אַז כ׳האָב ליב מאַמע־לשון, זענען געווען זיכער אַז איך וועל אָן קיין שום קווענקלעניש באַשליסן לטובת ייִדיש. דאָס איז אָבער נישט געווען אַזוי פּשוט. ווי אַ פּרעזידענט פון אַזאַ אינסטיטוציע האָב איך זיך געמוזט רעכענען מיט אַלע צדדים און קודם־כּל מיט דער רעאַליטעט. איך האָב דאָך געוווּסט אַז אַפילו יענע עלטערן וואָס האָבן ליב ייִדיש, רעדן אין דער היים, מיט זייערע קינדער, שפּאַניש. סוף־כּל־סוף האָב איך באַשלאָסן, אַז דער לימוד פון ייִדיש דאַרף זײַן פּריִווויליק: בלויז פאַר די עלטערן וואָס פאָדערן אַז זייערע קינדער זאָלן לערנען ייִדיש.

אַ שווערער וויכּוח איז אויך אָנגעגאַנגען אין שײַכות מיט דער געגנט, ווו מען זאָל אויפבויען די נײַע שול. דער מיטלשטאַנד, די קליינע סוחרים און אָנגעשטעלטע, האָבן געוווינט אין אַ באַשיידענעם קוואַרטאַל און האָבן געפאָדערט מען זאָל דאָרטן אויפבויען די שול. די פאַרמעגלעכערע ייִדן האָבן געפאָדערט מען זאָל די נײַע שול בויען טאַקע אויף דעם פּאַרצעל וואָס לעאָן אַרענסבערג האָט געשענקט דעם וועד החינוך, אויף דער גאַס מאַקול, אין רײַכערן קוואַרטאַל. ווי גיט מען זיך אַן עצה אין אַזאַ דעליקאַטן ענין? פון איין זײַט דאַרף מען אין זינען האָבן די סענטימענטן פונעם פּשוטן, פאָלקסטימלעכן עולם, פון אַ צווייטער זײַט דאַרף מען זיך רעכענען מיט די רעאַלע טענדענצן אין דער ייִדישער געזעלשאַפט. לויט די סטאַטיסטישע דאַטן וואָס כ׳האָב צונויפגעזאַמלט, איז געווען קלאָר אַז ייִדן ציִען זיך אַלץ מער און מער אַריבער אין די בעסערע קוואַרטאַלן, און דעריבער דאַרף מען אויך די שול אויפבויען אין יענער געגנט. פון דעסטוועגן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אין אַזאַ ענין דאַרף מען באַשליסן דורך אָפּשטימונג. נאָר כ׳האָב געשטעלט

אַ תּנאַי: דער מיעוט זאָל אָן קיין שום טענות אָננעמען די החלטה פונעם רוב און זיך דערנאָך באַטייליקן אין דער אַרבעט צונויפ־צוזאַמלען דאָס נייטיקע געלט אויסצובויען דעם בנין.

בײַ דער אָפּשטימונג האָט מען טאַקע מיט אַ גרויסער מערהייט באַשלאָסן אויפצובויען די שול אין פּאַרמעגלעכערן קוואַרטאַל, אויף דער גאַס מאַקול, אָבער דער מיעוט האָט נישט אויפגעהערט צו ברויען און צו סטראַשען. אַ דעלעגאַציע פון די אומצופרידענע איז געקומען צו מיר און מיך געוואָרנט, אַז איך בוי אַ שול פאַר גויים, וואָרעם אין יענעם קוואַרטאַל וווינען נישט קיין ייִדן. זיי האָבן מיך אויך געסטראַשעט, אַז זיי וועלן נישט שיקן די קינדער אין יענער שול.

כּדאַי צו באַמערקן, אַז הײַנט, נאָך 33 יאָר, ווייל מען שוין אויסבויען אַ ייִדישע שול אין אַ נאָך בעסערן קוואַרטאַל, אַ סך ווײַטער פון יענער אַמאָליקער ייִדישלעכער געגנט, ווײַל ייִדן וווינען שוין לאַנג נישט מער דאָרטן. אַזוי פירט זיך די וועלט.

סוף־כּל־סוף איז מיר געראָטן אײַנצושטילן אַלע סיכסוכים צווישן די לערערס און צווישן די עסקנים און צוצוטרעטן צום פּראָיעקט גופא: אויפצובויען אַ נײַע מאָדערנע ייִדישע שול. די ייִדישע און שפּאַנישע צײַטונגען האָבן באַגריסט מײַן אויפטו און אויך די פאַלקסטימלעכע ייִדן זענען אין דער אונטערשטער שורה געווען צופרידן וואָס זייערער אַ מענטש פאַרנעמט זיך מיטן רעאַליזירן דעם לאַנגיעריקן חלום. ווי עס פירט זיך בײַ אַזאַ אונטערנעמונג, האָט מען אויסגעקליבן אַ קאָמיסיע און אַ קאָמיטעט וואָס זאָלן דורכפירן די געלט־זאַמלונג פאַרן בנין. מ׳האָט אויך צונויפּגעשטעלט אַ פרויען־קאָמיטעט, בראָש מיט דער פּרעזידענטין פון וויצאָ אלישבע ראַבינאָוויטש, אַן אַלמנה אָן קינדער, וואָס האָט איר לעבן געהייליקט לטובת־הכּלל. זי איז אויך געווען אַ מענטש מיט אַן ערנסטער קולטור, האָט גוט באַהערשט ביידע לשונות — שפּאַניש און ייִדיש.

איך בין געווען דער ערשטער תּורם, מיט אַ גרעסערן סכום, כּדי צו דינען ווי אַ דוגמא פאַר אַנדערע. און טאַקע באַלד דערנאָך, ווי נאָר מ׳האָט פאַרענדיקט די פאָרמאַליטעטן, האָב איך געהייסן

אָנהייבן צו בויען די ערשטע דרײַ פליגל פונעם בנין, אויף אַ שטח פון דרײַ טויזנט קוואַדראַט־מעטער. ס'איז געווען צו דערוועגט אָנצוהייבן אַן אַרבעט וואָס דאַרף קאָסטן אַבציק מיליאָן פעסאָס בלויז מיט דער סומע וואָס איך האָב געגעבן. מיט מײַן שטענדיקן אָפּטימיזם בין איך אָבער געווען איבערצײַגט, אַז ייִדן וועלן פאַרשטיין דאָס חשיבות פון חינוך און וועלן געבן ביד רחבה פאַר אַ ייִדישער שול. תמיד מוז זיך געפינען איינער אַ „משוגענער", וואָס זאָל זיך אַרײַנוואַרפן מיט אַלע כּוחות אין דער אַרבעט, מיט איניציאַטיוו און באַגײַסטערונג. און אַז די אַרבעט איז שוין אין גאַנג, קומען אויך צו אַנדערע, וואָס העלפן זי ענדיקן.

מײַן ערשטער וויזיט אין ישראל

בעת די שול האָט זיך שוין געהאַלטן אין בויען, בין איך מיט מײַן פרוי געפאָרן אויף אונדזער ערשטן וויזיט פון טשילע קיין ישראל. מיר איז הײַנט שווער צו באַשרײַבן די גוואַלדיקע באַגײַס־טערונג וואָס כ׳האָב דעמאָלט איבערגעלעבט. אין יענער צײַט, 1955, האָט מדינת־ישראל זיך געראַנגלט אין גאָר שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען. די מענטשן זענען אָבער געווען מלא־התלהבות. מײַן ברודער מנחם האָט געלעבט אין חיפה און איז דאָרטן געווען אַ פקיד בײַ דער אײַזנבאַן. די קינדער האָבן געלערנט און אַלע זענען געווען צופרידן און שטאָלץ וואָס זיי לעבן אין ישראל.

מיר איז דעמאָלט אויסגעקומען צו זען דעם פּאַראַד פון יום־עצמאות, וואָס איז פאָרגעקומען אין חיפה. מיט טרערן אין די אויגן האָבן מיר געקוקט אויף די זעלנער פון צה״ל, אויף די טאַנקען און אויף די עראָפּלאַנען וואָס זענען פאַרבײַגעפלויגן מיט אַ רעש איבער אונדזערע קעפּ. נישט בלויז מיר, ווי געסט, זענען געווען באַגײַס־טערט, נאָר די גאַנצע באַפעלקערונג איז געווען מלא־התלהבות און פרייד צוליב יעדער נײַער זאַך וואָס מ׳האָט אויפגעטאָן אין דער מדינה. מיר ווילט זיך דאָס אַלץ דערמאָנען נישט ווי אַ נאָווינע, נאָר ווײַל די אַטמאָספער אין לאַנד האָט זיך אויף אַזוי פיל געביטן אין משך פון די יאָרן און הײַנט ווערט מען נישט נתפעל מער פון די גרעסטע אויפטועו. אַלץ איז געוואָרן זעלבסט־פאַרשטענדלער, אַפילו די נײַעסטע וואָפן און די בעסטע עראָפּלאַנען וואָס ווערן אײַנגעהאַנדלט אָדער פאַבריצירט דאָ אין לאַנד פאַר צה״ל.

הײַנט ווערט מען אפשר גיכער נתפעל ווען עס באַווײַזט זיך די מינדסטע פּערספּעקטיוו פון אַ שלום אין אונדזער געגנט. דעמאָלט האָט מען נאָך נישט געחלומט אַפילו וועגן שלום. מ׳האָט בלויז

געטראַכט און זיך באַוואָרנט, ווי אַזוי צו געווינען די קומענדיקע מלחמה וואָס די אַראַבער האָבן געהאַלטן אין צוגרייטן.

איך בין אַרומגעפאָרן פון איין עק לאַנד צום אַנדערן, פון דן ביז קיין אילת. צווישן אַנדערע, בין איך אויך געווען אין קרית־גת, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ קליינער ישוב, מיט קליינע הײַזקעס. עס זענען געווען די ערשטע טריט אויפן וועג צו ווערן די הויפטשטאָט פון חבל לכיש. מ׳האָט געבויט דאָרטן דעם ערשטן בנין פאַר אַ טעקסטיל־פאַבריק — פאַר אַן אַלטער שפּינערײַ, וואָס מ׳האָט אָפּגעקויפט אין שוועדן. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז אין דעם עסק זענען געווען אַרײַנגעמישט שווינדלערס, און די שפּינערײַ האָט געליטן פון כל־מיני גילגולים און באַנקראָטן. איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געחלומט, אַז אָט דער מקום, קרית־גת, וועט ווערן אַ טייל פון מײַן לעבן, און מײַן נאָמען וועט זיך אַזוי צונויפבינדן מיט זײַן גורל אין דעם צירוף „פולגת״ — פּאָלאַק און גת.

אין דער סוכנות אין ירושלים האָב איך זיך באַקענט מיט זלמן שזר, וואָס האָט דעמאָלט אָנגעפירט מיט דער אָפּטיילונג פאַר קולטור און דערציִונג. ער האָט מיך מיטגענומען צו דעם דעמאָלטיקן נשיא, יצחק בן־צבי, און מיך באַקענט מיט אַ ריי פּראָפעסאָרן און מחנכים, וואָס זענען זיך צונויפגעקומען אין בית הנשיא.

אין ירושלים האָב איך שעהען־לאַנג אַריבערגעקוקט אין מיזרח־דיקן טייל פון דער שטאָט, וואָס האָט דעמאָלט געהערט צו ירדן, און געטראַכט מיט בענקשאַפט ווי נאָענט ס׳איז דער הר־הבית און דערבײַ ווי ווײַט כדי אים צו דערגרייכן. עס האָבן זיך ווידער דערוועקט אין מיר די אַלטע געפילן פאַר ירושלים און פאַר אַלץ וואָס איז דערמיט פאַרבונדן.

ווען כ׳בין געווען אין תימנה, אין שלמה המלכס קופּער־מינען, האָב איך זיך פאַרגעשטעלט פאַר איינעם פון די דירעקטאָרן, און אים דערציילט אַז כ׳קום פון טשילע, דאָס לאַנד וואָס פאַרמאָגט די גרעסטע קופּער־אוצרות אויף דער וועלט. כ׳האָב אים אויך באַלד אָנגעהויבן פרעגן וויפל קופּער מע פּראָדוצירט אין תימנה און וויפל ס׳איז דער פּראָצענט פון קופּער אין אַרץ וואָס מע נעמט

אַרויס פון דער ערד. האָט מיר דער דירעקטאָר געענטפערט מיט אַן איראַנישן שמייכל:

— ר׳ ייִד, פאַרגעסט נישט, ארץ־ישראל איז אַ הייליק לאַנד. מיר וועלן האָבן גענוג קופער צו מאַכן שבת־לײַכטער!

און ווי אַ רמז אויפן נאַפט וואָס מ׳האָט דעמאָלט דאָ אַנטפּלעקט, האָט ער צוגעגעבן:

— און גענוג נאַפט, צו צינדן חנוכּה־לעמפּלעך. איר דאַרפט נישט מורא האָבן, מיר וועלן מיט אונדזער קופער נישט קענען קאָנקורירן אײַער טשילע, און מיר וועלן אויך נישט אַנטפּלעקן גענוג נאַפט, כּדי אײַך, ייִדן אין גלות, צו באַפרײַען פון מגבית...

דער דירעקטאָר פון תּימנה איז, ווײַזט אויס, געווען גערעכט.

ווי אויף צו־להכעיס האָב איך זיך געמוזט אָפּשטעלן אויפן וועג צוריק פון ישראל, אין דײַטשלאַנד, מחמת געשעפטלעכע ענינים. איך האָב עס געטאָן מיט אַ שווער האַרץ און מיט אַ שווער געפיל. איך האָב אָט די געפילן באַשריבן אין אַ מאמר, געדרוקט אין **דאָס ייִדישע וואָרט** פון 15טן יולי 1955. „איך האָב מיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין — האָב איך דאָרטן געשריבן — צוליב וואָס באַדאַרף איך פאָרן צו די מערדער, אין זייער פאַרשאָלטן לאַנד? האָבן זיי דאָך ערשט צוריק מיט אַ פּאָר יאָר, מײַנע שוועסטער און ברידער, זקנים און קינדער, געמאָרדעט... אין מײַנע געדאַנקען טויכט אויף אַן אַנדערע עפּאָכע פון אונדזער געשיכטע, פון אונדזער גלות־מאַרטיראָלאָגיע: גלות־שפּאַניע. זענען דאָך די שײַטער־הויפנס פון דער קריסטלעכער שפּאַניע געווען אַ שפּיל אין פאַרגלײַך מיט די מאָרדמעטאָדן פון די דײַטשע הענקער. האָט דאָס ייִדישע פאָלק דעקרעטירט אַ חרם קעגן שפּאַניע, וואָס איז אָנגעהאַלטן געוואָרן מיט דער גאַנצער שטרענגקייט נישט ווייניקער ווי 300 יאָר, אין וועלכע קיין ייִד איז נישט אַריבערגעטראָטן די גרענעצן פון שפּאַניע. וואָס איז דער תּירוץ? איז די וועלט געוואָרן אַזוי נישט פילעוודיק? איז אַלץ בלויז אַ ספּאָרט, אָפּגעטאָן, און ווידער גוטע־ברידער?"

די דאָזיקע געפילן האָבן געהאַט אַ באַזונדערע רעזאָנאַנץ, דווקא ווײַל איך בין געקומען צו פליִען, איבער איטאַליע, פון ישראל, וווּ איך האָב געזען די שוועריקייטן און די סכּנות אין

וועלכע עס לעבט די שארית־הפליטה. בעת דאָס דײַטשלאַנד וואָס איז ערשט אַזוי חרוב געוואָרן אין דער מלחמה, איז שוין ווידער געשטאַנען אויף אייגענע פיס, מיט דער הילף פון די אַמעריקאַנער, וואָס האָבן נישט געזשאַלעוועט קיין דאָלאַרן פאַר זייערע נעכטיקע שונאים.

איך האָב דעמאָלט געזוכט אין מינכען, די שטאָט ווו דער רשע האָט געזאַמלט זײַנע האָרדן, די שטאָט מיט די באַרימטע בירקעלערס, ווו ער האָט פאַרטראַכט זײַנע ווילדע פּלענער צו באַהערשן דײַטש־לאַנד און די גאַנצע וועלט. איך האָב געזוכט אין מינכען עפּעס וואָס זאָל באַרויִקן מײַן געוויסן און שטילן מײַן גֿעפיל פון נקמה און פאַרדראָס. איך האָב אָבער קיין שום טרייסט נישט געפונען. שוין דעמאָלט, אין 1955, איז כּמעט קיין סימן נישט געווען פון די חורבות. די דײַטשן האָבן אַלץ ווידער אויפגעשטעלט און צוריק אויפגעבויט, בעסער און שענער ווי פריִער.

דאָס איינציקע וואָס כ׳האָב געטאָן: איך האָב דאָרטן נישט גערעדט קיין וואָרט דײַטש, נאָר שפּאַניש.

אין טשילע האָט מען מיר און מײַן פרוי געמאַכט אַ וואַרעמען קבלת־פּנים אין די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס און מ׳האָט געוואָרט איך זאָל דערציילן אַלץ וואָס כ׳האָב געזען און געהערט אין ישראל. אין יענע צײַטן פלעגן ייִדן נאָך נישט פאָרן אַזוי אָפט ווי טוריסטן קיין ישראל און דעריבער איז מען געווען אויסגעהונגערט צו באַקומען אַ לעבעדיקן גרוס פון דאָרטן.

אין ישראל איז מיר, אַגב, אויך געראָטן צו אַנגאַזשירן דעם נײַעם אינספּעקטאָר פאַר דער שול, דב שערצער (שי), אויפן אָרט פון יהודה אורני, וואָס האָט זיך נישט באַוויזן אײַנצואָרדענען מיט אונדזערע לערערס און עסקנים. דער נײַער אינספּעקטאָר האָט טאַקע מצליח געווען אין דער אַרבעט און האָט אויך געלעבט בשלום מיט די אַנדערע לערערס. איך אַליין האָב אויך אָנגעהויבן צו לערנען בײַ אים עברית, און שפּעטער, אין די זעכציקער יאָרן, האָב איך ממשיך געווען בײַ אים צו לערנען, טאַקע אין ישראל.

דאָס בויען דעם בנין פון דער שול איז געווען פאַר מיר אַ

גוואַלדיקער עול. איך האָב יעדן נאָכמיטאָג אָפּגעגעבן דרײַ־פיר שעה און בין אַליין געגאַנגען צו די גרעסערע תּורמים, כּדי זיי צו איבערצײַגן ווי וויכטיק ס'איז זיך צו באַטייליקן אין אויפשטעלן אַ נײַע ייִדישע שול.

מיר זענען נישט געווען די איינציקע אינסטיטוציע וואָס האָט געבויט. אונדזער פּראָיעקט האָט אָנגעשטעקט דעם גאַנצן ייִשוב דאָרטן און אויך אַנדערע אינסטיטוציעס האָבן אָנגעהויבן צו בויען פאַרשיידענע בנינים. אַזוי למשל האָט ד״ר לויִס לאַמאַס, אַ זייער רײַכער ייִד, אָנגעהויבן בויען אַ סטאַדיאָן (עסטאַדיאָ איזראַעליטאַ), פאַר ייִדישע ספּאָרטלער, מיט דער כּוונה די ייִדישע יוגנט זאָל זיך דאָרטן צונויפקומען און אויף אַזאַ אופן זאָל מען אויסמײַדן געמישטע חתונות. אין דער זעלבער צײַט האָט אויך ד״ר ווײַנשטיין אָנגעהויבן צו בויען אַ בנין פאַר אַ מושב־זקנים, און דער פּרעזידענט פון „סירקולאָ איזראַעליטאַ״, כּואַן ווײַוואָוויטש, האָט זיך פאַרמאָסטן צו בויען אַ מאָדערנעם טעמפּל.

אַוודאי איז איטלעכער פּראָיעקט געווען וויכטיק פאַרן ייִדישן לעבן אין טשילע, אָבער מחמת דער גרויסער צאָל פּראָיעקטן, איז מיר שווערער אָנגעקומען צו זאַמלען געלט פאַרן וועד החינוך. איין ייִד האָט למשל געטענהט, אַז אַ מושב־זקנים איז פאַר אים בילכער, ווײַל ער אַליין וועט זיך מסתּמא נייטיקן אין דעם, אָבער פאַר אַ שול וויל ער נישט געבן קיין געלט, ווײַל ער האָט סײַ ווי נישט קיין קינדער. אַן אַנדערער האָט געטענהט אַז ס'איז כּדאַי צו געבן געלט פאַר ייִדישן סטאַדיאָן, אָבער אַ ייִדישע שול דאַרף מען בכלל נישט; ער וויל אַז זײַנע קינדער זאָלן גיין אין דער מלוכה־שול, זיך חברן מיט טשילעאַנער קינדער, וואָס פון זייערע רייען קען אַ מאָל אַרויסקומען דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק. ער איז פאַר אַ פּראַקטישן צוגאַנג צום לעבן! האָב איך אים בלויז געפרעגט, צי זײַן אַ ייִד בכלל איז אַ פּראַקטישער ענין?!

בקיצור — ווער ס'האָט נישט געוואָלט געבן, האָט געפונען אַ תּירוץ. פון דעסטוועגן האָב איך מצליח געווען און אײַנגעזאַמלט אַ סך געלט. מענטשן האָבן גערן געגעבן געלט כּדי זיך צו פאַר־אייביקן אויף שילדן איבער קלאַסן־צימערן, לאַבאָראַטאָריעס,

ביבליאָטעקן, וואָס זאָלן טראָגן די נעמען פון די תורמים. מיר האָבן געהאַט אַ רשימה מיט די פּרייזן פאַר איטלעכן מין. צו מאָל איז מיר געראָטן צו באַקומען אַ גרעסערן סכום פון מענטשן וואָס זענען בדרך־כּלל געווען ווייט פון ייִדישן ציבור, וואָס האָבן אָבער געוואָלט פאַראייביקן זייערע נעמען אין דער ייִדישער שול. אַנדערע האָבן געוואָלט פאַראייביקן די נעמען פון זייערע עלטערן, בפרט אַזעלכע וואָס זענען אומגעקומען אין די לאַגערן בעת דער מלחמה. כ׳האָב, למשל, אָנגעשפּאַרט ביי אַ ייִדן וואָס האָט געהאַט אַ גוייִשע פרוי. ווען כ׳האָב אים געבעטן ער זאָל ביישטייערן פאַר אַ ייִדישער שול, האָט ער מיר געענטפערט אַז דאָס איז נישט זיין ענין. ווען איך האָב אים אָבער געזאָגט ער זאָל פאַראייביקן די נעמען פון זיינע עלטערן אויף אַ שילד איבער אַ קלאַס וווּ עס וועלן זיך לערנען ייִדישע קינדער — האָט ער געפרעגט וויפל דאָס דאַרף קאָסטן און האָט תיכף געגעבן זיין הסכּמה. ביים געזעגענען זיך האָט ער מיר געזאָגט:

— ווען איך זאָל האָבן פאַר מיין סחורה אַזאַ פאַרטרעטער ווי איר זענט, מיט אַזאַ כּוח צו איבערצייגן, וואָלט איך געקענט מאַכן אַ סך געלט!

דערויף האָב איך אים געענטפערט:

— דער חילוק צווישן אונדז איז, וואָס איר פאַרקויפט בלויז טעקסטיל־סחורה, און דאָס האָט נאָר אַ פאַרבייגייענדיקן ווערט, בעת איך פאַרקויף אַ סחורה, וואָס האָט אַן אייביקן ווערט...

ביי מיר אין פאַבריק האָב איך נישט געוואָלט רעדן מיט קיין קונה אָדער ליווראַנט, איידער ער האָט געגעבן זיין ביישטייער פאַר דער שול. און ווייניקער ווי 50.000 פעסאָס האָב איך נישט גענומען. דאָס איז דעמאָלט געווען אַ שיינע מטבע. איך געדענק אַז איין מאָל איז צו מיר געקומען אַ קונה, וואָס האָט געשטאַמט פון אונגאַרן. ער האָט געהאַט אַ טריקאָטאַזש־פאַבריק און האָט געוואָלט ביי מיר קויפן וואָלפאָדעם. האָב איך אים באַלד געזאָגט, לויט מיין שטייגער, אַז קודם וויל איך ער זאָל זיך באַשטייערן פאַר דער ייִדישער שול. האָט ער אַרויסגענומען דאָס טשעקביכל און מיר דערלאַנגט אַ טשעק אויף 25.000 פעסאָס. זאָג איך אים:

ווינציקער ווי 50.000 נעם איך נישט. ענטפערט ער מיר: פאַר דער קאַטוילישער שול האָב איך געגעבן בלויז 15.000 פעסאָס! פרעג איך אים: וואָס פאַר אַ שייַכות האָט איר צו דער קאַטוילישער שול? ענטפערט ער מיר: איך בין דאָך אַ קאַטויל!... און איך האָב אים די גאַנצע צייַט געהאַלטן פאַר אַ ייִד. כ'האָב אים, פאַרשטייט זיך, געוואָלט אָפּגעבן דעם טשעק, אָבער ער האָט אים נישט געוואָלט נעמען. ר'האָט אַ סך ייִדישע פרייַנד — האָט ער מיר געזאָגט — און וויל דווקא בייַשטייַערן פאַר אַ ייִדישער שול.

אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון נחום גאָלדמאַן האָבן מיר באַקומען 40.000 דאָלאַר פון דער קליימס־קאָנפערענץ, אַזוי אַז ס'איז אונדז געראָטן, מיט דער הילף פון די חברים פון וועד החינוך, אין משך פון צוויי יאָר צו פאַרענדיקן די צוויי פליגל פון דעם בנין, אויף אַ שטח פון דרייַ טויזנט קוואַדראַט־מעטער. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן צום חנוכּת־הבית. איך האָב זיך אין אָט דעם ענין שואל־עצה געווען מיטן דיפּלאָמאַטישן פאַרטרעטער פון מדינת־ישראל, שמואל גורן. ער האָט שוין אַ סך יאָרן געלעבט אין טשילע און גוט געקענט די באַדינגונגען אין איטלעכן תחום. ער האָט אַקטיווירט אין דער ציוניסטישער פעדעראַציע נאָך איידערן אויפקום פון מדינת־ישראל, ווי דער אָנפירער פון אָפּטייל פאַר פּאָליטישע ענינים. פון מדינה־אויפקום ביזן יאָר 1959, ווען ס'איז געקומען פון ישראל אַן אַמבאַסאַדאָר קיין טשילע, האָט דער אַמבאַסאַדאָר אין אַרגענטינע, יעקב צור, אויך געדינט ווי דער אַמבאַסאַדאָר פון טשילע, און שמואל גורן איז געווען זייַן דיפּלאָמאַטישער פאַרטרעטער. ער האָט געהאַט גרויס אָנזען בייַ דעם ייִדישן עולם און אויך אין די פּאָליטישע מלוכה־קרייַזן. בייַ אָפיציעלע געשעענישן האָט מען אים באַטיטלט „עקסעלענץ" און דער פשוטער עולם האָט אים סתּם ליב געהאַט פאַר זייַן פאָלקסטימלעכקייט און צוגעלאָזטקייט.

מיר זענען געווען גוטע פרייַנד און איך פלעג זיך מיט אים אָפט מאָל באַראָטן אין פאַרשיידענע ענינים. איצט האָט ער מיר געראָטן איך זאָל פאַרבעטן צו דעם חנוכּת־הבית פון דער שול דעם פּרעזידענט פון טשילע, גענעראַל איוואַנעז, און דעם בילדונגס־מיניסטער. ער האָט טאַקע אייַנגעאָרדנט די אוידיענץ, איז מיט מיר

געגאַנגען אין פּאַלאַץ און מיך פאַרגעשטעלט פאַרן פּרעזידענט. גענעראַל איוואַנעז, וואָס איז געווען אין די דרײַסיקער יאָרן אַ דיקטאַטאָר פון טשילע, און האָט טאַקע געמוזט אַנטלויפן, איז איצט אויסגעוויילט געוואָרן אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן און האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ פײַנער פּרעזידענט. ער האָט אויך נישט באַהאַלטן זײַן סימפּאַטיע פאַר מדינת־ישראל. ווען כ'האָב אים דערציילט אַז די שול וועט הייסן „חיים ווייצמאַן", האָט ער מיר באַלד געזאָגט, אַז ער האָט גרויס דרך־ארץ פאַר אַזאַ מענטש ווי ווייצמאַן, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן געקעמפט פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון זײַן פאָלק.

דער סעקרעטאַר האָט באַשטימט דעם טאָג ווען דער פּרעזידענט, אין איינעם מיטן בילדונגס־מיניסטער, וועלן קומען צום חנוכּת־הבית און די פײַערונג איז באמת געוואָרן אַ יום־טוב פאַרן ייִדישן ציבור פון טשילע. צום ערשטן מאָל איז געקומען אַ פּרעזידענט צו אַ חנוכּת־הבית פון אַ ייִדישער אינסטיטוציע, און דערצו נאָך פּונקט אין דעם יאָר ווען די ייִדן האָבן געפײַערט פופציק יאָר פון זייער ערשטן מנין אין טשילע. זענען טאַקע ייִדן געקומען אין די טויזנטער צו דעם יום־טוב, וואָס איז פאַר זיי געווען כּמעט אַ היסטאָריש געשעעניש.

אַ פײַנלעכער מאָמענט האָט אויך נישט געפעלט אויף דער שׂימחה. מיר האָבן געהאַט צוגעגרייט פאַרן פּרעזידענט אַ ספּעציעלן גאָלדענעם מעדאַל, וואָס מיר האָבן באַשלאָסן אים צו געבן ווי אַן אויסצייכענונג מצד דעם ייִדישן קאָלעקטיוו פאַר זײַן פרײַנדלעכער באַציִונג. איך האָב געהאַלטן אַ פּאַטריאָטישע דרשה, דורכגעפלאָכטן מיט ציוניסטישע הומאַניטאַרע פּעדעם. צום סוף האָב איך געזאָגט: „און איצט וויל איך אין נאָמען פון דער ייִדישער קאָלעקטיוויטעט איבערגעבן זײַן עקסעלענץ דעם פּרעזידענט דעם מעדאַל, וואָס דריקט אויס אונדזער פאַרערונג פאַר אײַך, וואָס איר פירט אונדזער לאַנד מיט חכמה און דעמאָקראַטיע . . ." — נאָר ווען כ'האָב געעפנט דאָס שיינע הילצערנע קעסטעלע, כּדי אַרויסצונעמען דעם מעדאַל, האָט דער מעדאַל זיך מיר אַרויסגעגליטשט פון דער האַנט, איז אַראָפּגעפאַלן און נעלם געוואָרן אין אַ שפּאַרונע פון דער בינע.

דער פּרעזידענט שטייט און וואַרט איך זאָל אים געבן דעם מעדאַל, נאָר איך בין נישטאָ, איך קריך אויף אַלע פיר און זוך דעם אַנטרונענעם מעדאַל.

ווער ווייס ווי דאָס וואָלט זיך געענדיקט, ווען נישט אַ צײַטונג־רעפּאָרטער, וואָס האָט פלינק אַרויסגעשלעפּט דעם מעדאַל פון אונטער דער בינע און אים מיר אונטערגעטראָגן. פאַרשטייט זיך אַז דער פּרעזידענט האָט געזען מײַן פאַרלעגנהייט און ער האָט מיך, מיט זײַן טשילעאַנער העפלעכקייט אַרומגענומען פאַרן גאַנצן עולם. אַזוי איז טאַקע דער פײַערלעכער מעמד פאַראייביקט געוואָרן אויף אַ בילד, וואָס מ׳האָט אָפּגעדרוקט אין אַלע צײַטונגען.

אין די לעצטע יאָרן איז שמואל גורן מיט זײַן פרוי עולה געווען, און ער איז טאַקע דאָ נאָך אַ קורצער צײַט געשטאָרבן. אויף זײַן לוויה זענען בלויז געווען אַ פּאָר צענדליק ייִדן, עולים פון טשילע. ס׳איז געווען זייער טרויעריק צו זען, ווי אַ מענטש וואָס האָט זײַן גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן פאַר מדינת־ישראל, ווערט אַזוי גיך פאַרגעסן. וואָלט ער געשטאָרבן אין טשילע, וואָלטן געקומען טויזנטער מענטשן, ייִדן און נישט־ייִדן, אים באַגלייטן אין זײַן אייביקער רו.

דעם צווייטן טייל פון בנין האָט מען שוין גרינגער אויסגעבויט. נאָך דעם ווי דער פּרעזידענט פון טשילע איז בײַגעווען בײַם חנוכּת־הבית פון דער שול, איז דער גאַנצער ענין געוואַקסן בײַ ייִדן אין די אויגן, געוואָרן אַן אַלגעמיין־געזעלשאַפטלעכער ענין. דער גויִשער פּרעזידענט האָט בײַגעטראָגן, אַז די שול זאָל באַקומען מער חשיבות בײַ ייִדן. אַזוי איז שטענדיק געווען אין די תּפוצות.

דאָ איז, דאַכט זיך, דער אָרט צו דערמאָנען כאָסע קלײַן, איינעם פון די גרעסטע תּורמים פאַר דער ייִדישער שול. ער האָט געשטאַמט פון אונגאַרן און געקומען קיין טשילע אין די דרײַסיקער יאָרן, אין איינעם מיט זײַן ברודער פראַנציסקאָ. בײַם אָנהייב האָבן זיי באַצויגן פּרנסה פון קליינע שפּײַזגעשעפטן, אָבער כאָסע האָט געהאַט גרויסע פעיִקייטן און איז אויך געווען באַשאָנקען מיט אַ סך חן. מיט זײַן אַריסטאָקראַטישן אויסזען (מען פלעג אים רופן:

דער אונגאַרישער באַראָן) האָט ער פאַרשטאַנען זיך אַרײַנצודרייען אין די פּאָליטישע קרײַזן, און צוזאַמען מיט זײַנעם אַ פרײַנד, ליטײַ, אויך אַן אָפּשטאַמיקער פון אונגאַרן, אַ גרויסער מומחה אין אײַזן־מינעס, האָט ער געקויפט פאַר גראַשנס אין צפון־טשילע אַ מינע, וואָס האָט אים אין גיכן רײַך געמאַכט. די רעגירונג האָט געהאַט אַן אינטערעס צו שטיצן דעם עסק און האָט נישט געזשאַלעוועט קיין הילף. כאַסע קלײַן איז אויך געווען אַ נאָענטער פרײַנד מיטן געוועזענעם פרעזידענט פון טשילע, עדואַרדאָ פרײַ.

פון רעליגיע האָט ער נישט געוואָלט וויסן, אָבער פאַר ישראל האָט ער געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט. ר׳האָט מיר דערציילט, אַז זײַן איינציקע טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט אַ טשילעאַנער. אים, דעם טאַטן, האָט עס נישט געאַרט. אָבער דער גוי האָט געפילט אַז ער האָט גענומען אַ מיידל פון אַ באַרימטער ייִדישער משפּחה און האָט זיך פון אייגענעם ווילן מגייר געווען. קיינער האָט עס פון אים נישט געפאָדערט. תּיכּף נאָך דער חתונה איז ער אַרײַן צום שווער און אים מיט זײַן גאַנצער תּמימות געפרעגט, ווען ער דאַרף אום שבת גיין אין בית־הכּנסת דאַווענען. דער שווער איז געבליבן אַ געפּלעפטער. אויף אַזוינס האָט ער זיך נישט געריכט. ער איז קיין מאָל נישט געגאַנגען דאַווענען . . .

אין די זעכציקער יאָרן, בעת פּנחס ספּיר איז געקומען זוכן בעלנים צו אינוועסטירן אין ישראל, האָט ער אויך צוגעצויגן אַט דעם כאַסע קלײַן. שפּעטער האָט ער געקויפט די גענפער „סוויס־ישראל־באַנק״ און זיך טאַקע באַזעצט אין דער שווייץ.

כאַסע קלײַן האָט פאַרלוירן דאָס גאַנצע פאַרמעגן און דעם פּרעסטיזש זײַנעם בעתן „פּאַל גרײַווער״ פון אַרגענטינע. גרײַווער האָט געקויפט די פיליאַלע פון דער באַנק אין ניו־יאָרק, אָבער נאָך איידער ר׳האָט באַצאָלט, האָט ער אויסגעליידיקט דאָס געלט פון דער באַנק. שפּעטער איז ער געהרגעט געוואָרן, בעת דער עראָפּלאַן מיט וועלכן ער איז געפלויגן איז אַראָפּגעפאַלן.

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די גרײַווערס זענען געווען די באַנקירן פון די טופּאַמאַראָס־טעראָריסטן אין אַרגענטינע. מ׳האָט טאַקע די גאַנצע משפּחה אַרעסטירט.

די מיליטערישע כונטע, וואָס האָט טויזנטער מענטשן אין אַרגענטינע אומגעבראַכט אָן קיין שום משפּט, ווערט איצט, דורך דעם אַרגענטינער פּרעזידענט אַלפאָנסאָ, פאַרמישפּט אויף לאַנגע יאָרן תּפֿיסה.

כאָסע קליין האָט געמוזט פאַרקויפן די באַנק אין דער שווייץ און איז געבליבן בחוסר־כּל. דערצו האָט ער נאָך געהאַט אַ פינאַלן פּראָצעס אין ניו־יאָרק, ער האָט די אומגליקן נישט געקענט איבער־לעבן און טאַקע באַלד נאָך דעם געשטאָרבן.

זיין גורל האָט מיך שטאַרק באַרירט. איך האָב אים גוט געקענט און מיר זענען געווען נאָענטע פריינד. אַן אמתער דזשענטלמען געווען. ווען ער איז געשטאָרבן, האָב איך זיך דערמאָנט אין מוסר־השכּל: דיביימער וואַקסן נישט ביז צום הימל...

דער חנוכּת־הבית פון דער ייִדישער שול אויפן נאָמען פון חיים ווייצמאַן איז פאַרגעקומען אין זעלביקן יאָר, ווען ישראל האָט געפירט די סיני־מלחמה, ווי עס האָבן זיך, כּידוע, באַטייליקט די פראַנצויזן און די ענגלענדער, וואָס זענען געווען פאַראינטערעסירט איבערצוקערן נאַסערן.

די ציוניסטישע פעדעראַציע אין טשילע האָט איינגעאָרדנט אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג, ווי אַ פּראָטעסט קעגן דעם אַמעריקאַנער פּרע־זידענט אייזנהאַוער, וואָס האָט געפאָדערט אַז ישראל זאָל זיך תּיכּף־ומיד צוריקציִען פון מידבר סיני.

דער הויפּטרעדנער אויף דער פאַרזאַמלונג איז געווען דער פּרעזידענט פון דער גראָס־לאָזשע אין טשילע, פּראָפעסאָר סעראַני, אַ באַקאַנטער טשילעאַנער אַריסטאָקראַט, נישט קיין ייִד, פאַרשטייט זיך. ער איז זייער שאַרף אַרויסגעטראָטן אין זיין רעדע קעגן די אַמעריקאַנער, וואָס שייך זייער פּאָליטיק לגבי ישראל. צווישן אַנדערן האָט ער געוואָלט דערווייזן ווי אומדאַנקבאַר די אַמערי־קאַנער זענען און האָט אויסגערעכנט וואָס ייִדן האָבן אַלץ געטאָן פאַר אַמעריקע. זיי האָבן ממש אויפגעבויט די גאַנצע אַמעריקאַנישע אינדוסטריע — האָט סעראַני געזאָגט — ווי למשל „וועסטינגהאַוס״, „דזשענעראַל עלעקטריק״, „דעפּאָנט״... און אַצינד גייען די

זעלביקע אַמעריקאַנער און מאַכן יד־אחת מיט רוסלאַנד קעגן ישראל...

כ׳האָב נישט געגלייבט מײַנע אייגענע אויערן. צי ווייס נישט אָט דער פּראָפעסאָר אַז די אַלע ריזן־אונטערנעמונגען וואָס ער האָט אויסגערעכנט האָבן קיין שײַכות נישט צו ייִדן, און אַז יידן האָבן דאַרטן אַפילו נישט קיין דריסת־הרגל? ווײַזט אויס אַז אַפילו אַזאַ אַריסטאָקראַט ווי סעראַני, אַ פילאָסעמיט און אַ פרײַנד פון מדינת־ישראל, גלייבט ערגעץ־ווו אין אונטערבאַוווסטזײַן אַז ייִדן ציִען די שטריקלעך פון די פינאַנצן אויף דער גאַנצער וועלט, טאַקע ווי עס שטייט אין „די פּראָטאָקאָלן פון די זיקני ציון”.

און אפשר, ווער ווייס, איז גאָר בעסער די גויים זאָלן מיינען אַז מיר, ייִדן, פאַרמאָגן מער כּוח אויף דער וועלט, ווי מיר האָבן אויף אַן אמת?

אין משך פון פיר יאָר האָט מען פאַרענדיקט בויען דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון דער נײַער ייִדישער שול. די צאָל תּלמידים אין געשטיגן פון 700 ביז 1100. ווי אַן אינטעגראַלע שול, האָט זי באַקומען אַ טייל בודזשעט פון דער רעגירונג. זי האָט אויך באַלד באַקומען אַ שם ווי איינע פון די בעסטע שולן אין שטאָט, לויט די רעזולטאַטן פון דעם מאַטורע־עקזאַמען.

דער דירעקטאָר פון די אַלגעמיינע לימודים איז תּמיד געווען אַ טשילעאַנער. בײַ די פײַערונגען פון סוף שוליאָר האָבן טייל־גענומען אי די ייִדישע אי די נישט־ייִדישע לערערס און איך האָב געדאַרפט געפינען אַ פאָרמולע אַרויסצוּווײַזן מײַן לאָיאַליטעט לגבי דעם לאַנד, ווי אַ גוטער טשילעאַנער, און אין דער זעלבער צײַט רעדן וועגן דערציִען אַ דור, וואָס זאָל עולה זײַן קיין ישראל. די שול האָט דאָך געהאַט אַ ציוניסטישן כאַראַקטער. מיר איז תּמיד געווען שווער צו געפינען אַזאַ פאָרמולע פאַר אַ סינטעז, אָבער כ׳האָב זיך פאַרלאָזט דערויף, וואָס די טשילעאַנער זענען אַ טאָלעראַנט פאָלק און וואָס אין דער רײַכער שפּאַנישער שפּראַך קען מען צו מאָל אַ סך רעדן און גאָרנישט זאָגן.

די דאָזיקע פיר יאָר זענען געווען מײַן פּרוכטיקסטער פּעריאָד

לטובת־הכלל. עד־היום בין איך גליקלעך, וואָס כ׳האָב געהאַט די זכיה בײַצוטראָגן, לויט מײַנע כּוחות, פאַר דעם ייִדישן חינוך אין טשילע. כ׳האָב אָבער באַשלאָסן, אַז איך האָב מײַנס געטאָן און דאַרף איבערגעבן די אַרבעט אַן אַנדערן. אַזוי האָב איך טאַקע געזאָגט אויף דער יערלעכער פאַרזאַמלונג פון וועד החינוך: איך וויל נישט שטיין בײַם פענצטער און אַרויסקוקן אַ צופרידענער אויף דעם וואָס כ׳האָב נעכטן אויפגעטאָן. זאָלן יונגע כּוחות איבערנעמען די אינסטיטוציע און זי ווײַטער אַנטוויקלען מיט אַ באַנײַטער איניציאַטיוו.

און דאָ וויל איך דערמאָנען די נעמען פון אייניקע חברים, דירעקטאָרן און וועד־החינוך, וואָס האָבן געהאָלפן בויען די שול: יחזקאל (עדואַרדאָ) פלאַטאָ, יעקב מאָנדערער, יצחק שוואַרץ, יעקב פילאָווסקי, גדליה שפירא, יונה אַבאַדאָווסקי, ד״ר בײַטערמאַן, שלמה באַכראַך, דוד איליוויצקי, נתן גאַראַדישער, גיערמאָ ראָזענבערג, דב ברינער, דיעגאָ מעלניק, נטע נעבנשאָס, מאַריאַ פרענקאָס, ד״ר עמיליאָ ווײַנטרויב, שמעון בערנשטיין, ישעיהו פּופּקין, אַברהם מאַלטשוק, גרשון אַלעקסאַנדראָני, ד״ר אַלערהאַנט, לוטשיאָ אַראָן.

דערמיט האָב איך איבערגעגעבן די פּרעזידענטשאַפט אַ יונגן פרײַנד, פעליפּע פלימאַן, אַ געבוירענער טשילעאַנער, אויך אַן אינדוסטריעלער.

בײַ דער געלעגנהייט האָב איך צוגעזאָגט צו געבן אַ סטיפּענדיע פאַר אַ סטודענט, ער זאָל לערנען עטלעכע יאָר אין ישראל. מײַן כּוונה איז געווען, אַז אַזאַ סטודענט זאָל קענען שפּעטער זײַן דירעקטאָר פאַר אַלע לימודים, אויך פאַר די אַלגעמיינע, אַחוץ עברית.

די סטיפּענדיע האָט געוווּנען אַ בחור, וואָס האָט געענדיקט די ייִדישע שול און פּעדאַגאָגישע לימודים אין אוניווערסיטעט. ער האָט טאַקע פיר יאָר געלערנט אין ישראל און הייסט הײַנט ד״ר אַברהם מאַגענצאַ. זײַן פאָטער איז געווען רב־הראָשי אין טשילע. ער איז טאַקע אויך געווען עטלעכע יאָר דירעקטאָר פון דער שול אין סאַנטיאַגאָ. איך באַגעגן אַ סך פּראָפעסאָרן, צווישן זיי אַפילו באַרימטע, דאָ אין ישראל און אויך אין אַמעריקע, וואָס האָבן זיך

אין יענע יאָרן געלערנט אין אונדזער שול, ווי למשל דעם פּראָפעסאָר אַלערהאַנט פון פּרינסטאָן, וואָס איז געווען איינער פון די ערשטע אַכט תּלמידים, וואָס איך האָב זיי איבערגעגעבן דעם אַטעסטאַט פון דער מאַטורע.

איך וויל אויך דערמאָנען די העברעיִשע לערערקעס, וואָס האָבן געהאַט אַ סך פאַרדינסטן פאַר דער יִדישער שול —ביידע פון דער שארית־הפּליטה, געקומען נאָך דער מלחמה אין טשילע: פרידאַ ראָטמאַן און חווה דאַדיק. די לערערין מינה געלערשטיין באַראָן האָט עולה געווען און לעבט אין קיבוץ עין־השופטים.

פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע

אויף דעם יערלעכן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין 1958, האָט מען מיך אויסגעוויילט ווי דעם פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין טשילע. צום ערשטן מאָל האָט מען אויסגעקליבן פאַר אַט דעם מעמד אַ ייִדן, וואָס איז ערשט עטלעכע יאָר אין לאַנד, כּמעט אַ גרינער. די ציוניסטישע פעדעראַציע איז דעמאָלט געווען די חשובסטע אינסטיטוציע פונעם ייִשוב אין טשילע. זי האָט כּולל געווען אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען און אַלע ייִדישע אינסטיטוציעס אין לאַנד.

אין וועד החינוך זענען ס׳רוב עסקנים נאָך געווען מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן, היימישע פּאָלקסמענטשן, וואָס האָבן טאַקע אויף די יערלעכע גענעראַל־פאַרזאַמלונגען גערעדט ייִדיש. די עסקנים אין דער פעדעראַציע זענען שוין געווען שפּראַכלעך אַסימילירטע ייִדן, ס׳רוב יונגע מענטשן, געבוירענע אין טשילע. שפּאַניש איז געווען זייער ריידשפּראַך.

די פעדעראַציע האָט געזאַמלט אַלערליי פאָנדן פאַר ישראל: קרן היסוד, קרן קיימת, באָנס. זי האָט געהאַט אָפּטיילונגען פאַר עליה, פאַר יוגנט־באַוועגונגען, פאַר דערציִונג וכדומה.

די פעדעראַציע איז געווען דער אַדרעס, וווּ עס פלעגן קומען אַלע אָפיציעלע געסט פון ישראל. דער פּרעזידענט האָט געדאַרפט אַלעמען אויפנעמען און באַגריסן אין נאָמען פון דער פעדעראַציע.

דער גרעסטער חסרון איז, פאַרשטייט זיך, געווען וואָס די פעדעראַציע האָט זיך געפירט לויט דער שיטה פון פּאַרטייען. דאָס האָט געמיינט, אַז ביי יעדן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט מען זיך געריסן ביי די קעפּ פאַר די כּיבודים. מיט יאָרן איידער איך בין געוואָרן פּרעזידענט, האָבן זיך די עיקרדיקע פּאַרטייען געאייניקט,

אַז דער פּרעזידענט וועט זיך בײַטן יעדער יאָר — איין מאָל פון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי און אַ צווייט מאָל פון די כּלל־ציוניסטן. פּונקט אין דעם יאָר ווען מ׳האָט מיך אויסגעוויילט, האָט דער ציוניסטישער קאָנגרעס באַשלאָסן, אַז ביז צום אַנדערן קאָנגרעס וועלן פאָרקומען אַלגעמיינע וואַלן און איטלעכער ייִד וואָס גיט אַ שטײַער פאַרן מגבית, וועט האָבן דאָס רעכט צו וויילן. אָט די החלטה האָט מבטל געמאַכט צײַטווײַליק דעם אָפּמאַך צווישן די צוויי פּאַרטייען אין טשילע, און דעריבער בין איך טאַקע געבליבן גאַנצע פיר יאָר פּרעזידענט פון דער פעדעראַציע. אין די צען יאָר פון זינט איך בין געקומען קיין טשילע, זענען געווען זעקס פּרע־זידענטן — פינף פון זיי — אַדוואָקאַטן, געבוירענע אין טשילע: ראָבערטאָ אַראָן, מיגועל מאָלדאַווסקי, אַברהם דורון (וואָס איז אַ צײַט געווען אַמבאַסאַדאָר פון ישראל אין מעקסיקע), לעאָן גאָמבאָראָף און ראָדאָלפאָ בורסוצקי (ביידע יונגערהייט אַוועק פון דער וועלט). ראָדאָלפאָ בורסוצקי איז געווען אַן אויסנעמיקער קולטורמענטש, אַ מאָלער און אַרויסגעבער פון אַ צײַטונג. בלויז מתתיהו שאַפּיראָ איז נישט געווען קיין אַדוואָקאַט; אַ ליטווישער ייִד, אײַנגעוואַנדערט אין די דרײַסיקער יאָרן, אַ געוועזענער העברעיִשער לערער אין פּוילן, אַ גוטער קענער פון שפּאַניש און ייִדיש. ער איז עולה געווען און דאָ איז ער אַן אַקטיווער קולטור־טוער אין בית המלין פון תּל־אָביב.

אין דער פעדעראַציע זענען פאָרגעקומען אויך שווערע דיסקו־סיעס און וויכּוחים צווישן די יונגע חברים פון מפּ״ם און די כּלל־ציוניסטן.

איך מוז זיך מודה זײַן, אַז ס׳איז מיר אָנגעקומען שווער זיך צוצופּאַסן און צוצוגעוווינען צו דער אַרבעט, ווי דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע. יעדע וואָך איז פאָרגעקומען אַ זיצונג, מיטן אָנטייל פון אַן ערך פערציק מיטגלידער, וואָס איטלעכער פון זיי האָט געוואָלט נעמען דאָס וואָרט. בפרט אַז ס׳איז געקומען אַ גאַסט פון ישראל, האָט אים איטלעכער געוואָלט באַג־ריסן אין נאָמען פון זײַן פּאַרטיי.

איך בין נישט געוווינט געווען זיך צו רעכענען מיט פּאַרטיי־

אינטערעסן און פּאַרטיי־פּאָליטיק, ווײַל פּאַר מיר איז געווען קלאָר, אַז דאָרטן ווו עס זענען פאַראַן פּאַרטיי־אינטערעסן, הערט אויף צו אַרבעטן דער שכל־הישר. מײַן צוגאַנג אין לעבן איז געווען אַן אוממיטלדיקער און איך האָב זיך שטענדיק סומך געווען אויפן שכל־הישר און אויף מײַן געפיל פאַר גערעכטיקייט. האָב איך זיך טאַקע געראַנגלט מיט כּל־מיני פּראָבלעמען. דער פּרינציפּ פון דעמאָקראַטיע איז אָבער געשטאַנען העכער פון אַלץ. מיט אַלע אירע חסרונות, איז דעמאָקראַטיע פּאָרט דער בעסטער אײַנטשטעל.

מער פון אַלץ האָט מיך געאַרט, וואָס אַ טייל מיטגלידער אין דער פעדעראַציע האָבן פאַרטראָטן די אינטערעסן פון דער „באַנקאָ איזראַעליטאַ דע טשילע ס.א.״ דער ייִדישער קאָלעקטיוו אין טשילע האָט געשאַפן די דאָזיקע באַנק, ווי אַ ייִדישע באַנק, און איטלעכער ייִד האָט געהאַט דאָרטן אַ פּאָר אַקציעס. פּלוצעם האָט זיך געיאָוועט איינער אַ ייִד, מאַנועל ליטוואַק, וואָס האָט געהאַט אַ רײַזע־ביוראָ, און האָט אויך געהאַנדלט מיט וואַלוטע, און אים איז געראָטן דורך פאַרשיידענע מאַניפּולאַציעס אײַנצוקויפן ס׳רוב אַקציעס פון דער באַנק און בעצם צו ווערן איר בעל־הבית. אַט דער ליטוואַק איז געווען ווײַט פון ייִדישע ענינים און ציוניסטישע אינטערעסן. פון דעסטוועגן האָט ער אַרײַנגענומען אין דירעקטאָריום צוויי־דרײַ מיטגלידער פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע. דער פּרעזידענט פון רעפּרעזענטאַטיוון קאָמיטעט, חיל סינאַי, איז אויך געוואָרן דער אַדוואָקאַט פון דער דאָזיקער באַנק.

אויף אַזאַ אופן האָט ליטוואַק זיך געוואָלט פאַרזיכערן די השפּעה בײַם ייִדישן ציבור, וואָרעם אויך די גויים האָבן זיך גערעכנט מיט אַ באַנק וואָס האָט אַ השפּעה אויפן קאָלעקטיוו.

אין סעפּטעמבער 1958 זענען אין טשילע פאָרגעקומען די וואַלן אויסצוקלײַבן אַ פּרעזידענט. בײַ אַט דער געלעגנהייט איז דער קאַנדידאַט פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי, כאָרכע אַלעסאַנדרי, געקומען צו גאַסט אין מײַן פאַבריק, כּדי צו האַלטן אַ דרשה פאַר די אַרבעטער. דערנאָך איז ער אַרײַנגעקומען צו מיר אין ביוראָ און מיך געבעטן, אַז איך, ווי דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער

פעדעראַציע, זאָל ווערן זײַן רעפּרעזענטאַנט און זאַמלען פאָנדן פאַר זײַן קאַנדידאַטור. כ׳האָב אים באַלד צוגעזאָגט, אַז איך וועל דעם ענין ברענגען פאַרן פּאָליטישן קאָמיטעט פון דער פעדעראַציע, און מע וועט אַוודאי באַשטימען דעם ריכטיקן מענטש, וואָס זאָל זיך אונטערנעמען צו אַרבעטן פאַר זײַן קאַנדידאַטור.

אויף דער זיצונג פון קאָמיטעט האָבן די מיטגלידער פון ביידע ציוניסטישע פּאַרטייען אויסגעוויילט דווקא מאַנועל ליטוואַקן, ווי דעם פאַרטרעטער פון אַלעסאַנדרי. איך האָב נאָך דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען אַז ליטוואַק האָט זיך זײַנע מענטשן אין דער פעדעראַציע.

שפּעטער מיט אַ פּאָר וואָכן האָט ליטוואַק אײַנגעאָרדנט אַ מיטאָג בײַ זיך אין דער היים, אין זײַן נײַעם הויז, ווײַט פון שטאָטצענטער, לכּבוד דעם קאַנדידאַט אַלעסאַנדרי. ער האָט אויך פאַרבעטן די וויכטיקסטע געזעלשאַפטלעכע פירשטייער, און מיך בתוכם.

אויף יענעם מיטאָג האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו זען וואָס פאַר אַ פּאַרשוין דער ליטוואַק איז. ער איז געזעסן בײַם טיש אויף איין זײַט פונעם קאַנדידאַט, און איך, אויף דער צווייטער. בעת דעם פרײַנדלעכן שמועס, האָב איך געזאָגט אַלעסאַנדרין, אַז ער וועט זיכער אויסגעוויילט ווערן ווי דער פּרעזידענט פון טשילע. דערבײַ האָב איך צוגעגעבן, אַז מיר ייִדן האָבן צו אים נישט קיין ספּעציעלע בקשות וואָס שייך אונדזער לעבן אין טשילע. עס פעלט אונדז קיין שום זאַך נישט אין דעם באמת דעמאָקראַטישן לאַנד. וואָס מיר בעטן אים, איז בלויז ער זאָל שטיצן מדינת־ישראל אין דיפּלאָמאַטישן תּחום. אַלעסאַנדרי האָט מיך פאַרזיכערט אַז ער איז אַ פרײַנד פון ייִדן און האָט אַ גרויסע סימפּאַטיע פאַר ישראל. דערויף האָט זיך מאַנועל ליטוואַק אָנגערופן:

— דאָן כאָרכע! איך האָב צו אײַך בלויז איין בקשה: איר זאָלט מיר העלפן באַקומען אַ טעלעפאָן אין שטוב! — אין נײַעם הויז, אַרויס פון שטאָט, איז שווער צו באַקומען אַ טעלעפאָן.

כאָרכע אַלעסאַנדרי איז טאַקע אויסגעוויילט געוואָרן ווי אַ פּרעזידענט, און ליטוואַק האָט זייער גוט פאַרשטאַנען אויסצוניצן

זײַן מעמד פֿאַר זײַנע אײגענע אינטערעסן. ער איז ממש געװאָרן דער ייִדישער שתּדלן בײַ דער טשילעאַנער רעגירונג. און ער האָט אַלץ געקענט דורכפֿירן, װײַל ער האָט געהאַט זײַנע פּאַרטרעטער אין דער ציוניסטישער פֿעדעראַציע. איך האָב געהאַט עגמת־נפֿש, װאָרעם די גאַנצע השפּעה װאָס ער האָט געהאַט, מחמת זײַן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן כּוח, האָט ער אױסגעניצט בלױז פֿאַר פּערזענלעכע אינטערעסן און נישט פֿאַר מדינת־ישׂראל.

ליטװאַק האָט שפּעטער אױך געשטיצט איַענדען, בעת ער איז געװען קאַנדידאַט פֿאַר פּרעזידענט, און װען ער איז אױסגעװײלט געװאָרן און האָט נאַציאָנאַליזירט אַלע בענק, האָט ער בלױז בײַ ליטװאַקן אָפּגעקױפֿט די באַנק.

מחלוקתן

די וואַלן פאַרן ציוניסטישן קאָנגרעס האָבן זיך דערנענטערט און די שפּאַנונג צווישן די פּאָליטישע פּאַרטייען איז געוואַקסן. און מיט דער שפּאַנונג — די מחלוקתן. אין תּוך זענען די פּאָליטישע פּאַרטייען אין די תּפוצות שוין געווען דעמאָלט איבעריק. דער עיקר איז דאָך געווען צו קאָנצענטרירן אַלע כּוחות פאַר חינוך און פאַר עליה. צום ווינציקסטן האָבן אויסגעפּעלט שפּאַלטונגען און פּאַר־טייקאַמפן.

אין מײַן רעדע וואָס כ׳האָב געהאַלטן אויפן לאַטײַן־אַמעריקאַנער קאָנגרעס פון איחוד עולמי, ווי כ׳האָב אַנטייל גענומען, אין מאָנטעווידעאָ (אורוגוואַי), אָפּגעדרוקט אין דאָרטיקן **פאָלקס־בלאַט**, פון 16טן אָקטאָבער 1960, האָב איך געבראַכט צום אויסדרוק מײַנע השגות אין אַט די אַנגעווייטיקטע ענינים. צווישן אַנדערן האָב איך געזאָגט: „עס איז אַבסאָלוט נייטיק דורכצופירן אַ רעוואָלוציע פון אויבן, בכדי איבערצוּווערטן די ווערטן פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע, צופּאַסן זי צו דער הײַנטיקער רעאַליטעט, צו די באַדינגונגען און נויטן פון אונדזער לעבן אין גלות און אין דער מדינה, אויב זי פּרעטענדירט באמת צו האָבן די העגעמאָניע אינעם יידישן לעבן“.

דער קאָנפליקט צווישן די פּאַרטייען אין דער פעדעראַציע איז אויסגעבראָכן נאָך אַ קורצער צײַט, אין צוזאַמענהאַנג מיט די געשעענישן אין ישראל, אין וואַדי סאַליב, חיפה, מיט די מאַראָקאַנער ייִדן. אין דער שפּאַנישער אָפּטיילונג פון דער ייִדישער צײַטונג דאָס ייִדישע וואָרט איז דערשינען אַן אַרטיקל געחתמעט פון אַנאַ אַלבאַלאַ לעווי, אַ פרוי פון דער ספרדישער קהילה אין סאַנטיאַגאָ, וואָס איר מאַן איז געווען גענעראַל־סעקרעטאַר פון רעפּרע־

זענטאַטיוון קאָמיטעט. קודם־כּל האָט זי אין איר מאמר געמוסרט דעם דעמאָלטיקן פּרעמיער פון ישראל, דוד בן־גוריון, דערפאַר ווײַל ער דיסקרימינירט, כּלומרשט, די ספרדישע ייִדן. אַחוץ דעם איז זי אויף אַ שענדלעכן אופן אָנגעפאַלן אויף די שליחים פון ישראל וואָס רעדן ייִדיש. איר שינאה קעגן יידיש איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז זי האָט געשריבן: „יעדער שליח וואָס רעדט ייִדיש אויף אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג, קענענדיק אַ געמיינזאַמע שפּראַך, איז... אַן אַלײַרטער פון נאַסערן". נישט מער און נישט ווייניקער! איך האָב זיך געפילט טיף באַליידיקט פון דעם העצערישן אַרטיקל, קודם־כּל ווײַל ייִדיש איז געווען מײַן מאַמע־לשון. כ'האָב בשום־אופן נישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי אַזאַ אָנפאַל האָט געקענט געדרוקט ווערן אין אַ ייִדישער צײַטונג. איך בין אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרפן ענטפער קעגן אַנאַ אַלבאַלאַ לעווי — „לשון־ייִדיש — נאַסערס אַלײַרטער" (**דאָס ייִדישע וואָרט**, 23טן אָקטאָבער 1959), פון וועלכן עס ווילט זיך מיר דאָ ברענגען עטלעכע שורות: „אַנאַ אַלבאַלאַ פרעגט, אין איר אַרטיקל, פאַר וואָס צווישן די מנהיגים פון דער מדינה געפינען זיך אין גאַנצן נישט, אָדער זענען פאַראַן ווייניק ספרדים. נו, איז עס נישט לעכערלעך צו מאַכן עמעצן פאַראַנטוואָרטלעך, פאַר וואָס האָבן מיר נאָך נישט אַ מאַראָקאַנער בן־גוריון, אַ תימנער גאָלדע מאיר, אָדער אַ איראַקישן משה דיין? וואָס פאַר אַ ייִד מיט נאָרמאַלע חושים וואָלט נישט געווען צופרידן, אַז פון אונדזערע ברידער וואָס האָבן געלעבט הונדערטער יאָרן אין די אַראַבישע ,מעלאָס' — — זאָלן אויסוואַקסן געלערנטע און מנהיגים, ווי אַ מאָל אין דער גאָלדענער עפּאָכע? אַגב, זענען מיר זיכער אַז אויף דער ישראל־ערד, אינעם ייִדישן לאַנד, וועט אַ מאָל אַזוי זײַן".

דאָס איז געווען אַ מיאוסער אָנפאַל אויף ייִדיש, די שפּראַך פון די מיליאָנען וואָס זענען אומגעקומען אין די היטלעריסטישע טויטלאַגערן. „מיר זענען מיט ווייטיק — האָב איך געשריבן אין דערמאָנטן מאמר — ווי ווײַט עס האַלט שוין מיט מאַמע־ייִדיש, אויב עמעצער קען זיך וואַגן אין אַ ייִדישער צײַטונג — דאָס הייסט בײַ זיך אין דער היים — צו לאָזן אַזאַ פאַרשוועכן דאָס ייִדישע

לשון, אַזאַ העצעריַי קעגן ייִדיש...״ און די מסקנא מיַינע איז געווען: „לויט מיַין מיינונג, איז דער שפּאַנישער טייל פון **דאָס ייִדישע וואָרט** לגמרי איבעריק און שעדלעך און מוז אויסגעשניטן ווערן — טאַקע תּיכּף־ומיד!״

מיַין מאמר האָט ערשט אָנגעצונדן די פּאָלעמיק וועגן דעם ענין ייִדיש. אַפילו דער ייִדישער פּאָעט יעקב גלאַטשטיין פון ניו־יאָרק האָט אין דער פּאָלעמיק אָנטייל גענומען. די פּאָלעמיק האָט אָבער צו גאָרנישט נישט געקענט דערפירן. אַנאַ אַלבאַלאַ אַליין איז געווען אַ שריַיבערין אויף שפּאַניש און איר מאַן — איינער פון די כּלל־ציוניסטישע טוערס און דער סעקרעטאָר פון רעפּרעזענ־טאַטיוון קאָמיטעט. אויך דער רעדאַקטאָר פון דער שפּאַנישער זיַיט אין דער ייִדישער ציַיטונג האָט געהערט צו די כּלל־ציוניסטן. דער ענין האָט באַקומען אַ פּאַרטייִיש־פּאָליטישן כאַראַקטער און איך, ווי דער פּרעזידענט פון דער פּאַראייניקטער פעדעראַציע, האָב אַליין געמוזט אָפּשטעלן די פּאָלעמיק, אַנישט איז געווען אַ סכּנה, אַז די פעדעראַציע, וואָס האָט שוין עקסיסטירט אַזוי פיל יאָרן, וועט צעשפּאָלטן ווערן און איך וועל זיַין דער שולדיקער. אַ ביטערער טעם איז מיר אָבער געבליבן פון דעם מיאוסן ענין.

דער ערשטער ישראלישער אַמבאַסאַדאָר אין טשילע

אין יענעם יאָר האָט זיך אויך אָנגעהויבן צו געשטאַלטיקן מײַן צוקונפט אין מדינת־ישראל. די קאָנטאַקטן מיט ישראל זענען אַלץ ענגער געוואָרן, קודם־כל אַ דאַנק דער גרויסער צאָל געסט וואָס מיר האָבן אויפגענומען אין טשילע. עטלעכע פון זיי וויל איך דערמאָנען: רעבעקאַ זיוו, די דעמאָלטיקע פאָרזיצערין פון וועלט־וויצאָ און איר סעקרעטאַרין, הײַנט אילאַנאַ בן־עמי. פון ניו־יאָרק איז געקומען ד״ר עמנואל נוימאַן און ד״ר ישראל גאָלדשטיין, דעמאָלטיקער פאָרזיצער פון דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי. אַגב, זײַן פרוי, בערט, איז דווקא געווען אַקטיוו אין פּועלי־ציון. ד״ר גאָלדשטיין איז נאָך דעמאָלט געווען אַ ליבעראַלער ראַבינער אין אַמעריקע.

אויך משה שרת, דעמאָלט אויסערן־מיניסטער פון מדינת־ישראל, איז געקומען צו גאַסט קיין טשילע. אַגב האָט ער גערעדט ייִדיש און דערבײַ אויסגעדריקט זײַן קעגנערשאַפט צו ייִדיש...

דאָס וויכטיקסטע געשעעניש אין יענעם יאָר איז אָבער בלי־ספק געווען דאָס קומען פון ערשטן ישראלישן אַמבאַסאַדאָר אין טשילע, אליעזר דורון מיט זײַן פרוי יהודית און מיט די צוויי טעכטער זייערע — יעל און טערי.

מיר האָבן דעם אַמבאַסאַדאָר געמאַכט אַ פּײַערלעכן קבלת־פּנים און אין מײַן באַגריסונג האָב איך געזאָגט צווישן אַנדערן: „אונדזער חשובער אַמבאַסאַדאָר דאַרף וויסן ווען אויסצוטאָן זײַן דיפּלאָמאַטישן פראַק און אָנצוטאָן די ייִדישע קאַפּאָטע. ער דאַרף דאָ זײַן נישט בלויז אַן אַמבאַסאַדאָר פאַר די גויים, נײַערט אויך אַ מנהיג פאַר די ייִדן״.

דאָס פּאָרפּאָלק דורון האָט טאַקע אַרײַנגעבראַכט, מיט זייער

היימישער וואַרעמקייט, אַ סך פרייד אין ייִדישן לעבן פון טשילע. ער איז געווען אַ פאָלקסטימלעכער ייִד, געשטאַמט פון בעסאַראַביע און געקומען יונגערהייט ווי אַ חלוץ קיין ארץ־ישראל. זי, יהודית, האָט געהערט צו דער אָנגעזעענער משפחה סאָלאָמאָן, וואָס האָט שוין פון זעקס דורות געלעבט אין ארץ־ישראל. די טשילעאַנער ייִדן האָבן אים קיין מאָל נישט פאַרגעסן, אויך שפּעטער, ווען ער איז געווען אַמבאַסאַדאָר אין רומעניע און דערנאָך אין אַרגענטינע. ווען ער האָט אַרויסגעגעבן זײַנעם אַ בוך זכרונות, האָבן די טשילעאַנער ייִדן עס געלאָזט אויף זייער חשבון איבערזעצן אויף שפּאַניש. יהודית איז געווען אַן אמתער עזר־כנגדו, וואָס האָט אים אַרויסגעהאָלפן אין זײַן אַרבעט און מקרב געווען אַ סך ייִדן דורך איר אַקטיוויטעט אין די ייִדישע אינסטיטוציעס.

אונדזערע משפחות האָבן זיך שטאַרק באַפרײַנדט און ווען ער איז געשטאָרבן, אין 1983, האָב איך באמת דערפילט אַז כ'האָב פאַרלוירן אַ נאָענטן חבר.

אַ חשובער גאַסט אין יענער צײַט איז אויך געווען בערל לאָקער, פאָרשטייער פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. איך געדענק אַז נאָך דעם אָפיציעלן קבלת־פּנים האָב איך פאַר אים געמאַכט אַן עונג־שבת בײַ מיר אין טשוב. אויך ער איז געווען אַ היימישער מענטש, געשטאַמט פון סערעט, אַ שטעטל אין דער בוקאָווינע. די פרוי זײַנע, מלכּה לאָקער, אַ באַקאַנטע ייִדישע דיכטערין, האָט אויפן עונג־שבת געלייענט פון אירע לידער און ער האָט געזונגען זמירות מיטן היימישן ייִדישלעכן נוסח.

אַן אַנדער גאַסט איז געווען דער רעוויזיאָניסטישער מנהיג חיים לאַנדוי. אויך ער איז געוואָרן אונדזערער אַ נאָענטער פרײַנד. שפּעטער, ווען איך בין געקומען צו גאַסט קיין ישראל, האָט ער מיך מיטגענומען צו מנחם בעגין, וואָס איז דעמאָלט געווען אין דער אָפּאָזיציע.

מיט דער הילף פון אַ גרופּע ייִדן, תּורמים, האָבן מיר אין יענעם יאָר אויך געקויפט אַן אייגן הויז פאַר דער ישראלישער אַמבאַסאַדע אין טשילע. אין גיכן איז די אַמבאַסאַדע אין איר אייגענעם בנין

געוואָרן אַ וויכטיקער צענטער פאַר דער גאַנצער יידישער קאָלעקטיוויטעט.

נאָך דעם ווי דער נײַער אַמבאַסאַדאָר האָט איבערגעגעבן דעם פּרעזידענט אַלעסאַנדרי זײַן באַפולמאַכטיקונג, האָט די פעדעראַציע באַשלאָסן אָפּצוגעבן כּבֿוד דעם פּרעזידענט און אים אַרײַנשרײַבן אין גאָלדענעם בוך פון קרן־קיימת, פאַר דער גרויסער סימפּאַטיע וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן דעם ישׂראלישן דיפּלאָמאַט. איך האָב זיך קודם מיט אים פאַרבונדן און אים געפרעגט צי ער איז מסכּים אָנצונעמען דעם כּבֿוד. ער האָט זיך זייער געפרייט מיט אונדזער החלטה און מיר האָבן אים טאַקע אין גיכן אַרויסגעשיקט דעם „טיטל" געחתמעט פון די פאַרשטייערס פון דער פעדעראַציע און פון רעפּרעזענטאַטיוון קאָמיטעט. דער פּרעזידענט אַלעסאַנדרי האָט געענטפערט מיט אַ פרײַנדלעכן בריוו, אין וועלכן ער האָט אונדז ווידער פאַרזיכערט זײַן סימפּאַטיע פאַר מדינת־ישׂראל.

פנחס ספיר צו גאַסט אין טשילע

פנחס ספיר, דער דעמאָלטיקער האַנדל־ און אינדוסטריע־מיניסטער פון מדינת־ישראל, איז אין 1959 געקומען צו גאַסט אויך קיין טשילע, אין ראַמען פון זײַן נסיעה איבער דרום־אַמעריקע. ער איז אַרומגעפאָרן מיטן צוועק צו איבערצײַגן ייִדן זיי זאָלן העלפן דער יונגער מדינה, און דער עיקר זיי זאָלן אינוועסטירן אין די נײַע אַנטוויקלונגס־געגנטן, אין נגב און אין גליל, וווּ מ׳האָט באַזעצט אַ גרויסן טייל פון די נײַע עולים, וואָס זענען געקומען אין די פופציקער יאָרן, ייִדן פון דער שארית־הפליטה, געראַטעוועטע פון היטלעריסטישן גיהנום, און ייִדן פון די אַראַבישע לענדער, וואָס מ׳האָט אין משך פון אַ קורצער צײַט געבראַכט קיין ישראל. בסך־הכּל זענען עס געווען בערך אַ מיליאָן ייִדן, פאַרדרײַפאַכט די באַפעלקערונג פון ישראל. ס׳רוב האָט אָבער נישט געהאַט קיין אַרבעט. ס׳איז נישט געווען קיין אינדוסטריע אין לאַנד. בן־גוריון האָט זיך פאַרמאָסטן מיט זײַן וויזיע און זײַן מוט צו ברענגען די ייִדן אין לאַנד, ווײַל ער האָט מורא געהאַט עס זאָל נישט ווערן צו שפּעט. דערנאָך האָט ער געפאָדערט פון פנחס ספיר, ער זאָל דאגהן פאַר זייער פרנסה, ער זאָל בויען אונטערנעמונגען, די מענטשן זאָלן האָבן וווּ צו אַרבעטן.

ווי דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע, האָב איך דעם גאַסט אויפגענומען אין אונדזער אינסטיטוציע. אין זײַן דרשה האָט ספיר דערקלערט אין אַלגעמיינע שטריכן וואָס ס׳איז דער ציל פון זײַן נסיעה איבער די לענדער פון דרום־אַמעריקע. נאָכן אָפיציעלן טייל, האָט ער מיך גענומען אין אַ זײַט און מיך געבעטן איך זאָל אָרגאַניזירן בײַ זיך אין שטוב אַ באַגעגעניש מיט אַ גרופּע פאַרמעגלעכע ייִדן. אַחוץ דעם האָט ער אַרויסגעזאָגט זײַן

באַגער צו זען די פאַבריק וואָס כ'האָב אויפגעבויט אין טשילע. בעתן וויזיט אין פאַבריק האָט ער כּסדר אין מיך אַרײַנגערעדט, איך זאָל קומען אויפבויען אַן אונטערנעמונג אין מדינת־ישראל, כּדי צו העלפן די אַרבעטלאָזע עולים.

— ווי דער פּרעזידענט פון דער אָרגאַניזירטער ציוניסטישער קאָלעקטיוויטעט אין טשילע, דאַרפט איר זײַן אַ דוגמא פאַר אַנדערע, און זײַן דער ערשטער וואָס קומט זיך באַטייליקן אין אויפבויען די ישראלישע אינדוסטריע !

ער האָט מיר געשענקט אַן אַלבאָם פון ישראל און דאָרטן אַרײַנגעשריבן : „חבר פּאַלאַק, קום קיין ישראל, אינוועסטיר דײַן געלט און דײַן דערפאַרונג, זײַ אַ שותּף אין אויסבויען אונדזער מדינה, וואָס איז אויך דײַן מדינה !״

איך האָב אים צוגעזאָגט, אַז דאָס קומענדיקע יאָר וועל איך זײַן אין ישראל צו גאַסט, וועלן מיר דאָרטן דיסקוטירן וועגן דעם גאַנצן ענין.

אויפן באַגעגעניש בײַ מיר אין שטוב מיט די פּאַרמעגלעכע ייִדן, האָבן מיר צוגעזאָגט ספּירן, אַז אין עטלעכע חדשים אַרום, וועט אַרויספאָרן קיין ישראל אַ דעלעגאַציע, בראָש מיט כאַסע קליין, און וועט דאָרטן זיך אָפּגעבן אַ חשבון אין וואָס מע זאָל אינוועסטירן.

מיר האָבן געהאַלטן וואָרט. די דעלעגאַציע איז געקומען קיין ישראל און האָט דאָרטן פאַרהאַנדלט מיט בעני גיטער און ד״ר מעלמאַן, וואָס האָבן געשאַפן אַ היפּאָטעקן־באַנק בשותּפות מיט באַנק דיסקונט, מיט דעם געלט וואָס זיי האָבן אָפּגענומען פאַרן האָטעל **אַכדיה**, די ערשטע דרום־אַמעריקאַנער אינוועסטיציע אין ישראל. דער האָטעל איז שלעכט געגאַנגען און האָט אַנגעווירן געלט. דעריבער איז פּנחס ספּיר אַרײַן אין אַ קאָמבינאַציע מיט יקותיאל פעדערמאַן פון האָטעל דן, וואָס האָט אָפּגעקויפט **אַכדיה** פאַר אַ ביליקן פּרײַז, האָט אָבער אויף אַזאַ אופן גאַראַנטירט די אינוועסטיציע פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער ייִדן. בקיצור — די פאַר־האַנדלונגען פון כאַסע קליין אין ישראל האָבן צו גאָרנישט דער־פירט, מחמת פאַרשיידענע סיבות.

גאָלדע מאיר צו גאַסט אין טשילע

נאָכן וויזיט פון פּנחס ספּיר, וואָס איז געקומען קיין לאַטיין-אַמעריקע צו זוכן אינוועסטיציעס פאַר מדינת-ישראל, איז געקומען גאָלדע מאיר, כּדי צו פועלן ביי די רעגירונגען פון דרום-אַמעריקע זיי זאָלן שטיצן מדינת-ישראל אין דעם שווערן פּאָליטישן קאַמף אין דער אָנו. דעמאָלט, נאָך דער סיני-מלחמה, איז דאָס געווען אַ דורכויס וויכטיק שליחות.

גאָלדע מאיר האָט אָבער אין זינען געהאַט אויך דעם ייִדישן ייִשוב אין די לענדער וווּ זי איז געקומען. איך געדענק אַז איר וויזיט אין טשילע האָט געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם אויף אַלעמען, אויך אויף דער דעמאָלטיקער טשילעאַנער רעגירונג.

די ציוניסטישע פעדעראַציע האָט אָרגאַניזירט אַן עפנטלעכע פאַרזאַמלונג אין אַ זאַל וווּ עס גייען אַריין דריי טויזנט מענטשן. דאָס איז אָבער געווען ווינציק: מ׳האָט זיך געשלאָגן פאַר אַ בילעט אַריינצוגיין. קיינער פון די ישראלישע געסט, נישט פריִער און נישט שפּעטער, קיינער האָט נישט געמאַכט אַזאַ רושם ווי גאָלדע מאיר, קיינער האָט נישט אַזוי באַגייסטערט דעם גאַנצן עולם.

איך האָב זי באַגריסט אין ייִדיש און זי האָט דערנאָך גערעדט פאַרן עולם, אויך אויף ייִדיש; רייד ווי פון אַ פרומער ייִדישער מאַמע און דערביי מיט אַ פּאָליטישן תּוכן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פאָרשטייער פון אַ מלוכה. די מענטשן זענען ממש געווען פאַר-שיכּורט. דער עולם האָט זיך גאָר נישט געוואָלט אָפּטיילן פון איר. מיט דער זעלבער הצלחה האָט זי שפּעטער גערעדט פאַר ייִדישע סטודענטן אויף עברית און אויף ענגליש. אומעטום האָט זי גערעדט ספּאָנטאַן, אָן קיין שום בלעטלעך, אָן קיין שום פּאַפּירלעך, און אומעטום מיט חן און איבערצייגונג.

איך האָב זי אומעטום באַגלייט און האָב אויך געהאַט דעם כּבֿוד זי אויפצונעמען בײַ זיך אין שטוב. ווי זי האָט געעפנט די טיר, האָט זי באַגריסט דער דעמאָלט פֿינף־יאָריקער האַרי, אָנגעטאָן אין אַ צה״ל־מונדיר. ער האָט אַ געשריי געטאָן; שלום גאָלדע! זי איז געווען זייער איבערגענומען און האָט אים געענטפֿערט, אַז זי האָפֿט אים צו באַגריסן אין ישׂראל, ווו ער וועט טראָגן אַן אמתן צה״ל־מונדיר, אַ גרעסערן אַ ביסל... זי האָט מיר געבראַכט פּערזענלעכע גרוסן פֿון פּנחס ספּיר, וואָס האָט זי געבעטן מיך דערמאָנען אין מײַן צוזאָג צו קומען קיין ישׂראל און בויען דאָרטן אַ פֿאַבריק.

גאָלדע האָט אויך געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק אויפֿן דינער בײַם טשילעאַנישן אויסערן־מיניסטער. מײַן פֿרוי און איך זענען אויך געווען צווישן די געסט. גאָלדע האָט געבראַכט דעם אויסערן־מינסטער אַ מתּנה צוויי זילבערנע שבת־לײַכטער און בײַם איבער־געבן די מתּנה, האָט זי אים דערקלערט, אין גײַסטרײַכע און דערבײַ רירנדיקע ווערטער, וואָס אַ ייִדישע פֿרוי אין גלות האָט געבעטן דעם רבונו־של־עולם, בעת זי האָט אָנגעצונדן פֿרײַטיק צו נאַכטס די ליכט. ווי זי האָט געבעטן גאָט פֿאַר אירע קינדער און פֿאַר איר פֿאָלק, עס זאָל זוכה זײַן ווידער צו האָבן אַ זעלבשטענדיקע ייִדישע מדינה. איטלעכן זענען געשטאַנען טרערן אין די אויגן בעת זי האָט גערעדט. אויך דער אויסערן־מיניסטער האָט אין זײַן תּשובֿה גערעדט מיט אַ כּמעט וויינענדיק קול.

ווען מיר האָבן זיך געזעגנט, אין דער אַמבאַסאַדע, האָב איך זי תּמימותדיק געפֿרעגט, ווי אַזוי זי קען אַזוי פֿרײַ און ספּאָנטאַן רעדן, און דערצו אין אַזוי פֿיל לשונות. זי האָט מיר געענטפֿערט, אַז זי ווייסט אַליין נישט ווי אַזוי עס קומען איר די רייד אין מויל אַרײַן; בכל־אופֿן האָט זי דאָס נישט געלערנט אין דער היים, ווײַל איר טאַטע איז געווען בלויז אַ פּשוטער טישלער.

די פֿרײַנדשאַפֿט מיט גאָלדע מאיר, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בעת יענעם וויזיט אין טשילע, איז באַנײַט געוואָרן אין ישׂראל און האָט אָנגעהאַלטן ביז צו איר פּטירה. איך האַלט עס עד־היום פֿאַר אַ זכיה, וואָס גאָלדע האָט מיך פֿאַררעכנט פֿאַר אירן אַ נאָענטן פֿרײַנד.

אויפֿן ייִדישן וועלט־קאָנגרעס
אין שטאָקהאָלם

אין זעלביקן יאָר 1959, וואָס איז פֿאַר מיר געווען איבערגעלאָדן מיט געשעענישן, איז אויך פֿאָרגעקומען אין שטאָקהאָלם דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס. דאָס איז געווען דער ערשטער קאָנגרעס נאָך דער מלחמה און מ׳האָט אים צוגעגרייט מיט גרויסער פֿײַער־לעכקייט. עס האָבן אָנטייל גענומען דעלעגאַטן פֿון דער גאָרער ייִדישער וועלט. עס זענען אויך געקומען צוויי ייִדישע דעלעגאַטן פֿון פּוילן. איינער פֿון זיי איז געווען דער ייִדישער קאָמוניסטישער שרײַבער דוד ספֿאַרד. ער איז שפּעטער מיט יאָרן עולה געווען קיין ישראל און איך האָב זיך מיט אים דאָ באַגעגנט. פֿון טשילע בין איך געווען דער איינציקער דעלעגאַט.

נחום גאָלדמאַן, דער פּרעזידענט פֿון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס, וואָס איז אַגב אויך געווען דעמאָלט פּרעזידענט פֿון דער ציוניס־טישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, האָט געהאַלטן אַ גײַסטרײַכע רעדע און האָט אויף אַן אַנאַליטישן אופֿן געוויזן ווו עס האַלט מיט ייִדן אויף דער וועלט. מענטשן האָבן געטענהט, אַז גאָלדמאַן וויל נאָכמאַכן מיט זײַנע אַנאַליטישע רעדעס דעם נוסח פֿון מאַקס נאָרדוי, אין זײַנע רעדעס אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן.

דער קאָנגרעס איז פֿאָרגעקומען אין פּאַלאַץ ווו עס ווערן פֿאַרטיילט די נאָבעל־פּרײַזן. דאָרטן האָב איך זיך באַקענט מיט ישראל זיוו, וואָס איז דעמאָלט געווען דער פֿאָרזיצער פֿון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס אין ענגלאַנד. מיר איז דעמאָלט נישט אײַנגעפֿאַלן וואָס פֿאַר אַ ראָלע ישראל זיוו וועט שפּילן, ווי דער שפּעטערדיקער פֿאָרזיצער פֿון דער פֿירמע „מאַרקס און ספּענסער״, אין דער אַנטוויקלונג פֿון אונדזער אונטערנעמונג **פּולגת**, ווו ער איז געוואָרן אַ וויכטיקער פֿאַקטאָר פֿאַר אונדזער עקספּאָרט.

אויפֿן קאָנגרעס האָב איך זיך אויך באַגעגנט מיט זלמן שזר, דער שפּעטערדיקער נשיא פֿון מדינת־ישראל. מיר האָבן זיך געהאַט באַקענט — ווי כ'האָב שוין העכער דערמאָנט — בעת זײַן וויזיט אין טשילע, בעת איך בין געווען דער פּרעזידענט פֿון וועד החינוך. איצט, אין שטאָקהאָלם, האָט ער מיך פֿאַרבעטן אויף אַ שפּאַציר, אויף אַ באַרג ווו שוועדישע מיידלעך טאַנצן נאַציאָנאַלע טענץ. אויפֿן וועג האָבן מיר גערעדט וועגן נחום גאָלדמאַן. איך האָב אויסגעדריקט מײַן באַגײַסטערונג פֿאַר זײַן רעדע. דערויף האָט ער מיר געענטפֿערט, אַז ער קען שוין די דאָזיקע דרשה אויף אויסנ־ווייניק, ס'איז תּמיד די זעלבע דרשה, נאָר וואָס דען? גאָלדמאַן דרייט זי יעדער מאָל איבער, אַ מאָל הייבט ער אָן פֿון דער מיט און אַ מאָל פֿון סוף, כּדי עס זאָל זיך אויסווײַזן אַנדערש... שזר איז אַליין געווען אַן אויסגעצייכנטער רעדנער און אַ גרויסער תּלמיד־חכם. נאָר פֿון נחום גאָלדמאַן האָט ער, ווײַזט אויס, נישט געהאַלטן. איך בין פֿון דעסטוועגן געבליבן באַגײַסטערט פֿון גאָלדמאַנס גײַסטרײַכער רעדע און פֿון זײַן חן, און דער עיקר איז מיר געפֿעלן וואָס ס'איז נישט געווען קיין שמץ פֿון דעמאַגאָגיע אין זײַנע ווערטער. ער איז פֿאַר מיר געווען דער ציוניסטישער מנהיג וואָס האָט פֿאַרשטאַנען צו פֿאַרפּלעכטן דעם ציוניסטישן אידעאַל מיט אוניווערסאַלע ווערטן, אַפֿילו ווען די סתּירה צווישן זיי איז געווען אַ בולטע. מחמת זײַן אוניווערסאַליזם איז טאַקע גאָלדע מאיר אויפֿן ציוניסטישן קאָנגרעס אין יאָר 1962 געווען קעגן זײַן קאַנדי־דאַטור. זי האָט געטענהט, אַז לויט איר, דאַרף אַ גוטער ציוניסט זײַן ווינציקער אוניווערסאַליסט. כּידוע איז טאַקע נחום גאָלדמאַן שפּעטער געווען אַ קעגנער פֿון דער אָפֿיציעלער ישׂראלישער פּאָליטיק. מ'האָט אים אויך פֿירגעוואָרפֿן זײַן פֿרײַנדשאַפֿט מיט ברונאָ קרײַסקי, דער עסטרײַכישער קאַנצלער, וואָס האָט געבראַכט אַ סך שאָדן מיט זײַן פּאָליטישער שטעלונג לגבי מדינת־ישׂראל.

אויף יענעם שפּאַציר אין שטאָקהאָלם האָב איך אויך דערציילט שזרן, אַז ספּיר האָט מיר פֿאָרגעלייגט, בעת ער איז געווען אין טשילע, איך זאָל קומען קיין ישׂראל און דאָרטן אויפֿבויען אַ פֿאַבריק, דערויף האָט שזר זיך צעפּלאַמט און מיר געזאָגט איך

זאָל קומען קיין ישראל און ווערן דאָרטן דער ראָש־העיר פון אַשדוד, די שטאָט וואָס מ׳האָט דעמאָלט אָנגעהויבן צו בויען, און דאָרטן — האָט ער געזאָגט — וועל איך אויפשטעלן נישט איין פאַבריק, נאָר אַ סך פאַבריקן. איך האָב געטראַכט בײַ זיך, אַז טאַקע נאָר אַ ייִד מיט אַזאַ פאַנטאַזיע ווי זלמן שזר קען אײַנפאַלן אַז איך זאָל ווערן ראָש־העיר אין אַשדוד...

אויף יענעם קאָנגרעס איז אויך געווען דער פינישער פיזיאָטע־ראַפיסט „קערסטען״, וואָס האָט געהאַט באַהאַנדלט הימלערן ימח שמו, דעם פירער פון דער עסעס. ער האָט דערציילט ווי הימלער האָט אים געשיקט קיין שטאָקהאָלם אין יאָר 1944, ער זאָל פון דאָרטן ברענגען אַ ייִדישן מנהיג, ער זאָל מיט אים אײַנאָרדענען דאָס אַריבערפירן קיין שוועדן פון 5000 ייִדישע קינדער. הימלער האָט געהאָפט אַז דורכן ראַטעווען פינף טויזנט ייִדישע קינדער וועט ער קענען אָנהייבן אַ משא־ומתן מיט די אַלייִרטע וועגן אַ סעפּאַראַטן שלום. כּידוע איז טאַקע דער מנהיג פון דעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס אין שטאָקהאָלם (מאַזור) געפלויגן צו הימלערן, נישט געקוקט אויפן פּחד זיך איבערצוגעבן אין די הענט פון דעם אַכזר, און ער האָט טאַקע זוכה געווען צו ראַטעווען פינף טויזנט ייִדישע קינדער.

דער וועלט־קאָנגרעס האָט אויך אָרגאַניזירט אַ פײַערונג לכּבוד הונדערט יאָר זינט שלום־עליכם איז געבוירן געוואָרן. אויף דער פאַרזאַמלונג האָט גערעדט מײַן גוטער פרײַנד, דער ייִדישער שרײַבער שלמה ביקל, און דער ייִדישער שרײַבער פון פוילן — דוד ספאַרד, וואָס האָט דעמאָלט רעפּרעזענטירט די פּוילישע יעוועסעקציע. ביידע האָבן גערעדט וועגן שלום־עליכמס העלד מנחם־מענדל. ביקל האָט געטענהט, אַז מנחם־מענדל איז געווען אַ פאַר־שוין מיט אַ וויזיע און זײַן אומגליק איז געווען וואָס ער האָט געהאַנדלט אויף דער בערזע פון יעהופּעץ און נישט אויף דער בערזע פון ניו־יאָרק. זײַן אויספיר איז געווען, אַז מדינת־ישראל קען מען אויך נישט בויען אָן אַ ביסל מנחם־מענדלישער וויזיע און פאַנטאַזיע. דוד ספאַרד ווידער האָט אַרויסגערוקט זײַן טעזע, אַז מנחם־מענדל איז געווען דער טיפּ פון אַ ייִדישן פּאַראַזיט, וואָס

האָט בלויז געלעבט פון לופטגעשעפטן. שלום־עליכם האָט, ווערליק ספּאַרדן, באַטאָנט אין זײַן ווערק דווקא דעם פּאַראַזיטישן כאַראַקטער פון מנחם־מענדל, וואָס אַנטלויפט פון אַ קאָנסטרוקטיווער אַרבעט.

נישט געקוקט אויף אָט דעם וויכּוח, האָב איך שפּעטער מיט אַ יאָר, נאָך דעם ווי איך האָב געחתמעט מיט פּנחס ספּיר אַן אָפּמאַך צו בויען אַ פֿאַבריק אין ישׂראל, געשריבן מײַן פֿרײַנד שלמה ביקל, אַז איך פֿלי אויף די פֿליגל פון מנחם־מענדל אין דער ייִדישער מדינה. און איך האָף אַז מײַנע אויפֿטוען דאָרטן וועלן נישט זײַן קיין כּתרילעווקער געשעפֿטן. . .

אין שטאָקהאָלם האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ מעגלעכקייט צו שיקן אַן אויטאָ פֿאַר אַ קרוב אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, אויב מען באַצאָלט עס אין דאָלאַרן, טאַקע אין שוועדן. איך האָב אויסגענוצט די געלעגנהייט און געשיקט אויף אַזאַ אופֿן אַן אויטאָ פֿאַר מײַן ברודער חיים, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען אין רוסלאַנד. איך האָב זיך גאָר נישט פֿאַרגעשטעלט אויף וויפֿל איך האָב מיט מײַן מתּנה פֿאַרגרינגערט דאָס לעבן פון מײַן ברודער דאָרטן.

איידער איך פֿאַרענדיק דעם קאַפּיטל, וויל איך נאָך דערציילן אַ פּרט, וואָס האָט אויף מיר דעמאָלט געמאַכט אַ באַזונדערן אײַנדרוק: אַלע דעלעגאַטן אויפֿן קאָנגרעס זענען פֿאַרבעטן געוואָרן אין דער שטאָקהאָלמער ייִדישער קהילה אויף אַ קאָקטייל. אין זאַל ווו ס'איז פֿאָרגעקומען דער קבלת־פּנים זענען געהאַנגען אויף די ווענט די בילדער פון די רבנים וואָס האָבן באַדינט די קהילה אין משך פון מער ווי הונדערט יאָר. אין נײַנצנטן יאָרהונדערט זענען די אָרטאָדאָקסע רבנים דאָרטן נאָך געווען ייִדן מיט לאַנגע בערד און פּאות; שפּעטער, אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, האָבן זיי שוין געהאַט אונטערגעשוירענע בערדלעך, און נאָך שפּעטער — זענען זיי שוין געווען אין גאַנצן אָפּגעגאָלטע. נאָכן אייבערראַבינער ד"ר ערענפּרײַז, אַ תּלמיד פון אַחד־העם, איז אַצינד, בעת מיר זענען געווען אין טשאָקהאָלם, געזעסן דאָרטן אויפֿן כּסא־רבנות ד"ר גאָלדקראָן. האָט מען מיר דערציילט, אַז אָט דער רב איז ערשט

מיט צוויי וואָכן צוריק געווען אויף דער חתונה פון זײַן אייגענער טאָכטער אין... קלויסטער. פון איין זײַט איז געשטאַנען דער גלח, פון דער צווייטער — דער רב. נישט געקוקט אויף מײַן נטיה צו ליבעראַליזם, האָב איך דעמאָלט זיך פאַרטראַכט וועגן גורל פון יידישן פאָלק אין אַזעלכע אומשטאַנדן פון עמאַנציפּאַציע און גלײַך־באַרעכטיקונג. צי האָבן יידן אַ קיום ווי וועלטלעכע יידן, צי וועלן זיי זיך נישט אין גאַנצן אַסימילירן? צי קענען זיי בלײַבן יידן אויך מחוץ דער געטאָ, מחוץ דער אַנטיסעמיטישער סביבה?

ווען כ'האָב זיך אומגעקערט אַהיים האָט מען מיך, טאַקע אין זעלביקן יאָר, אין חודש סעפּטעמבער, ווידער אויסגעווייילט ווי דעם פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע, אויף נאָך צוויי יאָר.

אַ בן־חמישים

דעם 29סטן דעצעמבער 1959 בין איך געוואָרן אַ בן־חמישים. די ציוניסטישע פעדעראַציע, דער וועד החינוך און אַנדערע ייִדישע אינסטיטוציעס האָבן מיר צוזאַמען איינגעאָרדנט אַ גרויסן באַנקעט, ווי אַן אויסדרוק פון סימפּאַטיע פאַר מײַן געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

דער חשובסטער גאַסט אויפן באַנקעט, ווי עס האָט אויך אָפּגעמערקט די פּרעסע, איז געווען מײַן מאַמע זכרונה לברכה, וואָס האָט געהאַט די זכיה צו קומען אויף דער שימחה, צו זען און צו הערן דעם כּבוד וואָס מע גיט אָפּ איר זון.

מ'האָט, פאַרשטייט זיך, געהאַלטן ריירנדיקע דרשות, מיט כּל מיני שבחים אויף מײַן אַדרעס, פון וועלכע איך האָב געפילט ווי עס פלאַמען מיר די באַקן. דעם אמת געזאָגט, האָב איך ערגעץ טיף אין האַרצן אויך געפילט אַ קלעם: שוין פופציק! אין די יונגע יאָרן פלעג איך קוקן אויף אַ בן־חמישים ווי אויף אַ זקן, אַ מענטש וואָס איז שוין אַריבער די גרענעץ און ס'הייבט זיך אָן דער באַרג־אַראָפּ.

צווישן די געסט אויפן באַנקעט איז אויך געווען דער אַמבאַסאַדאָר פון ישראל, אליעזר דורון, וואָס האָט מיר איבערגעגעבן אַ מתּנה: אַ פאַרבעטונג פון בן־גוריון, צו קומען צו גאַסט אין ישראל.

אין אַפּריל 1960 בין איך מיט מײַן פרוי אָפּגעפלויגן קיין ישראל צו פּראַווען דאָרטן פּסח ווי אָפיציעלע געסט פון דער רעגירונג. אין לוד האָט אונדז באַגריסט אַ פאָרשטייער פון אינדוסטריע־מיניסטעריום, אין נאָמען פון פּנחס ספּיר.

און טאַקע באַלד האָט מיך ספּיר פאַרבעטן צו אים אַהיים, אין

אַ שבת נאָך מיטאָג, אויף טיי. אין אונדזער שמועס האָט ער תּיכּף אָנגעהויבן רעדן תּכלית — איך זאָל אויפבויען אַ פֿאַבריק אין קרית־גת. מע דאַרף דאָרטן געבן אַרבעט די נײַע עולים — האָט ער געטענהט.

קרית־גת איז דעמאָלט אַלט געווען אין גאַנצן פֿינף יאָר. עס האָבן דאָרטן געוווינט אַן ערך פֿיר טויזנט נײַע עולים, ס'רוב פֿון די אַראַבישע לענדער, אַ טייל אויך פֿון רומעניע. דער גרעסטער טייל האָט געלעבט פֿון עבודת־דחק, דהײַנו צוגעטיילטע אַרבעט, וואָס די סוכנות האָט בדרך־כּלל פֿינאַנצירט. בויען אַ פֿאַבריק אין קרית־גת — האָט ספּיר געזאָגט — איז אַ חלוצישער ענין. און ער האָט מיר דערציילט וועגן אַ ייִדן פֿון פּערו, מ. ראַזשינסקי, וואָס בויט אַ טעקסטיל־פֿאַבריק אין עפֿולה, אין איינעם מיט צען שותּפֿים.

איך האָב אַרויסגעבראַכט מײַנע השגות וועגן דעם ענין און אים געזאָגט צווישן אַנדערן, אַז איך פֿאַרשטיי זייער גוט וואָס עס באַטײַט בויען אַ פֿאַבריק אין אַזאַ מקום ווי קרית־גת, אָבער כ'האָב אויך באַוואָרענישן. קודם־כּל איז פֿאַר מיר מדינת־ישׂראל די נשמה־יתירה. איך טו גערן געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט פֿאַר ישׂראל און גיב געלט פֿאַרן מגבית און פֿאַר באָנס. בויען אַ פֿאַבריק הייסט אָבער מאַכן אַ חשבון, איך האָב מורא צו פֿאַרוואַנדלען קודש אין חול. שנית, דאַרף אַ פֿאַבריק זײַן אַ מאָדערנע אונטערנעמונג, וואָס זאָל זײַן מסוגל צו עקספּאָרטירן איר סחורה. צי קען מען דאָס אויספֿירן אין אַזאַ העק ווי קרית־גת, אין אַ זאַמדיקן מידבר, מיט מענטשן וואָס האָבן אין זייער לעבן נישט געאַרבעט אין אַ פֿאַבריק און ווייסן נישט וואָס עס מיינט דיסציפּלין אין דער אינדוסטריע? און מומחים פֿון אויסלאַנד, וואָס זאָלן אָנפֿירן מיט דער אַרבעט, וועלן דאָך בשום־אופֿן נישט וועלן לעבן אין אַזאַ מקום. אפֿשר וואָלט געווען כּדאַי צו בויען אַן אונטערנעמונג אין תּל־אָביב — האָב איך פֿאָרגעשלאָגן — ווו מע קען גרינגער ברענגען אויסלענדישע מומחים. אויך די אַרבעטער זענען אַוודאי געניטערע אין תּל־אָביב.

ספּיר האָט מיר דערויף געענטפֿערט, אַז מיט אַזעלכע חשבונות וואָלט אין גאַנצן קיין מדינה נישט געווען. און ער האָט ציטירט

בן־גוריונען, וואָס האָט געזאָגט, אַז ווער עס גלייבט נישט אין קיין נסים אין ישראל, איז נישט קיין רעאַליסט.

איך האָב געבעטן צייַט צו באַטראַכטן דעם ענין און בין דערווייַל אַרויסגעפאָרן איבערן לאַנד זיך אומקוקן, דער עיקר אין די אַנטוויקלונג־געגנטן פון נגב און פון גליל. איך בין אויך געווען אין קרית־גת און האָב געזען דעם קליינעם יישוב מיט די קליינע הייַזלעך געבויט פאַר די נייַע עולים. כ׳האָב דאָרטן געזען די עטלעכע קליינע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן געקעמפט פאַר זייער עקסיסטענץ. איך בין געפאָרן קיין אַשדוד, אָנקוקן די פאַבריק פון ראַגאָזין, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין יענער צייַט. דער האַפן איז נאָך נישט געווען אויסגעבויט און די גאַסן זענען נאָך נישט געווען געפלאַסטערט. איך בין מיט מייַן אויטאָ אַרייַן אין זאַמד און נישט מער געקענט אַרויסקריכן. טאָמער האָב איך געטראַכט אַ רגע עפּעס צו בויען אין אַשדוד, איז מיר באַלד אַריבער דער חשק, ווען כ׳האָב געזען דעם זאַמדיקן יישוב.

מיט גרויס פאַרגעניגן און פרייד האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט גאָלדע מאיר, אין אויסערן־מיניסטעריום, אין ירושלים. זי האָט אונדז דערנאָך מיטגענומען אין איר אויטאָ צוריק קיין תל־אָביב און, בעת דער נסיעה, דערציילט ווי אַזוי דער וועג האָט אויסגעזען איידער ס׳איז אויפגעקומען די מדינה. אין חולון האָט זי זיך אָפּגעשטעלט בייַ איר שוועסטער און פאָרגעשטעלט אונדז ווי אירע גוטע פרייַנד פון טשילע.

איך האָב זיך ערשט אָפּגעגעבן אַ חשבון ווי באַשיידן עס האָבן געלעבט און זיך געפירט אונדזערע מנהיגים, וואָס זענען נאָך געווען שטאָלץ מיט זייער חלוצישן אידעאַל און מיט זייער אַרבעט לטובת־הכלל. צווישן אַנדערן האָט מיר אויך גאָלדע דערציילט, אַז זי האָט זיך געקויפט אַ דירה אין רמת־אָביב. „מאָרגן קען איך ווערן אויס קאַפּעליוש־מאַכער — האָט זי פאַלקסטימלעך אַ זאָג געטאָן — דאַרף איך כאָטש האָבן וווּ צו וווינען!“ דערבייַ האָט זי זיך באַקלאָגט, אַז די צינדזן זענען געשטיגן און דער געהאַלט אירער איז געבליבן אויף אַן אָרט... וווּ אין דער וועלט — האָב איך בייַ זיך געטראַכט — האָט נאָך אַן אויסערן־מיניסטער אַזעלכע דאגות? דאָס איז

אפשר געווען דער סוד, וואָס מ׳האָט זיך פאַרמאָסטן אויפצושטעלן אַ מדינה, נישט געקוקט אויף די גוואַלדיקע שוועריקייטן, וואָס זענען געשטאַנען אין וועג. אַגב האָט גאָלדע אויך נישט פאַרגעסן מיך צו פרעגן אונטער וועגס, צי איך האָב מיט ספירן פאַרענדיקט דעם משא־ומתן וועגן בויען אַ פאַבריק אין ישראל...

אין ירושלים זענען מיר אויך געווען צו גאַסט בײַ זלמן שזר און, ווי תמיד, איז דער שמועס מיט אים געווען פשוט התרוממות־הנפש, אַ גײַסטיקע איבערלעבונג. ס׳האָט געשפרודלט פון אים מיט וויסן, מיט פאָלקסטימלעכקייט און מיט וויזיע, בעת ר׳האָט גערעדט אויף זײַן רײַכן, מאָלערישן ייִדיש. שזר האָט געהערט צו יענעם דור מיזרח־אייראָפּעיִשע מנהיגים, וואָס זענען געווען אַ זיווג פון ישיבה־בחורים און וועלטלעכער, אַקאַדעמישער בילדונג; אַ סינטעז פון סאָציאַליזם און חסידיזם, פון חלוצישן פאַרמעסט אויפצובויען אַ ממשותדיקע מדינה, צו ראַטעווען דעם פיזישן קיום פון ייִדן, און דערבײַ צו גלייבן, אַז אַזאַ מדינה קען זײַן אַ מין מלכות־שמים אויף דער ערד, און ייִדן קענען זײַן אַן עם־סגולה.

איך האָב אַ פאַרחידושטער געקוקט אויף דער ריזיקער ביבליאָ־טעק בײַ שזרן אין שטוב און האָב אים תמימותדיק געפרעגט, ווי אַזוי ער קען דאָרטן אָפּזוכן דעם ספר וואָס ער וויל גראָד לייענען. דערויף האָט מיר שזר געזאָגט, איך זאָל לייגן די האַנט אויף וועלכן ספר איך וויל, וועט ער מיר באַלד, פון דער ווײַטנס, זאָגן ווי אַזוי דער ספר הייסט און אויף וועלכער שפּראַך ער איז געשריבן.

איך האָב נאָך געהאַט אַ סך באַגעגענישן מיט זלמן שזר, ווען ער איז שוין געווען דער נשיא פון מדינת־ישראל און בין שטענדיק געווען באַגײַסטערט פון זײַן גרויסער פערזענלעכקייט. ער איז אָבער שטענדיק געווען אַ הונדערט־פּראָצענטיקער באַהעם, וואָס שייך רעאַליסטישע ענינים.

שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען נשיא פון מדינת־ישראל, איז ער אָפיציעל געקומען קיין טשילע, ווי אַ גאַסט פון דעם דעמאָלטיקן טשילעאַנער פּרעזידענט עדואַרדאָ פריי, וואָס איז געווען אַן אמתער פרײַנד פון ישראל.

אין אַ שמועס מיטן פּרעזידענט פריי, האָט שזר אים דערציילט,

אַז איך האָב געבויט אַ פאַבריק אין ישראל און האָב זייער מצליח געווען. דעריבער בעט ער אים ער זאָל אויך משפּיע זײַן אויף אַנדערע ייִדן, זיי זאָלן אינוועסטירן אין ישראל.

ער האָט לגמרי נישט פאַרטשאַנען די עקאָנאָמישע געזעצן פון טשילע, וואָס פאַרווערן אַזעלכע אינוועסטיציעס. אויפן באַנקעט לכּבוד די צוויי פּרעזידענטן, ווו עס זענען אויך געווען פאַרבעטן מײַנע ברידער, צוזאַמען מיט אַנדערע פאָרשטייער פון ייִדישן ציבור, האָט זיי פּרעזידענט פריי געפרעגט, צי ס'איז טאַקע אמת, אַז זיי האָבן אינוועסטירט קאַפּיטאַל אין ישראל? ווען מײַנע ברידער האָבן מיר געשריבן דערוועגן, איז מיר נישט געקומען צו גלייבן. אָבער שפּעטער האָט מיר שוין אַליין דערציילט וועגן זײַן שמועס מיט עדואַרדאָ פריי, און האָט טאַקע געגלייבט, אַז ער האָט געפּועלט בײַ אים ער זאָל איבערצײַגן ייִדן, זיי זאָלן מאַכן אינוועסטיציעס אין מדינת־ישראל.

איך בין געווען געפּלעפט פון דער נאַיִווקייט פון אונדזער נשיא.

די מעשה האָט אַ העפּי־ענד: אין 1972, ווען אין טשילע האָט געהערשט דער סאָציאַליסט סאַלוואַדאָר איענדע, איז עדואַרדאָ פריי געווען צו גאַסט אין ישראל און איז אויך געקומען וויזיטירן די פאַבריק „פּולגת" אין קרית־גת. בײַ דער געלעגנהייט האָט ער מיך געפרעגט, צי איך האָב געבויט די פאַבריק אין דער צײַט ווען ער איז געווען פּרעזידענט פון טשילע. און ווען כ'האָב באַשטעטיקט, האָט ער מיר אָפּגעגעבן אַ יישר־כּוח און געזאָגט אַז אין אַנבליק פון דעם מצב אין טשילע, האָב איך געהאַט אַ ריכטיקע וויזיע...

ספיר קלינגט פינף אַ זייגער אין דער פרי

ס'איז אָנהייב חודש מײַ. אין אונדזער האָטעל־צימער אין תּל־אָביב קלינגט דער טעלעפאָן. פינף אַ זייגער אין דער פרי. מיר זענען פאַרשלאָפן: ווער קען דאָס זײַן? — פרעגט מײַן פרוי. אַוודאי אַ טעות — ענטפער איך — מע וויל מסתּמא וועקן עמעצן וואָס דאַרף אַוועקפאָרן . . .

איך נעם דאָס טרײַבל און דערהער דאָס קול פון פנחס ספּיר:

— אַנטשולדיקט מיר וואָס כ'וועק אײַך אַזוי פרי. איך מוז זײַן זיבן אַ זייגער אין ירושלים, ווײַל איך מיר זאָלן איצט פאָרן קיין קרית־גת. איך וואַרט אויף אײַך אונטן, אין לאָבי פון האָטעל.

וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? אַ מיניסטער קומט צו פאָרן פון כּפר־סבא פינף אַ זייגער פאַר טאָג און וויל כ'זאָל מיט אים פאָרן קיין קרית־גת, נישט חלילה פאַר זײַנעט וועגן, נאָר לטובת מדינת־ישראל, לטובת די מענטשן וואָס האָבן נישט ווו צו אַרבעטן; זאָל איך אים אָפּזאָגן? אין דער אמתן בין איך נאָך בכלל נישט געווען זיכער צי כ'וועל טאַקע בויען אַ פאַבריק אין ישראל, אָבער דאָס וועקן מיך גאַנץ פרי האָט מיך פּלוצעם דערמאָנט אין די קינדער־יאָרן אין באָרשע, ווען דער גר פלעג אַרומגיין פאַר טאָג וועקן די ייִדן צו עבודת־הבורא, צו סליחות . . .

אין לאָבי, אונטן, האָט זיך ספּיר נאָך אַ מאָל אַנטשולדיקט און דערבײַ געזאָגט מיט זײַן מאַכטיקער שטים:

— איר האָט דאָך צײַט צו שלאָפן שפּעטער, איר זענט דאָך אַ טוריסט . . .

מיר זענען אַרײַן אין אויטאָ און ער האָט אָנגעהויבן רעדן, דערציילן וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער ישראלישער אינדוסטריע, פון זײַן שטרעבן דאָס לאַנד זאָל ווערן עקאָנאָמיש אומאָפּהענגיק,

מיט אַן אייגענער אינדוסטריע. איידער מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט, אין די פּריזע מאָרגן־שעהען, ווען דער שאָסיי איז נאָך ליידיק, זענען מיר שוין געווען אין קרית־גת.

— איר זעט ווי נאָענט קרית־גת איז פון תּל־אָביב — האָט ער זיך צו מיר אָנגערופן!

אויפן פּלאַץ ווו עס שטייט היינט פּולגת, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ בערגל מיט ווילדע געוויקסן, האָבן שוין געוואַרט אויף אונדז די פאַרשטייערס פון דער אָרטיקער פאַרוואַלטונג, גדעון נאור, אבניאלי און אַנדערע. איך האָב געהאַט דאָס געפיל אַז זיי וואַרטן אויף מיר ווי אויף אַ חתן, ער זאָל קומען צעברעכן דעם טעלער. מ׳האָט מיר געווונטשן מזל־טוב און ספּיר האָט אַרויסגעדונערט:

— חבר פלאַק, דאָ אויף דעם פּלאַץ, וועט איר בויען די פאַבריק! דאָס איז אַ היסטאָרישער פּלאַץ! דאָ איז דער באַרימטער פאַלוגאַ, ווו נאַסער איז אין 1948, בעת מלחמת־עצמאות, אַרומגערינגלט געוואָרן!

אַ פאַרשיכורטער האָב איך זיך אַרומגעקוקט אין דעם שיינעם מיי־פרימאָרגן. כ׳האָב געפילט ווי מיין אייגענער גורל פלעכט זיך צונויף מיט דער ייִדישער געשיכטע: אַ דורך נסים געראַטעוועטער פון אומקום, שטיי איך דאָ אויף דער תּנכישער ערד, ווו שמשון הגיבור האָט געליטן זיין מפּלה און כ׳הער די ווערטער פון שמואל ב: אל תגידו בגת... כ׳האָב דערפילט אין זיך עפּעס אַ היסטאָריש אַחריות אָנטייל צו נעמען אין בנין פון ייִדישער זעלבשטענדיקייט אין ארץ־ישראל. אין יענעם מאָמענט האָב איך פאַרגעסן אַלע מיינע באַוואָרענישן וועגן אויפשטעלן אַ פאַבריק אין אַ לאַנד וואָס איז אַרומגערינגלט מיט שונאים, אַ לאַנד אָן קיין שום אינדוסטריעלער טראַדיציע, אָן געניטע אַרבעט־כּוחות. איך האָב אין אַלץ פאַרגעסן און אַ זאָג געטאָן:

— גוט, איך וועל בויען דאָ אַ פאַבריק!

אַלע האָבן מיר געווונטשן מזל־טוב, מיר זענען אַוועק אין אַ רעסטאָראַן, געטרונקען לחיים און אָפּגעגעסן פרישטיק. איך געדענק אַז כ׳האָב דעמאָלט דערציילט ספּירן וועגן דעם אומגליק, דעם ערד־ציטערניש אין טשילע, וואָס האָט געמאַכט אַ סך שאָדן איבערן

לאַנד, און אַז כ׳האָב באַקומען פון דאָרטן אַ טעלעגראַם איך זאָל זיך באַלד אומקערן אַהיים, כּדי צו באַשטימען די פּלענער פון דער פאַבריק נאָך דער גרויסער קאַטאַסטראָפע.

— אויב ס׳איז דאָרטן אַזוי שלעכט — האָט זיך ספּיר אָנגערופן — איז דאָך אַוודאי גלײַך וואָס איר וועט בויען אַ פאַבריק דאָ, אין ישראל.

אויפן וועג צוריק קיין תל־אביב האָב איך זיך אַרײַנגעטראַכט אין דעם גאַנצן ענין: כ׳האָב צוגעזאָגט בויען אַ פאַבריק, אָבער אין אַזעלכע פאַלן פאַסט זיך דאָס ווערטל: סוף מעשה במחשבה תחילה. קיין מחשבה תחילה איז אָבער בײַ מיר כּמעט נישט געווען, בלויז סענטימענטן. ווי אַזוי הייבט מען, פון דעסטוועגן אָן מקיים צו זײַן דעם צוזאָג? ספּיר האָט מיך געפרעגט פאַר וואָס איך האָב זיך פּלוצעם אַזוי פאַרטראַכט. און איך געדענק וואָס כ׳האָב אים געענטפערט:

— בײַם אַרײַנגאַנג אין אַ בית־הכּנסת שטייט געשריבן: דע לפני מי אתה עומד! נאָר אַז מע גייט בויען אַ פאַבריק אין ישראל, דאַרף מען וויסן: מי עומד מאחוריך!

— זאָרגט אײַך נישט — האָט מיר ספּיר געענטפערט — די מדינה שטייט הינטער אײַך!

שפּעטער מיט עטלעכע טעג האָב איך געחתמעט דעם אָפּמאַך מיט דער רעגירונג. מײַן אַדוואָקאַט איז געווען נחמיה סאָלאָמאָן, פון ביורא „הורוויץ ושות׳״. אַ שוואָגער פון אַמבאַסאַדאָר אליעזר דורון. ווען מײַן ברודערס זון, אַהרון, האָט נאָך אַ צײַט, פאַרענדיקט דעם יורידישן אוניווערסיטעט, איז ער געוואָרן דער אַדוואָקאַט פון פּולגת.

דעמאָלט האָט די רעגירונג זיך נוהג געווען צו געבן פאַר אינוועסטיציעס אַ הלוואה פון 70%, געבונדן צום דאָלאַר, אָבער קיין „מענק״ (בײַשטײַער) האָט מען נאָך דעמאָלט נישט געגעבן. שפּעטער האָט מען געביטן דאָס געזעץ און די רעגירונג האָט אָנגעהויבן צו געבן 30־40 פּראָצענט ווי אַ בײַשטײַער פאַר דער אינוועסטיציע (מענק השקעה).

איך האָב אָנגאַזשירט די צוויי זין פון מײַן ברודער מנחם, וואָס

האָט געלעבט אין ישראל, זיי זאָלן אָנפירן מיט דער פאַבריק. איינער, יאָסי, אַן עקאָנאָמיסט, האָט געאַרבעט אין פינאַנץ־מיניסטעריום אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר צבי דינשטיין. אים האָב איך באַשטימט ווי דעם דירעקטאָר פון דער פאַבריק וואָס איך וועל אויפשטעלן. דער צווייטער, דב, וואָס האָט געאַרבעט אין אַ פאַבריק פון די ברידער סאַכאַראָוו, איז באַשטימט געוואָרן ווי דער טעכנישער אָנפירער פון דער צוקונפטיקער פאַבריק.

ביים חתמענען דעם אָפּמאַך האָט מיך ספיר געפרעגט מיט וויפל אַרבעטער איך האָב בדעה אָנצוהייבן. אין דער ערשטער צייט וועלן אין דער וואָל־שפינערײַ קענען אַרבעטן אַ צוויי הונדערט אַרבעטער, אָבער מיטן פאַרברייטערן די פאַבריק, וועלן קענען אין איר אַרבעטן אַן ערך אַכט הונדערט מענטשן — האָב איך געענטפערט.

— אויב איר וועט געבן אַרבעט פאַר אַכט הונדערט מענטשן וועט איר באַקומען פון מיר אַ גרויסן פרײַז! — האָט זיך ספיר דערפרייט.

צום באַדויערן האָט ספיר נישט דערלעבט צו זען די אַנטוויקלונג פון פולגת, וווּ עס אַרבעטן הײַנט אַן ערך זעקס טויזנט מענטשן.

צו גאַסט בײַ דוד בן־גוריון

מיר זענען געגאַנגען צו בן־גוריון, אויף דער אָפיציעלער פאַר־בעטונג וואָס מיר האָבן פון אים באַקומען. מיר האָבן זיך פריִער דערוווּסט, אַז ער לערנט שפּאַניש, האָבן מיר אים געבראַכט אַ מתּנה אַ נײַע פּראַכט־אויסגאַבע פון **דאָן קיכאָטע**. ער האָט אונדז זייער פרײַנדלעך אויפגענומען און מיר האָבן זיך פאָטאָגראַפירט ווי מיר זיצן בײַם טיש — מײַן פרוי אין איין זײַט, איך אין דער צווייטער זײַט און בן־גוריון אין מיטן, מיט די ביכער.

ער האָט געוואָלט וויסן פּרטים ווי אַזוי יִדן לעבן אין טשילע, און דער עיקר: צי האָבן זיי בדעה צו שיקן זייערע קינדער קיין ישראל. איך האָב אים דערציילט וועגן דער אַנטיסעמיטישער כוואַליע, וואָס איז אַריבער קיין טשילע פון אַרגענטינע, נאָך דעם ווי מ׳האָט געכאַפּט אײַכמאַנען און אים אַרויסגעפירט אומלעגאַל קיין ישראל. די לאַטיין־אַמעריקאַנער — האָב איך אים געזאָגט — זענען זייער שפּירעוודיק, ווען עס גייט אין זייער סוווערעניטעט!

בן־גוריון האָט מיר געענטפערט, אַז ס׳איז געווען כּדאַי אײַנצו־שטעלן דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען, כּדי צו ברענגען אײַכמאַנען קיין ישראל, אַז יִדן זאָלן אים מישפּטן. די יוגנט — האָט ער באַטאָנט — דאַרף זיך דערוויסן וועגן דער גרויסער טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק, כּדי אויך די קומענדיקע דורות זאָלן עס געדענקען. דאָס וועט אויך דערנענטערן די יִדן אין ישראל צו די יִדן אין די תּפוצות, וואָס האָבן אַ בשותּפותדיקן גורל.

בײַם געזעגענען, האָט מיר בן־גוריון געווּנטשן איך זאָל מאַכן גוטע געשעפטן אין ישראל. ער האָט שוין געוווּסט וועגן דעם אָפּמאַך מײַנעם צו בויען אַ פאַבריק. אָט דער פּראַזאַיִשער ווּנטש זײַנער האָט מיר אַ גרילץ געטאָן אין אויער. צי האָב אין דען אין זינען

געהאַט „די געשעפטן", דאָס געלט, ווען כ'האָב זיך מתחייב געווען אויפצושטעלן אַן אונטערנעמונג אין ישראל? האָב איך אים אַ פרעג געטאָן: וואָס זשע וועט זיין מיט סאָציאַליזם בימינו? דערויף האָט ער מיר געענטפערט מיט אַ טיפיש בן־גוריונישן זשעסט: דאָס וועט אויך אַ מאָל מקוים ווערן! קודם דאַרף מען אויפבויען די מדינה.

ווען כ'האָב שפּעטער דערציילט ספּירן וועגן מיין שמועס מיט בן־גוריונען, האָט ער מיך געפרעגט:

— וואָס טראַכט איר וועגן דעם וואָס בן־גוריון האָט אייך געזאָגט אין שייכות מיטן ברענגען אייכמאַנען פון אַרגענטינע?

— איך מיין אַז בן־גוריון ווייס וואָס ער טוט! — האָב איך אים געענטפערט.

— איר רעדט פונקט ווי אשכול — האָט זיך ספּיר אָנגערופן — אשכול שטאַמט פון אַ חסידישער שטוב און ער גלייבט אין בן־גוריונען ווי אַ חסיד גלייבט אין זיין רבין. איך שטאַם פון מתנגדים און גלייב נישט אין אַלץ וואָס בן־גוריון טוט. איך מיין נישט דווקא דעם ענין אייכמאַן. אין דעם בין איך מיט אים מסכּים. איך מיין אין אַלגעמיין דעם בלינדן גלויבן אין אַ מנהיג.

— איך האַלט עס דווקא פאַר אַ מזל, וואָס ייִדן גלייבן אין אַ גרויסן מנהיג — האָב איך געטענהט — טאָקע דערפאַר וואָס ביי אונדז זענען פאַראַן אַזוי פיל דעות, ווי מען זאָגט: צוויי ייִדן מיט דריי דעות...

אין יענער צייט האָט בן־גוריון געפירט דעם וויכּוח מיט נחום גאָלדמאַן אין שייכות מיט דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז נישט מחייב איטלעכן ציוניסט עולה צו זיין. הינטער די קוליסן איז אויך אָנגעגאַנגען דער קאַמף אין שייכות מיט דער „פרשה" לבון, וואָס האָט סוף־כּל־סוף דערפירט צו פּריצייטיקע וואַלן און צו בן־גוריונס דעמיסיע פון דער רעגירונג.

איך בין דעמאָלט אָפּגעווען דריי חדשים אין ישראל. איך האָב באַשטעלט דעם פּלאַן פון די פאַבריק־בנינים, און ווען מ'האָט מיר געבראַכט די ערשטע צייכענונגען, האָב איך באַמערקט אַז די ביוראָס זענען פּלאַנירט אַן ערך צוואַנציק מעטער ווייטער פון פאַבריק־בנין.

— פאַר וואָס עפּעס אַזוי ווײַט ? — האָב איך געפרעגט.

— איר קענט נישט די ייִדישע אַרבעטער אין ישראל — האָט מען מיר געענטפערט — אויב די ביוראָס וועלן זײַן נענטער צו דער פאַבריק וועלן די אַרבעטער בסדר קומען אײַך געבן עצות.

— אַזוי ? איז דאָך טאַקע גוט ! אַז אַרבעטער קומען מיט עצות איז אַ סימן אַז זיי זענען פאַראינטערעסירט אין דער הצלחה פון דער פאַבריק. אַחוץ דעם האַלט איך שטאַרק פון דעם מאמר חז״ל : מכל מלמדי השכלתי. און נאָך עפּעס : אויב אַ פאַבריקאַנט וויל מצליח זײַן, דאַרף ער שטענדיק שטיין מיט איין פוס אין ביוראָ און מיטן צווייטן אין פאַבריק, בײַ די מאַשינען. אויב ער איז בלויז אַ ביוראָקראַט — וועט עס נישט טויגן . . .

מיט מײַן ברודערן זון דב האָב איך אָפּגעמאַכט ער זאָל קומען אויף אַ פּאָר חדשים קיין טשילע, כּדי זיך צו באַקענען מיטן פּראָצעס פון קאַמגאַרן־שפּינערײַ. דערנאָך וועט ער זײַן אַ צײַט אין דײַטש־לאַנד און זיך באַקענען מיט די טעכנישע פּרטים פון די מאַשינען, וואָס איך וועל דאָרטן קויפן אויפן חשבון פון די שילומים־געלטער.

דאָס זענען געווען די ערשטע טריט פון דער געזעלשאַפט **פולגת**, וואָס האָט פאַרבונדן מײַן נאָמען, פאַלאַק, מיטן נאָמען פון קרית־גת.

אַוודאי האָב איך געוווּסט אַז ס׳וועט נישט זײַן גרינג צו בויען אַ פאַבריק אין סאַמע מידבר, אָבער כ׳בין זיך מודה, אַז די שוועריקייטן האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן אַ סך גרעסער ווי כ׳האָב זיך געריכט.



דער זיידע פון פאַטערס צד —
יהודה־מאיר



דער זיידע פון מוטערס צד —
יוסף יום־טוב

די באָבע פון פאָטערס צד — קיילע

די באָבע פון מוטערס צד — שאָשע



דער פאָטער — צבי

עדיטס פאָטער — הערבערט צורף

די מטער — לאה

עדיטס מוטער — דינה צורף

ישראל פּאָלאַק, צו 24 יאָר



עדיט צו 20 יאָר



ישראל און עדיט אין 1934

ישראל און עדיט ביים אָנקומען
אין טשילע, 1947

No. 1779 Mod. No. 3

AUTORIZAŢIUNE SPECIALĂ
pentru întrebuinţarea în câmpul muncii
a lucrătorilor evrei

Numele şi pronumele Pollak Strul Israel
maistru tricoteur este angajat în între-
prinderea fab. de tricotaje Forescu-Vermeş
dela data de 1 Aug. 1942 până la data de 1 Febr. 1943
În tot acest interval de timp numitul se bucură de toate
drepturile şi avantagiile acordate evreilor întrebuinţaţi în
câmpul muncii. salar ... lunar
Cernăuţi, la 1 August 1942

Semnătura autorizatului

prelungire până la data de

Guvernator

ארבעט־דערלויבעניש פאַר אַ ייד, בעת דער מלחמה, אין רומעניע, 1942

מיט עדיטן אין װענעציע — 1956

מיט האַרי און דינה, 1962

די מאמע מיט דער משפחה צו איר 80סטן געבוירן־טאָג

ישראל און עדיט מיט דער מאמען,
צו איר 80סטן געבוירן־טאָג

אויף דער חתונה פון ברודער יעקב מיט יונה, 1955

אויף דער חתונה פון דער פלימעניצע דינה מיט מאָריסיאָ

סיום פון שוליאָר 1954 פון דער הרצליה־גימנאַזיע אין טשילע
ישראל פאָלאַק — פאָרזיצער פון וועד־החינוך אין טשילע. אָנגעצייכנט:
חיים אהרון, היינט יושב־ראש פון מחלקת הקליטה אין דער סוכנות

ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין אַרגענטינע, אריה קובובי, ביים לייגן דעם
גרונטשטיין פון וועד־החינוך

דער פּרעזידענט נעמט אַרום ישׂראל
פּאָלאַקן בעתן חנוכּת־הבית

חנוכּת־הבית פֿון ,,החיבור" מיטן
פּרעזידענט פֿון טשילע קאַרלאָס
איבאַניעס דעל קאַמפּאָ, 1956

גאָלדע מאיר מיט דער משפּחה פּאָלאַק, טשילע 1959



ערשטער וויזיט פון פנחס ספיר
אין טשילע, 1959

[illegible]



ביים חתמענען דעם אָפּמאַך אויפצושטעלן "פּולגת", האָטעל "עדן", ירושלים, 1960.
פון רעכטס אויף לינקס : עדיט פּאָלאַק, יאָסי פּאָלאַק, ישׂראל פּאָלאַק, פּנחס ספּיר



ערשטער וויזיט ביי בן־גוריון, 1960



ישראל פּאָלאַק, דעלעגאַט אויפן 31סטן ציוניסטישן קאָנגרעס, 1961, מיט
דוד בן־גוריון און מאיר אַרגוב

ביי בן־גוריון אין 1963. פון לינקס אויף רעכטס: יצחק נבון, בן־גוריונס סעקרעטאַר, יעקב פּאַלאַק, עדיט פּאַלאַק, דוד בן־גוריון, יונה פּאַלאַק, ישׂראל פּאַלאַק

חנוכּת־הבית פון ״פּולגת״, 1964. פּנחס ספּיר באַגריסט

אין רומעניע מיט עלטסט שוועסטער
האַני און איר מאַן יצחק, 1966

וויזיט אין רוסלאַנד ביים ברודער חיים
און זיין פרוי סאַשאַ, 1966

קבלת־פנים פאַרן ברודער חיים פּאָלאַק, אין ביי זיין פון גאָלדע מאיר און
פנחס ספיר, 1967

צען יאָר "פולגת", מיט גאָלדע מאיר



וויזיט פון לוי אשכול מיט זיין פרוי אין "פולגת"

חנוכת־הבית פון קינדערהיים אין ״פולגת״, אין ביי זיין פון ארבעט־מיניסטער ישראל כ״ץ

דער סעקרעטאַר פון ועד העובדים אין ״פולגת״ דאַנקט ישראל פאַלאַקו אין נאָמען פון די אַרבעטער ביי אַ חנוכּה־אָוונט



בײם באַקומען דעם פּרס קפּלן, אין בײ זײַן פֿון יגאל אלון, אַרבעט־מיניסטער, 1967

בײם באַקומען די ערן־בירגערשאַפֿט פֿון קרית־גת, 1965

צוואַנציק יאָר ״פּולגת״, פּייערונג אין ביי זיין פון לאָרד און ליידי זיו און דעם פינאַנץ־מיניסטער שמחה ערליך

ישראל פּאָלאַק ווערט אויסגעוויילט פּרעזידענט פון דירעקטאָראַט פון ״כלל״, אין ביי זיין פון: ב. גיטער, פּנחס ספּיר, אהרן דברת

וויזיט פון נשיא יצחק נבון אין "פולגת"



וויזיט פון געוועזענעם דייטשן קאַנצלער לודוויג ערהאַרדט אין "פולגת", 1968

ישראל פּאָלאַק און דב לאַאוטמאַן גיבן איבער אַן אָנערקענונג דעם לאָרד זיו צו זיין 70סטן געבוירן־טאָג

חנוכת־הבית פון מתנס אין קרית־גת אויפן נאָמען פון עדית פּאָלאַק ז"ל



וויזיט פון געוועזענעם פרעזידענט פון טשילע, עדואַרדאָ פריי אין ״פולגת״, 1976

ישראל פּאָלאַק, פּאָרזיצער פון דער ״אגודה למלחמה בסרטן״. פון רעכטס אויף לינקס : צ. פורמאַן, מ. רקנטי, סוזאַן אבן, ישראל פּאָלאַק

ערנגאַסט ביים סאַדעגערער רבין. פון רעכטס אויף לינקס: אַברהם שפּירא, דער סאַדערגערער רבי, ישראל פּאָלאַק, פּנחס שפּירא

וויזיט פון נשיא חיים הערצאָג אין קרית־גת, 1986



ישראל פּאָלאַק — ערן־מיטגליד פון דער שענקאַר־אַקאַדעמיע. מיטן פּאָרזיצער
גד אלון ז״ל און ד״ר אַלעק לערנער, 1975

ישראל פּאָלאַק ערנגאַסט אויף אַ פּייערלעכן נאַכטמאָל אין דער כּנסת, לטובת דעם
שפּיטאָל ״שערי צדק״, מיטן נשיא אפרים קציר, 1976

ישׂראל פּאָלאַק באַקומט דעם טיטל פּאַטראָן אין "מדרשת נועם", כּפר סבא, 1984,
דערביי — דער פּרעמיער שמעון פּרס

עפענונג פון פאָנד צו פעדערן חינוך אין דער געזעלשאַפט ביים תּל־אביבער
אוניווערסיטעט, מיטן אָנטייל פון פּרעזידענט פון אוניווערסיטעט פּראָפ' משה מנה



גרינדונג פון דער קאַטעדרע צו פעדערן טעכנאָלאָגיע אין דער אינדוסטריע און אָנפירערשאַפט א. נ. פון ישראל פּאָלאַק,ביים טכניון אין חיפה. מיטן אָנטייל פון פּרעזידענט פון טכניון, מאַקס רייס

באַגעגעניש מיטן ענגלישן פּרעמיער־מיניסטער, מאַרגאַרעט טאַטשער, בעת איר וויזיט אין ישראל, 1986



ישראל פּאָלאַק באַקומט ערן־דאָקטאָראַט אין תּל־אביבער אוניווערסיטעט, 1983.
עס טיילט אים צו פּראָפ׳ חיים שחר

ביי דער זעלביקער פייערונג: ישראל פּאָלאַק, יצחק נבון, פערטער נשיא פון מדינת ישראל, חיים הערצאָג, היינטיקער נשיא, לעאָנאַרד סטערליץ יושב ראש חבר הנאמנים פון דעם תּל־אביבער אוניווערסיטעט.



ישׂראל פֿאַלאַק באַקומט דעם פּרס ״תּעשׂיין מצטיין״ פֿון נשׂיא המדינה זלמן שזר,
אין בײַ זײַן פֿון יוסף ספּיר ז״ל, האַנדל־און אינדוסטריע־מיניסטער, 1968



ישׂראל פֿאַלאַק באַקומט דעם פּרס התּעשׂיה פֿון נשׂיא המדינה אפרים קציר, אין
בײַ זײַן פֿון דעמאָלטיקן האַנדל־מיניסטער יגאל הורוויץ, 1978



ישראל פּאַלאַק באַקומט דעם פּרס התעשיה אין דער התאחדות התעשיינים, אין
ביי זיין פון פּרעמיער־מיניסטער מנחם בגין, 1978

ישראל פּאַלאַק באַקומט דעם טיטל ״תואר המוצר הנבחר״, אין ביי זיין פון
בירגער־מייסטער שלמה להט און רעדאַקטאָר נח מאַזעס

באַגעגעניש מיט ייִדישע שרייבערס און אַקטיאָרן. ישׂראל פּאָלאַק, מרדכי צאַנין, שוישפּילער אַרן, שלמה ביקל, משה גראָס־צימערמאַן, אַברהם סוצקעווער

אויף דער ערשטער אויסשטעלונג פון ישׂראל פּאָלאַקס בילדער אין בית שלום־עליכם, 1977, אין בײַ זײַן פון פּרעמיער־מיניסטער גאָלדע מאיר



אויף דער צווייטער בילדער־אויסשטעלונג פון ישראל פּאָלאַק אין בית אריאלה 1981, אין ביי זיין פון ראש־העיר, שלמה להט

ישׂראל פּאָלאַק באַקומט דעם פרס הרצל, 1979, אין ביי זיין פון אריה דולטשין, פּרעזידענט פון דער סוכנות און ראש־העיר פון הרצליה, נבו

ביי דער ״הדלקת המשואה״ פאַר חלוצישער עליה ביים 32סטן יום העצמאות, 1980



ביים גרינדן אַ קאַטעדרע אין מכון ויצמן, 1987

חתונה אין לאָנדאָן, 1980

בת־מיצווה פון מישעל, 1982

וויזיט אין טשילע מיט דער פרוי, אויף דער בר־מיצווה פון אַריק, זון פון דינה און מאַריסיאַ, 1983

מישעל צו 17 יאָר



ביים באַקומען די הומאַניטאַרע אויסצייכענונג פון אַלוועטלעכן בני־ברית, 1987

WHOSE VISION, LEADERSHIP DEDICATION AND OUTSTANDING CONTRIBUTIONS TO THE COMMUNAL AND CULTURAL LIFE OF ISRAEL BEST EXEMPLIFY THE TRADITION OF SELFLESS SERVICE. HIS PROFOUND COMMITMENT TO EXCELLENCE AND TO RELIGIOUS AND ETHICAL VALUES REPRESENT THE ESSENCE OF HUMANITARIANISM AND SERVE AS AN INSPIRATION TO ALL.

די הומאַניטאַרע אויסצייכענונג פון אַלוועלטלעכן בני־ברית

אינוועסטיציעס אין מדינת־ישראל

ווען כ׳האָב זיך אומגעקערט קיין טשילע האָבן אָנגעהויבן קומען צו מיר ייִדן, וואָס האָבן אויך געוואָלט מאַכן אינוועסטיציעס אין ישראל. האָב איך זיי קודם־כּל געפרעגט: צי זענט איר גרייט צו אינוועסטירן אייַער געלט אין געשעפטן, אין וועלכע ס׳איז אויך פאַראַן אַ סכּנה צו פאַרלירן? דערויף האָבן מיר די ייִדן געענטפערט, אַז זיי פאַרלאָזן זיך אויף מיר: אויב איך האָב געהתמעט אַן אָפּמאַך, איז עס אַוודאי אַ גוט געשעפט!

— צום ערשטן מאָל אין מייַן לעבן — האָב איך זיך אָנגערופן — האָב איך געמאַכט אַ געשעפט מיטן האַרץ און נישט מיטן קאָפּ. צו מייַנע סענטימענטן קאָן איך מיר קיין שותּפים נישט נעמען. אויב עס וועט גיין שיף און מע וועט פאַרלירן דאָס געלט, וועל איך אייַך נישט קענען קוקן אין פּנים! איך קען מיר בלויז דערלויבן אָנצוּווערן מייַן געלט, אָבער נישט יענעמס!

דערבייַ האָב איך פאָרגעלייגט צו שאַפן אַ פינאַנציעלע געזעלשאַפט, אין וועלכער איך זאָל זיך אויך באַטייליקן ווי אַ שותּף, אין איינעם מיט אַ באַנק, וואָס זאָל גאַראַנטירן אַ מינימום פון צינדזן, און אויב עמעצער וועט נאָך עטלעכע יאָר וועלן אַרויסטרעטן פון געשעפט, זאָל ער צוריקבאַקומען זייַן געלט.

אויף אַזאַ אופן האָב איך געקענט, לויט מייַן חשבון, צונויפשטעלן אַן ערך צוויי ביז דרייַ מיליאָן דאָלאַר. ווען איך בין שפּעטער מיט אַ יאָר ווידער געווען אין ישראל, בייַם לייגן דעם גרונטשטיין פון דער פאַבריק, האָב איך וועגן דעם ענין גערעדט מיט ספּירן. ער האָט מיר פאָרגעלייגט אויפצושטעלן די געזעלשאַפט אין איינעם מיט **בנק פּועלים**. ער האָט מיר אויך געגעבן אַ שריפטלעך התחייבות, אַז אויב אונדזער טשילעאַנער גרופּע, אָדער אַ טייל פון איר, וועט

נאָך פיר יאָר וועלן אַרויסטרעטן פון דער געזעלשאַפט, זאָל מען זיי צוריקגעבן זייער געלט, מיט 6% צינדזן.

איך האָב אָפּגעמאַכט מיט דעם דעמאָלטיקן פּאַרזיצער פון **בנק פועלים**, זאַבאַרסקי, אַז די גרופּע אינוועסטירט סך־הכּל דרײַ מיליאָן דאָלאַר, און אַז דער פּאַרזיצער פון דער געשאַפענער געזעלשאַפט וועט זײַן עקיבא לעווינסקי, דער איצטיקער גיזבר פון דער סוכנות, וואָס איז דעמאָלט געווען איינער פון די גענעראַל־דירעקטאָרן אין **בנק פועלים**. בעצם האָט מען מיר פאַרגעלייגט צו זײַן דער פּאַר־זיצער פון דער געזעלשאַפט, נאָר איך האָב עס נישט געוואָלט אָננעמען. קודם־כּל וווין איך נישט אין ישראל — האָב איך געטענהט — און צווייטנס, קען איך נישט גענוג דעם עקאָנאָמישן מצב פון ישראל, כּדי אויף זיך צו נעמען אַזאַ אַחריות.

מיר האָבן דער געזעלשאַפט אַ נאָמען געגעבן **יציל** — ראשי־תּיבות פון ישראל־צ׳ילה. די געזעלשאַפט עקסיסטירט ביזן הײַנטיקן טאָג, אָבער אָן די טשילעאַנער שותּפים. נאָך פיר יאָר איז אויס־געבראָכן אין ישראל דער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס מ׳האָט אים גערופן „מיתּון". מיר האָבן געהאַט אינוועסטירט אַ טייל פון געלט אין בויען דעם בנין וואָס געהערט הײַנט דעם „הסנה". אויך אין בויען פאַרן „המשביר" אַ **כּל בו**, נאָר מיר האָבן נישט געהאַט גענוג קאַפּיטאַל ממשיך צו זײַן, ווײַל די פּאַרצעלן און די בנינים אין וועלכע מיר האָבן געהאַט אַרײַנגעשטעקט געלט האָט מען נישט געקענט פאַרקויפן.

די שותּפים האָבן געפאָדערט אַז ספּיר זאָל האַלטן זײַן התחייבות און זיי אומקערן דאָס געלט מיט 6% צינדזן. און ספּיר האָט טאַקע געהאַט גרויסע פּראָבלעמען מיט **בנק פועלים**, זי זאָל אָפּקויפן אונדזער חלק אין דער געזעלשאַפט.

איך בין דעמאָלט געווען גליקלעך וואָס כ׳האָב נישט גענומען קיין שותּפים צו **פּולגת**, ווײַל די פאַבריק האָט אַ סך פאַרלוירן, נאָר כ׳האָב קיינעם נישט געדאַרפט אָפּגעבן קיין חשבון. אַלץ איז געווען אויף מײַן אייגענעם אַחריות.

נישט אַלע טשילעאַנער ייִדן האָבן אַרויסגעפירט זייער געלט פון ישראל. אַ טייל פון די וואָס האָבן געהאַט אינוועסטירט אין

יציל האָבן איצט זייער געלט אינוועסטירט אין דער געזעלשאַפט כלל, וואָס האָט שוין דעמאָלט אַרויסגעוויזן די ערשטע סימנים פון הצלחה. דער עיקר — איך בין אַרויס בכבוד פון דעם גאַנצן עסק. עס זענען געווען גענוג אַזעלכע גוטע ציוניסטן, וואָס זייער איני־ציאַטיוו האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַ בראָך. זיי זענען אַליין אַרײַן אין אַ בלאָטע און דערצו נאָך געבראַכט שאָדן מדינת־ישראל, ווײַל ייִדן האָבן פאַרלוירן זייער צוטרוי צו אינוועסטירן דאָרטן.

די מנהיגים פון דער מדינה האָבן נישט פאַרשטאַנען איין זאַך: ייִדן זענען גרייט צו געבן ביד־רחבה פאַרן מגבית און אויך אַנדערע תרומות. אָבער זי זעלביקע ייִדן ווילן נישט אינוועסטירן זייער געלט כדי עס אָנצווווערן. צום באַדויערן זענען געקומען כל־מיני שליחים און האָבן געזאַמלט געלט פאַר פאַרשיידענע פּראָיעקטן, פון וועלכע ס'האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. און ווער ס'האָט זיך איין מאָל אָפּגעבריט, האָט שוין מער ניטש געוואָלט אינוועסטירן אין מדינת־ישראל.

נחום גאָלדמאַן

ווען כ׳האָב זיך אומגעקערט פון ישראל נאָכן חתמענען דעם אָפּמאַך מיט פּנחס ספּיר, בין איך געפאָרן ווי אַ שליח צו דעם קאָנגרעס פון קרן־היסוד פון גאַנץ לאַטיין־אַמעריקע, וואָס נחום גאָלדמאַן האָט אָרגאַניזירט, ווי דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. דער קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אין בוענאָס־איירעס. אויך דאָס מאָל האָט מיך ד״ר גאָלדמאַן באַגייסטערט מיט זיין רעדע און מיט זיין אויסערגעוויינטלעכער פעיִקייט צו אָרגאַניזירן אַזאַ צוזאַמענפאָר. די וויכּוחים זענען נישט תּמיד געווען אויף דער הייך, אָבער די רעפּליקן פון נחום גאָלדמאַן זענען געווען בליציקע, קלוגע, פול מיט הומאָר.

נאָכן קאָנגרעס האָב איך פאַרגעלייגט גאָלדמאַנען מיר זאָלן האָבן אַ שמועס וועגן דער פּראָבלעם פון אינוועסטיציעס אין ישראל. ער האָט מיך פאַרבעטן צו זיך אין אַפּאַרטמענט און איך האָב אים דערציילט וועגן מיין אָפּמאַך צו בויען אַ פאַבריק אין קרית־גת. כ׳האָב אויך אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע דאַרף דערמוטיקן אינוועסטיציעס אין ישראל, כּדי צו אינדוסטריאַליזירן דאָס לאַנד און פאַרזיכערן זיין עקאָנאָמישן קיום. דערויף האָט מיר גאָלדמאַן געענטפערט:

— יאָ, בן־גוריון האָט מיר געזאָגט, אַז אחוץ דעם מגבית איז היינט זייער וויכטיק פאַרן לאַנד, דאָרטן אויפצובויען אַן אינדוסטריע, כּדי די נייע עולים זאָלן האָבן וווּ צו אַרבעטן. אָבער בן־גוריון איז אין עקאָנאָמיע נאָך אַ קלענערער מבין פון מיר. אָבער זאָגט מיר, איר זענט דאָך אַן אינדוסטריעלער, מיינט איר טאַקע אַז אשכּול וועט אייך לאָזן עפּעס פאַרדינען פון דער פאַבריק אין וועלכער איר שטעקט אַריין אייער געלט?

איך בין געבליבן געפּלעפט פון אַזעלכע רייד. אַ פּשוטער נאַיִווער ייִד, פול מיט גוטן ווילן און סענטימענטן פאַר מדינת־ישראל, קומט צו דעם גרויסן מנהיג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און דערציילט אים אַז ער האָט בדעה צו בויען אַ פאַבריק אין מידבר, נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן און סכּנות, און ער, דער גרויסער מנהיג, אַנשטאָט אים צו ווינטשן הצלחה, פרעגט ער אים גאָר צי אשכּול וועט אים לאָזן פאַרדינען? כ׳האָב עס גאָר נישט געקענט גלייבן.

כ׳בין אַרויס אַן אַנטוישטער. אָט דער גרויסער נחום גאָלדמאַן, מיט זײַן קולטור און פּיקחות, קען אויך זײַן אַ ציניקער! עפּעס האָב איך געוווּסט וועגן זײַנע תּאוות, וועגן זײַן גלייבן אין עולם־הזה, אָבער כ׳האָב זיך נישט פאַרגעשטעלט אַז ער קען גאָר פאַרוואַנדלען ציוניזם אין ציניזם... פון דעמאָלט אָן האָב איך אויף אים מער נישט געקוקט ווי אויף אַ גרויסן מנהיג, כאָטש כ׳האָב שטענדיק אָפּגעשאַצט זײַנע פאַרדינסטן פאַר מדינת־ישראל. איך בין געווען איבערצײַגט, אַז דאָס ייִדישע פאָלק איז ראָוי צו האָבן אַ מנהיג, וואָס זאָל אַ ביסל מוותּר זײַן אויף עולם־הזה און מער אין זינען האָבן דעם גורל פון כּלל־ישראל און מדינת־ישראל.

איך האָב שפּעטער באַגעגנט נחום גאָלדמאַנען אין ציריך, אין דער צײַט ווען אין ישראל איז אויסגעבראָכן דער קריזיס, אין שײַכות מיט דער פּרשה לבון. גאָלדמאַנען איז דעמאָלט געראָטן צו פאַראייניקן די צוויי ליבעראַלע פּאַרטייען — די פּראָגרעסיווע, בראָש מיט משה קול, און די כּלל־ציונים, בראָש מיט יוסף ספּיר. איטלעכער האָט געגלייבט, אַז ד״ר נחום גאָלדמאַן וועט שטיין אין שפּיץ פון דער נײַער פאַראייניקטער פּאַרטיי, די ליבעראַלע פּאַרטיי, ווי זי האָט געהייסן. מ׳האָט געהאָפט אַז דאָס וועט שטאַרקן די פּאַרטיי אין די נאָענטע וואַלן.

איך האָב באַגעגנט גאָלדמאַנען בײַם פּאָרטיע פון האָטעל „באָר אַ לאַק" אין ציריך. ער האָט באַשטעלט בילעטן אין טעאַטער. כ׳האָב אים באַגריסט און געזאָגט, אַז מע וואַרט ער זאָל זײַן דער מנהיג פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי. זײַן ענטפער איז געווען, אַז ער האָט טאַקע בדעה צו קומען קיין ישראל האַלטן עטלעכע רעדעס, כּדי

צו העלפן דער פּאַרטיי, אָבער ער וויל בשום־אופן נישט אַקטיוו אָנטייל נעמען אין דער פּאָליטיק פון מדינת־ישראל. ער האַלט אַז די ייִדישע וועלט דאַרף אויך אַ מנהיג און אַט דאָס שליחות קען ער נישט אויספירן פון ישראל.

אין 1972 האָב איך אים ווידער באַגעגנט אין רײַכענהאַל, אַ קוראָרט אין דײַטשלאַנד, בײַ דער עסטרײַכישער גרענעץ, נישט ווײַט פון זאַלצבורג. ער איז געווען מיט זײַן פרוי און יעדן טאָג געפאָרן קיין זאַלצבורג צו די „פעסטשפּילע". ר'האָט מיר געזאָגט אַז כאָטש קלײַן (וואָס האָט שוין דעמאָלט געוווינט אין גענף און געווען דער בעל־הבית פון דער סוויס־ישראל־באַנק, אַגב גאָלדמאַנס אַ נאָענטער מענטש) האָט אים דערציילט, אַז איך האָב מצליח געווען מיט מײַן פאַבריק אין ישראל און ער ווינטשט מיר טאַקע אויך ווײַטער הצלחה.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך אים געזען בײַם חנוכּת־הבית פון „בית התּפוצות", די קולטור־אונטערנעמונג וואָס טראָגט טאַקע זײַן נאָמען. ער איז שוין נישט געווען דער נחום גאָלדמאַן פון אַמאָל. נישט פיזיש און נישט גײַסטיק.

צום באַדויערן איז ער נישט אַרײַן אין אונדזער געשיכטע ווי דער גרויסער מנהיג, כאָטש ער האָט בלי־ספק געהאַט די פעיִקייטן דערצו. דער קאָסמאָפּאָליטיזם זײַנער, די זעלבשטענדיקע פּאָליטיק וואָס ער האָט געפירט, אָפט מאָל אין סתירה צו דער אָפיציעלער פּאָליטיק פון מדינת־ישראל, האָבן אים נישט פאַרשאַפט קיין גרויסע סימפּאַטיע בײַם עולם אין ישראל. די איניציאַטיוו צו שאַפן אַזאַ אינסטיטוציע ווי „בית התּפוצות" איז בלי־ספק איינער פון זײַנע גרויסע אויפטוען, פאַר וועלכן מע וועט אים תּמיד געדענקען. און — ווער ווייס? — אפשר וועט מען אויך שפּעטער, פון אַ באַש־טימטער פּערספּעקטיוו, אויך אַנדערש קוקן אויף זײַן פירונג, ווי דער פאָרשטייער פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס?

אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ירושלים

אין יאָר 1961 בין איך געקומען אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ירושלים. אין דער זעלבער צײַט בין איך אויך בײַגעווען בײַם לייגן דעם גרונטשטיין פון דער פאַבריק אין קרית־גת.

אויף יענעם קאָנגרעס האָט בן־גוריון אַרויסגערופן אַ האַרבן וויכּוח, אין שײַכות מיט דער ראָלע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די תּפוצות. בן־גוריון האָט געהאַלטן, אַז אַ ציוניסט וואָס איז נישט עולה, וואָס באַזעצט זיך נישט אין ארץ־ישראל, איז נישט קיין ציוניסט. ער איז נישט מער ווי אַנדערע ייִדן, וואָס הגם זיי שטיצן מדינת־ישראל, רופן זיי זיך נישט קיין ציוניסטן. אין די שאַרפע דיסקוסיעס מיט ד״ר נחום גאָלדמאַן, האָט בן־גוריון געזאָגט, אַז פאַר אים איז עמרם בלוי פון נטורי־קרתּא, וואָס לעבט אין ישראל, מער ציוניסט ווי אַבא־הלל סילווער, דער דעמאָלטיקער מנהיג פון די אַמעריקאַנער ציוניסטן, וואָס לעבט אין ניו־יאָרק.

דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון איחוד־עולמי איז דעמאָלט געווען מײַן נאָענטער פרײַנד יצחק קאָרן. ער האָט מיך אַרײַנגענומען אין קאָמיטעט פון דער פּערמאַנענטער קאָמיסיע און אויך ווי אַ מיטגליד אין פּרעזידיום. נאָך דעם ווי מ׳האָט שוין געהאַט אײַנגע־טיילט אַלע כּיבודים, איז אַרײַן זלמן שזר מיט אַ גוואַלד, סטײַטש, מ׳האָט פאַרגעסן אַרײַנצונעמען אין פּרעזידיום בערל לאָקערן! האָב איך זיך פלוצעם געפילט שלעכט, איך זאָל פאַרנעמען אַן אָרט אין פּרעזידיום און בערל לאָקער זאָל בלײַבן אין דרויסן, און האָב תּיכּף דעמיסיאָנירט. חברים האָבן געלאַכט פון מיר: ווי אַזוי איז מען עפּעס אַזוי גרינג מוותּר אויף אַזאַ כּבוד? כ׳האָב אָבער נישט געהאַט קיין חרטה.

בן־גוריון איז געזעסן שעהען־לאַנג אויפן קאָנגרעס און האָט

אויסגעהערט די טענות פון די דעלעגאַטן. איך האָב אויך באַקומען אַ וואָרט אין שײַכות מיט דעם װיכּוח. פּונקט ווי אַלע דעלעגאַטן פון די תּפוצות בין איך אויך געווען קעגן בן־גוריון, וואָס האָט געוואָלט בײַ אונדז, ציוניסטן אין די גלות־לענדער, צונעמען דעם טיטל, און אונדז מאַכן פאַר אויס ציוניסטן.

דעמאָלט, אין 1961, איז נאָך אין דרום־אַמעריקע געווען אַ שטאַרקע ציוניסטישע באַוועגונג, אויך אַ שטאַרקע יוגנט־באַוועגונג; אַ סך יוגנטלעכע זענען טאַקע עולה געווען און טיילווײַז אַרײַן אין קיבוצים. אַז מען באַטראַכט אָבער הײַנט די ציוניסטישע באַוועגונג אין די תּפוצות, מוז מען אָנערקענען אַז פון דער פּערספּעקטיוו איז טאַקע בן־גוריון געווען גערעכט. די ציוניסטישע באַוועגונג האָט זיך געדאַרפט בויען פון ייִדן, וואָס זענען זיך מתחייב עולה צו זײַן.

אין דער זעלבער צײַט האָב איך געחתמעט דעם קאָנטראַקט מיט „בנק הפּועלים", אויפצושטעלן די פינאַנציעלע געזעלשאַפט „יציל" (ישראל־צ׳ילה) מיט אַן אינוועסטיציע פון דרײַ מיליאָן דאָלאַר. איך האָב שוין געהאַט צונויפגעזאַמלט אַ טייל פון דער סומע. איטלעכער חבר אין דער געזעלשאַפט האָט געדאַרפט אינוועסטירן צווישן פופציק און הונדערט טויזנט דאָלאַר.

דעם אָפּמאַך מיט „בנק הפּועלים" האָט מען געשלאָסן אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון פּנחס ספּיר, ווײַל „בנק לאומי" האָט נישט געוואָלט מאַכן קיין שותּפות מיט אונדזער גרופּע. ווײַזט אויס אַז אַט דער אַריסטאָקראַטישער באַנק איז נישט אָנגעשטאַנען צו מאַכן שותּפות מיט ייִדן פון גלות. אין יענער צײַט איז אַזאַ זאַך נאָך נישט געווען אָנגענומען. ספּירן איז געראָטן צו איבערצײַגן זאַבאַר־סקין, דעם דעמאָלטיקן יושב־ראש פון „בנק־הפּועלים" אַז אַזאַ שותּפות איז דורכויס כּדאי צו מאַכן.

פּנחס ספּיר האָט בכלל געהאַט אַ וויזיע אין פינאַנציעלע ענינים. ער האָט פאַרשטאַנען דאָס חשיבות פון גרויסע אינוועסטיציעס פאַרן אויפבוי פון דער מדינה. באַלד נאָכן חתמענען דעם אָפּמאַך מיט „בנק הפּועלים" האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן מיט מיר וועגן שאַפן אַ צענטראַלע פינאַנץ־געזעלשאַפט אין ישראל, אין וועלכער עס זאָלן אָנטייל נעמען בענק, די הסתדרות און פּריוואַטע געזעל־

שאַפן. אַזאַ אַחריותדיקע געזעלשאַפט האָט געדאַרפט זיין אַ גאַראַנטיע פאַר ייִדן פון דרום־אַמעריקע, וואָס זענען גרייט צו אינוועסטירן אין ישראל. פון אָט דעם געדאַנק וואָס ספיר האָט פאַרגעלייגט, איז שפעטער אויסגעוואַקסן די געזעלשאַפט וואָס טראָגט היינט דעם נאָמען „כלל". מיט דער צייט איז עס געוואָרן די גרעסטע פריוואַטע פינאַנציעלע געזעלשאַפט אין לאַנד, מיט אַ ריזיקער הצלחה. אָט די געזעלשאַפט האָט פאַמעלעך איבערגענומען אַנדערע פינאַנציעלע און אויך אינדוסטריעלע געזעלשאַפטן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין לייטישע אָנפירונג, אָדער וואָס זענען פשוט געווען באַנקראָט.

ווען ער האָט מיט מיר גערעדט וועגן אויפשטעלן אַזאַ געזעל־שאַפט, האָט ספיר נאָך נישט געהאַט קיין פּרטימדיק אויסגעבויטן פּלאַן. ער האָט בלויז געזען די שוועריקייטן וואָס מיר האָבן געהאַט ביים אויפשטעלן די געזעלשאַפט „יציל". ער האָט אויך געוווּסט וועגן דרום־אַמעריקאַנער ייִדן, וואָס האָבן אינוועסטירט אין ישראל און פאַרלוירן זייער געלט. דעריבער איז געווען אומבאַדינגט נייטיק צו שאַפן אַזאַ געזעלשאַפט, וואָס זאָל אויף זיך נעמען דאָס אַחריות לגבי די אינוועסטירערס.

בעת זיינע נסיעות איבער דער וועלט, צו זוכן ייִדן וואָס ווילן אינוועסטירן אין ישראל, האָט פנחס ספיר זיך געפילט ממש היימיש אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. מער ווי אומעטום, האָט ער דאָרטן געפונען וואַרעמע ייִדן, פאָלקסטימלעכע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות נישט בלויז צו ישראל־של־מטה, נאָר אויך צו ישראל־של־מעלה. פאַר אָט די ייִדן האָט פנחס ספיר געהאַט אַ באַזונדערן חוש און האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות זיי אַריינ־צוציִען אין פּראָצעס פון אויפבויען מדינת־ישראל.

ווי אַזוי מ׳האָט געשאַפן די געזעלשאַפט „פלל״

נאָך קאָנטאַקטן מיט די ישראַלישע בענק, מיט דער „חברת עובדים״ פון דער הסתדרות און „חברה מרכזית״ (דעמאָלט די גרעסטע פּריוואַטע געזעלשאַפט אין ישראל, בראָש מיט איר גענעראַל־דירעקטאָר אַברהם פרידמאַן), האָט ספּיר באַשלאָסן אַז ס׳איז צײַט אויפצושטעלן די געזעלשאַפט „פּלל״. ער האָט צונויפגערופן אַ כּינוס אין מיאַמי, פלאָרידאַ, נאָענט צו לאַטיין־אַמעריקע, און האָט פאַרבעטן יִדן, פּאָטענציעלע אינוועסטירער.

לויטן פּלאַן האָבן די ישראַלישע געזעלשאַפטן געדאַרפט אינוועסטירן צוואַנציק פּראָצענט און די דרום־אַמעריקאַנער יִדן — אַכציק פּראָצענט. בסך־הכּל האָט מען זיך פאַרמאָסטן צו מאָביליזירן פופציק מיליאָן דאָלאַר, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ סך געלט.

די ישראַלישע בענק האָבן, ווי־זשט אויס, מורא געהאַט, אַז זיי וועלן פאַרלירן, ווי קליענטן, אַזעלכע יִדן וואָס שפּאָרן קלענערע סומען אין דרום־אַמעריקע און דעפּאָזיטירן זייער געלט אין די בענק פון ישראל. דעריבער האָבן זיי זיך צונויפגערעדט מיט ספּירן, אַז אין דער נײַער געזעלשאַפט זאָלן אויפגענומען ווערן בלויז יִדן וואָס קענען אינוועסטירן מינימום פופציק טויזנט דאָלאַר. אַחוץ דעם זאָלן די אַקציעס נישט זײַן אין דאָלאַרן, נאָר אין ישראַלישע לירות.

ספּיר האָט געטאָן אַ גרויסן פעלער, ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, וואָס ער האָט זיך געלאָזט איבעררעדן פון די בענק. וואָלט מען אויפגעשטעלט דעמאָלט די געזעלשאַפט מיטן אַנטייל פון קלענערע סומעס און מיט אַקציעס אין דאָלאַרן, צי אַפילו אין באָנס, וואָלט מען געווען מאָביליזירט אַ סך געלט בײַ די דרום־

אַמעריקאַנער ייִדן. אין מײַנע שמועסן מיט ספּירן, האָב איך אים געזאָגט, אַז די עצה פון די בענק וועט פאַרשווערן די אַרבעט צונויפצושטעלן דאָס געלט פאַר דער געזעלשאַפט. אַחוץ דעם, האָב איך אים געזאָגט, אַז ס'איז דורכויס וויכטיק צו ראַטעווען וואָס מער געלט פון די דרום־אַמעריקאַנער ייִדן, וואָס האָבן מורא געהאַט דעמאָלט, אַז דער קאַסטראַיִזם, וואָס האָט מנצח געווען אין קובאַ, וועט זיך פאַרשפּרייטן אויך אין אַנדערע לענדער פון לאַטיין־אַמעריקע. ספּיר האָט זיך אָבער נישט געלאָזט איבערצײַגן און האָט טאַקע אָנגענומען די עצה פון די בענק. איינער פון די געסט האָט מיר געזאָגט, האַלב ערנסט, האַלב שפּאַס, אַז אָט די געזעלשאַפט ווערט געשאַפן פאַר ייִדן מיט אַ שלעכטן געוויסן לגבי מדינת־ישראל, און פאַר משומדים, וואָס ווילן אויסקויפן זייער חטא פאַר פופציק טויזנט דאָלאַר...

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען איבערגעטריבן. בכל־אופן האָט ספּיר געבראַכט קיין מיאַמי פאַרשטייערס פון צען בענק און געזעלשאַפטן, וואָס האָבן געדאַרפט אינוועסטירן די צוואַנציק פּראָצענט פונעם קאַפּיטאַל, און האָט פאַרבעטן אַ גרויסן עולם פון אַלע דרום־אַמעריקאַנער לענדער צו דער פײַערלעכער גרינדונג פון דער נײַער געזעלשאַפט.

דער כינוס איז געווען זייער אַ געהויבענער, מיט קאָקטיילס און דינערס, מיט דרשות און דעבאַטן, דער עיקר וועגן די סטאַטוטן פון דער געזעלשאַפט. ס'רוב דרשות זענען געווען אויף ייִדיש, אַ לשון וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען „סאָלאָן־פּעיִק" בײַ די דרום־אַמעריקאַנער ייִדן.

איידער מ'איז צוגעטראָטן אויסוויילן די אָנפירונג פון דער געזעלשאַפט, האָט מיך ספּיר געבעטן אַז איך, ווי אַ מיטגליד אין דעם גרינדונג־קאָמיטעט, זאָל פאַרשלאָגן ד״ר געאָרג ווייַז פאַר פּרעזידענט פון דער געזעלשאַפט. בעצם האָט ד״ר ווײַז, וואָס האָט נאָך דעמאָלט געוווינט אין מעקסיקע, געוואָלט ווערן פּרעזידענט פון ירושלימער אוניווערסיטעט, אָבער בײַ די וואָלן דאָרטן איז ער דורכגעפאַלן. האָט אים ספּיר געוואָלט געבען, ווי אַ קאָמפּענסאַציע, די פּרעזידענטשאַפט פון „כלל".

איך האָב דעם ד״ר ווײַז געקענט פון פריִער ווען ער איז געקומען קיין טשילע זאַמלען געלט פאַרן ירושלימער אוניווערסיטעט. ער האָט געשטאַמט פון ליטע און האָט שטודירט אין אַמעריקע. אַחוץ ענגליש און שפּאַניש, האָט ער אויך גוט גערעדט עברית און ייִדיש. ר'איז בכלל געווען אַ גוטער רעדנער און דערצו זיך געציילט צווישן די זייער רײַכע ייִדן. געקומען איז ער פון אַמעריקע, כּדי צו זײַן אַ פּראָפעסאָר אין אוניווערסיטעט פון מעקסיקע, אָבער מיט זײַן סוחרישן טאַלאַנט האָט ער, בשותּפות מיט אַ געוועזענעם פּרעזידענט פון מעקסיקע, געמאַכט אַ פּאַפּיר־פאַבריק, און איז דערבײַ געוואָרן אַ גרויסער גביר. ער האָט שפּעטער געהאַט אַ היפּשן חלק אין אויפבויען דעם תּל־אָביבער אוניווערסיטעט, אַזוי ווי ער זעט אויס הײַנט, און איז טאַקע געוואָרן דער פּרעזידענט פונעם אוניווערסיטעט. ער איז געווען אַ שטאַרקע פּערזענלעכקייט, אָבער ס'איז געווען שווער מיט אים צו אַרבעטן, ווי ס'האָט זיך אויך באַלד אַרויסגעוויזן, נאָך דעם ווי מ'האָט אים אויסגעוויילט ווי דער פּרעזידענט פון דער געזעל־שאַפט „כּלל". ווי אַ גענעראַל־דירעקטאָר האָט מען אויסגעקליבן בעני גיטער, מיט אַ געהאַלט פון איין דאָלאַר אַ יאָר... ביז מע וועט געפינען דעם פּאַסיקן מנכ"ל פאַר דער געזעלשאַפט.

צום סוף פונעם כּינוס האָט מען געמאַכט אַ שטיקל סך־הכל פון די אינוועסטיציעס, פון די וואָס האָבן זיך מתחייב געווען אין צוויי אָדער דרײַ יאָר צו אינוועסטירן צו פופציק טויזנט דאָלאַר. צווישן די געסט איז אויך געווען אַ ייִד פון ווענעזועלאַ, מיטן נאָמען ליבאָווסקי, אַ טעקסטיל־פאַבריקאַנט, זייער אַ פּשוטער ייִד, וואָס האָט זיך מתחייב געווען צו אינוועסטירן זעקס הונדערט טויזנט דאָלאַר אין דער געזעלשאַפט. ווי דעם גרעסטן אינוועס־טירער — האָט מען אים געגעבן דאָס וואָרט בײַם סוף פון כּינוס. דער ייִד האָט מיט זײַן פּשוטן לשון אָנגעהויבן צו דערציילן דעם עולם זײַן אייגענע ביאָגראַפיע, און דער עיקר — ווי אַזוי ער האָט געמאַכט זײַן פאַרמעגן. ער האָט דערציילט, אַז ער האָט געוווינט אין פאַרשיידענע לענדער פון צענטראַל־אַמעריקע, און דאָרטן, ווי ס'איז געווען באַקאַנט, האָט מען געמאַכט די בעסטע געשעפטן

מיט דער הילף פון די מעטרעסעס פון פרעזידענט און זײַנע מיניסטאָרן. האָט ער אומעטום אונטערגעקויפט די מעטרעסעס פון די מנהיגים און אַזוי איז ער געקומען צו זײַן עשירות.

בײַם אָנהייב האָט דער עולם געלאַכט פון זײַנע מעשיות און הנאה געהאַט פון זיי. אַז דער ייִד איז אָבער דערגאַנגען צו דער מי־יודע־וויפלטער מעטרעסע, זענען מענטשן געוואָרן נערוועז. איטלעכער האָט שוין געוואָלט זען דעם סיום פון כּינוס, נאָר דער ליבאָווסקי מיט זײַנע זעקס מאָל הונדערט טויזנט דאָלאַר האָט געוואָלט מען זאָל אויך געוווירווערן זײַנע „העלדישע״ מעשים מיט די פלגשים פון די מנהיגים. סוף־כּל־סוף האָט עמעצער הויך אַ פרעג געטאָן: „וויפל מעטרעסעס האָט איר נאָך?״ ערשט דעמאָלט האָט דער ייִד פאַרשטאַנען דעם ווונק און האָט פאַרענדיקט.

אין איר ערשטן פעריאָד האָט די געזעלשאַפט „כּלל״ געהאַט גרויסע שוועריקייטן. די בענק האָבן געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף דער געזעלשאַפט און זיי האָבן אינוועסטירט דאָס געלט וואָס איז אַרײַנגעקומען, אין אַקציעס פון זייערע אונטערנעמונגען. ד״ר ווײַז איז געווען קעגן אַזאַ פּאָליטיק, אָבער ער האָט געהערט צום מיעוט. בײַ דער גענעראַל־פאַרזאַמלונג האָב איך אַליין זיך אויך אַרויסגעזאָגט, אַז די בענק ווייסן מסתּמא בעסער אין וואָס צו אינוועסטירן. בעני גיטער, דער גענעראַל־דירעקטאָר, האָט מורא געהאַט צו אינוועסטירן דעם קאַפּיטאַל אין נײַ־געשאַפענע פאַבריקן, וואָס מען קען נישט פּאָרויסזען וואָס עס וועט זיך אויסלאָזן פון זיי.

נאָך צוויי יאָר באַדײַטנדיקע אָנשטרענגען צו מאָביליזירן קאַפּיטאַל, האָט די געזעלשאַפט פאַרלוירן אַ היפּשע סומע. אין די אָנשטרענגען האָט זיך באַטייליקט פּנחס ספּיר, בעת זײַנע אָפטע נסיעות אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, און אויך בעני גיטער, דורך זײַנע באַקאַנטשאַפטן דאָרטן, און ווי אַ מקרוב צו דני רעקאַנאַטי. ער אַליין האָט אַ סך יאָרן געלעבט אין אַרגענטינע, געווען פון די ערשטן דרום־אַמעריקאַנער אינוועסטירערס אין ישׂראל. ער האָט געהאַט אַ השפעה אויף די דאָרטיקע ייִדן און

האָט בײַ זיי געקענט פועלן, זיי זאָלן אינוועסטירן אין דער יונגער ייִדישער מדינה.

נאָך די ערשטע צוויי יאָר האָט מען געפונען דעם פּאַסיקן מענטש, וואָס זאָל זײַן גענעראַל־דירעקטאָר פון „כלל". דאָס איז אַהרון דוברת, אַ געבוירענער אין אַרגענטינע. ער איז עולה געווען און האָט קודם געאַרבעט בײַ ספּירן אין האַנדל־ און אינדוסטריע־מיניסטעריום. דערנאָך איז ער געוואָרן גענעראַל־דירעקטאָר פון „כלל" און מיט זײַנע אויסערגעוויינטלעכע פינאַנציעלע פעיִקייטן האָט ער אין דער צײַט פון זינט ער פירט אָן מיט דער געזעלשאַפט, זי פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער הצלחה.

ד"ר געאָרג ווײַז, וואָס איז געווען פּרעזידענט פון „כלל" ביז 1970, האָט זיך נישט אײַנפאַרשטאַנען מיט בעני גיטער, און נאָך ווינציקער מיט אַהרון דוברת. איך דערמאָן זיך, למשל, אַז אין 1966, בעתן יערלעכן כּינוס פון „כלל", וואָס איז פאָרגעקומען אין מעקסיקע, האָט ספּיר פאָרגעשלאָגן, אַז בעני גיטער און איך זאָלן ווערן וויצעפּרעזידענטן פון דער געזעלשאַפט. אָבער ד"ר ווײַז האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט. ער איז בפרט געווען קעגן גיטערן, מיט וועלכן ער האָט זיך דורכויס נישט געקענט אײַנפאַרשטיין. גיטער האָט ממש געוויינט פון פאַרדראָס, וואָס ד"ר ווײַז האָט צו אים אַזאַ נעגאַטיווע באַציִונג.

די דרום־אַמעריקאַנער ייִדן האָבן מיט דער צײַט פאַרלוירן דין געדולד, אָדער דאָס פאַרטרויען אין די אַקציעס פון „כלל", און האָבן זיי טאַקע אָנגעהויבן צו פאַרקויפן. אָפּגעקויפט האָבן דער עיקר **בנק הפועלים** און **בנק דיסקונט**. **בנק לאומי** האָט נישט געהאַט קיין וויזיע וואָס שייך דער צוקונפט פון דער געזעלשאַפט „כלל" און אויך נישט קיין צוטרוי. דעריבער האָט זי זיך נישט באַטייליקט אין אָפּקויפן די אַקציעס בײַ די דרום־אַמעריקאַנער ייִדן. שפּעטער האָט זי פאַרקויפט אַפילו די 10% וואָס זי האָט געהאַט, פאַר אַ ביליקן פּרײַז. אויף אַזאַ אופן זענען די בענק געוואָרן אַלץ מער און מער די בעלי־בתים פון דער געזעלשאַפט.

ד"ר ווײַז איז אויך געווען אַלץ מער פאַרנומען אין אוניווער־סיטעט, ביז ער האָט סוף־כּל־סוף דעמיסיאָנירט און איך בין אויס־

געווילט געוואָרן אויפן יערלעכן כּינוס, אין 1970, ווי דער פּרע־זידענט פון „כּלל".

די סטאַטוטן פון דער געזעלשאַפט האָבן זיך געביטן: די עקזעקוטיווע אָנפירונג, בראָש מיט בעני גיטער, איז באַשטאַנען פון פופצן מיטגלידער; אַחוץ דעם האָט מען געשאַפן אַ דירעקטאָריום מיט דרײַסיק מיטגלידער, וואָס איז זיך צונויפגעקומען איין מאָל אין דרײַ חדשים אונטער מײַן פאָרזיץ.

אין דער ערשטער צײַט, בשעת די דרום־אַמעריקאַנער ייִדן זענען נאָך געווען אַ רוב אין דער געזעלשאַפט, איז די יערלעכע גענעראַל־פאַרזאַמלונג ממש געווען אַ געזעלשאַפטלעכער כּינוס. זי האָט גדויערט צוויי טעג און עס האָבן זיך אין איר באַטייליקט אָדער פּנחס ספּיר אָדער אַנדערע פּערזענלעכקייטן. נאָך דעם ווי די צוויי בענק — **בנק הפועלים** און **בנק דיסקונט** — האָבן שוין געהאַט אין איינעם אַן ערך 75% פון די אַקציעס, האָט זיך דער מצב געביטן. „כּלל" האָט אויפגעהערט צו זײַן אַ דרום־אַמעריקאַנער געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע, מיט אַ ספּעציעלער אָפּטיילונג צו העלפן די באַטייליקטע אין זייער קליטה, און איז געוואָרן בלויז אַ פינאַנציעלע אינסטיטוציע. שולדיק אין דעם זענען אין אַ גרויסער מאָס געווען די דרום־אַמעריקאַנער ייִדן אַליין, וואָס האָבן זיך אפשר געאײַלט צו פאַרקויפן זייערע אַקציעס. פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער ישראלישער ווירטשאַפט איז עס אָבער געווען אַ גרויסע הצלחה. אַלע דירעקטאָרן פון דער געזעלשאַפט זענען אינטערעסירט אָנטייל צו נעמען אין די זיצונגען ווו מע דיסקוטירט פינאַנציעלע פּראָבלעמען אויף אַ הויכן ניוואָ, וואָס באַרײַכערט די דערפאַרונג אין דער אַרבעט. אַהרון דוברת האָט פאַרשטאַנען מיט זײַן געניטקייט און שכל־הישר צו האַלטן אַ גלײַכוואָג אין דער געזעלשאַפט.

שפּעטער האָט „כּלל" אויך געביטן די טאַקטיק וואָס שייך מאָביליזירן געלט בלויז אין אַקציעס. נאָך דעם ווי די געזעלשאַפט איז פאַררעגיסטרירט געוואָרן אויף דער בערזע אין ישראל, האָבן סײַ די „מוטער־געזעלשאַפט", סײַ די „טעכטער־געזעלשאַפטן", אײַנגעטיילט לויט דעם שטח אין וועלכן זיי האָבן זיך ספּעציאַלי־זירט, אָנגעהויבן צו מאָביליזירן געלט — אין ישראל און אין חוץ־

לאַרץ — דורך נײַע אַקציען־עמיסיעס און אויך דורך ווערט־פּאַפּירן (אגרות חוב).

היינט פאַרמאָגט „כּלל" אַן אייגענעם קאַפּיטאַל פון אַן ערך דרײַ הונדערט מיליאָן דאָלאַר. אַחוץ דעם קאָנטראָלירט „כּלל", און איז אויך אַ שותּף, צו אַנדערע פירמעס און אַקציעס־געזעלשאַפטן, וואָס פאַרטאָפּעלן די סומע פון קאַפּיטאַל.

פון „כּלל" קען מען אָפּלערנען, אַז אַ גוטע אָנפירונג קען אפילו אין אַזאַ קליינעם לאַנד ווי ישראל, מיט אַזוי פיל שווערע פּראָבלעמען, מצליח זײַן און אויסבויען גרויסע אונטערנעמונגען, מיט אויסערגעווײנטלעכע רעזולטאַטן.

שלמה ביקל צו גאַסט אין טשילע

דער ייִדישער שרייַבער און קריטיקער, מייַן לאַנגיעריקער פרייַנד, שלמה ביקל, איז אַרויסגעפאָרן קיין אַרגענטינע אויף אַ רייִ רעפעראַטן און בייַ דער געלעגנהייט האָט אים דער פוילישער פאַרבאַנד אויך פאַרבעטן קיין טשילע. איך האָב כּסדר אָנגעהאַלטן אַ פאַרבינדונג מיט ביקלען און תּמיד ווען איך פלעג פליִען קיין ישראל, בין איך געפלויגן איבער ניו־יאָרק, כּדי צו זייַן בייַ די ביקלס — שלמה און זייַן פרוי יעטי. אַזאַ וויזיט האָט מיר תּמיד פאַרשאַפט אַ גוואַלדיק גייַסטיק פאַרגעניגן. ביקל — דער געבוירענער אין קאָלאָמיי, גאַליציע, וואָס איז שפּעטער, נאָך זייַנע טשערנאָוויצער יאָרן, געווען אַדוואָקאַט אין בוקאַרעשט, און דער עיקר איינער פון די קלוגסטע און אינטערעסאַנטסטע ייִדישע קריטיקערס, האָט מיך באַגייַסטערט מיט זייַן אויסערגעוויינטלעכער פערזענלעכקייט.

בעת זייַן וויזיט אין טשילע אין ער נתפּעל געוואָרן פון דער ייִדישער שול וואָס איך האָב אויפגעבויט אין דער צייַט ווען כ'בין געווען פאָרזיצער פון וועד החינוך. אין די אַרטיקלען וואָס ער האָט שפּעטער געשריבן אין די אַרגענטינער צייַטונגען האָט ער שטאַרק געלויבט מייַן אַקטיוויטעט ווי אַ קולטור־טוער אין טשילע: „...די צענטראַלע טאָגשול (פאָלקס און מיטלשול) אין דער נייַער, שיינער און רחבותדיקער פירגאָרנדיקער געבייַדע, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ דאַנק דער איניציאַטיווע און מיט דער אויסגעביקער מאַטעריעלער באַמיִונג פון ישראל פּאָלאַק, האָט — — געמאַכט אַ קיצור־היסטאָריע פונעם ייִדישן יישוב אין טשילע און האָט די געשיכטע אייַנגעטיילט אין צוויי עפּאָכעס: די ערשטע ענדיקט זיך ווען ישראל פּאָלאַק איז געקומען קיין סאַנטיאַגאָ און די צווייטע הייבט זיך אָן פון יענעם טאָג" (**די אידישע צייַטונג**, 3טער אויגוסט 1961).

דער מאמר, איז געווען היפּש איבערגעטריבן. איך האָב טאַקע באַלד אַרײַנגעשריבן אַ „בריוו אין רעדאַקציע" ווו איך האָב דערקלערט „נישט מחמת פאַלשער עניוות, נאָר למען האמת", אַז דער מאמר פון שלמה ביקל איז ניטש אין גאַנצן פּינקטלעך, מיט דעם וואָס ער האָט מיר צוגעשריבן „אַ צו גרויסן חלק אין דער אַנטוויקלונג און פאַרמירונג פון דעם טשילענער יִשוב... עס איז טאַקע ריכטיק — האָב איך געשריבן אין דעם בריוו — אַז ד"ר ביקל איז געוואָרן באַגײַסטערט פון אונדזערע שולעס בײַם וועד־החינוך און פון די פּראַקטיקע בנינים אין וועלכע די שולעס געפינען זיך, וואָס זענען צום גרעסטן טייל אויסגעבויט געוואָרן אין דער צײַט פון די פיר יאָר, וואָס איך האָב געהאַט דעם כּבוד צו שטיין אין דער שפּיץ פון דעם יִדישן דערציִונג־וועזן אין טשילע, דאָך מיין איך, אַז ד"ר ביקל האָט נישט געהאַט גענוג צײַט צו זען די אַלע גרויסע אויפטוען פון אַ סך איבערגעגעבענע עסקנים אויף אַנדערע געביטן פון אויפהאַלטן יִדיש אין טשילע..."

די חברשאַפט מיט שלמה ביקל איז אָבער, נאָך יענעם וויזיט אין טשילע, נאָך ענגער געוואָרן. ווען איך בין געקומען צו אים אין ניו־יאָרק, האָט ער פאַרבעטן צו זיך שרײַבערס, אינטערעסאַנטע מענטשן, איך זאָל זיך מיט זיי באַקענען, אָדער ער האָט מיך מיטגענומען צו באַגעגענישן מיט וויכטיקע יִדישע פּערזענלעכקייטן. איך קען נישט פאַרגעסן דעם אָוונט אויף וועלכן דער פּאָעט ה. לייוויק האָט דערציילט וועגן זײַן וויזיט אין ישראל. לייוויק האָט גערעדט מיט אַ גוואַלדיקער באַגײַסטערונג און זײַנע ווערטער האָבן געקלונגען, אין זייער געלײַטערטער פּאָעטישער פאָרעם, ווי אַ מין משיחישער אָנזאָג, בפרט דעמאָלט, אין די אָנהייב זעכציקער יאָרן, אין דער ראָמאַנטישער תּקופה פון מדינת־ישראל.

אין 1964 איז שלמה ביקל געקומען צו גאַסט אין ישראל, בעת איך בין אויך דאָ געוועזן. האָב איך פאַר אים אײַנגעאָרדנט אַ באַנקעט, מיטן אָנטייל פון אַלע יִדישע שרײַבערס, און דער עיקר מיטן מאָלער ראובן, וואָס האָט געשטאַמט פון רומעניע און איז נאָך פון פריִער געווען ביקלס אַ נאָענטער חבר. ראובן האָט טאַקע אין גײַסטרײַכע ווערטער כאַראַקטעריזירט די פּערזענלעכקייט פון

שלמה ביקל. מ'האָט אים אויך געמאַכט אַ וואַרעמען קבלת־פּנים בײַ די ייִדישע שרײַבערס, אין לייוויק־הויז.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער איז ביקל געשטאָרבן. דער מאָלער ראובן און איך האָבן אים מספּיד געווען. איך האָב אין אים פֿאַרלוירן אַ זייער נאָענטן פֿרײַנד, וואָס איך האָב שטאַרק ליב געהאַט און זייער געשאַצט. איך האָב פֿון אים אַ סך בריוו, וואָס איך האַלט זיי ווי אַן אמתן אוצר, און פֿון צײַט צו צײַט לייען איך זיי איבער פֿון דאָס נײַ מיטן זעלביקן נחת־רוח.

יעטי ביקל איז אויך געשטאָרבן נאָך אַ קורצער צײַט. זיי האָבן געהאַט אַן אײנציקן זון, סאַנדי, אַלעקסאַנדער, אַן אָנגעזעענער יוריסט, פּראָפעסאָר אין די באַרימטע אוניווערסיטעטן **יעיל** און **האַרוואַרד**. ער האָט זיך קונה־שם געווען בעתן פּראָצעס וואָס די צײַטונג **ניו־יאָרק טײַמס** האָט געפֿירט, אין שײַכות מיטן פּובליקירן געהיימע דאָקומענטן וועגן דער מלחמה אין וויעטנאַם. די צײַטונג האָט אַנגאַזשירט דעם יונגן פּראָפעסאָר אַלעקסאַנדער ביקל, ער זאָל זי פֿאַרטיידיקן אין דעם פּראָצעס קעגן פּענטאַגאָן, וואָס האָט נישט דערלויבט צו פּובליקירן די דאָזיקע דאָקומענטן. די צײַטונג האָט געזען אין דעם ענין אַ פֿאַרטיידיקונג פֿון דער אַמעריקאַנישער קאָנסטיטוציע און ווען זי האָט געוווּנען דעם פּראָצעס אין הויכן געריכט, האָט דער יונגער פּראָפעסאָר ביקל באַקומען אַ געוואַלדיקן פּרעסטיזש אין דער אַמעריקאַנישער געזעלשאַפֿט.

בעת אײנעם פֿון מײַנע וויזיטן בײַ ביקלען, האָב איך זיך אויך באַקענט מיט זײַן זון. ער האָט גוט געקענט ייִדיש און העברעיִש, און האָט בכלל באַקומען אַ ייִדישע דערציִונג. אין אוניווערסיטעט האָט ער זיך אָבער פֿאַרליבט אין אַ קריסטלעכער מיידל און מיט איר חתונה געהאַט. טאַטע־מאַמע האָבן, פֿאַרשטייט זיך, דערפֿון געהאַט גרויס עגמת־נפֿש. די צוויי קינדער פֿון ביקלס זון האָבן מער נישט באַקומען קיין ייִדישע דערציִונג.

פּראָפעסאָר אַלעקסאַנדער ביקל איז פֿאַררעכנט געווען ווי אַ גאון אין יוריספּרודענץ, פּונקט ווי פּראָפעסאָר קיסינגער אין פּאָליטיק. מ'איז געווען זיכער, אַז ווי נאָר עס ווערט פֿרײַ ווערן אַ פּאָסטן אין הויכן געריכט, וועט ער נאָמינירט ווערן ווי אייבער־ריכטער.

האָט ער אָבער פּלוצעם באַקומען אַ געוויקס אין קאָפּ און איז אין 1974 געשטאָרבן. צום גליק האָבן זײַנע עלטערן נישט דערלעבט די שווידערלעכע טראַגעדיע, צו זען דעם טויט פון זייער אײנציקן זון.

אַ באַגעגעניש מיט איציק מאַנגער

דעם פּאָעט איציק מאַנגער האָב איך נאָך געקענט פון טשערנאָוויץ און דער עיקר פון גורא־הומאָרולוי, ווו ער פלעג קומען לייענען פון זײַנע לידער. נאָך זײַנע אַרויסטריטן פלעגן מיר, אין איינעם מיט נאָך בחורים און מיידלעך, גיין אין אַ קאַפע. די צרה איז געווען וואָס ער האָט זיך אָפט אָנגעשיכּורט, און שיכּורערהייט האָט ער געקענט זײַן אַפילו אַגרעסיוו לגבי די מיידלעך. מיר האָבן אים אָבער אַלץ מוחל געווען, ווײַל מיר האָבן ליב געהאַט זײַנע לידער. איך געדענק אַז מײַן שוועסטער פּאַני האָט אַ סך פון זײַנע לידער געקענט אויף אויסנווייניק.

לאַנגע יאָרן האָבן מיר זיך נישט געזען. פאַר דער מלחמה איז ער אַוועק פון רומעניע, געווען אין פראַנקרײַך, אין ענגלאַנד און שפּעטער אין אַמעריקע. ערשט אין 1962 האָב איך אים ווידער באַגעגנט אין ניו־יאָרק, ווו מיר זענען געווען פאַרבעטן צום סדר פּסח בײַ זאב בוימגאָלד, דער פאָרזיצער פון מפלגת־עבודה (אַר־בעטער־פּאַרטיי) אין צפון־אַמעריקע און קאַנאַדע. מיר האָבן זיך געקענט מיט בוימגאָלדן פון די ציוניסטישע קאָנגרעסן און זענען געווען גוטע פרײַנד. צו יענעם סדר האָט ער פאַרבעטן מיך מיט מײַן פרוי און מאַנגערן מיט זײַן פרוי, געניאַ. מיר האָבן אויפגע־מישט אַלטע זכרונות, פון טשערנאָוויץ און פון גורא־הומאָרולוי, און האָבן מאַנגערן דערציילט, אַז אין טשילע האָבן מיר געשאַפן אַ מאַנגער־קרײַז, ווו מע לייענט זײַנע „חומש־לידער" און זײַן **בוך פון גן־עדן — די ווונדערלעכע לעבנס־באַשרײַבונג פון שמואל־אַבאַ אַבערוואַ**. ער האָט געהאַט גרויס פאַרגעניגן דערפון. דעם אַנדערן טאָג, ווי מיר האָבן אָפּגערעדט, איז ער געקומען צו מיר אין האָטעל „ניו־יאָרק הילטאָן" און האָט מיר געבראַכט אַ באַנד מיט זײַנע חומש־לידער, מיט אַ הקדשה: פאַר אַן אַלטן פרײַנד.

ער האָט מיר דערציילט, אַז ער גרייט זיך צו פֿאָרן קיין ישׂראל און זיך דאָרטן באַזעצן. כּידוע איז ער טאַקע עולה געווען און האָט דאָ זוכה געווען צו דעם גרעסטן כּבוד וואָס אַ שרײַבער קען חלומען, דער עיקר אַ דאַנק די באַמיִונגען פֿון דעם האַרציקן ייִד, דעם באַקאַנטן זשורנאַליסט שלום ראָזענפֿעלד, וואָס האָט געטאָן אַלץ, אַז איציק מאַנגער זאָל זיך פֿילן דאָ אין דער היים.

דאָ אין ישׂראל האָב איך אים בלויז איין מאָל געזען, נאָך יאָרן פֿון שווערער קרענק. ער האָט נאָך זוכה געווען צו זען זײַנע מגילה־לידער אינסצעניִרט און אויפֿגעפֿירט פֿון דער בורשטיין־טרופּע.

מאַנגער האָט אויך זוכה געווען דאָ צו אַ כּמעט מלוכישער לוויה. עס זענען נאָכגעגאַנגען דעם אָרון דער נשׂיא פֿון דער מדינה, זלמן שזר, און גאָלדע מאיר, דעמאָלט פּרעמיער־מיניסטער. דער כּבוד וואָס מ׳האָט אָפּגעגעבן איציק מאַנגערן איז אַוודאי נישט געווען קיין צופֿעליקער. מ׳האָט אָפּגעגעבן כּבוד דעם גרעסטן ייִדישן פּאָעט.

שלום ראָזענפֿעלד האָט אויך געשאַפֿן מיט דער הילף פֿון מאיר ווײַסגאַל, דעם מאַנגער־פּרײַז פֿאַר ייִדישע שרײַבערס, און איך האָב געהאַט דעם כּבוד צו זײַן אין דעם קאָמיטעט.

עד־היום איז מאַנגער דער פּאָפּולערסטער ייִדישער פּאָעט, אַפֿילו בײַם יונגן דור, וואָס קען אים בלויז לייענען אין העברעיִשער איבערזעצונג. אויך אַ גאַס אין תּל־אָביב האָט מען אָנגערופֿן מיט זײַן נאָמען. אַ שאָד בלויז וואָס די פֿאַרערונג, און טאַקע די מאַטעריעלע הילף, איז געקומען פֿאַר מאַנגערן אַזוי שפּעט, נאָך יאָרן פֿון מאַטערניש, ערשט אַ קורצע צײַט פֿאַר זײַן טויט. דאָס איז מסתּמא דער גורל פֿון אַזעלכע יחידי־סגולה, וואָס ווערן אָפֿט מאָל ערשט אָנערקענט נאָכן טויט.

איך גיב איבער דעם מאַנדאַט ווי דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע

אין 1962 זענען געוואָרן פיר יאָר פון זינט מ׳האָט מיך געוויילט ווי דעם פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין טשילע. אין די לעצטע צוויי יאָר, נאָך דעם ווי כ׳האָב געחתמעט דעם קאָנטראַקט מיט פּנחס ספּיר צו בויען אַ פאַבריק אין ישראל און אויפשטעלן די געזעלשאַפט „יציל״, בין איך אַ סך געווען אויף נסיעות, פאַרבראַכט גאַנצע חדשים סײַ אין ישראל סײַ אין אַנדערע לענדער. אין דער פעדעראַציע האָט מיך פאַרטראָטן מײַן פרײַנד, דער וויצעפּרעזידענט, סאַמועל גלייזער. אין די זיבעציקער יאָרן האָט גענעראַל פּינאָשע, וואָס האָט איבערגענומען די מאַכט אין טשילע נאָך סאַלוואַדאָר אַיענדע, געשיקט סאַמועל גלייזערן ווי אַן אַמבאַסאַדאָר פון טשילע קיין ישראל. פּינאָשע האָט בכלל זייער מקרב געווען ייִדן און איז אויך געקומען יום־כּיפּור אין טעמפּל באַגריסן די ייִדישע באַפעלקערונג. אַ סברא אַז ער האָט דערמיט געוואָלט דעמאָנסטרירן זײַן דעמאָקראַטישע אײַנשטעלונג לגבי דער גאָרער וועלט, וואָס האָט שטאַרק קריטיקירט דעם אופן ווי ער איז געקומען צו דער מאַכט, דער עיקר אים באַשולדיקט אין טויט פונעם פריִערדיקן פּרעזידענט, דעם סאָציאַליסט סאַלוואַדאָר אַיענדע. אָפיציעל האָט עס געהייסן אַז אַיענדע האָט זיך אַליין גענומען דאָס לעבן אין מאָנעדאַ, ווי עס הייסט דער פּאַלאַץ פון פּרעזידענט.

סאַמועל גלייזער איז אין טשילע געווען אַקטיוו אין פּועלי־ציון, אָבער דאָ אין ישראל, ווי דער טשילענישער אַמבאַסאַדאָר, האָט ער זיך געדאַרפט אַן עצה געבן מיט די דעמאָנסטראַציעס פון די לינקע קרײַזן פאַרן בנין פון דער אַמבאַסאַדע, קעגן דעם רעזשים פון גענעראַל פּינאָשע. דאָס איז דער גורל פון ייִדן אויף דער

וועלט; אין גלות קענען זיי נישט אויסמיידן אַ טאָפּעלע לאָיאַליטעט און מוזן אָפט שפּילן אויף דער פּאָליטישער ראָלעט.

אויפן לעצטן כּינוס פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע וואָס איך האָב פּרעזידירט אין 1962, האָב איך פאַרבעטן, ווי אַן ערנגאַסט, דאָן ראַדאָמיראָ טאָמיטש, אַ נאָענטער חבר פונעם שפּעטערדיקן פּרעזידענט עדואַרדאָ פריי, מצד דער קריסטלעך־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. ראַדאָמיראָ טאָמיטש האָט זיך גראָד דעמאָלט אומגעקערט פון אַ וויזיט אין ישראל, און זיין רעדע ביי דער עפענונג פונעם כּינוס איז ממש געווען אַ גוואַלדיקער התלהבותדיקער לויבגעזאַנג פאַר מדינת־ישראל. איך האָב נאָך קיין מאָל ביז דעמאָלט נישט געהערט, אַפילו נישט פון ייִדן, אַזעלכע שבחים פאַר די אויפטוען פון דער ייִדישער מדינה. ער האָט דער עיקר אַרויסגעהויבן דאָס חשיבות פון דער ישראלישער דעמאָקראַטיע און די גרויסע רעאַלי־זירונגען פון די קיבוצים. די וועלט מעג זיך קומען לערנען ביי די ייִדן אין מדינת־ישראל — האָט טאָמיטש געזאָגט — ווי אַזוי צו רעאַליזירן ווירטשאַפטלעכע גלייכבערעכטיקייט אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן.

ראַדאָמיראָ טאָמיטש איז געווען פון יוגאָסלאַווישן אָפּשטאַם און טאַקע אַ גרויסער פאַרערער פונעם יוגאָסלאַווישן מנהיג יאָסיפּ בראָז טיטאָ. ער האָט אויך באַטראַכט דעם יוגאָסלאַווישן סאָציאַליזם ווי אַ פּאָזיטיוון פענאָמען. אָבער די אויפטוען פון מדינת־ישראל האָבן זיך אים אויסגעוויזן העכער און בעסער. נו, פאַרשטייט זיך, אַז מע הערט פון אַ גוי אַזעלכע רייד, האָבן זיי מער חשיבות ווי ווען עס זאָגט זיי אַן אייגענער, אַפילו ווען די ווערטער פאַרמאָגן אין זיך אַ היפּשע פּאַרציע פּאָליטישע דעמאַגאָגיע.

אַגב איז ראַדאָמיראָ טאָמיטש געבליבן אין דער טשילענישער געשיכטע דער שולדיקער, וואָס סאַלוואַדאָר אַיענדע איז געקומען צו דער מאַכט. ביי די וואַלן אין 1970, האָט טאָמיטש, מיט זיינע לינקע אידעען, נישט געוואָלט מאַכן שותּפות מיט די צוויי גרויסע פּאַרטייען אין טשילע — די ראַדיקאַלע פּאַרטיי און די קאָנסער־וואַטיוו־ליבעראַלע פּאַרטיי — און דערפאַר האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון אַיענדע, אין איינעם מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי,

באַקומען אַ רעלאַטיווע מערהייט. נאָך די וואַלן האָבן טאַקע די קעגנפּאַרטייען געקענט צונויפשטעלן אַ קאָאַליציע מיט אַן אַבסאָ־לוטער מערהייט, אָבער טאָמיטש האָט נישט געוואָלט עובר זײַן אויף דער טשילענישער טראַדיציע, אַז פּרעזידענט דאַרף זײַן דער קאַנדידאַט, וואָס דערגרייכט בײַ די וואַלן די גרעסטע צאָל שטימען. האָט מען טאַקע אין פּאַרלאַמענט אויסגעוויילט איענדען, וואָס האָט אין זײַנע דרײַ יאָר פֿון פּרעזידענטשאַפֿט חרוב געמאַכט די טשילע־נישע ווירטשאַפֿט און די טשילענישע דעמאָקראַטיע. ווער ווייס צי טשילע וועט נאָך אַ מאָל קענען זײַן וואָס זי איז געווען?

אויפֿן כּינוס פֿון דער ציוניסטישער פֿעדעראַציע אין 1962, האָב איך איבערגעגעבן מײַן מאַנדאַט ווי אַ פּרעזידענט, דעם אַדוו. מיגועל מאַלדאַווסקי, פֿון וועלכן איך האָב אים צוריק מיט פֿיר יאָר אָנגענומען. מאַלדאַווסקי איז געווען דער מנהיג פֿון די כּלל־ציוניסטן. אַ געבוירענער אין טשילע, אַן אַקטיווער טוער און אַ גוטער רעדנער. אַגב איז ער געווען אַ שותּף מיט סאַמועל גלייזער אין אַ ביוראָ פֿון אַדוואָקאַטור, נישט געקוקט דערויף וואָס גלייזער האָט געהערט צו דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי. פּאָליטיש זענען זיי געווען קעגנערס, אָבער פּריוואַט זענען זיי געווען גוטע שותּפֿים און אַפֿילו נאָענטע פֿרײַנד. צום באַדויערן פֿאַר דער ייִדישער קהילה אין טשילע, איז מאַלדאַווסקי נאָך עטלעכע יאָר פּלוצעם אַוועקגעשטאָרבן, בלויז אין עלטער פֿון 56 יאָר.

איידער איך האָב איבערגעגעבן דעם מאַנדאַט ווי דער פּרע־זידענט פֿון דער ציוניסטישער פֿעדעראַציע, האָב איך נאָך געמאַכט אַ נסיעה איבער די פּראָווינצשטעט אין טשילע, ווו עס לעבן ייִדן, כּדי זיך פֿון זיי צו געזעגענען און דערבײַ זיי צו אָנגאַזשירן פֿאַרן מגבית. אין סאַנטיאַגאָ האָבן געלעבט אַן ערך 25.000 ייִדן. די איבעריקע, לויט מײַן חשבון אַז ערך פֿינף טויזנט, זענען געווען פֿאַרשפּרייט אין די פּראָווינצשטעט — דער גרעסטער טייל אין וואַלפּאַראַיסאָ, און דער רעשט אין ווינאָ דעל מאַר, טעמוקאָ, פּוערטאָ מאָנט, וואַלדיוויאָ.

קיין סאַנטיאַגאָ, די הויפּטשטאָט, פֿלעג אַלע יאָר קומען עפּענען

דעם מגבית אַ שליח פון ישראל. זייער אַפּט פלעג קומען אַריה דולטשין, שפּעטער פּאַרזיצער פון דער סוכנות; ער פלעג קומען אויף יום-כּיפּור, ווען אַלע ייִדן געפינען זיך אין בית-הכּנסת און ס'איז גרינגער צו עפענען זייערע הערצער. ער האָט גערעדט צו זיי אויף ייִדיש און אויף שפּאַניש, און דערוועקט ביי זיי התלהבות צו געבן געלט פאַר מדינת-ישראל. אין די ווייטע ייִשובים פלעג אָבער קיינער נישט פאָרן, כאָטש אויך דאָרטן זענען געווען פאַר־מעגלעכע ייִדן, וואָס האָבן פאַרן מגבית בלויז געגעבן גראָשנס. דעריבער האָב איך געפילט אַז ס'איז מיין לעצטער חוב לגבי דער ציוניסטישער פעדעראַציע, צו ברעכן דאָס אייז אין דער פּראָווינץ און אַריינצוציִען, ווי ווייט מעגלעך, אויך די דאָרטיקע ייִדן אין אַלגעמיינעם אָנשטרענג פאַרן מגבית. ס'איז מיר גאָר נישט גרינג אָנגעקומען צו איבערצייגן די ייִדן, וואָס זענען נישט געוווינט געווען צו עפענען די הערצער, און נאָך ווינציקער די קעשענעס. געבן געלט פאַר עולם-הבא איז אַן ענין פון דערציִונג! דעם וואָס איז דערצויגן געוואָרן צו געבן בלויז ווען ער באַקומט אין האַנט אַריין עפּעס ממשותדיקס, איז שווער צו איבערצייגן ער זאָל בייטן זיין כאַראַקטער.

אַזאַ מין פאַרשוין האָב איך באַגעגנט אין טעמוקאָ — אַ ייִד וואָס האָט געשטאַמט פון דייטשלאַנד און האָט פון דעסטוועגן געגעבן גראָשנס פאַרן מגבית. דער פאָרשטייער פון דער קהילה דאָרטן האָט מיר געזאָגט, אַז אויב איך וועל ביי אים אַרויסשלעפּן די סומע וואָס ער דאַרף געבן, וועט עס זיין אַ גרויסע הצלחה. איך בין אַוועק אין איינעם מיטן פאָרשטייער פון דער קהילה צו דעם ייִד דעם קמצן, אין זיין שיינעם געשעפט פון גלאַזוואַרג און פאָרצעלאַן. אַ ייִד אין די זעכציקער מיט אַן אינטעליגענטן אויס־דרוק. ער האָט געוווּסט ווער איך בין און האָט מיך העפלעך באַגריסט. נאָך עטלעכע באַנאַלע ווערטער, בין איך צוגעטראָטן צו תּכלית: דער ייִד האָט תּיכּף געביטן דעם העפלעכן טאָן און מיר געזאָגט אויף אַ כמעט גראָבן אופן, אַז קיינער וועט אים נישט דיקטירן וואָס ער זאָל טאָן מיט זיין געלט. אין זיין שפּאַניש האָב איך דערהערט דעם דייטשן אַקצענט, האָב איך אָנגעהויבן צו

רעדן דײַטש און אים פרעגן, היתּכן, ווי קומט עס וואָס אַ ייִד אַ גערױטעוועטער פון די נאַציס, זאָל זײַן אַזוי גלײַכגילטיק לגבי דער אויפגעקומענער ייִדישער מדינה, וואָס זאַמלט אײַן דאָרטן די שארית־הפּליטה. דער קמצן האָט זיך געהאַלטן בײַ זײַנעם: ער איז נישט קיין ציוניסט און ער גיט נישט קיין גראָשן מער ווי ער וויל אַליין געבן. ער האָט מיך געלאָזט שטיין און איז אַוועק אין אַ צווייטן עק פון געשעפט, געטראַכט אפשר וועט ער אַזוי פון מיר פּטור ווערן. איך בין אָבער געווען אַ גרעסערער עקשן פון אים און האָב אים נישט אָפּגעלאָזט ביז ער האָט נישט אָנגעשריבן אַ טשעק אויף אַ בכּבודיקער סומע.

ווען איך בין אַרויס פון געשעפט, האָבן מיר געציטערט די פיס פון נערוועזיטעט. איך האָב געזאָגט מײַן באַגלייטער, אַז מיר וואָלט גרינגער געווען צו געבן אַליין די סומע, איידער צו פּטרן די נערוון מיט אַזאַ קמצן. בכלל האַלט איך, אַז ס'איז לײַכטער צו געבן אַליין, ווי אַרויסצורײַסן בײַ אַ צווייטן, און דעריבער איז טאַקע אַ גרעסערע מיצווה צו זאַמלען געלט לטובת־הכּלל, ווי אַרויסצונעמען פון דער אייגענער קעשענע.

אַ בריוו פון בן־גוריון

נאָכן איבערגעבן דעם מאַנדאַט ווי דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע, בין איך תּיכּף אַוועקגעפלויגן קיין ישראל, אַ קוק טאָן ווי מען בויט דאָרטן די פאַבריק אין קרית־גת. איך האָב געקויפט אַ קליינעם אויטאָ, וואָס כ׳האָב באַנוצט בלויז בעת מײַנע וויזיטן אין ישראל.

דער וועג פון תּל־אָביב קיין קרית־גת איז פאַר מיר געווען אַ גרויס פאַרגעניגן, וואָס איך קען גאָר נישט איבערגעבן אין ווערטער. כ׳האָב געקוקט אויף די פּרדסים און סתּם אויף דער לאַנדשאַפט פון ביידע זײַטן וועג און האָב צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן געפילט אַז כ׳האָב צו אַלעמען דאָ אַ שײַכות, נישט ווי אין אַנדערע לענדער, וווּ כ׳האָב געלעבט און בין פאַרבײַגעפאָרן, און ס׳איז מיר גאָרנישט אָנגעגאַנגען. איך האָב געפילט ווי אַלץ וואָלט דאָ געווען מײַן אייגנס.

אין יענע יאָרן זענען נאָך נישט געווען קיין שילדן אויף די וועגן, וואָס זאָלן אָנווײַזן וווּאַהין מע דאַרף פאָרן. בלויז איין קליין שילדל האָט געוויזן דעם וועג קיין באר־שבע. מיט מײַן שלעכטער אָריענטאַציע ווי אַ שאָפער, פלעג איך טאַקע תּמיד פאַרפאָרן ערגעץ אַנדערש און אַרומבלאָנדזשען אויף די וועגן, ביז כ׳בין אָנגעקומען קיין קרית־גת. און אַז כ׳האָב געפאָדערט אין קאָמוניקאַציע־מיניסטעריום מע זאָל זאָרגן עס זאָלן זײַן שילדן אויפן וועג, האָט מען מיר געענטפערט אַז ס׳איז נישטאָ דערויף קיין בודזשעט. סטײַטש — האָב איך געטענהט — אַזוי פירט זיך אומעטום אין די ציוויליזירטע לענדער, און דאָס איז אויך וויכטיק פאַר די טוריסטן וואָס קומען אין לאַנד, ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. דעמאָלט האָט מען אײַנגעשפּאָרט ווו מ׳האָט נאָר געקענט. אַחוץ דעם זענען נאָך

נישט געווען קיין סך אויטאָס אין לאַנד און די וועגן זענען נאָך נישט געווען אַזוי איבערגעלאָדן ווי היינט.

אין 1963 איז פאַרטיק געוואָרן דער ערשטער טייל פון דער פאַבריק — די שפינעריי. דעם אָפיציעלן חנוכּת־הבית פון דער פאַבריק האָבן מיר אָבער געמאַכט ערשט אין יאָר 1964.

איך בין דאָ געווען אין איינעם מיט מיין ברודער יאַנקל און זיין פרוי, יונה, וואָס האָבן זייער געוואָלט, אַז בן־גוריון זאָל אונדז צוזאַמען אויפנעמען. איך האָב זיך פאַרבונדן מיט יצחק נבון און אים געבעטן ער זאָל מיר איינאָרדענען אַ באַגעגעניש מיט בן־גוריון. מיט יצחק נבון האָב איך זיך געקענט נאָך פון טשילע, ווו ער איז געווען צו גאַסט, נאָך דער נסיעה קיין בורמאַ, אין איינעם מיט בן־גוריון. ער איז געקומען זאַמלען תּרומות ביי פאַרמעגלעכע יידן פאַרן אַטאָמישן רעאַקטאָר, וואָס מ׳האָט געבויט אין דימאָנאַ. ער איז אויך געווען צו גאַסט ביי אונדז אין דער היים און האָט אויף אונדז געמאַכט אַ גרויסן רושם, ווען ער האָט, מיט זיין רייכער פאַנטאַזיע, דערציילט פּרטים וועגן בורמאַ, מיט אירע פּאַגאָדעס, און וועגן דער בודיסטישער מעדיטאַציע. שפּעטער האָט ער אונדז פאַרבעטן אויף זיין חתונה מיט אופירה און מיר זענען געבליבן עד־היום אמתע ידידים.

ס׳האָט קיין סך נישט געדויערט און יצחק נבון האָט אונדז טאַקע איינגעאָרדנט אַ וויזיט ביי בן־גוריון אין דער קריה, אין תּל־אָביב.

אין לאַנד איז שוין דעמאָלט געווען אַן אָנגעלאָדענע אַטמאָס־פער, מחמת דער פרשה לבון. עס האָט אויך געהערשט אַ שלעכטע שטימונג קעגן פּנחס ספּיר „מיט זיינע טעקסטיל־פאַבריקן”. איך האָב דערציילט בן־גוריונען, אַז די פאַבריק אין קרית־גת האַלט זיך אין בויען און האָב אים פאַרבעטן צו קומען אויפן חנוכּת־הבית. ר׳האָט געזאָגט אַז ער האָפט צו קומען, אָבער, דרך־אַגב, האָט ער מיך געפרעגט, פאַר וואָס איך האָב געבויט דווקא אַ טעקסטיל־פאַבריק.

דאָס איז דאָך געווען אַ יידישע פּרנסה אין גלות — האָט ער געטענהט.

מײַן ענטפער איז געווען, אַז הײַנט איז די טעקסטיל־אינדוסטריע ווײַט פון די אַמאָליקע וועבערײַען און שנײַדערײַען; אויך די טעקסטיל־אינדוסטריע איז הײַנט באַזירט אויף עלעקטראָניק און ווערט געפירט מיט דער הילף פון קאָמפּיוטערס.

כ׳האָב דערציילט ספּירן וועגן מײַן וויזיט בײַ בן־גוריונען און אויך וואָס ער האָט מיר געזאָגט אין שײַכות מיט די טעקסטיל־פֿאַבריקן. ספּיר האָט מיר געענטפערט, אַז דאָס איז פּשוט אַ פּועל־יוצא פון דער העצערישער קאַמפּאַניע וואָס זײַנע, ספּירס, פּאָליטיש שונאים פירן קעגן אים. בן־גוריון איז טאַקע אַ גרויסע פּערזענלעכקייט — האָט ער באַטאָנט — אָבער אַזעלכע באַמערקונגען קומען נישט פון זײַן אייגענער איניציאַטיוו.

שפּעטער מיט אַ פּאָר וואָכן, אויף דער זונטיקדיקער מיניסטאָרן־זיצונג, האָט בן־גוריון דעמיסיאָנירט. שבתע־נאַכטס, ווען מיר זענען געזעסן מיט ספּירן און זײַן פֿרוי אויף אַ קאָנצערט אין היכל התרבות, האָט ער נאָך גאָרנישט געוווּסט אַז בן־גוריון האָט בדעה דעם צווייטן טאָג צו דעמיסיאָנירן.

בעת כ׳האָב אין 1964 געמאַכט דעם חנוכּת־הבית פון פּולגת איז שוין דאָס מחלוקת צווישן בן־גוריון און די וותיקים אין דער פּאַרטיי געווען אויף דער טאָג־אָרדענונג. לוי אשכּול, דער נײַער פּרעמיער, האָט געגעבן זײַן הסכּמה צו ברענגען אין לאַנד די ביינער פון זאב זשאַבאָטינסקי און מאַכן פּאַר זיי אַ מלוכישע לוויה, הגם בן־גוריון איז געווען קעגן דעם.

די אַטמאָספער איז געווען אַן אָנגעצויגענע. האָב איך געפרעגט ספּירן, ווי איך זאָל זיך נוהג זײַן, צי זאָל איך פּאַרבעטן בן־גוריונען אויפן חנוכּת־הבית? האָט מיר ספּיר געזאָגט, איך זאָל אים פּאַרבעטן דורך אַ בריוו, און אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן. איך האָב פּאַרשטאַנען אַז ספּיר באַדאַרף זײַן דער הויפּטמחותּן אויף דער שימחה. ס׳איז אָבער געווען כּמעט זיכער, אַז אין געגעבענעם מצב, וועט בן־גוריון נישט קומען.

כ׳בין געווען שטאַרק צופרידן ווען כ׳האָב באַקומען פון בן־גוריון אַ בריוו, געשריבן מיט זײַן האַנט, ווו ער ווינטשט מיר הצלחה און באַגריסט מיך וואָס כ׳האָב אויפגעשטעלט די פּאַבריק אין נגב.

שפּעטער מיט קנאַפּע צוואַנציק יאָר, ווען דער בן־גוריון־אוניווער־סיטעט האָט מיך פאַרבעטן קיין שדה־בוקר, צום עפענען דעם בנין פון דעם בן־גוריון־אַרכיוו, נאָך דעם ווי כ׳האָב זיך באַטייליקט מיט אַ בכּבודיקער סומע בײַם אויפשטעלן דעם בנין, האָב איך געבעטן מע זאָל אין אַרכיוו אָפּזוכן די קאָפּיע פון דעם בריוו וואָס בן־גוריון האָט מיר געשריבן אין 1964. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען מיר אַרײַנגעשיקט די קאָפּיע, אײַנגעראַמט, אונטער אַ גלאָז. כּידוע, האָט בן־גוריון אַלע זײַנע בריוו געשריבן מיט דער האַנט אין אַ העפט און מיט אַ קאָפּיע.

דער אַכציקסטער געבוירן־טאָג פון מײַן מאַמע

אין 1963 האָבן מיר געפּײַערט דעם אַכציקסטן געבוירן־טאָג פון אונדזער מאַמען. דאָס איז געווען אַ יום־טוב פאַר דער גאַנצער משפּחה, אָבער אויך פאַרן גאַנצן עולם וואָס האָט זי געקענט און ליב געהאַט, וואָס האָט זי געשאַצט און איר אָפּגעגעבן כּבוד. אַוודאי איז עס אויך געווען אַ רגע פון טרויער, וואָרעם פון דער גרויסער, פאַרצווײַגטער משפּחה, סײַ פון טאַטנס צד סײַ פון דער מאַמעס צד, פון נאָענטע און פרײַנד אין באַרשע און אין דער בוקאָווינע, איז די מאַמע געווען די איינציקע וואָס האָט זוכה געווען צו פײַערן אַכציק יאָר פון זינט זי איז געבוירן. ס׳רוב קרובים און פרײַנד פון דער מאַמעס דור זענען פאַרברענט געוואָרן אין אוישוויץ, אָדער אומגעקומען אין די לאַגערן פון טראַנסניסטריע.

די מאַמע האָט אויך אין טשילע ממשיך געווען צו לעבן אויף איר שטייגער, אין אמתער פרומקייט און אין מעשים־טובים. זי האָט זיך כּסדר באַמיט צו העלפן מענטשן מיט וואָס זי האָט נאָר געקענט. די שארית־הפּליטה פון באַרשער ייִדן פון אומעטום, פון מדינת־ישראל און פון די תּפוצות, האָבן זיך צו איר געטוליעט, ווי צו אַן איינציקער אָפּגעראַטעוועטער מאַמע.

אויף דער שימחה האָבן זי, פאַרשטייט זיך, אַרומגערינגלט אַלע קינדער און אייניקלער און אוראייניקלער. איין בקשה האָט געהאַט די מאַמע צו דער גאַנצער משפּחה: צו בלײַבן ייִדן! צו גיין אין גאָטס וועגן!

מיט פינף יאָר שפּעטער, ווען מיר האָבן געוואָלט פײַערן אירע פינף און אַכציק — איז זי שוין געווען קראַנק. אויף ימים־נוראים בין איך געקומען צו גאַסט קיין טשילע. די מאַמע האָט זיך באַקלאָגט אַז זי זעט נישט מער די אותיות און קען נישט מער

דאַוונען פון סידור און פון מחזור. דו קענסט דאָך דאָס דאַוונען אויף אויסנווייניק — האָב איך זי געפּרוּווט טרייסטן. ס׳איז נישט דאָס זעלבע! — האָט זי מיר געענטפערט, און באַלד מוסיף געווען: — פאַרגעס נישט, ישראל מײַן זון, צו זאָגן קדיש! איך האָב נאָך אַלץ בטחון, מײַן זון, אַז אין איינעם אַ טאָג וועסטו ווידער ווערן אַ פרומער ייִד.

איך האָב געפילט אין אירע ווערטער, אַז זי געזעגנט זיך מיט מיר אויף אייביק. עס האָבן נישט געהאָלפן מײַנע רייד, אַז איך האָף נאָך אַ סך יאָרן צו קומען צו איר צו גאַסט. איך האָב אויך צוגעגעבן, אַז זי דאַרף נישט מורא האָבן, אויב ס׳איז טאַקע פאַראַן אַ גן־עדן, וועט זי איבער הונדערט יאָר אַוודאי באַקומען דאָרטן אַ בכּבודיק אָרט, זי האָט דאָך אַ גאַנץ לעבן געדינט גאָט, געווען פרום און געהאָלפן מענטשן.

— אַלע דאַרפן מורא האָבן צו שטיין פאַרן בית־דין־של־מעלה — האָט זי זיך אָנגערופן — יעדער איינער איז זינדיק. און אויב איך וועל זוכה זײַן צו זיצן אין גן־עדן — האָט זי נאָך מוסיף געווען מיט אַ שמייכל — האָף איך צו פועלן, אַז דו זאָלסט ווערן אַ פרומער ייִד און איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר זיצן דאָרטן אין גן־עדן צוזאַמען מיט מיר...

שפּעטער מיט אַ פּאָר חדשים איז די מאַמע געשטאָרבן. איך בין דעמאָלט געווען אין עסטרײַך, אין באַדען, ווען כ׳האָב באַקומען די טרויעריקע בשורה. נאָר כ׳האָב באַוויזן צו קומען אויף דער לוויה.

די מאַמע האָט אָנגעשריבן אַ צוואה. זי רעכנט אויס דאָרטן ווי אַזוי מע זאָל פאַרטיילן די זאַכן וואָס זענען איבערגעבליבן פון איר און פונעם טאַטן: די שבת־לײַכטער, דעם טלית מיט דער עטרה, די תּפילין און אַנדערע קלייניקייט, איטלעכס קינד זאָל האָבן עפּעס אַן אָנדענק. ווײַטער בעט זי אין איר צוואה מיר זאָלן, למען־השם, דערציִען די קינדער און די אייניקלעך ווי גוטע ייִדן. און זי ענדיקט מיט אָט די רירנדיקע ווערטער: „טײַערע קינדער, איך לאָז אײַך נישט צוריק קיין ירושה פון פאַרמעגן. איך לאָז אײַך נאָר צוריק אַלע מײַנע תּפילות און טרערן וואָס איך האָב געבעטן

דעם רבונו־של־עולם פֿאַר אײַך, פֿאַר אײַער געזונט און גליק. איך האָף אַז דער רבונו־של־עולם וועט מײַן בקשה דערהערן!״

זי האָט אויך איבערגעלאָזט אַ רשימה פֿון צדקה, וואָס זי פֿלעג געבן, און געבעטן מע זאָל ממשיך זײַן אויפֿן זעלבן שטייגער.

חנופת־הבית פון „פולגת"

אין דעצעמבער 1964 האָב איך געמאַכט דעם אָפיציעלן חנוכּת־הבית פון פולגת. עס זענען שוין געווען אויפגעשטעלט די שפּינעריַי, די וועבעריַי און די פאַרבעריַי. כ'האָב שוין געהאַט אַנגאַזשירט עטלעכע הונדערט אַרבעטער, וואָס זענען אויך געווען פאַרבעטן אויף דער שימחה.

דער ערנגאַסט איז געווען פּנחס ספּיר. איך האָב געהאַלטן אַ סענטימענטאַלע ציוניסטישע דרשה, וואָס איך וויל טאַקע דאָ איבערגעבן, אויסגעטייטשט אויף ייִדיש:

„פינף יאָר זענען אַריבער פון זינט דער מיניסטער פּנחס ספּיר איז געווען אין טשילע צו גאַסט. אין ישראל זענען דעמאָלט געווען צענדליקער טויזנטער נײַע עולים, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אַרבעט. איז דער דעמאָלטיקער מיניסטער פאַר האַנדל און אינדוסטריע, פּנחס ספּיר, געפלויגן פון לאַנד צו לאַנד, פון קאָנטינענט צו קאָנטינענט, כּדי צו זוכן אינוועסטיציעס, צו רעאַליזירן זײַן פּלאַן, וואָס ער האָט אים גערופן: דער דריטער כּוח — בויען אַ מאָדערנע אינדוסטריע אין ישראל.

צווישן אַנדערע לענדער איז ער אויך געקומען אין דעם ווײַטן לאַנד טשילע. איך האָב געהאַט דעם כּבוד אים מקבל־פּנים צו זײַן ווי אַ ציוניסטישער טוער און ווי אַן אינדוסטריעלער. בײַ דער געלעגנהייט האָט ער מיך פאַרבעטן צו קומען קיין ישראל אָנטייל צו נעמען אין אויפבוי פון לאַנד מיט פינאַנציעלער אינוועסטיציע און אינדוסטריעלער געניטשאַפט.

נישט געקוקט אויף מײַן ציוניסטישן אידעאַל, איז מיר נישט געווען גרינג צו ענטפערן אויף זײַן פאַרבעטונג, מחמת סוביעקטיווע און אָביעקטיווע סיבות, פאַר מורא צו פאַרוואַנדלען דעם ציוניס־

טישן אידעאַל אין וואָכעדיקייט און די נשמה־יתירה פון גייסטיקן ציוניזם אין אַ גשמיותדיקער אינדוסטריע; פאַר מורא אַריינצוגיין אין די טאָג־טעגלעכע מענטשלעכע גשמיותדיקע פּראָבלעמען, צו פאַרוואַנדלען קודש אין חול. ס'איז אויך געשטאַנען פאַר מיר די שווערע פּראָבלעם איבערצולאָזן דאָרטן מיין משפחה, מיין סטאַבילן געזעלשאַפטלעכן און עקאָנאָמישן מעמד אין טשילע, און אָנהייבן פון דאָס ניי אין גאָר אַנדערע, שווערע באַדינגונגען. דער עיקר האָב איך געזען די שוועריקייטן צו בויען אַ קאָמפּלעקס פאַר וואָלגעוועבן פון אַ הויכער קוואַליטעט, אין אַ קליין לאַנד, וואָס ס'רוב פון דער פּראָדוקציע דאַרף עקספּאָרטירט ווערן, און וואָס דאַרף זיך פאַרמעסטן אין דער קוואַליטעט און אין די פּרייזן, מיט לענדער וואָס האָבן פון דורי־דורות אַ טראַדיציע און אַ שם אין אַט דער בראַנזשע.

ווען איך בין שפּעטער געקומען אין לאַנד צו גאַסט, האָב איך זיך נאָך אַ מאָל געקענט איבערצייגן וויפל אמת עס ליגט אין דעם זאָג: אין דבר העומד בפני הרצון!

אין איינעם אַ טאָג, זייגער פינף אין דער פרי, האָט געקלונגען דער טעלעפאָן אין מיין צימער, אין האָטעל דן. ס'איז געווען דער מיניסטער ספּיר בכבודו ובעצמו, וואָס האָט געוואַרט אונטן אין האָטעל, כדי צו פאָרן מיט מיר קיין קרית־גת און מיר ווייזן דאָס אָרט ווו מע דאַרף בויען אַ פאַבריק און שאַפן אַרבעטפּלעצער פאַר די נייע עולים. דער מיניסטער האָט בכיוון אויסגעקליבן צו פאָרן גאַנץ פרי כדי צו שאַפן אין מיר דעם איינדרוק, אַז קרית־גת איז נישט ווייט פון תל־אָביב. אָבער נישט דאָס האָט מכריע געווען. מכריעדיק איז פאַר מיר געווען, וואָס אַ מיניסטער אין ישראל שטייט אויף זייגער פיר אין דער פרי פאָרן לאַנדס טובה־וועגן. עס זענען בלי־ספק נישטאָ קיין סך מיניסטאָרן אויף דער וועלט, וואָס וואָלטן דאָס געטאָן. האָב איך צו זיך אַליין געזאָגט: אויב דאָס יידישע פאָלק האָט זוכה געווען צו אַזעלכע מנהיגים, וועט עס אויך גובר זיין אַלע שוועריקייטן.

איבערצייגט האָט מיך אויך דאָס, וואָס מיינע אויגן האָבן געזען. ווען כ'בין אָנגעקומען אין קרית־גת און דער ראש־מועצה גדעון

נאור האָט מיך פאַרבעטן אַרויפצוגיין אויפן בערגל און זען פון דאָרטן ווי ס׳האָט זיך אַנטוויקלט דער מקום, וואָס איז ערשט מיט פיר יאָר צוריק געווען אַ מידבר, האָב איך, שטייענדיק אויפן בערגל, געזען נישט בלויז דאָס זיך בויענדיקע קרית־גת, נאָר אויך „מה טובו אוהליך יעקב״, איך האָב געהערט חיים נחמן ביאַליקס **הצפור,** דאָס פייגעלע וואָס האָט אין מײַנע יונגע יאָרן געזונגען דאָס ליד פון בענקשאַפט צו ציון, דאָס וווּנדערלעכע לאַנד אין מרחקים, ווו עס בליט אַן אייביקער פרילינג. נישט קיין געזאַנג פון ווײַטע לענדער האָב איך געהערט, נאָר דאָס געזאַנג פון דער וווּנדערלעכער פאַרווירקלעכונג, און דעמאָלט — הגדתי בגת — האָב איך אַ זאָג געטאָן: נעשה ונשמע!

אַזוי האָב איך מיט דרײַ יאָר צוריק, מיט דער אַקטיווער מיטאַרבעט פון מײַן ברודערס זין, יוסף און דב, ווי דירעקטאָרן, אָנגעהויבן צו בויען די אונטערנעמונג, און איצט, נאָך דרײַ יאָר חבלי־לידה, האָבן מיר דערגרייכט צו דער שימחה פון סיום. אין משך פון מײַן לעבן האָב איך געבויט פאַבריקן אין פאַרשיידענע לענדער, אָבער איצט איז דאָס ערשטע מאָל ווען כ׳קען זאָגן: כרמי שלי נטעתי — כ׳האָב געפלאַנצט מײַן אייגענעם ווײַנגאָרטן. כ׳האָב געבויט אויף מײַן ערד, אויף דער ערד פון מײַן היימלאַנד — מדינת־ישראל״.

אין זײַן באַגריסונג האָט פנחס ספיר זיך אָפּגערעכנט מיט זײַנע קעגנערס, וואָס האָבן אים קריטיקירט און אים באַשולדיקט אין „טעקסטילאָמאַניע״, ווײַל ער האָט געשטיצט ייִדן וואָס האָבן אויפֿגעבויט דאָ טעקסטיל־פאַבריקן און געגעבן אַרבעט אַ גרויסער צאָל נײַע עולים, מענטשן וואָס זענען געקומען פון אַלע גלותן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין פאַך אין די הענט און נישט געפונען קיין מעגלעכקייט זיך מפרנס צו זײַן מיט זייערע משפחות.

ווען מיר באַטראַכטן הײַנט דעם מצב פון דער פערספעקטיוו, ווערט קלאָר אַז די קריטיק קעגן ספירן אין שײַכות מיט דער אַזוי גערופענער „טעקסטילאָמאַניע״ איז טאַקע נישט געווען מער ווי אַ בלוט־פאַרגיסן מיט אַ פּאָליטישער כוונה. ספיר האָט נישט געגעבן די טעקסטיל־פאַבריקן קיין בעסערע תנאים ווי אַנדערע פאַבריקן.

ער האָט אויך נישט געזוכט קיין ספּעציעלע אינוועסטיציעס אין דער טעקסטיל-בראַנזשע. זײַן כּוונה איז געווען דער עיקר צו שאַפֿן אַרבעט-פּלעצער פֿאַר די טויזנטער נײַע עולים איבערן גאַנצן לאַנד. און אין יענער צײַט האָט טאַקע נאָר די טעקסטיל-אינדוסטריע געקענט געבן אַרבעט פֿאַר אַט דעם עולם. אין די נײַע אויפֿגעבליטע טעקסטיל-פֿאַבריקן, אַפֿילו אין יענע וואָס האָבן נישט מצליח געווען און זענען איבערגעגאַנגען פֿון האַנט צו האַנט, איז דערצויגן געוואָרן אַ דור פֿון דיסציפּלינירטע אַרבעטער, וואָס האָבן פֿריִער נישט געהאַט קיין שום טראַדיציע פֿון דעם מין. דאָס איז געווען זייער ערשטע שול צו ווערן פּראָדוקטיווע מענטשן. אין די טעקסטיל-פֿאַבריקן האָבן זיי געלערנט וואָס עס באַטײַט דיסציפּלין אין דער אַרבעט און וואָס עס באַטײַט אַ מאָדערנע אינדוסטריע. די דאָזיקע שול האָט אויף דער טעקסטיל-אינדוסטריע אַרויפֿגעלייגט אַ גרויסן פֿינאַנציעלן עול.

דער פֿאַרבאַנד פֿון די אינדוסטריעלע אין ישראל פֿײַערט הונדערט יאָר פֿון זינט אַ רוסישער ייִד מיטן נאָמען שטיין, האָט דאָ אויפֿגעשטעלט אַ קליינע אײַזן-גיסערײַ. די אונטערנעמונג האָט טאַקע אין גיכן באַנקראָטירט, אָבער דאָס איז געווען אמתע פּיאָנירישע דערוועגטקייט פֿאַר יענער צײַט, אָנצוהייבן אָן אינדוסטריע, אָן קיין שום מאָראַלישער און מאַטעריעלער הילף פֿון אַ ייִדישער אינסטיטוציע. קיינער האָט אים נישט געשטיצט, נישט דער באַראָן ראָטשילד און נישט אַנדערע מוסדות. אַלע אידעען וועגן קאָלאָניזירן ארץ-ישראל, וועגן אויפֿבויען אַ נײַ לעבן אין דעם לאַנד פֿון די אָבות, האָבן גענומען אין אַכט בלויז ערדאַרבעט. דאָס איז געווען דער צוועק פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער שול מיקווה ישראל און דאָס איז געווען דער אידעאַל פֿון דער חלוצישער באַוועגונג, מיט איר גאַנצער ראָמאַנטיק. קיין שום אָפֿיציעלע, אָנערקענטע אינסטיטוציע האָט נישט גענומען אין באַטראַכט, אַז אין אונדזער אינדוסטריעלער תּקופֿה איז נייטיק אַרײַנצובריינגען אַ חלוצישן גײַסט נישט בלויז אין ערדאַרבעט, נאָר אויך אין דעם אויפֿבוי פֿון אַ ייִדישער אינדוסטריע.

אַוודאי איז געווען פֿון גרויס חשיבֿות אויפֿצובויען אַגראַרע

ישובים און קיבוצים, אָבער די אינדוסטריע, וואָס מ׳האָט אַזוי ווינציק געגומען אין אַכט, האָט נישט געהאַט אַ קלענערע באַדײַטונג. והא ראיה: אַלע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען וואָס האָבן זיך געשאַפן אַרום דער לאַנדווירטשאַפט, די געהיימע אונטערנעמונגען וואָס האָבן געמאַכט וואָפן פאַר דער הגנה, און אויך די אונטער־נעמונגען וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, אויסצואַרבעטן סחורות פאַר דער ענגלישער אַרמיי — בקיצור, די גאַנצע אינדוסטריע וואָס האָט עקסיסטירט ביז פנחס ספיר איז געוואָרן מיניסטער פון האַנדל און אינדוסטריע, איז נישט געווען בכוח צו אַבסאָרבירן די הונדערט טויזנט נײַע עולים און אויך נישט צו פּראָדוצירן סחורה פאַר עקספּאָרט. דעריבער מעג מען טאַקע זאָגן, אַז די אינדוסטריאַליזירונג פון ישראל הייבט זיך בעצם אָן מיט פנחס ספיר. ער האָט געהאַט אי די וויזיע פון אַ מאָדערנער אינדוסטריע, אי דעם כוח זי צו לאָזן אין גאַנג. ער איז געווען דער בולדאָזער פון דער ישראלישער אינדוסטריע.

די טעקסטיל־אינדוסטריע איז געווען דער פּיאָניר, דער חלוץ, וואָס האָט אין גוואַלדיק שווערע באַדינגונגען, מיט נישט קיין צוגעגרייטע אַרבעטער, אויפגעבויט די אַנטוויקלונג־געגנטן אין לאַנד. דאָס איז געווען די איינציקע אינדוסטריע וואָס האָט געעפנט ספּעציעלע פּראָפעסיאָנעלע שולן, ווי „מכללת שנקר", אויפן נאָמען פונעם גרינדער פונעם פאַרבאַנד פון אינדוסטריעלע, דער אייגנ־טימער פון דער טעקסטיל־פאַבריק „לאָדזיה".

איך געדענק ווי שווער ס׳איז געווען בײַם אָנהייב, אין מײַן פאַבריק, אויסצולערנען די אַרבעטער דיסציפּלין, צו קומען פּינקטלעך, און אָפּשטעמפּלען דאָס קאַרטל בײַם קומען און בײַם אַוועקגיין פון דער אַרבעט. ווען מיר האָבן געמאַכט דעם חנוכת־הבית, האָבן מיר אײַנגעאָרדנט אַ באַזונדערע שימחה פאַר די אַרבעטער, מיט מוזיק און טאַנץ. ס׳איז אָבער געווען אוממעגלעך צו האַלטן אָרדע־נינג, ווײַל דאָס גאַנצע שטעטל איז געקומען נישט־פאַרבעטן צו די געדעקטע טישן. אַזוי איז געווען דער מינהג בײַם עולם אין קרית־גת: אויב ס׳איז ערגעץ אַ שימחה, קומט גאַנץ קהל. און אַז דער שומר האָט די נישט־פאַרבעטענע נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן דורך

דער טיר, זענען זיי געשפּרונגען איבערן פּלויט און אַרײַן דורכן פענצטער. ווער וועט בלײַבן אין דער היים, ווען אין שטעטל איז פֿאַראַן אַ שימחה? מ׳קען זיך משער זײַן ווי שווער ס׳איז אָנגעקומען צו אַרבעטן מיט אַזעלכע מענטשן אין אַ מאָדערנער פֿאַבריק, וווּ אַלץ דאַרף געטאָן ווערן לויט אַ פּינקטלעכן סדר, און דערצו נאָך אויסצואַרבעטן סחורה פֿאַר עקספּאָרט!

אַן אויספֿאָרשונג וואָס מיר האָבן געמאַכט, האָט באַוויזן, אַז די אַרבעטער אין פֿאַבריק רעדן נישט ווייניקער ווי אַכט און צוואַנציק לשונות. אַ קלײנער טייל אַרבעטער האָבן צווישן זיך גערעדט עברית.

צו די אַלע צרות, צו די שוועריקייטן פֿון נישט־דיסציפּלינירטע אַרבעט־כּוחות און דעפֿיציטן, איז נאָך צוגעקומען די קריטיק פֿון דער פּרעסע, אַ טענדענציעזע קריטיק מיט נישט קיין גאָר ריינע כּוונות. די צײַטונגען האָבן געשריגן גוואַלד, צו וואָס האָט מען געדאַרפֿט אינוועסטירן אין פֿאַבריקן וואָס האָבן דעפֿיציט? פֿאַרשטייט זיך אַז די פֿאַרסמטע פֿײַלן זענען געווען געצילט קעגן ספּירן, וואָס האָט אויפֿגעשטעלט די טעקסטיל־אינדוסטריע.

די רעגירונג האָט אויך געהאַט אויפֿגעשטעלט עטלעכע קליינע פֿאַבריקלעך מיט האַנטשטריק־מאַשינען אונטערן נאָמען **אומן**, כּדי צו געבן אַרבעט עטלעכע הונדערט נײַע עולים אין פֿאַרשיידענע ערטער: בית־שמש, ירוחם, צפת, קרית־שמונה, חצור. אין איינעם האָבן אָט די פֿאַבריקלעך פּראָדוצירט אַן ערך זעקס הונדערט טויזנט לירות אַ יאָר און דערבײַ פֿאַרלוירן צוויי מיליאָן. האָט מיך ספּיר געבעטן איך זאָל בײַ דער רעגירונג אָפּקויפֿן די קליינע פֿאַבריקלעך, און איך בין געווען אַזוי נאַיִוו און אים צוליב געטאָן. מײַן כּוונה איז געווען אויסצואַרבעטן אין אָט די פֿאַבריקלעך אונדזער אייגענעם פֿאָדעם, וואָס מיר האָבן פּראָדוצירט אין אונדזערע שפּינערײַען. אָבער די צײַטונגען זענען אַרויס מיט אַ גוואַלד, אַז ספּיר האָט די פֿאַבריקלעך פֿאַרקויפֿט צו ביליק. זיי האָבן אויך אַרויסגעזאָגט אַ חשד, אַז יאָסי פֿאָלאַק, דער דעמאָלטיקער דירעקטאָר פֿון **פּולגת**, וואָס איז פֿריִער געווען אַ באַאַמטער אין

דער רעגירונג, האָט אינטערוועניִרט מע זאָל מיר פאַרקויפן פאַר ביליק די אונטערנעמונג **אומן**.

נאָך דעם ווי כ'האָב געלייענט די דאָזיקע מעשׂיות אין צײַטונג, האָב איך זיך געווענדט צו עוזי שטיינבערג, דער דעמאָלטיקער דירעקטאָר פון די מלוכישע הכנסות, און האָב דערקלערט, אַז איך בין גרייט צו געבן אַ טשעק פון פופציק טויזנט דאָלאַר פון מײַן אויסלאַנד־קאָנטאָ, אויב די רעגירונג וועט צוריקנעמען די אונטערנעמונג **אומן**, וואָס זי האָט מיר פאַרקויפט. אויף עוזי שטיינבאַרגס פאָדערונג, האָב איך אויך געמאַכט אַ שריפטלעכע בקשה אין דעם זינען. צו מײַן באַדויערן האָט אָבער די רעגירונג נישט געוואָלט צוריקנעמען די פאַבריקלער.

שפּעטער האָב איך די קליינע מאַשינען פון אָט די אַלע פאַבריקלער פאַרקויפט מיט גרויס היזק און אויפגעשטעלט אונטערן זעלבן נאָמען, **אומן**, אַ מאָדערנע פאַבריק.

אַ שאָד וואָס צײַטונגען מיט כּל מיני אָפּאָזיציאָנעלע כּוונות און פּאָליטישע אינטערעסן, רעכענען זיך נישט מיט די עקאָנאָמישע באַדערפענישן פון דער מדינה און זענען אין שטאַנד צו דעמאָראַליזירן מענטשן, וואָס גיבן אָפּ דאָס לעבן און די כּוחות פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע. אַוודאי איז גוט צו לעבן אין אַ פרײַ לאַנד ווי מדינת־ישׂראל, מיט אַ פרײַער פּרעסע, אָבער אין אינטערעס פון דער מדינה דאַרף די פּרעסע אין זינען האָבן, די קריטיק זאָל זײַן אַן ערנסטע און ווי ווײַט מעגלעך אַן אָביעקטיווע. אַ קריטיק וואָס האָט אין זינען בלויז די סענסאַציע קען נאָר פּאַראַליזירן יעדע איניציאַטיוו.

דב ביגון איבערציַיגט מיך צו קויפן

אַ דירה אין ישראל

פון זינט מ׳האָט אָנגעהויבן צו בויען די פֿאַבריק אין קרית־גת בין איך געקומען צוויי ביז דריַי מאָל אין יאָר קיין ישראל און דאָ אָפּגעזעסן צו צוויי חדשים. געוווינט האָב איך אין האָטעל. איין מאָל, זיצנדיק אין רעסטאָראַן ביַי אַ גלעזל טיי, האָט מיר דב ביגון דערציילט, אַז ער האָט געקויפט אַ פּענטהויז אין תּל־אָביב, אויף וויצמאַן 56, דער אַכטער שטאָק פון אַ בנין וואָס האַלט זיך אין בויען. עס וואָלט גוט געווען — האָט ער מיר געראָטן — איך זאָל קויפן דעם זיבעטן שטאָק, ווײַל איך ערשטנס, ניטש דאַרפן וווינען אין האָטעל, און צווייטנס, וואָלט ער מיך זייער געוואָלט האָבן פאַר אַ שכן. נאָך אַ צײַט בין איך געגאַנגען אָנקוקן דאָס הויז מיט עדיטן און מיר האָבן טאַקע באַשלאָסן צו קויפן דעם זיבעטן שטאָק.

ביַי דער געלעגנהייט ווילט זיך מיר זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דב ביגון. ער האָט געשטאַמט פון אַ קליין שטעטל אין פּוילן, ווו ר׳האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעל־ייִדישע און ציוניסטישע דער־ציִונג. ר׳האָט אין פּוילן געענדיקט אַ העברעיִשע גימנאַזיע און געוואָרן אַ העברעיִשער לערער. אין די דריַיסיקער יאָרן — אַ לערער אין ברין, טשעכאָסלאָוואַקיַי, שפּעטער אין אונגאַרן. ער שטודירט אין פראַנקריַיך אין סאָרבאָן, און גראַדוּירט מיטן טיטל דאָקטאָר אין פילאָסאָפיע. פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה קומט ער אין אַמעריקע ווי אַ שליח פון דער הסתּדרות. נאָך דער מלחמה לעבט ער אַ צייט אין אַרגענטינע. ר׳האָט געהאַט אַ גאונישן קאָפּ, געקענט פּערפעקט העברעיִש, יידיש, פּויליש, רוסיש, דיַיטש, טשעכיש, פראַנצייזיש, ענגליש און שפּאַניש. דערצו אַ מענטש מיט אַ גרויסער קולטור, באַשאָנקען מיט חן און מיט טאַלאַנט, אַ קליינוווּקסיקער,

מיט טיפע שוואַרצע אויגן און שוואַרצע האָר. ר'האָט אויסגעזען יינגער ווי ר'איז געווען. אין די אָנהייב זעכציקער יאָרן באַגעגנט ער זיך דאָ, אין ישראל מיט אַנאַ וואַרבורג, די טאָכטער פון דעם באַרימטן באַנקיר זיגמונד וואַרבורג, פריער אייגנטימער פון דער באַנק וואַרבורג אין האַמבורג, שפּעטער אין לאָנדאָן. נישט געקוקט אויפן חילוק אין עלטער און אין סאָציאַלן מעמד, האָבן זיי זיך פאַרליבט און חתונה געהאַט.

מיר זענען געוואָרן שכנים און גוטע פריינד. ער האָט געפירט פינאַנץ־געשעפטן אין מערערע לענדער אויף דער וועלט. ר'האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ צייטשריפט אין ענגליש וועגן עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. זיין פרוי, אַנאַ, האָט זיך ממש פאַרליבט אין ישראל, געלערנט עברית און דערצויגן די איינציקע טאָכטער, בתיה, אין ציוניסטישן גייסט. הגם זי האָט געלערנט אין דער שווייץ און געלעבט דאָרטן ביי איר באָבע און זיידע, איז זי געקומען אין לאַנד אַריין מאַכן מיליטער. אַנאַ ביגון איז נישט אַרויסגעפאָרן נישט בשעת דער זעקסטאָגיקער מלחמה און נישט בשעת דער יום־כיפור־מלחמה. בקיצור, די ביגונס זענען געווען אויסערגעוויינטלעכע מענטשן און צווישן אונדז האָבן זיך מיט דער צייט אַנטוויקלט גאָר ענגע פריינדשאַפטלעכע באַציִונגען. זיין טויט, אין 1979, ביי אַ קליינער אָפּעראַציע אין אַמעריקע, איז אויך פאַר אונדז געווען אַ גאָר שווערער קלאַפּ. צו די שלושים האָט אים דער תל־אָביבער אוניווערסיטעט, ווו ער האָט געהאַט מיטגעאַרבעט, געמאַכט אַן הזכּרה, און צווישן אַנדערע פריינד זיינע, האָט מען אויך מיך פאַרבעטן אים מספּיד צו זיין.

צווישן די אינטערעסאַנטע מענטשן מיט וועלכע כ'האָב זיך באַקענט ביי דער משפּחה ביגון איז אויך געווען פּראָפעסאָר יעקב אַגמון, דער זון פון נתן ביסטריצקי, און זיין פרוי גיזאַ. נישט געקוקט דערויף וואָס איטלעכער פון אונדז האָט געהערט צו אַן אַנדער דור — יעקב און גיזאַ זענען מיט אַ דור יינגער — זענען מיר געוואָרן זייער נאָענטע פריינד, און דאָס איז באמת אַ נס, וואָרעם אין מיינע יאָרן דעמאָלט, איז שוין געווען שווער צו שליסן נייע ערנסטע פריינדשאַפטן.

איך וויל אויך דערמאָנען דאָס פּאָרפּאָלק תּמר און מאַקס תּנאי, וואָס זענען געווען אונדזערע שכנים אויף ווייצמאַן 56 אין תּל־אָביב. מיר האָבן זיך נאָך געקענט פון יאָר 1958, ווען מאַקס תּנאי איז געקומען קיין טשילע ווי אַ שליח פאַר די באַנס. ער האָט געשטאַמט פון גאַליציע, געקומען ווי אַ חלוץ אין ישראל, שטודירט אַרכיטעקטור אין לאָנדאָן און געוואָרן באַרימט ווי אַ מומחה אין רעסטאַווירירן היסטאָרישע ערטער. ער האָט, למשל, רעסטאַווירירט דאָס בית־הכּנסת יוחנן בן־זכּאי אין דער אַלטשטאָט פון ירושלים. זײַן פרוי, תּמר איז געבוירן דאָ אין לאַנד אין אַ רײַכער בוכאַרישער משפּחה. זי האָט שטודירט אין ווין און געקענט גוט דײַטש. די משפּחה תּנאי האָט געהאַט אַ גרויסן קרײַז חברים, צווישן וועלכע ס׳איז אויך געווען ד״ר שיבא, דער גרינדער פון שפּיטאָל תל־השומר, וואָס טראָגט הײַנט זײַן נאָמען. ער האָט מיר דערציילט נסים־ונפלאות וועגן תּמר תּנאי, מיט וויפל איבערגעגעבנקייט זי האָט איטלעכן געהאָלפן, און בפרט וועגן איר הילף פאַר די פּאַרוווּנדיקטע אין דער צײַט פון מלחמת־העצמאות. איר איידלען כאַראַקטער האָבן מיר דערקענט אין משך פון דער צײַט. זי איז לגבי עדיטן, מײַן פרוי, געווען ווי אַן אייגענע שוועסטער. ווען עדיט איז אין 1975 שווער קראַנק געוואָרן אין דער שווייץ, איז תּמר צו איר געפאָרן און מיט איר געבליבן אַ גאַנצן חודש. דערמיט האָט זי זיך ממש געקויפט עולם־הבא.

צווישן אונדזערע שכנים איז אויך שפּעטער געווען יצחק קאָרן, דעמאָלט אַ חבר־כּנסת און סעקרעטאַר פון „איחוד עולמי״. מיר זענען נאָך געווען פרײַנד פון טשילע, ווען ער איז געקומען צו גאַסט ווי אַ מנהיג פון פּועלי־ציון.

אין די יאָרן וואָס מיר האָבן געוווינט אין הויז אויף ווייצמאַן 56, זענען מיר געווען גליקלעך און זיך געפרייט מיט די גוטע פרײַנד וואָס מיר האָבן געהאַט אַרום זיך.

אונדזער נסיעה אין ווײַטן מיזרח

מיר האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אַ נסיעה אין ווײַטן מיזרח, זיך באַקענען מיט די פֿרעמדע, עקזאָטישע מקומות און דערבײַ אײַנקויפֿן כינעזישע טעפּעכער און אַנדערע שיינע חפֿצים פֿאַר אונדזער נײַער דירה אין תּל־אָביב. מיר זענען אַרויסגעפֿאָרן פֿון טשילע איבער צפֿון־אַמעריקע קיין האָנג־קאָנג, פֿון דאָרט קיין יאַפּאַן, טײַלאַנד, טעהעראַן, און צוריק קיין ישׂראל.

מיך האָט אויך אינטערעסירט צו זײַן אין יאַפּאַן, ווו מיר האָבן געקויפֿט רוי־מאַטעריאַל פֿאַר אונדזער פֿאַבריק. האָנג־קאָנג איז נאָך דעמאָלט נישט געווען אַזוי אַנטוויקלט ווי הײַנט. כ׳האָב דאָרטן צום ערשטן מאָל געזען כינעזער, וועגן וועלכע כ׳האָב פֿריִער נאָר געהאַט געלייענט אין ביכער, און האָב באַוווּנדערט זייער פֿלײַס און איניציאַטיוו. די פֿיר מיליאָן כינעזער, וואָס האָבן געלעבט אויף אַן אָרעמער אינדזל, האָבן דורך זייער פֿלײַס אויפֿגעבויט אַן אינדוסטריע, וואָס גיט זיי די מעגלעכקייט צו פֿירן אַ בכּבֿודיק לעבן.

פֿאַראַן דאָרטן געשעפֿטן, וואָס געהערן צו דעם קאָמוניסטישן כינע; האָבן מיר דאָרטן אײַנגעקויפֿט טעפּעכער און אַנדערע אַנטיקן, וואָס מע געפֿינט זיי בלויז אין יענע מקומות. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט דאָרטן עסן מיט האָלץ־שטעקעלעך און איך האָב צום ערשטן מאָל באַשטעלט פֿאַר זיך אַן אָנצוג לויט דער מאָס, וואָס איז געווען פֿאַרטיק נאָך פֿיר און צוואַנציק שעה.

אין טאָקיאָ האָט שוין אויף אונדז געוואַרט אַ פֿאַרטרעטער פֿון דער פֿירמע, ווו מיר פֿלעגן קויפֿן רוי־מאַטעריאַל און ער האָט אונדז באַגלייט אַ גאַנצע וואָך, וויפֿל מיר האָבן פֿאַרבראַכט אין יאַפּאַן.

יאַפּאַן האָט נאָך דעמאָלט נישט באַהערשט דעם וועלטמאַרק

מיט מאַשינען און עלעקטראָניק. אין יענער צײַט האָט יאַפּאַן זיך אויסגעצייכנט אין דער טעקסטיל־בראַנזשע, דער עיקר מיט די הויכ־ווערטיקע וואָלשטאָפן, וואָס מ׳האָט פון דאָרטן עקספּאָרטירט קיין אַמעריקע. קיינער אויף דער וועלט האָט נישט געקענט קאָנקורירן מיט די יאַפּאַנער, נישט אין דער קוואַליטעט פון דער סחורה און נישט אין די ביליקע פּרײַזן. זיי האָבן אויך געהאַט די פֿעיִקייט אין אַ קורצער צײַט אַריבערצוגיין פון איין שטח צום אַנדערן, פון איין פּראָדוקט צום צווייטן, פון וואָלשטאָף צו סינטעטישע פֿעדעם, פון טעקסטיל צו עלעקטראָניק וכדומה. ווען כ׳האָב געזען די יאַפּאַנישע אַרבעטער אין עטלעכע פּראָווינצשטעט און האָב זיך באַקענט מיט זייער מענטאַליטעט, האָב איך ערשט פֿאַרשטאַנען דעם סוד פון דער יאַפּאַנישער הצלחה.

איך האָב געזען זייער פֿלײַס און דאָס ממש רעליגיעזע התלה־בות לגבי דער אַרבעט און דער אונטערנעמונג. דער דירעקטאָר פון דער פֿאַבריק, מיט וועלכן כ׳האָב גערעדט ענגליש דורך אַן איבער־זעצער, ווײַל ער האָט נאָך געקענט יאַפּאַניש, האָט מיר דערציילט, אַז די אַרבעטער ווינען אין די בנינים פון דער פֿאַבריק און אַלע פֿילן זיך ממש ווי איין משפחה. די פֿאַבריק זאָרגט אויך פֿאַר די סאָציאַלע באַדערפֿענישן פון די אַרבעטער.

אַ סך פֿאַבריקן אויף דער וועלט האָבן פּרובירט נאָכמאַכן די יאַפּאַנישע סיסטעם, כּדי צו דערגרייכן די זעלבע רעזולטאַטן, אָבער קיין שום אינדוסטריע האָט עס נישט באַוויזן. אין יאַפּאַן איז די אַרבעט אַ רעליגיע און די מענטשן אַרבעטן מיט אַ פּאַטריאָטישן ענטוזיאַזם. רעליגיעזן מיטאָס און מענטאַליטעט פון אַ פֿאָלק — קען מען נישט נאָכמאַכן! אויך אַנדערע מיזרח־אַזיאַטישע פֿעלקער פּרוּוון הײַנט צו גיין אויף אָט דעם וועג, ווי למשל קאָרעאַ און טײַוואַן, און זיי האָבן טאַקע פֿאַרצייכנט אין די לעצטע יאָרן גרויסע הצלחות אין אויפֿבוי פון זייער אינדוסטריע.

אין די אַכט און פֿערציק שעה וואָס מיר האָבן פֿאַרבראַכט אין טײַלאַנד האָבן מיר געקענט באַוווּנדערן דאָס שיינע לאַנד מיט די עקזאָטישע פּאַגאָדעס און דער אָרעמער באַפֿעלקערונג. פון דאָרטן זענען מיר געפֿאָרן קיין טעהעראַן, ווו מיר האָבן שוין געהאַט

אונדזערע קונים, וואָס האָבן בײַ אונדז געקויפט פּאָדעם. פאַרשטייט זיך, אַז מיר זענען געווען אויף דעם באַרימטן טעהעראַנער מאַרק, ווו הונדערטער סוחרים קאָנקורירן צו פאַרקויפן די פּערסישע טעפּעכער. מיר האָבן טאַקע אײַנגעקויפט עטלעכע קליינע טעפּעכער, אָבער מיר זענען דערויף נישט געווען קיין מומחים און ס'האָט זיך אונדז געדאַכט אַז אַלע סוחרים ווילן אונדז אָפּנאַרן.

שוין דעמאָלט האָט מען געקענט זען, אַז איראַן איז פאַר אַן אויפשטאַנד. אין טעהעראַן איז געווען גאָר בולט דער קאָנטראַסט צווישן די גרויסע עשירים און דער גרויסער אָרעמקייט. די קאָרופּציע האָט געהערשט אין איטלעכן ווינקל. אַז מען קומט צו פאָרן פון יאַפּאַן קיין איראַן, קען מען זיך איבערצײַגן, אַז די עקאָנאָמישע פילאָסאָפיעס, סײַ פון רעכטס און סײַ פון לינקס, האָבן בעצם געהאַט אַ טעות, וואָרעם זיי האָבן מאַניפּולירט מיט ציפערן אויפן אָרט צו מאַניפּולירן מיט פעלקער־פּסיכאָלאָגיע.

יאַפּאַן — אַ פּאָר אָרעמע אינדזלען, וואָס פאַרמאָגן נישט קיין אייגן רוי־מאַטעריאַל, זענען מצליח דורך דעם ממש רעליגיעזן גײַסט פון די מענטשן וואָס שייך אַרבעט. דערקעגן איראַן, אַ רײַך לאַנד, וואָס פאַרמאָגט נאַפט און אַנדערע רוי־מאַטעריאַלן, זינקט אַלץ מער אין קאָרופּציע און רעליגיעזן פאַנאַטיזם. יאַפּאַן איז דאָס צווייטע לאַנד אויף דער וועלט מיט זײַן אינדוסטריע, נאָך אַמעריקע, און איראַן איז דאָס ערשטע לאַנד אויף דער וועלט מיט אַזאַ חומייניש־טונקלען רעזשים פון וויסטן רעליגיעזן קנאות.

נאָך אָט דער לאַנגער און אינטערעסאַנטער נסיעה אין ווײַטן מיזרח האָבן מיר זיך אומגעקערט קיין ישראל, אײַנצואָרדענען אונדזער נײַע דירה.

מיר פֿאָרן קיין רומעניע

כּמעט ווי אין אַ שפּיל פֿון גורל איז אויסגעקומען, אַז דעם ערשטן עקספּאָרט פֿון אַנצוגשטאָף האָט **פּולגת** געמאַכט דווקא קיין רומעניע. אַ רומענישע האַנדלס־דעלעגאַציע איז אָנגעקומען קיין ישׂראל, כּדי אָפּצושליסן דאָס געשעפֿט.

איך מיין אַז דאָס איז אויך געווען אַ מין דעמאָנסטראַציע קעגן דעם „גרויסן ברודער", דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, כּדי צו באַווײַזן אַז רומעניע איז אומאָפּהענגיק; דער רומענישער דיקטאַטאָר, טשעאַושעסקו, האָט טאַקע דעמאָלט אָנגעהויבן צו פֿירן אַ זעלבשטענדיקע אויסערן־פּאָליטיק און אויך אַ זעלבשטענדיקע עקאָנאָמישע פּאָליטיק. ווי אַ סך גויים, האָט ער געהאַלטן, אַז ישׂראל איז אַ מין שפּרונגברעט צו וואַשינגטאָן.

די האַנדלס־דעלעגאַציע האָט דערקלערט דער פּרעסע, אַז זיי זענען געקומען מאַכן גרויסע געשעפֿטן אין ישׂראל און דער עיקר, אַז זיי האָבן געקויפֿט בײַ **פּולגת** הונדערט טויזנט מעטער שטאָף. איינצײַטיק האָט מען מיך פֿאַרבעטן קיין רומעניע, כּדי צו פֿאַרהאַנדלען וועגן ווײַטערדיקע געשעפֿטן.

איך בין טאַקע געפֿאָרן קיין בוקאַרעשט אויף אַן אָפֿיציעלער פֿאַרבעטונג. ס'האָט מיך אינטערעסירט צו זען דאָס לאַנד וווּ איך בין געבוירן געוואָרן און אויפֿגעוואַקסן.

די רומענער האָבן אונדז אײַנקוואַרטירט אין דעם באַרימטן האָטעל „אַטענע פּאַלאַס", קעגן איבער דעם אַמאָליקן קעניגלעכן פּאַלאַץ. מיר האָבן באַצאָלט דאָרטן צען דאָלאַר אַ נאַכט פֿאַר אַ גרויסער סוויטע. אין דער מעריב־וועלט האָט עס דעמאָלט געדאַרפֿט קאָסטן צום ווינציקסטן 200 דאָלאַר.

דער חורבן וואָס דאָס קאָמוניסטישע רעזשים האָט גורם געווען

האָט אונדז באַלד אַ זעץ געטאָן אין די אויגן. בוקאַרעשט, וואָס מ׳האָט אַ מאָל גערופֿן „קליין־פּאַריז״, מיט זײַן לוקסוס, מיט די באַרימטע רעסטאָראַנען און שיינע געשעפֿטן, ווי למשל דאָס אוניווערסאַלע געשעפֿט „גאַלערי לאַפֿאַיעט״ — האָט אויסגעזען גרוי און טרויעריק.

אין די אינסטיטוציעס ווו איך האָב געפֿירט דעם משא־ומתּן וועגן ווײַטערדיקע געשעפֿטן, האָבן תּמיד געמוזט זײַן לכל־הפּחות צוויי באַאַמטן. איינער אַליין האָט נישט געטאָרט מיט מיר רעדן. בכלל האָט דאָרטן געהערשט אַ סטאַליניסישער רעזשים, אויסגעמישט מיט רומענישער אומפּעניקייט.

מײַן שוואָגער, איציק נוסבּרויך, איז דעמאָלט נאָך געווען דירעקטאָר פֿון דער מלוכה־באַנק אין דער שטאָט סוטשעאַוואַ, בוקאָווינע, און אויך אַ מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. פֿאַרשטייט זיך, אַז ער און זײַן פֿרוי האַנזי, עדיטס שוועסטער, האָבן מורא געהאַט צו קומען צו אונדז אין האָטעל. מיר האָבן זיך באַגעגנט אין גאַס, פֿאַרן האָטעל, און גערעדט בלויז אין אַ פּאַרק.

שפּעטער מיט אַן ערך אַכט יאָר איז די גאַנצע משפּחה עולה געווען: דער שוואָגער מיט זײַן פֿרוי און זײַן איינציקע טאָכטער, זעלמאַ, מיט איר צוויי קינדער, און מײַן שוואָגערס צוויי און נײַנציק־יעריקער פֿאָטער, וואָס איז אַלע יאָרן געווען אַ ציוניסט און האָט נישט געקענט אַרויספֿאָרן פֿון רומעניע, ווײַל דער איינציקער זון זײַנער האָט געמוזט וואַרטן ביז ער וועט אַרויס אויף פּענסיע, כּדי צו באַקומען אַ באַוויליקונג עולה צו זײַן.

די רומענער האָבן געשטעלט צו אונדזער דיספּאָזיציע אַן אויטאָ מיט אַ שאָפֿער, וואָס האָט אונדז געדאַרפֿט אַרומפֿירן איבערן לאַנד. ביז דער שאָפֿער האָט אַרויסבאַקומען פֿונעם רײַזע־ביוראָ די עטלעכע הונדערט ליי אויף הוצאות, האָט געדויערט אַן ערך זעקס שעה, מחמת דער קאָמפּליצירטער ביוראָקראַטיע. סוף־כּל־סוף זענען מיר געפֿאָרן קיין סינאַיאַ, אַ וווּנדערלעכע אָרטשאַפֿט אין די בערג, ווו דער אַמאָליקער מלך האָט געהאַט זײַן זומער־פּאַלאַץ. ווי לאַנג איך האָב געלעבט אין רומעניע, איז קיין מאָל נישט געווען קיין געלעגנהייט צו פֿאָרן אַהין, און אַוודאי נישט צו

זען דעם פּאַלאַץ. אַצינד, ווען מיר האָבן שוין זוכה געווען צו זײַן דאָרטן, האָבן מיר געהאַט אַ גרויסע אַנטוישונג. דער אַמאָליקער לוקסוס-קוראָרט, ווו מיליאָנערן האָבן פאַרבראַכט די זומער-חדשים, האָט אויסגעזען ווי אַ קליין אָרעם שטעטל, מיט טרויעריקע, שלעכט-געקליידטע מענטשן. דער אַמאָליקער קיניגלעכער פּאַלאַץ איז געווען פאַרשלאָסן, מחמת רעסטאַווראַציע-אַרבעטן.

בײַם אַרויספאָרן פון בוקאַרעשט, האָבן מיר געזען דעם גרויסן בנין, ווו עס געפינט זיך די צענטראַלע קאָמוניסטישע צײַטונג סקענטעיאַ. פאַרן בנין שטייט אַ הויכע לענין-סטאַטוע.

— פריִער איז דאַ געשטאַנען די סטאַטוע פונעם באַנדיט סטאַלין — האָט זיך אָנגערופן דער שאָפער — האָט מען זי אַראָפּ-געריסן. איך האָף אַז ס׳וועט נישט לאַנג געדויערן און מע וועט אויך אַראָפּרײַסן די סטאַטוע פונעם באַנדיט לענין . . .

פאַראַן אַ גוואַלדיקע שינאה בײַ דער באַפעלקערונג קעגן די רוסן. מ׳האָט, פאַרשטייט זיך פײַנט אויך דעם רעזשים, וואָס האָט פאַראָרעמט דאָס לאַנד, אָבער די שינאה קעגן די רוסן איז גרעסער.

מיר זענען געפאָרן איבער טראַנסילוואַניע ביז קיין מאַרמאַרעש — בוקאַרעשט-בראַשאָוו-טירגו-מורעש-ביסטריצאַ-באָרשע — און צוריק. אַ וועג פון אַן ערך אַכט הונדערט קילאָמעטער, אין חודש אויגוסט. מיר האָבן באַגעגנט בלויז געציילטע פריוואַטע אויטאָס. אַחוץ מיליטערישע מאַשינען און לאַסטאויטאָס, איז דער וועג געווען פוסט. אין די האָטעלן, אַחוץ אין בוקאַרעשט און בראַשאָוו, איז ממש נישט געווען וואָס צו עסן. אַלץ איז געווען אָרעם און גרוי. די מענטשן — גלײַכגילטיק.

אין באָרשע, ווו איך בין געבוירן געוואָרן, האָבן נאָך געלעבט דרײַ ייִדישע משפחות. איך בין אַרײַן דאָרטן אין בנין פון דער אָרטיקער פאַרוואַלטונג, „פרימאַריִאַ״, ווי עס הייסט אויף רומעניש, צוליב דרײַ טעמים: דאָס הויז ווו מײַן זיידע, יהודה-מאיר, האָט אַ מאָל געוווינט, איז געשטאַנען פונקט קעגן איבער דעם בנין פון דער פאַרוואַלטונג, האָב איך געוואָלט אַרײַנקוקן אַהין און פרעגן בײַ די באַאַמטע ווער עס וווינט דאָרטן אַצינד. זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז דאָרטן זענען די ביוראָס פון קאָאָפּעראַטיוו. בעת איך

בין געווען אַ קינד, האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַז דעם ייִדנס הויז איז גוואַלדיק גרויס; איצט האָט עס זיך מיר אויסגעוויזן קליין און נישטיק. צוווייטנס, האָב איך געוואָלט זען צי איך בין פֿאַרשריבן אין די מעטריקע־ביכער פֿון באָרשע. האָב איך טאַקע געפֿונען, אַז מײַן טאַטע האָט מיך פֿאַרשריבן דעם 8טן יאַנואַר 1910, נאָר געבוירן בין איך דעם 29סטן דעצעמבער 1909. ווען איך האָב אַ מאָל געפֿרעגט מײַן טאַטע, פֿאַר וואָס ער האָט געלאָזט אַרײַנשרײַבן אין מעטריקע אַז כ׳בין געבוירן מיט צוועלף טעג פֿרײַער, און דעריבער האָב איך געמוזט גיין צום מיליטער פֿרײַער מיט אַ יאָר — האָט ער מיר געענטפֿערט: ווער האָט זיך משער געווען, אַז ביז דו וועסט דאַרפֿן גיין צום מיליטער וועט נאָך נישט קומען משיח? דריטנס, האָב איך געבעטן דעם אַדרעס פֿון אַ ייִדן, וואָס זאָל מיט אונדז אַרויפֿגיין אויפֿן בית־עולם. דער באָרשער בית־הקברות איז געווען אויף אַ הויכן באַרג און איך געדענק אַז מ׳האָט אים געקענט זען פֿון אונדזער אַמאָליקער שטוב. קינדווײַז בין איך דאָרטן קיין מאָל נישט געווען. כ׳האָב אַפֿילו מורא געהאַט אַרויפֿצוקוקן אויפֿן באַרג מיט מתים. איך קען עד־היום נישט פֿאַרשטיין, ווי אַזוי מ׳איז אַהין אַרויפֿגעקראָכן, אויף דעם שיפּועדיקן וועג, בפֿרט ווינטער, מיטן בר־מינן. איך בין אַרויף אַהין זוכן די קברים פֿון דער משפּחה — פֿון באָבעס און זיידעס. אויך דאָ האָט מיך אַרומגענומען אַ שווידערלעכער טרויער: נישט גענוג וואָס אין שטאָט, אין באָרשע, זענען קיין לעבעדיקע ייִדן כּמעט נישט געווען, איז אויף דער בית־הקברות געווען אַ וויסטעניש — איבערגעקערטע מצבֿות, אַרומגעוואַקסענע מיט הויכע גראָזן. מע קען שוין נישט איבערלייענען קיין נעמען אויף די פֿאַרוואַקסענע שטיינער. אויך דאָ איז קענטיק דער חורבן, פּונקט ווי אין שטאָט, וואָס האָט אַ מאָל געאָטעמט מיט אַזוי פֿיל ייִדן, פֿרומע, ערלעכע ייִדן, מיט זייער לעבנס־שטייגער, מיט זייערע דאגות, מיט זייער וואָכעדיקייט און יום־טובֿדיקייט.

מיר זענען אַרויסגעפֿאָרן פֿון באָרשע ווי פֿון אַ בייזן חלום, און איבערן פּריסלאָפּ ממשיך געווען דעם וועג דורך דער בוקאָווינע, קודם קיין קימפּולונג, דערנאָך קיין גורא־הומאָרולוי. דאָרטן האָבן מיר נאָך געטראָפֿן עטלעכע מנינים ייִדן, אָבער אויך דאָרטן זענען

מיר אויפגעטרייסלט געוואָרן פון דעם מצב אין דעם שטעטל, ווי כ׳האָב פאַרבראַכט מײַן „שטורעם־און־דראַנג־פעריאָד״. דאָס שטעטל ווי עדיט איז געבוירן געוואָרן און וואָס האָט פאַר דער מלחמה אַזוי אימפעטיק געלעבט, אַ דאַנק דער האָפערדיקער אָפּטימיס־טישער יוגנט, דער גרויסער צאָל קורגעסט וואָס פלעגן קומען זומערצײַט, אָט דאָס שיינע שטעטל מיט דער ווונדערלעכער לאַנד־שאַפט אַרום און אַרום, איז אויך געווען טרויעריק. מיר האָבן דאָרטן געטראָפן באַקאַנטע מענטשן — אַלע אָן אַ שמייכל אויף די ליפן. די קינדער וואָס זענען שוין געבוירן געוואָרן נאָך דער מלחמה, האָבן נישט געקענט פאַרשטיין פאַר וואָס זייערע עלטערן זענען בכלל געבליבן אין רומעניע. זייער האָפענונג איז געווען עולה צו זײַן קיין ישראל. מיר זענען געווען צו גאַסט בײַ אַ באַקאַנטער משפחה, וואָס זענען פאַר דער מלחמה געווען פאַר־ברענטע קאָמוניסטן. זייערע קינדער האָבן זיך איצט באַרימט דער־מיט, וואָס זייערער אַ זיידע איז געווען אַ גרויסער גביר. זיי האָבן גאָר נישט באַנומען, פאַר וואָס זייערע עלטערן זענען געווען קאָמוניסטן. אין דעם שיינעם וואַלד לעבן שטעטל, בײַם טײַך, ווי ס׳האָבן זיך אָפּגעשפּילט אַזוי פיל ליבעס, איז אויך געווען פּוסט. בלויז עטלעכע קי האָבן זיך דאָרטן געפּאַשעט. דער רעזשים האָט די גאַנצע געגנט פאַרוואַנדלט אין אַ מידבר.

אויפן וועג צוריק קיין בוקאַרעשט, בין איך געווען ווי אין אַ טראַנס. אַ לאַנגע צײַט האָב איך נישט געקענט אַרויסרעדן אַ וואָרט.

איך נעם אַליין איבער די אָנפירונג פון „פולגת“

אין יאָר 1966, בעתן קריזיס וואָס מ׳האָט אים גערופן „מיתון“, האָט די אונטערנעמונג פולגת אַקומולירט אַ פאַרלוסט פון נישט ווינציקער ווי צוויי און אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר. טעאָרעטיש איז די אונטערנעמונג געווען באַנקראָט. אויך אַנדערע, גרעסערע טעקסטיל־אונטערנעמונגען, האָבן געהאַט דעם זעלבן גורל. אַ טייל האָבן באַנקראָטירט און אַ טייל האָט די רעגירונג איבערגעגעבן אין אַנדערע הענט. אַזוי האָט געטראָפן מיט דזשימי לעווי, אפקים, פיתן דימונה, טעקסטיל בית־שאן, סיבי דימונה, וואָלטקס עפולה. אַלע זענען אַריבער צו אַ צווייטער אָדער אַפילו אַ דריטער האַנט. אַ טייל איז שפעטער אין גאַנצן פאַרשווונדן.

איך האָב בשום־אופן זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן. איך האָב נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז איך בין אין ישראל דורכגעפאַלן און צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן געבליבן מיט אַזאַ היזק. דאָס האָט מאָראַליש און פסיכאָלאָגיש אויף מיר געדריקט און אויך צעטרייסלט מײַן אידעאַלע באַציִונג צו מדינת־ישראל. מיט אַזאַ מצב האָב איך נישט געקענט שלום מאַכן.

נאָך ערנסטע באַטראַכטונגען בין איך געקומען צום אויספיר, אַז איך קען ראַטעווען די אונטערנעמונג אין צוויי באַדינגונגען: ערשטנס, מוז איך אַליין איבערנעמען די אָנפירונג פון פולגת, ווײַל ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז ווײַט נישט גענוג צו אינוועסטירן קאַפיטאַל אין ישראל. פון דער ווײַטנס קען מען קיין אינדוסטריע נישט פירן. בפרט אין די שווערע באַדינגונגען פון מדינת־ישראל. צווייטנס, מוז „פולגת“ ווערן אַ קאָמפלעקס, דהײַנו, די אונטערנעמונג מוז דערגאַנצט ווערן מיט אַ קאָנפעקציע־פאַבריק. די פראָדוקציע פון שטאָף מוז אויך פאַרגרעסערט ווערן, וואָרעם

פאַרן לאַנד גופא איז די פאַבריק צו גרויס, אָבער פאַר עקספּאָרט — איז די פאַבריק צו קליין. ספּיר האָט שוין פריִער אויף מיר געדריקט, איך זאָל פאַרגרעסערן די פאַבריק, ווײַל דאָס האָט געמיינט באַשעפ־טיקן מער אַרבעטער און אויף אַזאַ אופן לייזן די אַרבעטלאָזיקייט אין קרית־גת.

איך בין געקומען אין ישראל און פאַרגעלייגט דעם פּלאַן מײַנע צוויי ברודערן־זין, וואָס האָבן בעצם אָנגעפירט מיט דער פאַבריק — יאָסי ווי דער גענעראַל־דירעקטאָר און דב ווי דער טעכנישער דירעקטאָר. כ׳האָב זיי דערקלערט, אַז איך נעם אויף איבער די אָנפירונג און וועל זײַן גענעראַל־דירעקטאָר מיט דעם גאַנצן אחריות, אַנשטאָט יאָסי. מײַן ברודערן־זון יאָסי האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי אין מײַן פּלאַן און האָט אויך נישט געוואָלט בלײַבן אין פאַבריק מיט אַ צווייטן ראַנג. ער האָט מיט נאָך צוויי שותפים אָפּגעקויפט איינע פון די „אומן"־שטריקערײַען אין צפת (סריגי־צפת) און איז געוואָרן זעלבשטענדיק. ערשט שפּעטער מיט צען יאָר האָט ער זיך צוריקגעקערט און איז געוואָרן אי אַ שותּף אי דער גענעראַל־דירעקטאָר פון „אומן". שפּעטער האָבן מיר אויך אָפּגעקויפט די פאַבריק פון „לנה" אין אור־יהודה.

ווען כ׳האָב איבערגענומען די אַקטיווע אָנפירונג פון דער אונטערנעמונג, בין איך געווען זיכער, אַז מיט מײַן גרויסער דער־פאַרונג וועל איך מצליח זײַן אַרויספצופירן די פאַבריק אויפן דרך־המלך. מײַן צווייטער ברודערן־זון, דב, איז געבליבן אין דער אונטערנעמונג און האָט אַרויסגעוויזן אָרגאַניזאַטאָרישע און טעכ־נישע פעיִקייטן אין נײַעם פאַרנעם.

איך האָב געהאַט מײַן שטייגער אין דער אַרבעט: קודם־כּל נישט פירן די פאַבריק פון ביורא אויס, נאָר פאַרברענגען אַ סך צײַט לעבן די אַרבעטער. מײַן פּרינציפּ איז תּמיד געווען, אַז אין אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען דאַרף מען שטעלן דעם טראָפּ אויף קוואַליטעט און אויף רעדוצירן דעם קאָסטנפּרײַז פון דער פּראָ־דוקציע, דהײַנו, מע זאָל אויסאַרבעטן מער סחורה אין ווינציקער צײַט. אַחוץ דעם האָב איך שטענדיק געהאַלטן, אַז דער אַרבעטער מוז זײַן אַ שותּף אין פאַרמעסט, ער דאַרף פילן אַז זײַן אַרבעט

ווערט אָפּגעשאַצט ווי אַ וויכטיקער בײַטראָג צו דער חלוצישער אונטערנעמונג.

איידער איך האָב איבערגענומען דאָס אַחריות, האָט מען אויס־געאַרבעט אַ גרויסן פּראָצענט צווייטראַנגיקע סחורה. אַחוץ דעם זענען אויך די הוצאות געווען צו גרויס.

איך האָב אַריבערגעפירט קיין קרית־גת די בוכהאַלטעריע פון דער אונטערנעמונג און איבערגעלאָזט אין תּל־אָביב בלויז אַ קליינעם שטאַב, אין שײַכות מיט די בענק און מיט די ענינים פון עקספּאָרט־אימפּאָרט, וואָס האָט זיך געדאַרפט ראַנגלען מיט דער קאָמפּלי־צירטער ישׂראלישער ביוראָקראַטיע.

פאַר מיר איז געווען קלאָר, אַז מע קען זײַן אַפילו אַ גאון אין פינאַנץ־ענינים, אין עקאָנאָמיע און אַדמיניסטראַציע — נאָר אויב מע פּראָדוצירט נישט קיין ריכטיקע סחורה פון גוטער קוואַליטעט, קען מען נישט מצליח זײַן. ווען איך פלעג קומען קיין קרית־גת, פלעג איך צו ערשט אַרײַן אין פאַבריק. כ'האָב קאָנטראָלירט און בודק געווען די מאַשינען און די אויסגעאַרבעטע סחורה. כ'האָב גערעדט מיט די אַרבעטער און מיט די טעכניקערס. מיט דער הילף פון מײַן ברודערן־זון דב, וואָס האָט אַלץ מער אָנגענומען מײַן צוגאַנג צו דער אַרבעט, האָב איך נאָך אַ קורצער צײַט שוין דערזען אַ ליכטשטראַל בײַם סוף פון טונעל...

ווען די בענק האָבן געזען די נעגאַטיווע ציפערן אין אונדזער בילאַנץ, האָבן זיי מורא געהאַט אונדז ווײַטער צו געבן קרעדיט. ערשט ווען כ'האָב פערזענלעך איבערגענומען די אָנפירונג און האָב אויך באַקומען די שטיץ פון פנחס ספּיר, האָבן זיי באַקומען מער צוטרוי צו אונדזער אונטערנעמונג.

כ'האָב אויך באַשלאָסן, אַז איידער איך פאַרגרעסער די פאַב־ריק, מוז איך אַליין אַרויספאָרן אין קאָנטינענטאַל־אייראָפּע און ענגלאַנד, דערנאָך קיין אַמעריקע. איך האָב זיך געוואָלט פערזענלעך באַקענען מיט די קונים און אַליין אויספאָרשן וועלכע סחורות עס פאָדערט דער מאַרק. בעת דער דאָזיקער נסיעה האָב איך זיך באַקענט מיט צוויי פירמעס, וואָס האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע

אין אונדזער אַנטוויקלונג און אין אונדזער הצלחה. מיט דער צײַט האָבן זיך די געשעפטלעכע פֿאַרבינדונגען מיט אָט די צוויי פֿירמעס אויך פֿאַרוואַנדלט אין גוטע פֿרײַנדשאַפטלעכע באַציִונגען. ווײַל איך טאַקע וועגן אָט די פֿירמעס דערציילן אַ ביסל פּרטימדיקער.

ריימאָנד און אַנדרע באָלאַג

אין ציריך האָב איך וויזיטירט די קליידער־פאַבריק „שאַרל באָלאַג און זין“, וואָס האָט אָנגעהויבן קויפן בײַ אונדז שטאָף פאַר מענער־אָנצוגן. די פאַבריק האָט געהערט צו די צוויי ברידער ריימאָנד און אַנדרע באָלאַג. ביידע האָבן אויסגעזען ווי עכטע שווייצער און האָבן טאַקע גערעדט צווישן זיך דעם שווייצעריש־דײַטשן דיאַלעקט, וואָס איך האָב כּמעט נישט פאַרשטאַנען. אויך אין מיסחר האָבן זיי זיך אויפגעפירט מיט אַ שווייצערישער פּינקטלעכקייט.

כ'האָב געוווּסט אַז זיי זענען ייִדן, אָבער לויט זייער אויסזען און זייער זאַכלעכקייט בין איך געווען איבערצײַגט, אַז זיי זענען אין גאַנצן אַסימילירטע ייִדן. ביז איינער פון די ברידער — איך געדענק שוין נישט צי ריימאָנד, דער עלטערער, אין די מיטעלע פּערציקער, צי אַנדרע, דער ייִנגערער מיט אַן ערך זעקס יאָר — האָט מיך פאַרבעטן פּריוואַטיק צו נאַכטס צום נאַכטמאָל. איך בין פּשוט געווען איבערראַשט פון דער פײַערלעכער, טראַדיציאָנעלער, שבתדיקער סעודה. ס'איז געווען פאַרזאַמלט די גאַנצע משפּחה — איטלעכער פון די צוויי ברידער האָט געהאַט צו פיר קינדער — און אַלע האָבן מיטגעזונגען די זמירות אין אַ דײַטש־ייִדישן נוסח. נאָך דער סעודה האָט דער פאָטער באַזונדער און די מוטער באַזונדער אַרויפגעלייגט די הענט אויף יעדן קינד און זיי געבענטשט מיט ברכת־כּהנים — יברכך וישמרך וכו׳. איך בין געווען געפּלעפט און באַגײַסטערט פון דער שיינער ייִדישער טראַדיציע אין שטוב בײַ די צוויי ברידער.

בײַ זיך האָב איך געטראַכט : אַט האָב איך באַקומען אַ שטרענג אָרטאָדאָקסע דערציִונג און צום סוף האָב איך אַרויסגעשיט דאָס

קינד אין איינעם מיטן וואַסער פון דער באַליע. און אַט איז אַ משפּחה, וואָס לעבט שוין אַן ערך דריי הונדערט יאָר אין דער שווייץ, האָט מסתּמא באַקומען אַ פאָרמעלע ייִדישע דערציִונג, און פאַרשטייט פון דעסטוועגן אַזוי שיין און פייערלעך צו פּראַוועןן אַ ייִדישן שבת. אפשר איז טאַקע שולדיק דער אָרטאָדאָקסער פאַנאַ־טיזם גופא, וואָס דער גרעסטער טייל פון דער ייִדישער יוגנט אין מיזרח־אייראָפּע איז אַוועק פון דער רעליגיעזער טראַדיציע ? און אפשר איז די דאָזיקע יוגנט אַוועק אויף מאָדערנע וועגן, מחמת דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע און דעם ווילדן אַנטיסעמיטיזם ? אַזאַ ויתרוצצו איז פאָרגעקומען אין מיינע מחשבות בעת יענעם שבתדיקן טיש.

מיט דער צייט זענען מיר געוואָרן נאָענטע פריינד מיט יענע צוויי משפּחות אין דער שווייץ, מיט זייערע פרויען און קינדער. אַ סך שבתים האָבן מיר פאַרבראַכט איינער ביים צווייטן. מיר האָבן אָבער נישט געקענט אָפּצאָלן מיט דער זעלביקער פייערלעכער שטימונג ווי ביי זיי.

דערביי זענען מיר געוואויר געוואָרן ווי נאָענט זיי פילן זיך צו ישראל און ווי זיי העלפן דער ייִדישער מדינה אין איטלעכן תחום. איינציייטיק זענען זיי אויך זייער אַקטיוו אין ייִדישן קהילה־לעבן אין ציריך.

דער עלטערער ברודער, ריימאָנד, וואָס איז אין די אָנהייב זיבעציקער יאָרן פאַרווונדיקט געוואָרן אין אַן אויטאָ־אַקסידענט, דורך אַ נס אַרויס פון שפּיטאָל בלויז מיט אַ קראַנקן פוס, האָט אויפגעגעבן די געשעפטן, און דערנאָך אויפגעבויט אַ זייער מאָדער־נעם מושב־זקנים פאַר דער ייִדישער קהילה. באַלד איז אויך דער צווייטער ברודער, אַנדרע, אַרויס פון געשעפט. אויך ער איז אַקטיוו אין דער ציריכער ייִדישער קהילה. ס'איז זיי אויך געראָטן צו דערציִען די קינדער אין דעם זעלבן ייִדישן גייסט. איינער פון ריימאָנדס זין, בערטראַנד, האָט זיך פאַרליבט אין אַ שווייצער מיידל, אַ קריסטין, האָט זי זיך מגייר געווען און איז געוואָרן נאָך פרומער ווי איר מאַן.

דער צווייטער ברודער, אַנדרע, האָט צוויי זין און צוויי טעכטער.

די זין — פיליפ און טערי — זענען אַזוי פרום, אַז זיי טראָגן אום שבת אַפילו נישט קיין נאָזטיכל, ווײַל ס'איז נישטאָ קיין ערב. בײדע האָבן דערבײַ אַקאַדעמישע בילדונג.

ווי קען מען אָפּשאַצן אַ ייִדישע נשמה? ס'איז, ווײַזט אויס, אַ סימן פון נצח ישראל לא ישקר...

מיר האָבן דערקענט זייער ליבשאַפט צו מדינת־ישראל אין אופן ווי זיי האָבן אונדז געהאָלפן אויפשטעלן אונדזער קליידער־פאַבריק „בגיר". זיי האָבן אונדז איבערגעגעבן זייער גאַנצע דערפאַרונג, אין איינעם מיט די מאָדעלן, און געשיקט טעכניקערס.

אָן זייער הילף וואָלטן מיר אַוודאי נישט געקענט אין אַזאַ קורצער צײַט נאָכן אויפשטעלן די פאַבריק אויסאַרבעטן מענער־אַנצוגן, פון אַזאַ קוואַליטעט, פאַר עקספּאָרט.

די פרײַנדשאַפט פון די צוויי ברידער באַלאַג האָט זיך אויס־געברייטערט אויף אונדזער גאַנצער משפחה, ביז קיין טשילע. ווען עדיט איז אין 1975 אַזוי שווער קראַנק געוואָרן, האָבן זשאַנין, די פרוי פון ריימאָנד און ניקאָל ז"ל, די פרוי פון אַנדרע, געטאָן אַלץ וואָס איז געלעגן אין זייער כּוח, כּדי איר צו פאַרלײַכטערן די צוויי חדשים וואָס זי איז געלעגן אין ציריכער שפּיטאָל. נישט געקוקט אויף דעם גרויסן אונטערשייד צווישן אונדז אין דערציִונג און איבערלעבונגען, האָט זיך אַנטוויקלט אַ מין אידעאַלע פרײַנדשאַפט, טאַקע ווי אין פסוק שטייט: אהבה שלא תלויה בדבר, אַ ליבשאַפט וואָס נעמט זיך בלויז פון אַ בשותּפותדיקן אידעאַל, פון אַהבת־ישראל. אין אונדזער פאַל איז עס געווען אַהבת־מדינת־ישראל, וואָס האָט צונויפגעפירט מענטשן פון צוויי אַזעלכע פאַרשיידענע וועלטן.

מיט אַן ערך דרײַ יאָר איידער איך שרײַב די דאָזיקע שורות, איז ניקאָל געשטאָרבן אין עלטער פון בלויז זעכציק יאָר, נאָך אַ שווערער קרענק, וואָס זי האָט אַ סך יאָרן באַקעמפט מיט גבורה און אָפּטימיזם. זי איז באמת געווען אַן אשת־חיל. אַ סך צײַט און מי האָט זי אָפּגעגעבן פאַר מדינת־ישראל, באַזונדערש פאַר די „אָרט"־שולן. צוויי מאָל אין יאָר זענען זיי דאָ געווען צו גאַסט.

פון ניקאָל האָט ממש אויסגעשטראַלט די פּערזענלעכקייט און

די גרויסע ליבע צו מענטשן. מיר זענען געפֿאָרן אויף דער לוויה קיין ציריך און האָבן דאָרטן געקענט זען דעם טרויער נישט בלויז ביי דער משפּחה און פֿריינד, נאָר אויך ביים גאַנצן עולם וואָס איז געקומען, אין אַ גרויסער צאָל, זי באַגלייטן אויף איר לעצטן וועג אין דער אייביקייט.

ווען ריימאָנד איז אין 1985 געוואָרן אַ בן־שבעים, איז ער מיט דער גאַנצער משפּחה געקומען אַהער, צו פּראַוועןן דעם יובל, ווי אַן אויסדרוק פֿון צוגעבונדנקייט צו מדינת־ישראל.

מאַרקס און ספּענסער

בעת איך בין געווען אין לאָנדאָן בײַ דער באַרימטער פירמע „מאַרקס און ספּענסער״, האָב איך זיך דאָרטן באַקענט מיט ד״ר אַלעק לערנער, וואָס איז דעמאָלט געווען דער דירעקטאָר פון דער טעקסטיל־אָפּטיילונג אין דער גרויסער געזעלשאַפט. ער איז געבוירן געוואָרן אין קאַנאַדע און געווען אַ מעדיצינער. געקומען קיין ענגלאַנד, ווי אַ מיליטער־מאַן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה און דאָרטן חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון לאָרד סיימאָן מאַרקס. ער איז אויך אַרײַן אַרבעטן אין דער געזעלשאַפט.

ד״ר לערנער, אַ וואַרעמער ייִד און אַ ציוניסט, האָט בײַ מיר באַשטעלט, לשם פּראָבע, עטלעכע טויזנט מעטער הויזנשטאָף. צו זײַן אַ ליוועראַנט פון „מאַרקס און ספּענסער״ איז אײַן קלייניקייט! לערנער האָט מיר געזאָגט אויף ייִדיש, בעתן חתמענען די באַשטעלונג: די פירמע קויפט צום ערשטן מאָל וואָלשטאָף אין ישראל. זי האָט פריִער בלויז געקויפט קאָרדערוי־שטאָף בײַ „אתא״. זאָל איך למען־השם אין זינען האָבן, אַז די סחורה זאָל זײַן פון אַ גוטער קוואַליטעט און זאָל צוגעשיקט ווערן פּינקטלעך, אין צײַט. ער איז טאַקע אַ ציוניסט — האָט ער געטענהט — אָבער געשעפט איז געשעפט: אויב די סחורה וועט נישט זײַן לויטן מוסטער, מעג איך זיך געזעגענען מיטן געדאַנק צו זײַן אַ ליוועראַנט פון „מאַרקס און ספּענסער״. ער וויל אָבער זייער אַז די פירמע זאָל קויפן מער סחורה אין ישראל.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער ראָמאַן מיט דער ריזיקער ענגלישער פירמע „מאַרקס און ספּענסער״, וואָס האָט געשפּילט די וויכטיקסטע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון „**פּולגת**״.

דעמאָלט, צוריק מיט אַן ערך צוואַנציק יאָר, האָט די דאָזיקע

פירמע נאָך נישט פאַרקויפט קיין מענער־אַנצוגן — בלויז הויזן. זיי האָבן געקויפט שטאָף אין דריי־פיר קאָלירן, ווי ס'האָט באַשטימט איסאַמאַר גלאַסמאַן, דער שעף־לאַבאַראַנט, וואָס האָט אויך קאָנט־ראָלירט די קוואַליטעט, און געלאָזט מאַכן די הויזן אין ענגלאַנד. נאָך דעם ווי די ערשטע באַשטעלונג איז אַדורך בשלום, האָבן מיר אָנגעהויבן ליווערן גרעסערע קוואַנטיטעטן שטאָף.

מיט אַ צייט שפּעטער איז געקומען צו אונדז צו גאַסט לאָרד ישׂראל זיוו. איך האָב זיך מיט אים געהאַט באַקענט אויפֿן כּינוס פֿון יידישן וועלט־קאָנגרעס אין 1959. ער איז געווען דער פּרעזידענט פֿון ענגלישן אָפּטייל. נאָכן טויט פֿון לאָרד מאַרקס, איז ער אויך געוואָרן פֿאַרזיצער פֿון דער פירמע „מאַרקס און ספּענסער".

לאָרד זיוו איז געווען אַ פֿאָלקסטימלעכער ייד און, לויט איך געדענק, האָב איך טאַקע מיט אים גערעדט יידיש. אַ ייד אַ חכם, מיט אַ סך הומאָר. בעת ער איז געווען צו גאַסט ביי אונדז אין פֿאַבריק, האָב איך אים געזאָגט:

— אויב איר וועט קויפֿן מער סחורה ביי אונדז, וועט עס זיין לטובת דריי ישׂראלס: מדינת־ישׂראל, ישׂראל זיוו און ישׂראל פֿאָלאַק:

ער האָט זיך צעשמייכלט און מיר געענטפֿערט, אַז דאָס איז אָפּהענגיק בלויז פֿון איין ישׂראל — פֿון ישׂראל פֿאָלאַק. אויב איך וועל אים ליווערן גוטע סחורה, איז נישטאָ פֿאַראַן קיין שום סיבה ער זאָל נישט קויפֿן מער. און ער האָט דערמאָנט דאָס באַקאַנטע ווערטל: די קו וויל געבן מער מילך ווי דאָס קעלבל וויל זויגן... איך טאָר אָבער נישט פֿאַרגעסן: ביזנעס איז ביזנעס. די סחורה מוז זיין גוט און פּרייזווערט. די קוואַליטעט מוז זיין נישט בלויז הונדערט־פּראָצענטיק, נאָר טאַקע הונדערט מיט צען־פּראָצענטיק. ווי, להבדיל, ביי אַ פֿרומען יידן כּשר למהדרין. איטלעכע שאלה איז מלכתּחילה טריף און איטלעכע פֿאַרשפּעטיקונג איז אַן עבֿירה, וואָס מען רעכנט זיך מיט איר ביי אַ נייער באַשטעלונג.

אַ גרויסע מעלה פֿון אָט דער פירמע איז, וואָס זי פֿירט זיך לאָיאַל סיי מיטן ליוועראַנט, סיי מיטן קונה. דער פּרינציפּ זייערער איז: לעבן און לאָזן אַן אַנדערן לעבן! זיי זענען נישט פֿאַראינ־

טערעסירט צו אַרבעטן מיט אַ פירמע וואָס האָט היזק, און זיי שפּילן נישט אויס אײן ליוועראַנט בײַם צווייטן, כּדי אַראָפּצודריקן דעם פּרײַז. זיי קענען זייער וווּל זייער כּוח, זיי ווייסן, אַז דער פאַבריקאַנט איז שוואַכער פון זיי; דעריבער איז זייער האַנדלס-פילאָסאָפיע געווען, אַז בלויז אַ פאַבריקאַנט וואָס פאַרדינט, וואָס קען פאַרבעסערן די קוואַליטעט פון דער סחורה און העכערן די פּראָדוקציע — בלויז אַזאַ פאַבריקאַנט קען זײַן אַ גוטער ליוועראַנט פאַר זייערט וועגן.

די באַציִונגען מיט „מאַרקס און ספּענסער" האָבן זיך ערשט רעכט אַנטוויקלט ווען די דאָזיקע פירמע האָט אָנגעהויבן, אין יאָר 1972, צו פאַרקויפן פאַרטיקע אָנצוגן, און, כּמעט איינציִיטיק, האָבן מיר פאַרענדיקט אויפצושטעלן אונדזער קאָנפעקציע-פאַבריק.

די פאַרבינדונגען צווישן דער פירמע „מאַרקס און ספּענסער„ און „פולגת" האָבן זיך שטאַרק אַנטוויקלט אין די יאָרן ווען פאָרזיצער פון דער ענגלישער געזעלשאַפט איז געווען לאָרד מאַרקוס זיוו, דער יורש פון זײַן פאָטער — ישראל זיוו. אין יאָר 1986 זענען מיר שוין דערגאַנגען צו אַ ליווערונג צו „מאַרקס און ספּענסער" אין ווערט פון פערציק מיליאָן סטערלינג. מיר זענען אויפן אַכטן אָרט צווישן די ליוועראַנטן פון „מאַרקס און ספּענסער", וואָס פאַרקויפט יערלעך סחורה פאַר אַן ערך פיר מיליאַרד סטערלינג, פון וועלכע — צוויי און אַ האַלבן מיליאַרד בלויז טעקסטיל. צווישן די אויסלענדישע ליוועראַנטן פון דער פירמע, זענען מיר די ערשטע.

פון יאָר 1984 איז לאָרד רײַנער דער פאָרזיצער פון „מאַרקס און ספּענסער". אויך ער איז אַ גוטער פרײַנד פון ישראל, פאַרשטייט זיך מיטן תּנאַי, מיר זאָלן זײַן פעיִק צו קאָנקורירן. „מאַרקס און ספּענסער" האָבן אײַנגעאָרדנט אַ פערמאַנענטע אויסשטעלונג פון ישראל-פּראָדוקטן, און זיי זענען שטאָלץ מיט דער סחורה וואָס זיי קויפן בײַ אונדז.

בעת די ענגלישע קאָנפעקציע-אינדוסטריע איז נאָך באַשטאַנען פון פאַרעלטערטע פאַבריקן, מיט אַ גרויסן צאָפּ, אין די זיבעציקער יאָרן, האָט זיך די פירמע פאַררופן אויף אונדז, און געפרעגט בײַ

די ענגלישע פאַבריקאַנטן, פאַר וואָס מע קען אין ישראל אויס־אַרבעטן אַ בעסערן אַנצוג ווי אין ענגלאַנד?

מאַרקוס זיוו האָט אונדז אויך געמאַכט אַ גוואַלדיקע רעקלאַמע אין דער גאַנצער האַנדלוועלט. ווו ער האָט נאָר געהאַט אַ געלעגנהייט, האָט ער אויסגעלויבט אונדזער סחורה. קיין בעסערע רעקלאַמע האָבן מיר נישט געדאַרפט.

„מאַרקס און ספענסער" איז אַ שם־דבר אויף דער גאַנצער וועלט. זיי מאַכן נישט קיין רעקלאַמע פאַר זייער פירמע, און זייערע געשעפטן האָבן נישט אַפילו קיין וויטרינעס ביי דער גאַס. פון דעסטוועגן פאַרקויפן זיי, לויט דער גרייס פון געשעפט, מער ווי אַלע אַנדערע פירמעס. זיי פאַרדינען אויך מער ווי זייערע קאָנקורענטן. אַ סך פירמעס האָבן געפרוווט נאָכמאַכן זייער סיסטעם, אָבער ס'איז זיי נישט געראָטן.

אויף וואָס באַשטייט זייער הצלחה? אין תּוך אויף פשוטע פרינציפן: טאָג־טעגלעך ווערט קאָנטראָלירט פון דער גאַנצער אָנפירערשאַפט, ביז צו דעם פאָרזיצער, וואָס מען פאַרקויפט און וואָס נישט; מע האַלט אָן אַ כּסדרדיקן קאָנטאַקט מיט די ליוועראַנטן און מען גייט נישט איין אויף קיין שום פשרה, וואָס שייך קוואַליטעט, צו מאָל אַפילו ביז אַבסורד; מען אַרבעט בלויז מיט די בעסטע ליוועראַנטן; מען שטודירט און מען האַלט אין איין פאַרבעסערן די סיסטעם; דער עיקר — נישט שטיין אויף אַן אָרט! לערנען דעם ליוועראַנט און זיך לערנען ביים ליוועראַנט. בייטן די מענטשן פון איין סעקציע אין דער אַנדערער. פאַרן ליוועראַנט איז אַזאַ סיסטעם, פאַרשטייט זיך, גאָר נישט גרינג, אָבער דער עיקר איז דער רעזולטאַט.

פון וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס ריזיקע געשעפט? אין יאָר 1884 זענען צוויי אָרעמע עמיגראַנטן פון פוילן געקומען קיין ענגלאַנד און געעפנט אַ באַזאַר, ווו מ'האָט אַלץ פאַרקויפט פאַר איין פעני. „נישט פרעגן וויפל ס'קאָסט!" — איז געווען דער מאָטאָ — „אַלץ קאָסט איין פעני!" אַזוי האָט עס זיך אָנגעהויבן און האָט דערגרייכט צו זיין דאָס גרעסטע דעטאַל־געשעפט אין ענגלאַנד.

און מע שטייט נישט אויף אַן אָרט, דער גוואַלדיקער „שאָפּינג־סענטער“ האַלט זיך אין איין פאַרגרעסערן און פאַרברייטערן.

פון „מאַרקס און ספּענסער“ קאָן מען לערנען, אַז דער סוד פון הצלחה איז כּסדרדיקע איניציאַטיוו, לאָיאַליטעט און דינאַמיזם מצד דער אָנפירונג.

מאַרקוס זיוו, וואָס האָט באַקומען דעם טיטל לאָרד עטלעכע יאָר נאָך דעם ווי ער איז געוואָרן דער פאָרזיצער פון „מאַרקס און ספּענסער“, האָט אויך געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין מדינת־ישראל, ווי אַ לאַנג־יאָריקער פאָרזיצער פון וויצמאַן־אינסטיטוט. מיט זײַנע פאַרצווײַגטע באַציִונגען און מיט זײַן אייגענער פּערזענ־לעכקייט האָט ער אַ סך בײַגעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון אָט דער וויכטיקער אינסטיטוציע.

אַ וואָרט וועגן ד״ר לערנער, וואָס איז אין 1967 עולה געווען מיט זײַן פרוי, דליה, און מיט זייערע קינדער. ער איז אויך דאָ געווען אַקטיוו אין פאַרשיידענע אינסטיטוציעס, אָבער דער עיקר האָט ער קאָנצענטרירט זײַן איניציאַטיוו אויף דער טעקסטילשול „מכללת שנקר“, וואָס איז פון גרויס חשיבות פאַר דער טעקסטיל־אינדוסטריע אין ישראל.

ד״ר לערנער האָט אין משך פון יאָרן, מיט זײַן דערפאַרונג און זײַנע באַציִונגען, אויסגעבויט און געפירט די דאָזיקע אינסטי־טוציע, וואָס וואָלט, אפשר, אָן זײַן איניציאַטיוו, קיין קיום נישט געהאַט.

מיר פאָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד

מײַן ברודער חיים האָט נישט געקענט אַרויספאָרן פון רוסלאַנד, ווען אונדזער גאַנצע משפחה איז אַרויסגעפאָרן, ווײַל ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ רוסיש־געבוירענער פרוי און מיט איר געהאַט אַ קינד. אויך עדיטס ברודער, פרעדי, האָט חתונה געהאַט מיט אַ קעשענעווער פרוי און איז געבליבן אין ראַטן־פאַרבאַנד.

אין אַלע זײַנע בריוו האָט מײַן ברודער מיך געבעטן איך זאָל קומען צו גאַסט. דעם אמת געזאָגט, האָב איך פשוט מורא געהאַט צו פאָרן קיין רוסלאַנד. כ׳בין געווען גליקלעך וואָס כ׳בין פון דאָרטן איין מאָל אַרויס און האָב זוכה געווען צו לעבן אין דער פרײַער וועלט. אין אַזאַ לאַנד ווו ס׳איז נישט פאַראַן קיין עפנטלעכע מיינונג און נישט קיין אומאָפּהענגיקע יוסטיץ, קען מען זיך ריכטן אויף אַלץ. ווער ווייס וואָס פאַר אַ חטאים מע קען אויסגראָבן קעגן מיר און מיך דערווײַל אַרײַנזעצן אין תפיסה. טשילע וועט אַוודאי נישט דערקלערן מלחמה דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אויב מע וועט דאָרטן אַרעסטירן דעם פאַבריקאַנט ישראל פּאָלאַק. כ׳האָב זיך באַראָטן מיט אַ גוטן פרײַנד, האָט ער מיר געזאָגט פשוט און פראָסט: אין אַ לאַנד ווו מע טאָר נישט זאָגן עפנטלעך, אַז דער מלך טויג נישט, דאַרף מען נישט פאָרן.

חיים האָט מיר פון דעסטוועגן געשריבן, אַז נאָך דעם וואָס סטאַלין איז געשטאָרבן און כרושטשאָוו האָט אויפן 20סטן קאָנגרעס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אויפגעדעקט זײַנע חטאים, בלאָזן אַצינד אַנדערע ווינטן אין רוסלאַנד. עס וועט מיר גאָרנישט פּאַסירן — האָט מיך מײַן ברודער באַרוּקט — און אַ סימן אַז דער מצב דאָרטן האָט זיך געביטן — ער וועט אַפילו קענען וווינען אין זעלבן האָטעל ווו איך מיט עדיטן וועלן וווינען, אויב מיר וועלן קומען

אַהין צו גאַסט. סוף־כּל־סוף האָבן מיר אין חודש אויגוסט 1966 באַשלאָסן צו פאָרן.

מײַן ברודער חיים און זײַן פרוי סאַשאַ האָבן אונדז אָפּגעוואַרט אויפן מאָסקווער פליפלאַץ. מיר זענען בשלום אַריבערגעקומען די קאָנטראָלן און האָבן דעקלאַרירט אַלץ, יעדע קלייניקייט. בלויז די אייראָפּעיִשע צײַטשריפטן האָט מען בײַ אונדז צוגענומען.

מײַן ברודער האָט זיך צעוויינט פאַר פרייד. פופצן יאָר זענען אַוועק פון זינט מיר האָבן זיך נישט געזען, און אין אָט דער צײַט זענען פאָרגעקומען אַזוי פיל געשעענישן, וואָס האָבן געעפנט אַ תּהום צווישן דער מיזרח־וועלט און דער מערב־וועלט.

מיר האָבן געוווינט אין האָטעל „אימפּעריאַל", פונקט קעגן איבער דעם קרעמל. דער „אָביר" — די אָפיציעלע סאָוועטישע רײַזע־געזעלשאַפט — האָט אַלץ אײַנגעאָרדנט. מיר האָבן אויך געהאַט דאָס רעכט צו באַקומען אַ מדריך, וואָס זאָל מיט אונדז אַרומגיין און אונדז ווײַזן אַלע וויכטיקע מקומות. מײַן ברודער האָט אָבער געזאָגט, אַז מיר דאַרפן נישט קיין מדריך, ער קענט אויסגעצייכנט די שטאָט און ער אַליין וועט זײַן אונדזער מורה־דרך.

אין משך פון די יאָרן האָט חיים כּמעט פאַרגעסן אונדזער היימיש ייִדיש, ווי מיר האָבן פריִער גערעדט. זײַן ייִדיש איז געווען אויסגעמישט מיט רוסיש און מיט דײַטש. זײַן פרוי — האַלדז־נאָז־און־אויערן־דאָקטער — האָט בלויז געקענט אַ פּאָר ווערטער דײַטש. זי איז ממש געווען אייפערזיכטיק ווען זי האָט געזען מיט וויפל ברען און ליבשאַפט חיים האָט מיט אונדז גערעדט. פאַר איר איז די גאַנצע מערבדיקע וועלט, אין איינעם מיט איר מאַנס משפּחה, געווען פרעמד. זי איז אָבער געווען גענוג קלוג און אינטעליגענט, כּדי צו פאַרשטיין, אַז איר מאַן בענקט נאָך זײַנע נאָענטע און גאַרט אויך צו לעבן אין דער פרײַער וועלט.

מיר זענען אומעטום געגאַנגען מיט אונדזער פּאָלאַראָיִד־פּאָטאָ־אַפּאַראַט, וואָס האָט אַרויסגעגעבן פאַרטיקע בילדער, און די רוסן האָבן געקוקט דערויף ווי אויף עפּעס אַ כּישוף. אַ סך האָבן אונדז געבעטן מיר זאָלן זיי פאָטאָגראַפירן מיטן דאָזיקן אַפּאַראַט. ס'איז פאַר זיי געווען איינער פון די זיבן וועלטוווּנדער . . .

מײַן ברודער האָט מיר דערציילט, אַז יעדן אינדערפֿרי הערט ער אין באָד קול־ישראל אויף ייִדיש. אין איינעם אַ טאָג האָט ער געהערט רעדן דעם שרײַבער און עסײַיסט משה גראָס־צימערמאַן, וואָס האָט זיך באַזונדערש אײַנגעשטעלט פֿאַר די סאָוועטישע ייִדן. אין יענעם אינדערפֿרי האָט צימערמאַן דערציילט וועגן דער פֿירמע „פּולגת" און אירע אויפֿטוען אין קרית־גת. חיים האָט געוויינט פֿאַר פֿרייד און ס'האָט אים בלויז פֿאַרדראָסן, וואָס ער האָט נישט מיט וועמען זיך צו טיילן מיט זײַן שׂימחה.

צו יענער צײַט האָט נאָך געלעבט אונדזער מאַמע, און מײַן ברודער האָט שטאַרק געוואָלט מיר זאָלן פֿאַר אים פּועלן כאָטש אַ וויזיט אין טשילע, ער זאָל נאָך זען די אַלטע מאַמע. כ'האָב אים צוגעזאָגט אַז מיר וועלן אָנווענדן אַלע אונדזערע פֿאַרבינדונגען, כּדי אים צו העלפֿן באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויסצופֿאָרן אויף אַ וויזיט קיין טשילע. מיר האָבן טאַקע דעמאָלט געהאַט זייער גוטע באַציִונגען מיט דעם פּרעזידענט עדואַרדאָ פֿריי, אַ דאַנק איינעם פֿון אונדזערע דירעקטאָרן אין דער פֿאַבריק, דער געוועזענער פּרעזידענט פֿון טשילעאַנער פּאַרלאַמענט כאַקאָוואַ שאולסאָן, וואָס איז געווען אַ נאָענטער פֿרײַנד פֿון עדואַרדאָ פֿריי.

מיר האָט זיך פֿאַרוואָלט זען דעם מאַווזאָליי פֿון לענין. דאָרט איז טאָג־טעגלעך געשטאַנען אַ לאַנגע ריי מענטשן, וואָס זענען געקומען פֿון גאַנץ רוסלאַנד און שעהען־לאַנג געוואַרט אַרײַנצוגיין. בלויז טוריסטן, וואָס זענען געקומען מיט אַ מדריך, האָבן נישט געדאַרפֿט וואַרטן. היות עדיט איז שוין מיט דרײַ יאָר צוריק געווען אין רוסלאַנד און האָט שוין געזען דעם מאַווזאָליי, האָב איך געבעטן אַ מדריך בלויז פֿאַר זיך אַליין. האָט מען מיר געשיקט אַ יונג שיין מיידל, פֿון אַ יאָר צוואַנציק, וואָס האָט גערעדט פּערפֿעקט שפּאַניש. זי איז טאַקע באַלד אַרײַן מיט מיר אין אַ שמועס וועגן טשילעאַנער פּאָליטיק, וועגן דער טשילעאַנער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און וועגן פּרעזידענט עדואַרדאָ פֿריי. זי איז געווען אינפֿאָרמירט וועגן אַלץ.

דאָס איז אָבער בלויז געווען די הקדמה צו דעם וואָס זי האָט

בעצם געוואָלט מיט מיר רעדן. זי האָט מיר פּלוצעם געשטעלט אַ שאלה, וואָס האָט מיך אַריינגעטריבן אין אַ שרעק:

— פאַר וואָס זענט איר אַוועק אין 1945 פון ראַטן־פאַרבאַנד?

— האָט זיך מיך געפרעגט. — איר זענט דאָך געווען אַ פּרעדסע־דאַטעל פון אַ קאָאָפּעראַטיוו־פאַבריק. צי איז אייך נישט געפעלן אונדזער לאַנד? אייער ברודער איז דאָך געבליבן, פאַר וואָס זענט איר אויך נישט געבליבן?

ווען כ'האָב דאָס דערהערט, בין איך פשוט פאַרגליווערט געוואָרן. אויף אַזאַ שאלה האָב איך זיך נישט גערעכנט. אין דער בקשה צו באַקומען אַ סאָוועטישע וויזע, האָב איך טאַקע אַלץ דערקלערט, ווער און וואָס איך בין, אָבער אַז אָט דאָס שיינע מיידל, מיין וועגוויזערין אין מאָסקווע, וועט מיך פרעגן אַזעלכע שאלות, דאָס האָב איך נישט געחלומט.

דערווייל זענען מיר צוגעקומען צום מאַוזאָליי. ביים אַריינגאַנג האָט דאָס מיידל מיר געהייסן וואַרטן, און זי איז געגאַנגען רעדן מיט דעם עלעגאַנטן סאָוועטישן מיליטער־מאַן, וואָס איז דאָרטן געשטאַנען. נו — האָב איך ביי מיר געטראַכט — איצט בין איך שוין אין קעסטל. כ'האָב שוין געזען סיביר פאַר מיינע אויגן. כ'האָב שוין געהערט די אַרעסטאַנטישע קייטן קלינגען אויף מיינע פיס. כ'האָב נאָר געטראַכט, וואָס פאַר אַ חטאים זיי קענען מיר פיר־וואַרפן, וואָס האָב איך געזינדיקט? די מינוט וואָס דאָס מיידל האָט גערעדט מיטן מיליטער־מאַן, איז פאַר מיר געווען אַן אייביקייט.

ווען זי האָט מיך דערנאָך פאַרבייגעפירט דעם איינבאַלזאַמירטן לענין, האָב איך געקלערט, אַז זיין רעוואָלוציע האָט פאַרוואַנדלט גאַנץ רוסלאַנד אין אַ ריזיקער תפיסה. און ווער ווייס צי איך וועל זיך נאָך בשלום אַרויסבאַקומען פון דער דאָזיקער תפיסה?

ווען מיר זענען אַרויס פון מאַוזאָליי, האָב איך מיין שיינע באַגלייטערין פאַרבעטן אויף אַ מיטאָג. דרך־אַגב האָב איך זי מיט אַ מוראדיק שמייכעלע אַ פרעג געטאָן, וואָס זי האָט דאָרטן גערעדט מיט דעם מיליטער־מאַן, ביים אַריינגאַנג אין מאַוזאָליי? האָט זי מיר געענטפערט, אַז זי האָט געפרעגט צי איך מעג מיטנעמען מיט מיר אין מאַוזאָליי דעם פּאָלאַראָיד־אַפּאַראַט.

— איר האָט דאָך אָבער לענגער מיט אים גערעדט — בין איך צוגעשטאַנען צו איר.

— אָ, מיר זענען פריַינד און ער האָט געוואָלט וויסן ווען מיר קענען זיך ווידער באַגעגענען — און זי האָט באַלד צוגעגעבן: — איר זענט אוודאי דערשראָקן, מחמת דעם וואָס איר זענט אין 1945 אַוועק פון רוסלאַנד. איר דאַרפט נישט מורא האָבן. מיר איז בלויז געווען טשיקאַווע צו וויסן, פאַר וואָס אײַער ברודער איז געבליבן און איר זענט אַרויסגעפאָרן. איר גלייבט טאַקע אַז ביַי אונדז לעבט מען שלעכט? צי האָט איַיך אײַער ברודער נישט דערציילט, אַז מע לעבט דאָ בעסער ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער?

כּדי דעם ענין צו פאַרענדיקן, האָב איך אויסגעטראַכט אַ ליגן און איר דערציילט, אַז איך האָב, כּלומרשט, פריִער געוווינט אין דרום-אַמעריקע און בין בלויז געקומען צו גאַסט קיין טשערנאָוויץ צו מיַין משפּחה, און די מלחמה האָט מיך דאָרטן פאַרכאַפּט. בין איך נאָך דער מלחמה צוריקגעפאָרן.

זי האָט זיך צעלאַכט פון מיַין תּירוץ און האָט מיך געפרעגט צי וויל איך דעם אַנדערן טאָג גיין מיט איר אָנקוקן מאָסקווער אַנטיקן. האָב איך איר געזאָגט, אַז כ׳וועל זיך מיט איר פאַרבינדן טעלעפאָניש.

איך בין צוריקגעקומען אין האָטעל אַ פאַרשוויצטער און פאַר־מאַטערטער און האָב באַלד מודיע געווען מיַין ברודער, אַז כ׳בין מקצר מיַין באַזוך. כ׳בין מוותּר אויף דער נסיעה קיין קיִעוו און קיין טשערנאָוויץ און וויל באַלד פליִען קיין לענינגראַד און פון דאָרטן קיין פינלאַנד, כּדי זיך אומצוקערן קיין ישראל. כ׳האָב נאָך געמוזט בליַיבן צוויי טעג אין מאָסקווע, ביז כ׳האָב מצליח געווען צו ביַיטן מיַין ריַיזעפּלאַן.

כ׳האָב נאָך באַוויזן צו קויפן פאַר מיַין ברודער און פאַר מיַין שוואָגער צוויי פרידזשידערן און באַצאָלן אין פרעמדער וואַלוטע, וואָרעם סאָוועטישע בירגער, וואָס באַצאָלן אין רובל, דאַרפן וואַרטן צוויי יאָר ביז זיי באַקומען אַ פרידזשידער. פאַר דאָלאַרן באַקומט מען אים תּיכּף, אָבער דעם טראַנספּאָרט האָבן מיַינע קרובים געדאַרפט באַצאָלן אַליין אין רובל, און דאָס גופא האָט געדויערט אַ גאַנצן

טאָג, מחמת די פאַרמאַליטעטן אין דער סאָוועטישער ביוראָקראַטיע.

חיים איז מיט אונדז מיטגעקומען קיין לענינגראַד. ער האָט גוט געקענט די שטאָט. ער פלעגט אָפט פאָרן אַהין דערליידיקן ענינים אין די רעגירונג־אינסטיטוציעס, אין שײַכות מיט דעם אינדוסטריעלן קאָנגלאָמעראַט פון קאַלינינגראַד (פריִער קעניגסבערג, אָסטפּרײַזן), ווו ער איז געווען דירעקטאָר.

די שטאָט מאַכט אַ שטאַרקן רושם מיט אירע מוזייען, מיט אירע מאָנומענטאַלע בנינים און מיט די ווײַסע נעכט, ווען עס ווערט גאָר נישט פינצטער. די ריינע ציכטיקע הײַזער דערמאָנען, אין ליכטיקע נעכט, די באַרימטע מעשה וועגן פאַטיאָמקינס דערפער, אַז אַלץ וואָס מע זעט, איז בעצם בלויז אַ פאַסאַדע, שיינע קוליסן, וואָס באַהאַלטן אַ טראַגישן תּוכן.

אויפן פליפלאַץ אין לענינגראַד איז מיר ווידער באַשערט געווען זיך צו דערשרעקן, ווען חיים איז פלוצעם פאַרשוווּנדן. כ׳האָב שוין געטראַכט, וואָס איך קען טאָן כּדי אים צו ראַטעווען. ער האָט זיך אָבער אין גיכן אומגעקערט: ר׳איז בלויז געווען אין בית־הכּסא...

שפּעטער מיט אַ האַלבער שעה האָט אונדז דער „סאַבענאַ"־עראָפּלאַן אַראָפּגעלאָזט אין העלסינקי. כ׳האָב ווידער אַרײַנגעאָטעמט אין זיך די פרישע לופט פון אַ פרײַער וועלט.

צוריקגעקומען פון ראַטן־פאַרבאַנד, האָבן מיר באַלד אָנגעהויבן צו אינטערווענירן דורך דעם טשילענישן אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע, פאַטשעקאָ, כּדי אויסצופועלן אַ וויזיט פאַר מײַן ברודער און זײַן פרוי. אין מאַרץ 1967 האָבן זיי סוף־כּל־סוף באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן ווי טוריסטן אויף דרײַ חדשים, אָבער זיי האָבן געמוזט איבערלאָזן דאָרטן זייער טאָכטער, נאַטאַשאַ, פאַר אַ משכּון, אַז זיי וועלן זיך אומקערן קיין רוסלאַנד. פון טשילע איז מײַן ברודער מיט זײַן פרוי אויך געקומען אין ישראל. זי, סאַשאַ, האָט צום ערשטן מאָל אַנטפּלעקט די פרײַע וועלט. זי איז געשטאַנען פאַרחידושט פאַר די וויטרינעס אין קאָפּענהאַגען און האָט גאָר נישט געקענט גלייבן, אַז מענטשן קענען פרײַ אַרײַנגיין אין די געשעפטן און אײַנקויפן פון כּל־טוב, אָן צו שטיין אין אָטשערעד, אין ריי,

הייסט עס, ווי אין קאָמוניסטישן רוסלאַנד. איינצייַטיק איז פאַר איר געוואָרן קלאָר, אַז די סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע איז הויל ליגן. זי האָט באַשלאָסן צו טאָן אַלץ, כּדי זיך אַרויסצורייַסן פון רוסלאַנד מיט איר מאַן און טאָכטער.

פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן אָנגעהויבן צו אינטערווענירן דורך אונדזערע פאַרבינדונגען, דאָס מאָל צו פּועלן מע זאָל מייַן ברודער דערלויבן זיך צו פאַראייניקן מיט זייַן משפּחה אין טשילע. גרויסע שוועריקייטן זענען געשטאַנען אין וועג. סאַשאַ איז געווען אַ מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און האָט אויך פאַרנומען אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין שפּיטאָל פון קאַלינינגראַד. אַלע בקשות וואָס זיי האָבן דערלאַנגט, צו באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן — האָט מען אָפּגעזאָגט. סוף־כּל־סוף איז דער טשילעאַנער אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע, דער פרייַנד פון פּרעזידענט פרייַ, געגאַנגען פּערזענלעך צו גראָמיקאָ, דער דעמאָלטיקער סאָוועטישער אויסערן־מיניסטער, און האָט געבעטן, אין נאָמען פון טשילעאַנישן פּרעזידענט, צו דערלויבן מייַן ברודער מיט זייַן פרוי און טאָכטער זיך צו פאַראייניקן מיט זייַן משפּחה אין טשילע. אין סוף 1968 האָבן זיי טאַקע באַקומען אַ פּאַספּאָרט, אַרויסצופאָרן אויף צוויי יאָר...

מיר האָבן זיי מקבל־פּנים געווען אין קאָפּענהאַגען, און האָבן געוויינט פאַר שימחה, וואָס זיי האָבן זיך ענדלעך געראַטעוועט פון סאָוועטישן גן־עדן. מיר האָבן עס באַטראַכט ווי אַ נס, וואָרעם אין זייער מעמד האָט עס אַ לאַנגע צייַט אויסגעזען ווי אַן אוממעגלעכקייט.

די זעקסטאָגיקע מלחמה

וועגן דער זעקסטאָגיקער מלחמה איז שוין אַזוי פּיל געשריבן געוואָרן, אַז ס'איז שווער עפּעס מוסיף צו זײַן. וויל איך בלויז דערמאָנען עטלעכע עפּיזאָדן, וואָס האָבן אַ שייכות צו מײַן אייגענער דערפאַרונג אין יענע הערלעכע טעג, און אויך וועגן די נאָכווייענישן פון יענער צײַט. די גמרא זאָגט: כל מי שלא ראה שימחת בית השאובה לא ראה שימחה מימיו. קען מען פּאַראַפראַזירן און זאָגן: ווער ס'איז נישט געווען אין ישראל צו יענער צײַט, ווייס נישט דעם טעם פון התרוממות־הנפש און פּאַטריאָטישער דערהויבנקייט. קודם די גרויסע זאָרג פאַר אונדזער קיום, אין די וואָכן פאַר דער מלחמה, און דעם גוואַלדיקן ענטוזיאַסם נאָכן נצחון.

פּסיכאָלאָגן, היסטאָריקערס און פּאָעטן וועלן זיך מסתמא נאָך פאַרנעמען מיט פאַרשיידענע אַספּעקטן פון יענער תקופה. אָבער דער פּועל־יוצא פון נצחון וועט זיך ערשט לאָזן זען אין דער צוקונפט. עס פרעגט זיך, דער עיקר, צי פירט נישט אַזאַ נצחון צו אַ פאַרשיכּורטן איבערגעטריבענעם גלויבן אין זיך, און צי לאָקערט נישט די סכּנה צו „פאַרלירן הייך" — ווי פילאָטן וואָלטן געזאָגט — ד״הײַנו מיד צו ווערן אין דער וואַכזאַמקייט, ווי ס'האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן אין דער יום־כּיפּור־מלחמה און אין דעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קריזיס נאָך דער דאָזיקער מלחמה. די געשיכטע וועט אַוודאי נאָך מישפּטן וועגן דעם.

אין יענע טעג פון דאגה און פּחד, פאַר דער זעקסטאָגיקער מלחמה, ווען ייִדן אויף דער וועלט האָבן געציטערט פאַרן גורל פון מדינת־ישראל, האָב איך באַקומען אַ טעלעגראַם פון מײַן משפּחה פון טשילע, וואָס האָט מיר געראָטן אַרויסצופאָרן פון

לאַנד. די ייִדן אין די תפוצות האָבן געהערט די סטראַשענדיקע ווערטער פון די אַראַבישע מנהיגים און האָבן זיך געשראָקן פאַר אַ נייַעם חורבן.

פאַרשטייט זיך אַז עדיט און איך האָבן אַפילו נישט געטראַכט צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד אין אַזאַ צייַט. מיר האָבן זיך געפילט אַזוי סאָלידאַריש און צוגעבונדן צו דעם וואָס עס קומט דאָ פאָר, ווי נאָך קיין מאָל נישט. כ׳האָב אויך קיין מאָל נישט געזען דאָס ייִדישע פאָלק אַזוי אייניק און פאַרברידערט, ווי אין יענע טעג. מנחם בעגין איז געגאַנגען צו בן־גוריון, פאָדערן ער זאָל איבער־נעמען די רעגירונג; פרויען האָבן דעמאָנסטרירט פאַרן בנין פון דער אַרבעטער־פאַרטיי אויף רחוב הירקון, כּדי גאָלדע, וואָס איז דעמאָלט געווען סעקרעטאַר פון דער פאַרטיי, זאָל טאָן אַלץ, אַז משה דיין זאָל איבערנעמען דעם זיכערקייט־מיניסטעריום. אַלץ האָט מען געטאָן לשם־שמים, ווייַל מ׳האָט מורא געהאַט, אַז לוי אשכּול איז צו שוואַך צו ענטפערן אויף נאַסערס פּראָוואָקאַציע, אויף זייַן אַרייַנמאַרשירן אין סיני און פאַרשליסן דעם וואַסערוועג קיין אילת.

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אשכּולס פּאָליטיק פון אָפּוואַרטן און אפשר אויך זייַן שטאַמלענדיקע רעדע אין ראַדיאָ, האָבן בייַגעטראָגן צו דעם גרויסן נצחון.

דאָס פאָלק האָט אומעטום אַרויסגעוויזן אַ ספּאָנטאַנעם פּאַט־ריאָטיזם. אין אונדזער פאַבריק זענען מאָביליזירט געוואָרן אַן ערך פופציק פּראָצענט פון די אַרבעטער. די איבערגעבליבענע האָבן אָבער געאַרבעט ממש טאָג און נאַכט, צו פופצן־זעכצן שעה. טייל אַרבעטער זענען אַפילו נישט אַהיים געגאַנגען. זיי זענען געשלאָפן עטלעכע שעה אין פאַבריק און האָבן ממשיך געווען צו אַרבעטן, כּדי די פּראָדוקציע זאָל נישט לייַדן, מיר זאָלן נישט פאַרשפּעטיקן אַרויסצושיקן די סחורה פאַר עקספּאָרט.

אונדזערע פרייַנד, די פירמע „באָלאָג“ אין ציריך האָט פון אונדז באַקומען שטאָפן דעם אַכטן יוני, דעם דריטן טאָג פון דער מלחמה, צוגעשיקט מיט „אל־על“, די איינציקע פלי־געזעלשאַפט וואָס האָט אָנגעהאַלטן דעמאָלט אונדזער פאַרבינדונג מיט אויס־

לאַנד. די באַלאַגס האָבן מיר שפּעטער דערציילט, אַז זיי היטן אויף דעם דאָקומענט פון יענעם טראַנספּאָרט, פון 8טן יוני 1967, ווי אַ היסטאָרישן דאָקומענט. אין דער צײַט ווען די אַראַבישע ראַדיאָ־עמיסיעס האָבן געמאָלדן וועגן זייערע גרויסע נצחונות איבער ישראל, האָט מען פון דאַנען אַרויסגעשיקט פּינקטלעך די באַש־טעלטע סחורה.

אַלע געדענקען דעם רושם, וואָס ס׳האָבן געמאַכט די קאָמענ־טאַרן אין ראַדיאָ פון גענעראַל חיים הערצאָג, איצט דער נשיא פון מדינת־ישראל. זײַנע ווערטער האָבן אויסגעדריקט די טיפע געפילן פונעם ייִדישן פאָלק, וואָס האָט קיין מאָל נישט פאַרלוירן דעם בטחון אין גאולה־שלמה. אין זײַן קאָמענטאַר וועגן דער באַפרײַונג פון ירושלים האָט מען ממש דערהערט אַ נביאישע בשורה.

באַלד נאָך דער באַפרײַונג פון כותל־המערבי האָט הרב גורן דאָרטן געבלאָזן שופר. אַ סך האָבן טאַקע געזען דערין אַ טעאַטראַלע פּאָזע, אָבער אַ סך אַנדערע האָבן דערהערט דערין אַ שאַל פון שופר־של־משיח, וועגן וועלכן מיר האָבן אַלע געחלומט.

יחידי־סגולה האָבן באַקומען אַ דערלויבעניש צו גיין צום כותל נאָך איידער מ׳האָט געעפנט דעם וועג פאַרן גרויסן עולם, און איך האָב געהאַט די זכיה צו זײַן צווישן די געציילטע, אין איינעם מיט מײַן פרײַנד דב ביגון, זכרונו לברכה. מיר האָבן נאָך געזען לעבן כותל בולטע סימנים פונעם ביטערן קאַמף וואָס איז דאָרטן אָנגעגאַנגען.

ס׳האָט מיך אַרומגענומען אַ רעליגיעזער ציטער, בעת איך בין געשטאַנען בײַם כותל־המערבי. כ׳האָב אָנגעשריבן מײַן נאָמען אויף אַ פּאַפּיר און עס אַרײַנגעלייגט צווישן די שטיינער, ווי ס׳רוב ייִדן האָבן געטאָן. איך בין עד־היום איבערצײַגט, אַז דאָס איז געווען אַ ספּאָנטאַנער אויסדרוק פון סאָלידאַריטעט מיטן גאַנצן ייִדישן פאָלק און האָט נישט קיין שײַכות צו דאָגמאַטישן רעליגיעזן גלויבן.

כ׳האָב זיך אַרומגעקוקט צו די פּראַכטיקע קלויסטערס, צו די הייליקע מקומות פאַר קריסטן און מוסולמענער, און האָב געטראַכט

צו דעם עקשנותדיקן גלויבן פונעם ייִדישן פֿאָלק אין שיבת־ציון. נאָך דער גוואַלדיקער טראַגעדיע, וואָס ייִדן האָבן איבערגעלעבט, האָבן זיי נאָך געפֿונען אין זיך דעם כּוח צו דערגרייכן אַזאַ היסטאָרישן נצחון, און בײַקומען דעם שונא, וואָס האָט געשטעלט אין סכּנה דעם קיום פֿון דער יונגער מדינה.

איך האָב שפּעטער געהערט רעדן אין אַן ענגן קרײַז יעקב הערצאָג ז״ל. ער האָט געזאָגט, אַז עס זענען פֿאַראַן געשעענישן, וואָס גייען אַרײַן אין דער וועלט־געשיכטע, מחמת זייער גרויס חשיבות. ער גלייבט, אַז אויך דער נצחון פֿון ישׂראל איבער די אַראַבישע לענדער, בלויז אין עטלעכע טעג, וועט אַרײַן אין דער געשיכטע, ווי אַ דוגמא פֿון גבֿורה פֿון אַ פֿאָלק, וואָס קעמפֿט פֿאַר זײַן קיום. קעמפֿן מיט אַן אמתער מאָטיוואַציע פֿון „זײַן אָדער נישט זײַן״ — האָט ער געזאָגט — איז דער שטאַרקסטער וואָפֿן אין אַ מלחמה. אין המשך פֿון זײַנע רייד, האָט ער אויך געשטעלט די שאלה, צי די ייִדן אין מדינת־ישׂראל זענען שוין רײַף פֿאַר אַ שלום מיט דער אַראַבישער וועלט? צי וועלן ייִדן נישט זוכן ווידער לײַכטע פֿאַרדינסטן און פֿאַרגעסן זייער אידעאַל, צו ווערן אַ פּראָדוקטיוו פֿאָלק? ער האָט אויך באַטאָנט, אַז די בשותּפֿותדיקע סכּנה איז מסוגל אונדז צו פֿאַראייניקן, אָבער צי וועלן מיר קענען אויפֿהאַלטן דאָס דאָזיקע אחדות, אויך אין צײַטן פֿון שלום?

פֿון דעמאָלט זענען שוין אַריבער צוואַנציק יאָר. דער שלום וואָס מ׳האָט געמיינט אַז ער שטייט שוין פֿאַר דער טיר, בעת משה דיין האָט געוואַרט אויף אַ טעלעפֿאָן פֿון אונדזערע שכנים, איז דערווײַל נאָך ווײַט. אמת, מיר האָבן אַ קאַלטן שלום מיט מצרים, וואָס איז אַוודאי בעסער ווי אַ הייסע מלחמה, אָבער די צוויי סכּנות וועגן וועלכע יעקב הערצאָג האָט דעמאָלט גערעדט, זענען, צום באַדויערן, זייער אַקטועל. פֿון איין זײַט איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער חלוצישער, פּראָדוקטיווער גײַסט, און פֿון אַ צווייטער זײַט, זענען מיר ווײַט פֿון נאַציאָנאַלן אחדות.

וועגן דער פֿאַראייניקטער נאַציאָנאַלער רעגירונג, וואָס לוי אשכּול האָט צונויפֿגעשטעלט פֿאַר דער זעקסטאָגיקער מלחמה, האָט ער אַליין, מיט זײַן ספּעציפֿישן הומאָר, געזאָגט אין אַן ענגן קרײַז,

טאַקע אויף ייִדיש: די ממשלה מקיר לקיר איז אַ סכּנה, אַז מיט דער צייַט וועט מען קענען רעדן צו די ווענט!

באַלד נאָך דער מלחמה זענען מיר געפאָרן אָנקוקן די פאַרנומענע שטחים אין עזה און אל־אַריש. מיר זענען אַרייַנגעפאָרן אין שטאָט און האָבן געזען די טויזנטער יונגע אַראַבער, וואָס זענען געשטאַנען אויף די גאַסן, טייל אין פּיזשאַמעס, און האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין סימן פון שינאה קעגן אונדז. אַ סך זענען צוגעקומען באַוווּנדערן מייַן נייַעם „אָלדסמאָביל". דעמאָלט האָב איך געטראַכט: ווי קען אַ פאָלק זייַן אַזוי גלייַכגילטיק נאָך אַזאַ גוואַלדיקער מפּלה? צום באַדויערן האָט אין גיכן זיך געביטן דער מצב. די אַראַבישע רעדל־פירערס האָבן באַלד אָנגעהויבן זיך צו צעפירן די הענט און האָבן אויפגעוועקט די באַפעלקערונג פון דעם ערשטן שאָק, וואָס זי האָט געליטן נאָך דער מפּלה. הייַנט קען מען זיך נישט מער דערוועגן אַזוי פרייַ אַרייַנצופאָרן אין אַן אַראַבישן ייִשוב. אַ סך וואָס האָבן עס געטאָן, האָבן באַצאָלט דערפאַר מיטן לעבן. ווייַזט אויס, אַז איטלעכס פאָלק פאַרמאָגט זייַן נאַציאָנאַלן שטאָלץ. און נאַציאָנאַלע גלייַכבאַרעכטיקונג איז מסתּמא בייַ אַלעמען בילכער ווי מאַטעריעלער פּראָגרעס, ווי מיר קענען זיך איבערצייַגן אין די שטחים וואָס מיר האָבן פאַרנומען.

אין יענער צייַט האָט מיך חיים לאַנדוי, וואָס איז געווען אין איינעם מיט מנחם בעגין אין דער פאַראייניקטער רעגירונג אונטער אשכּול, באַגלייט אויף אַ וויזיט צו בעגינען, אין זייַן פּריוואַטער דירה, אין תּל־אָביב, ווו ער האָט געלעבט זייער באַשיידן. איך האָב אים געפרעגט, צווישן אַנדערן, צי איז אמת אַז בן־גוריון איז געווען קעגן דער מלחמה. בן־גוריון האָט געהאַלטן, אַז מע דאַרף צו ערשט באַפרייַען שאַרם־אַ־שייך — האָט ער מיר געענטפערט — און עפענען דעם וועג קיין אילת. ער האָט מורא געהאַט אַן דער שטיץ פון די גרויסמאַכטן אָנצוהייבן אַ מלחמה מיט מצרים אויף אַ ברייטן פראָנט.

דאָס באַגעגעניש האָט מיר געוויזן גאָר אַן אַנדער בעגין, ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט. ס'איז נישט געווען דער עקשנותדיקער אָנפשרהדיקער מנהיג פון אצ"ל, נאָר דווקא אַ שטילער, אינטעלי־

גענטער פּאָליטישער מנהיג, מיט זשעסטן פון אַ דזשענטלמען. ווען ער איז שפּעטער געקומען צו דער מאַכט, האָט זיך טאַקע אַרויס־געוויזן, אַז, מחמת דער דזשענטלמענישקייט זײַנער, איז ער געבליבן לאָיאַל צו זײַנע אַלטע חברים. ער האָט געמאַכט אַ רושם מיט זײַן מאַגישן כּוח צו איבערצײַגן די מאַסן, בפרט פון די מיזרחדיקע עדות. די געשיכטע וועט מישפּטן און מאַכן אַ סך־הכּל, וואָס שייך בעגינס פּאָליטישן וועג אין דער תּקופה ווען ער איז געווען פּרעמיער־מיניסטער. מענטשן האַלטן, אַז מנחם בעגין האָט זיך אָפּגעזונדערט פון דער עפנטלעכקייט, צוליב מאָראַלישע טעמים, ווײַל אין דער תּקופה ווען ער איז געווען ראָש־הממשלה האָט זיך ווילד צעוואַקסן די אינפלאַציע און דערפירט צו דעם בראָך אין דער עקאָנאָמיע, מיט די טרויעריקע רעזולטאַטן וואָס שייך דער אַרבעטס־מאָראַל ; און דער עיקר, וואָס אין זײַן תּקופה האָט מען געפירט די גרויליקע מלחמה אין לבנון, וואָס האָט געקאָסט אַזוי פיל קרבנות.

בכל־אופן — אויך מענטשן וואָס זענען נישט מסכּים מיט זײַנע פּאָליטישע אידעען, זענען איבערצײַגט, אַז בעגין איז אַ מאָראַלישע פּערזענלעכקייט. טייל מיינען, אַז בעגין האָט שלום געמאַכט מיט מצרים און צוריקגעגעבן גאַנץ סיני, מיטן גלויבן, אַז מצרים וועט מוותּר זײַן אויף יהודה און שומרון. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן אַ טעות, ווײַל דער מצב מיט די פּאַלעסטינע־אַראַבער ווערט אַלץ צוגעשפּיצטער. עזר ווייצמאַן, וואָס איז הײַנט אַ גרויסער קעגנער פון דער חרות־פּאָליטיק פאַר „ארץ־ישראל שלמה", טענהט, אַז משה דיין און ער, ווייצמאַן, האָבן בעגינען איבערצײַגט צו מאַכן שלום מיט מצרים.

אין יאָר 1981 האָב איך אָנטייל גענומען, ווי אַן ערן־בירגער פון קרית־גת, בײַ דער פאַרזאַמלונג לכּבוד מנחם בעגין, וואָס איז געקומען רעדן אין שײַכות מיט די וואַלן פאַר דער כּנסת. אין מײַן באַגריסונג, האָב איך פאָרגעשלאָגן בעגינען, ער זאָל אַרײַנשטעלן אין דער רשימה פון זײַן פּאַרטיי פאַר חברים אין דער כּנסת, אויך דעם ראָש־העיר פון קרית־גת, דוד מגן. כ'האָב עס געטאָן ווײַל

מגן האָט מיר פריִער דערויף אָנגעוווּנקען מיט אַ רמז, און אויך דערפֿאַר, ווײַל ער איז געווען פּאָפּולער בײַ דער באַפעלקערונג אין קרית־גת.

אין זײַן רעדע האָט בעגין דערמאָנט מײַן פֿאָרשלאָג און צוגעזאָגט, אַז ער וועט אים פֿאָרלייגן זײַן פּאַרטיי, וואָס דאַרף אויף אַ דעמאָקראַטישן אופֿן באַשליסן דערוועגן. ווען כ׳האָב דאָס דערהערט, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז כ׳מעג שוין אָפּגעבן דוד מגן אַ מזל־טוב, ער וועט שוין זײַן אַ חבר־כּנסת, וואָרעם דאָס וואָס בעגין וועט פֿאָרלייגן, וועט אַוודאי זײַן על דעת־הקהל אין חרות . . .

בעגין האָט עלעקטריזירט דעם עולם מיט זײַן רעדע. כ׳האָב נאָך קיין מאָל נישט געזען בײַ אָט די מענטשן אַזאַ ענטוזיאַזם, בעת אַ וויזיט פֿון אַ פּאָליטישן מנהיג. די גאַנצע צײַט האָבן זיי געשריגן מיט היסטעריע: בעגין! בעגין!

דוד מגן האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ זייער אַקטיווער און אַגרעסיווער דעפּוטאַט אין דער כּנסת. אַ סך פֿון זײַנע קעגנער זענען מיר עד־היום נישט מוחל, וואָס כ׳האָב אים דעמאָלט פֿאָרגעשלאָגן בעגינען, ער זאָל אים אַרײַננעמען אין כּנסת.

אין איינעם אַ טאָג, האָב איך זיך אַרומגעדרייט פֿאַרדאגהט אין הויף פֿון דער פֿאַבריק, אין שײַכות מיט די דעפֿיציטן פֿון דער אונטערנעמונג. פּלוצעם קומט צו מיר צו דער פֿאָרזיצער פֿון אַרבעטער־קאָמיטעט, זילבער, און זאָגט צו מיר בהאי־לישנא:

— פֿאַר וואָס זענט איר אַזוי פֿאַרזאָרגט, מר פּאָלאַק? כ׳בין אײַך מבטיח, מיר וועלן נאָך אַרבעטן אַזוי גוט, אַז די פֿאַבריק וועט ווערן אַ שם־דבר, און וועט נאָך פֿאַרדינען אַ סך געלט.

די דאָזיקע ווערטער האָבן מיך באמת דערמוטיקט. ווו אין דער וועלט — האָב איך געטראַכט — וועט קומען דער פֿאָרשטייער פֿון די אַרבעטער און צוזאָגן דעם בעל־הבית, אַז די אַרבעטער וועלן זיך סטאַרען אַז ער, דער בעל־הבית, זאָל פֿאַרדינען? דאָס קען נאָר געשען אין אַ לאַנד, ווו די אַרבעטער פֿאַרשטייען, אַז די הצלחה פֿון דער פֿאַבריק איז אַ פּאַטריאָטישער ענין, און אין דער אונטערשטער שורה קומט עס צו נוץ דעם אַרבעטער גופא. דאָרטן

ווו ס'איז נישט פאַראַן אַזאַ איינשטעל, קען טאַקע אַן אונטערנעמונג נישט מצליח זיין.

נאָך אין זעלבן יאָר האָט דער מצב זיך אָנגעהויבן צו פאַר־בעסערן און דער דעפיציט אונדזערער איז געפאַלן. די צרה איז אָבער געווען, וואָס די בענק האָבן פאַרלוירן דעם צוטרוי און האָבן אונדז געמאַכט שוועריקייט וואָס שייך קרעדיט. בין איך אַוועק צו ספירן און האָב זיך באַקלאָגט דערויף. האָט ספיר, מיר אין די אויגן, אָנגעקלונגען צו די בענק און האָט זיי הויך, אויף אַ קול, אויסגעזידלט, הלמאַי זיי דערוועגן זיך צו דערשטיקן אַ פאַבריק, וואָס וועט זיכער מיט דער צייט מצליח זיין? און ספירס זידלען האָט טאַקע געהאָלפן!

דעם איינציקן רווח וואָס כ'האָב אָפּגעשפּאָרט אין יענעם יאָר, איז געווען די ערן־בירגערשאַפט פון קרית־גת, וואָס די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט מיך מיט איר מכבד געווען.

פאַרזיצער פון דער טעקסטיל אינדוסטריע

אין יאָר 1969 בין איך אויסגעוויילט געוואָרן פאַרזיצער פון דער טעקסטיל-אינדוסטריע ביים פאַרבאַנד פון די אינדוסטריעלע (התאחדות התעשיינים) און מיטגליד אין פרעזידיום. איך האָב באַלד אָנגעהויבן אַ קאַמף אַריינצוברענגען שינויים אין סטאַטוס פון דער אינסטיטוציע. בנימין אַסטראַך, וואָס איז דעמאָלט געווען גענעראַל-סעקרעטאַר פון דער טעקסטיל-אינדוסטריע, און איז געבליבן עד-היום מיינער אַ גוטער פריינד, האָט פערזענלעך געדאַרפט איטלעכן העלפן, מיט שתדלנות, אין די רעגירונג-אַמטן, אין די פאַרוויקלטע ביוראָקראַטישע פּראָבלעמען.

בכלל זענען די סטאַטוטן פון פאַרבאַנד אויפגעשטעלט געוואָרן צוריק מיט פערציק יאָר, בעת שנקר איז געווען דער בעל-הבית פון „לאָדזיאַ". ער האָט מייסד געווען דעם פאַרבאַנד, בעת אין לאַנד זענען געווען בסך-הכל עטלעכע קליינע פאַבריקלעך. זענען די סטאַטוטן געווען צוגעפּאַסט פאַר יענער צייט. אָבער אין די זעכציקער און אָנהייב זיבעציקער יאָרן איז שוין געווען אין ישראל אַן אַנטוויקלטע אינדוסטריע. די טעקסטיל-אינדוסטריע האָט געהאַט באַזונדערע פּראָבלעמען. זי איז געווען אויפגעבויט בפרט אין די אַנטוויקלונג-געגנטן, און האָט זיך פאַרמאָסטן צו מאַכן אַ גרויסן עקספּאָרט. פון דעסטוועגן האָט זי נישט געהאַט, פאָרמעל, קיין אייגענעם כוח, און איז אין אַלץ געווען אָפּהענגיק פון דער התאחדות.

אַחוץ דעם האָט געהערשט אַזאַ אַבסורדער מצב לויט די אַלטע סטאַטוטן, אַז אַ פאַבריק מיט צוואַנציק אַרבעטער און אַ פאַבריק מיט טויזנטער אַרבעטער האָבן געהאַט די זעלבע שטים אויסצוויילן פאָרטרעטער אין דער התאחדות.

די פראַקטישע עקזעקוטיווע, דעם נשיאות, האָט געווײנטלעך אויסגעוויילט דער פּרעזידענט אַליין. די באַשטעטיקונג פֿון וועד־הפּועל איז בלויז געווען אַ פֿאָרמעלער ענין. דאָס איז געווען אַזאַ מין משונהדיקע אָרגאַניזאַציע, אויפֿגעבויט אין דער צײַט פֿון ענגלישן מאַנדאַט, וואָס אַזוינס איז שוין אין ערגעץ אויף דער וועלט נישט מער בנימצא.

האָב איך דערבײַ געהאַט גרויסע וויכּוחים מיט מאַרק מאָשעוויטש, וואָס איז דעמאָלט געווען דער פּרעזידענט פֿון דער התאַחדות. צום באַדויערן, האָב איך אין מײַן קאַמף צו רעפֿאָרמירן די התאחדות, דעם פֿאַרבאַנד פֿון די אינדוסטריעלע, ער זאָל ווערן אַ קאָנפֿעדעראַציע, און די פֿאַרשיידענע סעקטאָרן זאָלן באַקומען מער אויטאָנאָמיע, נישט געפֿונען קיין ערנסטע פּאַרטנערס. קיינער האָט זיך נישט געוואָלט אײַנרײַסן מיטן פּרעזידענט פֿון דער התאַחדות, ווײַל מ׳האָט גענייטיקט אָנקומען צו אים און צו זײַן טובה, כּדי אויסגעוויילט צו ווערן ווי אַ מיטגליד אין איינער פֿון די אינסטיטוציעס ווו דער פֿאַרבאַנד האָט געהאַט דאָס רעכט צו שיקן אַ פֿאַרטרעטער. איך בין געבליבן ווי אַ מין דאָן קיכאָטע אין מײַן קאַמף און מאַרק מאָשעוויטש האָט אין מיר געזען זײַנעם אַ קעגנער. הגם פּריוואַט איז ער געווען אַ דזשענטעלמען, האָט ער זיך אין דער התאַחדות געפֿירט ווי אַ בעל־הבית, מעשה־גביר, ווי „מי שהמלך חפץ ביוקרו״. דאָס איז נישט געווען לויט מײַן טעם און האָט אויך נישט געפּאַסט אין אַ מאָדערנער אינדוסטריעלער תּקופֿה.

איך האָב באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן די מיטגלידער פֿון דער טעקסטיל־אינדוסטריע, צו בויען אַן אייגן הויז פֿאַר אַ טעקסטיל־צענטער. דאָס אַליין וועט שוין ממילא ברענגען מער זעלבשטענ־דיקייט דער טעקסטיל־אינדוסטריע. איך האָב געהאַט קעגנערס אין דער התאחדות, אָבער מיט דער הילף פֿון יהושע ראַבינאָוויטש, וואָס איז געווען פֿינאַנץ־מיניסטער, און פֿון חיים בר־לב, וואָס איז דעמאָלט געווען האַנדל און אינדוסטריע־מיניסטער, האָב איך געפּועלט צו באַקומען דעם גרונט פֿאַר אַ גינציקן פּרײַז, און האָב

אויך דערגרייכט אַן אָפּמאַך, צו באַקומען אַ טייל פון דער הלוואה אויפצובויען דעם טעקסטיל־צענטער.

ס׳האָט נאָך געדויערט ביזן יאָר 1977 צונויפצושטעלן די מיט־גלידערשאַפט פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע. ערשט דעמאָלט האָט מען געלייגט דעם גרונטשטיין פונעם בנין, אין בייַזיַין פון מיניסטער חיים בר־לב און דעם נייַעם פּרעזידענט פון „התאחדות התעשיינים״ (פאַרבאַנד פון די אינדוסטריעלע) אַברהם (בומה) שביט, וואָס האָט אונדז דווקא יאָ געשטיצט בייַם אויפשטעלן דעם בנין.

דעם בנין האָט מען ערשט געקענט פאַרענדיקן אין 1984, אין דעם שווערן עקאָנאָמישן קריזיס, נאָכן בראָך פון דער בערזע און דער גאַלאָפּירנדיקער אינפלאַציע. עס זענען געווען אַ סך סיבות, פאַר וואָס מ׳האָט אָפּגעלייגט צו פאַרענדיקן דעם בנין: דער „מהפּך״ דאָס אָפּשטעלן אַלע עפנטלעכע בויאַרבעטן, כּדי צו קעמפן קעגן דער אינפלאַציע; די מלחמה אין לבנון; די קווענקלענישן פון אונדזערע שותּפים צו באַצאָלן די קוואָטן, וואָס האָט גורם געווען אַ מאַנגל אין מזומן; דאָס פאַרשפּעטיקן אין דער אַרבעט פון די קבלנים.

איך וויל דאָ דערמאָנען, אַז ד״ר אמנון גאָלדענבערג האָט מיר געהאָלפן קומען צו אַ הסכּם מיטן מיניסטער גדעון פּת, ער זאָל באַשטעטיקן אַ הלוואה, הגם אין שווערערע תּנאים. אָן דעם וואָלטן מיר דעם בנין נישט געקענט פאַרענדיקן.

אין 1984, נאָך זיבן יאָר מאַטערנישן, איז דער בנין געווען פאַרטיק. אָבער דער מצב אין דער טעקסטיל־בראַנזשע האָט זיך געביטן, ווי אַ פּועל־יוצא פון דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער סיטואַציע, פון דער קינסטלעכער קאָניונקטור און דער גרויסער אינפלאַציע. איך אַליין האָב שוין פאַרלוירן דעם אינטערעס צו שאַפן אַ זעלבשטענדיקע טעקסטיל־אינדוסטריע. דער בנין איז אָבער איינער פון די שענסטע געבייַדעס אין תּל־אָביב. בין איך טאַקע שטאָלץ דערמיט, וואָס נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן, איז מיר געראָטן דעם בנין צו פאַרענדיקן.

מיט דאַנק וויל איך דערמאָנען מייַן פרייַנד, דעם עורך־דין שמעון אַלכּסנדרוני, וואָס האָט אַ סך בייַגעטראָגן אין דער ערשטער

פּאַזע פון אָרגאַניזירן דעם הסכּם מיט דער רעגירונג און מיט דער „בנק לפּתוח״.

מיר זענען אַ סך מאָל פאַרבעטן אויף שבת צום מיטאָג ביי תּירצה און שמעון אַלכּסנדרוני. דאָרטן האָבן מיר געהאַט געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט אינטערעסאַנטע קולטורמענטשן, און דערביי אויך הנאה האָבן, איינציייטיק מיט דיסקוסיעס וועגן פּראָבלעמען העומדים ברומו של העולם, אויך פון דעם אויסגעצייכנטן טשאָלנט, וואָס תּירצה איז אין דעם אַ בריה.

מיר האָבן זיך דאָרטן באַקענט מיטן שופט־עליון בייסקי און מיט זיין פרוי. ער האָט זיך, כּידוע, קונה־שם געווען ווי דער פאַרזיצער פון דער מלוכישער קאָמיסיע, אויסצופאָרשן דעם בראָך פון די בענק, אין שייכות מיטן קריזיס פון די אַקציעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1983. כ׳האָב געהאַט אַ סך נחת־רוח פון דער דאָזיקער באַקאַנטשאַפט. ער איז אַ מענטש פון אַ הויכער אינטעלעקטועלער מדרגה און דערביי מיט אַן אויסערגעוויינטלעך יידישן הומאָר. נישט אומזיסט לייענט ער מיט אַזוי פיל טאַלאַנט און חן פון שלום־עליכם. ווער עס הערט אים לייענען, פילט אין אים אַן אמתן וואָרטקינסטלער.

ווען כ׳האָב זיך מיט אים באַקענט, האָב איך זיך דערמאָנט וואָס מע דערציילט, ווי אַ וויץ: הרב מימון זאָל האָבן פאָרגעלייגט בן־גוריונען צו שאַפן אַ סנהדרין, וואָס זאָל צונויפשטעלן די קאָנסטיטוציע פון מדינת־ישראל, די „חוקה״, וואָס איז, אַגב, עד־היום נישט פאַראַנען. האָט אים בן־גוריון געענטפערט:

— הרב מימון, פאַר אַ סנהדרין, שטייט אין דער תּורה, דאַרף מען יידן שונאי־בצע! ווו וועט איר נעמען אין ישראל גאַנצע זיבעציק יידן שונאי־בצע, צונויפצושטעלן אַ סנהדרין?

האָט הרב מימון זיך אָנגערופן:

— פאַר געלט וועט איר געפינען אויך זיבעציק יידן שונאי־בצע...

אָבער אַז מע באַגעגנט אַזאַ ייד ווי בייסקי, קען מען באמת זיין שטאָלץ וואָס מיר האָבן אין מדינת־ישראל אַזעלכע שופטים, און דער וויץ בלייבט טאַקע נאָר אַ וויץ.

דאָ וויל איך דערמאָנען, אַז אין דער צײַט ווען כ׳בין געווען פּאַרזיצער פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע, האָט די רעגירונג צונויפֿגעשטעלט אַ קאָמיסיע, בראָש מיטן דירעקטאָר פון „מרכז לפריון עבודה" (צענטער פאַר אַרבעט־פּראָדוקטיוויטעט), ישראל מידן. ער האָט אַנגאַזשירט פּראָפעסאָר חיים בן־שחר, ער זאָל אויסאַרבעטן אַ טעאָרעטישן פּלאַן, ווי אַזוי צו העלפן דער טעקסטיל־אינדוסטריע.

די פּראַקטישע אַרבעט אויף אָט דעם שטח האָט אויסגעפירט אַ געהילף פון פּראָפעסאָר בן־שחר — אַהרון אָרנשטיין — אַן עקאָנאָמיסט מיט אַ מאַסטער־טיטל. נישט געקוקט דערויף וואָס די אַרבעט זײַנע איז געווען צום טייל אַקאַדעמיש, שווער דורכצופירן פּראַקטיש, האָב איך באַלד אין אים געזען אַ דורכויס פעיִקן מענטש.

דאָס איז געווען אין יאָר 1970. פון דעמאָלט אָן איז אַהרון אָרנשטיין מײַן רעכטע האַנט אין אַלע פינאַנץ־ און פּערסאָנאַל־פּראָבלעמען. איך האָב אין אים געפונען אַ געטרײַען, איבערגעגעבענעם מיטאַרבעטער.

די ערשטע סימנים פון הצלחה אין „פולגת"

ווען כ'האָב זיך איבערצייַגט, אַז דער דעפיציט פון „פולגת" ווערט קלענער און די אונטערנעמונג געפינט זיך שוין אויפן דרך־המלך, האָב איך צוזאַמענגערופן בייַ מיר אין שטוב די אָנפירער־שאַפט פון דער פאַבריק און האָב אויך פאַרבעטן פנחס ספיר מיט שושנהן.

בייַ דער געלעגנהייט האָב איך געזאָגט, אַז מייַן שימחה איז געגליכן צו דער שימחה פון מענטשן וואָס געפינען זיך אויף אַ שיף, אויף אַ שטורמישן ים, און פּלוצעם דערזעט מען פון ווייַטנס די ליכטער פון אַ האַפן. נאָך יאָרן פון היזק אין דער פאַבריק, הייב איך אָן אַצינד צו זען דאָס ליכט פון האָפענונג, אַז מיר וועלן מיט דער צייַט צוקומען צו אַ זיכערן ברעג.

ספיר איז געווען זייער צופרידן און האָט באַטאָנט, אַז ער האָט תמיד געהאַט צוטרוי צו מיר און געגלייבט אַז איך וועל מצליח זייַן. אַחוץ דעם וואָס ער איז בטבע אַן אָפּטימיסט, — האָט ער געזאָגט — גלייבט ער אין מענטשן, וואָס זעען אַ באַפרידיקונג אין שעפערישער אַרבעט. ער האָט צוגעגעבן, אַז ער האָפט איך זאָל זייַן אין מדינת־ישראל, וואָס די „ברידער אַשכּנזי" זענען געווען אין לאָדזש. געמיינט האָט ער די ברידער כּהן, די גרויסע לאָדזשער טעקסטיל־פאַבריקאַנטן, וואָס י. י. זינגער, דער ברודער פון יצחק באַשעוויס, האָט זיי באַשריבן אין זייַן ראָמאַן „די ברידער אַשכּנזי".

אין יאָר 1977 האָט „פולגת" שוין אויפגעוויזן גוטע רווחים און כ'האָב מיר שוין געקענט דערלויבן צו פאַרוואַנדלען „פולגת" אין אַן עפנטלעכער אַקציען־געזעלשאַפט אויף דער בערזע. צום באַדויערן האָט עס ספיר נישט מער דערלעבט.

אַ באַזונדער קאַפּיטל אין מײַנע אָנשטרענגונגען איז געווען אויפצובויען די קאָנפעקציע-פאַבריק „בגיר״. ספּיר איז דעמאָלט געווען סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, וואָס איז געשטאַנען פאַר די וואַלן. גאָלדע האָט קאַנדידירט פאַר פּרעמיער-מיניסטער. אויף ספּירס אָרט, ווי פינאַנץ-מיניסטער, איז געווען זאב שערף, וואָס האָט ווײַט נישט געהאַט ספּירס אימפּעט און וויזיע. ער האָט פּשוט מורא געהאַט מיר צו געבן הלוואות צו בויען די פאַבריק, ווײַל כ׳האָב שוין געהאַט איין מאָל פאַרלוירן מײַן אינוועסטירטן קאַפּיטאַל. ער איז נישט געווען גרייט אויף זיך צו נעמען די ריזיקע, כּדי מע זאָל אים שפּעטער נישט קריטיקירן.

שפּעטער מיט יאָרן, ווען זאב שערף האָט זיך אין גאַנצן געהאַט דערווײַטערט פון פּאָליטישער אַקטיוויטעט, האָט ער אויף זיך גענומען צו פאַרקויפן די ביכער פונעם העברעיִשן שרײַבער חיים הזז. ער איז אויך געקומען צו מיר, איך זאָל קויפן „אַ סעט הזז״. בײַ דער געלעגנהייט האָב איך געוואָלט פאַרפירן מיט אים אַ שמועס וועגן דער צײַט ווען ער איז געווען פינאַנץ-מיניסטער. אָבער ווי נאָר איך האָב אָנגערירט אָט די טעמע, איז ער פּלוצעם געוואָרן נערוועז און געזאָגט אַז ער וויל בכלל נישט רעדן וועגן דעם. ס׳איז אים געבליבן גאָר אַ שלעכטער טעם פון דער צײַט ווען ער איז געווען פינאַנץ-מיניסטער. ער פילט זיך בעסער ווען ער גייט אַרום פאַרקויפן די ביכער פון הזז — האָט ער צוגעגעבן.

גיי פאַרשטיי פאַר וואָס יִדן רײַסן זיך צו זײַן מיניסטאָרן!

שערפס וויצעמיניסטער איז דעמאָלט געווען ליובה אליאב. האָט זיך ספּיר מיט אים צונויפגערעדט אַז שערפס וויסן, און אים געראָטן ער זאָל זיך מיט מיר פאַרבינדן, כּדי צו זוכן אַ מעגלעכקייט, ווי אַזוי צו רעאַליזירן דעם פּלאַן אויפצושטעלן די פאַבריק „בגיר״.

איך געדענק ווי ליובה אליאב האָט מיר געקלונגען: ער וויל מיך זען. האָב איך אים געזאָגט אַז כ׳וועל צו אים קומען. מיט זײַן כאַראַקטעריסטישער עניוות, האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער וועט קומען צו מיר.

ער האָט שוין געהאַט זיך צונויפגערעדט מיט ספּירן, ווי אַזוי צו „פאַרקויפן״ שערפן דעם פּלאַן צו בויען „בגיר״, און אים

איבערצײַגן פון דער וויכטיקייט אויפצושטעלן אַ מאָדערנע קאָנפעקציע־פאַבריק פאַר מענער־אָנצוגן, וואָס איז נאָך דעמאָלט נישט געווען בנימצא אין ישראל.

אַזוי האָט מען אָנגעהויבן צו בויען, אין 1968, די פאַבריק „בגיר", וואָס איז מיט דער צײַט געוואָרן אַ שם־דבר, און עקספּאָרטירט הײַנט סחורה פאַר אַן ערך פופציק מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר. ווי איך האָב שוין העכער געשריבן, האָבן מיר די ברידער באַלאַג אין דער שווייץ אַ סך געהאָלפן אין אויפשטעלן די פאַבריק, מיט זייער גרויסער דערפאַרונג אין דער פּראָדוקציע פון מענער־אָנצוגן. איך מוז אָבער דערמאָנען די פאַרדינסטן פון מײַן ברודער חיים אין דער אַנטוויקלונג פון דער פאַבריק, אַ באַזונדער קאַפּיטל, וואָס האָט אַ שײַכות צו די וואַלן אין טשילע, אין 1970, ווען ס'איז געקומען צו דער מאַכט דער סאָציאַליסטיש־קאָמוניסטישער רעזשים פון סאַלוואַדאָר אַיענדע.

אין אויגוסט 1970 האָב איך פאַרבעטן מײַן ברודער חיים מיט זײַן פרוי סאַשאַ, זיי זאָלן קומען פון טשילע פאַרברענגען מיט אונדז אין דער שווייץ די זומער־חדשים. סוף אויגוסט איז ער געקומען צו גאַסט קיין ישראל, מיט דער כּוונה צו בלײַבן אַ וואָך אָדער צוויי. אָבער אין צווישן זענען אין טשילע פאָרגעקומען די פּרעזידענטן־וואַלן, און סאַלוואַדאָר אַיענדע איז, כּידוע, געקומען צו דער מאַכט. מײַן ברודער חיים און אויך די איבעריקע משפּחה, וואָס האָט געקענט רוסלאַנד פון אייגענער דערפאַרונג און געוווּסט וואָס עס מיינט אַ סאָציאַליסטיש־קאָמוניסטישער רעזשים, האָט נישט קיין סך געוואַרט און אַלע זענען תּיכּף אַוועק פון טשילע, קודם קיין אַרגענטינע און שפּעטער קיין ישראל.

חיים האָט באַשלאָסן צו בלײַבן אין ישראל און האָט טאַקע אָנגעהויבן לערנען עברית אין אַן אולפּן. שפּעטער מיט אַן ערך אַכט חדשים האָט ער איבערגענומען די אָנפירונג און די אָרגאַניזירונג פון דער פאַבריק „בגיר". ער האָט געהאַט אַ גרויסע דערפאַרונג פון די טעקסטיל־פאַבריקן וואָס ער האָט אָנגעפירט אין רוסלאַנד. ר'האָט אויך געהאַט אַ טאַלאַנט צו שפּראַכן. אין די

צוויי יאָר וואָס ער האָט געלעבט אין טשילע, האָט ער זיך אויס־געלערנט שפּאַניש. אין דער קורצער צײַט אין ישראל, האָט ער זיך אויסגעלערנט רעלאַטיוו גוט עברית און אויך ענגליש, וואָס איז געווען נייטיק, כּדי זיך אײַנצופּאַרשטיין מיט אונדזערע קונים אין אויסלאַנד.

חיים האָט אויך אַ באַזונדערן טאַלאַנט צו מענטשן, מיט אַ וואַרעמען צוגאַנג. זײַנע מיטאַרבעטערס האָבן אים תּיכּף ליב באַקומען און ער האָט געהאַט אויף זיי אַ געבענטשטע השפּעה.

אַ דאַנק אַט די אַלע מעלות, מיט מײַן פולער שטיץ און צוטרוי, האָט ער אויסגעבויט „בגיר".

אין די אָנהייב אַכציקער יאָרן האָבן זיך אָבער בײַ אים באַוויזן סימפּטאָמען פון אַ האַרצקרענק. אין 1983 האָט ער געמוזט דורכגיין אַ שווערע האַרץ־אָפּעראַציע אין דער שווייץ. ער האָט זי בשלום איבערגעקומען, נאָר ווען ר'האָט זיך אומגעקערט אין ישראל, האָט ער געפילט, אַז ער האָט נישט מער דעם כּוח אָנצופירן מיט דער פאַבריק, בפרט אין די שווערע באַדינגונגען פון עקאָנאָמישן קריזיס. דעריבער האָט ער באַשלאָסן זיך אומצוקערן קיין טשילע, ווו מען קען לעבן גרינגער, מיט ווייניקער פּראָבלעמען.

אין טשילע האָט ער געהאָלפן דער משפּחה אויפצובויען אַ קאָנפעקציע־פאַבריק און האָט געהאַט דערפון אַ גרויסע סאַטיס־פאַקציע. ער האָט בכלל ליב אַן אינטים משפּחה־לעבן, און דאָס האָט ער געקענט אויספירן אין טשילע, ווו אונדזער משפּחה איז זייער אַ פאַרצווײַגטע.

דעם אמת געזאָגט, איז מיר שווער צו פאַרשטיין אַ ייִדן, וואָס האָט פון כּל־טוב, וואָס קען זיך אַלץ פאַרגונען, און בײַט פון דעסטוועגן אויס ארץ־ישראל אויף טשילע, אַפילו ווען ער קען דאָרטן געמיטלעכער לעבן. עס שטעלט זיך די שאלה, צי באַשטייט טאַקע דער סוד פון גליק אין אַ געמיטלעך לעבן? מסתּמא האָט איטלעכער זײַן אייגענעם סוד אין לעבן, און איטלעכער פאַרשטייט דאָס גליק אויף זײַן אופן.

אַזוי ווי חיים איז אויך געווען דער וויצעפאָרזיצער פון „פּולגת", האָבן מיר אויף זײַן אָרט באַשטימט אַהרון דוברת, וואָס איז פון

תּמיד אָן געווען אַ דירעקטאָר אין „פּולגת״. אַחוץ דעם איז ער מײַנער אַ פּערזענלעכער גוטער חבר, און איך קען זיך פאַרלאָזן אויף אים און אויף זײַן עצה אין איטלעכן תּחום. דבֿ, מײַן ברודערנס זון, וואָס האָט דורך דער צײַט מיט הצלחה אָנגעפירט מיט דער שטאָף־פאַבריק אין „פּולגת״, האָט אַצינד אויך איבערגענומען חיימס אָרט, ווי גענעראַל־דירעקטאָר פון „בגיר״.

אַ בית־וועד פאַר ייִדישע שרײַבערס

דער פּאָעט אַברהם סוצקעווער, לאַורעאַט פון פּרס־ישראל און ערן־בירגער פון תּל־אָביב, וואָס כ׳האָב זיך מיט אים געהאַט באַקענט מיט אַ פופצן יאָר צוריק, בעת ער איז געווען צו גאַסט אין טשילע, און מיט וועלכן כ׳האָב אָנגעהאַלטן אַ פרײַנדשאַפט אין משך פון יאָרן, האָט מיר פאַרגעלייגט איך זאָל שאַפן אַ יערלעכן פרײַז פאַר ייִדישע שרײַבערס בײַ „די גאָלדענע קייט״, די ליטעראַרישע צײַטשריפט וואָס ער, סוצקעווער רעדאַקטירט, און די הסתדרות גיט זי אַרויס פון ערשטן נומער אָן, פון 1949.

איך האָב זיך געהאַט באַקענט מיט ייִדישע שרײַבערס אין ישראל נאָך בעת איך בין דאָ געווען צו גאַסט אין איינעם מיט שלמה ביקל, אין 1964. איך בין באַזונדערש באַגײַסטערט געוואָרן פון דעם עסײַיִסט און ראַדיאָ־קאָמענטאַטאָר משה גראָס־צימערמאַן, און כ׳האָב זיך דערנאָך מיט אים זייער אָפט באַגעגנט. דעם טיפן לירישן פּאָעט יעקב פרידמאַן האָב איך נאָך געקענט פון טשערנאָוויץ. ווי אַן אייניקל פון דער רוזשינער דינאַסטיע, האָט ער מוותּר געווען אויף רביסטווע, זיך דערווײַטערט בכלל פון דת, און געוואָרן איינער פון די סובטילסטע ייִדישע דיכטערס. אַוודאי זענען זײַנע לידער דורכגעדרונגען מיט אַ טיפן רעליגיעזן וועלטגעפיל און האָבן אַ מיסטישן כאַראַקטער. כ׳האָב אויך געקענט דעם פּאָעט בינם העלער, וואָס האָט זיך נאָך קונה־שם געווען אין פּוילן, און דעם שרײַבער מרדכי צאַנין, וואָס האָט מייסד געווען און רעדאַקטירט די ייִדישע צײַטונג „לעצטע נײַעס״; כ׳האָב געקענט דעם ווילנער שרײַבער אַברהם קאַרפּינאָוויטש, דעם בעסאַראַבער פּאָעט אפרים אויערבאַך, דעם טשערנאָוויצער פרייד ווײַנינגער, דעם קריטיקער יצחק יאַנאַסאָוויטש, וואָס איז אַהער געקומען פון אַרגענטינע, און פאַרשטייט

זיך, די שרײַבערס וואָס זענען געקומען פון טשילע: יעקב פּילאָווסקי און שלמה באַכראַך. איך וויל אויך דערמאָנען מײַן באַקאַנטשאַפט מיט משה רון, וואָס איז געווען סעקרעטאַר פון העברעיִשן זשור־נאַליסטן־פאַרבאַנד און, שוין אָפּגערעדט, פון יצחק קאָרן, וואָס אַחוץ זײַן פּאָליטיש עסקנות, איז ער עד־היום איינער פון די אַקטיווסטע טוער פאַר יִדיש אין ישראל, פּאַרזיצער פון וועלטראַט פאַר יִדיש און יִדישער קולטור. איך וויל אויך דערמאָנען דעם וואָרטקינסטלער הערץ גראָסבאַרד און דעם גרויסן הומאָריסטישן אַקטיאָר שמעון דזשיגאַן.

מע פלעג זיך צונויפקומען בײַ מיר אין שטוב כּדי צו פּײַערן דאָס אַרויסגיין פון אַ נײַ יִדיש בוך, אָדער מקבל־פּנים זײַן אַ יִדישן שרײַבער וואָס איז געקומען פון אויסלאַנד, ווי למשל אונדזער בוקאָווינער שרײַבער ברוך האָגער, וואָס האָט געלעבט אין אַרגענטינע, צי מאַרק טורקאָוו, און אַ סך אַנדערע. אַ באַזונדערע דערמאָנונג איז מיר געבליבן פונעם טשערנאָוויצער מאָלער אַרטור קאָלניק, וואָס איז געקומען צו גאַסט פון פּאַריז און האָט דאָ אײַנגעאָרדנט זײַנע אַן אויסשטעלונג. אונדזער הויז איז באמת געווען אַ בית־וועד פאַר יִדישע שרײַבערס. צו די באַגעגענישן אָדער פּײַערונגען אָדער פאַרטיילן פון פּרײַז, האָבן מיר פאַרבעטן אָפט דעם באַקאַנטן זשורנאַליסט און רעדאַקטאָר פון „מעריב״, שלום ראָזענפעלד. אויך גאָלדע מאיר פלעגט קומען און נעמען אַ וואָרט אויף איר רײַכן, זאַפטיקן יִדיש. זי האָט תּמיד ציטירט פון יִדישע שרײַבערס און באַזונדערש פון ה. לייוויק.

איך געדענק, למשל, ווען מ׳האָט געפּײַערט בײַ אונדז אין שטוב דעם אַכציקסטן געבוירן־טאָג פון משה גראָס־צימערמאַן. ס׳איז געקומען גאָלדע און אויך ליובה אליאב, וואָס האָט שוין דעמאָלט פאַרשפּרייט זײַנע אידעען וועגן די פאַרנומענע שטחים און דער פּאַלעסטינער באַפעלקערונג. גאָלדע, וואָס איז געווען ראַדיקאַל אין איר פּאָליטיק, האָט מיט ליובה אליאב געהאַט אַ שווערע דיסקוסיע וועגן אָט די ענינים.

די באַגעגענישן בײַ מיר אין שטוב זענען געווען אַ גײַסטיקע דערהויבנקייט און זענען געבליבן טיף אײַנגעקריצט אין מײַן האַרץ

און אין מײַן מות. אין 1975, ווען עדיט, מײַן לעבנס־באַגלייטערין, איז אַוועק אין דער אייביקייט, זענען אויך איבערגעריסן געוואָרן די באַגעגעניש. ס'רוב פון די אויבן דערמאָנטע מענטשן זענען אויך שוין אויפן עולם־האמת. אַ סך פון זיי האָב איך געהאַט דעם טרויעריקן כּבוד מספּיד צו זײַן אין „בית־לייוויק", דאָס הויז פון ייִדישע שרײַבערס און זשורנאַליסטן אין תּל־אָביב.

אַט דאָס גײַסטיקע קאַפּיטל האָט זיך אַרײַנגעוועבט ווי אַ דינער גאָלדענער פאָדעם אין דעם שווערן, גראָבן שטריק, מיט וועלכן איך האָב זיך געמאַטערט אַרויסצושלעפּן מײַן אינדוסטריעלע אונטערנעמונג פון מאַטעריעלן קריזיס. די אונטערנעמונג איז טאַקע געוואַקסן און צוגעקומען צו אַ זיכערן ברעג, נאָר פון יענע דערהויבענע אָוונטן איז בלויז געבליבן אַ נאָסטאַלגישע דערמאָנונג.

שושנה ספיר

אין 1972 איז געשטאָרבן שושנה, די פרוי פון פנחס ספיר. דאָס איז געווען אַ זעלטן קלוגע און באַשיידענע פרוי, און זי האָט זיך כסדר געמוזט ראַנגלען, כּדי אויסצוקומען מיט דעם קנאַפּן געהאַלט וואָס איר מאַן, דער פינאַנץ־מיניסטער, האָט אַהיים געבראַכט. ס׳איז געווען אַן איבערגעטריבן מאָדנער מצב, אַז ספּיר, וואָס האָט געאַרבעט 16 ביז 20 שעה אַ טאָג, וואָס האָט מאַנעווורירט מיט מיליאַרדן דאָלאַרן, האָט קוים געהאַט פּרנסה און האָט פאַרדינט ווינציקער ווי זײַן שאָפער.

שושנה איז געווען זייער אַן אָפטער גאַסט בײַ אונדז און האָט זיך שטאַרק פאַרחברט מיט מײַן פרוי, מיט עדיטן. ביידע זענען געווען באַשיידענע פאַרשוינען, און וואָס שייך קלוגשאַפט — זענען זיי ממש געווען צווילינג־שוועסטער. מײַן פרוי פלעגט זי רופן פאַרצויגן: שושנקעלע.

צו די שלושים נאָך איר טויט, האָט עדיט געשריבן אַ הספּד אויף שושנה אין דײַטש, אים געלאָזט איבערזעצן אויף עברית און אָפּגעדרוקט אין צײַטונג. זי רעכנט דאָרטן אויס אירע מעלות און דערציילט ווי זי האָט זיך באַמיט ביז דער לעצטער שעה פון איר לעבן, ווען זי האָט שוין קוים געקענט רעדן, צו העלפן און צו שטיצן אַנדערע, דער עיקר — עלנטע מענטשן, וואָס האָבן זיך קיין עצה נישט געקענט געבן. „ווי באַשיידן, ווי קלוג איז געווען דײַן לעבן, ווי האָסטו געוווּסט ווי אַזוי נישט אויסצוניצן דײַן געזעלשאַפטלעכן מעמד און נישט נאָכצויאָגן נאָך כּבוד!״ — האָט עדיט געשריבן אין איר מאמר.

מיר, די נאָענטע פרײַנד, האָבן נאָך שושנהס טויט געשאַפן אַ פאָנד אויף איר נאָמען, כאָטש מיר האָבן זייער שווער דערוויף

באַקומען די הסכּמה פון פּנחס ספּיר. ער האָט שטענדיק מורא געהאַט מע זאָל אים, חלילה, נישט אומדירעקט אונטערקויפן. אַגב, ווען ער האָט באַשטעלט בײַ מיר אַן אַנצוג, האָט ער צען מאָל דערמאָנט איך זאָל אים צושיקן דעם חשבון. און ווען איך האָב אים צוגעשיקט דעם חשבון, האָט ער מורא געהאַט אַז איך האָב בײַ אים גענומען אַ צו קליינעם פּרײַז. און ווען כ'האָב זײַן טשעק נישט תּיכּף־ומיד אינקאַסירט, האָט ער מיר געקלונגען און געזאָגט אַז ער האָט קאָנטראָלירט אין באַנק און דער סכום איז ניטש אַרויס פון זײַן קאָנטאָ. אַזוי קרישטאָל־ריין איז ער געווען אין זײַן פּריוואַט לעבן.

ווען ער האָט סוף־כּל־סוף געגעבן זײַן הסכּמה צו שאַפן דעם פאָנד אויף שושנהס נאָמען, האָט ער געבעטן, אַז איך און אַברהם שפּיראַ זאָלן גיין צו גאָלדען און איר דערציילן וועגן דעם ענין. גאָלדע האָט אויסגעדריקט איר צופרידנקייט מיט אונדזער פּלאַן און דערבײַ האָט זי אָנגעהויבן אויסצורעכענען די מעלות פון פּנחס ספּיר. זי האָט דערציילט וואָס ער האָט אַלץ אויפגעטאָן, ווי ער האָט געראַטעוועט די מדינה פון עקאָנאָמישן בראָך, ווען די קאַסע איז געווען ליידיק, און מע פלעג געבן אַ טשעק פון ניו־יאָרק אין לאָס־אַנדזשעלעס, צו געווינען אַ דיפערענץ פון עטלעכע שעה... אַזוי שווער האָט מען געמוזט דרייען און קאָמבינירן, ווײַל ביידע קעשענעס זענען געווען ליידיק. אָבער ספּיר, מיט זײַן קאָפּ און מיט זײַן איבערמענטשלעכער אַרבעט, האָט געשאַפן אַ יש־מאין. און אין מיטן די אַלע שבחים, האָט גאָלדע אַ זאָג געטאָן: „אָבער ער איז אַ פּרא־אָדם! ער האָט אַ הויכן בלוטדרוק און אַרבעט איבער די כּוחות. אין אַ טאָג וועט ער צוזאַמענפאַלן".

גאָלדע האָט פאָרויסגעזען, וואָס ס'איז טאַקע שפּעטער מיט דרײַ יאָר געשען, ווען פּנחס ספּיר איז צוזאַמענגעפאַלן מיטן ספר־תּורה אין די הענט, אין אַ ייִשוב פון ייִדן פון אינדיע.

מײַן פֿרײַנדשאַפֿט מיט אַבֿרהם שפּירא

צום ערשטן מאָל פֿון זינט איך בין אַרויס פֿון אַגודת־ישׂראל, ווי איך האָב דערציילט אין די ערשטע קאַפּיטלען פֿון די דאָזיקע זכרונות, האָב איך אָנגעקניפּט ווידער אַן אמתע פֿרײַנדשאַפֿט מיט אַ גאָר פֿרומען ייִדן — מיט ר׳ אַבֿרהם שפּירא. אַפֿילו מיט מײַן יוגנט־חבֿר הרבֿ לייבוש האַלפּערט, וואָס מיר האָבן אין איינעם געלערנט אין חדר און אין ישיבֿה, האָב איך נישט געהאַט וואָס צו רעדן, אַחוץ דערמאָנען די יונגע יאָרן. און דאָ האָב איך באַגעגנט צום ערשטן מאָל אַ פֿרומען ייִדן, מיט אַ דור ייִנגער פֿון מיר, וואָס מע קען מיט אים רעדן וועגן אַלץ אין דער וועלט.

אונדזער פֿרײַנדשאַפֿט האָט זיך אָנגעהויבן בײַ אונדזער בשותּפֿותדיקן רבין — וואָס מיר זענען ביידע געווען זײַנע הייסע חסידים: פּנחס ספּיר. בײַ זײַנע אַנדערע רבים, בײַם ווישניצער און בײַם גורער, האָב איך נישט געהאַט קיין דריסת־רגל. דאָס איז פֿאַר מיר געווען אַ פֿאַרגעסענע וועלט, אין וועלכער כ׳האָב זיך מער נישט אומגעקערט.

ר׳ אַבֿרהם שפּירא מיט זײַן פֿרומען דרך, וואָס האָט אויך זײַנע קינדער דערצויגן אויפֿן זעלבן אופֿן, איז געווען — לכל־הפּחות איידער ער איז אַרײַן אין פּאָליטיק — אַ מענטש מיט אַ ליבעראַלן צוגאַנג צו וועלטלעכע ייִדן. בכלל איז ער אַ ייִד מיט אַ סך פּערזענלעכן חן און אינטעליגענץ. כ׳האָב תּמיד בײַ אים באַגעגנט מער וועלטלעכע ייִדן, ווי פֿרומע. צווישן זײַנע נאָענטע פֿרײַנד זענען אַהרון דוברת, עוזי שטיינבאַרג, יגאל אַרנון. ער איז אויך אַ מענטש מיט באַזונדערע פֿעיִקייטן אין מיסחר און אינדוסטריע.

פֿון דער ישיבֿה איז ער אַרויס אָן קיין שום צוגרייטונג אין אינדוסטריעלע ענינים, אָן קאַפּיטאַל; אָבער פֿון אַ באַנקראָטער

טעפּעכער־פאַבריק, וואָס ספּיר האָט אים געבעטן ער זאָל זי איבערנעמען, האָט ער אויסגעבויט די אימפּעריע „שטחי כרמל", וואָס איז הײַנט פון די וויכטיקע פאַבריקן אין לאַנד.

איך פלעג אים צו מאָל דערציילן וועגן מײַנע ישיבה־יאָרן; נאָר אַז כ'האָב זיך דערוועגט אויסצוטײַטשן אַ פּסוק פון דער תּורה, נישט אין קיין אָרטאָדאָקסישן גײַסט, האָט ער מיר מיט אַ שמייכל געזאָגט, אַז דעם פּשט זאָל איך האַלטן פאַר זיך.

מיט דער צײַט זענען מיר געוואָרן אמתע ידידים און כ'האָב פאַר אים קיין שום סודות נישט געהאַט. אין 1975, ווען מײַן פרוי איז אַזוי שווער קראַנק געוואָרן, האָב איך זיך פאַר אים אויסגערעדט און אים דערציילט ווי פאַרביטערט איך בין. האָט ער מיר געראָטן כ'זאָל מיט אים גיין צום רבין. כ'האָב אים דערויף געענטפערט, אַז אין מײַן מצב פיל איך באמת אַ נייטיקייט עפּעס צו טאָן; אין מײַן אָנמאַכטיקייט בין איך טאַקע מקנא אַ פרומען ייִדן, וואָס לויפט צום רבין אָדער זאָגט תּהילים — אָבער ווי קען איך טאָן אַ זאַך אין וועלכער איך גלייב נישט? פון דעסטוועגן — האָב איך צוגעגעבן — וועל איך אים, שפּיראָן, שיקן געלט, ער זאָל עס פאַרטיילן פאַר וועמען ער פאַרשטייט. איך האָב דעמאָלט צום ערשטן מאָל באַנומען די פּסיכאָלאָגיע פון ברענגען קרבנות. ווען דער מענטש שטייט אָנמאַכטיק, אַפּהענטיק, אַנטקעגן דער אַכזריות־דיקייט פון דער נאַטור, דערוועקט זיך אין אים דאָס געפיל צו זוכן הילף דורך אַ קרבן. אָבער קודם דאַרף מען גלייבן דערין. ווי שטייט געשריבן? אַשרי המאמין!

אין 1981, פאַר די וואַלן, האָט מיר שפּיראָ אָנגעקלונגען פון ניו־יאָרק און דערציילט, אַז דער גורער רבי פון „מועצת גדולי התורה" לייגט אים פאָר ער זאָל אַרײַן אין דער כּנסת, ווי אַ דעפּוטאַט פון אַגודת־ישראל. פרעגט ער מיך אַן עצה, צי זאָל ער אָננעמען? האָב איך אים געראָטן ער זאָל אָננעמען, ווײַל ווי אַ חבר־כּנסת וועט ער אויך קענען העלפן דער אינדוסטריע.

איך ווייס אַז ער האָט טאַקע הנאה פון דעם בכּבודיקן אָרט אין דער כּנסת, און די פאַרשיידענע פונקציעס וואָס ער פירט דאָרטן אויס: פאָרזיצער פון דער ליכּוד־פראַקציע אין דער פאַריקער רעגי־

רונג, פאַרזיצער פון דער פינאַנציעלער קאָמיסיע אין דער איצטיקער רעגירונג. און איך, ווי אַ גוטער פריינד, פאַרגין אים דעם כּבוד פונעם גאַנצן האַרצן, נאָר איך פאַרשטיי אַז ער מוז רעדן אין דער כּנסת אין נאָמען פון די וואָס האָבן אים אַהין געשיקט, אין נאָמען פון די חרדים פון אַגודת־ישראל, אַפילו דאָס איז אין סתירה מיט זיין ליבעראַלער טבע.

מיר זענען געבליבן די זעלביקע גוטע־פריינד און איך האָב עד־היום הנאה ווען ער פאַרבעט מיך אויף אַ שבת צום טיש און איך זע די קינדער און אייניקלעך זיינע, וואָס נעמען אים אַרום מיט דרך־ארץ און ליבשאַפט. כ'בין זיך מודה, אַז דאָס האַרץ דערוואַרעמט זיך אין מיר פון נאָסטאַלגיע, ווען איך הער זיינע זמירות, וואָס ער זינגט אין איינעם מיט זיינע זין, מיט די גרויסע שטריימלעך אויף די יונגע קעפ זייערע. ניגונים וואָס זענען מיר באַקאַנט פון די קינדער־יאָרן.

פון דעסטוועגן, וואָלט איך שוין געוואָלט, אַז מיין אַלטער־יונגער פריינד אַברהם שפּירא זאָל זיך אַרויסרייסן פון דער פּאָליטיק, קודם־כּל צוליב זיין אייגן געזונט. איך וואָלט געוואָלט ער זאָל זיך אַרויסרייסן פון אַ פּאָליטיק אונטערן פּאַטראָנאַזש פון די אַלטע רבנים, וואָס פירן מחלוקתן צווישן זיך גופא, צווישן חסידים און מתנגדים, פון אַ דאָגמאַטיש־רעליגיעזער פּאַרטיי, באַזירט אויף תּרי"ג מיצוות, מיט אַ צוגאָב פון סיגים און חומרות, וואָס זענען אָנגעוואַקסן אין משך פון אַ צוויי טויזנט יעריקן גלות. אַזאַ פּאַרטיי קען נישט לעבן בשלום מיט אַ פּאַרלאַמענט וואָס באַזירט זיך אויף וועלטלעכער דעמאָקראַטיע.

דאָס טראַגישע יאָר פון דער יום־כּיפּור־מלחמה

נישט געקוקט דערויף וואָס מיר האָבן דעם חנוכּת־הבית פון „פּולגת" געמאַכט אין 1964, האָבן מיר שוין אין מײַ 1973 באַשלאָסן צו פײַערן צען יאָר פון זינט מיר האָבן פּאַקטיש אָנגעהויבן צו אַרבעטן. מיר האָבן עס געטאָן אויך צוליב דעם, וואָס צום ערשטן מאָל זענען געדעקט געוואָרן אַלע דעפיציטן, וואָס האָבן זיך געהאַט אָנגעזאַמלט, און די פאַבריק האָט אָנגעהויבן אויפצווויַזן רווח.

ווען כ'האָב ספּירן דערציילט, אַז אין דעם יאָר וועלן מיר שוין פאַרדינען, האָט ער מיך באַלד אַ פרעג געטאָן:

— וויפל?

אַז כ'האָב אים געזאָגט די סומע, וואָס איז געווען אַ רעלאַטיוו קליינע, האָט ער זיך אָנגערופן:

— צו ווייניק!

— וואָס פאַר אַ מין סאָציאַליסט זענט איר — האָב איך אים געפרעגט — אַז איר ווילט די קאַפּיטאַליסטן זאָלן מער פאַרדינען?

— זײַט נישט קיין נאַר, אויב איר וועט פאַרדינען מער, וועט איר דאָך פאַרגרעסערן די פאַבריק. און אַחוץ דעם: אויב מע וועט זיך דערוויסן אַז איר פאַרדינט גוט, וועלן אויך אַנדערע ייִדן קומען און אינוועסטירן.

דאָס איז בעצם געווען ספּירס גאַנצע פילאָסאָפיע על רגל אחת...

ער האָט מיר גערעדט אין זאַל פאַרבעטן גאָלדען אויף דער שימחה. זי האָט סײַ ווי געהאַלטן, אַז זי האָט אַ חלק אין דעם וואָס כ'בין עולה געווען און אויסגעבויט די פאַבריק אין קרית־גת; און ממילא אויך אין מײַן הצלחה. ווי זאָגט דאָס פאָלקסווערטל? הצלחה האָט אַ סך טאַטעס, נאָר דער בראָך איז אַ קײַלעכיקער יתום.

בכל־אופן איז עס פאַר איר געווען אַ גרויסע פרייד צו זײַן ערנגאַסט אין דער פאַבריק אויף אונדזער שימחה. אויב איך האָב קיין טעות נישט, איז עס געווען דאָס ערשטע און לעצטע מאָל, וואָס גאָלדע האָט אָנטייל גענומען אין אַזאַ יובל־פײַערונג אין אַ פאַבריק, ווי אַ פרעמיער־מיניסטער. אין גיכן איז אויסגעבראָכן די יום־כּיפּור־מלחמה און גאָלדע האָט אָנגעווירן איר פירנדיקע פּאָזיציע ווי אַ פרעמיער־מיניסטער.

כּידוע, האָט די דאָזיקע מלחמה נישט בלויז גורם געווען די מאַכט זאָל זיך בײַטן, נאָר די גאַנצע מדינה האָט זיך פון דעמאָלט געביטן, כּלפּי־חוץ און כּלפּי־פּנים. פון איין זײַט איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער חלוצישער גײַסט, פון אַ צווייטער זײַט האָט זיך פאַרשאַרפט דער עקסטרעמיזם, אי בײַ ייִדן אי בײַ אַראַבער. און אפשר — ווער ווייס? — וואָלט מען גאָר נישט געווען דערגרייכט דעם שלום מיט מצרים, ווען נישט די יום־כּיפּור־מלחמה. דאָס וועט ערשט די געשיכטע אָפּשאַצן און באַשטימען.

דאָס יאָר 1973 איז בכלל געווען זייער אַ שווער יאָר פאַר דער עקאָנאָמיע אין גאַנצן לאַנד. פון דעסטוועגן האָב איך באַשלאָסן, אַזוי ווי מיר זענען שוין צוגעקומען צו אַ זיכערן ברעג, צו פאַר־גרעסערן די פאַבריק, צו בײַטן די מאַשינען, אַלץ מאָדערניזירן, כּדי גובר צו זײַן די קאָנקורענץ און קענען אַרבעטן פאַר עקספּאָרט.

„פּולגת" איז געוואָרן אַ שם־דבר. כּמעט אַלע נשיאים, מיניס־טאָרן און כּנסת־חברים זענען געקומען וויזיטירן די פאַבריק. און אַז ס'איז געקומען אַ הויכער גאַסט פון אויסלאַנד, האָט מען אים געבראַכט קיין קרית־גת, ער זאָל זען אַ מאָדערנע פאַבריק אין נגב. ווען מ'האָט אָנגעקניפּט דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען מיט דײַטשלאַנד, האָט מען געבראַכט אין פאַבריק דעם געוועזענעם קאַנצלער ערהאַרד, וואָס איז געקומען צו גאַסט אין ישראל.

דער איצטיקער אַרבעט־מיניסטער, קצב, איז אַפילו געקומען אַרבעטן אַ טאָג אין פאַבריק. ער האָט געוואָלט זײַן אַ דוגמא פאַר אַנדערע, אָבער די אַרבעטער, און בפרט די מיידלעך, האָבן אין יענעם טאָג מער געקוקט אויף אים ווי געאַרבעט; קודם־כּל ווײַל

ער איז אַ שײנער יונגער־מאַן, און צוױיטנס, זען װי אַ מיניסטער אַרבעט, װי אַ מיניסטער איז פּראָדוקטיװ, איז פּאַרט אַ קוריאָז!

אַ גרויסע הנאה האָב איך געהאַט װען מיניסטער יוסף בורג איז געקומען אין פּאַבריק קויפן, אָדער באַשטעלן אַן אַנצוג. איך האָב אים נאָך געקענט פון די יאָרן אין טשילע, װען ער פלעגט אַהין קומען אין שײַכות מיטן מגבית. איך האָב תּמיד באַװוּנדערט זײַן גװאַלדיקן זכּרון. ער האָט געדענקט װי איך בין געבױרן און װוּ איך האָב שפּעטער געלעבט. דערנאָך, װען כ׳האָב שוין געהאַט אויפגעבויט די פּאַבריק, זענען מיר געװאָרן ידידים, און זײַן שיחת־חולין איז פאַר מיר שטענדיק געװען אַ פאַרגעניגן.

באַזונדערש פלעג איך הנאה האָבן פון זײַן הומאָר, פון זײַנע װיצן, אין שײַכות מיט אַקטועלע פּראָבלעמען. אין דער צײַט װען די „יונגע" אין מפד״ל, בראָש מיט זבולון האַמער, האָבן געװאָלט איבערנעמען די מאַכט אין דער פּאַרטײ, האָב איך אים אַ זאָג געטאָן מיט אַן אַנצוהערעניש און אַ רמז אויפן פּסוק: בנים גידלתי ורוממתי וכו׳. האָט ער מיר דערויף געענטפערט:

— נישט **בנים** גידלתי, נאָר **רבנים**...

אויך דאָס איז געװען אַן אַנצוהערעניש, װאָרעם ער האָט געהאַלטן, אַז הרב גורן, דעמאָלט רב הראשי, שטײט בעצם הינטער די „יונגע" אין מפד״ל.

אַ צװייט מאָל האָב איך אַ זאָג געטאָן, אַז די װעלט שטײט מער נישט הײַנט, װי ס׳איז געשריבן, על התּורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים, נײַערט אויף קינאה און שינאה. האָט ער מיר באַלד געענטפערט:

— די װעלט שטײט טאַקע על התּורה וכו׳, װי שמעון הצדיק זאָגט, אָבער די **דרייט זיך** אויף קינאה און שינאה...

ער האָט אַװדאי געהאַט זײַנע חסרונות אין דער פּראַקטישער אַרבעט װי אַ מיניסטער, אָבער װי אַ גײַסטיקע פּערזענלעכקייט האָט ער מיט זײַן ספּאָנטאַנעם הומאָר צו־נישט געמאַכט זײַנע קעגנערס. ער איז אחד־בדורו אין דער גאַלעריע פון די ישׂראל־פּאָליטיקערס.

אין 1974, נאָך דער יום־כּיפּור־מלחמה און אַלע אירע טראַגישע נאָכווייען וואָס איטלעכער געדענקט זיי, האָט די רעגירונג אין שפּיץ מיט גאָלדע מאיר דעמיסיאָנירט און יצחק רבין איז געוואָרן פּרעמיער־מיניסטער. די פּאַרטיי האָט בעצם געהאַט פּאַרגעלייגט ספּירן צו ווערן ראָש־ממשלה, אָבער ער האָט מורא געהאַט פאַר גאָלדען. זיי זענען זיך לחלוטין צעגאַנגען אין שייכות מיט די עיקרדיקע פּאָליטישע פּראָבלעמען. ספּיר האָט געהערט צו די מילדע, מאָסיקע פּאָליטיקערס און איז בשום־אופן נישט מסכּים געווען מיט ראַדיקאַליזם וואָס שייך די פאַרנומענע שטחים און דער אַראַבישער באַפעלקערונג. ער האָט געוואָרנט, אַז די העכער אַ מיליאָן אַראַבער אונטער ישראלישער הערשאַפט וועלן מיט דער צייט ווערן אַן אומגליק פאַר דער מדינה. אין דער ישראלישער פּאָליטישער טערמינאָלאָגיע איז ער געווען אַ „טויב", צום אונטערשייד פון גאָלדע, וואָס איז געווען אַ „שפּאַרבער".

ספּיר האָט געוואָרט אַז גאָלדע זאָל קלינגען צו אים און אים פאָרלייגן צו זיין ראָש־ממשלה, אָבער גאָלדע האָט נישט געקלונגען. און פּנחס ספּיר איז געוואָרן פּאָרזיצער פון דער סוכנות. ער האָט געהאָפט צו מאַכן אַ רעוואָלוציע אין תּחום פון עליה, ווי ער האָט געמאַכט אין תּחום פון אינדוסטריע. ער איז אַרומגעפאָרן איבער דער וועלט און זיך באַמיט צו איבערצייגן יידן זיי זאָלן עולה זיין.

יעדע וואָך פלעג איך צו אים גיין אין דער סוכנות, אויף רחוב קפּלן, אין תּל־אָביב. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז איך זע אַ לייב, פאַרמאַכט אין אַ שטייג. דער מענטש וואָס האָט אַ מאָל געהאַט אַזוי פיל כּוח, האָט פּלוצעם אַלע וואָפן אָפּגעגעבן זיינע שונאים און איז געשטאַנען אָפּהענטיק. אַפילו די כּלומרשטע פריינד האָבן אָן אים פאַרגעסן.

איך בין איין מאָל געווען ביי אים אין ביוראָ, בעת עס זענען דאָרטן געזעסן יהושע ראַבינאָוויטש, דער דעמאָלטיקער פינאַנץ־מיניסטער, און אַמירם סיוון, דער גענעראַל־דירעקטאָר פון פינאַנץ־מיניסטעריום. ספּיר האָט געשריגן הויך אויף אַ קול, אַז דער פינאַנץ־מיניסטער גיט אים נישט גענוג געלט צו בויען דירות פאַר נייע עולים...

מיר איז געווען פײַנלעך צו זײַן אַן עדות פֿון אַט דער סצענע. פֿון ספּירן האָט פּשוט אַרויסגעשריגן דער ווייטיק, אויף וואָס ער איז איבערגעקומען. ראַבינאָוויטש, בטבע אַן איידעלער, קולטורעלער מענטש, האָט מיך שפּעטער געפֿרעגט:

— וואָס וויל ספּיר פֿון מיר?

— ספּירן איז שווער זיך צוצופּאַסן צו דער אַנמאַכטיקער פּאָזיציע אין דער סוכנות — האָב איך אים געענטפֿערט. — אַחוץ דעם, האָב איך מורא אַז עס חזרט זיך איבער דאָס קאַפּיטל בן־גוריון — אשכּול...

בעת איינעם אַ וויזיט מײַנעם בײַ אים, האָט ער מיר דערציילט מיט האַלבע ווערטער וועגן אַ פּרוי, און מרמז געווען אַז ס'איז אים שווער צו לעבן אַליין. איך האָב פֿאַרשטאַנען פֿון זײַנע רמזים, אַז מ'האָט אים געפּאַקט מיט עפּעס אַ פּרוי, און דעריבער האָב איך בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ און אַ זאָג געטאָן:

— נו, איז וואָס?!

שפּעטער מיט עטלעכע שעה קלינגט צו מיר זײַן טאָכטער, רינה, און דערציילט מיר אַז דער טאַטע גייט חתונה האָבן מיט רבקהן, אַ פּרוי וואָס האָט געאַרבעט אין דער סוכנות. ערשט דעמאָלט האָב איך פֿאַרשטאַנען וואָס ער האָט, מחמת שעמעוודי־קייט, מיר פֿריִער געזאָגט מיט האַלבע ווערטער. האָב איך אים תּיכּף אָנגעקלונגען און אים אָפּגעגעבן אַ מזל־טוב.

אַ וואָך איידער ער איז געשטאָרבן, איז ער מיט רבקהן געקומען צו אונדז, ווען עדיט איז אַרויס פֿון שפּיטאָל, נאָך אַן אָפּעראַציע, וואָס האָט איר בעצם מער קיין שום האָפֿענונג נישט געגעבן. ספּיר האָט מיך געפֿרעגט דעם אַדרעס פֿון מײַן שוועגערין פֿון רוסלאַנד, די דאָקטערשע. ער האָט זיך געקלאָגט אַז ער פֿילט אַ ווייטיק אין די אויערן, פֿונעם הויכן בלוטדרוק. שפּעטער מיט אַ וואָך איז ער געשטאָרבן בעתן טאַנצן מיט אַ ספֿר־תּורה אין די הענט, אין אַ ישוב בײַ ייִדן פֿון אינדיע.

נישט בלויז דער הויכער בלוטדרוק האָט ספּירן אומגעבראַכט. די עיקר־סיבה איז געווען די פֿרוסטרירונג. די אַרבעט אין דער סוכנות איז נישט געווען פּאַסיק פֿאַר זײַן אימפּעטיקן כאַראַקטער,

פאַר זײַן טעמפּעראַמענט. ווער ס׳האָט ספּירן געזען אין זײַן אומבאַ־האָלפנקייט, ווי דער פאַרזיצער פון סוכנות, האָט געהאַט דאָס געפיל אַז ער האָט טאַקע געוואָלט שטאַרבן.

מ׳האָט היפּש געשריבן וועגן ספּירס פאַרדינסטן און גרויסע אויפטוען פאַר מדינת־ישראל. ס׳האָט זיך אָבער נאָך נישט געפונען דער פילאָסאָף־פּסיכאָלאָג־עקאָנאָמיסט, וואָס זאָל אַנטפּלעקן די גרויסקייט זײַנע. ספּיר האָט פאַרשטאַנען, אַז מדינת־ישראל, מיט איר גוואַלדיק קאָמפּליצירטן מצב, סײַ פּאָליטיש סײַ עקאָנאָמיש, ווו מע ווייס נישט וואָס דער מאָרגן קען ברענגען, דאַרף אַ בעל־הבית, אַ מנהיג, וואָס זאָל האָבן דעם כּוח צו באַשליסן וועגן אַן ענין, און נישט דאַרפן דורכגיין די שיבעה־מדורי־גיהנום פון ביוראָקראַטיע. ער האָט גענומען אויף זיך דאָס אַחריות און גובר געווען די קריטיק פון די אַקאַדעמישע עקאָנאָמיסטן און פון דער פּרעסע. דער עיקר איז פאַר אים געווען דאָס לאַנד זאָל זיך בויען — נישט נאָר אינדוסטריע — אין אַלע מעגלעכע תּחומים. אומעטום האָט ער געהאָלפן: שולן, אוניווערסיטעטן, פילאַנטראָפּישע אינס־טיטוציעס. אומעטום האָט ער צוגעלייגט אַ האַנט. פּנחס ספּיר האָט געפירט אַ חשבון פון די ייִדן אויף דער וועלט און האָט געוווּסט ווער עס קען אינוועסטירן אַ קאַפּיטאַל און ווער עס קען איבערלאָזן אַ ירושה פאַר מדינת־ישראל. ער האָט אויסגעזען צו זײַן אַ האַרטער מענטש, אָבער ווער ס׳האָט אים נענטער געקענט, האָט געוווּסט וואָס פאַר אַ טוב־לב און בעל־רחמנות ער איז, ווי ער סטאַרעט זיך איטלעכן צו העלפן, דעם יחיד און דעם כּלל. אין אַ באַשטימטן זינען איז ער אַפילו געווען אַ נאַיִווער מענטש.

קיינער האָט נישט אַנגעלאָדן אויף זיך אַזוי פיל פּראָבלעמען ווי פּנחס ספּיר. אשכּול האָט געבליצט מיט זײַן הומאָר; גאָלדע איז געווען איינציק מיט איר חן און היימישקייט, מיט איר רעדן און דערציילן; ראַבינאָוויטש איז געווען באַקאַנט מיט זײַן קולטור און אויסבאַלאַנסירטקייט — אָבער קיינער האָט נישט פאַרמאָגט דעם אימפּעט און די איניציאַטיוו פון ספּירן, קיינער האָט נישט געטראָגן אַזאַ שווערן עול ווי ער. ער איז געווען אַן אחד־בדורו און אַן אחד־במינו. איך ווייס נישט ווי די מדינה וואָלט אויסגעזען אַן

ספירן, און איך ווייס נישט ווי די מדינה וועט אויסזען אין דער צוקונפט, אָן אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי פּנחס ספּיר, וואָס זאָל מיט זײַן גוואַלדיקער ענערגיע געבן דער מדינה אַ רוק פאָרויס, זי זאָל נישט לעבן בלויז פון אינערציע, וואָס פירט ביזן סוף צו אָפּגע־שטאָנענקייט. אַוודאי — די אַקאַדעמישע עקאָנאָמיסטן, וואָס מאַני־פּולירן מיט ציפערן, וועלן קיין מאָל נישט קענען שלום מאַכן מיט אַזאַ מעטאָד ווי ספּירס, דהײַנו צו שווימען קעגן שטראָם!

יהושע ראַבינאָוויטש, וואָס איז אין 1974 געוואָרן פינאַנץ־מיניסטער אין רבינס רעגירונג, האָט איבערגענומען אַ גאָר שווערע סיטואַציע: די ווירטשאַפט אין לאַנד איז געווען כּמעט פּאַראַליזירט נאָך דער יום־כּיפּור־מלחמה; די מלחמה האָט גורם געווען אַ גרויסן האַנדל־דעפיציט און אַן אינפלאַציע פון איבער 50%, וואָס מ׳האָט אין יענער צײַט געהאַלטן פאַר אַ קאַטאַסטראָפע; מחמת דער יום־כּיפּור־מלחמה האָט דאָס פאָלק פאַרלוירן דעם צוטרוי אין דער אַרבעטער־פּאַרטיי און אירע מנהיגים; דער פּרײַז פון נאַפט איז גוואַלדיק געשטיגן.

ראַבינאָוויטשן איז געווען שווער אַרײַנצוקריכן אין ספּירס שיך, ווײַל ער איז געווען אַ מענטש מיט גאָר אַן אַנדער טעמפּעראַמענט. פון דעסטוועגן איז אים געראָטן, מיט זײַן באַשיידנקייט און רויִקן געמיט, צו איבערצײַגן מענטשן, אַז מע דאַרף שטיין אויף דער וואַך און טאָן אַלץ כּדי צו ראַטעווען די ווירטשאַפט. ס׳איז אים געראָטן צו פאַרקלענערן די אינפלאַציע, צו פאַרגרעסערן דעם עקספּאָרט און אַראָפּצודריקן דעם לעבנס־סטאַנדאַרד פון דער באַפעלקערונג.

ראַבינאָוויטש איז געווען מער אינטעלעקטואַל ווי ביזניס־מענטש. אין פּוילן, פון וווּ ער איז עולה געווען אין 1934, איז ער געווען אַ לערער. דאָ איז ער יאָרן־לאַנג געווען סגן־ראָש־העיר אין תּל־אָביב, ביז מ׳האָט אים אין 1969 אויסגעוויילט ווי ראָש־העיר. אין אָט דער פונקציע האָט ער אַ סך אויפגעטאָן אין תּחום פון קולטור: געבויט דעם תּל־אָביבער מוזיי, די ביבליאָטעק, דעם „פּרק־הירקון״. ער האָט זיך באַמיט צו פאַרבעסערן די נעץ פון

חינוך און קולטור אין תּל־אָביב. נישט געקוקט אויף זײַן דורכויס אינטעלעקטועלן פּראָפיל, האָט ער געהאַט זייער אַ רעאַליסטישן צוגאַנג צו פּאָליטיק און עקאָנאָמיע. ער האָט טאַקע אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס פאַר דעם תּל־אָביבער אוניווערסיטעט, אָבער ער האָט אויך געזוכט וועגן צו העלפן דער אינדוסטריע און דורכגעפירט אַ ריי וויכטיקע רעפאָרמען, ווי למשל די רעפאָרעם וואָס טראָגט דעם נאָמען פון פּראָפעסאָר בן־שחר. ער האָט אויך אײַנגעפירט די איבערוועַרט־שטײַערן (מס ערך מוסף).

אַלץ האָט ער געטאָן מיט גרויס באַשיידנקייט און זיך בשום־אופן נישט געוואָלט פאַרקויפן פאַר עפנטלעכער מיינונג. איך בין געווען אַ נאָענטער פרײַנד פון גאולה און יהושע ראַבינאָוויטש און פלעג אַ סך מאָל זײַן בײַ זיי צו גאַסט, שבת נאָך מיטאָג, בײַ אַ גלעזל טיי אָדער קאַווע, אין איינעם מיט אַנדערע פרײַנד. דאָס איז תּמיד געווען אַ גײַסטיקע איבערלעבונג, בפרט נאָך דעם ווי ער האָט זיך באַפרײַט פון דער רעגירונג, ווען דער ליכּוד האָט איבער־גענומען די מאַכט, אין 1977. קיין איינער פון די פּאָליטישע מנהיגים און מיניסטאָרן וואָס איך האָב געקענט, האָט נישט געהאַט זײַנע אינטעלעקטועלע פעיִקייטן.

איינער פון זײַנע וויכטיקע אויפטועון איז דער „פאָנד פאַר קולטור" (קרן תּל־אָביב לתרבות ולספרות), וואָס העלפט ביזן הײַנטיקן טאָג שרײַבערס און קינסטלערס.

בײַ די מוניציפּאַלע וואַלן אין 1974 איז שלמה להט געוואָרן ראָש־העיר, און צו זײַן שבח מוז מען באַטאָנען, אַז ער האָט געוווּסט אָפּצושאַצן דעם אויפטו פון זײַן געוועזענעם קעגנער און האָט זיך געפירט ווי אַן אמתער דזשענטעלמען. ער האָט פאַר־אייביקט זײַן נאָמען מיטן אָנרופן דעם „פּרק־הירקון" — „פּרק־יהושע". שלמה להט איז אויך געבליבן אַ נאָענטער פרײַנד פון דער אַלמנה, גאולה ראַבינאָוויטש, נאָך דעם ווי יהושע איז געשטאָרבן, 1979.

דער טויט פון מײַן לעבנס־באַגלייטערין

אין מײַ 1975 איז פאָרגעקומען אין מיאַמי דער כינוס פון „כלל״. מיר זענען געפלויגן מיט אַ פּאָר טעג פריִער קיין ניו־יאָרק, געווען דאָרטן אין טעאַטער, און אויך געזען צום ערשטן מאָל די מוזיקאַלישע פאָרשטעלונג „דער פידלער אויפן דאַך״, לויט שלום־עליכם, מיטן באַרימטן אַקטיאָר זעראָ מוסטעל. כ׳האָב דעמאָלט געטראַכט: וואָס וואָלט עפּעס שלום־עליכם געזאָגט, ווען ער זעט וואָס מ׳האָט געמאַכט פון זײַן טוביה דער מילכיקער?

בקיצור, מיר האָבן גוט פאַרבראַכט, נישט געחלומט אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל וואָס מיר זענען צוזאַמען אין אַמעריקע. מיר האָבן אַ סך מאָל גערעדט וועגן עלטער, ווען איינער פון אונדז וועט בלײַבן אַליין. אין תּוך בין איך געווען זיכער, אַז ס׳איז בלויז פאַראַן איין מעגלעכקייט: אַז עדיט וועט בלײַבן אַליין, וואָרעם איך בין דאָך געווען דער קראַנקער, וואָס האָט אַ מאָל, צוריק מיט יאָרן, געליטן פון טובערקולאָז. אויך שפּעטער בין איך געווען קראַנק פון צײַט צו צײַט. עדיט איז אָבער קיין מאָל נישט קראַנק געווען. איך פלעג איר זאָגן, אַז זי וועט לעבן ווי איר זיידע, אַריבער די נײַנציק. און זי האָט מיר תּמיד געענטפערט, אַז זי וויל קיין איין טאָג נישט לעבן נאָך מײַן טויט. ווי זאָגט אָבער דאָס ווערטל? דער מענטש דענקט און גאָט לענקט...

אין מיאַמי האָט מיר עדיט פּלוצעם געזאָגט, אַז זי פילט זיך שלעכט. כ׳האָב געוואָלט מיט איר תּיכּף גיין צו אַ דאָקטער, אָבער זי האָט אָפּגעלייגט, ביז מיר וועלן קומען קיין ציריך. פון זינט איך בין, מיט יאָרן צוריק, איין מאָל געלעגן אין „מאָנט־סיני״־שפּיטאָל, אין ניו־יאָרק, האָט זי מורא געהאַט פאַר די אַמעריקאַנער דאָקטוירים. די באַציִונג צום מענטש איז אַ קאַלטע. אַלץ ווערט געמאַכט מיט

טעכנישע מיטלען. מע פירט דעם מענטש פון איין אַפּאַראַט צום צווייטן.

אין ציריך האָבן די דאָקטוירים תּיכּף פעסטגעשטעלט: העפּאַ־טיטיס, דהיינו: געלזוכט. פּראָפעסאָר שמיד, אין ציריכער וויַיס־שפּיטאָל, האָט ביַים אָנהייב געטענהט, אַז ס׳איז בלויז אַן אינפעקציעזע קרענק, אָבער נאָך צוויי חדשים פון כּל־מיני אַנאַליזן, און נאָך דעם ווי ער האָט זיך באַראָטן מיט אַ באַרימטן פּראָפעסאָר אין לאָנדאָן — אַ גרויסע ספּעציאַליסטקע אין לעבערקרענק — האָט ער מיר געבראַכט די וויסטע בשורה, אַז עדיט האָט אַ ראַק אויף דער לעבער. ער האָט צוגעגעבן, אַז מען קען מאַכן אַן אָפּעראַציע און פּרוּוון אַריַינפירן אַ סאָנדע אין דער לעבער, אָבער איך האָב שוין כּמעט נישט פאַרשטאַנען וואָס ער האָט מיר דערקלערט. מיַין האַרץ און מיַינע אויערן האָבן זיך אָפּגעזאָגט אויפצונעמען די איוב־בשורה.

איך האָב געבעטן דעם פּראָפעסאָר, ער זאָל עדיטן דערקלערן איר סיטואַציע אין אַן אָפּטימיסטישער ליכט. און איך געדענק טאָקע, אַז ווען ער האָט מיט איר גערעדט וועגן אַן אָפּעראַציע, האָט ער איר דערציילט, אַז ער קענט אַ פּאַציענט, וואָס איז מסוגל אַפילו צו ריַיטן אויף אַ פערד, נאָך דעם ווי מ׳האָט אים אָפּערירט. דערויף האָט עדיט מיט אַ ביטערן הומאָר אים נאָך באַוויזן צו פרעגן, צי זי מעג שוין גיין איַינהאַנדלען אַ פערד?...

דער פּראָפעסאָר האָט אויך געזאָגט, אַז אויב ס׳איז מעגלעך, וואָלט ער געראָטן מע זאָל מאַכן די אָפּעראַציע אין ישראל, וויַיל דער טראַנספּאָרט נאָך אַזאַ אָפּעראַציע איז זייער פּראָבלעמאַטיש. עדיט האָט פאַרשטאַנען איר מצב און האָט געטענהט, אַז זי גלייבט נישט אין קיין אָפּעראַציע און זי וויל זיך נישט לאָזן שניַידן.

איך האָב אָנגעקלונגען צו מיַין פריַינד בעני גיטער, וואָס איז, אַגב, שוין געווען מבקר־חולה זיַין צוריק מיט אַ וואָך, און האָב אים געבעטן ער זאָל מיר תּיכּף אַרויסשיקן פון ישראל אַ דאָקטער, איך זאָל זיך מיט אים באַראָטן. באַלד איז טאַקע געקומען פּראָפעסאָר דעפריז, אין איינעם מיט מיַין ברודער חיים. דעפריז האָט זיך טעלעפאָניש פאַרבונדן מיט אַ כירורג, אַ ספּעציאַליסט פון בילינסון־

שפּיטאָל, וואָס האָט באַשטעטיקט אַז ער קען מאַכן די אָפּעראַציע.

אין מיטן חודש יולי זענען מיר געווען אין תּל־אָביב, און נאָך איין נאַכט אין דער היים זענען מיר אַוועק אין שפּיטאָל. עדיט האָט ווידער געזאָגט, אַז זי גלייבט נישט אַז די אָפּעראַציע וועט זי ראַטעווען, זי לאָזט זיך אָבער אָפּערירן בלויז דערפֿאַר, ווײַל איך גלייב אין דעם. זי האַלט אַז ס'איז בלויז אַן עקספּערימענט פֿאַר די דאָקטוירים. זי האָט מיר נאָך אָנגעזאָגט, אַז אויב זי שטאַרבט טאַקע בײַ דער אָפּעראַציע, בעט זי מע זאָל זי מקבר זײַן אין קרית־גת, און זי בעט אויך מע זאָל זי באַגראָבן אין אַן אָרון, ווײַל זי האָט קיין מאָל נישט געקענט צוקוקן, אויף לוויות, ווי מע טראָגט דעם מת אָן אַן אָרון. מיר האָבן געוואָרגן די טרערן, כ'האָב זי אַפֿילו נישט געקענט טרייסטן.

נאָך דער אָפּעראַציע האָט מיר געזאָגט דער כירורג, אַז די לעבער איז פֿול מיט מעטאַסטאַזעס. איך דאַרף זײַן געפּאַסט אויף אַלץ. נאָך אַ פּאָר טעג, האָב איך זי אַהיים גענומען. זי האָט נישט געוואָלט, אַז מענטשן זאָלן זי זען אין איר מצב און אויף איר רחמנות האָבן. זי פֿלעגט אַרויסקוקן פֿון פֿענצטער און זאָגן, אַז זי וואָלט נאָך איין מאָל כאָטש געוואָלט מיט מיר זײַן אין דרויסן, זיצן צוזאַמען אין אַ גאָרטן, ווי אַ מאָל. זי האָט קיין מאָל נישט מורא געהאַט פֿאַרן טויט, אָבער אַצינד וואָלט זי נאָך זייער געוואָלט לעבן, כאָטש זי ווייס, אַז ס'איז קיין האָפֿענונג נישטאָ.

איך האָב נאָך געבראַכט דאָקטוירים, ספּעציאַליסטן אין ראַק, און מ'האָט איר אָנגעהויבן צו מאַכן כעמישע טעראַפּיע, אין שפּיטאָל הדסה. פֿאַראַן דאָקטוירים, וואָס רעכענען זיך נישט אַז זיי זענען גורם דעם שווער־קראַנקן גוואַלדיקע יסורים מיט אַזאַ טעראַפּיע, טרײַבן אים בלויז אַרײַן אין אַ יאוש און דעמאָראַליזירן אים לחלוטין. זיי פֿאַרפֿינצטערן אים נאָך מער די לעצטע טעג פֿון זײַן לעבן, הגם אין אַזאַ פֿאַל ווייסן זיי דאָך, אַז זיי קענען מער נישט העלפֿן.

ווען דער דאָקטער פֿלעגט צו איר אַרײַנקומען און צולייגן דעם סטעטאָסקאָפּ צום האַרץ, פֿלעגט זי אים, אין אירע גרויסע יסורים,

נאָך פרעגן מיט אַ פאַרצערטן שמייכל, וואָס ער זוכט בעצם ביים הארץ ?

אַ פּאָר טעג פאַרן טויט איז זי אַראָפּ פון בעט און געבעטן דעם שליסל פון סייף, ווו זי האָט געהאַלטן איר צירונג. זי האָט אויך געמאָנט אַ בויגן פּאַפּיר, און האָט מיט אַ קלאָרער האַנטשריפט אָנגעשריבן אַ צוואָה, אײַנגעטיילט דאָס צירונג דער משפחה: דער שוועסטער, מלכהן — די פרוי וואָס האָט געאַרבעט אין שטוב, דער שוועסטערס טאָכטער, און דינהן . . .

שפּעטער מיט צוויי טעג, ערב יום־כּיפּור האָט זי געבעטן צוויי לײַכטער און ליכט.

— איך וויל צום לעצטן מאָל בענטשן ליכט — האָט זי געזאָגט — און בעטן גאָט פאַר אײַך, פאַר מיר איז שוין איבעריק, איך ווייס אַז כ׳לעב די לעצטע טעג. איך האָב שוין שלום געמאַכט מיטן גורל.

דעם 5טן אָקטאָבער, בײַ נאַכט, דרײַ טעג נאָך דעם ווי כ׳האָב זי אַריבערגעפירט אין שפּיטאָל „אסותא״, ווי דער דאָקטער האָט מיר געראָטן, בין איך געשטאַנען בײַ איר בעט, ווען איר האַרץ, וואָס איז געווען אַזוי פול מיט מענטשן־ליבע, האָט אויפגעהערט צו קלאַפּן. איך האָב פאַרלוירן אויף אייביק מײַן יוגנטליבע, די פרוי וואָס כ׳האָב זיך נישט געקענט פאָרשטעלן אַז כ׳וועל קענען לעבן אָן איר.

די לוויה איז אַרויסגעפאָרן פון שפּיטאָל „אסותא״. נאָר פון דאָרטן האָב איך געקענט טאָן ווי זי האָט אָנגעזאָגט, מקבר צו זײַן אין אַן אָרון, נישט אין די הוילע תּכריכים, ווי ס׳איז דער מינהג דאָ. דער גרויסער עולם וואָס איז געקומען אויף דער לוויה האָט פּשוט פאַרהאַלטן דעם פאַרקער אויף דער זשאַבאָטינסקי־גאַס. צווישן עולם איז אויך געווען גאָלדע מאיר. פון דאָרטן איז מען געפאָרן גלײַך קיין קרית־גת, ווי זי האָט אָנגעזאָגט, און דאָרטן האָט זי געפונען איר אייביקע רו.

איך האָב מודיע געווען אין די צײַטונגען, אַז כ׳בעט מע זאָל נישט קומען מיך מנחם־אָבל זײַן. איך האָב נישט געוואָלט זען קיין מענטשן, נישט געוואָלט מען זאָל אויף מיר רחמנות האָבן, אָבער

כ׳האָב געפֿילט, אַז דורך דעם מנין ייִדן, אין דער פֿרי און אויף דער נאַכט, בעת איך זיץ שיבֿעה און זאָג קדיש, האַלט איך אויף מיט עדיטן אַ מין מעטאַפֿיזישן קשר. מע מוז נישט זײַן רעליגיעז כּדי צו זיצן שיבֿעה און זאָגן קדיש! כ׳האָב פּשוט נישט געקענט באַנעמען, אַז זי איז מער נישטאָ. זי איז דאָך געווען אַ חלק פֿון מיר, כ׳האָב דאָך אין משך פֿון פֿערציק יאָר מיט איר געטיילט יעדע איבערלעבונג.

בעת דער שיבֿעה זענען געקומען אַ סך בריוו און טעלעגראַמען, פֿון פֿרײַנד און באַקאַנטע, וואָס האָבן אויסגעדריקט זייער מיטגעפֿיל. מיר האָט זיך כּסדר געוואָלט מיט די בריוו אַרײַנגיין אין עדיטס שלאָפֿצימער און איר ווײַזן וואָס מע שרײַבט וועגן איר. כ׳האָב נאָך אין מײַן אונטערבאַוווּסטזײַן נישט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק אַז עדיט איז טויט.

נאָך דער שיבֿעה בין איך געפֿאָרן קיין מילאַנאָ, ווּ ס׳איז פֿאָרגעקומען אַן אויסשטעלונג פֿון טעקסטיל־מאַשינען. דערנאָך בין איך געפֿאָרן אויף אַ וואָך קיין לוגאַנאָ, אין דער שווייץ, און האָב אָנגעהויבן זיך צוגעוווינען צו דער איינזאַמקייט. אויף דער פּראָמענאַדע האָב איך מקנא געווען עלטערע פּאָרלעך, וואָס זענען געגאַנגען האַנט אין האַנט שפּאַצירן. אַ מאָל, ווען כ׳פֿלעג גיין מיט עדיטן, פֿלעג איך נאָכקוקן שיינע מיידלעך, אָדער ווײַזן איר אַ שיינע פֿרוי. זי פֿלעגט מיר זאָגן:

— אפֿשר שאַרסטו זיך צו? דאַרפֿסט פֿאַר מיר נישט מורא האָבן!

— אויב דו ביסט טאַקע אַזוי אַלטרויִסטיש — פֿלעג איך איר ענטפֿערן — וואָלסטו אפֿשר מיט איר אַ רעד געטאָן, אַרײַנגעלייגט אַ גוט וואָרט פֿאַר מיר?

דאָס מאָל האָב איך בלויז געקוקט און מקנא געווען די אַלטע פּאָרלעך, וואָס זענען געגאַנגען האַנט אין האַנט.

איך האָב מער נישט געקענט וווינען אין די זעלביקע האָטעלן ווי פֿריִער, כ׳בין אַנטלאָפֿן פֿון אַלץ וואָס האָט מיך דערמאָנט אין אונדזער גליקלעכן לעבן. ווען כ׳פֿלעג צופֿעליק באַגעגענען אַ פֿרײַנד אונדזערן, האָבן זיך מיר געשטעלט טרערן אין די אויגן. כ׳האָב זיך

נאָך מער אַרײַנגעטאָן אין מײַנע געשעפֿטן, כּדי צו פֿאַרגעסן מײַן אומגליק, אָבער די איינציקע זאַך וואָס האָט פֿאַרטריבן מײַן עלנט, איז געווען די מאָלערײַ.

מיט אַן ערך זעקס חדשים איידער עדיט איז קראַנק געוואָרן, בין איך פּלוצעם געגאַנגען צום מאָלער משה ראַזענטאַליס און אים געזאָגט אַז איך וויל זיך לערנען מאָלן. סתּם אַזוי, פֿון ליבהאָבערײַ, אַ האָבי, ווי מע רופֿט עס. כ׳בין פֿון דער טעקסטיל־בראַנזשע — האָב איך אים געזאָגט — און פֿאַרשטיי עפּעס פֿון פֿאַרבן. אָבער קיין גלײַכן שטריך קען איך נישט ציִען. האָט ער מיר דערלאַנגט אַ פּאַליטרע און מיר געהייסן עפּעס מאָלן מיט די פֿאַרבן. האָב איך צעשמירט עטלעכע פֿלעקן, ווי ער האָט מיר געהייסן. ער האָט אַ קוק געטאָן, געזאָגט אַז כ׳האָב אַן אויג אויף פֿאַרבן, און מיך צוגענומען פֿאַר אַ תּלמיד. איצט, איז מײַן איינזאַמקייט, האָב איך געזען אַ מין אצבע־אלוהים אין דעם וואָס כ׳האָב געטאָן. כ׳האָב געמאָלן האַלבע נעכט. אויפֿגעשטאַנען אין מיטן נאַכט און שעהען־לאַנג געמאָלן. עד־היום זעט מען נאָך פֿלעקן פֿון יענער מאָלערײַ אויף מעבל און טעפּעכער. די מאָלערײַ האָט מיך ממש געראַטעוועט אין דער שווערער צײַט פֿון איינזאַמקייט. ווען כ׳האָב אָנגעמאָלן דאָס ערשטע בילד, האָב איך גאָר נישט געגלייבט מײַנע אייגענע אויגן, אַז דאָס איז מײַן אַרבעט. כ׳האָב עס אָנידערגעשטעלט פֿאַר מײַן בעט און שעהען־לאַנג דערויף געקוקט. כ׳האָב פּלוצעם באַנומען ווי וויכטיק ס׳איז אַ מענטש זאָל האָבן אַזאַ מין האָבי, וואָס איז נישט אָפּהענגיק נישט פֿון עלטער, נישט פֿון וועטער, נישט פֿון געזונט. סײַ אין שווערע, סײַ אין גוטע צײַטן, גיט עס דעם מענטשן אַן אינהאַלט אין לעבן.

נאָך דעם ווי כ׳בין אַרומגעוואַנדערט איבער די באַרימטע מוזייען אין דער וועלט און געזען די בילדער פֿון די גרויסע קינסטלער, איז מיר שווער געווען צו נעמען דעם פּענדזל אין האַנט אַרײַן. כ׳האָב פּשוט באַקומען אַ קאָמפּלעקס, ווען כ׳האָב אַנטפּלעקט די גרויסע מאָלערס. אַ גליק אָבער וואָס כ׳האָב גובר געווען, נישט אַרײַן אין קיין יִאוש, און געבליבן עד־היום אַ „סאַנדעי־פּענטער״, און דאָס פֿאַרשאַפֿט מיר אַ סך פֿאַרגעניגן.

דעם נאָמען פֿון עדיטן האָב איך פֿאַראייביקט אין אַ ספּעציעלן צדקה־פֿאָנד, וואָס איז כּולל אַ בכּבֿודיקן טייל פֿון די אַקציעס אין „פּולגת". כ'האָב אויך אויסגעבויט אין קרית־גת אַ בנין מיט אַ זאַל פֿאַר טעאַטער און קאָנצערטן, וווּ עס גייען אַרײַן 750 מענטשן, און אים אַ נאָמען געגעבן „היכל אדית". אַלע יאָר, צום יאָרצײַט, ווערט אין קרית־גת געמאַכט אַ הזכּרה און איך זאָג קדיש בײַם קבֿר. בײַ דער געלעגנהייט ווערן אויך פֿאַרטיילט פֿונעם דערמאָנטן פֿאָנד הונדערט סטיפּענדיעס פֿאַר סטודענטן. אויך דאָס קולטור־הויז (מתנ"ס) און די קינדערהיים אין קרית־גת טראָגן עדיטס נאָמען.

איך בין גליקלער וואָס כ'האָב געקענט פֿאַראייביקן איר נאָמען דאָרטן, וווּ זי האָט געפֿונען איר אייביקע רו. אַפֿילו מענטשן וואָס גלייבן נישט אין אַ לעבן נאָכן טויט, פֿילן אין זיך אַ באַגער נישט אין גאַנצן פֿאַרגעסן צו ווערן. און אפֿשר איז עס גאָר מער פֿאַר די לעבעדיקע, ווי פֿאַר די טויטע, ווי אין תּהילים שטייט: לא המתים יהללו יה ולא כל יורדי דומה...

כּמעט אַנדערטהאַלבן יאָר נאָך עדיטס טויט, האָב איך נאָך שווער געליטן פֿון מײַן איינזאַמקייט. שבת פֿלעג איך בדרך־כּלל זײַן בײַ מײַן שוועסטער טשאַנקאַ און מײַן שוואָגער יענע פּערלראָט. מײַן שוואָגער איז געווען זייער אַן איידעלער מענטש. איך האָב אין זײַן היים געפֿונען וואַרעמקייט און צו ביסלעך פֿאַרגעסן אין מײַן איינזאַמקייט.

איך בין אויך געפֿאָרן קיין טשילע אין יענער צײַט. דער קליינינקער אַריה, דינהס ייִנגעלע, נאָך נישט קיין פֿיר יאָר אַלט, האָט מיך אין אַ טאָג געפֿרעגט, פֿאַר וואָס כ'האָב נישט מיטגענומען די טיאַ עדיט, וואָס ער האָט שטאַרק ליב געהאַט. מיר האָבן אַלע געמיינט אַז ער האָט אין איר פֿאַרגעסן. כ'האָב דינהן מיטגעבראַכט די ירושה, דאָס צירונג וואָס עדיט האָט איר איבערגעלאָזט. עס זענען פֿאַר מיר געווען שווערע טעג פֿון נאָסטאַלגיע און ווייטיק.

אַחוץ דער ליבשאַפֿט וואָס מײַן משפּחה האָט מיר אַרויסגעוויזן, האָב איך געהאַט אַ גרויס מזל פֿון מײַן דעמאָלטיקן שאָפֿער, יגאל

עמרון, וואָס האָט פּאַר מיר געזאָרגט ווי אַן אייגענער זון. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט עדיטן, וואָס איז תּמיד געווען צו אים ליב און פריינדלעך. בלויז וועגן פּאָליטיק האָב איך מיט אים נישט געטאָרט רעדן, ווייל ער — מיין נהג (שאָפער) איז אַ פאַרברענטער חרותניק.

בעת דער נסיעה קיין טשילע, בין איך אויך געפאָרן קיין צפון־אַמעריקע. אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, האָב איך באַגעגנט מיינע אַ געוועזענע סעקרעטאַרשע, וואָס האָט חתונה געהאַט אין קאַנאַדע און זיך דאָרטן געגעט. זי איז געווען מיט אַן ערך צוויי און דרייסיק יאָר יינגער פון מיר.

זי האָט געשטאַמט פון רמת־גן, פון בעל־הבתּישע עלטערן. זי האָט אַרויסגעוויזן סימפּאַטיע צו מיר, אָבער איך האָב זיך שטאַרק געקווענקלט. כ׳האָב מורא געהאַט חתונה צו האָבן מיט אַזאַ יונגער פרוי, וואָס איר טאַטע איז יינגער פון מיר! ס׳איז מיר אויך געווען שווער גובר צו זיין דאָס געפיל, אַז איך גיי שוין פאַרגעסן עדיטן און חתונה האָבן מיט אַן אַנדערער.

דערביי האָט מיך געצויגן פון דאָס ניי אויפצובויען אַ לעבן מיט אַ יונגער, שיינער פרוי, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין ישראל, קען גוט עברית און ענגליש און דאַרף נישט דורכמאַכן די חבלי־קליטה.

דאָס האָט טאַקע גובר געווען מיינע קווענקלענישן און באַוואָרענישן און מיר האָבן באַשלאָסן חתונה צו האָבן.

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז כ׳האָב געטאָן אַ פעלער. מיר זענען געווען צוויי פאַרשיידענע וועלטן. נאָך צוויי אַ האַלב יאָר פון אַפּליגן און פרווון, האָבן מיר זיך סוף־כּל־סוף געגעט. מיר זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין גוטע באַציִונגען, אָן מחלוקת.

דאָ וויל איך דערמאָנען די הילף פון פּראָפעסאָר יעקב נאמן; ער האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין דעם, וואָס מיר האָבן אויסגעמיטן מחלוקתן בעתן גטן זיך. יעקב נאמן איז איינער פון די געניאַלסטע אַדוואָקאַטן אין לאַנד, וואָס פאַרשטייט אַלץ אויפן ווונק, פון אַ רמז, און געפינט תּיכּף די פּאַסיקסטע עצה.

הדסה און יעקב נאמן זענען געבליבן אונדזערע נאָענטע

פרײַנד. מיר באַוווּנדערן אויך זייער פרום-טראַדיציאָנעל משפּחה-לעבן, ווײַט פון פאַנאַטישקייט, אין איינעם מיט זייערע זעקס קינדערלעך, אין ירושלים, אין דער אַלטשטאָט.

פאַר מיר פערזענלעך און פאַר „פּולגת" איז ער אַ וויכטיקער מענטש, און מיר רעכענען זיך מיט זײַן עצה אין די סאַמע קאָמפּליצירטסטע פּראָבלעמען.

מייַנע צוויי נסיעות קיין מצרים

דעם ערשטן וויזיט אין מצרים, אין איינעם מיט מייַן ברודער חיים און מיט דבֿן, האָבן מיר געמאַכט לויט דער איניציאַטיוו פֿון לאָרד מאַרקוס זיוו, וואָס איז געווען זייער פֿאַראינטערעסירט אין שלום־פּראָצעס צווישן מצרים און מדינת־ישׂראל. ער האָט געגלייבט, אַז מע קען בויען דאָרטן טעקסטיל־פֿאַבריקן לויט ישׂראלישער דערפֿאַרונג.

די פֿירמע „מאַרקס און ספּענסער" האָט געעפֿנט אַ ביוראָ אין קאַיראָ, מיט אַ מיצרישן דירעקטאָר, וואָס האָט געהאַט גוטע באַציִונגען אין די רעגירונג־קרייַזן. לאָרד מאַרקוס זיוו האָט אויך געשיקט צוויי פּאַרטרעטער פֿון זייַן געזעלשאַפֿט, וואָס זאָלן אונדז באַגלייטן בעת אונדזער נסיעה איבער מצרים: איסמאַר גלאַזמאַן און מאַרטין מענדאָסאַ.

דער מיצרישער פּרעזידענט פֿון דער אינדוסטריע האָט אונדז געוויזן אין קאַיראָ קלענערע און גרעסערע טעקסטיל־פֿאַבריקן. — אַלע זענען געווען נאַציאָנאַליזירטע אונטערנעמונגען, אַחוץ איין קאָנפֿעקציע־פֿאַבריק פֿון מענער־העמדער. דאָ האָבן געאַרבעט יונגע מיידלער, קינדער פֿון אַ יאָר 13־14. בסך־הכּל — הונדערט צוואַנציק אַרבעטער. ס'איז וויִזט אויס געווען פֿון די ערשטע אונטערנעמונגען וואָס סאַדאַט האָט צוגעלאָזט אַ פּריוואַטע איניציאַטיוו, נאָכן באַנקראָט פֿון נאַסערס סאָציאַליזם. מיר האָבן געזען די ביוראָקראַטיע וואָס האָט דאָרטן געהערשט, די נידעריקע פּראָדוקציע און די שלעכטע קוואַליטעט פֿון דער סחורה, וואָס האָט בשום־אופֿן נישט געקענט עקספּאָרטירט ווערן אין די מערבֿ־לענדער.

מיר זענען אויך געווען אין דער ריזיקער פֿאַבריק „מואַלאַ", לעבן אַלעקסאַנדריע, אַן אונטערנעמונג מיט 36.000 אַרבעטער,

אַנגעפירט פון אַ באַרימטן עקאָנאָמיסט, דר. גרורא, וואָס האָט אונדז פריינדלעך אויפגענומען און אונדז געוויזן דער עיקר די מאָדערנע מאַשינען, ווו מ׳האָט אויסגעשפּונען אַ זייער פיינעם פאָדעם. אָבער אויך דאָ איז געווען קענטיק די נידעריקע פּראָדוקציע און די אַפּאַטיע פון די אַרבעטער.

כּדי צו ווייזן אַז מיר זענען פאַראינטערעסירט אין באַציִונגען מיט מצרים, האָבן מיר איינגעקויפט אַ קוואַנטום פאָדעם, אָבער ס׳האָט געדויערט זעקס חדשים ביז אַ מצרישע באַנק האָט מסכּים געווען דורכצופירן די טראַנזאַקציע מיט אַ ישראַלישער באַנק. ס׳רוב בענק האָבן מורא געהאַט, אַז די אַראַבישע בענק וועלן זיי באָיקאָטירן, אויב זיי וועלן האָבן פאַרבינדונגען מיט אַ באַנק אין ישראל. אַ סברא אַז מ׳האָט געמוזט שאַפן אַ ספּעציעלע באַנק, וואָס זאָל מאַכן געשעפטן מיט ישראל.

מיר האָבן געזען די גרויסע אָרעמקייט אין קאַירע, מיט דער איבערגעלאָדענער באַפעלקערונג, וואָס האָט נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ. מע דערציילט אַז אַ סך מצרים וווינען אונטער די קופּאָלן אין בית־הקברות, וואָס די רייכע האָבן פאַר זיך אויסגעבויט. אויך דער פאַרקער אויף די גאַסן אין קאַירע האָט זיך אונדז אויסגעוויזן ממש סכּנות־נפשות.

מיר זענען, פאַרשטייט זיך, געווען אויך אויפן גרויסן באַזאַר אין קאַירע, און, אין איינעם מיט אונדזערע ענגלישע פריינד, האָבן מיר איינגעהאַנדלט אין אַ געשעפט פון אַנטיקן, אַלטע פיגורלעך, וואָס שטאַמען, כּלומרשט, פון פרעהס קברים. מיר האָבן באַצאָלט הויכע פרייזן פאַר די דאָזיקע אַנטיקן, וואָס האָבן זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן צו זיין פאַלשע קאָפּיעס. מיט שווערער מי, אַ דאַנק דעם מיצרישן פאַרטרעטער פון „מאַרקס און ספּענסער״, איז אונדז געראָטן צוריקצובאַקומען אונדזער געלט.

מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז נישט געקוקט אויף דער מיצרישער ביוראָקראַטיע און דער נאָך נישט גענוג פריינדלעכער באַציִונג צו ישראל, זענען פאַראַן מעגלעכקייטן צו מאַכן גוטע געשעפטן לטובת ביידע לענדער.

דעם צווייטן וויזיט אין מצרים האָב איך געמאַכט אין 1980, ווען דער נשיא יצחק נבון האָט מיך איינגעשלאָסן אין זײַן סוויטע, בעת ער איז געפֿאָרן אַהין ווי אַ גאַסט פֿון פּרעזידענט סאַדאַט. אין דער סוויטע זענען געווען רעפּרעזענטאַנטן פֿון אַלע תּחומים, אינסטיטוציעס און פּאַרטייען. פֿון אינדוסטריעלן סעקטאָר זענען געווען בומה שביט, פּרעזידענט פֿון אינדוסטריעלער־פֿאַרבאַנד; פֿון דער הסתּדרות — נפֿתּלי בלומענטאַל, פֿאָרזיצער פֿון חבֿרת עובֿדים, און אַני הקטן, וואָס דער נשיא האָט מיטגענומען ווי אַ זשעסט פֿון פֿרײַנדשאַפֿט.

די עקסקורסיע מיטן נשיא איבער מצרים איז געווען אויס־ערגעוויינטלעך אינטערעסאַנט און באַלערנדיק. מיר האָבן געזען די אוראַלטע אַנטיקן. מיר זענען טײַלווײַז געפֿלויגן אין איינעם מיטן נשיא, טיילווײַז אין סעפּאַראַטע העליקאָפּטערן אָדער עראָפּלאַנען, איבער גאַנץ מצרים. דורכויס אינטערעסאַנט איז געווען די עקס־קורסיע אין אייבערמצרים אין לוקסאָר. מיר האָבן געזען די קבֿרים פֿון די פּרעהס, דעם באַרימטן קבֿר פֿון טוט־ען־קאַמאָן, דעם טעמפּל פֿון ראַמסעס אין קאַרנאַק, די אַסואַן־דאַמבע וואָס די רוסן האָבן אויסגעבויט, דעם גרויסן מוזיי אין קאַירא. ווײַזט אויס אַז די מיצרים פֿון צוריק מיט פֿיר טויזנט יאָר זענען געווען פֿעיִקער פֿון די הײַנטיקע מיצרים. אין דעם פֿאַל איז דער פּסוק פֿון קהלת „אין חדש תּחת השמש" פֿונקט פֿאַרקערט. דאָס אַלטע שטעלט אין שאָטן דאָס נײַע.

פּרעזידענט סאַדאַט האָט אײַנגעאָרדנט אַ באַנקעט פֿאַר אונדזער נשיא אין געוועזענעם קעניגלעכן פּאַלאַץ. און סאַדאַט, מיט זײַן פֿמליא, איז טאַקע אַנגעקומען אַהין ווי אַ מלך. ער האָט זיך אפֿשר בכּיוון געפֿירט אין זײַן פֿונקציע ווי איינער פֿון די אַמאָליקע פּרעהס אין מצרים. אומעטום זענען געהאַנגען גרויסע בילדער זײַנע אין גענעראַלסקער אוניפֿאָרעם. דער הײַנטיקער פּרעזידענט — מובאַראַק — איז דעמאָלט געשטאַנען אין אַ ווינקל.

מיר, די פֿאָרטרעטער פֿון דער ישראלישער עקאָנאָמיע, בומה שביט, נפֿתּלי בלומענטאַל און איך, האָבן געהאַט אַן ערנסטן שמועס מיטן דעמאָלטיקן מיצרישן אינדוסטריע־מיניסטער, סאַקי. אויפֿן

באַנקעט, זענען געשטאַנען סאַדאַט מיט זײַן פרוי, און יצחק נבון מיט זײַן פרוי, אופירה, און האָבן מקבל־פּנים געווען די געסט, איטלעכן געגעבן די האַנט און אַלעמען פאָרגעשטעלט.

שפּעטער איז געקומען אַ מיצרישע דעלעגאַציע קיין ישראל, בראָש מיטן אינדוסטריע־מיניסטער, און האָבן אויך וויזיטירט די „פולגת״־פאַבריק אין קרית־גת. מ׳האָט שוין געפירט אַן ערנסטן משא־ומתן צו בויען, אין איינעם מיט „פולגת״, אַן ענלעכע פאַבריק אין מצרים. צום באַדויערן איז אין גיכן סאַדאַט געפאַלן אַ קרבן פון זײַן פּאָליטיק, און מובאַראַק איז געוואָרן פּרעזידענט. ער האָט איבערגעבויט די רעגירונג און האָט דעם געוועזענעם אינדוסטריע־מיניסטער נישט מער אַרײַנגענומען. אַט דער געוועזענער מיניסטער סאַקי, האָט מיר טעלעפאָנירט און מיך פאַרבעטן קיין מצרים, מיר זאָלן דיסקוטירן וועגן אויפבויען אין איינעם אַ פאַבריק, אויף אַ פּריוואַטן באַזיס. איך האָב אָבער קיין חשק נישט געהאַט צו פאָרן, און האָב אים פאָרגעשלאָגן מיר זאָלן זיך טרעפן אין אייראָפּע, ווו איך דאַרף סײַ ווי זײַן, אין שײַכות מיט מײַנע געשעפטן.

מיר האָבן זיך טאַקע געטראָפן אין פּאַריז און ער האָט מיר דערקלערט, אַז דער מצב אין מצרים האָט זיך נישט געביטן נאָך סאַדאַטס טויט און ס׳וואָלט געווען גוט פאַר אונדז ביידן מיר זאָלן בשותפות בויען אַ פאַבריק.

ס׳איז געווען אין דער צײַט ווען מ׳האָט זיך געריכט אַז פּרע־זידענט מובאַראַק וועט קומען צו גאַסט אין ישראל. האָב איך טאַקע געזאָגט מײַן פאַרטנער, אַז אויב פּרעזידענט מובאַראַק וועט מודיע זײַן אונדזער ראָש־ממשלה מנחם בעגין, אַז ער איז פאַר־אינטערעסירט מיר זאָל בויען אַ בשותפותדיקע פאַבריק, בין איך גרייט דעם פאָרשלאָג ערנסט צו באַטראַכטן, כּדי צו אַנטוויקלען די גוטע באַציִונגען צווישן אונדזערע לענדער.

כּידוע איז מובאַראַק נישט געקומען קיין ישראל און פון אונדזער בשותפותדיקער פאַבריק איז גאָרנישט געוואָרן. דער שלום מיט מצרים האָט זיך פאַמעלעך אָפּגעקילט.

לעת־עתּה ווערט אַלץ דערוויַיטערט דער שלום מיט די אַראַבער

פון יהודה, שומרון און עזה — די פּאַרנומענע שטחים, ווי מען רופט זיי — מחמת דער פּעולה פון די עקסטרעמיסטן, וואָס האָבן זיך אָרגאַניזירט אונטער פאַרשיידענע נעמען, אָבער זענען אַלע פּאַראייניקט אונטערן מיסטישן לאָזונג: ארץ־ישראל שלמה! אַלע גלייבן זיי, אַז דער גרויסער נצחון אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה איז געווען אַן אָנזאָג אויף דער גאולה שלמה און שופר־של־משיח.

די רעאַליטעט איז אָבער, צום באַדויערן, זייער ווײַט פון דעם מיסטישן חלום. די ייִדן אין די תּפוצות ווילן זיך גאָר נישט אײַנהערן אין שופר־של־משיח, זיי בלײַבן אין די לענדער, וווּ דער סיר־הבשר איז גרינגער צו דערגרייכן און געשמאַקער. אַפילו די ייִדן וואָס זענען שוין זוכה זיך צו באַפרײַען פון „סאָוועטישן גן־עדן" בלײַבן אַבֿציק פּראָצענט אין ווין, כּדי פון דאָרטן צו עמיגרירן אין לאַנד פון די אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן. דאָס איז בילכער ווי דאָס לאַנד וואָס מ׳האָט אויסגעקעמפט אין מלחמות און וווּ מע לעבט ביז איצט נאָך אין סכּנה. די ירידה פון לאַנד איז, צום באַדויערן, גרעסער ווי די עליה.

דער אומגליק איז, וואָס ישראל האָט אָנגעווווירן דעם כּוח צוצוציִען און באַגײַסטערן די ייִדישע יוגנט אין די תּפוצות. מ׳האָט מורא פאַר די מלחמות און פאַר דעם אַראַבישן טעראָר אין ישראל גופא. און נישט גענוג וואָס מיר זענען עקאָנאָמיש אָפּהענגיק פון אַמעריקע, זענען מיר אויך אָפּהענגיק פון אַראַבישער אַרבעט. בעת די אַראַבישע יום־טובים איז אונדזער ווירטשאַפט כּמעט פּאַראַליזירט. כ׳געדענק אַז כ׳האָב אַ מאָל געזאָגט גאָלדע מאיר, אין שייכות דערמיט, אַז מיר קענען אָפּגעבן די פּאַרנומענע טערי־טאָריעס, אָבער מיר קענען נישט אָפּגעבן די אַראַבער...

איך געהער נישט צו קיין שום פּאַרטיי, בין בלויז אַן אינדוס־טריעלער, און ווייס אויך נישט וועלכע סטראַטעגישע גרענעצן מיר דאַרפן נייטיק צו באַשיצן די מדינה. ווי אַ ייִד, אַ ציוניסט, אַ ישראלישער בירגער, בין איך טיף באַזאָרגט פון דער געשאַפענער לאַגע. עס איז אונדז נישט געראָטן אַרויסצוטרײַבן דעם גלות פון ייִדן. דאָרטן, אין גלות, האָבן די בעלי־בתּים געמוזט אָנקומען צו

גויִשע אַרבעטער. דאָ, אין מדינת־ישראל, צווינגט אונדז דער מצב מיר זאָלן אויפהערן צו זיַין אַן „עם עובד״.

דערביַי מוזן מיר אויסהאַלטן גוואַלדיקע אומפּראָדוקטיווע כּוחות, נישט בלויז כּדי אָפּצוהיטן די גרענעצן, נאָר אויך אָפּצוהיטן די מתנחלים אין יהודה און שומרון. גרויסע פּאָליציי־כּוחות זענען פאַרנומען ביַי אונדז צו היטן עפנטלעכע פּלעצער פון טעראָריסטישע אָנפאַלן.

אָבער ווי קען מען היטן הונדערט טויזנט אַראַבער, וואָס געפינען זיך אין איטלעכן ווינקל — אין פאַבריקן, האָטעלן, רעסטאָראַנען, גערטנער — וווּ נישט?

איך בין פאַרט אַ בעל־בטחון און האָף אַז מיר וועלן סוף־כּל־סוף זוכה זיַין צו מאַכן שלום מיט אונדזערע שכנים. ווען מיר זאָלן דאָס דערגרייכן, קענען מיר דאַן ווערן די שווייץ פון מיזרח־התּיכון, אַ דאַנק אונדזער וויסנשאַפטלעכער און אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג. אַז מע וועט נישט לעבן שטענדיק אין פּחד פאַר מלחמות און טעראָר, וועט מען קענען צוציִען יִדן פון דער גאָרער וועלט, און אפשר טאַקע ווערן אויך אַן אור לגויים? זינג איך טאַקע אין איינעם מיט אַ גרויסן חלק פון אונדזער פאָלק די התּיקווה, דאָס געזאַנג פון דער האָפענונג און בטחון.

דער גוואַלדיקער טעמפּל אין קאַרנאַק, אין אייבערשטן מצרים, איז, ווערליק עס דערציילט די מיצרישע געשיכטע, געבויט געוואָרן פון רעמסס דעם צווייטן, איינער פון די גרעסטע מיצרישע פּרעהס. בעת איך בין געווען דאָרטן אין טעמפּל, האָב איך געטראַכט צי איז טאַקע אָט דער רעמסס געווען דער זעלביקער וואָס דער חומש דערציילט וועגן אים, אַז ער האָט נאָכגעיאָגט די יִדן וואָס משה האָט אַרויסגעפירט פון מצרים, און איז אין איינעם מיט זיַינע ריַיטערס און ריַיטוואָגנס דערטרונקען געוואָרן אין ים־סוף? צי איז טאַקע אמת דאָס אַלץ וואָס מיר לייענען אין אז ישיר משה?...

איך האָב אויך געטראַכט צו דעם וואָס סטעפאַן צוויַיג דער־ציילט אין זיַין בוך **די וועלט פון נעכטן**, וואָס ר׳האָט געשריבן אין בראַזיל, איידער ער האָט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. ער דערציילט

דאָרטן, אַז ווען ר'איז אַנטלאָפן פון ווין, אין 1938, נאָך דעם „אַנשלוס" פון עסטרײַך צו היטלערס דײַטשלאַנד, איז ער געקומען קיין לאָנדאָן. דאָרטן האָט ער זיך באַגעגנט מיט זיגמונד פרויד. דער אַלטער און שווער קראַנקער פרויד האָט אים געזאָגט, אַז ס'טוט אים באַנג וואָס ער האָט געשריבן אין זײַן בוך משה, אַז משה איז כּלומרשט געווען אַ מיצרישער פרינץ, וואָס האָט זיך באַגײַסטערט פאַרן מאָנאָטעיִזם פון די ישראלים, און איז געוואָרן זייער מנהיג. ער האָט באַדויערט — ווי סטעפאַן צווײַג דערציילט — וואָס ער האָט בײַ די ייִדן צוגענומען זייער גרויסן משה רבנו און פון אים געמאַכט אַ מצרישן פרינץ. דאָס פאָלק נייטיקט זיך אין אַ מיטאָס און דער מיטאָס האָט טיפע וואָרצלען אין דער נשמה פון אַ פאָלק. אין משך פון טויזנטער יאָרן איז דער מיטאָס פון יציאת־מצרים געוואָרן דער שטאַרקסטער כּוח און האָט געשפּילט אַ גוואַלדיקע ראָלע אין געראַנגל פאַרן קיום פון דעם ייִדישן פאָלק.

עפּילאָג

די זון האָט ווידער אָנגעהויבן פאַר מיר שײַנען

פּסח־צײַט 1980 בין איך געווען צו גאַסט בײַ גוטע פרײַנד. דאָרטן האָט מען מיר פאָרגעשטעלט אַ יונגע, שיינע פרוי, וואָס וווינט אין ענגלאַנד. ווען זי האָט געזאָגט איר נאָמען — רחל געריץ — האָב איך זי באַלד געפרעגט, צי זי האָט אַ שײַכות צו דעם ייִדיש־דײַטשן קונסטזאַמלער עריך געריץ, וואָס האָט געשענקט דעם מוזיי פון תּל־אָביב די באַרימטע סקולפּטורן און האַלצשניטן פון אַלעקסאַנדער אַרכיפּענקאָ. האָט זי מיר געענטפערט, אַז זי איז געווען די פרוי פון זײַן זון, טאָמאַס געריץ, וואָס איז צוריק מיט זעקס יאָר געשטאָרבן.

מיר האָבן תּיכּף געפונען אַ בשותּפותדיק לשון. זי האָט אַרויס־געוויזן גרויס בקיאות אין קונסט, בפרט אין עקספּרעסיאָניסטישער מאַלערײַ, וואָס איר אַמאָליקער שווער האָט געהאַט אַ גרויסע זאַמלונג.

בקיצור — איך האָב זיך פון דער ערשטער מינוט אײַנגעליבט אין אָט דער דורכויס אינטערעסאַנטער פרוי און כ׳האָב איר פאַר־געלייגט, מיר זאָלן זיך באַגעגענען פון דאָס נײַ, ווען איך וועל קומען קיין ענגלאַנד.

שפּעטער מיט דרײַ חדשים בין איך געקומען קיין ענגלאַנד און רחל האָט מיך פאַרבעטן פרײַטיק צו נאַכטס צו זיך אַהיים. און דעמאָלט האָב איך זיך אויך אײַנגעליבט אין איר צען־יעריק טעכטערל, מישעל. די קליינינקע האָט געמאַכט קידוש, אויף איר שווערן ענגלישן עבֿרית, אָבער מיט אַן אויסערגעוויינטלעכן חן. דעם קידוש מיט די ברכות האָט זי געלערנט אויף זונטיק־קורסן.

רחל האָט גערעדט אַ פײַנעם ליטווישן ייִדיש און זי האָט מיר דערציילט, אַז בײַ איר טאַטע־מאַמע אין דער היים האָט זי באַקומען

אַ גוטן ייִדישן חינוך. אירע עלטערן זענען געבוירן געוואָרן אין ווײַסרוסלאַנד, און אין 1930 זענען זיי געקומען קיין פינלאַנד. איר פאָטער איז געווען רב אין דער שטאָט טורקו און אויך אַ מנהיג פון מיזרחי.

רחל האָט אין פינלאַנד שטודירט מעדיצין און איז געוואָרן ציינדאָקטער. זי האָט געאַרבעט אין פינלאַנד זעלבשטענדיק און איז געקומען אויף אַ קורס קיין ענגלאַנד, אין אַ קליניק. דאָרטן האָט זי חתונה געהאַט מיט טאָמאַס גערייץ. ווען ער איז געשטאָרבן, אַכט יאָר נאָך דער חתונה, איז דאָס מיידעלע אַלט געווען דרײַ יאָר.

איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט אין דײַטשלאַנד, האָט די משפחה גערייץ פאַרמאָגט דאָרטן אַ גרויסע טעקסטיל־פאַבריק. שפעטער האָבן זיי די זעלבע פאַבריק ווידער אויפגעבויט אין ענגלאַנד.

אין גיכן האָבן מיר באַשלאָסן חתונה צו האָבן. הרב אונטערמאַן, דער זון פון געוועזענעם רב־הראָשי פון ישראל, איז געווען רחלס אַ נאָענטער פרײַנד. ער האָט אײַנגעאָרדנט די גאַנצע צערעמאָניע, מיט אַלע פיטשעווקעס. אויף דעם קאָקטייל האָט רחל פאַרבעטן אירע פרײַנד, און איך האָב פאַרבעטן, אַחוץ מײַן ברודער חיים, אויך מײַנע פרײַנד פון „מאַרקס און ספענסער”. דער רב האָט טאַקע געפראַוועט די חופה ווי בײַ אַ יונג פאָרפאָלק, מיט אַ שיינעם ניגון און מיט ברכות אויף ענגליש.

די חופה איז געשטעלט געוואָרן אין אַ טעמפל, כּדת וכדין. איך בין זיך מודה: ס'איז מיר דווקא געפעלן געוואָרן וואָס אַזאַ פאַראייניקן זיך פון צוויי מענטשן, ווערט געמאַכט מיט אַ צערעמאָניע, וואָס כ'האָב פריִער נישט אָפגעשאַצט.

איך האָב געפילט אַז די זון האָט ווידער אָנגעהויבן שײַנען פאַר מיר. די פרוי וואָס כ'האָב זיך אין איר אײַנגעליבט פון דער ערשטער רגע, האָט טאַקע אָנגעפילט מײַן נשמה מיט אַ תוכן. דאָס מאָל האָט מײַן אינסטינקט מיך נישט אָפגענאַרט. ס'איז אונדז ביידן געשען אַ נס, וואָס דער גורל האָט אונדז צוזאַמענגעפירט.

מיר פירן אַ גליקלעך משפחה־לעבן. דאָס דעמאָלטיקע צען־

יאָריקע מיידעלע, וואָס האָט געמאַכט קידוש אויף אַ שווערן ענגלישן לשון־קודש, רעדט שוין היינט אַן אויסגעצייכנטן עברית און ס׳איז זייער אינטערעסאַנט מיט איר צו שמועסן וועגן ישראל־פּאָליטיק און ייִדישער געשיכטע. מיט אירע זיבעצן יאָר — איז זי פול מיט חן און אינטעליגענץ. זי האָט ליב ארץ־ישראל און גרייט זיך, אַגב, צו גיין צום מיליטער.

זעקס חדשים נאָך דער חתונה האָב איך זי אַדאָפּטירט און האָב צום ערשטן מאָל פון איר מויל געהערט דאָס וואָרט „אַבא״, און דערנאָך פאַרצויגן — „אַבאלע״. ווי גליקלעך בין איך צו הערן דאָס דאָזיקע צאַרטע וואָרט, אַרויסגערעדט ספּאָנטאַן, נאַטירלעך פון אַ קינד, ווי אַן אויסדרוק פון קעגנזײַטיקער ליבשאַפט און צערטלעכקייט — צווישן טאַכטער און פאָטער! אַ דאַנק דעם גליקלעכן פאַמיליע־לעבן, האָט זיך אין האַרבסט פון מײַנע יאָרן, ווידער אויפגעוועקט אַ פרילינג אין מײַן האַרץ.

ווען איך טרעט צו היינט מאַכן אַ שטיקל סך־הכל, אַ מין חשבון־הנפש פון מײַנע פאַרלעבטע יאָרן, בין איך טאַקע גליקלעך, וואָס כ׳האָב אַ דריטל פון מײַן לעבן אַוועקגעגעבן, כּדי אויפצובויען אַן אינדוסטריע אין ישראל, איינע פון די גרויסע אינדוסטריעס אין לאַנד און טאַקע די גרעסטע טעקסטיל־ און קאָנפעקציע־אינדוסטריע אין ישראל. זי האָט זיך קונה־שם געווען דאָ אין לאַנד און אויף דער גאָרער וועלט, סײַ מיט אירע מאָדערנע אינסטאַלאַציעס, סײַ מיט דער הויכער קוואַליטעט פון איר סחורה. בין איך גליקלעך וואָס כ׳האָב געהאָט די זכיה בײַצוטראָגן צו דער אינדוסטריאַליזירונג פון מדינת־ישראל.

דאָס איז בכלל נישט געווען גרינג צו דערגרייכן אין אַ מידבר, מיט נישט קיין קוואַליפיצירטע אַרבעט־כּוחות — עולים פון צענד־ליקער לענדער, מיט פאַרשיידענע מינהגים, אַ פאַרשיידענעם לעבנס־שטייגער און פאַרשיידענע לשונות, מענטשן וואָס האָבן נישט געוווּסט פון קיין אינדוסטריעלער טראַדיציע. כ׳האָב אָבער קיין מאָל נישט פאַרלוירן דעם בטחון, אַז ס׳וועט מקוים ווערן דער פּסוק פון תהילים: הזורעים בדימעה ברינה יקצורו...

קרית־גת, וואָס האָט מיט 25 יאָר צוריק געהאַט פיר טויזנט איינוווינער, ס׳רוב אַרבעטלאָזע, ציילט היינט כמעט דרייסיק טויזנט תושבים. קרית־גת איז געוואָרן אַ דינאַמישער ישוב, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט צום גרעסטן טייל אַ דאַנק דער „פולגת״־אינדוסטריע. מיר האָבן דערצויגן אַ דור פון טעכניקערס און אָנפירערס מיט אַ גרויסער דערפאַרונג און אַ הויכער אַרבעט־דיסציפּלין.

בלויז אין יאָר 1986 האָבן מיר עקספּאָרטירט סחורה פאַר איבער הונדערט מיליאָן דאָלאַר, מיט אַ פּראָדוקציע פון איבער צוויי הונדערט מיליאָן.

אַז מע פרעגט מיך, וואָס איז דער סוד פון אונדזער הצלחה, אין אַ תחום ווו אַנדערע זענען דורכגעפאַלן, ענטפער איך: דער סוד דערפון איז אַ קאָמבינאַציע פון פאַרשיידענע עלעמענטן. קודם־כל, אַ מאָדערנע טעכנאָלאָגיע אין דער פּראָדוקציע. שנית — געווינען דעם צוטרוי פון די קונים, דורך אַ קאָרעקטער און פּינקטלעכער סיסטעם פון ליווער־צייט. דריטנס — שטענדיק זיין אויף דער וואַך, וואָס שייך די קוואַליטעט פון דער סחורה. נישט שטיין אויף אַ פּלאַץ, כסדר אינוועסטירן אין די נייסטע מאַשינען. אַרבעטן אָרגאַניזירט, אָבער אויך זיין מסוגל צו אימפּראָוויזירן.

דער וויכטיקסטער פאַקטאָר איז אָבער די באַציִונג צום מענטש, צום אַרבעטער, צום פּערסאָנאַל. מע מוז אַרויסגיין פון דעם פאַקט, אַז „לא על הלחם לבדו יחיה האדם״. דער פּשוטער אַרבעטער, פּונקט ווי דער אַרבעט־אָנפירער, דאַרפן זיין איבערצייגט, אַז קיינער האַלט זיי נישט פאַר קיין שקלאַפן, אַז זיי זענען מיטגלידער אין אַ פּראָגרעסיווער אונטערנעמונג, און אַז זייער אַרבעט ווערט אָפּגעשאַצט ווי געהעריק.

צו דער גרעסטער הצלחה פון „פולגת״ געהערט דער פאַקט, וואָס אין משך פון די פינף און צוואַנציק יאָר פון איר עקסיסטענץ, איז ביי אונדז קיין איין שטרייק נישט געווען, און אויך קיין איין ערנסטער קאָנפליקט מיטן אַרבעט־פּערסאָנאַל. מיר האָבן עס דער־גרייכט, אַ דאַנק דער קעגנאַנאַנדיקער פאַרשטענדעניש און די מענטשלעכע באַציִונגען וואָס הערשן אין דער אונטערנעמונג.

אינדוסטריע פֿאָדערט אַ שטענדיקע באַנײַונג. שטייען אויף איין אָרט איז אַ סימן פֿון צוריקגעשטאַנענקייט, וואָס פֿירט צו אַפּאַטיע. אָבער נישט תּמיד איז מען מסוגל צו בויען נײַע אַפּליקאַציעס, נישט תּמיד קען מען פֿאַרגרעסערן און זיך אַנטוויקלען.

כּדי צו שטילן מײַן תּאווה שטענדיק עפּעס צו שאַפֿן, שטענדיק עפּעס צו באַנײַען, האָב איך געהאַט דאָס מזל צו לערנען מאַלערײַ, וואָס איז געוואָרן מײַן „האָבי", מײַן באַשעפֿטיקונג, וווּ איך קען אַרײַנוואַרפֿן מײַן ענערגיע און גערעַנגל מיט די פֿאַרבן, צווישן ליכט און שאָטן. מיט איטלעכן בילד בין איך גליקלעך צו זאָגן: דאָס איז מײַן מאָלערישע פֿאַנטאַזיע, דאָס איז „פּרי מיכחולי!"

אינהאַלט

פירוואָרט 5
באָרשע 7
ערשטע זכרונות 11
מײַנע זיידעס 17
טאַטע־מאַמע 25
חדר־יאָרן 29
באָרשער עפּיזאָדן 35
בר־מיצווה 39
אין ישיבה 42
יציאת־באָרשע 46
בוקאָווינע, די היים פון „שטורעם און דראַנג" . . . 48
צוריק אין ישיבה 53
אין אגודת־ישראל 59
טשערנאָוויץ 64
איך ווער אַ פאַבריקאַנט 71
אַ זעלנער אין רומענישן מיליטער 76
איך ווער אַ סאָציאַליסט 84
עדיט 94
ווידער אין טשערנאָוויץ 97
מיר שטעלן אַ חופּה 103
אַ וויזע קיין טשילע 107
די צווייטע וועלט־מלחמה 113
די באַפרײַער 118
זיי מאַכן אַ תּל פון מײַן פאַבריק 124
קאָאָפּעראַטיוון 132
מײַן רוסישער פּאַספּאָרט 142

מײַן טובערקולאָז ראַטעוועט מיך פון סיביר 146
טשערנאָוויץ אונטער דײַטשער אָקופּאַציע 149
אויף די יסורים־וועגן 157
כּמעט אַ פּאַרטיי־מיטגליד 174
וואָס ווײַטער ? 194
פון קאָנסטאַנצאַ איבער חיפה קיין מאַרסיי 203
אַכט און פערציק שעה אין ארץ־ישראל 207
אין פּאַריז 209
טשילע 217
דאָס ייִדישע טשילע 221
ייִדיש קולטור־לעבן אין טשילע 224
אַ גרינער אין טשילע 229
זעלבשטענדיק ! 234
מײַן ערשטע באַגעגעניש מיט דער ציוניסטישער
פעדעראַציע 237
דער פּוילישער פאַרבאַנד 242
אונטער איין דאַך מיט מײַן שוועסטער און שוואָגער . 244
מײַן משפּחה אין טשילע 249
דער וועד החינוך 251
מײַן ערשטער וויזיט אין ישראל 259
פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע . . 273
מחלוקתן 278
דער ערשטער ישראלישער אַמבאַסאַדאָר אין טשילע . 281
פּנחס ספּיר צו גאַסט אין טשילע 284
גאָלדע מאיר צו גאַסט אין טשילע 286
אויפן ייִדישן וועלט־קאָנגרעס אין שטאָקהאָלם . . 288
אַ בן־חמישים 293
ספּיר קלינגט פינף אַ זייגער אין דער פרי 298
צו גאַסט בײַ דוד בן־גוריון 302
אינוועסטיציעס אין מדינת־ישראל 305
נחום גאָלדמאַן 308
אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ירושלים 311

ווי אַזוי מ׳האָט געשאַפֿן די געזעלשאַפֿט „כּלל“ . . . 314
שלמה ביקל צו גאַסט אין טשילע 321
אַ באַגעגעניש מיט איציק מאַנגער 325
איך גיב איבער דעם מאַנדאַט ווי דער פּרעזידענט
פֿון דער ציוניסטישער פֿעדעראַציע 327
אַ בריוו פֿון בן־גוריון 332
דער אַכציקסטער געבוירן־טאָג פֿון מײַן מאַמע . . . 336
חנוכּת־הבית פֿון „פּולגת“ 339
דב ביגון איבערצײַגט מיך צו קויפֿן אַ דירה אין ישראל . 346
אונדזער נסיעה אין ווײַטן מיזרח 349
מיר פֿאָרן קיין רומעניע 352
איך נעם אַליין איבער די אָנפֿירונג פֿון „פּולגת“ . . . 357
ריימאָנד און אַנדרע באַלאַג 361
מאַרקס און ספּענסער 365
מיר פֿאָרן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד 370
די זעקסטאָגיקע מלחמה 377
פֿאָרזיצער פֿון דער טעקסטיל־אינדוסטריע 385
די ערשטע סימנים פֿון הצלחה אין „פּולגת“ 390
אַ בית־וועד פֿאַר ייִדישע שרײַבערס 395
שושנה ספּיר 398
מײַן פֿרײַנדשאַפֿט מיט אַברהם שפּירא 400
דאָס טראַגישע יאָר פֿון דער יום־כּיפּור־מלחמה . . . 403
דער טויט פֿון מײַן לעבנס־באַגלייטערין 411
מײַנע צוויי נסיעות קיין מצרים 420
עפּילאָג: די זון האָט ווידער אָנגעהויבן פֿאַר מיר שײַנען 427